STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07015

# DER SOTSYALER IDEAL UN ZAYNE VISNSHAFTLEKHE YESOYDES

J. Delevsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. דעלעווסקי

# דער סאָציאַלער אידעאַל
אונ זיינע
# ווינשאַפטלעכע יסודות

איבערזעצט פון כתב־יד
ח. ש. קאַזדאַן

ניו־יאָרק
1945

COPYRIGHT, NEW YORK, 1945

PRINTED IN U.S.A.

PARISH PRESS, Inc. 155 WEST 25th ST., NEW YORK 1, N. Y.

10

# אינהאַלט

פאָרוואָרט — דער מחבר ........ 5
נ. פּאָמעראַנץ (1886—1944) — שלמה גראַדזענסקי ........ 7
אַריינפיר ........ 15

**ערשטער בוך — די געשיכטס־פּראָבלעמען פון דער מענטשישער געזעלשאַפט**

קאַפּיטל איינס:
דער מהות פון געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס ........ 25
קאַפּיטל צוויי:
די סיסטעם פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען ........ 34
קאַפּיטל דריי:
די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען ... 51
קאַפּיטל פיר:
פּאָליטישע רעזשימען און קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען ........ 69
קאַפּיטל פינף:
די ראָלע פון כוח און מאַכט אין דער סיסטעם פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען ........ 95
קאַפּיטל זעקס:
סאָלידאַרישקייט אין אַנטאַגאָניזם און אַנטאַגאָניזם אין סאָלידאַרישקייט ........ 102

**צווייטער בוך — די עוואָלוציע פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און פּראָגרעס אין דער געשיכטע**

קאַפּיטל זיבן:
די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות ........ 117
קאַפּיטל אַכט:
די עוואָלוציע פון שקלאַפעריי און פעאָדאַליזם ........ 133
קאַפּיטל ניין:
דער טויש פון רעזשימען און די טיפן עמאַנסיפּאַציע ........ 145
קאַפּיטל צען:
די מינדערהייטן און די עליטעס ........ 159
קאַפּיטל עלף:
דער גורל פון דער דעמאָקראַטיע ........ 172

**דריטער בוך — געשיכטע אין דער נאַטור און געשיכטע פון דער מענטשהייט. — פּאַראַלעליזמען**

קאַפּיטל צוועלף:
ציקלען וואָס חזרן זיך איבער און פּראָצעסן וואָס חזרן זיך ניט איבער אין דער געשיכטע ........ 187

קאַפּיטל דרייצן:
דויערנדיקע עוואָלוציע און שפּרונגען אין דער געשיכטע ...... 201
קאַפּיטל פערצן:
צופאַל און סיבּהדיקייט אין דער געשיכטע .......... 209
קאַפּיטל פופצן:
דאָס היסטאָרישע פּאַראָויסזען .................. 216
קאַפּיטל זעכצן:
די אידעע פון ציל־מאַסיקייט אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע ......................... 231

## פערטער בוך — סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און געזעלשאַפטלעכער אידעאַל

קאַפּיטל זיבעצן:
די פאָרמול פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל ............. 255
קאַפּיטל אַכצן:
די פאָרמולעס פון סאָציאַליזם .................... 263
קאַפּיטל נײַנצן:
די אַנטינאָמיעס פונעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל ........... 272
קאַפּיטל צוואַנציק:
דער אידעאַל פון דער דעמאָקראַטיע ................ 289
קאַפּיטל איין און צוואַנציק:
די סיסטעם פון אידעאַליזאַציעס ................... 314

## פינפטער בוך — פּאָליטיק און מאָראַל פונעם אידעאַל

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק:
די אָרגאַנישע עטאַפּן ........................ 325
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק:
דער אוניווערסאַלער אידעאַל און די פּריוואַטע אידעאַלן ..... 336
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק:
די היעראַרכיע פון די מאָראַלע גרופּעס ............. 433
קאַפּיטל פינף און צוואַנציק:
די קריטעריומס .......................... 352
קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק:
די פּעריפּעטיעס פונעם אידעאַל ................. 368
קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק:
דער מאָראַלישער יסוד פאַר דער באַשטענדיקייט פונעם אידעאַל .. 381
פאַרטײַטשונג פון די שווערערע ווערטער ............ 390

# פאָרוואָרט

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ פּאָפּולאַריזירטער סך־הכל פון איינ־יקע עיקרדיקע עלעמענטן פונעם מחברס אַרבעטן, — סיי אַזעלכע, וואָס זיינען במשך פון אַ ריי יאָרן פּובליקירט געוואָרן, הויפּטזאַכ־לעך אויף רוסיש און פראַנצויזיש — ביכער, בראָשורן און פילצאָ־ליקע אַרטיקלען, — סיי ווערק אין כתב־יד, נאָך ניט קיין אָפּגע־דרוקטע. דעם מחברס פאָרשונגען זיינען געווען געווידמעט הן פראַגן פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן, הן פראַגן פון געשיכטע אין דער נאַטור, הן דער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע, הן די פּראָבלעמען פון סאָציאַלן אידעאַל אין וויסנשאַפטלעכער באַלויכטונג. אין הסכם מיט זיין טיטל, אַנטהאַלט אין זיך דאָס בוך דעם טיילווייזן סינטעז פון קאָנצעפּציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די אָנגעוויזענע פּראָ־בלעמען, און וואָס מען קאָן פאַר זיי געפינען אַן אָנווענדונג באַזונ־דערס ביים באַלויכטן די געשעענישן פון דער היינטיקער תקופה און ביים לייזן פּראַקטיש די פראַגן, וועלכע דער קאַטאַסטראָפישער מאָמענט רוקט אַרויס, אין ליכט פון אונדזער העכסטן אידעאַל.

דער מחבר האַלט פאַר זיין חוב צו דערמאָנען מיט האַרציקער דאַנקבאַרקייט דעם אומפאַרגעסלעכן נ. פּאָמעראַנץ, וועלכער האָט גענומען אַ הייסן אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן דאָס אַרויסגעבן פון אָט דעם בוך און וועלכער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט כדי בייצוקו־מען אַלע שוועריקייטן ביים אַרויסלאָזן די אויסגאַבע. די איניציאַ־טיווע גופא פון צוזאַמענשטעלן אָט דעם בוך געהערט נ. פּאָמעראַנצן, ווי אויך סעם קאַצן, וועלכער האָט פון זיין זייט אַ סך געטאָן, כדי די אידעע און דער פּראָיעקט פון אַרויסגעבן דאָס בוך זאָלן קענען פאַרווירקלעכט ווערן.

דער מחבר האַלט פאַר זיין חוב אויסצודריקן טיפע דאַנק־באַרקייט די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט, וואָס גיט אַרויס דאָס

ווערק: די פר׳ אוטשטיין, פ. וויינערט, מ. מונוויים, קוניק און י. ראזען. זיי אַלע האָבן גענומען אַ הייסן אַנטייל אינעם פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט פון אַרויסגעבן דעם בוך; זיי האָבן בייגעטראָגן אַ סך אַרבעט, כדי דער דאָזיקער פּראָיעקט זאָל באַקומען זיין מאַטעריעלע פאַרווירקלעכונג.

דער מחבר דריקט אויך אוים זיין הייסע דאַנקבאַרקייט דעם פריינד ח. ש. קאַזדאַן, וועלכער האָט אַזוי געוויסנהאַפט אויסגעפירט זיין מיסיע פון איבערזעצן דאָס בוך אויף יידיש און וועלכער האָט אַ סך אַרבעט אַריינגעלייגט פאַרן דערפאָלג פון דער זאַך.

**דער מחבר**

## נ. פּאָמעראַנץ: 1944—1886

איינער פון די געזעלשאַפטלעכע ענינים, מיט וועלכע נ. פּאָמעראַנץ האָט זיך אינטענסיוו אָפּגעגעבן אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן, איז געווען דאָס פאַרליגנדיקע בוך. גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז צווישן די סאָציאַליסטישע פּליטים, וואָס זיינען נאָך דער מפלה פון פראַנקרייך געקומען קיין אַמעריקע, געפינט זיך זיי־נער אַ בן־עיר, אַ מענטש וואָס איז, אַלס יונגער סטודענט, אין זיין שטעטל געווען אַ לעגענדאַרישע פיגור. ווען נ. פּאָמעראַנץ האָט ערגעץ אין אַ צייטונג געזען דעם נאָמען י. דעלעוווסקי אין דער רשימה פון די עס־ערן, וואָס זיינען אַהערגעקומען פון פראַנקרייך, האָט דאָס אים גלייך אינטערי־גירט. זאָל דער דאָזיקער דעלעוווסקי טאַקע זיין יענער רעוואָלוציאָנערער סטודענט, וואָס האָט אַזוי פאַרכאַפּט זיין קינדערשע פאַנטאַזיע מיט פופ־ציק יאָר צוריק? ער האָט אָנגעהויבן נאָכפרעגן וועגן דעם גאַסט, ער איז צו אים געגאַנגען אויף באַזוך — און ס׳איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז י. אַ. דער אַלטער רעוואָלוציאָנער און געלערנטער, וואָס איז פון ווישי־פראַנקרייך אַנטלאָפן קיין ניו־יאָרק, איז טאַקע דער העלד פון זיין קינד־הייט.

און אַזוי זיינען פיל שעה׳ן אין די לעצטע חדשים פון נ. פּאָמעראַנצס לעבן געווידמעט געווען דער אַרבעט צו געבן דעם אידישן לייענער אַן אָריגינעל ווערק פון דעם דאָזיקן סאָציאַליסטישן טוער און געלערנטן. אויך אין אָט דער אַרבעט, ווי אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער אַריינ־געלייגט זיין גאַנצן ענטוזיאַזם און זיין גאַנצע ענערגיע. ער האָט אָרגאַ־ניזירט זיינע לאַנדסלייט, ער האָט געזוכט אַן איבערזעצער, און דווקא דעם פּאַסיקסטן און קאָמפּעטענטסטן איבערזעצער, וואָס מען קען ביי אונז געפינען פאַר אַזאַ ווערק, ער האָט זיך געפּרייט מיט יעדן נייעם קאַפּיטל, וואָס איז צוגעקומען, ער האָט שוין געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי דעם בוך צו פאַרשפּרייטן.

און פּלוצלונג איז געקומען דער טויט. דאָס בוך גייט אַרויס אָן זיין איניציאַטאָר. זיינע לאַנדסלייט און פריינט האָבן פאַרענדיקט די אַר־בעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן. עס דוכט זיך, אַז עס קען ניט זיין קיין מער פּאַסיקער דענקמאָל פאַר נ. פּאָמעראַנץ, ווי דאָס דאָזיקע בוך. ס׳איז פּאַסיק, אַז די לעצטע טאַט, וואָס איז פאַרבונדן מיט נ. פּאָמעראַנצס נאָ־

מען, זאָל זיין אַן אַקט פון ליבע פאַר אַ מיטמענטשן, פון דינסט צו אַ תּלמיד־חכם און צו דעם אידיש וואָרט.

* * *

נ. פּאָמעראַנץ אַליין איז געווען אַ זעלטענער עקזעמפּליאַר פון אַ אידישן תּלמיד־חכם — אַן אַרבעטער־תּלמיד־חכם, אין וועלכן עס האָבן זיך, אין פּשוט־דערהויבענער האַרמאָניע, באַהעפט יגיע כּפּים און תּורה.

זיצט זיך לעבן דער לייִנאָטייפּ־מאַשין אַ מיטל־יאָריקער יידישער אַרבעטער. פון דעם בלאַסן, קאָנצענטרירטן פּנים, דורך די שווערע ברילן, קוקן אַרויס צוויי אויפמערקזאַמע אויגן אויפן מאַנוסקריפּט, וואָס ליגט פאַר אים, און די פינגער שלייכן שפּילעוודיק־לייכט איבער די אותיות־קלאַווישן. אויב די דאָזיקע געשטאַלט מאַכט זיך מיט עפּעס בולט צווישן די אַנדערע איבער די מאַשינען איבערגעבויגענע פיגורן אויף די נידעריקע בענקלעך אין דער זעלבער שורה, איז דאָס מיט דעם אויסדרוק פון באַזונדערער אָנשטרענגונג אויף דעם ערנסטן פּנים. אַז מען באַקומט שפּעטער די קאָרעקטורן פון דעם מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט געזעצט, דערזעט מען גלייך דעם רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָנשטרענגונג. די קאָרעקטור איז אויסערגעוויינלעך „ריין”. עס זיינען כּמעט ניטאָ קיין גרייזן. אַמאָל באַמערקט מען, אַז דער זעצער האָט זיך דערלויבט עפּעס צו קאָרעגירן אין מחבר'ס כּתב־יד. ער האָט דעם שרייבער וועגן דעם ניט געפרעגט, ווי עס איז דער שטייגער ביי זעצער, ווען זיי כאַפּן דעם מחבר ביי אַ גרייז. ער מאַכט וועגן דעם אויך ניט קיין באַמערקונגען, ווען ער טראָגט צו די קאָרעקטור. און בדרך־כּלל בלייבט זיין קאָרעקטור אומפאַרענדערט. אָבער מיר האָבן אויך אַנטדעקט, אַז דער דאָזיקער מענטש ביי דער לייִנאָטייפּ־מאַשין איז ניט נאָר אַ גוטער, פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרמיטלער צווישן דעם שרייבער און לייענער, נאָר אַליין אַן אייגנאַרטיקער דענקער און שריפטשטעלער.

נ. פּאָמעראַנץ האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע סאָציאַליסטישע שריפטן — געוויינלעך אַזעלכע, וואָס זיינען געזעצט געוואָרן אין דרוקערייען, אין וועלכע ער האָט געאַרבעט; ער איז צו קיין רעדאַקציעס ניט געגאַנגען פאַרשלאָגן זיינע אַרטיקלען. ער פלעגט אַן אַרטיקל שרייבן, ווען אַ זשורנאַל, צו וועלכן ער האָט געהאַט אַ באַציאונג, האָט אים געבעטן עפּעס אָנשרייבן. געוויינלעך האָט מען ביי אים באַשטעלט אַן אַרטיקל וועגן אַן אַמעריקאַנער טאָג־פראַגע, בנוגע אַמעריקאַנער סאָציאַלע אָדער פּאָליטישע ענינים. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז אין די ענינים אַ בקי און אַ בן־בית, אַז ער קלייבט זיך אין זיי שנעל פונאַנדער — און זיין צוגאַנג צו זיי איז אַ סאָלידער און באַלאַנסירטער. אים אַליין האָט געצויגן צו עפּעס אַנדערש — צו סאָציאַלע גרונט־דערשיינונגען און גרונט־

פראָגעס. עס האָט אין אים געלעבט אַ שטאַרקער חשק צו סאָציאָלאָגישער סיסטעמאַטיק. אַט דעם חשק האָט ער באַפרידיקט אין זיינע צוויי בענד „רעפאָרם אָדער רעוואָלוציע" און „פּראַקטישער אידעאַליזם" און אין דער בראַשור „עטישער סאָציאַליזם".

אין די דאָזיקע ביכער האָט נ. פּאָמעראַנץ פּרובירט טאָן דאָס, וואָס מער ווי איין דענקענדיקער סאָציאַליסט האָט זיך באַמיט צו טאָן אין אונזער צייט — איבערצוקוקן פון דאָס ניי די אידעאָלאָגישע ירושה פון סאָציאַליזם אין ליכט פון די גרויסע געשעענישן, וואָס די וועלט האָט דורכגעמאַכט זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט אין די דאָזיקע ביכער באַהאַנדלט די וויכטיקסטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַספּעקטן פון דער מאַרקסיסטישער לערע (די פילאָזאָפישע אַספּעקטן פון מאַרקסיזם האָט ער כמעט ניט באַרירט; סיסטעמאַטישע פילאָזאָפיע איז פאַר אים געווען כמעט אינגאַנצן אַ פרעמד פעלד). זיין צוגאַנג צום מאַרקסיזם איז געווען אַ „רעוויזיאָניסטישער". דער פּרוכטבאַרסטער סאָציאַליסטישער דענקער איז פאַר אים געווען עדואַרד בערנשטיין. ער איז געווען איינער פון יענע זעלטענע „רעכטע" סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אַפילו ניט פּרובירט פון זיך אָפּצוּוואַרפן דאָס זידל־וואָרט „רעפאָרמיסט"; פאַרקערט, פאַר אים איז דאָס געווען אַן ערן־טיטל. אָבער נ. פּאָמעראַנץ איז געווען אַ „רעוויזיאָניסט" און אַ „רעפאָרמיסט" פון אַן אייגנאַרטיקן שניט.

נ. פּאָמעראַנץ האָט, קודם־כל, זיין מאַרקס־קריטיק זייער ווייניק געשעפּט פון ביכער. אַפילו עדואַרד בערנשטיינס ווערק האָט ער צום ערשטן געלייענט ערשט נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך. פּאָמעראַנץ האָט מורא געהאַט פאַר „אַקאַדעמישקייט" און ער האָט געהאַט דעם געזונטן אומצוטרוי פון אַ פאָלקס־מענטש צו אָפיציעלע רעפּוטאַציעס. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן ביי אים צומאָל אָנגענומען טשיקאַווע פאַרמען. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אים אַמאָל רעקאָמענדירט עטלעכע ביכער, וואָס האָבן באַהאַנדלט אַן ענין, וועגן וועלכן ער האָט זיך געקליבן צו שרייבן אַן אַרטיקל; האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים די ביכער געבן נאָכדעם, ווי ער וועט זיין אַרטיקל אָנשרייבן. ער וויל זיך ניט לאָזן באַאיינפלוסן . . . ס'איז געווען כמעט אַ קינדערשער שטריך, אָבער הינטער אים איז געשטאַנען אַ פאַנאַטישער גלויבן אין דעם כוח פון דעם „געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד" צו שאַפן אָרדענונג אין די גרויסע פּלאָנטערן פון אונזער דור און צייט.

געזונטער מענטשן־פאַרשטאַנד איז טאַקע די הויפּט־מעלה, מיט וועלכער זיינע אַרבעטן האָבן זיך אויסגעצייכנט. „טעאָריע" און „ווירקלעכקייט" זיינען ביי אים געווען צוויי כמעט היפּוכ'דיקע, זיך־אויסשליסנדיקע

באַגריפֿן. אין אַן עכטער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט איז, פֿאַרשטייט זיך, אַזאַ איינטיילונג אַן אַבסורד. דער עכטער וויסנשאַפֿטלער פּרעטענדירט דאָך ניט, אַז זיין „טעאָריע" זאָל זיין מער ווי אַ פֿאַרזוך צו איזאָלירן און סיסטעמאַטיזירן געוויסע אַספּעקטן פֿון דער אומאויסשעפּלעכער „ווירקלעכקייט". אָבער נ. פֿאַמעראַנץ איז גייסטיק אויסגעפֿורעמט געוואָרן אין אַ סאָציאַליסטישער סביבה, אין וועלכער די וויסנשאַפֿט האָט געהאַט אַ באַרעכטיקונג, בלויז אויף וויפֿל זי האָט באַדינט און געגעבן אַ „העכערן" הכשר געוויסע סאָציאַלע און אָפּטמאַל סעקטאַנטישע פּראָגראַמען. פֿאַמעראַנצס בולט'סטע אייגנשאַפֿט איז געווען אַ ליידנשאַפֿט פֿאַרן אמת פֿון דער „ווירקלעכקייט". „ווירקלעכקייט" האָט ביי אים געהייסן דאָס, וואָס עס עקזיסטירט אין סאָציאַלן לעבן „אַן און פֿאַר זיך", אומאָפּהענגיק פֿון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם. דערפֿאַר זיינען, גלויב איך, די געלונגענסטע טיילן אין זיינע ביכער די יעניקע, אין וועלכע ער האָט פּרובירט קלאָר מאַכן אַ צאָל סאָציאַליסטישע גרונט־באַגריפֿן — באַגריפֿן וועגן געזעלשאַפֿט און מלוכה, רעוואָלוציע און פּשרה, און זייער פּלאַץ אין דעם סך־הכל פֿון דעם סאָציאַלן לעבן.

דאָס אייגנאַרטיקע אין נ. פֿאַמעראַנצס סאָציאַליסטישן דענקען איז געווען דער באמת זעלטענער סינטעז פֿון אַ קאָנסערוואַטיווער לעבנס־אַנשויאונג מיט אַ מיליטאַנטיש־רעפֿאָרמיסטישער סאָציאַליסטישער געזינונג. זיין קאָנסערוואַטיזם איז אַרויסגעוואַקסן פֿון זיינע אומיטלבאַרע, פּערזענלעכע דערפֿאַרונגען. ער פֿלעגט זייער אָפֿט זיך אומקערן צו איין און דער זעלבער דעראינערונג פֿון זיינע אינגל־יאָרן: אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס זעצער־אינגל אין לאָדזש, האָט מען אים באַשטימט אַלס לערער פֿון אַ בונדיסטישן לערן־קרייזל. און פֿאַמעראַנץ פֿלעגט אָנהייבן אויסרעכענען, וואָס ער האָט דעמאָלט ניט געוואוסט אין די ענינים, וועלכע ער האָט געדאַרפֿט קנעלן מיט זיינע „תלמידים". „און איך" — פֿלעגט ער זאָגן — „האָב עס זיי געדאַרפֿט 'אויפֿקלערן' וועגן דער 'פֿאַלשקייט' און 'פֿאַרקויפֿטקייט' פֿון דער 'בורזשואַזער' וויסנשאַפֿט. איר ווייסט, וואָס איך האָב ניט געוואוסט; איצט שטעלט זיך פֿאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט".

ווי אַ קאָנסערוואַטאָר איז פֿאַר אים דער מקור פֿון יעדער גייסטיקער אומאָרדענונג אין דער וועלט — געווען די אינאָוואַטאָרישע אייטלקייט, דער קולט פֿון דעם נייעם צוליב זיין נייקייט. דער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז מבטל דעם „פֿאַרשימלטן נעכטן" בלויז דערפֿאַר, וואָס עס איז געשען נעכטן, און נעמט אָן, אַז דאָס נייע מוז זיין בעסער פֿון אַלטן, ווייל עס איז ניי, איז פֿאַר אים געווען די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ פֿאַרדאַרבנדיקער

בילקייט, וואָס גראָבט אונטער די סאַמע יסודות פון יעדער ציוויליזאַציע און יעדן סאָציאַלן אידעאַל.

פון אַט דער אייטלקייט, וואָס איז אפשר פאַרשטענדלעך און פאַרציי־לעך אין גאָר יונגע מענטשן, אָבער וואָס האָט די טבע פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ וועלט־אַנשויאונג און פּראָגראַם פון סאָציאַלע גרופּעס און פּאַרטייען — פירט שוין דער וועג צום סאָציאַלן פאַרברעכן, צו דער פאַר־ניכטונג פון עקאָנאָמישע גיטער, סאָציאַלע אינסטיטוציעס און מענטשלע־כע בינדונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער מענטשלעכער געשיכטע — אַלץ אין נאָמען פון דער הנחה, אַז דאָס, וואָס מ י ר וועלן בויען אויף די חורבות, מ ו ז זיין בעסער, פּערפעקטער — די שלימות אַליין. ווי אַ קאָנסערוואַטאָר האָט נ. פּאַמעראַנץ פּשוט גע־האַסט יענעם מאָדערנעם געדאַנקען־גאַנג, וואָס בענעדעטאָ קראָטשע האָט באַצייכנט מיטן נאָמען „פוטוריזם" — דאָס שטעלן די אומבאַשטימטע, נאָך ניט־אויסגעפּרוּווירטע צוקונפט אַנטקעגן דער דערפאַרונג און לעבנס־חכמה פון די דורות. דערפאַר האָט ער זיך באַצויגן מיט אַזאַ ווידערווילן און מיט אַזאַ אומצוטרוי צו יעדן מין סאָציאַלן משיחיזם. דערפאַר טאַקע זיינען די וואַגיקסטע קאַפּיטלען אין זיינע ביכער די יעניקע, אין וועלכע ער האָט מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכער לאָגיק צעגלידערט די „רעוואָלוציאָ־נערע ראָמאַנטיק" מיט אירע פאַרפירערישע לאָזונגען וועגן נייע קולטורן און נייע געזעלשאַפטן, וואָס מ ו ז ן קומען אויף די חורבות פון די עק־סיסטירנדיקע. אַנטי־רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע איז אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט זיך אין אייראָפּע דערוואָרבן אַ גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אַזאַ דענקער, ווי דער פאַרשטאָרבענער טאָמאַס מאַסאַריק. אין אונזער יידישער וועלט איז דאָס אַ זעלטענע דערשיינונג, און מען דאַרף צוגעבן, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע אַרבעטן זיינען אַ צושטייער ניט בלויז צו דער אידישער סאָציאַליסטישער ליטע־ראַטור.

זעלבשטענדיקייט און סאָלידקייט זיינען געווען די הויפּט־שטריכן פון נ. פּאָמעראַנצס שרייבן. ווען ער וואָלט זיינע ווערטער מער געשליפן, ווען ער וואָלט זיך מער אָפּגעגעבן מיט זוכן די „גליקלעכע פראַזע", וואָלטן זיינע אַרבעטן מסתמא געמאַכט אַ גרעסערן רושם. אָבער איך גלייב ניט, אַז ער וואָלט דאָס ג ע ק ע נ ט טאָן — ניט ווייל ער האָט ניט געהאַט די נייטיקע פעאיקייט, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס דאָס איז פרעמד געווען זיין אומפּרעטענציעזן, דירעקטן וועזן. און דאָך קען מען אין זיינע שריפטן געפינען שטעלן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ זעלטענער אַפאָריסטישער שאַרפקייט, וואָס טרעפט אין סאַמע האַרץ פון סאָציאַלע דערשיינונגען.

אַט זיינען עטלעכע שטעלן פון דעם דאָזיקן מין:

„אויב אַן אַ רעוואָלוציע איז ניט מעגלעך קיין געזעלשאַפטלעכער פּראָגרעס, האָט דאָך דער טאָג־טעגלעכער קאַמף אַ זין נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי ער העלפט דערפירן צו דער רעוואָלוציע... דעריבער גייט עס דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט אין לעבן מבטל צו מאַכן די באַדייטונג פון יענע מענטשלעכע און קולטור־ווערטן, וואָס אַלע קלאַסן פון אַ געגעבענעם פאָלק באַזיצן בשותפות, און איבערצו־טרייבן געוואַלדיק די באַדייטונג פון דעם קאַמף צווישן די קלאַסן. דער זיג פון אַן אַרמיי אין אַ מלחמה הענגט אָפּ ניט בלויז פון בע־סערע געווער און פון אַ גרעסערער צאָל סאָלדאַטן, נאָר הויפּטזעכלעך פון דער 'מאָראַל' פון דער אַרמיי, פון דעם גראַד שנאה, וואָס פלאַ־קערט אין האַרצן פון יעדן סאָלדאַט צום שונא. דעריבער טאַקע זוכט דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָניזם אויפצובלאָזן דאָס פייער פון שנאה צווישן די קלאַסן אַ סך מער, ווי דער טאָג־טעגלעכער קאַמף פאָדערט עס; דעריבער זוכט ער צו געבן די אַרבעטער אַ נייע אידעאָ־לאָגיע, נייע ימים־טובים, אַ נייע קולטור, נייע הייליקע, אַ נייע רע־ליגיע, אפילו אַ נייע נאַציע — די נאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, אַ 'פּראָלעטאַריש פאָטערלאַנד'. דאָס אַלץ דאַרף דינען ווי אַ שאַרפער וויין, מיט וועלכן צו פאַרשיכורן די רעוואָלוציאָנערע חיילות, כדי זיי זאָלן אינגאַנצן פאַרגעסן אַן די געמיינשאַפטלעכע פעדעם, וואָס פאַרבינדן זיי מיט די איבעריקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, און זיי זאָלן אָנהייבן קוקן אויף זייערע קלאַסן־שונאים ווי אויף אַן אוי־סערלעכן פיינט, וועלכער דאַרף פאַרניכטעט ווערן אָן שום רחמנות.

„דער סאָציאַלער רעפאָרמיזם באַטראַכט ניט דעם אַרבעטער־קלאַס פאַר אַ נייער ראַסע, אויף וועלכער עס ליגט אַ מיסיע אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט דאַרף ניט ערשט געשאַפן ווערן; זי עקסיסטירט שוין טויזנטער יאָרן, און אַן אַרבעטער איז פּונקט אַזאַ אָרגאַנישער טייל פון איר, ווי איינער פון אַן אַנדער קלאַס. די אַלע רייד פון רעוואָלוציאָנערן וועגן דעם, אַז דער אַר־בעטער איז אַ נייער מין מענטש; אַז ער האָט מיט די אַנדערע טיפּן מענטשן קיין שום געמיינשאַפטלעכס ניט; אַז ער דאַרף שאַפן אַ נייע קולטור, אַ נייע מענטשהייט, — זיינען פיקציעס, וואָס דינען באַ־שטימטע רעוואָלוציאָנערע צוועקן. אין דער אמת'ן איז דער אַרבע־טער אַ טייל פון דער געזעלשאַפט, ניט ווי זי וועט אַמאָל זיין, נאָר טאַקע ווי זי איז איצט, און ער איז אַ שותף ניט נאָר צו דעם נאַ־ציאָנאַלן רייכטום, נאָר צו דער גאַנצער רייכער ירושה, וואָס זי האָט געירשנט פון דעם עבר. דער אַרבעטער האָט אַ חלק אין דער געזעל־שאַפט און אין אַלע אירע אינסטיטוציעס — אין דער רעגירונג,

אין דער רעליגיע, אין דער קולטור, אין דער פאַמיליע, אין דער מאָ־ראַל, אין דער נאַציע בכלל, מיט אַלע אירע אינסטיטוציעס, איינגע־שלאָסן אַפילו די אַרמיי און דעם פלאַט... דער סאָציאַלער רעפאָר־מיזם... וויים, ווי שווער עס קומט אַז דער מענטשהייט יעדע קול־טורעלע און מאָראַלישע דערגרייכונג, און ער איז בשום־אופן ניט מסכים צו ספּעקולירן מיט אַט דער ירושה צוליב סטראַטעגישע טעמים, אין די כלומרשטע אינטערעסן פון אַן אילוזאָרישער נייער געזעלשאַפט. ניט ווי אַן אויסערלעכער שונא, וואָס קומט באַצווינ־גען, רויבן און פאַרניכטן, נאָר ווי אַ שותף אין דער געזעלשאַפט קומט דער סאָציאַלער רעפאָרמיזם און פאָדערט יושר פאַר די אונטער־דריקטע און בעוולהטע טיילן אָדער קלאַסן פון פאָלק".

די געבראַכטע אויסצוגן גיבן ניט נאָר אַ מוסטער פון נ. פאָמעראַנצס געדאַנקען־גאַנג, פון זיין שיטה, נאָר אויך פון דער קוואַליטעט פון זיין סאָציאַליסטישן דענקען. דאָס איז ניט קיין אַגיטאַציע־דרשה — ס׳איז אויך ניט קיין פּלפּול־פּירוש אויף די „הייליקע שריפטן". ס׳איז אַ פאָר־זוך אַריינצובליקן אין תוך פון סאָציאַלע גרונט־דערשיינונגען. מען דאַרף מיט זיינע שלוסן, פאַרשטייט זיך, ניט מסכים זיין. מען קען זיי אָבער ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. דער עיקר: דאָס זיינען **געדאַנקען**, ניט קיין פּאָלעמישע לאָזונגען. נ. פאָמעראַנץ איז געווען אַ שאַרפער, ביטערער קעגנער פון דער לעניניסטישער שול אין סאָציאַליזם. איך גלייב, אַז איך טרייב ניט איבער, אויב איך זאָג, אַז פון דער גאַנצער גרויסער אַנטי־קאָמוניסטישער ליטעראַטור ביי אונז, איז פאָמעראַנצס ביישטייער דער תוכיקסטער און דער וואָגיקסטער. ניטאָ אין די דאָזיקע שריפטן קיין פּאָלעמיק גלאַט אין דער וועלט אַריין, ניטאָ דער געוויינלע־כער שטרייט וועגן דער סאָציאַליסטישער „בכורה". מען געפינט דאָרטן אַ שאַרפן אַנאַליז פון דערשיינונגען און באַגריפן, אַ סך פאַקטישן מאַטע־ריאַל, אַ האַרציקן פּאַטאָס פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. דאָס רעדט ניט קיין אַגיטאַטאָר, נאָר אַ לערער, וואָס בלייבט אַליין שטענדיק אַ תלמיד. דאָס וואָרט איז דירעקט און זאַכלעך. ווען עס פאָדערט זיך מער ליכט אויף אַ שווערער „סוגיא", קומט דער באַטעמטער פאַרגלייך, וואָס ווערט ניט געשעפּט פון קיין בוך, נאָר פון דער אייגענער דערפאַרונג — פון דעם לויטערן קוואַל פון פאָלקס־חכמה און לעבנס־חכמה.

און דאָס פירט אונדז צוריק פון דעם בוך צו דעם מענטשן ביי דער ליינאָטייפּ־מאַשין. אַלע די, וואָס האָבן נ. פאָמעראַנצן געקענט פון דער נאָענט, האָבן קודם־כל פאַרלוירן אַ **מענטש**. די דאָזיקע ווערטער ווערן געשריבן אין דער דרוקעריי, וואו מיר האָבן זיך וואָד־אייך, וואָד־אויס באַגעגנט אין משך פון עלף יאָר. די דאָזיקע באַגעגענישן זיינען

געוועז צווישן די אַנגעזעעמסטע שעה'ן פון אונזער וואָך. ער איז געוועזן אַ וואונדערלעכער אויפמערקזאַמער מענטש — איך מיין, פאַר־שטייט זיך, אויפמערקזאַם צו אַנדערע. פערציק יאָר לעבן אין אַמעריקע, אין אַ פאַרגרעבטער סביבה, האָט אין אים ניט אָפגעטויט די גוטע ירושה פון אַ גוטער אידישער היים. ניט נאָר האָט ער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג אָפגעלעבט אין דער ראַדיקאַל־ניהיליסטישער סביבה, לייכט און פריי זיך געקענט דערמאָנען אַ שטיקל „גרסא דינקותא", נאָר עס האָט אין אים אויך געלעבט דער זינען פון די דאָזיקע פסוקים. רעדנדיק וועגן מענטשן, האָט ער געהאַט צוויי אויסדרוקן: „אַ גוט מענטשל" און „גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש". אויך אַ „גוט מענטשל" איז ביי אים ניט געוועזן קיין קליינער קאָמפּלימענט, אָבער ער האָט שטענדיק געוואוסט, אַז די וועלט לעבט אין זכות פון „גאָר אַן אַנדער מין מענטש". האָט זיך אים גע־דוכט, אַז ער האָט אין עמיצן געפונען אַ ניצוץ פון אָט דעם „אַנדער מין מענטש", — איז ניט געווען קיין גרענעץ צו זיין יראת־הכבוד. וועגן זיין ברייטער האַנט — און ער איז ניט געווען קיין פאַרמעגלעכער מענטש — האָט יעדער פריינט זיינער וואָס צו דערציילן. „מתן בסתר" איז געווען אַ רייך קאַפּיטל אין זיין לעבן.

ער האָט ניט זוכה געווען דורכצופירן פיל פּלענער און חלומות זיינע. אין אונזער גאָר לעצטן שמועס האָט ער, צו מיין איבערראַשונג, זיך פונאַנדערגערעדט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז ער זאָל זיך נאָך דער מלחמה באַזעצן אין ארץ־ישראל. ער האָט געחלומט אויף דער וואָר צו געפינען אַ פּלאַץ אין דער אידישער היים. ער וועט דאָך דאָרטן, האָט ער געזאָגט, זיך קענען ניצלעך מאַכן אַלס אַ פאַכמאַן אין איינער פון די קאָאָפּעראַטיווע דרוקערייען. ארץ־ישראל האָט אַנגעהויכט מיט בענק־שאַפט דעם קאָנסערוואַטאָר אין אים, דעם מענטשן, וואָס האָט געוואוסט, אַז דאָס העכסטע גליק פון יחיד ליגט אין איבער־פּערזענלעכע בינדונגען, אין זען דורות הינטער זיך און פאַר זיך, אין פעסטע טראַדיציעס.

און פּלוצלונג איז ער אַוועקגענומען געוואָרן — אַן אַ וואָרענונג, אַן אַ וואָרט פון אָפּשייד. די לעצטע וואָך פון זיין לעבן האָט ער ווידער־אַמאָל אָפּגעאַרבעט אַ לאַנגן טאָג ביי זיין ליינאָטייפּ־מאַשין — און די לעצטע נאַכט איז ער שפּעט געזעסן איבער די קאָרעקטורן פון זיין לעצטן אַרטיקל. געשטאָרבן אין דעם דאָפּלטן יאָך, וואָס ער האָט ליב געהאַט — אַן אַרבעטער און אַ דענקער־שרייבער.

ש ל מ ה  ג ר אָ ד ז ע נ ס ק י

## אַרײנפיר

# געשיכטע אין דער וועלט און דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל

מיר לעבן איבער אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס די מענטשהייט האָט אַזעלכע ניט געקענט שוין אַנדערטהאַלבן טויזנט יאָר. פאַרן קומענדיקן גורל פון דער מענטשהייט וועט זי האָבן אָן אַ שיעור רעזולטאַטן. וואָס זיינען די אינערלעכע סיבות פון דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע? האָט מען געקענט פאַרויסזען איר אָנקום? האָט מען זי געקענט אויסמיידן? איז מעגלעך, אַז אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס זאָלן זיך איבערחזרן אין דער צוקונפט, און ווי אַזוי מאַכט מען אוממעגלעך זייער איבערחזרן זיך? אַן ענטפער אויף אַט די פראַגעס זוכן מיר אין די לעקציעס פון דער געשיכטע.

אָבער די געשיכטע עקסיסטירט ניט בלויז פאַר פעלקער און פאַר דער מענטשהייט. אויך אין דער נאַטור, אין דער וועלט, עקסיסטירט — געשיכטע. אַלץ ענדערט זיך, אַלץ איז אויסגעשטעלט אויף עוואָלוציע, קיין זאַך איז ניט סטאַביל, קיין זאַך פאַרבלייבט ניט אומבאַוועגלעך און אומגעענדערט. אונזער ערד האָט געהאַט איר געשיכטע, וועלכע האָט זיך געצויגן אַ סך מיליאָנען יאָרן. די קאָנטינענטן, ימים, אָקעאַנען, בערג, טייכן, די מינעראַלע עלעמענטן פון דער ערדס שאָל (קאָרע), די ערדישע אַטמאָספערע — אַלע האָבן געהאַט זייער געשיכטע, און זי ציט זיך ביז היינט: אַלץ איז געווען און איז איצט אונטערגעוואָרפן אָן אַ שיעור פאַרשידנאַרטיקע אומענדערונגען, וועלכע הערן קיינמאָל ניט אויף, שטעלן זיך קיינמאָל ניט אָפּ. היינט דאָס לעבן אויף דער ערד? במשך פון מיליאָנען יאָרן זיינען אַנטשטאַנען און זיינען אויסגעשטאָרבן אַלץ נייע און נייע מינים פון אָרגאַניזמען, פון בעלי־חיים און געוויקסן; דאָס לעבן האָט זיך כסדר באַנייט, און דער מענטש אַליין האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד גאָר „ניט לאַנג אינגאַנצן", אפשר עפעס אַ מיליאָן יאָר צוריק. אָבער אונזער ערד איז נאָר אַ נישטיקער אַטאָם אין דעם „אָן־סופיקן" אַלוועלט, וועלכער האָט זיך, ווי אַ גאַנצער און אין זיינע טיילן, כסדר געענדערט און ענדערט זיך ווייטער, כסדר זיך איבערגעאַנדערשט און אַנדערשט זיך אויך איצט איבער. אַלע הימל־קערפּערס, די פּלאַנעטן, אונזער זון־סיסטעם, די שטערן און

שטערן־וועלטן, דער מילך־וועג — האָבן געהאַט זייער געשיכטע. סיי דאָס אָן־סופיק גרויסע, סיי דאָס אומענדלעך קליינע פאַרמאָגט זיין געשיכטע. די אַטאָמען און די קלענסטע טיילן מאַטעריע ענדערן זיך אָן אַ סוף. די וועלט־ענערגיע האָט איר געשיכטע, און לויט אייניקע פיזיקאַלישע טעאָריעס איז עס אַ גאַנץ טרויעריקע געשיכטע. וויפל וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס זאָגן עס נביאות וועגן דעם „סוף פון דער וועלט"! דאָס דאַרף אונז, אַגב, ניט באַאומרואיקן צו שטאַרק: אויב די וועלט האָט ביז אַהער געהאַט אַ קיום אַזוי לאַנג, — איז ווי קען מען זיך פאַרשטעלן, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט וועט איר עקסיסטענץ זיך איבעררייסן?

אָבער אויב פאַר דער געשיכטע אין דער נאַטור איז כאַראַקטעריסטיש דאָס אומאויפהערלעכע ענדערן זיך, דאָס אומאויפהערלעכע באַוועגן זיך, — איז די געשיכטע ניט נאָר אַ שטענדיקע ענדערונג, נאָר אויך אַ כסדרדיקע איבערחזרונג. אַלץ וואָס באַוועגט זיך, וואָס ענדערט זיך, האַלט אין אַ געוויסן אַספּעקט, אַ געוויסע שיינבאַרקייט פון באַשטענדיקייט אין דער ענדערונג גופא. אַנדערש וואָלט די וועלט געווען אינגאַנצן אומבאַגרייפלעך. נאָך ווייניק, אַנדערש וואָלט דאָס לעבן געווען אוממעגלעך. וואָרעם לעבן — דאָס איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ סיסטעם פון פּראָצעסן, וואָס חזרן זיך איבער אינם אָרגאַניזם; דאָס לעבן באַשטייט אינם צופּאַסן דעם אָרגאַניזם צו די איבערחזרונגען אין דער אויסערלעכער נאַטור. די דאָזיקע איבערחזרונגען זיינען ניט גאָר אידענטיש, זיי זיינען נאָר אומגעפער ענלעך. די געזעצן פון דער נאַטור פאַרמולירן בלויז דעם כאַראַקטער פון אַזעלכע איבערחזרונגען אין דער וועלט פון דערשיינונגען.

שוין אין אַלטערטום האָט דער געדאַנק געבלאָנדזשעט צווישן פּרינציפּ פון ענדערונגען און פּרינציפּ פון באַשטענדיקייט. לויט העראַקליטן קומט אויס, אַז „אַלץ פליסט אין דער וועלט", אַלץ באַוועגט זיך, אַלץ ענדערט זיך, קיין שום זאַך איז ניט אומבאַוועגלעך, אומענדערלעך, באַשטענדיק. לויטן קהלת איז, פאַרקערט, ניטאָ קיין שום נייעס אונטער דער לבנה, אַלץ חזרט זיך איבער אָדער בלייבט אומגעענדערט. אין דער אמתן אָבער איז די וועלט ווי אַ גאַנצע און די געשיכטע פון דער וועלט ווי אַ גאַנצע — אַ בילד פון אומאויפהערלעכע ענדערונגען אין די רייען פון איבערחזרונגען, וועלכע זיינען ענלעך, אָבער ניט אידענטיש.

במשך פון אומענדלעכע דורות און אויף דער לענג פון אָנסופיקע שטחים קען די וועלט־געשיכטע אָננעמען פאַרשידנאַרטיקע מינים אַספּעקטן, אין קאָמפּלעקס פון אַן אַ שיעור אַלערליי קאָמבינאַציעס, וואָס שאַפן זיך אינם געוועב פון די ניט־אידענטיש ענלעכע איבערחזרונגען.

דער מענטש איז אַן אַטאָם אינם וועלט־אַטאָם. ער זוכט צו פאַרשטיין זיך אינם פאַרשטיין פון דער וועלט. ער זוכט עפּעס בעסערס אין

די פּראָגרעסיווע איבעראַנדערשונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער קולטור. ער זוכט ענדערונגען אין די אַרומיקע באַדינגונגען און אין דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, ענדערונגען וואָס זאָלן ברענגען צום פאַרווירקלעכן אַ געוויסן אידעאַל. די נטיה צו ענדערונגען, רעפאָרמירונגען וועט מוזן זיך אָפּשטעלן ערשט ווען עס וועט דערגרייכט ווערן די אומענדלעכע פולקאָמענהייט פונם מענטשן און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער אַזאַ „אומענדלעכע פולקאָמענהייט" איז זיך ניט פאָרצושטעלן, איז ניט צום פאַרווירקלעכן, ניט צום דערגרייכן. און וויבאַלד די פולקאָמקייט פעלט — און זי וועט דאָך קיינמאָל ניט זיין, — שפּירט דער מענטש אַ נטיה צו ענדערן די לעבנס־באַדינגונגען, אויסצובעסערן זיי אין דער ריכטונג פון זיין אידעאַל. ניט צום איינהאַלטן וואָס ס'איז פאַראַן — שטרעבט ער — אין אַ צושטאַנד פון אומגעענדערטקייט, אומבאַוועגלעכקייט אָדער איינטאָניקער איבערחזרונג; נאָר צו פּראָגרעסיווע ענדערונגען אין לעבן, צו אַ שעפעריש איבעראַרבעטן און איבערמאַכן דאָס לעבן — שטרעבט ער. ער מאַכט געשיכטע.

באַוואוסטזיניק מאַכן געשיכטע קען מען אָבער נאָר ווען מען רעכנט זיך מיט די לעקציעס פון דער געשיכטע אָדער מיט דער געשיכטלעכער דערפאַרונג. עס איז נויטיק וויסן און באַוואוסטזיין. אַנדערש, גייט אַוועק דעם מענטשנס טעטיקייט ניט מיט דער ליניע פון באַוואוסטזיניקער געשיכטע, נאָר אין די ראַמען פון חיהשער עקסיסטענץ, זי גייט דעמאָלט ניט אַרויס פון דער פינצטערער מלוכה פון זאָאָלאָגיע.

די לעקציעס פון געשיכטע! פון צוויי געשיכטע־געביטן ווערן זיי געשעפּט: ראשית, פון דער געשיכטע פון פעלקער און מענטשהייט; שנית, פון דער געשיכטע אין דער נאַטור.

צווישן דער איינער און דער אַנדערער געשיכטע עקסיסטירט אַ פּאַראַלעליזם אין די פּראָבלעמען, אויפגאַבן און ענטפערס. זיי באַלויכטן קעגנזייטיק איינע די אַנדערע, און עס לאָזט זיך דאָ מאַכן זייער באַלערנדיקע צונויפשטעלונגען.

און דאָ ווייזט זיך אַרויס דער הויפּט־אונטערשיד צווישן דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און געשיכטע אין דער נאַטור: אין דער וועלט פון דער נאַטור זעען מיר ניט ניט קיין באַוואוסטזיניקייט, ניט קיין צילן, ניט קיין מאָראַל און ניט קיין אידעאַלן (אויב מ'זאָל נאָר אַוועק אין אַ זייט פון די טעלעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס און נאַטוראַליסטישן פּראָווידענציאַליזם, וועגן וועלכע ס'וועט זיך ווייטער רעדן). די געשיכטע אין דער נאַטור ווייס נאָר פון „נויטווענדיקייטן", וועלכע דריקן זיך אויס אין געוויסע פאָרמולעס פון דעטערמיניזם; די מענטשישע טעכניק באַזירט זיך נאָר אויף אויסנוצן דעם דעטערמיניזם פון די „נאַטור־געזעצן". די געשיכטע אָבער פון דער

מענטשהייט און פון די פעלקער ווייס, פאַרקערט, ניט נאָר פון גויטוועג־דיקייטן, נאָר אויך פון פרייהייט. אינם אַוועקשטעלן און לייזן אָט די פראַגן — איז פאַראַן, ביים גאַנצן פאַראַלעליזם, אַ סיסטעם פון אונטער־שידן.

ראשית כל, איז דער געשיכטע פון פעלקער און מענטשהייט פרעמד יענער אייזערנער דעטערמיניזם פון נויטווענדיקע איבערחזרונגען — צי אין באַוועגונג, צי אין צושטאַנד פון אומבאַוועגלעכקייט, — וועלכער עק־סיסטירט ביי דער געשיכטע אין דער נאַטור. און דערפאַר ווייס די גע־זעלשאַפטלעכע געשיכטע ניט נאָר איבערחזרונגען, נאָר אויך ענדערונ־גען, וואָס זיינען דער תוך פון באַוואוסטזיניקן פראַגרעס. אין רעזולטאַט פון דער לאָגיק אַליין אין אָט דעם אונטערשיד, טוט די נאַטור־געשיכטע באַלויכטן דעם וועג צום פאַרשטיין די מענטשהייט־געשיכטע, אירע טענ־דענצן, מעגלעכקייטן און פערספעקטיוון. קאָנפראָנטירט מיט דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט, זאָגט די געשיכטע אין דער נאַטור עדות לטובת דער ערשטער: די כאַראַקטער־אייגנטימלעכקייטן פון דער מענטשהייט־געשיכטע באַווייזן דעם אונטערשיד אין די וועגן און מעגלעכקייטן.

איינע פון די הויפּט־אונטערשידן צווישן ביידע טיפּן געשיכטע באַ־שטייט אין די מעגלעכקייטן פּאַרויסצוזען. אין תוך גענומען, גייט די גע־שיכטע פון דער מענטשהייט אַריין, ווי אַן אינטעגראַלער טייל, אין דער גע־שיכטע פון דער וועלט ווי אַ גאַנצע, אין דער אינטעגראַלער געשיכטע. וואָרעם דער מענטש איז אַן אַטאָם פונם וועלט־אַטאָם, און די געשיכטע פון דער וועלט שליסט דאָך איין די געשיכטע פון אירע באַזונדערע אַטאָמען. אָבער די געשיכטע פון דער וועלט איז אַ סומע פון פאַרשידענע געשיכטעס, אין אַ געוויסן זינען — די „געשיכטע פון געשיכטעס". די סומע שפּיגלט אָפּ די אייגנטימלעכקייטן און די אונטערשידן פון די טיילן. אין דער גע־שיכטע פון דער פיזישער וועלט קען דאָס פאָרויסזען טראָגן אַ כאַראַקטער פון אומבאַדינגטן פאָרויסזען, פון פאָרויסזען די קומענדיקע געשעענישן, וועלכע מוזן אומפאַרמיידלעך אָנקומען; בעת אין דער געשיכטע פון דער מענטשישער געזעלשאַפט קען דאָס פאָרויסזען טראָגן, אין געוויסע גרענעצן, דעם כאַראַקטער פון אַ באַדינגלעכן פּראָגנאָז, וואָס זיין פאַרווירקלעכונג קאָן אָפּהענגען פון דעם מענטשנס באַוואוסטזיניקער אַריינמישונג און איניציאַ־טיוו. דער היסטאָרישער פּראָגנאָז אַליין קען אַריין ווי אַ רינג אין דער קייט פון קאַוזאַליטעטן, וועלכע העלפן צו פאַרווירקלעכן איינע און צו פאַרמיידן אַנדערע געשעענישן, וואָס גייען באַדינגלעך אַריין אינם איינ־האַלט פונם פּראָגנאָז. דער היסטאָרישער פּראָגנאָז איז, אין זיין באַדינג־לעכער פאָרם, ביכולת אָנצואווייזן וועגן, ווי אַזוי אויסצומיידן יענע איבער־חזרונגען אינם גורל פון די געזעלשאַפטן, וואָס באַטייטן אַ רעגרעס־באַווע־

גונג, אַ צוריקקער צום פריערדיקן נידעריקן צושטאַנד פון די ציוויליזאַציעס, אַנשטאָט צו גיין פאָרויס מיטן וועג, וואָס דער אידעאַל ווייזט אָן. אַזאַ מין פראָגנאָז איז אַ מעכטיק געווער אינם אויפבויען אַ פאַרשטענדיקע, באַוואוסטזיניקע געשיכטע אַנשטאָט אָנפריידיקער זאָאָלאָגיע.

„די געשיכטע איז דער שפיגל פון די פעלקער". דער דאָזיקער אַפאָריזם, וועלכן עס האָט אַרויסגעזאָגט אַ רוסישער היסטאָריקער, באַהאַלט אין זיך אַ געדאַנק, וואָס איז נאָך אין אוראַלטער, אין 2טן י"ה פ"ק, אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורכן גריכיש־רוימישן היסטאָריקער פאָליביוס. דער דענקער פון דער נייער צייט, אָגיוסט קאָנט, האָט פאָרגעלייגט די באַקאַנטע פאָרמולע: „וויסן — כדי פאָרויסצוזען; פאָרויסזען — כדי צו האַנדלען". פאָרויסזען, כדי צו האַנדלען! דאָס באַטייט בפרט: אויפן גרונט פון אַנאַלאָגיעס, וואָס עקסיסטירן אין דער געגעבענער לאַגע צווישן איצטיקן מאָמענט און אייניקע ענלעכע לאַגעס אין דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, זאָל מען מאַכן אויספירן וועגן דער מעגלעכקייט פון באַשטימטע קאָנסעקווענצן און זען האַנדלען אין דער ריכטונג אָדער פון פאַרווירקלעכן, אָדער פון, פאַרקערט, אויסמיידן די קאָנסעקווענצן. דאָס הייסט, בפרט, אָפגעבן זיך אַ חשבון וועגן די פעלערן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט און וואָס האָבן געבראַכט צו קאַטאַסטראָפעס, און אויפן סמך פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג שטרעבן אויסצומיידן די פעלערן און אָפּווענדן די קאַטאַסטראָפעס (ווי למשל די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך אַנטפלעקט אינם איצטיקן מאָמענט, וואָס מיר לעבן איבער). דאָס באַטייט אויך — ניט אָנערקענען דעם פאַטאַליזם פון די געשעענישן אין געשיכטע און לאָזן אין גאַנג אַ געשיכטלעך־באַלויכטענעם דינאַמיזם פון באַוואוסטזיניקער אַריינמישונג און באַוואוסטזיניקער איניציאַטיווע אינם פאַרלויף פון די געשיכטלעכע געשעענישן. דאָס באַטייט שאַפן דעם באַוואוסטזיניקן אַקט פון פראָגרעס.

די אידעע פון פראָגרעס אַנטהאַלט אין זיך אַ פאָרשטעלונג וועגן דער באַוועגונג פון דער געשיכטע אין אַ באַשטימטער ריכטונג. די דאָזיקע ריכטונג ווערט באַשטימט דורך די פאָזיטיווע מעגלעכקייטן צו פאַרווירקלעכן אונזער געזעלשאַפטלעכן אידעאַל און דורך די פערספעקטיוון פון דערנענטערן זיך צום פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל אין לעבן. די היסטאָרישע געשעענישן און פרינציפן, וואָס ווערן געלייגט אין יסוד פון אונזער אַריינמישונג אין גאַנג פון געשיכטע, ווערן אָפגעשאַצט פונם שטאַנדפונקט פון די קריטעריומס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם, ווי מיר פאַרשטייען דעם אידעאַל. די פראָבלעמען פון אידעאַל פאַרנעמען אַן אויטאָנאָמע לאַגע צוגלייך מיט די פראָבלעמען פון פאָזיטיוון פאַרשטיין די

געשיכטע. אין דער פּראַקטישער אַקציע, אין לעצטן אינסטאַנץ, גייט דער אימפּולס צו אַקטיוויטעט אַרויס פון די געבאָטן פונם אידעאַל.

פונם אויבן־געזאָגטן באַקומט זיך, אַז דאָס שטודירן — אין ליכט פון די געשיכטע־לעקציעס — דעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל און די פראַגן וועגן זיין מעגלעכער פאַרווירקלעכונג אין לעבן, נעמט אַרום דריי פאַר־שונגס־געביטן:

אין דער ערשטער ריי, שטייט די אויפגאַבע צו שטודירן דעם גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין דער מענטשישער געזעלשאַפט — פונם שטאַנדפּונקט פון די קריטעריומס פון אונזערע אידעאַלן, אין שייכות מיטן אָפּשאַצן פאַרשידענע מאָמענטן אינם געענדערטן אינהאַלט פון דער געשיכטע. צוגלייך מיט די אַלגעמיינע פראַגן, וואָס באַציען זיך צום כאַראַקטער פון דער עוואָלוציע פון די מענטשישע געזעלשאַפטן, באַקומט אַ באַזונדער באַדייט די פּראָבלעם צו שטודירן די אינעווייניקסטע און אויסנ־ווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען אין די סאָציאַלע באַציאונגען, די אַנטאַגאָניזמען, וואָס האָבן געשפּילט און שפּילן איצט אַ קאַפּיטאַלע ראָלע אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט.

ווייטער קומט דאָס שטודירן יענע פּראָבלעמען, וועלכע באַציען זיך צו דער געשיכטע אין דער נאַטור. אַחוץ דעם זעלבשטענדיקן פילאָזאָ־פישן אינטערעס בנוגע די פראַגן וועגן געשיכטע אין דער נאַטור, וועט זייער שטודירן אין אַ גרויסער מאָס העלפן געהעריק צו פאַרשטיין אַ צאָל פּראָבלעמען, וואָס קומען אויף אין דער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע. סיי די ענלעכקייט און סיי דער אונטערשיד ביים אָנוועקשטעלן און ביים לייזן די פראַגן איןביידע געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס, רוקט אַרויס באַלערנדיקע פאַרגלייך־שטעלונגען און עפּנט מעגלעכקייטן פאַר פּרוכטבאַרע אויספירן און שלוסן.

ענדלעך, עס רוקט זיך אַרויס אַ גרויסע פּראָבלעם צו שטודירן דעם אידעאַל אַליין, אין היסטאָרישער באַלויכטונג. דער אָרגאַניזם פונם אי־דעאַל, זיין „אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע", דאַרפן אויפגעדעקט און אויפ־געקלערט ווערן, מיט אַלע אייגנשאַפטן פון זיין מאָראַלישער נאַטור, פון זיין סאָציאָלאָגישן אינהאַלט און פון דער סטאַבילקייט פון די גרונט־פּרינ־ציפּן אינם פאַרשידנאַרט פון די היסטאָרישע באַדינגונגען און קאָניונק־טורן — ביי דער קאָנקרעטער סיטואַציע.

אין נעגאַטיוון טייל, באַשטייט די פאָרמולע פון אַ העכערן סאָציאַלן אידעאַל אין דעם, עס זאָלן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן באַזייטיקט ווערן אַלע פאָרמען פון אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטישער סאָ־ציאַלער אומגלייכהייט; אין פּאָזיטיוון טייל באַשטייט זי אין דעם, עס זאָלן באַשאַפן, איינגעהיטן און פאַרפולקומט ווערן די פאָרמען פון סאָלידאַריש־

קייט און קאָאָפּעראַציע, וואָס זאָלן פאַרזיכערן די פאַרבינדונג פון העכסטער פרייהייט מיט העכסטע פאָרמען פון סאָציאַלער טעכניק, כדי צו באַפרידיקן אין פולער מאָס די באַדערפענישן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און פון אירע באַזונדערע מיטגלידער.

די דאָזיקע פאָרמולע דאַרף מען ניט נאָר באַרעכטיקן, נאָר אויך טיף אויסטייטשן אין פרט פון האַרמאָניש צוזאַמענבברענגען די נאָרמעס, וואָס גייען אַריין אין איר אינהאַלט, ווי אויך אין פרט פונם פּאָסטולאַט פון אינע־וויניקסטער פערמאַנענטישקייט אינם גאַנצן געענדערטן פאַרשידנאַרט פון די קאָנקרעטע מאָמענטן אין דער היסטאָרישער עוואָלוציע. די פּאָזיטיווע ווויסנשאַפט, די מאָראַל און די געשיכטע שטייען ווי שומרים איבער דעם געבוי פונם פונדאַמענט און פונם גאַנצן טעמפּל פון געזעלשאַפטלעכן אידע־אַל און זיין טעאָריע, וועלכע קלערט אויף דאָס, וואָס איז געווען און וואָס דאַרף זיין, אין הסכם מיט אירע דירעקטיוון, ווי אַזוי צו שאַפן באַוואוסט־זיניקע פּראָגרעסיווע געשיכטע.

ווען די אינטעגראַלע דאָקטרינע פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל איפּ־געגנומען וועט ווערן לכל־הפחות דורך דער אָנפירנדיקער עליטע פון דער מענטש־הייט — אויב ניט דורך איר גאַנצער מאַסע, — וועט דאָס דינען ווי אַ באַזע פאַר אַ פעסטער וועלט־אַנשויאונג פון אַלע דענקענדיקע אַקטיווע געזעל־שאַפט־עלעמענטן; דאָס וועט אויך דינען פאַר אַ געווער פון באַוואוסטזיני־קער היסטאָרישער שאַפונג פאַר כסדרדיקן פּראָגרעס, אָן פויזעס און צו־ריקקערן, אָן קאַטאַסטראָפעס, אָן דעם, אַז די געשיכטע זאָל אַריינפאַלן אין צושטאַנד פון זאַלאַגיע, נאָר זי זאָל אויסנוצן די פּאָזיטיווע מעגלעכקייטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין די אומגעהויערע האָריזאָנטן פאַר אַ מאָראַלער און סאָציאַלער עקסיסטענץ פון אַ פאַרשטענדיקער מענטשהייט.

# ערשטער בוך

## די געשיכטס - פּראָבלעמען פון
## דער מענטשישער געזעלשאַפט

## קאַפּיטל איינס

# דער מהות פון געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס

אויף אַ פּשוטן אופן קאָן מען פאָרשטעלן די געשיכטע פון דער מענטשהייט און פון די פעלקער אין פאָרם פון אַ דרייפאַכער סכעמע: באַוועגונג פאָרויס; באַוועגונג צוריק; אומבאַוועגלעכקייט, אָדער אַ סטאַציאָנאַרער צושטאַנד. די רעאַלע געשיכטע איז, פאַרשטייט זיך, קאָמפּליצירטער, און די אָנגעוויזענע דריי צושטאַנדן קענען זיך דורכפלעכטן.

אין דער פיזישער וועלט דאַרף מען פאַרשטיין די פאָרויס־באַוועגונג און די צוריק־באַוועגונג נאָר קאָנדיציאָנעל, אַזוי ווי אַ קוואַליפיצירונג פון די באַוועגונגס־צושטאַנדן, ווי רעלאַטיווע אין זייער קעגנזעצלעכקייט. אין דער מענטשישער געשיכטע אָבער דאַרף מען באַטראַכטן דעם דאָזיקן אונטערשיד ווי אַן אונטערשיד אין סאַמע תוך, באַזירט אויפן אָפּשאַצן די צושטאַנדן — פונם קוקווינקל פון די פּאָזיטיווע קריטעריומס פונם אידעאַל. אַלץ, וואָס דערנענטערט די געזעלשאַפט, אין איר עוואָלוציע, צו דער שלמות פונם אידעאַל, ווערט באַטראַכט ווי אַ באַוועגונג פאָרויס. אַלץ ווידער, וואָס דערווייטערט די עוואָלוציאָנירנדיקע געזעלשאַפט פון דער פאַרווירקלעכונג פונם אידעאַל, דאַרף מען, פאַרקערט, אָפּשאַצן ווי אַ באַוועגונג אויף צוריק. צום סוף, דער צושטאַנד פון אומבאַוועגלעכקייט באַטייט, אַז עס פעלט עוואָלוציע אין דער אָדער אַנדערער ריכטונג.

אַרויסגייענדיק פון די קריטעריומס פונם אידעאַל, דעפינירן מיר די דריי אָנגעוויזענע צושטאַנדן — די באַוועגונג פאָרויס, די באַוועגונג אויף צוריק און די אומבאַוועגטקייט — ווי פּראָגרעס, אָדער רעגרעס, אָדער ווי אַ שטילשטאַנד אינם לעבן פון דער געזעלשאַפט.

דער שבט פון מענטשן־פרעסעריי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון קאַניבאַליזם צוליב רעליגיעזער שרעק אָדער אונטער דער ווירקונג פון אַנטוויקלטע הומאַניטאַרע געפילן. אין דער עפּאָכע פון פאַרגרעסערטער געפאַר מצד אויסלענדישע דעראָבערער, האָבן די אַלט־גריכישע רעפּובליקן געשאַפן פאַרבאַנדן אָדער פעדעראַציעס, כדי איינצוהאַלטן שלום צווישן די פעדערירטע מיטגלידער און פאַרשטאַרקן די פעדעראַציעס, זיי זאָלן זיך קענען פאַרטיידיקן פון די אָנגריפן אויף דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון די פאַרבינדעטע רעפּובליקן. אין אַטען האָט מען אַראָפּגעוואָרפן

די טיראַניע און געגרינדעט אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. אין סך־הכּל פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פון פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און מאָראַלישע סי־בות — איז אין אייראָפּע צוביסלעך פאַרשוואונדן שקלאַפעריי, און שפּעטער איז דאָ אויך געקומען די פאַרניכטונג פון לייב־אייגנטום. די אַנטוויקלונג פונם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק האָט, במשך פון דורות, געבראַכט צום פאַר־פעסטיקן אַ ראַציאָנאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג און צום באַפרייען דעם גייסט פון אונטער דעם דריקנדיקן פאַנטאָם פון אָבערגלויבן. אין דער תקופה פון רעפאָרמאַציע האָבן, ווי אַ רעפּליק קעגן די רעליגיעז־פּאָלי־טישע רדיפות, אויפגעבליט דאָקטרינעס, וועלכע האָבן אָוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דער אידעאָלאָגיע פון דעמאָקראַטישן גלויבן, פון פּאָליטישער פרייהייט, פון פאָלק־סאָוועראַניטעט, פון מענטשן־ און בירגער־רעכט, — דאָקטרינעס, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער אַנט־שטייאונג פון די באַפרייאונגס־קאַמפן אין אַמעריקע און אייראָפּע. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און אירע פאָלגן האָבן געבראַכט צו דעם, עס זאָלן פאַרשווינדן די לעצטע רעשטן פון פעאָדאַל־רעכט און עס זאָלן זיך איינשטעלן פרייע רעזשימען אין אַ צאָל ציוויליזירטע לענדער. די אַנטוויק־לונג פונם וויסנשאַפטלעכן און טעכנישן געדאַנק האָט געבראַכט צו אַ סך דערפינדונגען אין מאַשיניזם, אין כעמיע און אין אַנדערע געביטן פון פּראַק־טישן וויסן; רעוואָלוציאָניזירנדיק די אינדוסטריע, האָבן די דאָזיקע דער־פינדונגען געשאַפן אומגעהויערע מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרלייכטערונג, אינטענסיווירונג און קאָאָפּערירונג פון מענטשישער אַרבעט, — ממילא פאַר דער מאַטעריעלער פאַרבעסערונג פונם מענטשנס לעבן. די פאַבריק־געזעצגעבונג, פון איין זייט, און די באַמיאונגען פון די אַרבעטער־פאַראיינען, פון דער אַנדערער זייט, האָבן געבראַכט דעם אַרבעטער־קלאַס אַ מאַטעריע־לע פאַרבעסערונג, פריער אין ענגלאַנד און שפּעטער אויך אין אַנדערע לענדער; זיי האָבן אַלץ העכער אויפגעהויבן די אַרבעטנדיקע מאַסן אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און מאָראַלישן זינען, מיט אַלע מעגלעכע וואויל־טעטיקע פאָלגן און פערספּעקטיוון פון אַ מעגלעכן אויפשטייג פון דער גע־זעלשאַפט און איר סטרוקטור צו די הייכן, וואָס זיינען אויסגעמאָלט און דערגרייכלעך דורכן אידעאַל. די רעוואָלוציעס און דער קאַמף פון די פאָלקס־פּאַרטייען האָבן פאַרווירקלעכט אַ צאָל פּאָליטישע רעפאָרמעס, וועלכע האָבן איבערגעענטפערט די מאַכט צו די דעמאָקראַטישע כּוחות, צעשטערנדיק די אויטאָריטאַר־מיליטאַריסטישע און אויטאָריטאַר־פּאָלי־ציייִשע רעזשימען; אַזוי אַרום האָבן זיי געעפנט אַ תקופה פון מעגלעכע טיפע סאָציאַלע פאַרבעסערונגען, וואָס הייבן אויף די געזעלשאַפט און די מאַסן אויף אַ העכערע מדרגה פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, אין דער ריכ־טונג צום פאָרמולירטן אידעאַל. אָט דאָס אַלץ — זיינען ביישפּילן פון

פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, וועלכע רעאַליזירט די דערגרייכונגען און דעם וואוקס פון אַזעלכע סאָציאַלע און קולטור־ווערטן, ווי פרייהייט, מענטשן־ און פעלקער־סאָלידאַרישקייט, גייסטיקער קאַפּיטאַל, מאַטעריעלער וואוילשטאַנד פון די מאַסן, באַזייטיקונג פון די אָדער אַנדערע אונטערדריקונג־ און עקספּלואַטאַציע־פאָרמען, הויכע טיפן פון טעכנישער און סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע, מאָראַלער פאַרמעגן פון דער מענטשהייט.

אין רעזולטאַט פון שוידערלעכע מלחמות, במשך פון דורות, פלעגט אָנקומען אַ צושטאַנד פון פאַרגרעבטקייט, פאַרווילדונג, פאַראָרעמונג און פאַרפינצטערונג פון די ציוויליזאַציעס. געווען אַפילו פאַלן, ווען — ווי למשל נאָכן 30־יאָריקן קריג אין דייטשלאַנד — עס האָט זיך צוריק אָנגעהויבן מענטשן־פרעסעריי. דאָרט וואו פריער האָט געהערשט פרייהייט, זיינען אויפגעקומען דעספּאָטיעס. ווי אַ פועל־יוצא פון פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף אין אוראַלטן גריכנלאַנד (אַ קאַמף צווישן די „רייכע" און „אָרעמע")איז פאַרניכטעט געוואָרן די פרייהייט, און פילצאָליקע טיראַניעס זיינען אויפגעקומען. אין אוראַלטן רוים, ביי די באַדינגונגען פון וואַקסנדיקער מיליטאַריזאַציע, האָט דער פּאַרטייען־קאַמף דערפירט צום אונטערגאַנג פון דער רעפּובליק און צום נצחון פון גרויזאַמען צעזאַריזם. די פּיסקאַלע פּאָליטיק פון דער רוימישער אימפּעראַטאָרן־מאַכט האָט אין סך־הכל פאַרוואַנדלט פיל פרייע בירגער צו האַלב־פרייען לייבאייגנשאַפט־צושטאַנד. דער פּאָליטישער דעספּאָטיזם, די ווירקונגען פון דער נייער רעליגיע און די אַלץ־וואַקסנדיקע אַריינדרינגונג פון די באַרבאַרן אין דער אימפּעריע — האָבן געהאָלפן צעשמעטערן די אוראַלטע וועלט און פאַרניכטן די קולטור, רעכט, וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, טעכניק און אַנדערע ווערטפולע דעראָבערונגען פון אוראַלטער. שפּעטער ווידער, אין דער שטרעבונג צו באַשאַפן אַן אָרדענונג אין דער פּערמאַנענטער אומאָרדענונג, איז געבוירן געוואָרן דער פעאָדאַליזם, מיט זיין אויסטערלישער היעראַרכיע פון מאַכט און פאַרקנעכטונג, מיט די כסדרדיקע מלחמות, וואָס זיינען געוואָרן אַ מין ספּאָרט־באַדערפעניש, מיט זיינע בלוטיקע גרויזאַמקייטן, מיט זיין פויסט־רעכט, מיט זיינע דעגראַדירונגען און חורבנות. אין די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע רעפּובליקן זיינען אין פאַרשידענע פעריאָדן געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן דאָס פעאָדאַלע פריצטום, די העכערע, מיטעלע און נידעריקע גרופּעס פון דער קאָרפּאָראַטיוו־אָרגאַניזירטער בורזשואַזיע, און שפּעטער די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון שטאָטישן פּלעבס; האָט דאָ דער קלאַסן־קאַמף אָפט דערפירט צו דער פאַרניכטונג פון פרייהייט, צום טריאומף פון טיראַנען און קאָנדאָטיערן, און צו דער פאַרפעסטיקונג פון מאָנאַרכיעס. דער וואוקס פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און פונם קלערס מאַכט האָבן אין דער קאַטוילישער וועלט געבראַכט די דערשטיקונג פון פרייען געדאַנק,

רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, אינקוויזיציע און שייטער־הויפנס; אין דער מוסולמענישער וועלט האָט עס געבראַכט דעם טריאומף פון דער פינצ־טערער אָרטאָדאָקסיע איבערן געדאַנק פון די ראַציאָנאַליסטישע שולן, און די פאַרניכטונג פון אַלע פריידענקענדיקע; אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט בכלל האָט עס געבראַכט צו בלוטיקע רעליגיעזע מלחמות און צום איינשטעלן נייע פאָרמען פון דערדריקנדיקער הערשאַפט.

נאָכדעם ווי די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געעפנט האָ־ריזאָנטן פאַר דער באַנייאונג פון דער וועלט אויף די יסודות פון „פריי־הייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט״, האָט זיך איינגעשטעלט אַ תקופה פון רעסטאַווראַציע, „לעגיטימיזם״ און „קאָנטער־רעוואָלוציע״, — עס זיינען ליקווידירט געוואָרן די פילצאָליקע געווינסן פון דער רעוואָלוציע און עס האָבן זיך אומגעקערט די אַלטע פאָרמען פון פאַרקנעכטונג און אונטער־דריקונג־היעראַרכיע. דער פאַרגאַנגענער יאָרהונדערט האָט געוואוסט פון אַ סך רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס. אין רעזולטאַט פון אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און פון דער דעגראַדירונג פון די דעמאָקראַ־טישע עליטעס, האָבן אין אַ צאָל לענדער געזיגט באַרבאַרישע דיקטאַטורן און בלוטיקע רעזשימען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אונזער היינטיקע קאַ־טאַסטראָפע און די סכנה אומצוקערן די מענטשהייט צוריק צום צושטאַנד פון אומגעהויערער מאָראַלישער און פּאָליטישער ווילדקייט. אָט דאָס זיי־נען אַלץ ביישפילן פון רעגרעס־באַוועגונגען, וועלכע טרעפן, צום אומ־גליק, אַזוי אָפט אין דער געשיכטע.

די באַוועגונג אין דער ריכטונג פון פּראָגרעס, ווי זיינס אַ פאַקטישע מעגלעכקייט, אונטערשיידט אין אַ וויכטיקער פאָרם די באַוואוסטזיניקע געשיכטע — פון דער זאָאָלאָגיע. פּראָגרעס באַטייט — העכערן און פאַר־פולקאָמען דאָס לעבן ווי אַ פועל־יוצא פון באַוואוסטזיניקער איבעראַנדער־שונג. די היסטאָרישע דערפאַרונג, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון איין דור צום צווייטן, באַרייכערט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן מיט וויסן, מיטלען און טעכנישע מעטאָדן; זייער אַנטוויקלונג, — וואָס נאָרמאַל וואַקסט זי כסדר, אויב עס זיינען ניטאָ קיין שטערנדיקע און פאַרהאַלטנדיקע פאַק־טאָרן, — שטעלט טאַקע פאַר דעם מהות פון מאַטעריעלן און מאָראַלן פּראָ־גרעס. ביי די חיות־געזעלשאַפטן שפּילן וויסן און באַוואוסטזיין אַ לערך גאָר נישטיקע ראָלע, די היסטאָרישע דערפאַרונג קען דאָ האָבן אַ גאָר באַ־גרענעצטע אָנווענדונג. אין אַ געוויסער מאָס קומט זי צום אויסדרוק אין דער מיסטעריעזער ווירקונג פונם אינסטינקט. און דערפאַר איז דער זאָאָלאָגיע פרעמד יעדער מין פּראָגרעס. פאַרקערט ווידער, אין דער מענטשלעכער געשיכטע וואָלט פּראָגרעס געדאַרפט זיין אַ נאָרמאַלער און פערמאַנענטער פּראָצעס, ווען עס וואָלט ניט געווירקט אַ ריי כוחות און

מאָטיוון, וואָס שטעלן אים אַ ווידערשטאַנד. ווייזט זיך די דאָזיקע ווירקונג אַרויס אין אַ געגנט שטאַרקער מאָס ,יעמאָלט קומט אַ פּעריאָד פון שטילשטאַנד אָדער רעגרעס.

וואָס זשע זיינען דאָס פאַר אַ כוחות און מאָטיוון, וואָס שטעלן זיך אויפן וועג פון פּראָגרעס?

לויט אייניקע טעאָריעס, וועלכע מיר וועלן שפּעטער באַטראַכטן, דאַרף מען רעגרעס און פּראָגרעס האַלטן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע קאָנטראַסט־טערמינען פון איין פּעריאָדישן ציקל, אַט אַזוי ווי, למשל, די איינס נאָכן אַנדערן קומענדיקע עלטער פון יונגשאַפט און זיקנה — אינם אָרגאַניזם. וואָלטן די דאָזיקע טעאָריעס געווען ריכטיק, וואָלט מען די רעגרעס־פּעריאָדן געדאַרפט האַלטן פאַר פּונקט אַזוי נאָרמאַל און פאַטאַל, ווי די פּראָגרעס־תקופות. ווי אַזוי זשע זאָל מען דעמאָלט דערקלערן און אויסטייטשן די פאַרטונקלונגען אין דער באַוואוסטזיין־אַקציע און אינם אָנווענדן די היסטאָרישע דערפאַרונג בעת די תקופות פון צוריק־באַוועגונג?

די געזעלשאַפט באַשטייט פון אינדיווידואומס. יעדער אינדיווויד איז אַן אָרגאַניזם, וואָס זיין ביאָגראַפיע הענגט אָפּ סיי פון זיינע פּערזענלעכע מעלות, סיי פון זיין סאָציאַלער סביבה. ווי אַן אָרגאַניזם, איז דער יחיד אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג. די מינים פון די אָרגאַניזמען האָבן אויך זייער געשיכטע, און די פּאַלעאָנטאָלאָגיע זאָגט עדות, אַז אין פאַרשידענע געאָלאָגישע עפּאָכעס פון דער ערד־געשיכטע האָבן געוויסע מינים חיות־אָרגאַניזמען זיך באַוויזן, זיך אַנטוויקלט און דערנאָך פאַרשוואונדן, כדי אָפּצוטרעטן פּלאַץ פאַר אַנדערע מינים אָרגאַניזמען. שטעקט דאָ אַן אינערלעכע סיבהדיקייט, ענלעך צו דער עוואָלוציע פונם אָרגאַניזם, מחמת אינעווייניקסטע פאַקטאָרן, אין הסכם מיט דער טעאָריע פון אָלאָגענעז, אָדער שטעקט דאָ די ווירקונג פון דער סביבה און די השפּעה פון די אויסערלעכע לעבנס־באַדינגונגען, לויט דער טעאָריע פון העטעראָגענעז? די דאָזיקע פראַגע בלייבט דערווייל נאָך אין געביט פון דיסקוסיע. אָבער אין אָרדענונג פון טעאָרעטישן פּאַראַלעליזם קאָן מען היפּאָטעטיש דערלאָזן, אַז די אינדיווידן פון אַ באַשטימטן מין, וואָס פון זיי באַשטייט די געזעלשאַפט, מאַכן אפשר דורך, אין פאַרלויף פון דער צייט, אַ געוויסע אָרגאַנישע עוואָלוציע פון פּעריאָדישן אָדער אַ־פּעריאָדישן כאַראַקטער, און די עוואָלוציע שפּיגלט זיך אָפּ אויפן היסטאָרישן גורל פון דער מענטשהייט; מיט דעם וואָלט זיך, למשל, געלאָזט דערקלערן דער פּעריאָדן־אומבייט פון אויפבלי און ירידה אין די קולטורן, אָדער פון אויפשטייג און שטילשטאַנד אין וויסנשאַפטלעכן געדאַנק.

פון דער אַנדערער זייט אָבער, איז אויב אַזעלכע אָרגאַנישע ווירקונגען וואָלטן באמת געהאַט פּלאַץ, טאָ ווער ווייס, אפשר וואָלטן די וויסנ־

שאַפט און טעכניק, דורך זייער „טעראַפּעוטישער" אַריינמישונג, געקענט אַנווענדן מיטלען אויף צו פאַרהיטן, עס זאָלן ניט אָנקומען די פּעריאָדישע אָנפאַלן פון „דעפּרעסיע־קראַנקייט". יעדנפאַלס מעג מען אַזאַ היפּאָטעזע, כאָטש זי איז געזעצלעך, נאָר דעמאָלט צילמאַסיק אַנווענדן, אויב מען האָט ניט קיין שום דערקלערונג פאַר די אַנדערע פאַקטאָרן און סיבות פון די רעגרעסיווע צושטאַנדן, פון סאָציאַלער און אַמאָל רייך־פיזישער נאַטור (ווי למשל אין פאַלן פון קאָסמישע קאַטאַסטראָפעס, ערדציטערנישן, פאַר־פלייצונגען וכד').

אין דער אמתן, איז עס גאָרניט אַזאַ שוועריקייט ניט צום גובר זיין; און הגם דער היסטאָרישער פּראָצעס איז קאָמפּליצירט, לאָזט זיך אין אַל־געמיין אויפקלערן די ירידה־פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט און פעלקער, אויפן גרונט פון די סאָציאַלע סיבות און איינפלוסן. רע־גרעס און פּראָגרעס — דאָס איז אַ פונקציע פון סאָציאַלע באַציאונגען צווישן מענטשן, וואָס בילדן אויס אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, און עס פעלט דאָ דער כאַראַקטער פון אַ וועלכן ס'איז אייזערנעם דעטערמיניזם.

אַריינטרעטנדיק אין אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, אָפּזאָגנדיק זיך פון אַן אומאָפּהענגיק איזאָלירט לעבן, שאַפן די מענטשן אַן אַסאָציאַציע, וועלכע דינט די וועזנטלעכע אינטערעסן פון איינגעשטעלטן לעבן — דורכ־דעם, וואָס זי פאַראייניקט די אינטערעסן, גאַראַנטירט די אינערלעך־גע־זעלשאַפטלעכע זיכערקייט, שאַפט קאָאָפּעראַציע אין דער פּראָדוקציע, שאַפט אַרבעט־פאַרטיילונג, גייסטיקע קאָמוניקירונג און קאָלעקטיווע שעפע־רישקייט. קולטורעלער פּראָגרעס — מאַטעריעל,ווירטשאַפטלעך, טעכ־ניש, פּאָליטיש, אינטעלעקטועל און מאָראַליש — איז דענקבאַר אַ דאַנק די פאָרמען פון סאָלידאַרישקייט, זיי זיינען דער באַזיס פונם סאָציאַלן פאַר־באַנד. היסטאָריש, אַרבעט זיך אויס דער פּראָגרעס אויפן יסוד פון דער סאָלידאַרישקייט־פאַרבינדונג, וועלכע כאַראַקטעריזירט די נאַטור פונם געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד.

פון דער אַנדערער זייט אָבער, שאַפט דאָס אַסאָציאירטע לעבן פון די מענטשן — אַ מעגלעכקייט איינצושטעלן באַציאונגען, וואָס זיינען אין סתירה צום גייסט פון סאָלידאַרישקייט און דריקן זיך אויס אין אַ צאָל סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען. עס שאַפט זיך אַ היעראַרכיע, אַ צעטיילונג אין דער געזעלשאַפט, אַ גרופּן־דיפערענצירונג. עס שאַפט זיך אַן אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישן פאַרשידענע סאָציאַלע גרופּעס. עס שאַפט זיך אַ קאָנ־טראַסט פון שטרעבונגען און וועלט־באַנעמונגען. עס אַנטשטייט אַ קאַמף צווישן געזעלשאַפטלעכע גרופּעס. די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און די קאַמפּס־פאָרמען, וואָס זיי רופן אַרויס, באַטייליקן זיך אויף אַ וועזנטלעכן

אופן אינם דינאַמיזם פון די פּראָגרעסיווע און רעגרעסיווע צושטאַנדן פון דער געזעלשאַפט.

וואָס איז דער אויסגאַנג פונם קאַמף? וואו זיינען די זיגערס? וואו — די באַזיגטע? און וואָס זיינען די פועל־יוצאס פון דער עצם נאַטור פונם קאַמף?

די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז געווען אַן אָרענע פון כסדר־דיקע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע, קלאַסן־ און ראַסן־אַנטאַגאַניז־מען א״אַ. אין רעזולטאַט פון געוואַלט אָדער פון געשאַפענער ציווילער איינשטעלונג זיינען אויפגעקומען פאַרשידענע פאָרמען פון אונטערדריקונג, פאַרקנעכטונג, עקספּלואַטאַציע, פון פּאַראַזיטישער דערהויבונג פון אַ טייל גרופּעס איבער די אַנדערע. די געשיכטע פון דער מענטשהייט — דאָס איז אַ כראָניק פון ליידן, בלוט און טרערן.

אין געשיכטע קען ווירקן דער געזעץ פון אינערציע. די ליידן פון דער אונטערדריקונג און סאָציאַלער רשעות קענען זיך ציען אַן אומבאַ־שטימט לאַנגע צייט און ניט אַרויסרופן קיין שום רעאַקציע, קיין שום קאַמף מצד די קרבנות פון דער סאָציאַלער אָרדענונג. ווערן די באַדינ־גונגען פון דער ציווילער איינשטעלונג סטאַביל, דעמאָלט קענען זיי פאַר־בלייבן אומבאַוועגלעך און ניט שאַפן קיין דינאַמיזם, וואָס זאָל פירן צו רעפאָרמען און ליקווידירן אָדער פאַרקירצן דאָס שלעכטס אין די סאָציאַ־לע באַציאונגען און אויפהייבן די קולטור אויף אַ העכערער מדרגה פון אַנטוויקלונג, פון שטאַנדפּונקט פון סאָציאַל־מאָראַלישע ווערטן. די גייס־טיקע קולטור פון דער געזעלשאַפט קען פאַרבלייבן סטאַציאָנער און ניט אַרויסרופן קיין שום אימפּולסן אויף צו משפיע זיין די סאָציאַלע קולטור. דעמאָלט קומען עפּאָכעס פון אַ שטילשטאַנד, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויפן מצב פון דער געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצע, אָדער אויף אַ באַשטימטן מאָמענט פון דער סאָציאַלער היעראַרכיע, אָדער פון דער געזעלשאַפטלעכער קול־טור. די געשיכטע ווייס פון פילצאָליקע פאַלן פון אַלגעמיינעם קולטור־שטילשטאַנד און פון אַ לענגערער עקסיסטענץ פון דעספּאָטיזמען, טיראַ־ניעס, קלאַסן־אונטערדריקונג (שקלאַפעריי, פּאַנשטשינע), פון נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, ראַסן־ און קאַסטן־פאַרקנעכטונגען, אין אַן אַטמאָספערע פון מאָראַלער פּאַסיווקייט, און אַפילו אַז די קרבנות פונם שלעכטס האָבן אַליין פּסיכאָלאָגיש אַקצעפּטירט די לאַגע.

סאָציאַלע אַנטאַגאַניזמען קענען געבוירן ווערן אָדער אין רעזולטאַט פון אַנגעווענדטן געוואַלט, אָדער דורך דער באַוועגונג פון דער ציווילער איינשטעלונג, ווי למשל אין רעזולטאַט פון אומגלייכער פּאַרטיילונג פון די שאַנסן אויף עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד אין דער אינדיווידואַליסטישער גע־זעלשאַפט, וועלכע באַזירט זיך אויף פרייער קאָנקורענץ, און בפרט ביים

ירשענען די פּריווילעגירטע לאַגע אין דער עקאָנאָמישער היעראַרכיע. ווען די אָנווענדונג פון קראַפט און געוואַלט פירט איין די אָדער אַנדערע טיפן פאַרקנעכטונג, אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, און רופט דערביי ניט אַרויס קיין שום ווידערשטאַנד, אָדער ווען דער ווידערשטאַנד פון די אונטערדריקטע האָט ניט קיין דערפאָלג, דעמאָלט באַקומט זיך אַ רעגרעס. פּונקט אַזוי איז, ווען די פאַרקנעכטונגס־היעראַרכיע און דער סאָציאַלער פּאַראַזיטיזם ווערן געבוירן דורך באַדינגונגען פון דער ציווילער איינשטעלונג, און די באַוואוסטזיניק־מאָראַלישע כוחות זיינען ניט ביכולת מיט דער הילף פון אַ געהעריקן איבערבוי פון דער סאָציאַלער סטרוקטור — צו פאַרווירקלעכן אַ העכערן עגאַליטאַרן רעזשים, — באַקומען מיר ווידער אַמאָל אַ רעגרעס. און ווען אונטער דער ווירקונג פון סאָציאַלע אָדער אַנדערע פאַקטאָרן גייען לאיבוד אָדער ווערן דעגראַדירט די גייסטיקע קולטור, וויסנשאַפטלעכע קענטעניש און טעכנישע מעטאָדן, — האָבן מיר ווידער אַמאָל פאַר זיך — רעגרעס.

ווען אָבער עס אַנטשטייט אַ קאַמף קעגן אונטערדריקונג, קנעכטשאַפט, עקספּלואַטאַציע, פּאַראַזיטישער אומגלייכקייט, און ווען דער דערפאָלגרייכער אויסגאַנג פונם קאַמף ברענגט צו דער עמאַנסיפּירונג פון די סאָציאַלע גרופּעס און עס ווערט אויסגעקעמפט אַ גרעסערע פרייהייט, עס וואַקסט דער עגאַליטאַריזם, עס ווערט איינגעשטעלט אַ העכערער טיפּ געזעלשאַפטלעכע סאָלידאַרישקייט, — דעמאָלט באַטייט עס פּראָגרעס. אין זיין פולסטן אויסדרוק, פירט דער דאָזיקער פּראָגרעס די אַנטוויקלונגס־ליניע פון דער געזעלשאַפט אין דער ריכטונג צום העכסטן אידעאַל.

דער באַפרייערישער פּראָגרעס און דער קאָנסטרוקטיווער פּראָגרעס קענען דערגרייכט ווערן אויך אין רעזולטאַט פונם גאַנג פון דער ציווילער איינשטעלונג און אַלס פּועל־יוצא פון אַן אינטעלעקטועלן און מאָראַלן אויפשטייג פון דער געזעלשאַפט. פון דער אַנדערער זייט, קען דער קאַמף פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס אָננעמען פאַרשידענע פאָרמען, — פון פרידלעכע השפּעות און צונויפרעדונגען ביז די שאַרפסטע געוואַלט־פאָרמען. קאַמף — איז דאָך אַ געווער, וואָס קען אָנגעווענדט ווערן פאַר די צילן הן פון סאָציאַלן פּראָגרעס און הן פון סאָציאַלן רעגרעס. נעמט דער קאַמף אָן שאַרפע געוואַלט־פאָרמען, דעמאָלט קען דער מעטאָד — אַמאָל אַ גאַנץ אומפאַרמיידלעכער — אַליין פאַר זיך ווערן געפערלעך מיט זיין צעשטערנדיקער און דעמאָראַליזירנדיקער קראַפט. די בלוטדורשטיקע מלחמות, די בלוטיקע בירגער־קריגן, דער געוואַלט־קאַמף צווישן סאָציאַלע גרופּעס האָבן רואינירט די מענטשהייט און טאָרמאָזירט די זאַך פון פּראָגרעס. איינע פון די סאַמע גרונט־פאָדערונגען פונם העכסטן אידעאַל באַשטייט אין דעם, עס זאָלן געשאַפן ווערן אָרגאַנישע באַדינגונגען פון סאָציאַל־פּאָלי־

טישן לעבן, ביי וועלכע עס זאָלן אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן און אוממעג־לעך, אומנוצלעך ווערן — די געוואַלט־מעטאָדן אויף צו פאַרווירקלעכן דעם פּראָגרעס; באַדינגונגען, וועלכע עפענען אומבאַגרענעצטע מעגלעכ־קייטן איבערצובויען די געזעלשאַפט אין דער ריכטונג צום אומענדלעכן אידעאַל מיט דער הילף פון פרידלעכער קאָאָפּעראַציע, פרידלעכער ריוואַ־ליטעט און פרידלעכן שטרייט. איינעם פון די וועגן אויף צו פאַרווירק־לעכן די דאָזיקע פאָדערונג ווייזט אָן דער אידעאַל פון דעמאָקראַטיע, אין זיין האַרמאָנישער פולקייט.

דער אויספיר פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, איז: אין ליכט פון סאָציאַלן אידעאַל דערשיינט דער תוך פונם היסטאָרישן פּראָצעס ווי אַ קרומע ליניע, מיט וועלכער די מענטשהייט באַוועגט זיך אָדער אין דער ריכ־טונג פון באַפרייערישן און קאָנסטרוקטיוון פּראָגרעס, אָדער אין דער פאַר־קערטער זייט, אָדער זי בלייבט אין אַ מצב פון שטילשטאַנד. שטודירן אין פולער מאָס אונזער פּראָבלעם — הייסט, דעריבער, שטודירן די צוויי גרונט־קאַטעגאָריעס פראַגן, צו וועלכע עס קומט צו נאָך איין צוגאַב־קאַטעגאָריע:

אויפן ערשטן אָרט שטייט די פּראָבלעם וועגן כאַראַקטער פון די סאָ־ציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וועגן זייער אינערלעכער נאַטור, זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען, זייער עוואָלוציע, ווי אויך וועגן דער היסטאָרישער עוואָלוציע פון די געזעלשאַפטן בכלל, וועגן פּראָגרעס און רעגרעס, פון שטאַנדפּונקט פונם באַפרייאונגס־אידעאַל.

אויפן צווייטן אָרט שטייט דאָס פאָרשן די פּראָבלעמען פון געשיכטע אין דער נאַטור און דאָס באַלויכטן די פּראָבלעמען פון סאָציאַלער עוואָ־לוציע — פונם שטאַנדפּונקט פון די פּאַראַלעליזמען צווישן די פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטלעכער געשיכטע און פון דער געשיכטע אין דער נאַטור.

אויפן דריטן אָרט שטייט דאָס פאָרשן, ביים ליכט פון געשיכטע, די פּראָבלעמען פונם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, זיין סטרוקטור, פיזיאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע, זיינע באַשטאַנד־מאָמענטן, די מעגלעכקייטן אים צו פאַר־ווירקלעכן אין צייט און שטח, אין דער פּילאַרטיקייט פון זיין סאָציאָלאָ־גישן, רעכטלעכן און מאָראַלישן אינהאַלט.

## קאַפּיטל צוויי

# די סיסטעם פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען

### 1

די געשיכטע ווייס פון אַנטאַגאָניזמען און קאַמף צווישן אינדיווידן און צווישן גרופּעס. סאָציאַלע גרופּעס ווערן פאַראייניקט דורך אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער־סימן און אַלגעמיינעם אינטערעס. צווישן די יחידים, וואָס פון זיי באַשטייט די סאָציאַלע גרופּע, שאַפט זיך אַ סאָלידאַרישקייט לויטן אַלגעמיינעם כאַראַקטער־סימן און אַלגעמיינעם אינטערעס. דער אַנטאַגאָניזם צווישן פאַרשידענע סאָציאַלע גרופּעס ווערט געבוירן פונם אונטערשיד אָדער ווידערשפּרוך פון די אינטערעסן.

די כאַראַקטער־סימנים קענען זיין פון ביאָלאָגישן טיפּ: ראַסע, געשלעכט, טיילוויז נאַציע. זיי קענען אויך זיין פונם סאָציאַלן טיפּ בעיקר, געבויט אויף קאָאָפּעראַציע, כדי צו באַפרידיקן אַלגעמיינע באַדערפענישן און שטרעבונגען, פון מאַטעריעלן אָדער גייסטיקן כאַראַקטער: שבטים, מלוכות, קלאַסן, פּאַרטייען, רעליגיעזע חברות (קלויסטערס), קולטור־פאַראייניקונגען (וויסנשאַפטלעכע, עסטעטישע, עטישע).

דער פאַרשידנאַרט פון די אינטערעסן אַנטשפּרעכט דעם פאַרשידנאַרט פון די באַדערפענישן, וועלכע פאַראייניקן אָדער צעטיילן די גרופּעס. דאָס קאָנען זיין אינטערעסן עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע, רעכטלעכע, רעליגיעזע און בכלל אידעאָלאָגישע. פונם אינטערעסן־קאָמפּלעקס באַקומט זיך דער קאָמפּלעקס מאָטיוון פאַר דער אָנגעהעריקייט צו דער אָדער אַנדערער סאָציאַלער גרופּע, און דער יחיד קען אין דער זעלבער צייט געהערן צו פאַרשידענע סאָציאַלע גרופּעס, וועלכע קענען עקסיסטירן אומאָפּהענגיק, קענען אָבער אויך אַרומנעמען איינע די צווייטע, אָדער זיך קרייצן און דורכפלעכטן. אַזוי קען איינע און די זעלבע רעליגיע איינשליסן עטלעכע נאַציעס, און אינעווייניק אין איין נאַציע קענען עקסיסטירן עטלעכע קולטן. יעדע געזעלשאַפט קען באַשטיין פון עטלעכע קלאַסן, און יעדער קלאַס קאָן אַריינגעמען אינדיווידן פון פאַרשידענע געשלעכטן, ראַסן, קלויסטערס. אַוודאי קען דער יחיד ניט באַלאַנגען גלייכצייטיק צו צוויי סאָציאַלע גרופּעס פונם זעלבן טיפּ, למשל צו צוויי קעגנ־

געזעצלעכע קלאַסן, אָבער ער קען יאָ אין איין צייט געהערן צו עטלעכע סאָציאַלע גרופּעס פון פאַרשידענע טיפּן.

יעדע סאָציאַלע גרופּע ווערט כאַראַקטעריזירט לויט איר טיפּישן כאַראַקטער־סימן און צוזאַמען מיט דעם — לויט איר טיפּישן אינטערעס. אַזוי אַרום, באַלאַנגט צו יעדן קלאַס אַ באַשטימטער עקאָנאָמישער סימן און אַ באַשטימטער עקאָנאָמישער אינטערעס. אַ ראַסן־גרופּע ווערט באַשטימט דורך איר ראַסן־סימן (ביאָלאָגישן) און ראַסן־אינטערעס. די מלוכה ווידער פאַראייניקט די נאַציע אָדער עטנישע גרופּע דורך אַ באַשטימטן פּאָליטישן סימן („נאַציאָנאַלן") און פּאָליטישן („נאַציאָנאַלן") אינטערעס. די רעליגיע פאַראייניקט די מענטשן, וואָס געהערן צום זעלבן קלויסטער, דורך איין רעליגיעזן (קאָנפעסיאָנעלן) סימן און דורך אַ געמיינזאַמען רעליגיעזן (קאָנפעסיאָנעלן) אינטערעס. אַ פּאַרטיי פאַראייניקט אירע מיטגלידער דורכן טיפּישן פּאָליטישן („פּאַרטייאישן") סימן און פּאָליטישן („פּאַרטייאישן") אינטערעס.

ווייבאַלד דער טיפּישער אינטערעס כאַראַקטעריזירט אַ באַשטימטע גרופּע, הייסט עס ניט, אַז דער דאָזיקער אינטערעס מוז פאַרבלייבן אינגאַנצן מחוץ דער ספּערע פון די אַקציע־מאָטיוון פון אַ צווייטער גרופּע, מיט אַן אַנדער פּאָליטישן אינטערעס. אַזוי קען אַ קלויסטער, אַ גרופּע פון רעליגיעזן טיפּ, ביים באַנוצן זיין פאַרמעגן, זיך ריכטן מיטן עקאָנאָמישן אינטערעס; און אַ קלאַס, אַ גרופּע פון עקאָנאָמישן טיפּ, קען שטרעבן צו פּאָליטישער הערשאַפט, צוליב מאָטיוון ניט נאָר עקאָנאָמישע, נאָר אויך ריין־פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע א״אַ. די סאָלידאַרישקייט צווישן יחידים צוליב אַ וועלכן פּריוואַטן מאָטיוו אָדער אינטערעס, קען זיי פאַרבינדן אויף אַ ספּעציפישן אופן, ניט אויסבילדנדיק וועלכע ס'איז טיפּישע גרופּע; אַזוי האָט הענריך II פּלאַנטאַגענעט, קעגן זיינע זין, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן אים, געזוכט שטיצע ביי אַנדערע מאָנאַרכן, וועלכע האָבן אויך געהאַט זין.

צווישן די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען האָבן אַ גאָר וויכטיקן באַטייט געהאַט אין דער געשיכטע און אין דער היינטיקער צייט — די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען. אָבער וואָס איז אַזוינס אַ קלאַס, ווי אַ סאָציאַלע קאַטעגאָריע?

אַ קלאַס ווערט באַשטימט לויט עקאָנאָמישע סימנים. אָבער אינם עקאָנאָמישן סימן אַליין איז פאַראַן אַ פאַרשידנאַרטיקייט פון טיפּן. דאָס קען זיין אַ פּראָפעסיע, ווי אַ קוואַל פון הכנסה: אַרבעטער, לאַנדווירטן, בעלי־מלאָכות, טעכניקער, מענטשן פון פרייע באַשעפטיקונגען. דאָס קען זיין אַ ראָלע, וואָס די אָדער אַנדערע גרופּע שפּילט אין דער היעראַרכיע פון דער פּראָדוקציע: ערד־אייגנטימער, אונטערנעמער־קאַפּיטאַליסטן, פּראָ־

לעטאַריער. דאָס קען זיין די גרייס פון דער הכנסה אָדער די פּראָפּאָרץ פונם אַנטייל אינם נאַציאָנאַלן איינקונפט, אָפּגעזען פון דער נאַטור פונם הכנסה־קוואַל און פון דער ראָלע אין דער פּראָדוקציע־היעראַרכיע: רייכע (אין זינען פון הכנסה), פאַרמעגלעכע און אָרעמע; אָדער אַ היעראַרכיע לויטן געהאַלט, פאַרדינסט ובכלל הכנסות. די אַלע סימנים און קריטעריומס קען מען אַוועקלייגן אין יסוד ביים דעפינירן פאַרשידנאַרטיקע טיפּן פון אַ סאָציאַלן קלאַס. בדרך־כלל דאַרף מען אונטער „קלאַס" פאַרשטיין אַ גרופּע יחידים, וואָס זיינען פאַראייניקט דורך אַן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן סימן און אַן אַנטשפּרעכנדיקן עקאָנאָמישן אינטערעס, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי ביי דער זעלבער גרופּע עקסיסטירן אויך סימנים און אינטערעסן ניט־עקאָנאָמישע.

קלאַס — דאָס איז ניט קיין ראַסע (ביאָלאָגישער סימן), ניט קיין געשלעכט (ביאָלאָגישער סימן), ניט קיין מלוכה־אָרגאַניזם (פּאָליטישער סימן), ניט קיין גרופּע יחידים, וואָס באַלאַנגען צום זעלבן קלויסטער (רעליגיעזער סימן). פאַרקערט, אונטער דער דעפיניציע פון פאַרשידענע קלאַסן־טיפּן קומען אַריין די קלאַסן פון לאַנד־אייגנטימער, קאַפּיטאַליסטן, פּראָלעטאַריער, ליבעראַלע פּראָפעסיעס, רייכע און אָרעמע, באַאַמטע, פּראָפעסיאָנעלע מיליטער־לייט וכדומה. וואָרעם אַט די קלאַסן באַזיצן אַן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן סימן און אַן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן אינטערעס, וועלכע צייכענען זיי אויס פון יעטוועדער אַנדער גרופּירונג.

אָפּהענגיק פונם עקאָנאָמישן סימן, וועלכער ווערט געלייגט אין יסוד פון דער קלאַסיפיקאַציע, קען איינער און דער זעלבער אינדיוויד אַריינגיין אין פאַרשידנאַרטיקע עקאָנאָמישע גרופּירונגען, וואָס פון זיי שאַפן זיך פאַרשידענע טיפּן קלאַסן. אַזוי למשל קען איינער אַן אינזשעניר זיין אַן אינטעלעקטועלער אַרבעטער — לויטן כאַראַקטער פון זיין פּראָפעסיע, אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער — לויטן פּלאַץ, וואָס ער פאַרנעמט אינם פּראָדוקציע־פּראָצעס, און אַ „רייכער" מאַן, צי אַ פאַרמעגלעכער, צי אַן אָרעמער — לויט דער גרייס פון זיין פאַרדינסט.

ווען דער עקאָנאָמישער כאַראַקטער פון אַ קלאַס איז פאַרבונדן מיט דער רעכטלעכער לאַגע, אויפן וועג פון ירושה, דעמאָלט האָבן מיר צו טאָן מיט אַ קאַסטע, אַ סאָציאַלע גרופּע פון געמישטער נאַטור (עקאָנאָמישער און פּאָליטיש־רעכטלעכער). קאַסטע — דאָס איז אַ סאָציאַלע גרופּע, אין וועלכער די פּראָפעסיעס אָדער דער ראַנג גייען איבער בירושה, און וועלכע באַקומט זיך אָפּגעטיילט פון אַנדערע קאַסטעס צוליב געוויסע יורידישע נאָרמעס (למשל, פאַרבאָט פון חתונות צווישן יחידים, וואָס געהערן צו פאַרשידענע קאַסטעס).

שטאַנדן — דאָס זיינען סאָציאַלע גרופּעס, וואָס ווערן כאַראַקטעריזירט דורך זייער איבערגעבן בירושה באַשטימטע פּריווילעגיעס, צי, פאַרקערט, לאַסטן אָדער התחייבותן: פּריצטום, שטאָטישער שטאַנד, פּויערים. דעם צושטאַנד פון שקלאַפעריי (אין ענגן זינען) און לייבאייגנשאַפט קען מען, לויט די באַדינגונגען נאָך, קוואַליפיצירן ווי אַ קלאַס אָדער ווי אַ שטאַנד.

צווישן יחידים, וואָס געהערן צו אַ באַשטימטער סאָציאַלער גרופּע פון ניט־ביאָלאָגישן טיפּ, קען זיין — ווי נאָך לויטן כאַראַקטער פון דער גרופּע — אָדער אַ פריוויליקע פאַרבינדונג, אויפן יסוד פון פרייער קאָאָפּעראַציע, אָדער אַ געצוואונגענע און אָבליגאַטאָרישע. די מלוכה און די פאָרמען פון צוואַנג־היעראַרכיע, וועלכע זי סאַנקציאָנירט, געהערן צו דער ערשטער קאַטעגאָריע סאָציאַלע גרופּעס. פאַרקערט ווידער, די גרופּעס, וואָס פאַראייניקן זיך אויפן יסוד פון אַן אידעאָלאָגישן סימן, פון אַ רעליגיעזן סימן אָדער פון אַ פרייער פאַראייניקונג (למשל, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען), געהערן צו דער צווייטער קאַטעגאָריע גרופּירונגען, וואָס דער עלעמענט פון צוואַנג איז אין זיי באַזייטיקט.

די רעליגיעזע פאַרבינדונג שטעלט איין אַ באַשטימטע סאָלידאַרישקייט אין גלויבן און אַ קולט־געמיינזאַמקייט פאַר די יחידים, וואָס גייען אַריין אין דער זעלבער גרופּע („קלויסטער”). רעליגיעזע אַסאָציאַציעס קענען זיך באַזירן אויף אַ פריוויליקן און פרייען הסכם. זיי קענען אָבער אויך האָבן אַ צוואַנגס־כאַראַקטער, און די רעליגיעזע געמיינדע זאָל פּראַקטיקירן בגעוואַלט שמד צווישן די פרעמד־גלויביקע, אָדער זי זאָל ניט ליידן קיין שום אַנדער רעליגיע (אַזאַ איז, למשל, געווען די פּאָליטיק פון די אַראַבער־מוסולמענער, אין דער צייט פון זייערע ערשטע דעראָבערונגען, לגבי די געצנדינער). ענדלעך, אַ רעליגיעזע אַסאָציאַציע קען טראָגן אַ האַלב־אויפצווינגענדיקן כאַראַקטער, ווען דאָס געהערן צו יעטוועדער אַנדער, חוץ דער מלוכהשער, רעליגיע — ברענגט מיט זיך אַ געוויסע אומגלייכקייט (אַזאַ איז, למשל, געווען די לאַגע פון יידן און קריסטן אין די מוסולמענישע מלוכות, אָדער די לאַגע פון יידן אין צאַרישן רוסלאַנד).

צווישן די אידעאָלאָגישע אינטערעסן, וואָס זיינען אַ באַזע פאַר פריי־וויליקע צוזאַמענרעדונגען, פאַרנעמט אַ באַזונדער פּלאַץ דאָס דינען דעם אידעאַל, מחמת אַלטרואיסטישע מאָטיוון און כוונות; דעם קאַמף פאַרן פאַר־ווירקלעכן דעם אידעאַל איז דערביי ניט פרעמד קיין פערזענלעכע פאַר־אינטערעסירטקייט; אין אַ סך היסטאָרישע ביישפּילן אָבער האָט דער קאַמף געפאָדערט קרבנות און אָפּזאָג פון פערזענלעכער לעבנס־באַפרידיקונג. די יחידים, וואָס פאַראייניקן זיך, כדי געמיינזאַם צו דינען דעם אידעאַל אָדער וואָס אַרבעטן פאַר אים אינדיווידועל, וואַרפן זיך אונטער די אינער־לעכע באַפעלן פון מאָראַל. צי וועט אַמאָל קומען אַ צייט, און די געזעל־

שאַפט וועט דערגרייכן אַזאַ פאַזע פון אָרגאַנישער אַנטוויקלונג, אַז יעדער מין געוואַלט־קאַמף וועט פאַרלירן זיין ר ע ז אָ ן ד ׳ ע ט ר און אַפילו אינ־גאַנצן פאַרשווינדן, און עס וועלן מער זיך ניט פאָדערן קיין קרבנות, באַגלייט מיט ליידן?

דער העכסטער סאָציאַלער אידעאַל — דאָס איז דער אידעאַל אויפ־צוהויבן די געזעלשאַפט אויף דער אַנטוויקלונגס־מדרגה, אויף וועלכער אַלע פּאַראַזיטישע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען וועלן באַזייטיקט ווערן, און אויף וועלכער דער קאַמף און די ריוואַליטעט פאַרן ווייטערדיקן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט וועט אַנגיין אין אַ פרידלעכער פאָרם, אָן שום אָנ־ווענדן געוואַלט און אָן דער נויטיקייט פון שווערע קרבנות. ביז וואַנען אָבער די דאָזיקע מדרגה פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג איז נאָך ניט דער־גרייכט, וועט מען מוזן לגבי דעם מיסברויך מיט כוח און געוואַלט אַנט־קעגנשטעלן אין נאָמען פון סאָציאַלן אידעאַל — אויך כוח און געוואַלט. און קרבנות וועלן אַלץ זיין נויטיק.

אינם היסטאָרישן גורל פון דער מענטשהייט האָבן ניט קיין קליינ־באַדייטנדיקע ראָלע געשפּילט — אידעאָלאָגישע מאָטיוון און אינטערעסן.

## 2

דער קאַמף צווישן סאָציאַלע גרופּעס איז אי אַ סיבה אי אַ פועל־יוצא פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וואָס דריקן אויס די היפּוכים אָדער די פאַרשידנקייט פון די אינטערעסן ביי די קעמפנדיקע גרופּעס.

וואָס זיינען די צילן און די רעזולטאַטן פונם קאַמף?

איינער פון די רעזולטאַטן אינם קאַמף קען באַשטיין אין דעם, וואָס עס ווערן פאַרניכטעט אַלע יחידים אָדער אַ טייל פון די יחידים, וועלכע געהערן צו דער שוואַכערער גרופּע. אין דער וועלט פון באַשעפענישן עסן די רויב־חיות אויף די אַנדערע חיות. אָבער דער „אינטערעס״ פונם מין רויב־חיות באַשטייט אין דעם, עס זאָל ניט פאַרניכטעט ווערן דער גאַנצער מין באַשעפענישן, וואָס זיי פרעסן אויף, וואָרעם אַנדערש וועט פאַר דעם רויבערישן מין אַנטשטיין די סכנה, ער זאָל אַליין אומקומען צו־ליב אויסצעל פון שפּייז. עס פאָדערט זיך, עס זאָל זיך דאָ איינשטעלן אַ געוויסער גלייכגעוויכט, און די מאַטעמאַטישע ביאָלאָגיע פאַרנעמט זיך טאָקע מיטן פּראָבלעם פון פאַרשידענע מעגלעכע פאָרמען פון אַזאַ גלייכ־געוויכט. ביי קאָלאָניאַלע מלחמות פלעגט מען ניט זעלטן אויסשעכטן די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג פון דער טעריטאָריע, וועלכע די זיגערס האָבן שפּעטער קאָלאָניזירט. בעת דער סולטאַנען־מאַכט האָבן די טערקן געשטרעבט אויסצוקוילן די גאַנצע אַרמענישע באַפעלקערונג פון די

טראַנס־קאַווקאַזישע טעריטאָריעס. די נאַצישע רעגירונג פון דייטשלאַנד האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרניכטן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון די דורך איר אָקופּירטע טעריטאָריעס. דער גרונט־מאָטיוו ביי דעם קאַמף איז ס'רוב — דאָס פאַרקנעכטן פון איין גרופּע דורך דער צווייטער, כדי זי צו באַהערשן און עקספּלואַטירן, אָדער כדי איינצושלינגען די צווייטע און אַליין זיך פאַרשטאַרקן. איינער פון די קלאַסישע אַנטאַגאַניזמען אין סאָציאַלן לעבן באַשטייט אין אַוועקשטעלן איין גרופּע העכער פון דער אַנדערער, ווי אַ רעזולטאַט פון אַנווענדן קראַפט אָדער ווי אַ פּראָצעס פון ציווילער איינשטעלונג, און אין פאָרם פון אַ סאָציאַלער היעראַרכיע, וואָס שאַפט די יסודות פאַר באַהערשונג, עקספּלואַטאַציע, פּאַראַזיטישער אומגלייכקייט און סאָציאַלן פּאַראַזיטיזם. ביי יעדן פון די דאָזיקע אַנטאַגאַניזמען עקסיסטירן צוויי פּאָליוסן: די אַקציע מצד די שטאַרקע און הערשנדיקע, כדי צו שאַפן אָדער איינהאַלטן די הערשאַפט מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן; און די קאָנטער־אַקציע מצד די שוואַכע און אונטערגעאָרדנטע, כדי זיך צו עמאַנסיפּירן און אויסמיידן די סכנה פון פאַרניכטונג אָדער אונטערדריקונג.

אַ באַזונדערע פאָרם פון אַנטאַגאַניזם — איז די קאָנקורענץ אָדער די ריוואַליטעט צווישן צוויי גרופּעס, ווען קיין כוח אין אייגנטלעכן זינען מעג ניט זיין אָנגעווענדט, ווען עס שטייט ניט דער ציל פון פיזישער פאַרניכטונג פון דער צווייטער גרופּע, אָבער ווען — ווי דאָס איז, למשל, אין דער ווּיסנשאַפטלעכער איינשטעלונג — דאָס פאַרנעמען אַ בעסערע לאַגע דורך איין גרופּע פאַרקלענערט די זעלבע מעגלעכקייט פאַר דער צווייטער גרופּע, און איז, אַזוי אַרום, אין סתירה צו די אינטערעסן פון דער לעצטער.

בדרך־כלל קענען די קאַמפּס־פאָרמען זיין זייער פאַרשידנאַרטיק: פריידלעכע פּראָפּאַגאַנדע, איבערצייגונגס־קראַפט, מעטאָדן פון כוח און געוואַלט, מלוכהשער צוואַנג, פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף, מלחמות, אויפשטאַנדן.

די געשיכטע איז פול מיט אַנטאַגאַניזמען און קאַמפן צווישן שבטים, נאַציעס און ראַסן; צווישן מלוכות, פּראָווינצן, אָליגאַרכיעס, פּאָליטישע פּאַרטייען, הערשנדיקע און אונטערגעאָרדנטע גרופּעס; צווישן קלאַסן, שטאַנדן, קאַסטעס און אַנדערע עקאָנאָמישע גרופּעס; צווישן רעליגיעס, קלויסטערס, אידעאָלאָגישע גרופּעס; עס עקסיסטירט אויך אַן אַנטאַגאַניזם פון געשלעכט און אַנטאַגאַניזם פון עלטער. די אַנטאַגאַניזמען האָבן געטראָגן און טראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער. דער פּרינציפּ פון „מאַסנהאַפטיקייט ביי די אַנטאַגאַניזמען" איז מיט גרויס דייטלעכקייט פאָרמולירט געוואָרן נאָך אין דער סען־סימאָניסטישער שול, בעיקר ביי באַזאַרן (Bazard).

קלאַסן־אַנטאַגאָניזם און קלאַסן־קאַמף זיינען נאָר אַ פּרט אינם גרויסן קאָמפּלעקס סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און קאַמפן.

די געשיכטע — דאָס איז איין כסדרדיקע רייַ מלחמות. מ׳האָט געפירט מלחמות כדי צו באַקומען פּלעצער פאַר יאַגד און פיטערונג. מ׳האָט געפירט מלחמות, כדי אַוועקצושלעפּן די פרויען אָדער פאַרנעמען די מענער אין געפאַנגענשאַפט — ביי די קאַניבאַלן צום אויפפרעסן, אויף די העכערע קולטור־מדרגות, כדי זיי צו פאַרוואַנדלען אין שקלאַפן. מ׳האָט געפירט מלחמות פשוט צוליב רויב. דער מיין פון די מלחמות איז געווען — פאַרקנעכטן די אַנדערע נאַציעס; זיי האָבן געדאַרפט דינען דעם צוועק פון באַפרידיקן די אַפּעטיטן, אַמביציעס און גרויסקייט־טרוימען פון די מאָנאַרכן און מיליטערישע קאַסטעס. מ׳האָט אויך געפירט מלחמות פשוט ווי אַ מין ספּאָרט. מ׳האָט געפירט מלחמות מחמת רעליגיעזע מאָטיוון, כדי אָפּצושמדן אָדער פאַרניכטן די אַנדערש־גלויביקע, פאַר גאָטס כבוד וועגן. מ׳האָט געפירט מלחמות איבער פּאָליטישע מאָטיוון, איבער „גרענעצן״, כדי צו פאַרשטאַרקן די מלוכה, כדי צו פאַרברייטערן די מלוכה־טעריטאָריע, כדי צו אַסימילירן די נאַציעס, כדי איינצוהאַלטן פּאָליטישן גלייכגעוויכט. מ׳האָט געפירט מלחמות איבער עקאָנאָמישע סיבות, אויף צו פאַרכאַפּן טעריטאָריעס — רייכע מיט נאַטירלעכע רעסורסן, אויף צו באַהערשן מערק, כדי צו רואינירן די ריוואַלן און קאָנקורענטן. מ׳האָט געפירט מלחמות — באַצווינגערישע און באַפרייערישע. מ׳האָט געפירט מלחמות נאָך צוליב אַ סך אַנדערע סיבות.

אין יענע פאַלן, ווען מ׳האָט געפירט די מלחמות צוליב עקאָנאָמישע סיבות און אינטערעסן, האָט מען זיי בדרך־כלל ניט געקענט האַלטן פאַר אַ ספּעציעלן מין קלאַסן־קאַמף, וואָרעם דער קאַמף איז דאָ געגאַנגען צווישן מלוכות, צווישן נאַציעס, צווישן פּאָליטישע איינהייטן, און ניט צווישן קלאַסן און עקאָנאָמישע גרופּעס בכלל.

בירגער־קריגן און אויפשטאַנדן האָבן זייערע סיבות אַמאָל אין קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען, אַמאָל אין פּאָליטישע, רעליגיעזע, אידעאָלאָגישע, ראַסן־אַנטאַגאָניזמען, אין אַ ריינער פאָרם אָדער אין אַ געמישטער.

קלאַסן־קאַמף, אין אייגנטלעכן זינען, דאָס איז אַ קאַמף צווישן טיפּישע עקאָנאָמישע גרופּעס, וואָס זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען קעגנזעצלעך. ווען דער קאַמף גייט צווישן סאָציאַלע גרופּעס פון ניט־עקאָנאָמישן טיפּ (מלוכהס, נאַציעס, ראַסן, דינאַסטיעס, קלויסטערס וכד׳), דעמאָלט איז עס ניט קיין קלאַסן־קאַמף, מעג דאָ אַפילו די סיבה פון קאַמף זיין — עקאָנאָמישע מאָטיוון און אינטערעסן. אַזוי, למשל, אויב צווישן צוויי לענדער (לאָמיר זאָגן, ענגלאַנד און דייטשלאַנד) גייט אָן אַ קאַמף צוליב אויסערלעכע מערק — אַ קאַמף, וואָס וואָלט געקענט ברענגען צו

אַ מלחמה, — איז עס ניט קיין קאַמף צווישן צוויי קלאַסן, נאָר צווישן צוויי לענדער אָדער נאַציעס, און דערביי קענען, אין יעדן פון די לענדער, די קעגנערישע קלאַסן זיין געבונדן, לגבי דעם אויסגאַנג פונם קאַמף, מיט אַן אינטערעסן־סאָלידאַרישקייט (למשל, די קאַפּיטאַליסטן־אונטערנעמערס און די פּראָלעטאַריער).

די געשיכטע ווייס פון אַנטאַגאָניזמען און קאַמפן צווישן רייך און אָרעם, צווישן באַזיצנדיקע און נויטבאַדערפטיקע, צווישן פּאַטריציאַט און פּלעבס, צווישן שקלאַפן־אייגנטימער און שקלאַפן, צווישן די סעניאָרן און וואַסאַלן, צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און פעאָדאַלן פון איין זייט און דער שטאָט־בורזשואַזיע פון דער צווייטער זייט,צווישן פּראָלעטאַריאַט און קאַ־פּיטאַליסטישער בורזשואַזיע, און צווישן טיילן פון די דאָזיקע גרופּעס. פאַ־ראַן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן די אינטערעסן פון לאַנדווירטשאַפט און די אינטערעסן פון אינדוסטריע, צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן פּראָדוצי־רער און קאָנסומענט, צווישן פאַרקויפער און קויפער, באַזונדערס צווישן פויערטום, וואָס פאַרקויפט זיינע געשאַפענע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָ־דוקטן, און אינדוסטריעלן אַרבעטער, וואָס קויפט זיי. אַן אַנטאַגאָניזם עקסיסטירט צווישן גרויסן און קליינעם קאַפּיטאַל, צווישן דער גרויס־ און קליין־בורזשואַזיע. אַן אַנטאַגאָניזם עקסיסטירט צווישן די קאַפּיטאַל־עלע־מענטן, וואָס זיינען אַריינגעלייגט אין פאַרשידענע אינדוסטריע־צווייגן, צווישן די דראָבנע ערד־אייגנטימער און די מאַגנאַטן פון קאַפּיטאַל און ערד־אייגנטום. אין דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמאַציע פון דער געזעל־שאַפט, אָבער טיילווייז אויך אין די גאָר הויכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוק־טורן פונם ניט־קאַפּיטאַליסטישן טיפּ, — עקסיסטירט אויך אַן אַנטאַגאָ־ניזם צווישן שוואַרצער אַרבעט און קוואַליפיצירטער אַרבעט, צווישן אַרבע־טער, וואָס זיינען פאַרבונדן אין פאַראיינען, און אַרבעטער ניט־אָרגאַניזיר־טע, צווישן אַרבעטער פון געגעבענעם לאַנד און אַרבעטער־אימיגראַנטן, צווישן באַשעפטיקטע און אַרבעטלאָזע, צווישן אַרבעטער און אַרבעטערינס. און אינעווייניק אין די אַנגעוויזענע גרופּעס גופא קען אַן אַנטאַגאַניזם פון איין פּרט גיין בחברותא מיט אַ סאָלידאַרישקייט אין אַ צווייטן פּרט.

יענע אַנטאַגאָניזמען, וואָס שטאַמען פונם אונטערשיד צווישן ראַסן און ראַסן, נאַציעס און נאַציעס, שבטים און שבטים, טראָגן אין אַ געוויסער מאָס אַ ביאָלאָגישן כאַראַקטער. נאַציאָנאַלע און ראַסן־אַנטאַגאָניזמען קע־נען זיך אַפילו אויסדריקן אין אַ דינאַמיזם, וואָס איז פרעמד אוטיליטאַרע מאָטיוון, און דאָס מיינט, אַז די אַנטאַגאָניזמען זיינען געבוירן פונם באַ־וואוסטזיין, אַז ס'איז פאַראַן אַ טיפער אונטערשיד אין די ביאָלאָגישע סימנים פון די אַנטקעגנשטייענדיקע סאָציאַלע גרופּעס. ניט נאָר פאַר די ראַסן, נאָר אויך פאַר די נאַציעס שאַפט זיך אַ באַזונדער סאָלידאַר־געפיל

דורך געמיינזאַמקייט פון אָפּשטאַם־פיליאַציע, דורך ענלעכקייט פון אַנטראָ־פּאָלאָגישע סימנים, געמיינזאַמקייט פון שפּראַך און קולטור (אין געוויסע פאַלן אויך רעליגיע). אין פועל־יוצא פון לאַנג־דויערנדיקע טראַדיציעס, קען דער פאַרבינדונגס־באַוואוסטזיין אָננעמען אַ כאַראַקטער פון אַן אייגנאַרטיקן גלויבן אינם פּריווילעגירטן שטאַנד פון דער געגעבענער נאַציאָנאַלער אָדער ראַסן־גרופּע, ווי אַזאַ, וואָס שטייט העכער איבער אַנדערע נאַציעס און פאַרמאָגט אַפילו אַ באַזונדערע מיסיע. ניט נאָר ביי יידן איז קולטיווירט געוואָרן די אידעע פון אַן „אתה בחרתנו"־פאָלק. די הינדוסן האָבן זיך געהאַלטן פאַרן סאַמע נאָבעלן פאָלק לויטן אָפּשטאַם, די עגיפּטער האָבן פאַראַכטעט פרעמדע, ווי בידעריקע באַשעפעניש. די גריכן און רוימער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט לגבי די באַרבאַרן, ווי לגבי עפּעס אַ באַזונדער מין מענטשן, וואָס שטייען נאָענט צו חיות. פאַר אַריסטאָטעלעסן איז מלחמה געווען עפּעס אַזוינס, ווי יאַגד אויף מענטשן. לויט ליבאָניוסן, אונטערשיידן זיך די „באַרבאַרן" ווייניק וואָס פון די בהמות. פּלאַטאָן איז געווען קעגן דעם, מען זאָל אַ גריך מאַכן פאַר אַ שקלאַף, ער איז אָבער ניט געווען קעגן פאַרוואַנדלען אין אַ שקלאַף — דעם „באַרבאַר". אַריסטאָטעלעס האָט געעצהט אַלכסנדר מוקדונען צו באַגיין זיך מיט די גריכן ווי מיט פרייע מענטשן, און מיט די באַרבאַרן — ווי מיט שקלאַפן. און ביי די יאַפּאַנישע הערשער־קרייזן איז ביז היינט פאַראַן אַ פאַרשטעלונג וועגן דער יאַפּאַנישער ראַסע, ווי אַ גאַר העכסטער, מחמת זי שטאַמט פון די געטער. נו, דאַרף מען נאָך דערמאָנען וועגן די היינטיקע נאַציס און זייער קוק אויפן גערמאַנישן פאָלק, ווי אויף דער העכסטער „אַרישער" ראַסע, וועלכע איז באַרופן אָנצופירן מיט דער גאַנצער וועלט?

דער לעצטער יאָרהונדערט איז געווען אַ תקופה פון עקסטרעמער פאַרשאַרפטקייט פון נאַציאָנאַליזם. אין 19טן יאָרהונדערט האָט מען פאַרגאָסן בלוט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון גריכנלאַנד און פון די באַלקאַנישע לענדער, פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון בעלגיע, פאַר אונגאַרנס אומאָפּהענגיקייט, פאַר איטאַליעס פאַראייניקונג, פאַר דייטשלאַנדס פאַראייניקונג. הן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, הן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן די אינטערעסן און מאָטיוון פון נאַציאָנאַלער נאַטור געשפּילט אַן ערנסטע ראָלע.

דער באַוואוסטזיין פונם יחידס געבונדנקייט מיט זיין פאָלק, מיט זיין נאַציע, מיט זיין מלוכה, קריסטאַליזירט זיך אויס אין אַ געפיל פון פּאַטריאָטיזם. פאַראַן אַ פּאַטריאָטיזם לגבי דער אייגענער מלוכה אָדער לאַנד, און פאַראַן אַ פּאַטריאָטיזם לגבי דער אייגענער נאַציע. ביידע מינים פּאַטריאָטיזם קענען יאָ צונויפפאַלן אָדער ניט צונויפפאַלן.

ווען אַ נאַציע איז פֿאַרבונדן אין איין מלוכהשן אָרגאַניזם, ווערט דער נאַציאָנאַלער פּאַטריאָטיזם אַ מלוכהשער פּאַטריאָטיזם. ווען אַ מלוכה שליסט איין אין זיך עטלעכע נאַציעס, פֿון וועלכע איינע באַזיצט דעם מאָנאָפּאָל פֿון הערשאַפֿט אָדער פֿון געוויסע פּריווילעגיעס, דעמאָלט קען ניט ביי דער הערשנדיקער נאַציע געמאָלט זיין, אַז די צוויי מינים פּאַטריאָטיזם זאָלן זיך פֿונאַנדערגיין; ביי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אָבער קען יאָ זייער נאַציאָנאַלער פּאַטריאָטיזם זיך אַנטקעגנשטעלן זייער מלוכהשן פּאַטריאָטיזם. פֿון דער אַנדערער זייט, קען איינע און די זעלבע נאַציע זיין צעברעקלט צווישן עטלעכע קלענערע מלוכות (אומאָפּהענגיק פֿון דער עמיגראַציע-באַוועגונג ביי באַזונדערע גרופּעס). דעמאָלט קענען געבוירן ווערן לאָקאַלע פּאַטריאָטיזמען, ווי למשל — דער איטאַליענישער פּאַטריאָטיזם, דער קאָרינטישער, ספּאַרטישער אין אוראַלטן גריכנלאַנד, אָדער דער פֿלאָרענטינישער, מילאַנישער, ווענעציאַנישער פּאַטריאָטיזם אין די מיטלאַלטערלעכע רעפּובליקן פֿון איטאַליע, אָדער דער פּרייסישער, ביירישער, זאַקסישער פּאַטריאָטיזם אין דייטשלאַנד ביז זיין פֿאַראייניקונג, אָדער דער אורוגוואַאישער, פּאַראַגוואַאישער, אַרגענטינישער פּאַטריאָטיזם אין די שפּאַניש-לאַטייניש רעפּובליקן פֿון דרום-אַמעריקע. די אַלע פּאַטריאָטיזמען קענען, פֿון זייער זייט, זיין אַ יסוד פֿאַר אַנטאַגאָניזמען, קאַמפֿן און באַוואָפֿנטע צוזאַמענשטויסן.

אינם עצם-פּרינציפּ פֿון דער מלוכה, פֿון איר סטרוקטור און דיפֿערענציאַציע, שטעקט דער קוואַל פֿון פֿאַרשידענע אַנטאַגאָניזמען, אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע, פֿון פּאָליטישן טיפּ. מען קען די מלוכה באַטראַכטן ווי אַ צוואַנג-אַסאָציאַציע פֿון פֿאַרשידענע סאָציאַלע גרופּעס, וועלכע לעבן אויף דער זעלבער טעריטאָריע; צו גלייכער צייט איז זי — אַ צוואַנג-סינדיקאַט אויף צו פֿאַרטיידיקן און רעאַליזירן די געמיינזאַמע איבערעסן פֿון דער לאַנד-באַפֿעלקערונג. דער מלוכה-פֿאַרבאַנד פֿאַראייניקט אַלע נאַציאָנאַלע און ראַסן-גרופּעס, אַלע סאָציאַלע קלאַסן, אַלע פּאָליטישע קאַטעגאָריעס, אַלע רעליגיעזע גרופּירונגען ובכלל אַלע געזעלשאַפֿטלעכע עלעמענטן, פֿון וועלכע ער באַשטייט, — און דאָס איז אַפֿילו אין יענע פֿאַלן, ווען דער מלוכהשער מעכאַניזם דינט בעיקר די צילןפֿון איין הערשנדיקער גרופּע. פּאָליטישע אַנטאַגאָניזמען, וואָס וואַקסן אויס אויפֿן יסוד פֿון דער מלוכהשאַפֿט-סטרוקטור אין די מענטשלעכע געזעלשאַפֿטן, האָבן מיר — אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע: שטויסן זיך צוזאַמען די אינטערעסן פֿון צוויי לענדער אָדער פֿון די הערשנדיקע גרופּעס אין צוויי לענדער, — דעמאָלט האָבן מיר אויסנווייניקסטע; אין פֿאַל פֿון קריזיסן אינם פּאָליטישן רעזשים, למשל, ווען אַ פֿאָלק שטרעבט אַראָפּצוואַרפֿן די הערשערגרופּע (מאָנאַרכיע, דינאַסטיע, אָליגאַרכיע, טיראַניע), אָדער אין פֿאַל פֿון

אַ קאַמף צווישן פּאָליטישע גרופּירונגען, פּאָליטישע פּאַרטייען למשל, פּאַר מאַכט צי פּאַרן פּאַרווירקלעכן געוויסע פּראָגראַמען — דעמאָלט האָבן מיר אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען. דער פּאַרטיי־קאַמף מיינט דערביי ניט פּונקט דאָס זעלבע, וואָס קלאַסן־קאַמף.

די באַציאונגען צווישן מלוכות דערמאָנען אין אַ געוויסער מאָס די באַציאונגען צווישן יחידים. כל־זמן עס איז ניט באַשאַפן קיין פעדעראַציע פון אויפריכטיקער מענטשהייט־אַחדות, קען יעדעס לאַנד באַטראַכט ווערן ווי אַ באַזונדער קאָלעקטיווע אינדיווידואַליטעט, וואָס אירע אינטערעסן פאַלן ניט צונויף מיט די אינטערעסן פון דער גאַנצער איבעריקער וועלט, און קענען לגבי די לעצטע אַנטקעגנגעשטעלט ווערן. אַזוי איז אויפגעקומען די טעאָריע פון „רעזאָן ד׳עטאַ״, פון פּריווילעגירטן מלוכהשן אינטערעס: אויפן גרונט פון דער טעאָריע קען מען ניט די מאָראַל, וועלכע איז פאַרפליכטנד צווישן בירגער פון דער זעלבער מלוכה, אָנווענדן צו די באַציאונגען צווישן פאַרשידענע מלוכות בכלל. טשעקאַווע איז אין דעם פּרט צו פאַרצייכענען די דאָקטרינע פון די פּיראַטן, וועלכע האָבן געהאַט אויסגעבילדעט אַ מין „שווימענדיקע מלוכה״ (די רוימער האָבן זי אין ערשטן י״ה נ״קר ליקווידירט נאָך אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד) און וועלכע האָט געמאָלדן, אַז זיי זיינען „אין קריג מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט״. די קאָלאָניאַלע און אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון די מלוכות אין די אוראַלטע און אין די נייע צייטן, דאָס איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס שטרעבן פון דער מלוכה צו דער עקספּאַנסיע פון איר אינדיווידואַליטעט.

די מלוכה איז פאַראינטערעסירט צו אַנטוויקלען אירע עקאָנאָמישע רעסורסן, איר אינדוסטריע, אירע הכנסות. זי איז מחויב צו פאַרזיכערן פאַר זיך די ספערע פון גינסטיק אויסנוצן איר נאַציאָנאַלע אַרבעט, איר נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. עס גייט איר שטאַרק אָן צו פאַרגרעסערן די פּראָפיטן פון אירע קאַפּיטאַליסטן, צו פאַרברייטערן די אַרבעטער־מעגלעכקייטן און צו הייבן דעם אַרבעט־לוין פון אירע אַרבעטער, צו באַרייכערן דאָס לאַנד, און ממילא אויך דעם פיסק. זי איז באַזאָרגט וועגן שאַפן, איינהאַלטן און פאַרמערן די מערק, כדי אָפּצוזעצן די מאַנופאַקטור־סחורות פון איר אינדוסטריע, דאָס מיינט פון אירע קאַפּיטאַליסטן־אונטערנעמערס און פון אירע פאַבריק־אַרבעטער, און די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון אירע פויערים, פון אירע פאַרמערס, פון אירע לאַנד־אייגנטימער. אירע אינטערעסן, ממילא די סאָלידאַרע אינטערעסן פון די סאָציאַלע קלאַסן אין איר לאַנד — שטעלט זי, אין דעם פּרט, אַנטקעגן לגבי די אינטערעסן פון אַ צווייטער מלוכה, דאָס מיינט לגבי די סאָלידאַרע אינטערעסן פון די סאָציאַלע קלאַסן פון אַט דער אַנדערער מלוכה. די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון אַ געוויסער מדינה שיינט ניט צו זיין די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון איינעם אַ קלאַס, הגם

עס קען פּאַסירן, אַז דער קלאַסן־אינטערעס זאָל דאָמינירן איבערן אַלגעמיי־נעם אינטערעס.

רעליגיעזע אַנטאַגאָניזמען קענען זיין צווייערליי: אַן אונטערשיד אין די רעליגיעזע גלויבונגען צווישן צוויי סאָציאַלע גרופּעס, אָדער גאָר אַ רעליגיעזע היעראַרכיע אין איינעם און זעלבן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. אין דער ערשטער קאַטעגאָריע רעליגיעזע אַנטאַגאָניזמען אַנטשטייען קאָנ־פליקטן, קאַמפן און אַ היעראַרכיע פון רעכט — אויפן באַדן פונם טיפּישן אונטערשיד אינם רעליגיעזן סימן, ווי למשל אין די פאַלן פון רעליגיעזע מלחמות און רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע רעליגיעזע אַנטאַגאָניזמען באַלאַנגען יענע אַנטאַגאָניזמען, וואָס ווערן גע־בוירן אינעווייניק אין אַ געוויסער רעליגיעזער היעראַרכיע פון איינהייט־לעכן טיפּ, ווען עס קומט אויף אַ באַזונדער גרופּע, וועלכע מאָנאָפּאָליזירט די פונקציעס פון רעליגיעזן קולט און שטעלט אַוועק אירע רעכט אַנטקעגנ־איבער דער גאַנצער אַנדערער באַפעלקערונג: בראַמינען, דרואידן, עווּפּאַ־טרידן, דער שטאַנד פון קלער אין קאַטוילישן קלויסטער. די אַנטאַגאָ־ניזמען פון דעם אַרט פירן צום קאַמף קעגן דער מאָנאָפּאָליע אינם רעלי־גיעזן געביט, קעגן די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע פּריווילעגיעס פון די גייסטלעכע, קעגן אויסבילדן אַן עקסטראַ־נאַציאָנאַלן קלויסטער־אָרגאַניזם, קעגן דעם אַריינמישן זיך פון קלויסטער אין די וועלטלעכע ענינים, קעגן דעם אַריינמישן זיך פון אוניווערסאַלן קלויסטער אין די אינערלעכע ענינים.

ענדלעך, די אַנטאַגאָניזמען פון געשלעכט און עלטער באַזירן זיך אויפן אונטערשיד אין די סימנים פון ביאָלאָגישן כאַראַקטער. די עקסיסטענץ פון אַ שוואַכערן געשלעכט און שוואַכערן עלטער באַשאַפט באַדינגונגען פאַר דער אונטערדריקונג פון דער פרוי, פון די זקנים און קינדער, מיט די אַנטשפּרעכנדיקע אַנטאַגאָניזמען, ביי וועלכע די רעאַקציע מצד די שוואַכערע קען טראָגן אַ מער אָדער ווייניקער פּאַסיוון כאַראַקטער.

### 3

אויף די נידעריקערע, אין פאַרגלייך מיטן מענטשן, לעבנס־מדרגות געפינען מיר יענע טיפּישע מינים אַנטאַגאָניזמען, וועלכע זיינען גאָר שטאַרק אויסגעדריקט אינם סאָציאַלן לעבן פונם מענטשן; די דאָזיקע אַנטאַגאָניז־מען זיינען דאָ אַנטוויקלט אַמאָל אין אַ גאָר פאַרשפּרייטער, שאַרפער און וועזנטלעכער גרונט־פאָרם, און אַמאָל נאָר אין אַן עמבריאָנעלן צושטאַנד. דאָס זיינען די פאַלן ווען איין חיה עסט אויף די צווייטע, און די פאַלן פון פּאַראַזיטיזם, עקספּלואַטאַציע, סימביאָז, קאָנקורענץ (אָדער ריוואַליטעט).

דאָס אויפֿעסן פֿון איין חיה דורך דער צווייטער — דאָס איז אַ פֿול־שטענדיק נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונג פֿאַר פֿאַרשידענע מינים. דער לעבנס־קרייז אויף דער ערד איז אויסערלעך גאָר פּשוט: די פֿלייש־פֿרעסע־רישע חיות פֿאַרציקן אַנדערע פֿלייש־ און גראָז־פֿרעסנדיקע חיות, ווידער די גראָז־פֿרעסנדיקע חיות שפּייזן זיך מיט געוויקסן, און די געוויקסן שפּייזן זיך מיט מינעראַלע עלעמענטן, וואָס באַקומען זיך פֿון דער ערד, וואַסער און אַטמאָספֿער. דער לעבנס־ציקל — דאָס איז אַ ציקל פֿון טויט און ווידערגעבוירן, און די צעפֿאַלונגס־פּראָדוקטן פֿון די געשטאָרבענע אָרגאַ־ניזמען קערן זיך צוריק אום אין דער ערד, וואַסער און אַטמאָספֿער, צו־ריקשטעלנדיק דעם גלייכגעוויכט. דער מענטש איז אַן אַלץ־פֿרעסנ־דיקע באַשעפֿעניש, הייסט עס — אויך אַ פֿלייש־פֿרעסנדיקע. ווען אָבער ביי די חיות איז דאָס אויפֿפֿרעסן אינדיווידן פֿון אַ וועלכן מין דורך אינדיווידן פֿונם זעלבן מין — גיכער אַן אויסנאַם, — איז דער קאַניבאַליזם, דאָס אויפֿפֿרעסן פֿון איין מענטשן דורך אַ צווייטן מענטשן — אַ „נאָרמאַלע" קולטור־שטופֿע ביים אוראַלטן מענטשן (אמת, דער קאַניבאַ־ליזם ווערט דערביי פּראַקטיקירט לגבי די געפֿאַנגענע פֿון אַן אַנדער שבט).

אין דער מלוכה פֿון חיות טרעפֿן זיך אַ סך מינים פּאַראַזיטיזם: איין אינדיוויד שפּייזט זיך אויפֿן חשבון פֿון די זאַפֿטן און פֿלייש פֿון אַ צווייטן אינדיווידס אָרגאַניזם, אָן אַ שום נוצן, גיכער מיט אַ שאָדן פֿאַרן לעצטן, אָבער אָן גורם זיין דעם לעצטנס אומקום (פֿאַרקערט, דער פּאַראַזיט איז פֿאַראינטערעסירט, אַז דער פּאַראַזיטירטער אָרגאַניזם זאָל לעבן און גע־דייען, כדי צו קענען ווייטער פֿאָרזעצן זיין עקספּלואַטאַציע). אין דער דערשיינונג פֿון סימביאָז קען דער פּאַראַזיט, אומגעקערט, אַפֿילו אַ געוויסן נוצן נאָך אַרויסווייזן דעם פּאַראַזיטירטן אָרגאַניזם, אָדערביידע אָרגאַניז־מען קענען אַפֿילו קעגנזייטיק עקספּלואַטירן איינס ס'אַנדערע; צווישן זיי עקסיסטירט דעמאָלט אַ רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט. די עקספּלואַטאַציע פֿון אַ טייל אינדיווידן דורך די אַנדערע קען באַגלייט ווערן דורך זייער פֿאַרשקלאַפֿונג (למשל, די גראָז־לייז זיינען כמו ווי „הויזחיות" ביי די מוראַשקעס). די קאָנקורענץ אָדער ריוואַליטעט, — פֿאַר באַזיצן גינסטי־קערע לעבנס־מיטלען און באַדינגונגען, — קען שאַפֿן קאָנפֿליקטן צווישן גרופּעס באַשעפֿענישן: די ריוואַליטעט צווישן מוראַשקע־נעסטן, צווישן מינים מוראַשקעס, צווישן מוראַשקעס און טערמיטן; קאַמף פֿאַר טעריטאָ־ריע צווישן פֿייגל, צווישן מאַלפּעס־געזעלשאַפֿטן.

אין יסוד פֿון אַלע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען ביי דער מענטשהייט גע־פֿינען מיר באַציאונגען פֿון אונטערדריקונג, ריוואַליטעט און סאָציאַלער אומגלייכהייט — אַמאָל אין אָפֿענעם, אַמאָל אין באַהאַלטענעם צושטאַנד. די אונטערדריקונג קען; באַזונדערס, אָננעמען אַ פֿאָרם פֿון עקספּלואַטאַציע

און פאַרשקלאַפונג. פון דעם נעמען זיך אַלע פאָרמען סאָציאַלע קאָנפליקטן און סאָציאַלע קאַמפן.

עקספּלואַטאַציע און פאַרשקלאַפונג — פאַראייניקן זיך אָפט אָדער זיי פלעכטן זיך דורך קעגנזייטיק.

סאָציאַלע אונטערדריקונג קען דערשיינען אין פאַרשידענע פאָרמען, אָפּהענגיק פונם טיפּ סאָציאַלע גרופּעס און פונם כאַראַקטער אינטערעסן און מאָטיוון, וואָס שפּילן אַ ראָלע אין די היסטאָרישע קאָניונקטורן.

די געשיכטע ווייס פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, נאַציאָנאַלער, רעליגיעזער, ראַסן־, געשלעכט־, עלטער־אונטערדריקונג, ווי אויך פאַרשידנאַרטיקע קאָמבינאַציעס פון די דאָזיקע אַלערליי אונטערדריקונגס־פאָרמען. די סען־סימאָן־שול האָט דער דאָזיקער גאַנצער עוואָלוציע פון אונטערדריקונג במשך פון דער מענטשהייט־געשיכטע געגעבן אַ נאָמען: די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, און די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פול מיט ליידן צוליב מאַטעריעלער אונטערדריקונג און צוליב דער פאַרקנעכטונג פונם גייסט.

צווישן די פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען פון מאַטעריעלער אונטערדריקונג פאַרנעמט אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ די עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע. די ריינסטע פאָרם פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע ווערט פאָרגעבראַכט אין פאָרמען פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און אויסנוצונג, וואָס זיי זיינען די נאַטור פון קלאַסן־הערשאַפט. זי קומט צום אויסדרוק אין פולן אָדער טיילווייזן פּאַראַזיטיזם פון די העכערע קלאַסן, — זיי פאַרכאַפּן אַזאַ חלק פון נאַציאָנאַלן פּראָדוקט, וואָס שטייגט אַריבער דאָס, וואָס קומט זיי אין הסכם מיט זייער ראָלע אין דער פּראָדוקציע; זי קומט צום אויסדרוק אין פאַרשידענע אַספּעקטן צו פאַרקנעכטן און עקספּלואַטירן די נידעריקע קלאַסן. די פאַרקנעכטשאַפט פון די העלאָטן דורך די ספּאַרטאַנער, פונם רוימישן פּלעבס דורך די פּאַטריציער, פון די שקלאַפן דורך זייערע אייגנטימער, פון די קאָלאָנען און ערדלאָזע פעלדאַרבעטער דורך די ערד־בעלי־בתים, פון די לייבאייגענע דורך די סעניאָרן און פּריצים, פון די שטאָטלייט דורך די פעאָדאַלן און פון די פּראָלעטאַריער דורך די קאַפּיטאַליסטן־אונטערנעמערס — אָט דאָס זיינען אַלץ ביישפּילן פון קלאַסן־עקספּלואַטאַציע אין דער געשיכטע.

פּאָליטישע אונטערדריקונג קען זיין אַן אינערלעכע און אַן אויסערלעכע. אינערלעכע פּאָליטישע אונטערדריקונג באַטייט — ווען איין געוויסע פּאָליטישע גרופּע הערשט איבער דעם רעשט באַפעלקערונג און איבערן לאַנד, וואָס איז אַזוי אַרום באַרויבט פון זעלבסטבאַשטימונג און פּאָליטישער פרייהייט, אַזוי ווי דאָס פּאַסירט אין אַלע הערשאַפט־פאַלן ביי פּאָליטישע דעספּאָטיזמען: אַבסאָלוטיזמען, טיראַניעס, צעזאַריזמען, אָליגאַרכיעס, „טאָ־

טאָליטאַרע" דיקטאַטורן. אויסערלעכע פּאָליטישע אונטערייאָכונג באַקומט זיך, ווען איין לאַנד אונטערייאָכט אַ צווייט לאַנד און שאַפט אַ ספּעציעלן סטאַטוס פון נגישות און רעכטלאָזיקייט פאַר די באַזיגטע. אַוודאי קען אויך טרעפן אַ פאַראייניקונג פון בײדע פאָרמען פּאָליטישער אונטערייאָכונג (למשל, די הערשאַפט פון גערמאַנישן טאָטאַליטאַרן נאַציזם אין די באַזיגטע אָדער אָקופּירטע לענדער).

נאַציאָנאַלע און ראַסן־אונטערדריקונג געשעען ניט נאָר דעמאָלט, ווען פון אומאָפּהענגיקייט ווערט באַרויבט אַ נאַציע אָדער ראַסע, וואָס זיצט אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, און די דאָזיקע נאַציע אָדער ראַסע וויל אײַנהאַלטן איר אומאָפּהענגיקייט און איר סואווערעניטעט אויף דער באַוואוינטער טעריטאָריע, — נאָר אויך דעמאָלט, ווען פאַר דער געגעבענער ראַסע צי נאַציע ווערן געשאַפן ספּעציעלע יורידישע באַדינגונגען, וואָס זאָלן פאַרמינערן זייערע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט און וואָס זאָלן, באַזונדערס, זײַן געווענדט קעגן דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און קולטור, דאָס מיינט — אַ פּאָליטיק פון אַסימילאַציע.

רעליגיעזע אונטערייאָכונג דריקט זיך אויס אָדער אין צוואַנג־כאַראַקטער פון אַ געוויסער מלוכה־רעליגיע און אין פאַרפאָלגן, ביז פאַרניכטונג, אַלע אַנדערע קולטן און רעליגיעזן אומגלויבן, אָדער אין פאַרקלענערן די רעכט פון די גלויביקע פון אַ געוויסן קלויסטער, אָדער אין אָנערקענען אַ געוויסע רעליגיע ווי אַ הערשנדיקע און פּריווילעגירטע, אָדער, ענדלעך, אין אויסבילדן אַ רעליגיעזע קאַסטע צי גלויבן־שטאַנד („גייסטלעכע"), וואָס זאָלן שטיין העכער איבער אַנדערע סאָציאַלע גרופּעס, מיט דער מעגלעכקייט זיי צו דריקן און עקספּלואַטירן.

ביאָלאָגישע אַנטאַגאָניזמען האָבן באַקומען זייער קלאַסישן אויסדרוק אין געשלעכט־אונטערדריקונג, אויך אין עלטער־אונטערדריקונג.

די פאַרקנעכטשאַפט פון דער פרוי אין דער פאַמיליע און געזעלשאַפט איז אַ רעזולטאַט פון דער פרויס גרעסערער פיזישער שוואַכקייט, פון די פונקציעס פון איר מוטערשאַפט און פונם כאַראַקטער פון דער אַרבעטפאַרטיילונג אין דער פאַמיליע. ביי די חיות־געזעלשאַפטן שפּילט פיזישע קראַפט אַ וועזנטלעכע ראָלע אינם פאַרכאַפּן די מאַכט. אַזוי, אין די געמיינשאַפטן פון די גאָרילעס פאַלט אויס די דאָמינירנדיקע סאָציאַלע לאַגע אויפן חלק פון די פיזיש שטאַרקערע „ערן". לויט אַריסטאָטעלעסן, האָט די נאַטור דעם מאַן געגעבן אין דער פרוי און אינם שקלאַף אַ טאָפּעלע און נויטווענדיקע דערגאַנצונג; אָבער דער פרויס לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט אָפט געמעגט מקנא זיין דעם שקלאַפס לאַגע. ביי אייניקע קאַניבאַלןשבטים האָט דער מאַן געמעגט אויפעסן זיין פרוי, ביי אַנדערע האָט זיך אויף דער פרוי געלייגט דער יאָך פון די שווערסטע אַרבעטן. אין גאַבאָן

איז די פרוי מחויב צו שפּייזן איר מאַן און האָר מיט די פּראָדוקטן פון דער ערד, וואָס זי באַאַרבעט, — איר אַליין קומען אָן נאָר די רעשטלעך. אין די ציוויליזירטע געמיינשאַפטן האָט זיך לאַנג געצויגן — און טיילווייז פאַרבלייבט עס נאָך איצט — די אונטעריאָכטע און אומפּולבארעכטיקטע לאַגע פון דער פרוי, הגם אין אייניקע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן גייט דאָס אָפּט צוזאַמען מיט אַ דערשיינונג פון דער פרויס עקאָנאָמישן פּאַראַזיטיזם. פון דער אַנדערער זייט, איז אין די אַרבעטער־פאַראיינען ניט איין מאָל אַנגעגאַנגען אַ קאַמף קעגן דער פרויס אינדוסטריעלער אַרבעט. דער קאַמף, ווידער, פאַר דער דערלאַנגונג פון דער פרויס פּאָליטישע רעכט — האָט צייטנווייז אַנגענומען גאַנץ שאַרפע פאָרמען, למשל ביי די ענגלישע פעמיניסטקעס. מ׳האָט אַפילו גערעדט וועגן „קאַמף פון געשלעכט קעגן געשלעכט”.

דאָס אונטערדריקן און עקספּלואַטירן זקנים און קינדער ליגט אין דער נאַטור פון דער געשלעכט־אונטעריאָכונג. ביי די פּרימיטיווע און באַרבאַרישע שבטים האָט מען פּשוט געטויט די זקנים און קינדער, ווייל ניט צושטעלנדיק גענוג אַרבעט, האָבן זיי באַלעסטיקט די פאַמיליע; דער הויפּט פון דער משפחה האָט זיי געמעגט פאַרקויפן אַזוי ווי שקלאַפן. אין סודאַן פלעגן די נעגערס, ווען זיי האָבן זיך גענויטיקט אין געלט, פאַרקויפן זייערע עלטערן, פרויען און קינדער. אינם ציוויליזירטן רוים איז די מאַכט פון פאָטער (patria potestas) געווען אומבאַגרענעצט; ביז דער עפּאָכע פון אַדריאַן האָט אַ פאָטער געהאַט דאָס רעכט פון לעבן און טויט איבער זיינע דערוואַקסענע זין. אין דער נייער תקופה, ביי דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע, למשל אין אָנפאַנג־פעריאָד פונם אויפבלי פון דער פאַבריק־אינדוסטריע אין ענגלאַנד, איז אַנגעגאַנגען אַ שווידערלעכע עקספּלואַטאַציע פון קינדער־אַרבעט, און די געזעצגעבונג האָט זיך דאָ געמוזט אַריינמישן.

## 4

פון צוויי מאָמענטן שטעלט זיך צוזאַמען דער פּראָצעס פון דער מענטשהייטס היסטאָרישן לעבן. אויף איין עק קומט פאָר אַן עוואָלוציע פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און פאַרשידענע פאָרמען פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע, אינם גאַנצן סכום פון זייער פאַרשידנאַרטיקייט און קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט. אויפן צווייטן עק קומט פאָר אַ פּאָזיטיווע עוואָלוציע פון קולטור, אין פּועל־יוצא פון אַנגעקליבענער דערפאַרונג, אַנטוויקלטער טעכניק, פאַרמערונג פון וויסן, וואוקס פון אידעאישע און הומאַניטאַרע ווערטן. דער פּראָגרעס נעמט אַרום ביידע זייטן

פון דער עוואָלוציע, אי די עמאַנסיפּירנדיקע, אָדער באַפרייערישע, אין פּרט פון באַזייטיקן די אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע, אי די קאָנסטרוקטיווע, אין פּרט פון וואוקס פון קאָאָפּעראַציע־פאַרמען אין סאָלידאַרישקייט און אין פּרט פון אויפהייבן די טעכנישע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלע קולטור.

דער העכסטער סאָציאַלער אידעאַל — דאָס איז דער אידעאַל פון אינטעגראַלן פּראָגרעס אין ביידע מאָמענטן, דעם באַפרייערישן און קאָנסטרוקטיוון.

אין זיין באַפרייערישער אויפגאַבע באַשטייט דער העכסטער סאָציאַלער אידעאַל אין באַזייטיקן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אַלע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע, פּאַראַזיטיזם און פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט.

דאָס דורכאַרבעטן און קולטיווירן דעם העכסטן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל פאָדערט, מען זאָל וואַכזאַם שטודירן די נאַטור פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען ביים ליכט פון געשיכטע.

צוויי גרונט־פראַגן קומען אויף דערביי:

ערשטנס, וואָס איז די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען? עקסיסטירט צווישן זיי אַ היעראַרכיע פון פונדאַמענטאַלע און סעקונדערע אַנטאַגאָניזמען? מאָניזם אָדער פּלוראַליזם?

צווייטנס, ווי אַזוי האָבן אין דער געשיכטע עוואָלוציאָנירט, ווי אַזוי קענען בכלל עוואָלוציאָנירן די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען? איז גילטיק אַן איינאַרטיקער געזעץ פון עוואָלוציע און ענדערונג פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, אָדער זי אונטערליגט ניט דעם דעטערמיניזם פון אַ באַשטימטער אייזערנער נויטווענדיקייט? וואָס איז די ראָלע פון דער באַוואוסטזיניקער אַקציע ביים עוואָלוציע־גאַנג פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און ביי די באַפרייערישע דערגרייכונגען?

ביי דער לאָגישער אויפוויקלונג פון אונזער פּראָבלעם וועלן זיך שטעלן נאָך אַנדערע פראַגן, וואָס זייער פאָרשונג וועט דינען צום באַלויכטן די טעאָריע פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל.

# קאַפּיטל דריי

## די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען

### 1

אין גרונט פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען ליגט דער אונטערשיד אין די כאַראַקטער־סימנים פון די סאָציאַלע גרופּעס און זייערע אינטערעסן. פאַר יעדער סאָציאַלער גרופּע איז פאַראַנען אַ טיפּישער סימן, וואָס כאַראַקטעריזירט זי, און אַ טיפּישער אינטערעס. אָבער בעת פאַר פאַרשידענע גרופּעס קען ניט זיין קיין געמיינזאַמער סימן, קען אָבער דער זעלבער מין אינטערעסן יאָ מאָטיווירן די טעטיקייט פון פאַרשידנאַרטיקע טיפּישע גרופּעס, הגם די דאָזיקע אינטערעסן קענען פאַר זיי, נאַטירלעך, ניט צונויפפאַלן. אַזוי למשל, דער טיפּישער ראַסן־סימן קען ניט כאַראַקטעריזירן אַ קלאַס, אַ קלויסטער אָדער אַ פּאָליטישע פּאַרטיי; אָבער אַ ראַסן־גרופּע, אַ קלאַס, קלויסטער, פּאַרטיי קענען באַוועגט ווערן פון געוויסע עקאָנימישע אינטערעסן.

צי עקסיסטירט אַ גרונט־אינטערעס (למשל, אַן עקאָנאָמישער), וואָס הערשט, אין דער געשיכטע, איבער אַלע אַנדערע אינטערעסן, רופט זיי אַרויס אָדער סובאָרדינירט זיי אונטער זיין העגעמאָניע? צי עקסיסטירט אַ סאָציאַלער גרונט־אַנטאַגאָניזם (למשל, קלאַסן־אַנטאַגאָניזם), וואָס הערשט איבער אַלע אַנדערע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, זייענדיק זייער מקור אָדער סובאָרדינירנדיק זיי אונטער זיין העגעמאָניע? כדאַי צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע צוויי פראַגעס און די תשובות אויף זיי זיינען ניט אָפּהענגיק איינס פון דעם אַנדערן: דער פּאָזיטיווער ענטפער אויף דער ערשטער פון די פראַגעס, למשל, קען טעאָרעטיש זיך בינדן מיט אַ נעגאַטיוון ענטפער אויף דער צווייטער. ווען, למשל, מען זאָל פעסטשטעלן, אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען די גרונט־ספּרוזשינע אינם לעבנס־מעכאַניזם פון די פעלקער און פון דער מענטשהייט, באַטייט דאָס נאָך ניט, אַז דער קלאַסן־קאַמף, און אַוודאי ניט אַז נאָר דער קלאַסן־קאַמף, האָט באַוועגט די געשיכטע; און צוריק געערדט, וואָלט געקענט זיין דאָס פאַרקערטע.

אין דער אמתן, לערנט די געשיכטע, אַז פאַרשידענע אינטערעסן פון סאָציאַלע גרופּעס ווירקן אין פאַרשידענע תקופות אַמאָל אומאָפּהענגיק,

אַמאָל איבערפלעכטנדיק זיך איינס מיטן אַנדערן און באַהעפטנדיק זיך, אָבער — מיט אַלערליי איינפלוס־קאָעפיציענטן, אַמאָל קאָנטראַסטירנדיק זיך, און אַמאָל אונטערדריקנדיק איינס דאָס אַנדערע; קיין איינער אָבער פון די אינטערעסן פאַרמאָגט ניט קיין העגעמאָניע פון אַ גרינטלעכן און הערשנדיקן מאָטיוו. די זעלבע געשיכטע לערנט, אַז קיין איין פּריוואַטער גרופּן־אַנטאַגאָניזם פון אַ באַשטימטן טיפּ — מיטן קאַמף, וואָס אַנטשפּרעכט דעם דאָזיקן גרופּן־טיפּ — ובפרט דער קלאַסן־קאַמף, באַזיצט ניט די פּריווילעגיע פון אַ פּרימערן, דאָמינירנדיקן גרונט־טיפּ פון סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם, אַזאַ וואָס זאָל געבוירן אָדער באַהערשן אַלע אַנדערע און זאָל „מאָנאָפּאָליסטיש" באַוועגן די געשיכטע פון די פעלקער און פון דער מענטשהייט.

דערפון דרינגט אַרויס אַזאַ אויספיר, וואָס איז זייער וויכטיק צום טעאָרעטישן, אָביעקטיוון פאַרשטיין און צו די פּראַקטישע אָנווענדונגען: דער העכסטער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל שטייט פאַרן פאַקט ניט פון איין איינציקן פונדאַמענטאַלן סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם, נאָר פאַר אַ קאָמפּליצירטער נעץ פון פּילאַרטיקע אַנטאַגאָניזמען. פון דעם, ווידער, איז געדרונגען, אַז די עמאַנסיפּיר־אויפגאַבע פונם העכסטן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל באַשטייט אין באַזייטיקן ניט איין אַנטאַגאָניזם, נאָר אַ צוזאַמענגעזעצטן קאָמפּלעקס פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, פון פּילאַרטיקע אויטאָנאָמע פאָרמען פון אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע, פאַרשקלאַפונג, סאָציאַלן פּאַראַזיטיזם און פּאַראַזיטישע סאָציאַלע אומגלייכהייט. ניט מאָניזם, נאָר פּלוראַליזם.

## 2

די געשיכטע קען אַנטאַגאָניזמען צווישן סאָציאַלע גרופּעס פון ביאָלאָגישן טיפּ, וואָס גייען ניט אַריין אין די ראַמען פון קלאַסן־קאַמף, — הגם דערביי ווירקן אַפילו עקאָנאָמישע אינטערעסן און מאָטיוון.

ווען מיר האָבן פאַר זיך אונטערדריקונג פון פרויען, קינדער און זקנים, איז עס ניט קיין קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי אין יסוד פון דער אונטערדריקונג ליגן יאָ אָדער ניט עקאָנאָמישע מאָטיוון; וואָרעם פרויען, קינדער, זקנים — שטעלן ניט פאָר קיין קלאַס; אין יעדן קלאַס פון דער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן פרויען, קינדער און זקנים, און זיי געהערן צו פאַרשידענע קלאַסן. דאָס זיינען ניט קיין קלאַסן, נאָר ביאָלאָגישע גרופּעס. ביאָלאָגישע אונטערשידן האָבן עקסיסטירט נאָך קודם דער אַרבעט־טיילונג אין דער געזעלשאַפט און נאָך איידער ס'האָבן זיך באַוויזן קלאַסן, איידער ס'האָט זיך באַוויזן שקלאַפן־אַרבעט. לויט קאַרל

קאַוטסקי, איינעם פון די הויפּט־טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם, איז „די ערשטע אַרבעט־טיילונג, וואָס מיר טרעפן אין דער געשיכטע, געווען די איינטיילונג פון אַרבעט צווישן מאַן און פרוי". לאַפאַרג, דער פראַנצויזי־שער אַדעפּט פון מאַרקסיזם, קאָמענטירנדיק מאַרקסן, זאָגט, אַז, לויט מאַרקסן, האָט דער קלאַסן־קאַמף זיך אַנטפּלעקט פריער פאַר אַלץ ווי אַ קאַמף צווישן געשלעכט און געשלעכט. ווי עס זאָל ניט זיין, איז פאַר־שקלאַפונג פון דער פרוי געווען קודם דער אַנטשטייאונג פונם שקלאַפן־קלאַס.

ווען מיר האָבן פאַר זיך ראַסן־אונטערדריקונג, ווען אויף דער אונ־טערדריקונג זיינען אויסגעשטעלט נאָר יחידים, וואָס געהערן צו אַ באַ־שטימטער ראַסע, דעמאָלט שטעלט ניט אַזאַ מין אונטערדריקונג פאַר קיין שטרענג־קלאַסן־אונטערדריקונג, ווייל דאָ באַזירט זיך דער אַנטאַגאָניזם ניט אויף דעם קלאַסן־סאָציאַלן סימן, נאָר אויפן ביאָלאָגישן סימן. אין דער אַנטיקער וועלט האָבן די שקלאַפן געקענט געהערן צו פאַרשידענע ראַסן, זיי זיינען געווען אַ קלאַס לגבי דעם קלאַס שקלאַפן־אייגנטימער. אָבער אין דער נייער צייט, אין אַמעריקע, זיינען די שקלאַפן געווען אויס־שליסלעך קאָלירטע, און בפירוש פון דער שוואַרצער ראַסע; די אונטערדרי־קונג פון די נעגער־שקלאַפן איז געווען אַ ראַסן־ און ניט קיין ריין־קלאַסן־אונטערדריקונג.

ראַסע פאַרשטייט מען אַמאָל אין ענגן, ספּעציעל־אַנאַטאָמישן זינען (לאַנג־קעפּיקע, קורץ־שאַרבנדיקע, מיטלמעסיק־שאַרבנדיקע; ווייסע ראַסע, געלע, שוואַרצע ראַסע אאַז"וו), אַמאָל אין ברייטערן זינען, אַרומנעמענדיק אייניקע אויסערלעכע סימנים — הגם ניט קיין גרויסע, — אָבער דער עיקר — די אונטערשידן פון פּסיכאָלאָגיע, שפּראַך, קולטור, אָפּהענגיק פון גע־מיינזאַמען אָפּשטאַם און פון דער עטנישער נאָענטקייט פון די גרופּעס (אַריער אָדער אינדאָ־איראָפּעער, סעמיטן א"אַ). די ראַסן ווייסן נאָך, אויסער דעם, פון אַ פאַרטיילונג אויף אונטער־ראַסן.

ראַסן־אחדות, ראַסן־אַנטאַגאָניזם, ראַסן־קאַמף האָבן אין דער געשיכ־טע געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ראָלע. אין דער גאָר נייער עפּאָכע האָט די ראַסן־פּראָבלעם באַקומען אַן אומדערוואַרטעטן זייער שאַרפן כאַראַקטער. עס האָט זיך באַוויזן דער געשפּענסט פון „געלער געפאַר", דערנאָך פון „שוואַרצער געפאַר"; שפּעטער, באַלד נאָכן „פּאַנ־סלאַוויזם" און „פּאַנגערמאַניזם", זיינען אַנטשטאַנען די געלוסטן פון „פּאַנ־אַראַביזם" און „פּאַנמאָנגאָליזם" (דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליזם). אין דער גרויזאַמער מלחמה, וואָס ווערט איצט געפירט קעגן נאַצישן דייטש־לאַנד, גייט דער היטלערישער דינאַמיזם אַרויס פון דער אידעע וועגן „אַ העכערער אַרישער ראַסע". אייניקע אַנטראָפּאָלאָגישע פאַקטן האָבן באַ־

קומען אַ דעגענערירטע פאָרם אין די אַנטראָפּאָ־סאָציאָלאָגישע אויספירן וועגן דער היעראַרכיע פון די ראַסן (Ammon, Lapouge, Gobineau, Chamberlain א״א), און די דאָזיקע אויספירן האָבן אויף אַ משונהדיקן אופן ווייטער דעגענערירט אין די נאַציסטיש־היטלערישע פאָרמולעס, וועלכע באַהויפּטן די העכערקייט פון דער דייטשיש־אַרישער ראַסע און איר מיסיע צו הערשן איבער דער גאַרער וועלט. די אַרכאַאיש־מיסטישע טעאָריע וועגן „אויסדערוויילטע פעלקער״, וואָס זיינען באַרופן אין פאַרשידענע תקופות, לויט דער ריי נאָך, צו פאַרווירקלעכן די אָדער אַנדערע „היסטאָרישע שליחותן״, האָט געפונען אַן אויסדרוק אַפילו ביי ווערנער זאָמבאַרטן. אין זיין בוך „די סוחרים און די העלדן״ שרייבט ער וועגן פעלקער, וואָס פאַרטרעטן גאָט אויף דער ערד: „דאָס זיינען אויסדערוויילטע פעלקער. גאָר אַמאָל זיינען אַזאַ אויסדערוויילט פאָלק געווען — די גריכן, שפּעטער — די בני־ישראל. היינט זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק — די גערמאַנער; ווייל זיי באַזיצן די העלדן־קאָנצעפּציע פון דער וועלט; זיי פאַרטרעטן די געטלעכע אידעע אין דער וועלט פון אונזער תקופה״. און אין נאָמען פון זייער ראַסן־טעאָריע און צוליב די אינטערעסן פון דער „אויסדערוויילטער ראַסע״, האָבן די נאַצישע פירער שוין אַריינגעשטעלט אין דער געשיכטע אַ ניי בלוטיק קאַפּיטל, וואָס האָט געמוזט צוריקשטויסן די מענטשהייט צום מצב פון בלוטיקסטער סאָציאַלער און מאָראַלער באַרבאַריי.

געוויס, באַטייליקט זיך אין דער היינטיקער וועלט־מלחמה אַ שטאַרק־צוזאַמענגעזעצטער קאָמפּלעקס פון פאַרשידנאַרטיקע אינטערעסן — פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און אַנדערע. אָבער דאָס איז ניט קיין „קלאַסן״־מלחמה, און איינער פון די הויפּט־באַוועגנדיקע כוחות אין דער דאָזיקער וועלט־קאַטאַסטראָפע זיינען געווען — די ראַסן־אימפּולסן, אינ־סטינקטן און געלוסטן.

### 3

ביי די אַנטאַגאָניזמען און קאָנפליקטן צווישן פאַרשידענע מלוכהשע אָרגאַניזמען קענען זיין די באַוועג־מאָטיוון — ריין־פּאָליטישע אינטערעסן, ובפרט די אינטערעסן פון דינאַסטיעס, טיראַניעס און הערשער־גרופּעס; עס קאָנען דאָס אָבער אויך זיין נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און קולטור־אינ־טערעסן פון די פעלקער, וואָס בילדן אויס די אָדער אַן אַנדערע מלוכה. די דאָזיקע אינטערעסן קאָנען ווירקן באַזונדער, און אויך צוזאַמענגענו־מען און אין קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט.

די ווירקלעכע אָדער כלומרשטע אינטערעסן פון דער מלוכה קענען זיין די אינטערעסן פון דער נאַציע, די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעל־

שאַפט, פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און ניט נאָר די אינטערעסן פון דער הערשנדיקער אויבער־גרופּע, פון איין קרייז אָדער פון איין קלאַס. דער מלוכה־אינטערעס שאַפט אַ רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט צווישן די, אין אַנדערע פּרטים אַנטאַגאָניסטישע, געזעלשאַפט־עלעמענטן, וואָס בילדן דעם מלוכהשן פאַרבאַנד; אין דער זעלבער צייט שאַפט ער אויך מעגלעכע אַנטאַגאָניזמען און קאָנפליקטן לגבי אַנדערע מלוכות.

הערשנדיק איבער דער וועלט, האָט רוים עקספּלואַטירט עקאָנאָמיש אַלע באַצוואונגענע לענדער, פון בריטאַניע ביז עטיאָפּיע און פון אַטלאַנטישן אָקעאַן ביזן אייפראַט און טיגריס. אין דער דאָזיקער עקספּלואַטאַציע פון די פּראָווינצן האָבן זיך באַטייליקט ניט נאָר די העכערע קלאַסן פון דער רוימישער מלוכה, נאָר אויך דער כלל פון אַלע בירגער, און שפּעטער אויך רוימס פּאַראַזיטישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געפאָדערט „ברויט און שוישפּילן".

די גאַנצע אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק איז אַרויס פון די מאָטיוון — צו באַשיצן און אַנטוויקלען איר האַנדל מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט. דורות־לאַנג האָט ווענעציע מאָנאָפּאָליזירט די האַנדלס־באַציאונגען צווישן אייראָפּע מיטן וויטן מזרח און אינדיע, פון וואַנען מ'האָט אַריינגעבראַכט קאָסטבאַרע געווירצן און אַנדערע אומפאַרבייטלעכע פּראָדוקטן. ווענעציע איז באַרייכערט געוואָרן, און אינם מזל־ברכה פון דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטישער רעפּובליק האָבן געהאַט אַ חלק אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, די גאָר נידעריקע אַריינגערעכנט. צוליב איר מסחר האָט ווענעציע געשלאָסן אָפּמאַכן, געפירט מלחמות, געפירט אַ ברייטע פּאָליטיק פון אימפּעריאַליזם. דער בליענדיקער מצב פון ווענעציעס מסחר האָט זיך געצויגן ביז וואַנען ס'איז אַנטדעקט געוואָרן דער וועג קיין אינדיע אַרום אַפריקע, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון דער רעפּובליק. ווענעציע איז געווען באַרימט מיטן פּאַטריאָטיזם פון אירע בירגער און מיטן העראָאיזם פון אירע זעלנער.

פאַרשידענע לענדער זיינען ניט אַלע באַגלייך רייך מיט נאַטירלעכע אוצרות, ניט אַלע זיינען באַגלייך שטאַרק מיט זייערע מיטלען פאַר עקאָנאָמישער ריוואַליטעט. פאַראַן מער גליקלעכע און ווייניקער גליקלעכע לענדער, פאַראַן מער פּריווילעגירטע און ווייניקער פּריווילעגירטע לענדער אין פּרט פון דעם פּלאַץ, וואָס זיי פאַרנעמען ביי דער „לעבנס־סעודה". איין לאַנד קען עקאָנאָמיש זיין עקספּלואַטירט פון אַ צווייט לאַנד. איין לאַנד קען אַנטוויקלען זיין אינדוסטריע און מסחר צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז עס דערשטיקט די אינדוסטריע און מסחר פון אַ צווייט לאַנד, וואָס איז פּאָליטיש פון אים ניט אָפּהענגיק. פּיער לערו פּלעגט רעדן וועגן „פּאַטער־

לאַנדס־קאַסטע", אַ קאַסטע פון אַן איינצל לאַנד. אין דער מאַרקסיסטישער שול, האָט אָטאָ באַוער אָנערקענט די מעגלעכקייט פאַר עקספּלואַטאַציע דורך איין לאַנד, עקאָנאָמיש מער אַנטוויקלטן, פון אַ צווייט לאַנד, עקאָנאָמיש ווייניקער אַנטוויקלטן, און אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט האָט ער געזען אַן ערנסטן אַרגומענט קעגן דער דאָקטרינע פון פרייען האַנדל. דער פאַשיסטישער דוטשע, ווידער, מוסאָליני האָט, כדי צו באַרעכטיקן איטאַליעס קאָלאָניאַלע פּרעטענזיעס, גערעדט וועגן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די „קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיעס" און די „לענדער־פּראָלעטאַריער".

דער „נאַציאָנאַלער" אינטערעס, אין עטנישן זינען, דאָס איז אַן אינטערעס פאַר נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג, נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג, נאַציאָנאַלער קולטור און נאַציאָנאַלער שפּראַך. נאַציאָנאַלער פּאַטריאָטיזם — איז איינער פון די וויכטיקע באַוועג־כוחות אין באַשטימטע געשיכטלעכע תקופות, און אָפט דערדריקט ער אַנדערע אינטערעסן און מאָטיוון. ווען עס שטויסן זיך צוזאַמען עקאָנאָמישע, פּאָליטישע (בפרט פּאַרטיי־פּאָליטישע), נאַציאָנאַלע אינטערעסן, איז דער נצחון אַמאָל אויף איין זייט, אַמאָל אויף דער צווייטער.

זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן, סוף מיטלאַלטער, צו פאַרמירן אין איראָפּע נייע נאַציעס און זיי האָבן שפּעטער ענדגילטיק באַקומען זייער פּרצוף־פּנים, האָט זיך בהדרגה אַנטוויקלט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל. קיניגן האָבן אָן רעדן מיט אַן אַנדער שפּראַך און זיי שפּאַרן זיך אָן אין זייער פּאָליטיק אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון די נאַציעס. אינם 19טן י"ה קען מען קאָנסטאַטירן, צוגלייך מיט די שאַרפע אויסדריקן פון קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, אויך אַ שטאַרקע שפּאַנונג פון נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען סיי אין די מלוכות גופא אינעווייניק, סיי אין די באַציאונגען צווישן זיי. עס שלאָגן זיך די איטאַליענער, די אונגאַרן, די בעלגיער, עס שלאָגן זיך די פּאָליאַקן, די טשעכן און סלאָוואַקן, עס קעמפן די גערמאַנער, די באַלקאַנישע פעלקער. דער שורש פונם קאַמף איז אינם נאַציאָנאַלן אינטערעס. אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן אינטערעס מאַכט מען רעוואָלוציעס און מען פירט בלוטיקע מלחמות, באַגלייט מיט דינאַסטישע אינטריגעס און מיט ענדערונגען אינם פאַרמעסט פון דער דינאַסטישער פּאָליטיק. קיינמאָל נאָך האָט מען ניט געפילט די וואָג פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק מיט אַזאַ שאַרפקייט, ווי אין דער תקופה פון דער נייסטער געשיכטע. און קיינמאָל נאָך האָבן די קרענקלעכע העסלעכקייטן פון נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם — ווי דאָס זיינען דער שאָוויניזם, „נאַציאָנאַליזם" און „נאַציזם", דזשינגאָאיזם — זיך ניט געלאָזט פילן מיט אַזאַ קראַפט.

כדי צו פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער, האָבן די דעספּאָטן, אוזורפּאַטאָרן, פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן אין אַלע צייטן געשטרעבט זיך אָנצושפּאַרן

אויפן פּאַטריאָטישן געפיל פון די מאַסן. ערב דער מאַקעדאָנישער אוזור־פּאַציע האָט פיליפּס פּאַרטיי אין אַטען געפּרוּווט אויסצונוצן דעם נאַציאָ־נאַל־קריגערישן גייסט פון איזאָקראַטן און זיין פּאַרטיי, ווייל די מלחמה האָט ניט געקענט ניט ברענגען מיט זיך מאַקעדאָניעס העגעמאָניע. יוליוס צעזאַרס קאַמפּאַניע אין גאַליע האָט געדאַרפט מיט דער הילף פון אַ ריי גלענצנדע נצחונות צוריק אויפשטעלן דעם פירערס פּרעסטיזש, וועלכער האָט שטאַרק געליטן אין רעזולטאַט פון אַ צאָל אומגינסטיקע אומשטענדן. די קריגס־דערפאָלגן פון באָנאַפּאַרטן האָבן אין פראַנקרייך געשאַפן אַ נאַפּאָלעאָן־קולט, אַ „נאַפּאָלעאָנישע לעגענדע", וועלכע איז פאַרבליבן אין פאָלקס זכרון, ניט געקוקט אויף דעם אוזורפּאַטאָרס פאַרברעכנס, — וועלכע זענען אויס, אמת, בלאָס לגבי דער איבערנאַטירלעכער באַרבאַריי פון דעם היטלעריזמס פאַרברעכנס, — און ניט געקוקט אויף דער שטים פון דער קריטיק. מאַרקס דריקט זיך אויס וועגן נאַפּאָלעאָנען, אַז „ער האָט אינ־גאַנצן אָנגעזעטיקט דעם עגאָאיזם פון דער פראַנצויזישער נאַציע". ביס־מאַרקס אינטריגעס (די „עמסער דעפּעשע") האָבן געדאַרפט פאַרשאַרפן דעם דייטשן נאַציאָנאַל־געפיל, און זייער ציל איז געווען צו פאַראייניקן דייטשלאַנד דורך „בלוט און אייזן".

מאַרקס, ענגעלס און גאַר באַזונדער לאַסאַל פלעגן ניט איין מאָל אויסטייטשן געשעענישן און פּערספּעקטיוון אויסן קוקווינקל פון נאַציאָ־נאַלע, פּאַטריאָטישע און ראַסן־אינטערעסן. מאַרקס האָט געזאָגט, אַז „די רעוואָלוציע פון 1848 האָט אויפגעוועקט דעם אומאָפּהענגיקייט־גייסט ביי די אונטעדריקטע נאַציעס". מאַרקס האָט אַ סך געשריבן וועגן דעם קאַמף צווישן דער דייטשער ראַסע און דער סלאַווישער ראַסע, צווישן דער אונ־גאַרישער ראַסע און דער סלאַווישער ראַסע; ער רעדט וועגן דעם, אַז „די טשעכן און קראָאַטן ווערן איינגעשלונגען דורך די מער ענערגישע ראַסן, די גערמאַנער און אונגאַרן". ענגעלס האָט געשריבן, אַז „דער צווייטער „רייך" איז אַן אַפּעל צום פראַנצויזישן שאָוויניזם". מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל האָבן ניט נאָר אָנערקענט דעם וויכטיקן סאָציאַלן באַטייט פון די פּאַטריאָטישע אינטערעסן, נאָר אין געוויסע מאָמענטן האָבן זיי אַליין גע־דענקט ווי פּאַטריאָטן, אמת ווי רעוואָלוציאָנערע פּאַטריאָטן. אין דער „נויע רהיינישע צייטונג" האָט מאַרקס פאַרטיידיקט די היסטאָרישע רעכט פון דייטשלאַנד אויף שלעזוויג־האָלשטיין לגבי דענעמאַרק. „די דאָזיקע לענדער, האָט מאַרקס געשריבן אין דער „ניו־יאָרק טריביון", זיינען דייי־טשע נאָך זייער נאַציאָנאַליטעט, שפּראַך און סימפּאַטיעס, זיי דאַרפן אַריינ־גיין אין באַשטאַנד פון דייטשלאַנד צוליב מאָטיוון פון סטראַטעגיע, ים און האַנדל".

די אידעע צו פאַראייניקן דייטשלאַנד האָט שטאַרק געלאָקט מאַרקסן, ענגעלסן און לאַסאַלן. אַזוי, האָט לאַסאַל געטענהט, אַז דייטשלאַנד וועט נאָר געווינען פון דעם, וואָס עסטרייך וועט פאַרשווינדן ווי אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה. ער האָט געפאָדערט, אַז די פרייסישע רעגירונג זאָל דערקלערן מלחמה דענעמאַרק צוליב די טעריטאָריעס פון שלעזוויג־האָלשטיין. „אויב די דאָזיקע רעגירונג, האָט ער געשריבן, איז ניט ביכולת אָנצונעמען אַ שנעלן באַשלוס, וועט זי דערמיט באַווייזן, אַז די מאָנאַרכיע אין דייטשלאַנד איז שוין ניט פעאיק אויף קיין פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלן העראָאיזם". מיר זעענען דאָ זייער ווייט פונם ריינעם פּרינציפּ קלאַסן־קאַמף.

## 4

דער אונטערשיד אין רעליגיעזע גלויבונגען האָט געשאַפן אַנטאַגאָניזמען, וואָס עס האָבן זיי באַוועגט אינטערעסן ניט פון מאַטעריעלער און ניט פון קלאַסן־נאַטור, הגם אָפט האָבן זיי זיך איבערגעפלאָכטן מיט פּאָליטישע מאָטיוון און עקאָנאָמישע אינטערעסן.

ווי עס זאָל ניט האָבן געווען דער היסטאָרישער אָדער פּרע־היסטאָרישער בראשית פון די רעליגיעזע גלויבונגען און קולטן, בלייבט פּאַרט דער פונדאַמענטאַלער פאַקט, אַז במשך פון דורות און יאָרטויזנטער האָבן די מענטשן־מאַסן איבערגעטראָגן יסורים, מאַטערנישן, פאַרפאָלגונגען, אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג — צוליב זייערע רעליגיעזע גלויבונגען. עס האָבן געגלויבט די, וואָס האָבן אונטערדריקט און פאַרפאָלגט, הגם אין אַ סך פאַלן האָבן דערביי געקענט צוקומען מאָטיוון אויך פון מאַטעריעלער נאַטור, הן עקאָנאָמישע הן פּאָליטישע. אָבער מיט די קרבנות פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונגען האָבן באַוועגט אויסשליסלעך ניט קיין מאַטעריעלע מאָטיוון („ניט פון דער וועלט"), ווען — פון די מאָטיוון אויס — האָבן אָט די קרבנות, ניט קלאָגנדיק זיך און מיט רעזיגנאַציע, אויסגעהאַלטן דעם דרוק אַפילו דעמאָלט, ווען דאָס פאָרמעלע אָפּזאָגן זיך פון דער פאַרפאָלגטער רעליגיע וואָלט זיי געקענט שטעלן אין אַ גלייכער לאַגע מיט די אָנהענגערס פון די אַנדערע אָנערקענטע קולטן.

הונדערטער מיליאָנען הינדוסן פאַרערן די בראַמאַנישע רעליגיע, וועלכע סאַנקציאָנירט אומגעהויערע אומגלייכקייט פון די קאַסטעס, און דערביי זיינען די קרבנות פון דער אומגלייכקייט די גלויבנדיקע אַליין. אָנערקענען דעם רעזשים פון קאַסטעס — דאָס איז אַ מין הינדוסישער פּאַטריאָטיזם. די קייטן פון רעליגיע שמידן צו דעם הינדוס צו זיין שקלאַפעריי, און זיין טרויעריקע רעכטלעכע לאַגע ווערט אים דיקטירט דורך זיין רעליגיעזן באַוואוסטזיין. עס איז באַקאַנט, אַז ווען עס האָט זיך באַוויזן און זיך

אָנגעהויבן פּאַרשפּרייטן דער בודיזם, מיט זיינע אַנטי־קאַסטן־טענדענצן, — איז ער מיט שווערד און פייער אויסגעוואָרצלט געוואָרן פולשטענדיק פון אינדיע (אַחוץ דעם אינדזל ציילאָן), און די אַפּאָסטאָלן און מיסיאָנערן פון דער נייער רעליגיע האָבן זיך געמוזט אַוועקלאָזן זוכן אָנהענגער אין טיבעט, כינע, יאַפּאַן און אַנדערע לענדער.

זייער באַלערנדיק איז דער ביישפּיל, ווי אַזוי מאַהאָמעדאַניזם האָט זיך פּאַרשפּרייט. ווען די אַראַבער האָבן זיך, אַזוי ווי אַ לאַווע־שטראָם, צע־גאָסן איבער די טעריטאָריעס פון אַזיע, אַפריקע, אייראָפּע, כדי צו פּרעדיקן און פּאַרשפּרייטן די נייע רעליגיע, — האָבן זיי געשאָנקען פּאָליטישע רעכט נאָר יענע באַזיגטע, וואָס האָבן אָנגענומען מוסולמאַנשאַפט. די מאַהאָ־מעדאַנער, ווי אַזעלכע, אומאָפּהענגיק פון זייער אָפּשטאַם און נאַציאָנאַלי־טעט, זיינען געווען דער אַריסטאָקראַטיע־קלאַס, און זיין באַשעפטיקונג איז געווען תפילה, מלוכהשע טעטיקייט און מלחמה; אָקעגן, די אַפּיקורסים־אומגלויביקע, אָדער די ניט־מוסולמענער, זיי זיינען געווען דער קלאַס פּאָלקס־מאַסן, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום פּאָליטישע רעכט, זיי האָבן נאָר געהאָרעוועט און געצאָלט שטייערן.

ניט קיין ווייניקער באַלערנדיקער ביישפּיל פון דעם, ווי אַזוי עס ווירקן אין לעבן רעליגיעזע מאָטיוון און אינטערעסן, איז די לאַגע פון די געערודפטע יידן. ביזן אויפקום פון גערמאַנישן נאַציזם, וועלכער פּאַר־פאָלגט און ראָט אויס די יידן ווי אַ ראַסע, און אומאָפּהענגיק פונם צומיש פון אייניקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאָטיוון, — ווי דאָס האָט זיך כסדר איבערגעחזרט אין דער געשיכטע, — האָט מען בדרך־כלל די יידן פּאַרפּאָלגט לויטן סימן פון זייער רעליגיע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אונ־טערגעשיידט פון דער גאַנצער איבעריקער באַפעלקערונג. עס איז געווען גענוג, אַ ייד זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין אמונה, און ער זאָל זיך באַפרייען פון די נגישות. במשך פון יאָרטויזנטער איז די יידישע מאַסע געבליבן גע־טריי דער אמונה פון אירע אָבות, און זי האָט צוליב איר מקריב געווען די פּערזענלעכע זיכערקייט און מאַטעריעלן וואוילשטאַנד. דער מאַטע־ריעלער אינטערעס איז דערביי אונטערדריקט געוואָרן דורך דעם רעלי־גיעזן אינטערעס.

געוויס האָבן ביים אַנטיסעמיטיזם, פון צייט צו צייט, געשפּילט אַ געוויסע ראָלע עקאָנאָמישע מאָטיוון: שנאה צום קאָנקורענט, קנאה צום הענדלער, פּיינטשאַפט צום וואָכערניק, ריוואַליטעט אין די ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס. ווען פיליפּ דער שיינער האָט קאָנפיסקירט דאָס פּאַרמעגן און די קאַפּיטאַלן פון די יידישע סוחרים, איז עס פּאַר זיין שאַץ־קאַמער געווען איינער פון אַ סך אַנדערע באַרייכערונגס־קוואַלן, אָט אַזוי ווי דאָס באַראַ־בעווען די איטאַליענישע סוחרים אָדער דאָס באַשווינדלען די אייגענע אונ־

טערטאַנען דורך פֿאַלסיפֿיצירן די גאָלד־מטבעות. דאָך איז עס — ניט קיין קלאַסן־פֿאַרפֿאָלגונג: אויף רדיפֿות זיינען געווען אויסגעשטעלט ניט סתּם קאַפּיטאַליסטן, סוחרים, וואָכערניקעס, נאָר יידישע קאַפּיטאַליסטן, סוחרים, וואָכערניקעס. ניט אַ קלאַס האָט דאָ געררודפֿט אַ קלאַס: קריסטן, ניט־יידן האָבן פֿאַרפֿאָלגט יידן. דער פֿאַקט, וואָס אַנטיסעמיטיזם האָט עקסיסטירט שוין אין אוראַלטער, ווען יהודה איז נאָך געווען אַן אויטאָנאָמע מלוכה, און אַז עס האָט עקסיסטירט אַ באַזונדערע יידישע נאַציאָנאַליטעט מיט אַן אייגענער טעריטאָריע, שליסט אומבאַדינגט אויס יעדן געדאַנק וועגן אַ שנאה צו יידן ווי צו אַ קלאַס. קלאָר, די דאָזיקע שנאה האָט געשטאַמט פֿון די אייגנשאַפֿטן פֿון דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער קולטור, וועלכע האָט אויסגעטיילט די יידן פֿון אַנדערע פֿעלקער און וועלכע האָט זיי איזאָלירט אויף אַזוי פֿיל, אַז טאַציט האָט זיך וועגן זיי געקענט אויסדריקן ווי וועגן אַ פֿאָלק, וואָס „האָט פֿיינט דעם גאַנצן מין מענטשן״. די אוראַלטע קריסטן זיינען געווען אויסגעשטעלט פּונקט אויף אַזאַ שנאה, ווי די וואָס האָט געדריקט די יידן, און זיכער איז עס אויך געווען צוליב זייער איזאָלירטקייט און קולט־באַזונדערקייטן. מערקווירדיק איז, אַז אויף די קריסטן האָט מען אין דער תּקופֿה פֿון די רדיפֿות אויסגעטראַכט די זעלבע פֿאַרברעכנס, אין וועלכע עס זיינען אָפּט — שפּעטער, במשך פֿון מיטלאַלטער און אין דער נייערער צייט — באַשולדיקט געוואָרן די יידן, — למשל אין באַנוצן צו דער שפּייז מענטשיש בלוט און פֿלייש.

ווען קריסטנטום האָט געפֿייערט זיין נצחון, האָט מען יידן פֿאַרפֿאָלגט ווי „גאָטס מערדער״. אַלע קלויסטער־אָבות, אַחוץ דעם הייליקן אויגוסטין, פֿאַרמאָגן אַ פֿאַנאַטישע שנאה צו די „פֿיינט פֿון קריסטוס״. די מאַרטירעריי פֿון יידן האָט דערגרייכט דעם הויכפּונקט בעת די קרייץ־צוגן, אַ תּקופֿה, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ פּאַראָקסיזם פֿון רעליגיעזן געפֿיל ביי אַלע קלאַסן פֿון דער געזעלשאַפֿט. דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט געשאָנקען יידן אין מיטלאַלטער אַ מקום־מקלט, און וואו זיי זיינען געווען אויסער געפֿאַר, איז געווען דאָס מוסולמענישע שפּאַניע. עס האָבן גערודפֿט די יידן די קאַטוילישע קיניגן, וועלכע האָבן פֿון זיי געצויגן אַ היפּשן חלק פֿון זייערע הכנסות, און די היציקסטע פֿון זיי זיינען געווען די גאָר פֿרומע קיניגן, ווי לודוויג דער הייליקער. אָבער די הויפּט־סיבה פֿון די מיטלאַלטערלעכע רדיפֿות קעגן יידן דאַרף מען זוכן אין דער שנאה, וועלכע די קאַטוילישע גייסטיקע האָבן געפּרעדיקט קעגן זיי, און אין דעם רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם פֿון די פֿאָלקס־מאַסן. דאָס אַרויסטרייבן יידן פֿון שפּאַניע אין 1492 איז געקומען דער עיקר אונטערן דרוק פֿונם קלער אויף דער קיניגלעכער פּאָר, פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ. דער דאָזיקער גרויזאַמער אַקט איז געווען איינע פֿון די סיבות צו דער שפּעטערדיקער ירידה

פון שפּאַניע. די טראַגעדיע פונם יידישן פאָלק איז ניט געווען קיין קלאַסן־טראַגעדיע.

אין אַן ענלעכער לאַגע האָבן זיך תמיד געפונען אַלע יענע, וואָס האָבן געליטן רדיפות צוליב רעליגיעזע גלויבונגען, מיט וועלכע קיין שום מאַטעריעלע אינטערעסן זיינען ניט געווען פאַרבונדן. דאָס איז געווען דער פאַל מיט די ערשטע קריסטן. די נייע רעליגיע האָט ניט פאַרשפּראָכן קיין שום ערדישע גליקן אירע אָנהענגער; ניט „עולם הזה" איז געווען דער שכר. אויף דער וועלט האָט זיי מיט גרויסע געפאַרן געדראָט. פון דער אַנדערער זייט, זיינען די רדיפות אויף די קריסטן ניט אויסן געווען קיין שום עקאָנאָמישע אָדער קלאַסן־מאָטיוון. די דאָזיקע רעליגיע, וואָס איז אַזוי ווייט געווען פון ראַציאָנאַליזם, האָט זיך ניט געקענט פאַרשפּרייטן צווישן די מער געבילדעטע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. אַזעלכע מענער ווי צעלזוס און יוליאַן, פילאָזאָפן און אין אַ געוויסן זינען ראַציאָנאַליסטן, האָבן אויפריכטיק פיינט געהאַט די נייע רעליגיע, צוליב איר מיסטישן כאַראַקטער. אין די העכערע קלאַסן האָט זי נאָך אפשר געפונען אָנהענגער צווישן די פרויען (חוץ יחידים אויסנאַמען), ד"ה אין דעם עלעמענט, וואָס — מחמת אינטעלעקטועלער קולטור און פּילבאַרקייט — פלעגט ער אַרונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון כמעט אַלע נייע קולטן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין מזרח און אַריינגעדרונגען אין איטאַליע. אין דער אָנפאַנג־עפּאָכע פון עקזאַלטאַציע איז קריסטנטום געווען בעיקר די רעליגיע פון די נידעריקסטע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, די רעליגיע פון בעלי־מלאכות, פּראָלעטאַריער, שקלאַפן, — זיי האָבן לייכט אויפגענומען געוויסע אילוזיעס, וואָס האָבן סיי אַנטשפּראָכן זייער אינטעלעקטועלער מדרגה און אי געווען צוגעגרייט דורך די באַדינגונגען פון זייער נעבעכדיקער עקסיסטענץ. און צוליב אָט די אילוזיעס האָבן זיי פאַנאַטיש געטראָגן זייערע קרבנות. די אימפּעראַטאָרן־מאַכט אין רוים האָט פאַרפאָלגט די קריסטן, האַלטנדיק זיי פאַר אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וואָס לויטן כאַראַקטער פון איר קולט־איזאָלירטקייט איז זי געווען אַ פּראָוואָקאַציע לגבי דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די היידנישע מאַסן.

געוויסע עקאָנאָמישע אינטערעסן, פונם גייסטלעכן שטאַנד, למשל, האָבן געקענט שפּילן און שפּילן אַ געוויסע ראָלע ביי די רעליגיעזע אַנטאַגאָניזמען אָדער ביי דער רעליגיע ווי אַ פאַרשקלאַפונגס־געווער (וועגן דעם, למשל, האָט שוין געשריבן באַססיועט, רעדנדיק וועגן די רדיפות אויף דער קריסטלעכער קירך אין רוים); אָבער דאָס באַזייטיקט ניט דעם גרונט־פאַקט, אַז אין דער געזעלשאַפט ווי אַזעלכער און אין די הערשנדיקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט האָט עקסיסטירט אַן אויפריכטיק רעליגיעז געפיל. קיינער וועט זיך ניט נעמען איצט באַהויפּטן, אַז די רעליגיע איז געווען אויס־

געטראַכט און איינגעפירט, כדי צו דינען די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן, — אַ מיינונג, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין 18טן י״ה, — און אַז די כוהנים און גייסטיקע האָבן במשך פון דורות און יאָרטויזנטער גענאַרט דאָס פאָלק, אַליין ניט האַלטנדיק פון די גלויבונגען. פיוסטעל דע קולאַנזש באַווייזט, פאַרקערט, אַז אין רוים האָט דאָס פירן דעם קולט־דינסט אָפט געשאַפן שווערקייטן פאַר די פּאַטריציער און סענאַט. פון דער אַנדערער זייט, איז דאָס רע־ליגיעזע געפיל באַזונדערס טיף גראַד אין יענע געמיינדעס, סעקטעס און רעליגיעזע פאַרבאַנדן, אין וועלכע עס פעלט אינגאַנצן אַן אָפּגעזונדערטער קלער, אָדער אין וועלכע דעם קלערס סאָציאַלע באַדייטונג איז באַשיידן אָדער נישטיק. פאַר אַ בײשפּיל קען מען אָנווייזן אויף די יידן נאָכן חורבן בית־המקדש, אויף די קאַלוויניסטן, לוטעראַנער, פּוריטאַנער א״אַ.

קאָנסטאַנטינס אָננעמען קריסטנטום דערקלערט זיך ניט מיט אוטי־ליטאַרע, אין מאַטעריעלן זינען, מאָטיוון, נאָר מיטן פשוטן אָבערגלויבן זיי־נעם: ער האָט זיך געשראָקן פאַרן טייוול, ער האָט געגלויבט אין דער מאַגישער קראַפט פון קמיעות און אין כוח פון תפילות; און ער האָט אָנ־גענומען קריסטנטום אין דער פולער אמונה, אַז דער קריסטלעכער גאָט וועט אים שענקען אַ זיג איבער מאַקסענציוסן. דער גרעסטער טייל פון זיין אַרמיי איז באַשטאַנען פון היידן (פּאַגאַנען); די פויערים און באַרבאַרן, אַט די צווי שיכטן באַפעלקערונג, וואָס בתור זעלנער האָבן זיי אַרויפגע־זעצט אויפן טראָן און אַראָפּגעזעצט אימפּעראַטאָרן, זיינען געווען היידן. אַ געוויסע פּראָפּאָרץ קריסטן איז יאָ געווען אין פלעבס און אין די מיטעלע קלאַסן; אָבער פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט האָבן זיי קיין גרעסערע באַדיי־טונג ניט געהאַט. דער סענאַט, וואָס האָט איינגעהאַלטן די ראָלע פון אַ וויכטיקער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, איז אויך געשטאַנען פאַר דער טראַדיציאָנעלער „געצנדינערישער" רעליגיע. קאָנסטאַנטין האָט פשוט געגלויבט אין דער הילף פון דער איבערנאַטירלעכער קראַפט, וואָס פליסט אַרויס פונם מיסטישן וועזן. דאָס וואָס קאָנסטאַנטין האָט אָנגענומען קריסטנטום און דאָס שפּעטערדיקע פּראָקלאַמירן קריסטנטום פאַר אַ מלוכהשע רעליגיע — האָט געגעבן אַ שטויס דער ווייטערדיקער פאַרשפּריי־טונג פון קריסטנטום.

אין אַלטערטום האָבן רעליגיעזע קאָנפליקטן און מלחמות פּאַסירט נאָר ספּאָראַדיש, און אין דער נייער צייט האָבן זיי געהאַט נאָר אַן אָפּגע־לעבטן כאַראַקטער. אָבער אין מיטלאַלטער און אין דער תקופה נאָך דער רעפאָרמאַציע האָבן זיי פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ. אין דער תקופה פון די רעליגיעזע מלחמות האָט קלאַסן־קאַמף נאָר פון צייט צו צייט זיך איבערגעפלאָכטן מיט רעליגיעזן קאַמף.

אין דער צייט פון דער ירידה פון דער רוימישער אימפּעריע ווילדעוועט דער רעליגיעזער קאַמף. קריסטן באַקעמפן „געצנדינער", קאַטוילן — די הערעטיקער, די הערעטיקער מיט די היידן קעמפן צוזאַמען קעגן די קאַטוילן. בעת דער אינוואַזיע פון די באַרבאַרן האָט זיך פאַר די קריסטן געשטעלט די פראַגע בעיקר, צי די דאָזיקע באַרבאַרן־עקספּאַנסיע וועט פאַרן קריסטנטום זיין גינסטיק אָדער ניט. דאָס רוב נייעסטע געשיכטשרייבער מיינט, עס איז אַפילו אַ סברא, אַז די באַרבאַרן און קריסטן האָבן זיך אין זייער אַקציע צוזאַמענגערעדט. אַ געוויסע ראָלע האָט, אַגב, געשפּילט די ריוואַליטעט צווישן די אַריאַנער און די קאַטוילן. מאָנטעסקיע האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער ווירקונג פון קריסטנטום אויפן פאַלן פון דער רוימישער אימפּעריע; בורכאַרדט און גיבבאָן האָבן די דאָזיקע פראַגע געלייזט פּאָזיטיוו.

די געשיכטע פון ביזאַנץ איז פול מיט מלחמות צווישן פאַרשידענע קריסטלעכע סעקטעס. דאָס וואָרט „ביזאַנטיזם" אַליין באַטייט — צעשפּליטערן די כוחות און פאַרלירן ענערגיע צוליב האָפענונגסלאָזע טעאָלאָגישע מחלוקתן און צוליב צאַנקערייען, אַרויסגערופענע דורך רעליגיעזע חלוקי־דעות. נאָכן איינעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און באַגרינדן די לאַטיינישע אימפּעריע האָט די שנאה צווישן דער פּראַוואָסלאַווישער גריכישער באַפעלקערונג און די קאַטוילישע דעראָבערער ניט ווייניק מיטגעהאָלפן, די אינוואַזיע פון די טערקן זאָל זיך צוביסלעך פאַרשפּרייטן איבער די אינדזלען און פאַרשידענע טעריטאָריעס פון דער ביזאַנטישער מלוכה. מיט אַ פאָר יאָרהונדערטער פריער האָט דער קאַמף צווישן די אָרטאָדאָקסן און הערעטיקער אין אַפריקע פאַרלייכטערט די אַראַבער־מוסולמענער צו פאַרנעמען אַלע בעסטע פּראָווינצן אין אַפריקע.

אין דער מוסולמענישער וועלט גופא איז כסדר אָנגעגאַנגען אַ מלחמה צוליב דעם, ווי זאָל מען ריכטיק פאַרשטיין די אמונה. אין דער אויפבלי־תקופה פון דער אַראַבישער ציוויליזאַציע, זיינען אין דעם מוסולמאַנטום אַנטשטאַנען אַפּיקורסישע ריכטונגען, וועלכע מען האָט שפּעטער אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן אויסגעוואָרצלט.

דער הויפּט־מאָטיוו אין דער באַוועגונג פון די קרייץ־צוגן איז געווען דער רעליגיעזער אינטערעס. די לוסט צו אַוואַנטורעס ביי דער קריגס־פעאָדאַלער קאַסטע, די אַפּעטיטן פון די סעניאָרן, דאָס שטרעבן זיך צו באַרייכערן אין פאַבל־לאַנד פון מזרח — דאָס אַלץ האָט געקענט אויף אַ געוויסן אופן סטימולירן יענע אָדער אַ טייל פון יענע, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די באַוועגונג און גענומען אין איר אָנטייל. אָבער אין תוך בלייבט דער פאַקט, אַז די קריסטלעכע וועלט האָט זיך דאָ געוואָרפן אין קריג קעגן דער מוסולמענישער וועלט. די תקופה קרייץ־צוגן איז צונויפגעפאַלן

מיטן פּעריאָד פון העכסטן אויפבלי פון קאַטאָליציזם און פון דער מאַכט פון פּויפּסט. די קרייץ־פּאָרער האָבן געדענקט און גערעדט, אַז די אמונה באַוועגט זיי, און אַזעלכע היסטאָריקער ווי גיזאָ און מיניע זעען אינם רע־ליגיעזן אינטערעס די גרונט־סיבה פונם דאָזיקן מעכטיקן שטראָם. באַ־גייסטערט די באַוועגונגען האָבן די פּויפּסטן. זיי האָבן די קרייץ־פּאָרער צוגעזאָגט מחילה פאַר אַלע זינד; זיי האָבן מיטן גאַנצן כוח פון זייער אוי־טאָריטעט געווירקט ניט נאָר אויף די מאַסן, נאָר אויך אויף די מאָנאַרכן און פעאָדאַלע סעניאָרן. דער הייליקער בערנאַרד האָט געצוואונגען דעם אימפּעראַטאָר קאָנראַד קעגן זיין ווילן צו נעמען אָנטייל אינם קרייץ־צוג. העגריך דעם צווייטן איז פאַרגעבן געוואָרן דאָס דערהרגענען טאָמאַס בעק־קעטן נאָר אונטערן באַדינג, אויב ער וועט צושטיין צו דעם צוג קעגן די אומגלויביקע.

עס איז ריכטיק, אַז גלייכצייטיק מיטן רעליגיעזן עקסטאַז האָבן די זייער שווערע לעבנס־באַדינגונגען פון יענער צייט געשאַפן אַן אַטמאָספע־רע, וואָס איז גינסטיק געווען פאַר דער מיסטישער דערוואַכונג פון די מאַסן. פאַרן ערשטן קרייץ־צוג איז פראַנקרייך אויסגעקומען, אין 11טן י"ה, צו ליידן פון פאַרפלייצונגען, ערדציטערנישן, הונגער, עפּידעמיעס. דאָס אַלץ האָט מיטגעהאָלפן, אַז די עקזאַלטאַציע זאָל פאַרשאַרפט ווערן, און דאָס צו פאַרדאַנקען האָבן די פאָלקס־מאַסן זיך אַ לאָז געטאָן אויף מזרח. אין יאָר 1064 האָט זיך אַן אַרמיי פון עולה־רגלניקעס אַרויסגעלאָזט, כדי זיך צו גרייטן צום „ענד פון דער וועלט". די זינלאָזע „קרייץ־צוגן פון קינדער" האָבן געקענט צושטאַנדקומען נאָר אין אַן אַטמאָספערע, וואָס איז געווען אָנגעזאָפּט מיט רעליגיעזן עקסטאַז.

די קרייץ־צוגן זיינען אין תוך געווען אַ רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגעקומען פון רעליגיעזע מאָטיוון. אָבער זייער באַטייט פאַר דער וועלט־עקאָנאָמיע און פאַר דער פאַרטיילונג פון די עקאָנאָמישע קרעפטן, און אויך זייערע פּאָליטישע רעזולטאַטן זיינען געווען זייער גרויס.

אין דער איבערקערעניש, וואָס די רעפאָרמאַציע האָט דורכגעפירט, האָבן צוגלייך מיט די מאַטעריעלע און פּאָליטישע אינטערעסן פון געוויסע גרופּן געשפּילט אַ גרונט־ראָלע דער ריינער גלויבן און רעליגיעזער פּאַ־טאָס. נאָך לאַנג פאַר לוטערן און מעלאַנכטאָנען האָבן די נויטיקייט פון אַ קירך־רעפאָרם געפּריידיקט וויקלעף און הוסס, די לאָלאַרדן, די הערעטי־קער, בכלל פאַרשידענע סעקטעס און אין איטאַליע גופא, למשל, סאַוואָנאַ־ראָלאַ. ניט די קיניגן, ניט די פירשטן האָבן אויפגעוועקט יענע מעכטיקע מאָראַלע און אינטעלעקטועלע באַוועגונג, וועלכע האָט געבראַכט צו דער רעפאָרם פון דער קירך. אמת איז נאָר, אַז דאָס אַריינמישן זיך פון די קיי־

ניגן און פון דער פּאָליטישער מאַכט האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער עוואָלוציע פון דער זאַך פון דער רעפאָרמאַציע.

די קאַטוילישע שרייבער האָבן געזוכט מאָטיוון פון רעליגיעזן בונט אין די מאַטעריעלע און פּאָליטישע געלוסטונגען פון די הערשער. אַזוי, זעט פרידריך שלעגל אינם שטרעבן צו באַהערשן די קלויסטער־פאַרמעגנס איינע פון די גרונט־סיבות, פאַרוואָס פּראָטעסטאַנטיזם האָט זיך פאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד. ענלעכע מאָטיוון ברענגען אויך מאַרקס און אַנדערע פאָרשטייער פון דער מאַרקסיסטישער שול. אָבער אין זיין בוך „די פאַר־לויפער פון דעם נייערן סאָציאַליזם" אָנערקענט קאַוטסקי אַליין דעם רע־ליגיעזן כאַראַקטער פון דער „באַוועגונג, וואָס איר ציל איז געווען צוצוגעבן ריינקייט דער קירך, צוריק אויפצושטעלן דאָס עוואַנגעלישע קריסטנ־טום".

דאָס סעקולאַריזירן די קלויסטער־פאַרמעגנס איז געווען אַ גאַנץ אָפּ־טער פאַקט אין דעם קאַמף צווישן דער קלויסטער־מאַכט און דער וועלט־לעכער מאַכט; אָבער דאָס איז ניט געווען קיין פּאָליטיק, געווענדט קעגן קאַטוילנטום. ווי עס האָט באַמערקט איין געשיכט־שרייבער (פ. לאָרענט), ווען די באַראָנען וואָלטן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם פאַרכאַפּן דורך דער קירך פון די לאַנד־גיטער, וואָלט סוף־כל־סוף די קירך איינגע־שלונגען די גאַנצע בירגערלעכע געזעלשאַפט. דער פּראָיעקט צו סעקו־לאַריזירן די קלויסטער־פאַרמעגנס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין יאָר 1525 דורך די קאַטוילישע פירשטן. הייסט עס, דאָס איז געווען אַן אומ־פאַרמיידלעכער עפּיזאָד אין דעם קאַמף, אָבער ניט זיין הויפּט־מאָטיוו. אוודאי זיינען געווען נאָך אַנדערע אימפּולסן, פון פּאָליטישן כאַראַקטער, וואָס האָבן געטריבן די פירשטן אויפן וועג צו פאַרטיידיקן די רעפאָרמאַ־ציע קעגן די פּויפּסטן, וועלכע זיינען געשטיצט געוואָרן דורך דער אימ־פּעראַטאָרן־מאַכט. דער הויפּט־מאָטיוו איז אָבער פאָרט געווען דער רע־ליגיעזער אינטערעס פון די הערשער. קאַרל דער 5טער, וועלכער האָט ווי אַ וועלטלעכער מאָנאַרך געקעמפט קעגן פּויפּסט, אַלס דעם הויפּט פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה, האָט דאָך ווי אַ גוטער קאַטויל געטרוימט וועגן דער אויסוואָרצלונג פון דער לוטעראַנישער אַפּיקורסות.

דער רעליגיעזער אינטערעס האָט געהערשט אין דעם כסדרדיקן קאַמף, אין די קאָנפליקטן און די לאַנג־דויערנדיקע מלחמות, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין 16טן און 17טן י"ה.

די פאַרפאָלגונג פון די פּראָטעסטאַנטן אין פראַנקרייך איז געווען אַרויסגערופן בעיקר דורך רעליגיעזע און פּאָליטישע מאָטיוון. עס זיינען געווען געראָדפטע און עס זיינען געווען פאַרפאָלגער. די געראָדפטע הוגע־נאָטן האָבן ניט געהאַט קיין שום מאַטעריעלן אינטערעס ביים פאַרבלייבן

געטריי זייער רעליגיע; דאָס אָפּזאָגן זיך פון איר האָט זיי גאַראַנטירט אַ רואיק לעבן און פאַרזיכערט אַלע רעכט אין זייער לאַגע. די מלוכה האָט זיי געדודפט פאַרן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אונטער דער ווירקונג פון דעם געדאַנק, אַז די אייניקייט פון דעם פּאָליטישן אָרגאַניזם קען ניט אייג־געהאַלטן ווערן ביי באַדינגונגען פון אַנטאַגאַניזם צווישן צוויי רעליגיעס אין לאַנד. ביי דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן זיך געהאַלטן ניט נאָר די קאַ־טוילישע עלטסטע, נאָר אויך אייניקע פרייזדענקערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן פאַר דער דערנענטערונג פון די קאַטוילן און הוגענאָטן געזוכט אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון קעגנזייטיקע הנחות און טייל־ווייזער רעפאָרם פון קאַטוליציזם. ביי אַזאַ מיינונג האָט זיך, למשל, געהאַלטן דע לאַ באָעטי, דער מחבר פון באַרימטן פּאַמפלעט „וועגן פריי־וויליקער קנעכטשאַפט", אויף וויפל מען קען משפטן לויטן געשריפטס, וואָס איז געבליבן נאָך זיין טויט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער לעצטער צייט.

אַליין פאַר זיך איז די רעפאָרמאַציע לכתחילה ניט געווען קיין פּאָ־ליטישע באַוועגונג. אָבער דאָס רודפן די פראָטעסטאַנטן האָט סוף־כל־סוף אַרויסגערופן פון זייער זייט אַ פּאָליטישע רעפּליקע. נאָך דער שוידער־לעכער באַרטאָלאָמעאוס־נאַכט איז געקומען אַן עקספּלאָזיע פון רעוואָלו־ציאָנערער אידעאָלאָגיע. אין די פילצאָליקע ווערק פון די „מאָנאַרכאָ־מאַכן", אין די ביכער, זאַמלונגען, פּאַמפלעטן, בראָשורן פון די פראַנצוי־זישע הוגענאָטן — האָט געפונען איר אויסדרוק און אַנטוויקלונג אַ נייע סיסטעם פון דעמאָקראַטישער וועלטאַנשויאונג, אין וועלכער עס איז גע־פריידיקט געוואָרן שנאה צו פּאָליטישער טיראַניע און דאָס רעכט צו רע־וואָלטירן. אין די דאָזיקע ווערק פון 16טן י״ה זיינען פאָרמולירט געוואָרן אַלע יענע פרינציפּן פון דעמאָקראַטישן געדאַנק, סאָציאַלן אָפּמאַך, פאָלק־סואווערעניטעט, פאָלקס־פאַרטרעטונג, פרייהייט פון געוויסן אאַז״וו, וועל־כע זיינען שפּעטער אַזוי גלענצנד אַנטוויקלט געוואָרן אין 18טן י״ה. די אַלע אידעען, פונקט ווי די אידעען פון די ענגלישע רעפאָרמאַטאָרס, האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די דעמאָקראַטישע אַנשויאונגען פון אַמע־ריקע („דאָס נייע ענגלאַנד").

ווי וואָלט אויסגעזען דער גורל פון די פראָטעסטאַנטן אין פראַנקרייך, ווען הענריך דער 4טער, פאַר וועמען „פּאַריז האָט כשר דערוועגט אַ גאָ־טעסדינסט" ("Paris valait bien une messe"), וואָלט געקענט דערגרייכן דעם טראָן, ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון דער הוגענאָטישער אַפּיקורסות! אָבער ווי ס'זאָל ניט זיין, זיין טאָלעראַנץ־אַקט, דער „נאַנט־עדיקט", איז אָפּגע־שאַפט געוואָרן דורך לודוויג דעם 14טן. אין יסוד פון דער פאַראָרדענונג זיינען געווען די זעלבע מאָטיוון: קאַטוילישער פאַנאַטיזם, די זאָרג וועגן

גלויבנס־איינהייט אין דער גאַנצער מלוכה, דאָס שטרעבן צו באַקערן די הוגענאָטן צו קאַטויליקשקייט. צי קען מען דאָ רעדן וועגן דער ווירקונג פון עקאָנאָמישן מאָטיוו, ווי למשל וועגן אַ שטרעבן זיך צו באַפרייען פון דער קאָנקורענץ פון די סוחרים־הוגענאָטן? פאַרקערט, דער קיניג האָט געהייסן אָנווענדן אַ באַזונדערע ווייכקייט צו די סוחרים, בעלי־מלאָכות און אַדעליקע הוגענאָטן. דאָס זיינען געווען עלעמענטן, וואָס די רעגירונג האָט זיי געוואָלט איינהאַלטן אין איר לאַנד; עמיגראַציע איז פאַר זיי געווען שטאַרק פאַרבאָטן, און פרואוון פון דעם מין זיינען שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. דער צוועק פון אָפּשאַפן דעם עדיקט איז געווען — צו דער־גרייכן מיט אַלע מיטלען די רעליגיעזע ניוועלירונג פון אַלע אונטערטאַנען אין דער דעספּאָטישער מלוכה. עס זיינען באַקאַנט די שעדלעכע רעזול־טאַטן פון לודוויג דעם 14טנס עדיקט, וועלכער האָט אָפּגענומען ביי פראַנק־רייך אירע בעסטע אינדוסטריעלע כוחות, ווייל זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, שווייץ און אַפילו דרום־אַפריקע.

פאַרפאָלגטע און פאַרפאָלגער זיינען אויך געווען אין דעם 30יעריקן קריג אין דייטשלאַנד. עס זיינען אַנטקעגנגעשטאַנען רעליגיעזע מאָטיוון ביי איינע און ביי די אַנדערע. דער אימפּעראַטאָר פערדינאַנד האָט אויפ־ריכטיק געדענקט, אַז ער האָט ליב די דורך אים גערודפטע פּראָטעסטאַנטן. ער פלעגט זאָגן: „וואָלט איך זיי ניט ליב געהאַט, וואָלט איך זיי געלאָזט אומקומען אין זייער בלאַנדזשען“. אויך גוסטאַוו אַדאָלפן האָט די אמונה געשטויסן, ער זאָל זיך אַריינמישן אין דער מלחמה, כדי צו ראַטעווען לוטע־ראַנישקייט אין דייטשלאַנד. נו, און די גערודפטע? די אָרעמע פּראָ־טעסטאַנטן האָבן זיך געראַטעוועט פון די פאַרפאָלגונגען אין די וועלדער, און געפירט דאָ אַ לעבן פון טראַגלאָדיטן. די רייכע משפחות האָבן עמי־גרירט. וואו זשע האָט דאָ געקענט זיין וועלכער ס׳איז מאַטעריעלער אינ־טערעס?

איןביידע ענגלישע רעוואָלוציעס פון 17טן י״ה האָבן אַ גרויסע באַ־דייטונג געהאַט רעליגיעזע מאָטיוון. גיזאָ כאַראַקטעריזירט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד, אין אַזעלכע אויסדרוקן: „אין דייטש־לאַנד, אין 16טן י״ה, איז עס געווען אַ רעליגיעזע ענדערונג און גאָרניט קיין פּאָליטישע. אין פראַנקרייך, אין 18טן י״ה, איז זי געווען אַ פּאָליטישע און שוין גאָרניט קיין רעליגיעזע. פאַר ענגלאַנד, אין 17טן י״ה, איז עס געווען אַ גליק, וואָס דאָרט האָבן זיך פאַראייניקט צוזאַמען דער גייסט פון רעליגיעזן גלויבן מיטן גייסט פון פּאָליטישער פרייהייט, און וואָס דאָ זיי־נען אונטערגענומען געוואָרן גלייכצייטיק צוויי רעוואָלוציעס“. לויט גי־זאָ, האָט דעם אימפּולס צו דער פּאָליטישער רעוואָלוציע געגעבן די רעלי־גיעזע רעוואָלוציע, און זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום די פּאָ־

ליטישע פּראָבלעמען, וואָס זייער לייזונג האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט די רעליגיעזע אינטערעסן. דאָס וואָס קאַרל דער 1טער האָט ניט אַרויסגע־וויזן גענוג רעליגיעזע טאָלעראַנץ, האָט זיך זייער שעדלעך אָפּגערופן אויף זיין ווייטערדיקן גורל; און דער קאַטוילישער פאַנאַטיזם פון יעקב דעם 2טן האָט געבראַכט צום פאַלן פון קיניג און פון דער סטיואַרט־דינאַסטיע.

אין דער ערשטער ענגלישער רעוואָלוציע, האָט דער פּרוואו פון קאַרל דעם ערשטן איינצופירן אַ נייעם קולט אין פּרעסביטאַריאַנישן שאָטלאַנד — אַרויסגערופן אַ שטורעם, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך וויכטיקע פאָלגן. די שאָטלענדישע רעוואָלוציע האָט באַוואויגן דעם קיניג צונויפצורופן דעם לאַנגן פּאַרלאַמענט, און דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער ענגלישער רעוואָלוציע. ביידע פּאַלאַטעס האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה צו פאַרטיידיקן פּראָטעסטאַנטיזם און פּאָליטישע פרייהייטן. אין זיין קאַמף קעגן דעם פּאַרלאַמענט האָט קאַרל I געשטרעבט זיך אָנצושפּאַרן אויף די קאַטוילן און ווען קאַרל האָט ענדלעך דערגרייכט צו אַ קאָמפּראָמיס מיטן פּאַרלאַ־מענט, האָט זיך אַריינגעמישט די אַרמיי און געפאָדערט אַ משפּט איבערן קיניג. קאַרלן האָט מען געקעפּט, און ענגלאַנד איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ רעפּובליק. אין דער דאָזיקער רעוואָלוציע האָט דער פּאָליטישער קאָנפליקט עקסיסטירט צוגלייך און אין פאַרבינדונג מיטן רעליגיעזן קאָנ־פליקט, און דער טאָפּעלער קאָנפליקט האָט זיך נאָך פאַרוויקלט מיט דער־שיינונגען פון קלאַסן־קאַמף.

היוצא לנו: אין פאַרשידענע תקופות האָבן די רעליגיעזע אַנטאַגאָ־ניזמען פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אינם פאַרוויקלטן קאָמפּלעקס פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען — צוגלייך מיט די פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע, ראַסן־, קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען און אַנדערע; זיי האָבן באַאיינפלוסט דעם גאַנג פון היסטאָרישן פּראָצעס און דעם גורל פון די פעלקער און פון דער מענטש־הייט.

# קאַפּיטל פיר

## פּאָליטישע רעזשימען און קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען

### 1

מלוכה — דאָס איז אָרגאַניזאַציע פון אָרדענונג, פון רעכטלעכער זיכערקייט און צו פּאַרווירקלעכן די אויפגאַבן פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַרישקייט. אָבער אָפּהענגיק פונם פּאָליטישן רעזשים, קען די מלוכה ווערן — און אין דער געשיכטע איז זי טאַקע אָפט געוואָרן — אַ געוועהר פון הערשאַפט און אונטערדריקונג. די אינטערעסן פון דער מלוכה ווי אַ קאָלעקטיוו מעגן ניט צונויפפאַלן מיט די אינטערעסן פון דער הערשנ־דיקער גרופּע אָדער מיט די אינטערעסן פון באַזונדערע סאָציאַלע גרופּעס. עס קען אונטערדריקט ווערן אַ מערהייט דורך דער מינדערהייט אָדער אַ מינדערהייט דורך דער מערהייט. אויב די מלוכה־מאַכט געהערט צו אַ פּאָליטישן יחיד אָדער צו אַ פּאָליטישער גרופּע, — למשל, צו אַ מאָנאַר־כיע, טיראַניע, אָליגאַרכיע, פּאָליטישער פּאַרטיי, — דעמאָלט קען די מלוכה ווערן אַ געווער פון ריין־פּאָליטישער אונטערדריקונג. איז אָבער די מלוכה־מאַכט אַ מאָנאָפּאָל פון אַ קלאַס, שטאַנד, קאַסטע, יעמאָלט קען די מלוכה ווערן אַ געווער פון קלאַסן־אונטערדריקונג. אַפילו אין דעמאָ־קראַטיעס, אויב זיי זיינען ניט קיין פולקאָמע און דאָס פאָלק ווי אַ יורידישע מערהייט איז סואווערען, אָבער עס פעלט דאָרט די אָנערקענונג פון מענטשן־און בירגער־רעכט, — קען דאָס סואווערענע פאָלק פּראַקטיקירן אונטער־דריקונג לגבי באַזונדערע בירגער און מינדערהייטן (רעליגיעזע אומטאָ־לעראַנץ, ראַסע־רעכטלאָזיקייט, שקלאַפן־אינסטיטוט).

פּאָליטישע אונטערדריקונג און קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען קענען זיין אינ־גאַנצן אומאָפּהענגיק איינס פון דאָס אַנדערע, אָבער זיי קענען זיך אויך אַסאָציאירן און דורכפלעכטן; דערביי קען די פּאָליטיק אָפט דאָמינירן אי־בער דער עקאָנאָמיע.

אַטען איז געווען אַ דעמאָקראַטישע רעספּובליקע און די געזעצגע־בערישע מאַכט האָט דאָ געהערט דעם כלל פרייע בירגער. דאָס פאָלק האָט דאָ באַנוצט זיין מאַכט, כדי צו באַלעסטיקן דעם רייכן קלאַס מיט שווערע שטייערן און כדי צו עקספּלואַטירן דעם מלוכה־בודזשעט לטובת די אָרעמע בירגער. די רעפּובליק אין אַטען איז גיכער געווען אַ געווער

ביים נידעריקן קלאַס אויף „אונטערצודריקן” די עקאָנאָמיש פּריווילעגירטע קלאַסן. אין דער זעלבער צייט האָט אין אַטען עקסיסטירט שקלאַפעריי. דער קלאַסן־קאַמף אין די גריכישע רעספּובליקעס האָט אָפט געבראַכט צום אַרויסטרייבן אָדער עקספּראָפּריאירן די רייכע און צעטיילן זייערע פאַרמעגנס צווישן די אָרעמע, אַמאָל אַפילו צווישן די שקלאַפן. אין די מיטל־אַלטערלעכע איטאַליענישע רעספּובליקעס האָט דאָס פאָלק אָפט אָפּגענומען ביי די אַדעליקע זייער וואַלרעכט און דאָס רעכט צו פאַרנעמען מלוכה־שטעלעס. ענלעכע דעמאָקראַטישע רעספּובליקעס האָבן געהאַט ביי זיך אַלערליי סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און קלאַסנקאַמף־פאָרמען; אָבער די פּאָליטישע מאַכט אין זיי האָט ניט באַלאַנגט צו די עקאָנאָמיש הערשנדיקע קלאַסן, די מלוכה איז זיך מיט די לעצטע אָפט באַגאַנגען גאַנץ גרויזאַם.

אַקעגן, פאַסירט אין די גאָר שאַרפסטע דעספּאָטיעס, אַז די דעספּאָטישע מאַכט און אירע געהאָרכזאַמע אַגענטן אונטערדריקן דאָס גאַנצע פאָלק, די גאַנצע נאַציע. אין די באַרבאַרישע דעספּאָטישע מלוכות, אין די מזרחדיקע דעספּאָטיעס איז דער הערשער געווען דער אייגנטימער פון דער גאַנצער לאַנד־טעריטאָריע, פון אַלע אונטערטאַנען און זייערע פאַרמעגנס, — אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען דעם מאָנאַרכס שטוב־חיות. די גאַנצע באַפעלקערונג שמאַכט דאָ אין שקלאַפעריי, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן דורך דער שקלאַפישער דערציאונג פון די מאַסן גופא און דורך דער אָרגאַניזאַציע פון דער קראַפט, וואָס די שקלאַפן גופא שטעלן צו. אין די סולטאַנאַטן פון מזרח־אַפריקע, אין דאַגאָמייע, אוגאַנדע, אין ניי־קאַלעדאָניע זיינען די קיסרימלעך געווען בעלי־בתים־הערשער פון זייערע פעלקער, לויט זייער איינזען האָבן זיי געמעגט הרגענען אָדער פאַרקויפן פאַר שקלאַפן זייערע אונטערטאַנען, זיי האָבן זיי אויפגעפרעסן, זיי האָבן זיי איינגעזאַלצט; זייערע פרויען, זייערע פאַרמעגנס זיינען געווען אין פולן רשות פון די קיסרימלעך. דאָ האָבן מיר די אינטעגראַלע פאַרווירקלעכונג פון דער טעאָריע פונם רעאַקציאָנערן רעסטאַווראַציע־אַפּאָלאָגעט פאָן־האַללער. צווישן דעם מאָנאַרך און דעם פאָלק קען דאָ עקסיסטירן אַ צווישן־קלאַס פון פירער, וואָס אונטער זיי איז דאָס פאָלק אונטערגעוואָרפן פונקט אַזוי הינטיש־געהאָרכזאַם, ווי זיי גופא צום מאָנאַרך.

אין די מזרחדיקע דעספּאָטיעס פון דער אַמאָליקער און פון דער נייערער צייט זעט מען ניט קיין שום סימנים פון אַ „קלאַסן־הערשאַפט”, אין עקאָנאָמישן זינען פון וואָרט. אין עגיפּטן און פערסיע, אין אַשור און בבל, אין סיאַם און קאַמבאָדזש, אין אַננאַם און בירמאַן האָט געהערשט דער אַבסאָלוטער מאָנאַרך, אַ מין גאָטהייט אויף דער ערד, און זיין מאַכט האָט ניט געוואוסט קיין שום גרענעצן, אַחוץ דעם שוואַכן איינפלוס פון די כהנים אין איניקע פאַלן.

אין גריכנלאַנד, אין רוים, דאָרט וואו עס איז געווען אַ קיסר־מאַכט, ביזן איינשטעלן די רעפּובליק, איז דער דאָזיקער רעזשים געווען אַ מאַכט פון געוויסער פּאָליטישער קאַטעגאָריע, אָבער ניט פון אַן עקאָנאָמיש־הערשנדיקן קלאַס. די קיסרים־מאַכט אין אַטען איז ניט געווען קיין אינ־סטיטוט, וואָס זאָל פאָרשטעלן די אינטערעסן פון דעמאָס; אָבער זי איז אויך ניט געווען קיין אינסטיטוט, וואָס זאָל שפּילן די ראָלע פון אַ געווער אין די הענט פון די אייפּאַטרידן (אַריסטאָקראַטיע) אויף אונטערצודריקן דאָס פאָלק. די פאַרניכטונג פון דער קיסרים־מאַכט אין אַטען איז געווען די אַרבעט פון די אייפּאַטרידן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרשטאַרקן זייער אַריסטאָקראַטישע מאַכט; וואָס שייך דעם פאָלק, האָט עס על פּי שכל הישר צי אונטערן איינפלוס פון אַן אילוזיע, זיך געהאַלטן פאַר מער גליקלעך ביי דעם נייעם רעזשים, איידער אין דער עפּאָכע פון דער קיסרים־מאַכט. אין ספּאַרטע האָבן די קיסרים אין געוויסע פאַלן זיך גע־פּרוּווט אָנצושפּאַרן אויף די אונטערדריקטע און רעכטלאָזע באַפעלקע־רונגס־עלעמענטן, כדי אַזוי אַרום אַרויסצוקריכן פון זייער אָפּהענגיקייט־לאַגע לגבי דער אַריסטאָקראַטיע. אַגיס און קלעאָמען האָבן אַפילו גע־שטרעבט דורכצופירן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע.

אויך אין רוים איז די קיסרים־מאַכט געווען אַן אויטאָנאָמע פּאָלי־טישע קאַטעגאָריע אָן אַ שום קלאַסן־נאַטור, אין שטרענגן זינען פון דאָ־זיקן וואָרט. לויט דער טראַדיציע, איז אָפט אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן פּאַטריציאַט און די קיסרים, וועלכע האָבן געשטרעבט אויפצוהייבן דעם מצב פון די נידעריקע קלאַסן און אויפשטעלן דעם פּלעבס קעגן דעם פּאַט־ריציער־קלאַס. די רעוואָלוציע, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן די קיסרים־מאַכט אין רוים, איז געווען די אַרבעט ניט פונם פאָלק, נאָר פון דער אַרי־סטאָקראַטיע. פון דער אַנדערער זייט, לאָזט זיך ניט צונויפפּאָרן די שנאה, וואָס דאָס רוימישע פאָלק האָט דורות־לאַנג געשפּירט לגבי דעם מאָנאַרכן־רעזשים, מיט דער אידעע פון אַ קיסר־מאַכט אין רוים, ווי אַ ריינער פאָלקס־אינסטרומענט, וואָס פאַוואָריזירט דאָס פאָלק.

אָט דעם מין מאָנאַרכיע־פאָרמען קען מען ניט האַלטן פאַר אַ פּאָ־ליטישע פאַרטרעטערשאַפט פון אַ באַשטימטן קלאַס. די מאָנאַרכיע שטעלט דאָ פאָר אַן אומאָפּהענגיקע סאָציאַלע גרופּע, אַ פּאָליטישע קאַטעגאָריע, וועלכע איז אויסן פאַרשידנאַרטיקע אינטערעסן — אַמאָל די „אינטערעסן פון דער מלוכה״, אַמאָל ריין־דינאַסטישע אינטערעסן, אַמאָל די אינטע־רעסן פון דער אייגענער קליקע, אַמאָל אינטערעסן פון מער פאַרוויקלטע קאָמפּלעקסן; זי שפּאַרט זיך אָן אויף דעם כוח פונם מלוכה־מעכאַניזם און אָרגאַניזאַציע, אַ כוח, וואָס געפינט זיך אין איר רשות; אין איניקע באַ־זונדערע פאַלן זוכט זי אַן אָנשפּאַר אין דעם אָדער אַנדערן קלאַס פון דער

באַפעלקערונג, און דערביי קען אַט דער קלאַס באַשטיין פון די עקאָנאָמיש־געדריקטע מאַסן. אין אוראַלטער פלעגט זיין אַזוי, אַז די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיעס פלעגן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר די אַנטשלאָסענע פאַרמען פון דעמאַגאָגיע. אַזוי האָבן פּערסיי, דער קיניג פון מאַקעדאָניע, און מיטרידאַט, דער קיניג פון פּאָנט, אין זייער מלחמה קעגן רוים, אָן שום וואַקלעניש אויפגעהעצט דעם המון קעגן דעם רוימישן בורזשואַזן קלאַס, און זיין פאַרמעגן געשאָנקען דעם פלעבס. אַזאַ מין פּאָליטיק האָט מען אָנגעווענדט אויך אין די גאָר נייע צייטן. אָבער, נאַטירלעך, די מאָנאַרכיע איז ניט אין די אַ פאַלן דאָס געווער פון די אָרעמע קלאַסן.

## 2

די געשיכטע האָט אָפט געהאַט צו טאָן מיט רעזשימען פון צעזאַריזם.

אונטער צעזאַריזם פאַרשטייט מען געוויינלעך אַ פּאָליטישע מאַכט, — וועלכע איז געקומען צו פאַרבייטן די דעמאָקראַטיע, שפּאַרט זיך אָן אויף קראַפט, פאַרוואַלטעט מיט דער מלוכה אויף אַ דעספּאָטישן אופן און נעמט אונטער איר שוץ די פאָלקס־אינטערעסן, ד״ה די אינטערעסן פון פאָלק אָדער פון די שיכטן, וואָס פאַרטרעטן דאָס פאָלק, קעגנאיבער די העכערע קלאַסן, — און טאָן טוט זי דאָס דערביי פאַרן פּרייז פון אָפּנעמען די פּאָליטישע פרייהייטן. פאַר באַזונדערע פאַרמען צעזאַריזם רעכנט מען: די אַלט־גריכישע טיראַניעס, די רוימישע אימפּעראַטאָרן־מאַכט, די טיראַניעס אין די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע רעספּובליקעס, דעם באָנאַפּאַרטיזם, קראָמוועלס דיקטאַטור. די מאָדערנע „טאָטאַליטאַרישע" רעזשימען קענען אויך אַרונטערגענומען ווערן אונטער דער קאַטעגאָריע פון צעזאַריזם.

די פאַרבינדונג און די באַציאונגען פון צעזאַריזם צו די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען צייכענען זיך אויס אין דער אמתן מיט זייער כאַראַקטער פון פאַרוויקלטקייט און פאַרענדערלעכקייט.

שוין אין די גריכישע טיראַניעס אַנטפּלעקט זיך אַט די פאַרוויקלטקייט און ניט־באַשטענדיקייט פון דעם רעזשימס קלאַסן־פאַרבינדונגען. דאָס אויפקומען פון די טיראַנען אין די רעספּובליקעס איז אין אַ צאָל פאַלן פאַרבונדן מיט קלאַסן־קאַמף, מיטן קאַמף פון דעמאָס קעגן דער אַריסטאָקראַטיע אָדער דעם רייכן קלאַס. אין אַ מאָמענט פון פאַרשאַרפונג פון אַט דעם קאַמף, טרעטן אַרויס די טיראַנען אין דער מאַסקע פון פאָלקס־פירער, וואָס זייער מיסיע באַשטייט אין דעם, זיי זאָלן זיך שטעלן בראש פון די מאַסן און דורכפירן און קאָנסאָלידירן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. מיטן באַגריף טיראַן אַסאָציאירט זיך די פאַרשטעלונג פון עקסטרעמער

גרויזאַמקייט. פּיוסטעל דע קולאַנזש באַמערקט, אַז די טיראַנען זיינען געווען גרויזאַם ניט פון זייער נאַטור אויס, נאָר צוליב דער געצוואונגענ־קייט נאָכצוגעבן דעם אָרעמען קלאַס, ווייל „ביי דער מאַכט האָבן זיי זיך געקענט איינהאַלטן נאָר בתנאי, זיי זאָלן באַפרידיקן די אַפּעטיטן און רייצן די ליידנשאַפטן פונם המון". במשך פון אַ געוויסער צייט האָט זיך גע־דוכט, אַז די טיראַניע איז אַ מין דיקטאַטור פון אַ פאָלקס־פאַרטיי קעגן דער הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע. פאַרטיליקן די בירגער פון רייכן אָדער מיטעלן קלאַס אָדער פאַריאָגן זיי פון דער געמיינדע, פאַר־כאַפּן זייערע פאַרמעגנס, איבערפאַרטיילן דאָס לאַנד־אייגנטום און די היי־זער, אָפּשאַפן די חובות־פאַרפליכטונגען, באַפרייען די שקלאַפן, געבנדיק זיי אָפט פאַר ווייבער די טעכטער אָדער די אַלמנות פון די קרבנות, — אָט דאָס זיינען געווען די געמיינזאַמע שטריכן אין דער פּאָליטיק פון אַ צאָל טיראַנען, ווי למשל דיאָניסי און אַגאַטאָקל. אין ספּאַרטע האָט דער טי־ראַן נאַביאַס געשאָנקען בירגער־רעכט אַלע פרייע מענטשן און איז דער־גאַנגען אַפילו צו אַזאַ רעוואָלוציאָנערן אַקט, ווי דאָס באַפרייען פון די העלאָטן. אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך געדוכט, שפּיגלט די טיראַניע אָפּ דעם פאָלקס ווילן אָדער לכל־הפחות דעם ווילן פון ברייטע מאַסן פון פאָלק.

די טיראַניע פלעגט אָבער אָוועקהרגענען די פרייהייט. זי האָט עקס־פּראָפּריאירט די מאַכט פון פאָלק לטובת דעם אַלמעכטיקן דיקטאַטאָר. די פאָלקס־סואווערעניטעט האָט אָנגעוואוירן איר רעכטלעכע באַזע, די דעמאָקראַטיע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איר אַנטיטעזע, און דעם אויבנאַן האָט פאַרנומען ווילקיר, פון וועלכן די גאַנצע געמיינדע האָט געליטן. נאָכן קריזיס פון קלאַסן־אַנטאַגאָניזם קומט אַ קריזיס פון פּאָליטישן אַנטאַגאָניזם. דאָס פאָלק טרעט אַריין אין אַ מלחמה מיט דער טיראַניע, כדי פון דאָס ניי אויסצוקעמפן זיך פרייהייט.

אין זייער קאַמף קעגן דער אַריסטאָקראַטיע און דעם רייכן קלאַס זיינען די טיראַנען און דאָס פאָלק געווען פאַראייניקט דורך איין געמיינ־זאַמען אינטערעס, אָבער זייערע צילן זיינען ניט געווען איינע און די זעל־בע. דער טיראַן האָט פאַרטיידיקט דאָס פאָלק ניט אויס ליבע צו אים, דאָס פאָלק ווידער האָט זיך פאַרבונדן מיטן טיראַן ניט אויס ליבע צו דער טיראַניע. די טיראַנען האָבן געשטרעבט צו דעספּאָטישער מאַכט, און דער־מיט דערקלערט זיך, וואָס זיי פלעגן אַזוי אָפט פאַלן. זיי האָבן דינאַסטיעס געגרינדעט, געזוכט אָנשפּאַר אין מיליטערישער קראַפט, דערשטיקט די פרייהייט פון וואָרט און פאַרזאַמלונגען, אַרומגערינגלט זיך מיט שפּיאָ־נען. דער פּאָליטישער יאָך האָט סוף־כל־סוף אויפגעשטעלט קעגן זיי די אונטערדריקטע נאַציע, אַלע אירע טיילן האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ געמיינזאַמער שנאה צו די טיראַנען און האָבן זיי געטויט אָדער אַרויסגע־

טריבן. אָבער דאָס אַראָפּזעצן די טיראַניע האָט ניט געבראַכט מיט זיך קיין אַריסטאָקראַטישע רעסטאַווראַציע; פאַרקערט, אין סך־הכל האָט פולע דעמאָקראַטיע געפייערט איר נצחון.

פון דער אַנדערער זייט, איז די טיראַניע לכתחילה ווייט ניט שטענדיק געווען אַ פּועל־יוצא אָדער אַ געווער פון קלאַסן־קאַמף, און ניט שטענדיק האָט זי פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון פאָלק. אַזוי האָט די פּאָליטיק פון דעם קאָרינטישן טיראַן פּעריאַנדער און פון פּיזיסטראַטן אין אַטען געהאַט טענדענצן גיכער אַריסטאָקראַטישע און אָליגאַרכישע; אויסנוצנדיק די קלאַסן־צעטיילונג און מיט דער הילף פון מיליטערישער קראַפט, האָט די טיראַניע זיך געיאָגט נאָך צילן פון אויסשליסלעך דינאַסטישער פּאָליטיק. עס איז באַקאַנט, אַז די העלדן, וואָס האָבן דערהרגעט היפּפּאַרכן, זיינען געוואָרן לעגענדאַרע געשטאַלטן, טיף געערטע; די נעמען פון האַרמאָדי און אַריסטאָגיטאָן זיינען ביים אַטענישן פאָלק אויף אייביק געבליבן אַרומגע־נומען מיט דער ליכטיקער גלאָריע פון די בעסטע פּאַטריאָטן און מאַרטירער אין קאַמף פאַר פרייהייט.

מיר זעען, אַז ניט געקוקט אויף די פאַרבינד־באַציאונגען, וואָס האָבן אָפט עקסיסטירט אין די גריכישע רעספּובליקעס צווישן טיראַניע און קלאַסן־קאַמף, איבערהויפּט אין דער ערשטער פאַזע פון אויפקום פון די טיראַניעס, שטעלן די לעצטע פאַר, אין תוך גענומען, אַ ספּעציעלע פּאָ־ליטישע קאַטעגאָריע, מיט אירע אייגענע פּריוואַטע אינטערעסן, און זי ווידער רופט אַרויס אַ ספּעציעלע פאָרם פון פּאָליטישער אונטערדריקונג, און זי שאַפט פּאָליטישע אַנטאַגאָניזמען צווישן די הערשער און אונטער־יאָכטע, אַנטאַגאָניזמען, וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין אין די ראַמען פון ריינעם קלאַסן־קאַמף.

די טיראַניעס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע רעספּובליקעס, שטעלן פאַר געוויסע אַנאַלאָגיעס מיט די גריכישע טיראַניעס; אָבער זיי קענען אין תוך נאָך אין אַ קלענערער מאָס, ווי די לעצטע, דערפירט ווערן צו קלאַסן־פּאַרטײַעטערשאַפט. די איטאַ־ליענישע טיראַנען פלעגן פאַרכאַפּן די מאַכט מיט פּערזענלעכע אָדער די־נאַסטישע כוונות; דאָס זיינען געווען פּאָליטישע אַמביציע־לייט, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף מיליטערישער אָדער פינאַנציעלער קראַפט, ווייל די מערהייט פון זיי זיינען געווען פעאָדאַלע סעניאָרן, אָדער קאָנדאָטיערן, אָדער באַנקירן. אמת איז, אַז זיי האָבן ניט געדריקט דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, ניט די נידעריקע פאָלקס־קלאַסן בכלל; אַזאַ פּאָליטיק איז געווען אויסער זייער חשבון, ווייל מצד דעם אָרעמען קלאַס האָבן זיי ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר קאָנקורענטן, אַזעלכע האָבן זיי געקענט דערוואַרטן נאָר מצד דער אַריסטאָקראַטיע. אָבער די טיראַניעס זיינען

דאָ אָפּט אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון קאַמף צווישן די פּאָליטישע פּאַר־טייען, וואָס האָבן געהאַלטן מלחמה צווישן זיך צוליב מאַכט און משפּחה־קאָנקורענץ אין דער סביבה פון דער אַריסטאָקראַטיע און העכערע קלאַסן גופא („גוועלפן" און „גיבעלינען", „שוואַרצע" און „ווייסע" וכד'). גאַנץ אָפט האָבן די טיראַנען דערגרייכט צו דער מאַכט, יורידיש לכל־הפחות, לויט אַ באַשלוס פון די פּאַראייניקטע קאָרפּאָראַציעס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. ביים איטאַליענישן היסטאָריקער פון דער ערשטער העלפט 16טן י"ה, דאָנאַטאָ דזשאַנאָטי, געפינען מיר אַפילו אַ באַהויפּטונג, אַז טאָקע די אַריסטאָקראַטיע באַמיט זיך דאָס איינצושטעלן אַ טיראַניע, כדי צו האָבן אַ פעסטע מאַכט, וואָס איז בכוח צו האַמעווען דעם פאָלקס חשק צו בונטן. אַזעלכע פאַלן זיינען טאָקע געווען אין דער געשיכטע פון פלאָ־רענץ, למשל. דער מיסטישער פאָלקס־רעפּובליקאַנער און דער רעפאָר־מאַטאָר פון דער פלאָרענץ־רעספּובליקע סאַוואָנאַראָלאַ כאַראַקטעריזירט מיט שנאה די טיראַנען, ווי די שונאים פון פאָלקס פרייהייט. די משפּחה מעדיטשי, אין פלאָרענץ, האָט זיך דערהויבן אַדאַנק דעם קאַמף פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין די העכערע קלאַסן גופא; די דאָזיקע משפּחה רייכע באַנקירן איז געקומען צו דער מאַכט מיט דעם אונטערשטיץ פון אַ טייל אַדל־קלאַס, זי האָט אָוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אַ מאָנאַרכישער די־נאַסטיע, זי האָט זיך מתחתן געווען מיטן קיניגלעכן הויז אין פראַנקרייך, זי האָט איינגעשטעלט אַ פריינדלעכע פאַרבינדונג מיט די אייראָפּעאישע מאָנאַרכיעס און האָט אַרויפגעזעצט אירע מיטגלידער אויפן פּויפּסטלעכן טראָן; דאָס הויז פון די מעדיטשיס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַרי־סטאָקראַטיע, פּונקט ווי יעדע אייראָפּעאישע דינאַסטיע.

די היינטיקע פּאָליטישע טאָטאַליטאַרע רעזשימען, אין זייערע עקס־טרעמע קאָנטראַסטן, פון פאַשיזם און נאַציזם ביזן באָלשעוויזם (אָדער קאַ־ריקאַטור פון קאָמוניזם) איינשליסלעך, גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע דיקטאַטאָרישע רעזשימען, וואָס דערנענטערן זיך צום צעזאַריזם. די דאָ־זיקע רעזשימען זיינען אויפגעקומען אין דער אַטמאָספערע פון אינערן־און אויסערן־פּאָליטישע קרענקלעכע סיטואַציעס, וואָס די מלחמה האָט באַ־שאַפן; זיי זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער צעשפּליטערונג, אָפּגע־שוואַכטקייט אָדער צעפאַלונג פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, אָבער ניט קיין פּועל־יוצא פון ריינעם קלאַסן־קאַמף, — נאָך אין אַ קלענערער מאָס איידער די אַלט־גריכישע טיראַניעס. וועגן זיי וועלן מיר נאָך רעדן אינם קאַפּיטל, וואָס וועט זיין געווידמעט דער עוואָלוציע און דעם גורל פון דער דעמאָקראַטיע.

פאַרן טיפּישסטן ביישפּיל פון צעזאַריזם האַלט מען די אימפּעראַטאָרן־מאַכט אין אַלטן רוים. אַפילו דער נאָמען צעזאַריזם אַליין האָט זיך גע־

נומען פון די רוימישע צעזאַרן און פון יוליוס צעזאַר, דעם גרינדער פון דעם אימפּעראַטאָרן־רעזשים.

וואָס אַזוינס האָט פאַרגעשטעלט די רוימישע אימפּעראַטאָרן־מאַכט? אַ דיקטאַטור, וואָס פאַרטרעט די אינטערעסן פון די נידעריקע קלאַסן און פּראָווינצן, געווענדט קעגן דער אַריסטאָקראַטיע פון געלט און יחוס? אָדער, פאַרקערט, אַ רעזשים פון אַריסטאָקראַטיע־הערשאַפט? אָדער אַ מאַכט, וואָס איז געשטאַנען העכער איבער די שטרייטנדיקע קלאַסן, אַן אויסער־ צי איבער־קלאַסן־מאַכט? אָדער אַ פּראָדוקט פון קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט זיך באַפרייט פון די סיבות, וועלכע האָבן אים אַרויסגערופן? צי אפשר גאָר אַן אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע קאַטעגאָריע, וואָס איז נאָר טיילווייז געווען פאַרבונדן מיט קלאַסן־קאַמף, און וואָס האָט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן כוח פון מלוכה־מעכאַניזם, פאַרגעשטעלט ניט נאָר די מלוכה ווי עפּעס גאַנצעס, נאָר אויך אייגענע פּאָליטישע אינטערעסן?

פאַראַן אַ גאַנץ פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז דער צעזאַריזם איז געווען דער יורש פון די דעמאָקראַטיע־שטרעבונגען און דער פּאַרטיידיקער פון די פאָלקס־אינטערעסן לגבי די העכערע קלאַסן; מען כאַראַקטעריזירט אים ווי אַ פּאָליטישן רעזשים, וואָס איז געווען שטאַרק גענייגט צו סאָציאַלער ניוועלירונג, צו דער דערהייבונג פון פאָלק און צו דער ירידה פון דער אַריסטאָקראַטיע. וואָס עס איז אויף אַן אמת ריכטיק, דאָס איז — די טענ־דענץ פונם רוימישן צעזאַריזם צו ניוועלירן אַלע קלאַסן פון דער באַפעל־קערונג פאַר זייער געמיינזאַמער פּאָליטישער פאַרקנעכטונג.

פונם סאַמע מאָמענט פון איר אַנטשטייאונג, איז די רוימישע אימ־פּעראַטאָרן־מאַכט געווען אַן אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע; במשך פון אַ שטיקל צייט האָט זי זיך פאַרדעקט מיט אַ מאַסקע פון האַלב־רעפּובליקאַנישקייט, אָבער ביסלעכווייז האָט זי אַנטוויקלט איר נאַטור ביז די אויסטערלישע פאָרמען פון מזרחדיקן דעספּאָטיזם.

אויב די אימפּעראַטאָרישע מאַכט האָט נאָך געקענט אַ געוויסע צייט דערשיינען אין אַספּעקט פון ליבשאַפט צום פאָלק און סאָלידאַרישקייט מיט די נידעריקע קלאַסן באַפעלקערונג, איז דאָס — פּונקט ווי ביי אַ סך אַנ־דערע דעספּאָטיזם־מוסטערן — נאָר געווען אַן אויסדוכטעניש, באַזירט אויף דער געמיינזאַמער שנאה פונם צעזאַריזם און פון די נידעריקע קלאַסן צו דער אַריסטאָקראַטיע. פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען ניט פאַר־געסן, אַז נאָך דעם צוזאַמענבראָך פון דער רעפּובליק, האָבן די רוימישע אימפּעראַטאָרן ניט געהאַט קיין שום אינטערעס אונטערצודריקן דאָס פאָלק ווי אַזעלכעס, און נאָך ווייניקער דעם דעגענערירטן פּאַראַזיטישן שטאָט־פּראָלעטאַריאַט פון רוים, וואָס אים איז געווען פרעמד ליבע צו פרייהייט; אַט דעם פּראָלעטאַריאַט האָבן זיי אויסגעהאַלטן אין לײדיק־גייערײ און קאָרופּ־

ציע, פון זיינעטוועגן האָבן זיי פאַרשווענדט אַ גאַר גרויסן חלק פון די מלוכה־הכנסות, וועלכע זיי האָבן אַרויסבאַקומען דורך באַרויבן און אומגעהויער דריקן אַלע עלעמענטן פון דער מלוכה־באַפעלקערונג, אויף וועלכע עס האָט זיך נאָר געלאָזט אָנטאָן דעם יאָך פון מלוכה־שטייערן. וואָס נוגע די פּראָווינצן, איז אויב מען זאָל צוגעבן, אַז אונטער דעם אימפּעראַטאָרישן רעזשים איז פאַר זיי געקומען אַ פאַרלייכטערונג, דאַרף מען דאָס נאָר מיט דעם דערקלערן, וואָס די צעזאָרן האָבן באַטראַכט די פּראָווינצן ווי אַ קוואַל פון זייערע אייגענע הכנסות, און זיי האָבן ניט דערלאָזט, אַז די אויספּרעסונגען פון די באַאַמטע זאָלן פירן ניט נאָר צום חורבן פון די פּראָווינצן, נאָר אויך צו דער פאַראָרעמונג פונם אימפּעראַטאָרישן פיסק. אויב אויגוסט האָט אָפּגעשאַפט די אומזיסטיקייט פון די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס און האָט איינגעפירט דעם פּרינציפּ פון באַצאָלטע פאָסטנס פאַר אַלע באַאַמטע, האָט ער דאָס געטאָן ניט כדי צו באַצווינגען די אַפּעטיטן פון די לעצטע, נאָר צוליב דעם וואָס, אין סך־הכל פונם בירגער־קריג, איז שרעקלעך פאַראָרעמט געוואָרן אָט די זעלבע אַריסטאָקראַטיע, וואָס איר פלעגן אָנקומען די פאָסטנס; און אפשר האָט ער דאָס געטאָן, כדי די ביז אַהער בכבודע און אומאָפּהענגיקע פונקציע פון מאַגיסטראַט צו פאַרוואַנדלען אין אַ באַצאָלטן און אָפּהענגיקן פאָסטן פון אַ באַאַמטן, וואָס ווערט דער געהאָרכזאַמער קנעכט פונם מאָנאַרך. ובכלל, איז אינגאַנצן אַ ספק, צי איז ביים אימפּעראַטאָרישן רעזשים געקומען אַ פאַרלייכטערונג אין דער לאַגע פון די פּראָווינצן; יעדנפאַלס זאָגן וועגן דעם ניט קיין עדות די שטענדיקע אויפשטאַנדן אין די פּראָווינצן, וואָס פלעגן אַרויסגערופן ווערן דורך דעם, וואָס די פּרעפעקטן און אימפּעראַטאָרישע אַדמיניסטראַציע האָט זיי גרויזאַם געדריקט.

די פירונג פון די צעזאָרן לגבי דער אַריסטאָקראַטיע און דעם רייכן קלאַס איז געווען געבונדן מיט די פּאָליטישע אינטערעסן פונם אַבסאָלוטיזם. אויף וויפל אין דער אַריסטאָקראַטיע האָבן זיך נאָך איינגעהאַלטן רעפּובליקאַנישע טראַדיציעס און פרייהייט־ליבע; אויף וויפל דער סענאַט — הגם ער איז געווען אַ געהאָרכזאַם געווער אין די הענט פון די אימפּעראַטאָרן — האָט טעאָרעטיש באַגרענעצט זייער מאַכט; אויף וויפל די פּרעטענדענטן אויפן טראָן האָבן געקענט קומען אויסשליסלעך פון די העכערע קלאַסן; — אויף אַזוי פיל האָבן די צעזאָרן געזען אין זיי אַ געפאַר און זיי שרעקלעך גערודפט. ניט די לעצטע ראָלע האָט דאָ געשפּילט דער חשק צו באַרייכערן דעם אימפּעראַטאָרישן פיסק מיטן פאַרמעגן פון די גערודפטע. גלייכצייטיק אָבער איז געווען ניט ווייניק צעזאָרן, וואָס האָבן געזען אין דער אַריסטאָקראַטיע און אינם סענאַט אַן אָנשפּאַר קעגן דער הערשאַפט פון די זעלנער. פון דער אַנדערער זייט, איז דער ציל

פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן, פון אַ געוויסן מאָמענט אָן, באַשטאַנען אין דעם צו פאַרשטאַרקן די היעראַרכיע אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, אַ היעראַרכיע, וואָס שפּעטער האָט זי זיך פאַרפּעסטיקט אין פאָרם פון ירושה־קאַסטעס, דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פּראָדוקט פון דער פּאָליטיק פונם רוימישן אימפּעראַטאָרישן דעספּאָטיזם. אַדאַנק אַזאַ פּאָליטיק האָט זיך די סאָציאַלע אומגלייכקייט פאַרשאַרפט, די נידעריקע קלאַסן האָבן נאָך טיפער דעגראַדירט, די העכערע קלאַסן האָבן געשטיגן, די מיטעלע קלאַסן האָבן אַלץ מער זיך איינגעשרומפּן, און די דאָזיקע גאַנצע באַוועגונג איז פאַרלאָפן אין די ראַמען פון שקלאַפעריי בכלל.

פון אַ געוויסן מאָמענט אָן איז די אַריסטאָקראַטיע געוואָרן יענער קלאַס, וואָס די צעזאַרן האָבן געזאָרגט וועגן זיין דערהייבונג, מיט דער כוונה און מיט דעם תנאַי, אַז זי זאָל זיין און פאַרבלייבן אַ פאָלגעוודיקער אינסטרומענט אין זייערע הענט. אמת, ווען יוליוס צעזאַר האָט באַזיגט די רעפּובליקאַנער, האָט ער אַלץ געטאָן, כדי אָפּצושוואַכן און דערנידעריקן דעם סענאַט. אָבער זיין נאָכפאָלגער אויגוסט האָט אָנגענומען איינגאַנצן אַ פאַרקערטע פּאָליטיק, און, בכלל גענומען, זיינען אויך די צעזאַרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג. אויגוסט האָט שלום געמאַכט מיט דער אַריסטאָקראַטיע, ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן פאַרזעצער פון איר פּאָליטיק. ער האָט אָנגענומען אַ צאָל מיטלען אויף צוריק אויפצושטעלן די מאַכט און דעם פּרעסטיזש פון דער אַלטער יחוס־דיקער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט געזאָרגט וועגן רעסטאַווּרירן די אַמאָליקע רוימישע מנהגים און אַלטע אינסטיטוציעס, דערביי אָבער האָט ער, נאַטירלעך, אויסגערייניקט פון זיי יעטוועדן ליבעראַלן גייסט און צוגענומען ביי זיי די אומאָפּהענגיקע איניציאַטיוו. ער האָט געהעכערט דעם צענז פאַר די סענאַטאָרן און פאַרן „רייטער־קלאַס" (דער מיטעלער קלאַס); ער האָט איינגעשטעלט אַ הויכן צענז פאַר די קאַנדידאַטן אויף געוויילטע פּאָסטנס, און פאַר די אָרעמע בירגער האָט ער צו די פּאָסטנס געשלאָסן יעדן צוטריט. ער האָט אויסגערייניקט דעם סענאַט פון די נייע עלעמענטן, וואָס זיינען אין אים אַריינגעדרונגען. ער האָט די פריי־געלאָזענע פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט פעראַנען פון סענאַטאָרן־משפחות. ער האָט זיינע חסדים אויסגעשפּרייט אויף די סענאַטאָרן און אויף אַלע אופנים זיי אויסגעדריקט זיין דרך־ארץ. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער הערשט אין נאָמען פון סענאַט און פאַרן סענאַט; ער האָט ניט מער געוואָלט זיין דער ערשטער צווישן די סענאַטאָרן. זיין נאָכפאָלגער טיבעריוס, וועלכער האָט לויט געבורט באַלאַנגט צו איינער פון די שענסטע פאַמיליעס אין רוים, האָט צום פאָלק געפילט אַן אַנטיפּאַטיע. ער האָט אי־

בערגעגעבן דעם סענאַט אַלע פונקציעס פון די פאַלקס־קאָמיציעס (פאַר־זאַמלונגען). און דאָס פאָלק, ביי וועלכן ער האָט אָפּגענומען די לעצטע רעשטן פון איינפלוס אויף די מלוכה־ענינים, האָט ניט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס פון פּראָטעסט און זיך ניט געקלאָגט. פון איצט אָן האָט דער סע־נאַט, ביים אַרויפגיין אויפן טראָן פון אַ נייעם אימפּעראַטאָר, אַליין צוגע־טראָגן די כלומרשטע אינוועסטיטור (יורידישע באַשטעטיקונג) דעם אויס־געווײלטן שליח פון געוואַלט און נאַרעריי. אויך נאָך טיבעריוסן האָבן אַ סך אַנדערע צעזאַרן אַרויסגעוויזן צום סענאַט גרויס דרך־ארץ. קאַטאָן האָט גערופן דעם סענאַט caput imperii (דער ראש פון דער אימפּע־ריע). גאָר גרויס איז געווען דער אָנזען פון סענאַט בעת די אַנטאָנינען. לויט דער באַמערקונג פון היסטאָריקער דיוריואַי, איז דאָס געווען אַ בונד צווישן דער נייער אַריסטאָקראַטיע און די נייע אימפּעראַטאָרן. אָבער דער סענאַט האָט געהאַט נאָר אַזוי פיל באַטייט, וויפל דער אימפּעראַטאָר האָט אים געשאָנקען. בקיצור, דער אַריסטאָקראַטישער גייסט פון רוים האָט זיך איינגעהאַלטן בעת די אימפּעראַטאָרן. מיט דער צייט איז דער באַטייט פון די העכערע קלאַסן אַריסטאָקראַטיע און פּלוטאָקראַטיע כסדר געוואַקסן.

ווי זשע איז געווען די באַציאונג פון דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט צו די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, אָנגעהויבן פון די נידעריקערע? איז די צעזאַרן־מאָנאַרכיע געווען די פּאַרטיידיקערין פון די שוואַכע, בפרט פון די שקלאַפן און פריי־געלאָזענע, ווי אַ שטיצפּונקט קעגן דער פרייער רעפּובליקאַנישער טראַדיציע, — אַזוי ווי עס איז די מיינונג פון אייניקע היסטאָריקער?

ראשית כל, אויב עס איז ריכטיק, אַז די פריי־געלאָזענע האָבן געהאַט גרויס איינפלוס ביים הויף פון די אימפּעראַטאָרן און האָבן אָפט אויסגע־פירט כמו ווי פונקציעס פון מיניסטאָרן, — דערקלערט זיך דאָס ניט מיט ליבע צו די שקלאַפן מצד די אימפּעראַטאָרן, נאָר פּשוט מיט דעם, וואָס ביי אַלע רייכע רוימער האָט זיך דאָס הויזפירונג געפונען אין די הענט פון פריי־געלאָזענע און שקלאַפן, זיי האָבן דאָ אויסגעפירט די פונקציעס פון סעקרעטאַרן, עקאָנאָמען און אינטענדאַנטן; און זינט די אויבערמאַכט אין דער מלוכה איז אַריבער אין די הענט פון אימפּעראַטאָר, האָט זיך ביי אים די מלוכה־פירונג צוזאַמענגעגאָסן מיט דער פירונג פון זיין הויז. די מלוכה־ענינים זיינען געוואָרן זיינע פּריוואַט־פּערזענלעכע ענינים, און אויך זייער פירונג האָט זיך געלייגט אויף די שקלאַפן און פריי־געלאָ־זענע.

וואָס שייך דער מער הומאַנער געזעצגעבונג בנוגע שקלאַפן בעת דעם אימפּעראַטאָרן־רעזשים, איז עס געווען אַ פועל־יוצא פון דעם איינפלוס

פון דער פילאָזאָפיע, פון דער זיטן־פאַרוויכערונג און פון נאָך אַנדערע סיבות, וואָס האָבן אויף אַן ענלעכן אופן געווירקט אויפן פאָזיטיוון מלוכה־רעכט, אין פרט פון לייכטער מאַכן די מאַכט פון פאָטער, פון מאַן וכד'. די געזעצגעבונג איז דאָ נאָכגעגאַנגען נאָך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. אין פרט פון פאַרבעסערן דעם מצב פון די שקלאַפן, איז זי גיכער געווען הינטערשטעליק לגבי דער לעצטערס פאָדערונגען; נאָך מער, גיכער איז זי געגאַנגען קעגן דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, זי האָט פאַרשטאַרקט דעם יאָך, וואָס איז געהאַנגען איבער די שקלאַפן, און זי האָט זיך אַנט־קעגנגעשטעלט זייער באַפרייאונג. די צעזאַרן זיינען געווען קעגן די שקלאַפן־באַפרייאונגען, וואָס האָבן זיך פּראַקטיקירט אין לעצטן פּעריאָד פון דער רעפּובליק: אין דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פריי־געלאָזענע האָבן זיי געזען אַן עקאָנאָמישע געפאַר, אַ סכנה פאַר דער געזעלשאַפטלע־כער אָרדענונג און פאַר זייער אייגענער מאַכט. אויגוסט האָט אַרויסגע־געבן געזעצן, וועלכע האָבן באַגרענעצט דעם פריצס רעכט אָפּצולאָזן לויט אַ צוואה די שקלאַפן; פאַר זיין טויט האָט ער געעצהט טיבעריוסן צו פאַר־קירצן ווי מעגלעך דאָס אָפּלאָזן די שקלאַפן, און טיבעריוס האָט טאַקע גע־פאָלגט די דאָזיקע עצה. קאָנסטאַנטינס געזעצגעבונג וועגן די שקלאַפן האָט זייער לאַגע געמאַכט שווערער, ובכלל איז די סאָציאַלע פּאָליטיק פון די קריסטלעכע אימפּעראַטאָרן לגבי די שקלאַפן געווען אַ טריט צוריק אין פאַרגלייך מיט דער געזעצגעבונג פון די אַנטאָנינען. די אימפּעראַטאָרישע מאַכט האָט גיכער פאַרטיידיקט די הארן קעגן צו גרויסער שקלאַפן־ליבע און קעגן דער צו גרויסער פאַרשווענדערישקייט ביים באַפרייען די שקלאַפן.

צי האָט ניט די אימפּעראַטאָרן־מאַכט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט? עס איז אמת, אַז — ווי אויבן איז שוין געזאָגט — זי האָט רוימס פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט אונטערגעהאַלטן אין זיין פּוסט־און־פּאַסקייט, זי האָט אים אומזיסט געטיילט ברויט און פּראָוויזיע. אָבער פון זינט עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די צעזאַרן־מאַכט, האָט מען ניט געזען קיין סימן פון אַדורכפירן די אַגראַר־רעפאָרם, צוליב וועלכער עס איז אין דער רעפּובליק־עפּאָכע אָנגעגאַנגען אַזאַ בלוטיקער קאַמף. פאַר־לוירן זיין פרייהייט, האָט דער רוימישער פּראָלעטאַריאַט אָפּנים אויך פאַרלוירן די מעגלעכקייט און דעם חשק צו קעמפן, אַזוי ווי אַמאָליקע צייטן, פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען.

דער רוימישער דעספּאָטיזם האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן אומ־צוטרוי צו פאַראיינען און פאַרזאַמלונגען, און אַפילו די בעסטע פון די אימ־פּעראַטאָרן פלעגן זיי אומברחמנותדיק פאַרפאָלגן. קיין אויסנאַם אין דעם פרט זיינען ניט געווען אויך די אַרבעטער־קאָרפּאָראַציעס, וועלכע זיינען

לכתחילה ניט עפּעס אַנדערש געווען ווי חברות פאַר קעגנזייטיקער הילף צווישן די בעלי־מלאָכות פון די פּראָלעטאַריער. האָבנדיק אין זינען אירע אייגענע אינטערעסן, האָט די אימפּעראַטאָרישע מאַכט געשאַנקען די אַר־בעטער־קאָרפּאָראַציעס אַן אָפּיציעלן סטאַטוט, וועלכער האָט זיי פאַרוואַנדלט אין געשלאָסענע קאַסטעס, מיט ירושה־חזקה אויף די מלאָכות.

די פאַראַכטונג פון דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט צו די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־וועלט און פון די נידעריקע קלאַסן, — דעמאָלט ווען די דאָזיקע אינטערעסן האָבן זיך געקרייצט מיט די אייגענע אינטערעסן פונם דעספּאָטיזם, — האָט זיך אין ערגעץ ניט אַנטפּלעקט מיט קיין גרעסערער קראַפט, ווי אין די יורידישע מאַסמיטלען, וואָס אין זייער סך־הכל איז געקומען די צופּעסטיקונג פון די פּרייע קאָלאָנען צו דער ערד. דער צאָל־רייכער קלאַס קליינע פּאַכטערס איז אין 4טן י״ה צוגעפּעסטיקט געוואָרן צו דער ערד, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין אַרענדע, און מען האָט זיי דער־פירט צו אַ צושטאַנד פון שוין האַלבער פּאַנשטשינע, און דאָס נאָר דער־פאַר, ווייל די אינטערעסן פונם פיסק האָבן געליטן פון דעם, וואָס די מאַכט האָט באַטראַכט ווי די פליסיקייט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע מאַסמיטלען זיינען געווען אין פולשטענדיקער סתירה צו דעם לאַנגאַניקן גייסט פון רוימישן רעכט.

דער אימפּעראַטאָרישער רעזשים איז געווען אומברחמנותדיק ביים איינמאָנען די שטייערן, אָבער דער שטייערן־יאָך האָט זיך באַזונדערס גרוי־זאַם געלייגט אויף די קליינע פּויערים, וועלכע זיינען ניט געווען בכוח אייג־צושטילן דעם אייפּער פון די באַאַמטע ניט מיט געלט, ניט דורך פאַרבינ־דונגען. איז קיין חידוש ניט, וואָס אין די לעצטע תקופות פון דער אימ־פּעריע פלעגן זיך די פּויערים אָפּזאָגן סיי פון דער ערד סיי פון דער פריי־הייט, אַבי צו באַקומען די שוץ פון שטאַרקע פּערזענלעכקייטן.

ניט ווייניקער אָנרחמנותדיק איז די אימפּעראַטאָרישע אַדמיניסטראַ־ציע געווען לגבי דעם מיטעלן קלאַס פון דער באַפעלקערונג. דער פיס־קאַלער רעזשים האָט דאָס לעבן פונם גאַנצן קוריאַלן־קלאַס דערפירט צו פאַמעלעכדיקער גסיסה. עס איז באַקאַנט די טראַגישע געשיכטע פון דאָ־זיקן קלאַס, אַט די דעקוריאָנען, וואָס זיינען אַמאָל געווען די פאַרמעגלעכסטע שטאָט־מענטשן און זיינען געווען באַשאָנקען מיט מוניציפּאַלע פונקציעס, און אויף וועלכע עס איז שפּעטער אַרויפגעלייגט געוואָרן די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט צו דער מלוכה פאַר דער פון פאַרויס פיקסירטער סומע שטייערן, וואָס האָבן געמוזט אַריינקומען. מיט זייער לעבן און פאַרמעגן האָבן זיי געענטפערט דערפאַר. זיי זיינען אַלץ מער רואינירט געוואָרן, און וואָס מער די מלוכה איז פאַראַרעמט געוואָרן, האָט מען זיי סוף־כל־סוף, אויפן פאַרלאַנג פונם געזעצגעבער, פאַרוואַנדלט אין אַ ירושהדיקע קאַסטע, אָנעם

רעכט אַרויסצוטרעטן פון איר, אָן אַ שטראָל רעטונגס־האָפענונג, אַ קאַסטע, וואָס מען האָט אין איר איינגעשלאָסן אַפילו מענטשן מיט פאַרברעכערישע מעשים. איייניקע געשיכטשרייבער דערקלערן, אַגב אורחא, דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפעריע מיט דעם פאַקט, וואָס עס איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער מיטעלער קלאַס, און דאָס איז געווען דער פועל־יוצא פון דער אימפעראַטאָרישער פאָליטיק.

געבוירן נאָך פאַרסאַלאַ, איז דער רוימישער צעזאַריזם ניט געווען ניט דער נצחון פון פלעבס, ניט פון דער אַריסטאָקראַטיע. ער איז ניט געווען דער אָרגאַן אָדער אינסטרומענט פון אַ באַזונדערן קלאַס. ער איז געווען אַן אויטאָנאָמע פאָליטישע קאַטעגאָריע, וואָס, אָנשפאַרנדיק זיך אויפן כוח פון מלוכהשן אָרגאַניזם, האָט זי — אונטער דער מאַסקע פון דינען דעם מלוכהשן אָרגאַניזם — פאַרווירקלעכט איר אייגענעם פראָגראַם און געדינט אירע אייגענע אינטערעסן; ביי דעם אַלעמען זיינען די פאַרשידענע סאָציאַלע גרופעס — ווי די אַריסטאָקראַטיע, דער פלעבס, די בורזשואַזיע, די גאַנצע נאַציע — געווען אין אירע אויגן נאָר אַן אינסטרומענט אויף צו באַפרידיקן אירע אייגענע פריוואַטע אינטערעסן, אין סימביאָז מיט די „מלוכהשע אינטערעסן".

די רעאַלע קראַפט, אויף וועלכער די אימפעראַטאָרישע מאַכט אין רוים האָט זיך אָנגעשפאַרט, איז געווען די קראַפט פונם מלוכהשן מעכאַניזם אין זיין גאַנצקייט, און אויף אַ גאָר ספעציעלן אופן — די מיליטערישע קראַפט. די אַרמיי און די ביוראָקראַטיע פאַלן אַרונטער אונטערן גייסט פון אויטאָמאַטיזם אין דער דיסציפלין. און וואָס איז שייך דער פראָפעסיאָנעלער אַרמיי, איז אין איר דריקט זיך אויס דער ווילן פון די זעלנער ניט ווי דער ווילן פון אַ סאָציאַלן אָרגאַן, נאָר ווי פון אַ מיליטערישער קאַסטע, וואָס שטעלט אַוועק זיך און אירע אינטערעסן ווי עפעס, וואָס איז דער היפוך צו דער גאַנצער געזעלשאַפט און צו אירע אינטערעסן. פון יענעם מאָמענט אָן, ווען רוימס אימפעריאַליסטישע פאָליטיק האָט, בעת מאַריוסן, געבראַכט צו דעם, אַז די מיליטער־פליכט פון די זעלנער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַצאָלטער פראָפעסיע, האָט די אַרמיי פאַרלוירן איר רעפובליקאַנישן גייסט. דער זעלנער דינט ניט מער דער רעספובליקע, ער דינט זיין שעף. פון סוללע ביז צעזאַרן, פון צעזאַרן ביז די טריאומווירן ווערט געשמידט אַ שרעקלעכער הערשאַפט־אינסטרומענט אין די הענט פון די אימפעראַטאָרן: דאָס איז די רוימישע אַרמיי מיט אירע וועטעראַנען; עס איז איר ניט אָנצוזעטיקן מיט אירע כסדרדיקע פאָדערונגען, עס פעלט איר אינגאַנצן יעטוועדע ערך־דיסציפלין, זי זעצט אַרויף אויפן טראָן און שליידערט אַראָפּ אימפעראַטאָרן, און יעדעס מאָל הרגעט זי זיי, כדי ביי דער געלעגנהייט פון דער נייער קרוינונג צו באַקומען די

איינגעפירטע געלט־מתנות (דאָנאַטיוואום). די קרוין האָט זיך פאַרקויפט פון אויקציאָן. דיאָקלעציאַנס דינאַסטישע רעפאָרמעס האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַרטיידיקן די מלוכה פון די צערודערונגען און אומרוען, וואָס די טראַן־פרעטענדענטן האָבן אַרויסגערופן מיט זייער קאַמף, און פון דער צעלאָזנקייט פון דער סאָלדאַטעסקע. אָבער נאָך אים האָט די אימ־פעראַטאָרישע מאַכט אָנגענומען דעם אַספעקט פון אַ מזרחישן דעספאָ־טיזם, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט פאַרמאַסקירט. צוליב די אינטערעסן פון זיין הערשאַפט און זיין פיסק האָט ער אויסגעהאַלטן קאָלאָסאַלע זעל־נער־אַרמייען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט רויבעריי, און אָן אַ שיעור קאַדרען גיריקע ביוראָקראַטיע. אָבער ניט די אַרמיי, ניט די ביוראָ־קראַטיע זיינען קיינמאָל ניט געווען דער עקאָנאָמיש־הערשנדיקער קלאַס. ביזן סאַמע סוף האָבן אַט דעם כאַראַקטער איינגעהאַלטן די אַריסטאָקראַ־טיע און טיילוויז די פלוטאָקראַטיע.

אַ צווייטער ביישפיל פון צעזאַריזם — אין דער נייער צייט — איז די דיקטאַטור פון קראָמוועל (צו וועלכן היטלער באַציט זיך מיט גרויס יראת־הכבוד). דאָס אַרויסשווימען און די דיקטאַטור פון קראָמוועלן האָט אַ סך אַנאַלאָגיעס מיט דער קאַריערע פון יוליוס צעזאַר. פונקט ווי צע־זאַר, האָט קראָמוועל זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף פון די פאָליטישע פאַרטייען; פונקט ווי יענער האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַרן פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון פאָלק און לאַנד; אַזוי ווי צעזאַר, האָט ער זיך מיט זיינע מיליטערישע אויפטועון דערוואָרבן איינפלוס, רעפּוטאַציע און כבוד. פונקט ווי צעזאַר, האָט ער זיך דערשלאָגן צו דיקטאַטור מיט דער הילף פון געוואַלט, און ער האָט איינגעהאַלטן זיין אויטאָריטעט, פאַרלאַזנדיק זיך אויף דער מחנה זעלנער, וועלכע זיינען געווען פאַנאַטיש איבערגעגעבן צו זיין פערזאָן. געגוי אַזוי ווי צעזאַר, האָט קראָמוועל געשטרעבט צום טראָן. פונקט ווי צעזאַר, איז ער אויך ניט געווען אָנגעהאָנגען אין די אינטערעסן פון אַ וועלכן ס׳איז סאָציאַלן קלאַס, ניט אין פעריאָד פון דער דיקטאַטור, ניט שפעטער, ווען ער האָט גענומען טרוימען וועגן דער קרוין. קראָמ־וועלס מלוכה־איבערקערעניש האָט ניט געקענט דינען די אינטערעסן פון וועלכן ס׳איז עקאָנאָמישן קלאַס. די בורזשואַזיע האָט זיך געקענט פירן איר פאָליטיק אויף אַ גאָר לעגאַלן וועג; זי האָט ניט געהאַט צוליב וואָס פּור־נאַנדערצוזיאָגן דעם לאַנגן פאַרלאַמענט: איבם טאָג פון זיין פונאַנדערלאָזן האָט דער פאַרלאַמענט געדאַרפט אָפּשטימען אַ קאָנסטיטוציאָנעלן אַקט, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך כמעט ניט אונטערגעשיידט פון דעם אַקט, וואָס קראָמוועל האָט איינגעפירט אין יאָר 1654. פון דער אַנדערער זייט, האָט די אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין די ערשטע דורך קראָמוועל גע־רופענע פאַרלאַמענטן, גאַרניט עדות געזאָגט וועגן קיין צו פריינדלעכע

באַציִאונגען צו קראָמוועלן ניט אין לאַנד בכלל, און ביי דער בורזשואַזיע בפרט. קראָמוועל האָט גוט געוואוסט, אַז די מאַכט, וואָס ער האָט אוזורפּירט, האַלט זיך איינציק און אַליין אויף כוח. אָט די אַרמיי, וואָס לכתחילה איז זי געווען באַגייסטערט פון טיף־רעליגיעזע און פּאָליטישע כוונות, וואָס האָט באַפעלעריש געפאָדערט ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע רעפאָרמעס, וואָס האָט דיקטירט איר ווילן דעם פּאַרלאַמענט, וועלכן זי האָט כסדר געריניקט און דערפירט צו אַ צושטאַנד פון אָנמאַכט, — אָט די אַרמיי איז איצט געווען בכוח איינצוהאַלטן אין אַ געוויסער דיסציפּלין נאָר קראָמוועל אַליין, איר הערשערישער שעף. און נאָכן פּראָטעקטאָרס טויט האָט טאַקע די אַרמיי געהאַט דעם אויסזען פון אַ באַזונדער קאַסטע מיט אירע אייגענע אינטערעסן און עגאָאיסטישע פאָדערונגען. דער אויסערגעוויינלעכער תוהו־ובוהו, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דעם, אַדאַנק דער נייער דיקטאַטור פון דער אַרמיי און די געלוסטן פון אירע קאָמאַנדירן, האָט געגעבן די ראָיאַליסטן אַ גלענצנדע געלעגנהייט אויסצופירן זייערע פּלענער. עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ ראָלע עס האָבן געשפּילט אין דער רעסטאַווראַציע דער גענעראַל מאָנק און זיין אַרמיי.

דער געמיינזאַמער שטריך, וואָס געפינט זיך אין יעדער רעזשים פון צעזאַריזם, — דאָס מיינט דאָס פאַרכאַפּן די מאַכט מיט דער הילף פון כוח, און דער עיקר פון מיליטערישער קראַפט, — איז אויך דאָ ביים באָנאַפּאַרטיזם. פּונקט אַזוי ווי קראָמוועל און אַזוי ווי אַמאָל צעזאַר, אַזוי האָט אויך נאַפּאָלעאָן דערגרייכט צו אויטאָריטעט, גלאָריע און איינפלוס, אַדאַנק זיינע מיליטערישע דערפאָלגן, בתור קריגס־קאָמאַנדיר. גענוי אַזוי ווי זיינע פאָרגענגער, האָט ער דערגרייכט צו דער העכסטער מאַכט אין דער מלוכה אויפן וועג פון אַן איבערקערעניש, וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט דער הילף פון דער אַרמיי און ביי דער מיטאַרבעט פון אייניקע פּאָליטישע קאַריעריסטן. פּונקט אַזוי ווי קראָמוועל, און נאָך אין אַ קלענערער מאָס איידער צעזאַר, איז נאַפּאָלעאָן ניט אַרויסגערוקט געוואָרן אין פאָדערגרונט דורך אַ וועלכן באַשטימטן עקאָנאָמישן קלאַס און ניט דורך די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון לאַנד. פראַנקרייך האָט ניט געוואָלט די איבערקערעניש פון 18טן ברומער. עס איז אמת, אַז נאַפּאָלעאָן האָט ניט אָנגעטראָפן אין לאַנד אויף קיין אַקטיוון ווידערשטאַנד; אָבער דאָס איז ניט געווען קיין פּועל־יוצא פון סימפּאַטיעס, מיט וועלכע ער האָט זיך באַליבט געמאַכט, נאָר פון דער באַפעלקערונגס אַפּאַטיע, צוליב די בלוטיקע פאַרוויסטונגען, וואָס דער טעראָר האָט אָנגעמאַכט, און צוליבן אינדיפערענטיזם לגבי די מלוכהשע איבערקערענישן און די קאָנסטיטוציע־פאַרלעצונגען, צו וועלכע די באַפעלקערונג האָט זיך צוגעוואוינט זינט דער דירעקטאָריע. אַזוי ווי ביי אַנדערע ביישפּילן פון צעזאַריזם, אַזוי איז אויך מיט דער רעפּובלי־

קאָנישער אַרמיי, פאַר וועלכער נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן אַן אָפּגאָט, פאָרגע־קומען אַ מעטאַמאָרפאָזע. פריער זיינען די זעלנער געווען בירגער, שפּע־טער — רעפּובליקאַנער, און זיי האָבן געברענט מיט ענטוזיאַזם אין קאַמף פאַרן פאָטערלאַנד, פאַר פרייהייט, פאַר די געוואונענע רעכט, פאַרן פאַר־טיידיקן די נייע אָרדענונג קעגן אַלע אירע קעגנער; שפּעטער, פאַרשיכּורט פון די מיליטערישע נצחונות, דעמאָראַליזירט פונם דעראָבער־גייסט, האָבן זיי זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפעסיאָנעלע קאָרפּאָראַציע. אין לאַנד גופא, ערב דער איבערקערעניש פון 18טן ברומער, האָט באָנאַפּאַרטס פּאָפּולערקייט ניט געטראָגן קיין קלאַסן־כאַראַקטער; דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישער שטאָלץ, אַרויסגערופן דורך די גלענצנדע קריגס־נצחונות פונם זיגרייכן פירער.

נאַפּאָלעאָנס אינערלעכע פּאָליטיק האָט אויך ניט געטראָגן קיין ספּע־ציעלן קלאַסן־כאַראַקטער. איינע האַלטן זיין פּאָליטיק פאַר דעם המשך און פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער רעוואָלוציע, אַנדערע — פאַרן טריאומף פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. מען האָט אויך פאַרגעשטעלט נאַ־פּאָלעאָנען ווי דעם מאַן פון אַלע פּאַרטייען, ווי דעם פאָרשטייער פון אַלע קלאַסן. די אַנטוויקלונג פון נאַרמאַלע פריי־קאָנקורענץ־באַדינגונגען און עקספּאַנסיע פון דער בורזשואַזיעס האַנדלס־אינדוסטריעלער טעטיקייט; די אַנטוויקלונג פון דער עקספּלואַטאַציע פונם דראָבנע לאַנד־אייגנטום דורך די פּויערים; די כלומרשטע פאַרטיידיקונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס אינ־טערעסן, — אַט דאָס זיינען די פאַקטן, וואָס האָבן געלאָזט זען אין נאַפּאָ־לעאָנען דעם אויסדרוק פון די פּאָליטישע אינטערעסן אי פון דער קאַפּי־טאַליסטישער בורזשואַזיע, אי פון די פּויערים, אי פון די אַרבעטער. אָבער ניט קיין אַנדערער ווי נאַפּאָלעאָן האָט איינגעפירט אַ צאָל געזעצ־געבערישע מאָסמיטלען, וואָס האָבן באַשווערט די לאַגע פון די אַרבעטער, אָפּגענומען ביי זיי די פרייהייט פון אָפּמאַכן מיט זייערע אונטערנעמערס, האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען דאָס „אַרבעט־ביכל”, קעגן וועלכן דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט האָט געמוזט דערנאָך קעמפן צענדליקער יאָרן. דאָס האָט נאַפּאָלעאָן צעקאָליעטשעט דעם ליבעראַליזם פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, און ער האָט אירע מאַטעריעלע אינטערעסן גע־טראָטן מיט די פיס צוליב זיינע פּאָליטישע פּלענער. דאָס איז ער גע־ווען די פּלאָג פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, — און פּונקט ווי פונם פּראָלעטאַריאַט, האָט ער אויך פון איר אַרויסגעריסן די יינגסטע און גע־זונטסטע כּוחות ווי אַ קרבן צום מולך פון קריג . . .

לויט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, הגם ער האָט ניט פּרעטענדירט אויף דער ראָלע פון אַ גרויס פּערזענלעכקייט („דער קליינער פלימעניק פונם גרויסן פעטער”), האָט געהאַט די שעה פון זיין באַשיידענער גרויסקייט: אַ גאַנץ

היפשע צייט האָט ער טריאומפירט, ער איז געגאַנגען אָדער לפּחות געמיט זיך צו גיין אין די טראַדיציעס פון צעזאַריזם. ווען ניט די קריגס־אָוואַנ־טורעס, וואָלט ער אפשר געגרינדעט אַ פעסטע דינאַסטיע אין פראַנקרייך. פּונקט ווי נאַפּאָלעאָן I, וואָלט ער געקענט אָנגיין פאַר אַ מאָנאַרך, וואָס האָט זיך געמיט צו קומען צו הילף אַלע קלאַסן. „לכתחילה, זאָגט לעוואַססער, איז עס געווען אַ רעזשים פון טעראָר, געריכטעט קעגן די רעפּובליקאַנער; שפּעטער, ביזן יאָר 1860, — אַן אַבסאָלוטיסטישער רעזשים, וואָס האָט געזוכט זיין אָנשפּאַרפּונקט ביי די גייסטלעכע, אין דעם באַנקירן־קלאַס, אין דער גרויס־אינדוסטריע און אין לאַנד־אייגנטום, וואָס איז אָבער דאָך אויסן געווען דעם באַהאַלטענעם מיין איינצושטעלן אַ צעזאַריסטישע דע־מאָקראַטיע, נעמענדיק אונטער זיין שוץ דעם אַרבעטער־קלאַס און אויס־נוצנדיק דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט".

3

וואָס איז די נאַטור פון דער פאַר־פעאָדאַלער און נאָך־פעאָדאַלער מאָנאַרכיע?

לויט איר אָפּשטאַם, האָט די דאָזיקע מאָנאַרכיע ניט געהאַט קיין קלאַסן־כאַראַקטער: זי איז געווען אַ פּראָדוקט פון מלחמה און דעראָבערונ־גען, און ניט פון עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, ניט פון דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע פון די זיגער און פון די באַזיגטע נאַציעס. די קיניגן פון די גערמאַנישע שבטים — דאָס זיינען קריגס־פירער. בראש פון די קריגס־כּוחות באַצווינגען זיי די לענדער, און זיי קלייבן אויס צווישן זיי דווקא די רייכסטע. אַדאַנק זייער קראַפט, דערגרייכן די באַצווינגערס צו דעם ראַנג פון אַ הערשנדיקן קלאַס; אַדאַנק דער קראַפט, באַקומען זייערע פירער די העכסטע פּאָליטישע מאַכט.

די פראַנקישע קיניגן האָבן, נאָכן פאַרנעמען גאַליע, געפּרואווט איינ־צוהאַלטן די צענטראַליזירטע אַדמיניסטראַציע פון די רוימער, צוגעבנדיק בעת־מעשה צו זייער מאַכט אַן אַבסאָלוטיסטישן כאַראַקטער. די מעראָ־ווינגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט פעאיק איינצוהאַלטן אין זייערע הענט אַזאַ מאַכט. דער קאַמף צווישן דער קריגס־פירנדיקער אַריסטאָ־קראַטיע און דער קיניגלעכער מאַכט האָט זיך געענדיקט לטובת דער ערשטער מיט איר דערשלאָגן זיך צו אַן אומאָפּהענגיקער מאַכט. די די־נאַסטיע פון די מעראָווינגען איז געפאַלן; די קרוינונג פון די קאַראָלינגען האָט באַטייט דעם נצחון פון די באַראָנען, גראַפן און הערצאָגן. קאַרל דער גרויסער סאַנקציאָנירט די פעאָדאַלע סיסטעם, אָבער ער באַמיט זיך איר צו געבן אַ צענטראַליזאַטאָרישן כאַראַקטער. ביי זיינע נאָכפאָלגער

פאַלט דער דאָזיקער פּרואוו אײנגאַנצן דורך. דער פּעאָדאַליזם טריאומ־פירט. די קיניגלעכע מאַכט פאַרלירט יעטוועדן איינפלוס. דער אַנטאַגאָ־ניזם און קאַמף צווישן די באַראָנען און דער קיניגלעכער מאַכט — אין דער עפּאָכע, ווען דער פּעאָדאַליזם פאַרמירט זיך — האָבן ניט דעם כאַראַקטער פון אַ קלאַסן־קאַמף, לויטן עקאָנאָמישן באַגריף פון דער קאַטעגאָריע „קלאַס". דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער אַנטאַגאָניזם. אינם דאָזיקן קאַמף צווישן די קיניגן און די באַראָנען האָבן אַלע קלאַסן פון דער געזעל־שאַפט געשפּילט אַן אַבסאָלוט פּאַסיווע ראָלע.

דער נייער קאַמף, וואָס איז אויפגעקומען אין דער צווייטער העלפט מיטלאַלטער צווישן דער קיניגלעכער מאַכט און דעם פּעאָדאַליזם און וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן נצחון פון דער צענטראַליזירטער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, האָט אויפן זעלבן אופן געטראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער; אָבער צום אונטערשיד פון דער פריקער עפּאָכע, איז זי איצטער געוואָרן פאַר־וויקלט אין אַ קלאַסן־קאַמף. אי איינער אי דער צווייטער צד האָבן זיך געפּרואווט אָנשפּאַרן אויף די אַרויסגעהויבענע נייע קלאַסן און זיי גע־רופן צום קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. די אינטערעסן פון די קלאַסן זיינען געווען אַן אינסטרומענט אויף צו דערגרייכן די צילן פון אויטאָ־נאָמע פּאָליטישע קאַטעגאָריעס.

די קיניגלעכע מאַכט אין פראַנקרייך האָט ניט פאַרטראָטן די אינטע־רעסן ניט פונם האַלב־פרייען פויערטום, ניט די אינטערעסן פון די קאָמו־נעס און פון דער אויפגעקומענער שטאָט־בורזשואַזיע. די פראַנצויזישע קיניגן האָבן זיך גוט באַצויגן צו דער באַפרייאונג פון די לייב־אייגענע. אין זייערע אייגענע דאָמענעס פלעגן זיי באַפרייען די לייב־אייגענע. פּונקט ווי די פּעאָדאַלע סעניאָרן, פלעגן זיי דאָס טאָן צוליב געלט. פיליפ דער שיינער, נייטיקנדיק זיך אין געלט, פלעגט אַפילו צווינגען די לייב־אייגענע זיך צו באַפרייען דורך אויסקויף־געלט. אָבער אין דער זשאַקעריע־תקופה, ווען די לייב־אייגענע האָבן רעוואָלטירט קעגן זייערע סעניאָרן, האָט די קיניגלעכע מאַכט גאָרניט געטראַכט אַפילו זיך איינצושטעלן פאַר די אונ־טערדריקטע און זיי פאַרטיידיקן לגבי זייערע הערשער. וואָס נוגע ווי־דער דער שטאָט־בורזשואַזיע און דעם „דריטן שטאַנד", איז אמת, אַז די קיניגלעכע מאַכט און די בורזשואַזיע האָבן אַ לאַנגע צייט און אָפט אונטער־געהאַלטן איינער דעם צווייטן, ווען עס האָבן זיי פאַראייניקט געמיינזאַמע אינטערעסן. ביידע פאַרטנערן האָבן זיך אויף דעם וועג געשטאַרקט: עס זיינען פאַראַלעל געוואַקסן סיי די קיניגלעכע מאַכט, סיי דער איינפלוס פון דער שטאָט־בורזשואַזיע. אָבער דער מין כוחות־קאָאָרדינאַציע האָט ניט געבראַכט מיט זיך קיין סובאָרדינאַציע. בעת די מעראָווינגען און קאַראָ־לינגען האָט דער בורזשואַזער קלאַס נאָך ניט עקסיסטירט ווי אַן אַנט־

וויקלטע סאָציאַלע גרופּע. בעת די קאַפּעטינגען און וואַלואַס, ווען די בורזשואַזיע האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיטן וואוקס פון האַנדל און אינדוסטריע, האָבן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע גאָרניט דאָמינירט אויף אַן אויסשעפּנדיקן אופן אין דער קיניגלעכער פּאָליטיק.

אין דער אמתן האָבן די קיניגלעכע מאַכט, דער פעאָדאַלער שטאַנד און די בורזשואַזיע פאַרגעשטעלט דריי אויטאָנאָמע כוחות, מיט אייגענע אינטערעסן אין יעדער קאַטעגאָריע, און אַן שום פּערמאַנענטער סובאָרדי־נאַציע פון איינער לגבי דער צווייטער.

ווען די קיניגלעכע מאַכט האָט געהאָלפן די שטאָטישע געמיינדעס אָדער איינצלנע אינדיווידן זיך צו באַפרייען פון דער סעניאָרן־מאַכט, האָט זי געהאַט אין זינען אויסשליסלעך אירע אייגענע אינטערעסן: געלט־אינטערעסן אין יענע פאַלן, ווען די שטעט האָבן געצאָלט טייערער איידער די סעניאָרן; פּאָליטישע אינטערעסן אין יענע פאַלן, ווען זי האָט אויף דעם אופן געקענט אָפּשוואַכן די פעאָדאַלן, פאַרגרעסערן די צאָל אייגענע אונטערטאַנען, פאַרגרעסערן איר אייגענעם כוח. אָבער די זעלבע אינ־טערעסן־כוונות האָבן אָפט באַוועגט די קיניגן זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון די ביסקאָפן און סעניאָרן אַנטקעגן די שטאָט־געמיינדעס אויס־דריקלעך. אָרום און אָרום האָבן די קיניגן ניט געהאַט קיין שום סיס־טעמאַטישע פּאָליטיק לגבי די קאָמונעס: אין זייערע אייגענע דאָמענעס האָבן זיי אַ סך ווייניקער סטימולירט דאָס אַנטשטייַן פון מוניציפּאַלע רעכט און פרייהייטן; די שטאָט אָרלעאַן האָט איבערגעטראָגן אַ בלוטיקע רעפּרע־סיע פאַר איר פּרוּאוו זיך צו רעאָרגאַניזירן אין אַ „פרייע" קאָמונע. פון דער אַנדערער זייט, האָט די קיניגלעכע מאַכט, אין דער מאָס ווי זי האָט זיך פאַרשטאַרקט, מיט אַלע מיטלען זיך געמיט צו באַגרענעצן די מוניצי־פּאַלע פרייהייטן פון די שטעט און זיי אונטערוואַרפן אונטער איר ביוראָ־קראַטיע. די קיניגלעכע פיסקאַלע סיסטעם האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דעזאָרגאַניזירן די מוניציפּאַלע פינאַנסן, כדי זיי זאָלן אַריינפאַלן אין רשות פון דער צענטראַלער מאַכט. די קיניגלעכע מאַכט האָט כסדר אַלץ שטאַרקער געדריקט די רעכט פון די קאָמונעס. זי איז פונקט אַזוי פיינדלעך געווען צו דער בורזשואַזיע, ווי זי איז געווען גוט געניגט צו איר.

די באַציאונגען צווישן דעם „דריטן שטאַנד" און דער קיניגלעכער מאַכט זיינען געווען אַזעלכע, אַז אַנטאַגאָניזם האָט זיך אין זיי באַהעפט מיט סאָלידאַרישקייט. ווען די שטאָטישע קאָמונעס וואָלטן זיך פאַראיי־ניקט מיט די פעאָדאַלן, וואָלטן זיי געקענט מיט דערפאָלג קעמפן קעגן דער קיניגלעכער מאַכט; אָבער די אינטערעסן־כוונות זיינען געווען קעגן דעם. און ווירקלעך, דער דירעקטסטער און הויפּט־שונא פון די קאָמונעס איז גע־

ווען ניט דער קיניג, נאָר דער פעאָדאַלער סעניאָר; דער פרעס, וואָס איז געקומען מצד דער קיניגלעכער מאַכט, האָט געהאַט אַ ווייטערן כאַראַקטער, איידער דער, וואָס איז געקומען פונם סעניאָר. ווײַבאַלד אַזוי, איז עס נאָר נאַטירלעך, וואָס די בורזשואַזיע האָט אָפטער געזוכט אַ פאַרבינדעניש מיט דער קיניגלעכער מאַכט קעגן די סעניאָרן, איידער פאַרקערט. אַנטאַגאָניזם און סאָלידאַרישקייט זײַנען דאָ געווען רעלאַטיוו.

אָבער אין יענע פאַלן, ווען די מיסברויכן פון דער קיניגלעכער אַדמיניסטראַציע זײַנען שוין געוואָרן ניט צום איבערטראָגן, און ווען דער „דריטער שטאַנד" האָט געפילט הינטער זיך אַ קראַפט, פלעגט דער אַנטאַגאָניזם אַרויסטרעטן באַשיימפערלעך אָפן. דאָס האָט פאַסירט צוויי מאָל אין דער תקופה פון הונדערטיאָריקן קריג. די קראַפט און אָרגאַניזירטקייט פונם „דריטן שטאַנד" פלעגן זיך גאָר בולט אַרויסווײַזן אויף די גענעראַלע שטאַטן. דאָ, פונקט ווי שפּעטער אין דער עפּאָכע פון דער ליגע, האָט דער „דריטער שטאַנד", צוליב רעלאַטיווער אינטערעסן-סאָלידאַרישקייט, געשלאָסן אַן אַליאַנס מיט דער אַריסטאָקראַטיע און גייסטלעכע קעגן דער קיניגלעכער מאַכט. אָבער עס זײַנען אויך געווען פאַלן, ווען, פאַרקערט, די קיניגלעכע מאַכט האָט זיך פאַרבונדן מיט דער אַריסטאָקראַטיע און גייסטלעכע, אויף צו קעמפן קעגן „דריטן שטאַנד" און צוזאַמען פאַרטיידיקן די אייגענע פריווילעגיעס. עס איז ווידער אַ רעלאַטיווע אינטערעסן-סאָלידאַרישקייט. אָבער די אינטערעסן-געמיינשאַפט פון דער קיניגלעכער מאַכט מיט דער בורזשואַזיע איז געווען אַ מער נאַטירלעכע און פעסטערע דערשיינונג, איידער די פאַרקערטע קאָמבינאַציעס, און מיט דעם טאַקע איז אָנגענומען צו דערקלערן דעם וואוקס פון דער קיניגן-מאַכט אין פראַנקרייך און זייער דערשלאָגן זיך צו אַבסאָלוטער מאַכט.

אַנדערש איז געווען די לאַגע אין ענגלאַנד. דאָ האָט די בורזשואַזיע זעלטן געשלאָסן אַן אַליאַנס מיט דער קיניגלעכער מאַכט קעגן דער אַריסטאָקראַטיע. דאָ איז די קיניגלעכע מאַכט פון די נאָרמאַנישע דינאַסטיעס געווען גענוג שטאַרק פונם סאַמע מאָמענט פון דער דעראָבערונג און טאַקע אַדאַנק דעם עצם פאַקט פון דער דעראָבערונג. לעבנדיק אין אַ דעראָבערט לאַנד, האָבן דאָ די פעאָדאַלן געמוזט איינהאַלטן די אָרגאַניזירטע מאַכט קעגן דער אונטערייאָכטער נאַציע, אויסמיידן איזאָלירטקייט און קריגערײַ-מאָמענטן, און פאַרבלײַבן פאַראייניקט, כדי צו פאַרטיידיקן דעם געמיינזאַמען אינטערעס. אונטערנעמענדיק דעם קאַמף קעגן דער קיניגן-מאַכט, כדי זי צו צווינגען צו אָנערקענען די רעכט און גאַראַנטיעס פון דער אַריסטאָקראַטיע, האָבן די באַראָנען געהאַט אַ מעגלעכקייט אַנטקעגנצושטעלן דער אָרגאַניזירטער קראַפט פון די קיניגן זייער אייגענעם אָרגאַניזירטן כוח. לויט גיזאָ, האָט „ענגלאַנד צו פאַרדאַנקען איר פרייהייט,

אפשר דאָס, וואָס זי איז דעראָבערט געוואָרן דורך די נאָרמאַנען". ווארעם די געאייניקטקייט פון דער דעראָבערער־אַריסטאָקראַטיע האָט געשאַפן אַ קראַפט, וועלכע האָט באַגרענעצט די מאַכט פון די קיניגן. אָבער די באַראָנען האָבן געאַרבעט ניט נאָר פאַר זיך אַליין: עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די צונויפשמעלצונג פון די דעראָבערער מיטן באַזיגטן פאָלק אין איין איינציקע נאַציע, און די באַראָנען האָבן זיך געמיט צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע פון אינטערעסן־פאַרטיידיקער פאַר דער גאַנצער נאַציע. זיי שליסן אָפּמאַכן מיטן קיניג ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר דער קליין־אַריסטאָקראַטיע, פאַר דער בורזשואַזיע און אפילו פאַר די אויסלענדישע סוחרים. זיי זוכן אינסטינקטיוו אַן אָנלען ביי די אַנדערע באַפעלקערונגס־קלאַסן, ווייל זיי האָבן ניט קיין צופיל צוטרוי צו זייערע אייגענע כוחות אַנטקעגן דעם קיניגס כוחות. עס איז באַקאַנט, אַז ניט געקוקט אויף זיינע אומגליקלעכע און דערנידערנדיקע אונטערנעמונגען, איז יאָהאַן דער אָן־ערדיקער אַ געוויסע צייט פאַרבליבן דער זיגער איבער די באַראָנען, אַדאַנק זיינע געדונגענע זעלנער. און די בורזשואַזיע האָט זיך פאַראייניקט מיט די באַראָנען, פונקט ווי דער קלאַס אָרעמע פעאָדאַלן, ניט געקוקט אויף די באַמיאונגען פון די קיניגן צוצוציען די ביידע קלאַסן אויף זייער זייט.

צווישן דעם גורל פון די מאָנאַרכיעס אין פראַנקרייך און ענגלאַנד און צווישן די אייגנטימלעכקייטן אין דער עוואָלוציע פון די פּאָליטישע רעזשימען אין איטאַליע און דייטשלאַנד — ווערן געמאַכט פּאַראַלעלע פאַרגלייכונגען. אין איטאַליע האָבן די שטאָטישע קאָמונעס מנצח געווען די אַריסטאָקראַטיע מיט אייגענע כוחות, און אַזוי ווי דאָס לאַנד איז געווען אַ מהלך ווייט פון די גערמאַנישע אימפּעראַטאָרן מיט זייערע שטענדיקע געלוסטונגען און אויך פונעם ביזאַנטישן דעספּאָטיזם, האָבן זיך די קאָמונעס אַנטוויקלט אין זעלבשטענדיקע רעפּובליקן. אין דייטשלאַנד, פאַרקערט, האָבן די שטעט און די בורזשואַזיע ניט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אינעם פּאָליטישן קאַמף, — האָבן זיך דאָ די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן און פאַרעלטערטע טראַדיציעס איינגעהאַלטן לענגער, ווי אין די אַנדערע לענדער.

אין סך־הכל, לויט איר כאַראַקטער און סימנים, זעט די מאָנאַרכיע אויס צו זיין אַן אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע קאַטעגאָריע, וואָס האָט מאָנאָפּאָליזירט די פונקציעס פון העכסטער פאַרוואַלטונג און די מאַכט־אינסטרומענטן מיט דער הילף פונעם כוח פון מלוכהשן מעכאַניזם. פון דער יורידישער נאַטור פון דער מאָנאַרכיעס כאַראַקטער הענגט אָפּ, צי די קלאַסן־אינטערעסן דרינגען אַריין אין דער מאָנאַרכיע אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. אַזוי, די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע איז אין איר ריי־

נעם טיף אײַנגעאַנצן פריי פון קלאַסן־באַפּאַרבונג, דאָס מיינט: קיין שום באַזונדערער געזעלשאַפטלעכער קלאַס, קיין שום קאָמבינאַציע פון קלאַסן, אַפילו ניט די געזעלשאַפט ווי עפעס גאַנצעס, האָבן ניט געהאַט קיין שום מיטלען אויף אונטערצוואוואַרפן די מאָנאַרכיע אונטער זייער ווילן. פאַרקערט, די באַגרענעצטע מאָנאַרכיע קען יאָ אין אַ געוויסער מאָס דינען די אינטערעסן פון יענעם קלאַס, פאַר וועמעס נוצן זי איז באַגרענעצט, למשל די בורזשואַזיע אין דער צענזן־מלוכה אָדער די אַריסטאָקראַטיע ביים אַריסטאָקראַטישן רעזשים. איז זי אָבער באַגרענעצט לטובת די דעמאָקראַטישע רעכט פון פאָלק, יעמאָלט דינט זי אין אַ געוויסער מאָס די אינטערעסן פון לאַנד און פונעם כלל געזעלשאַפט. אָבער אַפילו די באַגרענעצטע מאָנאַרכיע פאַרבלייבט אַלץ, אין די גרענעצן פון אירע פרעראָגאַטיוון, ווי אַן אומאָפּהענגיקע קאַטעגאָריע, וואָס קען ווירקן אין אירע פערזענלעכע אָדער דינאַסטישע אינטערעסן.

צווישן די אינטערעסן, וואָס באַוועגן די פּאָליטיק פון דער מאָנאַרכישער מאַכט, באַדאַרף מען אונטערשיידן די אייגנטלעכע דינאַסטישע אינטערעסן, וואָס קערן זיך אָן מיט דער מאָנאַרכיע ווי אַן אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע קאַטעגאָריע, — פון יענע אינטערעסן, וועלכע זי איז באַרופן צו פאַרטיידיקן אויס דעם פאַקט אַליין פון איר רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט מיט די אָדער אַנדערע סאָציאַלע גרופּעס. אויף אַזוי פיל, אויף וויפל די מאָנאַרכיע ווייזט זיך אַרויס ווי אַן אינסטרומענט, וואָס פאַרטרעט די מלוכה ווי אַ גאַנצע; אויף וויפל זי פירט אויס צענטראַליזירטע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס, רעגלאַמענטירנדיק אָרדענונג, זיכערקייט און די עקסיסטענץ פון דער געזעלשאַפט, — איז זי געבונדן מיט דער דאָזיקער מלוכה און געזעלשאַפט דורך פעדעם פון רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט; אָבער אויף וויפל די אייגענע אינטערעסן פון דער מאָנאַרכיע קענען גיין קעגן די אינטערעסן פון דער מלוכה אָדער געזעלשאַפט, אַנטשטייט צווישן זיי אַן אַנטאַגאָניזם. פונקט אַזוי קען די מאָנאַרכיע נעמען אין אירע הענט די זאַך פון אַוועלכן ס'איז קלאַס און פאַרטיידיקן זיין פּאָליטיק, ניט דערפאַר ווייל זי איז דער אָרגאַן אָדער דאָס געווער פונעם דאָזיקן קלאַס, נאָר כדי צו פאַרווירקלעכן די אָדער אַנדערע צילן: די אייגענע פאַרשטאַרקונג אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון אָט דעם קלאַס; דאָס געווינען פּאָפּולערקייט; די פּסיכאָלאָגישע קרובהשקייט מיט אַ באַשטימטן קלאַס; אין אַנדערע פאַלן — אידעאָלאָגישע אינטערעסן. ווי אַ פועל־יוצא פון דער אַנטוויקלונג פון דער ענגלישער בורזשואַזיע און פונעם אַריינדרינגען אין אירע רייען פונם אָרעמען פריצטום, האָט זיך די ענגלישע געזעלשאַפט באַקומען שאַרף צעטיילט אויף צוויי קלאַסן: דעמאָלט האָט די אַריסטאָקראַטיע, וואָס ביז אַהער האָט זי שטענדיק געקעמפט פאַר אירע רעכט קעגן דער קיניגלעכער מאַכט

— און הגם די ניי־אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטיע איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ קינד פון דער זעלבער מאַכט, — זיך צונויפגעזאַמלט אַרום דעם טראָן — קעגן דער אַטאַקע פון די מיטעלע און נידעריקע קלאַסן. אָבער דאָס באַטייט ניט, נאַטירלעך, אַז די קיניגלעכע מאַכט, וואָס איז פריער געווען אַ שונא פון דער אַריסטאָקראַטיע, איז מיט אַמאָל געוואָרן איר אָר־גאַן צי אינסטרומענט, פונקט ווי דאָס באַטייט אויך ניט, אַז די אַריסטאָקראַ־טיע איז געוואָרן אַן אינסטרומענט אין דער פּאָליטיק פון דער קיניגלע־כער מאַכט.

די אַבסאָלוטיסטישע רעגירונגען האָבן געקענט דורכפירן רעפאָרמעס לטובת די נידעריקע אָדער אונטערדריקטע קלאַסן קעגן די אינטערעסן פון די העכערע קלאַסן — אין זייערע דינאַסטישע אינטערעסן אָדער „אין די אינטערעסן פון דער מלוכה": די רעפאָרמעס פון דער פּרייסישער רע־גירונג, אין דער עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָנס מלחמות, אין דער צייט פון שטיין און האַרדענבערג; דאָס באַפרייען די פּויערים אין צאַרישן רוסלאַנד לויטן באַפעל פון אימפּעראַטאָר אַלכסנדר II. עס איז באַקאַנט די טעאָריע פון אייניקע דייטשע עקאָנאָמיסטן מכוח אַ „סאָציאַלער מאָנאַרכיע", אַ נאַציאָ־נאַלער און איבער־קלאַסן־מאָנאַרכיע.

ביי די עקסטרעמע פאָרמען פון אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע ווערן די מלוכה און די אונטערטאַנען — דאָס אייגנטום פונעם סואווערען, און עס באַ־שאַפט זיך אַ לאַגע, וואָס איז ענלעך צו דעם מצב אין די באַרבאַרישע און מזרחישע דעספּאָטיעס. אָבער צווישן דער אייגנטום־מלוכה און אַ פשוט אייגנטום איז פאַראַן אַן אונטערשיד אין פּרט פון דער עקאָנאָמיע: די אייגנטום־מלוכה פאָדערט ניט יענע אָפּגעהיטע זאָרגעוודיקייט, וועלכע איז נייטיק ביי אַ געוויינלעכער בעל־הבתישקייט. ווייל ווען די מלוכה גייט צוגרונד, ברענגט דאָס ניט אומפאַרמיידלעך מיט זיך די רואין און דעם אונטערגאַנג פון דער דינאַסטיע. כל־זמן די פאַראַרעמונג און די ירידה פונעם לאַנד קענען זיך איינלעבן מיטן איינהאַלטן די מלוכהשע מאַכט — די אונטערשטיצונג פון דער מאָנאַרכיע, — קענען דער כוח און גלאַנץ פון דער דינאַסטיע אפילו וואַקסן אָדער פאַרבלייבן אומבאַרירט, ניט געקוקט אויפן פאַלן פון די פּראָדוקציע־כוחות, אויף דער פאַראָרעמונג פון אַלע קלאַסן, אויף די ליידן פון פאָלק און דעגענעראַציע פון דער באַ־פעלקערונג. אַזאַ מין קריזיס אינם לעבן פון לאַנד קען ווערן אַ כראָני־שער, קען זיך ציען אַן אומבאַשטימט־לאַנגע צייט, און ניט פירן צו קיין פּאָליטישן קריזיס. אַן אַנאַלאָגישער מצב קען זיך שאַפן אויך ביי די רעזשימען פון אָליגאַרכישער דיקטאַטור. אַ קריזיס פון די דעספּאָטיעס קומט ערשט דעמאָלט, ווען עס ווערט אָנגערירט דער מלוכהשער מעכאַ־ניזם, וואָס אין אים שטעקט דעם רעזשימס כוח.

עס איז באַקאַנט, צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון ירידה און רואין די קאַטוילישע קיניגן מיט זייער אַבסאָלוטיסטישער פּאָליטיק האָבן דערפירט שפּאַניע. אָבער אַפילו אין די סאַמע שרעקלעכסטע (פאַרן לאַנד) מאָמענטן איז די קיניגלעכע מאַכט געבליבן די זעלבע דעספּאָטישע, הערשנדיקע, עגאָאיסטישע מאַכט. זי האָט געקעמפט קעגן די העכערע און מיטעלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, אָבער אין דער זעלבער צייט גאַרניט אויפגעטאָן לטובת די נידעריקערע קלאַסן.

אין דער עפּאָכע פון איר שטאַרקסטער מאַכט, האָט די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך — בעת לודוויג דעם 14טן — פאָרמולירט איר דעוויז: „די מלוכה — דאָס בין איך". ניט זייענדיק אַליין דער אינסטרומענט אָדער אָרגאַן פון אַוועלכן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, האָט זי געשטרעבט אונטערצואָכן אַלע קלאַסן מיט זייערע אינטערעסן אונטער אירע אייגענע דינאַסטישע אינטערעסן, און צוליב אירע שטענדיקע אָדער צייטווייליקע באַדערפענישן האָט זי אָט דערהויבן, אָט אַראָפּגעזעצט — לויט דער ריי נאָך — פאַרשידענע סאָציאַלע עלעמענטן; מיט דעם דערקלערן זיך טאַקע אייניקע ווידערשפּרוכן אין דער פּאָליטיק פון די פראַנצויזישע קיניגן.

זיי האָבן ביי דער אַריסטאָקראַטיע אָפּגענומען אירע פעאָדאַלע און פּאָליטישע פּריווילעגיעס, וועלכע האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער קיניגלעכער מאַכט, אָבער זיי האָבן איר איבערגעלאָזט יענע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן איר געגעבן די מעגלעכקייט צו דריקן די דאָרפישע באַפעלקערונג. זיי זיינען געווען צופרידן מיט דער עקאָנאָמישער ירידה פון די פּריצים, און זייער פּאָליטיק האָט טאַקע געהאַט דעם ציל זיי איינצוהאַלטן אין אַ צושטאַנד פון געוויסער נויט, וואָס זאָל זיי באַוועגן צו דינען דעם קיניג און זוכן זיינע חסדים. אין דער זעלבער צייט אָבער האָבן זיי זיך אַרומגערינגלט מיט אַריסטאָקראַטיע, געאָטעמט מיט דער אייגענער אַטמאָספערע, איינגעזאַפּט אין זיך איר פּסיכאָלאָגיע, און זיי האָבן שטענדיק אַרויסגעוויזן זייער גרייטקייט אונטערצוהאַלטן די אַריסטאָקראַטיע לגבי די פאָדערונגען פון די פּויערים און פון „דריטן שטאַנד".

אין דער זעלבער צייט האָבן די פראַנצויזישע קיניגן פאַוואָריזירט דעם אויפשטייג פון עלעמענטן אויס די ניט־פּריווילעגירטע קלאַסן, און פון זייער סביבה פלעגן זיי אויסקלייבן זייערע מיניסטאָרן, זייערע אינטענדאַנטן, זייערע באַאַמטע. זיי האָבן אַרויסגעוויזן זאָרג וועגן פּראָגרעס פון דער מאַנופאַקטור און וועגן דערפאָלג פון די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. אָבער בינו־לבינו האָבן זיי אויסגעוואָרצלט יעדן לעצטן שפּור פון מוניציפּאַלער אויטאָנאָמיע. פונעם רעכט אויף אַרבעט האָבן זיי געמאַכט אַ פּריווילעגיע. די צעכן האָבן זיי עקספּלואַטירט לטובת זייער קאַסע. זיי האָבן פון אויקציאָן פאַרקויפט פּאָסטנס, מוניציפּאַלע אָפיסעס.

מיט זייער שלעכטער פינאַנץ־פירונג האָבן זיי רואינירט די מלוכה־קרעדי־טאָרן, און — אַחוץ דעם — געשפּאָלטן די שטאַנדן. אַ שרעקלעכער אַדמיניסטראַטיווער ווילקיר איז געהאַנגען איבער אַלע קלאַסן, און די אומגעהויערע שטייערן־משא האָט בעיקר געדריקט די ניט־פּריווילעגירטע קלאַסן.

קיין חידוש ניט, וואָס ערב דער רעוואָלוציע האָט די אומצופרידנקייט אַרומגעכאַפּט אַלע קלאַסן. אָבער איינע פון די סיבות, וואָס האָבן זי געמאַכט פאַר אומפאַרמיידלעך, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינער פון די הויפּט־אָרגאַנען פונעם מאַכט־מעכאַניזם, נעמלעך די פינאַנץ־סיס־טעם פון דער מלוכה, — וואָס אין דעם איז געלעגן דער כוח פון דער אַב־סאָלוטער מאָנאַרכיע, — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק דעזאָר־גאַניזירט. די גאַנצקייט פונעם מעכאַניזם איז געווען צעשטערט. דער אַבסאָלוטיזם איז שוין אויף העלפט געווען צעשטערט אין יענעם טאָג, ווען קעגן דער אָרגאַניזירטער קראַפט פון דער מאָנאַרכיע איז אַנטשטאַנען דער אָרגאַניזירטער כוח פונעם פאָלק. שוין דעמאָלט איז זיין גורל פון פאָרויס אָנגעצייכנט געוואָרן.

## קאַפּיטל פינף

# די ראָלע פון כוח און מאַכט אין דער סיסטעם פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען

### 1

ווי אַזוי איז עס מעגלעך, איין מענטש זאָל הערשן איבער דעם צווייטן מענטשן, איינע זאָלן דריקן און עקספּלואַטירן די צווייטע?

ראשית־כל דאַרף מען דאָ אונטערשיידן די פאַלן, ווען די הערשאַפט פון איין מענטשן איבערן צווייטן קומט מיטן הסכם פונעם יחיד אַליין, וואָס פאַרבלייבט אונטערגעאָרדנט, און יענע פאַלן, ביי וועלכע די אונטערדריקונג ווערט פּראַקטיקירט קעגן דעם ווילן פונעם געדריקטן.

אַ מענטש קען מיטן גוטן ווילן און אַפילו מיט פרייד אַריבערטראָגן, עס זאָל אים עקספּלואַטירן אַ צווייט וועזן, וואָס איז אים ליב. ער וואַרפט זיך פרייוויליק אונטער דער סובאָרדינאַציע, וואָס עס פאָדערט די מלוכה, ווייל ער האָט דעם באַוואוסטזיין, אַז עס איז אוממעגלעך אַוועלכע עס איז געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אָנעם אָפּזאָגן זיך פון אַבסאָלוטער, מיט קיין זאַך ניט באַגרענעצטער פרייהייט. ער קען שלום מאַכן מיט יעטוועדער פאָרעם פון אונטערדריקונג, אויב ער איז נאָר זיכער, אַז זי איז נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך. דער אָבערגלויבישער ווילדער מענטש און אַפילו דער ציוויליזירטער גלויביקער קען פרייוויליק און אַפילו פריידיק זיך לאָזן אונטערדריקן פון דער טיראַניע און זיך לאָזן עקספּלואַטירן פון די כהנים, גייסטיקע און רעליגיעזע קאַסטעס, אויב נאָר ער האָט דעם צוזאָג — אַלס שכר פאַר זיינע היינטיקע קרבנות — אַז ער וועט האָבן מזל אויף דער וועלט און גליקזעליקייט אויף יענער וועלט. אַ מענטש קען פרייוויליק טראָגן דעם יאָך פון פּאָליטישן דעספּאָטיזם, אויב ער האַלט, אַז דאָס איז אַ דעפעקט, וואָס איז אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט און אָן דעם איז זי פאַרמשפּט אויף צעשטערונג און אונטערגאַנג.

אין אַזעלכע פאַלן, איז אָדער די אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע באַזירן זיך איינגאַנצן ניט אויף מאַכט, אָדער אויב זיי זיינען שוין יאָ פאַר־בונדן מיט אָנווענדן כוח און געוואַלט, פאַרלירן זיי סוביעקטיוו דעם כאַ־

ראַקטער פון אַנטאַגאַניזמען, וואָס ווערן אַנערקענט פאַר אַזעלכע און רופן אַרויס אַ רעאַקציע. מענטשן זיינען גערן צו ברענגען קרבנות צוליב ליבע, צוליב דער אמונה, איבערצייגונגען. די לאַנגדויערנדיקע דערציאונג אין די אונטערדריקונגס־טראַדיציעס פּאַסט שוין שפּעטער צו די פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן, זיי זאָלן אויפנעמען די דאָזיקע אונטערדריקונג ווי עפּעס נאַטירלעכס און נויטיקס. די דערציאונג שאַפט יענע „שקלאַפערישקייט פון גייסט", וועלכע געפינט איר אויסדרוק ניט נאָר אין די קנעכטישע איינ־סטינקטן פון די מאַסן, נאָר אַפילו אין עלעמענטן פון אַפּאָלאָגעטישקייט, אידעאַליזאַציע, פּאַטאָליזם, מיט וועלכע עס קענען זיין דורכגעדרונגען די מיינונגען און דאָקטרינען פון די מענטשן פון וויסנשאַפט.

ווי אַזוי אָבער האָבן געקענט אַנטשטיין, זיך אויפהאַלטן און אַנט־וויקלען — אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע און פאַרשקלאַפונג אין יענע פאַלן, ווען זיי זיינען געווענדעט קעגן די אַנערקענטע אינטערעסן און קעגן דעם ווילן פון די געדריקטע גופא? אַזעלכע באַציאונגען, וואָס זיינען גלייכצייטיק דער קוואַל און דער פּועל־יוצא פון די סאָציאַלע אַנטאַגאַניז־מען, שאַפן זיך אָדער אין רעזולטאַט פון דער ציוויל־עקאָנאָמישער איינשטע־לונג אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט, אָדער אין רעזולטאַט פון צוואַנג און פון אָנווענדן ברוטאַלן כוח. ניט נאָר צווישן יחידים, אויך צווישן סאָציאַלע גרופּעס עקסיסטירט אומגלייכקייט: אומגלייכקייט אין די איינגעבוירענע פעאיקייטן (אָפט אַפילו דאָס איבערשטייגן מיט אַנטימאָראַ־לישע מעלות), איבערגעוויכט אין צאָל, אָרגאַניזאַציע, טעכניק, עקאָנאָ־מישע רעסורסן, ענדלעך איבערגעוויכט ווי אַ פּועל־יוצא פון צופאַל־שפּיל און פון גינסטיקע שאַנסן.

ווען צווישן צוויי אַנטאַגאָניסטישע גרופּעס עקסיסטירט אַ גלייכקייט אין אַלע באַדינגונגען פון קאַמף און ריוואַליטעט, אַחוץ אָבער איינער, דעמאָלט דערהויבט זיך שוין איין גרופּע איבער דער צווייטער, און דער איבערוואָג פון אָט דער גרופּע קען פירן צו אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע.

אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע האַלט זיך אויפן רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום, פון אַרבעט־טיילונג, אויסטויש און פרייער קאָנקורענץ, קען אין אַ געוויסן מאָמענט עקסיסטירן עקאָנאָמישע גלייכ־הייט צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, אירע עקאָנאָמישע פּראָ־דוצירער. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער עלעמענט פון געוואַלט פעלט אינגאַנצן אין די באַציאונגען צווישן די בירגער. כדי די עקאָנאָמישע גלייכקייט זאָל זיך קענען איינהאַלטן אויף אַ פּערמאַנענטן אופן, איז דע־מאָלט נויטיק, אַז די ריוואַליטעט צווישן די פּראָדוצירער זאָל זיין אַוועק־געשטעלט אין באַדינגונגען פון פאַר אַלעמען גלייכע שאַנסן; אָבער אַזוינס

איז מעגלעך נאָר ביי אַבסאָלוט עקוויוואַלענטע פּעאיקייטן, ביי אַן אידעאַ־לער קאָמפּענסאַציע פון די גינסטיקע און אומגינסטיקע אומשטענדן אין די האַנדלס־אָפּעראַציעס צווישן זיי. אַזוי ווי אָבער אַזאַ מין גלייכקייט איז ניט צו דערגרייכן אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט, וועט דער פּועל־יוצא פון דער יחידים־קאָנקורענץ זיין — וואוקס פון דער עקאָנאָמישער קראַפט ביי איינע, עקאָנאָמישע דערנידעריקונג פון די אַנ־דערע; דאָס ווידער עפנט אַ מעגלעכקייט פאַר עקאָנאָמישער אונטערדריקונג פון איינע דורך די אַנדערע, ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס עס וועט אַנט־שטיין אַווירטשאַפטלעכע אָפּהענגיקייט פון איינע גרופּעס לגבי די אַנ־דערע. די עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע איז דאָ ניט קיין פּועל־יוצא פון אָנווענדן כּוח אָדער געוואַלט, נאָר זי איז אַרויסגערופן דורך דער עקאָנאָ־מישער עוואָלוציע גופא, וואָס אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט ברענגט זי אומפאַרמיידלעך מיט זיך די אַנטוויקלונג און באַלעסטונג פון דער אומגלייכקייט, וואָס שטאַמט פון די אומגלייכע דערפאָלג־שאַנסן פאַר די יחידים, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט אין קאָנקורענץ־באַדינגונגען.

אַ נייער קוואַל פון אומגלייכקייט קומט אין אַזאַ אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט אין דער פאָרעם פון דער דערציאונג, וואָס מען גיט די קינ־דער אין די משפּחות פון די עלטערן, און אין דער פאָרעם פונעם ירושה־אינסטיטוט, וואָס ווערט גאַראַנטירט דורכן ציווילן רעכט. די אינדיווידן ווערן דאָ שוין געבוירן אין ניט גלייך גינסטיקע באַדינגונגען פון זייער עקאָ־נאָמישער לאַגע און זיי מאַכן שוין זייערע ערשטע טריט אין בירגערלעכן לעבן מיט אַ ניט־גלייכער צוגרייטונג און מיט ניט־גלייכע עקאָנאָמישע כּוחות. די סאָציאַלע אומגלייכקייט וואַקסט נאָך שטאַרקער, און צוזאַ־מען מיט איר וואַקסט די עקספּלואַטאַציע פון איינע דורך די אַנדערע, ווייל זי אַנטוויקלט זיך אינעם פּראָצעס גופא פונעם בירגערלעכן לעבן, פון דער פּראָדוקציע און אויסטויש. דאָ, אין דער סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, ווערט ניט אָנגעווענדט קיין כּוח און געוואַלט אין ענגן זינען, און די סאָציאַלע אומגלייכקייט איז אין איר וואוקס נאָר אַ פּועל־יוצא פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אינעווייניק אין דער געזעל־שאַפט; אָבער די אַריינמישונג פון די אָרגאַנען פון געזעלשאַפטלעכער מאַכט לאָזט זיך פילן אין דער יורידישער סאַנקציע פונעם אינסטיטוט, וואָס האַלט איין און פאַרשטאַרקט די עקאָנאָמישע אומגלייכקייט פון די ביר־גער.

לאָמיר מאַכן נאָך אַ טריט ווייטער און זיך פאָרשטעלן, אַז די מלוכה־מאַכט באַגרענעצט די רעכט און פרייהייט פון באַזונדערע קאַטעגאָריעס בירגער און זי צעטיילט די געזעלשאַפט אויף קאַסטעס, שטאַנדן, אויף קלאַסן פון פרייע בירגער און פון שקלאַפן אָדער לייב־אייגענע, אויף קאָרפּאָראַ־

ציעס פון אַקטיווע און פּאַסיווע בירגער, לויטן צענז־סימן, אאַז״וו. אַט איז אַ נייער קוואַל פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע. אָבער אַט די נייע אונטערדריקונגס־פאָרמען וועלן שוין ניט זיין קיין רעזולטאַט פון פּשוטער בירגערלעכער עוואָלוציע, נאָר אַ פּראָדוקט פון כוח און גוואַלט, וואָס די אָרגאַניזאַציע פון דער מלוכה־מאַכט האָט אָנ־געווענדט.

ענדלעך, לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז עפּעס אַן אָרגאַניזירטע גרופּע — די אַרמיי, שבט, פאָלק, מלוכה — פאַרכאַפּט די טעריטאָריע פון אַ צווייטער סאָציאַלער גרופּע, נעמט ביי איר אַוועק דעם גאַנצן אָדער אַ חלק פון איר פאַרמעגן, באַרויבט זי פון זעלבסטבאַשטימונג און פרייהייט, פאַר־וואַנדלט די באַפעלקערונג אין קנעכט אָדער לייב־אייגענע, אָדער זי דריקט זי מיטן יאָך פון שטייערן און קאָנטריבוציעס, און ווען זי דערגרייכט די הערשאַפט דורך גוואַלט, האַלט זי איין מיט דער הילף פון מאַכט דעם קלאַסן־רעזשים, וואָס זי האָט איינגעשטעלט, און די קלאַסן־אונטערדריקונג, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן. ביי דער אַנטשטייאונג פון אַזאַ מין אונטער־דריקונגס־פאָרעם שפּילן ניט די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן צווישן ביידע גרופּעס קיין שום ראָלע אַבסאָלוט; דער סאָציאַלער רעזשים איז דאָ געשאַפן דורך גוואַלט, און ער ווערט איינגעהאַלטן און אונטערגעהאַלטן מיט דער הילף פון כוח און מאַכט.

פון אַט דעם איז צו זען, וועלכע זיינען עס די דריי קוואַלן פון אַלע מעגלעכע פאָרמען פאַרשקלאַפונג, אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע: פּריוויליקער הסכם; בירגערלעכע עקאָנאָמישע עוואָלוציע אינעווייניק אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט; די אָנווענדונג פון כוח און גוואַלט.

וועגן דער ראָלע פון כוח און גוואַלט אין דער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע האָט מען גערעדט שוין אין אוראַלטער און מיטלאַלטער. אין דער תקופה פון קאַמף צווישן דעם פּויפּסטום און וועלטלעכער מאַכט האָט דער פּויפּסט גריגאָרי דער 7טער קוואַליפיצירט די מלוכה אַזוי, אַז זי האָט צו פאַרדאַנקען פאַר איר אַנטשטייאונג — גוואַלט, גזלנות און מענטשן־הריגות. מאַקיאַוועלי און גיטשיאַרדיני רעדן ניט איין מאָל וועגן דער באַדייטונג פונם גוואַלט־פאַקטאָר אין דער געשיכטע. אין דער נייער צייט האָט דיורינג אַנטוויקלט אייניקע אידעעס, וואָס האָבן אַ שייכות אַהער.

מלחמות, אָקופּאַציעס, אינוואַזיעס, באַוואָפנטע איבערפאַלן, נצחונות און מפּלות האָבן געפירט צום אויסבילדן נייע קלאַסן־פאַרטיילונגען, פּאָלי־טישע רעזשימען, נייע אייגנטום־פאַרהעלטענישן, צום איבערפאַרטיילן די רייכטימער, צו דער אַנטשטייאונג פון די אָדער אַנדערע פאָרמען פון פאַר־שקלאַפונג, אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. מיט כוח און גוואַלט זיינען באַשאַפן געוואָרן דעספּאָטיזמען, צעזאַריזמען, טיראַניעס, אָליגאַר־

כיעס ,טאָטאַליטאַריזמען, אינסטיטוטן פון שקלאַפעריי און קנעכטשאַפט. אַ דאַנק דער מאַכט האָבן זיך די פאַרקנעכטשאַפט־אינסטיטוטן געקענט האַלטן אַ לאַנגע צייט, און אין אַ סך פאַלן פירן צו צעשטערונגען און קאַטאַסטראָפעס.

## 2

אין דער סיסטעם פון סאָציאַלע אַנטאַגאַניזמען פאַרנעמען איינע פון די ערשטע ערטער — די אינערלעכע פּאָליטישע אַנטאַגאַניזמען. די פּאָליטישע אינטערעסן פון די הערשנדיקע גרופּעס, ווי אַזעלכע, קענען ווערן אַנטאַגאָניסטיש צו די אינטערעסן פון באַזונדערע קלאַסן און פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, אַ דאַנק דער מאַכט־מאָנאָפּאָליע פון מלוכהשן מעכאַניזם.

אַפילו די באַגרענעצטע מאָנאַרכיע, אין די ראַמען פון אירע פּרעראָגאַטיוון, פּרעזענטירט זיך אַלץ ווי אַן אומאָפּהענגיקע קאַטעגאָריע, וואָס ווירקט אין הסכם מיט אירע פּערזענלעכע אָדער דינאַסטישע אינטערעסן; שוין אָפּגערעדט פון יענע פאַלן, ווען — שטיצנדיק זיך אויף דעם אָרגאַניזירטן כוח פון דער מלוכה־מאַכט, ווירקט זי אַפילו אויסער דער ספערע פון אירע פּרעראָגאַטיוון קעגן דעם ווילן פון לאַנד און פון די הערשנדיקע קלאַסן. דער ענגלישער קיניג געאָרג דער 1טער האָט מער געטראַכט וועגן זיינע האַנאָווער־פּאָסעסיעס, אין וועלכע ער איז געווען אַבסאָלוטער מאָנאַרך, איידער וועגן ענגלאַנד, וואו ער איז געווען נאָר קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרך; זיין פּאָליטיק אינעם מאָמענט פון דער מלחמה פאַר דער עסטרייכישער ירושה איז געווען דיקטירט דורך זיינע האַנאָווער אינטערעסן: ער האָט געשלאָסן אַ בונד מיט מאַריע־טערעזע, כדי צו צווינגען ענגלאַנד צו נעמען אויף זיך דאָס אויסהאַלטן דעם געדונגענעם האַנאָווער חיל. אַ צווייטן אינטערעסאַנטן ביישפּיל פון אַ פּאָליטיק, וואָס איז דערפירט ביז ציניש זאָרג פון דער באַגרענעצטער מאָנאַרכיע וועגן אירע פּערזענלעכע אינטערעסן, האָבן מיר אין דעם, ווי דער אויסגעוויילטער קיניג אויגוסט דער זאַקסישער האָט פאַרראַטן פּוילן: ער האָט געשאַפן אַ פּראָיעקט צו צעטיילן פּוילן צווישן פּרייסן און עסטרייך, מיט דער כוונה אויסצובילדן פאַר זיין טובה וועגן אַ קליין ירושה־קיניגטום, און אין דער זעלבער צייט געבן אַ סאַטיספאַקציע דעם געפערלעכן קאַרל 12טן. ווי עס האָט באַמערקט איין היסטאָריקער — ער „האָט פאַרקויפט דאָס, וואָס האָט צו אים ניט געהערט".

וואָס ווייניקער די מאָנאַרכיע איז באַגרענעצט, אַלץ מער קענען זיין מאָטיוון און מעגלעכקייטן פאַר איר פּערזענלעכער און דינאַסטישער פּאָליטיק, וואָס גייט קעגן די אינטערעסן פון לאַנד. אַפילו דער גוטער אימ־

פערזאָנאַר־פילאָזאָף מאַרק אורעליוס האָט דערלאָזט, אַז אים זאָל ירשענען אויפן טראָן דער גרויזאַמער קאָמאָדוס, זיין אייגענער זון. מכוח דער פּאָליטיק פון דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט אינעם לעצטן פּעריאָד פון דער רוימישער אימפּעריע, רעדט וואָלטאַן ווי וועגן אַ קעגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פון די רעגירער און פון דער מלוכה.

אין די מלחמות און בירגער־קריגן, מיט וועלכע די געשיכטע פון די איטאַליענישע מלוכות אין מיטלאַלטער איז פול, האָבן די אינטערעסן פון די הערשער, מאָנאַרכן, פּויפּסטן, טיראַנען, קאָנדאָטיערן, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויסשליסלעך אויפן כוח פון זייערע אַרמייען און אָליגאַרכישע פּאַרטייען, אָפט אינגאַנצן אָפּגערוקט אויפן הינטערפּלאַן די אינטערעסן פון די מלוכהש־נאַציאָנאַלע איינהייטן און פון גאַנץ איטאַליע. אין קיין שום אַנדער צייט האָבן די חתונות צווישן די הערשער־משפּחות ניט געווירקט אין אַזאַ מאָס אויפן גורל פון די לענדער: זייער באַפעלקערונג האָט מען באַהאַנדלט ווי אַ פאַרמעגן, וואָס מען קען פאַרקויפן און איבערגעבן. דעמאָלט אייגנטלעך האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט דער פּאָליטישער „נעפּאָטיזם".

רעדנדיק וועגן דער פּאָליטיק פון לודוויג דעם 14טן בנוגע דער שפּאַנישער קרוין, באַמערקט דער פראַנצויזישער היסטאָריקער אַנרי מאַרטען, אַז דער דירעקטער, פּשוטער און טעריטאָריעלער אינטערעס פון פראַנקרייך איז דאָ געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן צום דינאַסטישן אינטערעס. אין זיין „פּילאָזאָפישער געשיכטע פון לודוויג דעם 14טנס הערשאַפט" באַמערקט טאָקוויל, אַז דער אינטערעס פון יענער מאָנאַרכיע האָט שטענדיק געהאַט די אויבערהאַנט איבער די אינטערעסן פון דער נאַציע. שלאָסער רעדט וועגן דעם פאַרראַט לגבי דעם אייגענעם פאָלק מצד די גערמאַנישע מאָנאַרכן, וועלכע זיינען געווען אויף געהאַלט ביי לודוויג דעם 14טן. די ענגלישע היסטאָריקער שאַצן אָפּ אויף דעם זעלבן אופן די האַלטונג פונם קיניג קאַרל דעם 2טן, וועלכער האָט קאָנספּירירט קעגן אייגענעם פאָלק צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן קיניג לודוויג דעם 14טן, דורך וועלכן ער איז געווען אָפּגעקויפט. דאָס זיינעןביישפּילן פון פּאָליטישן אַנטאַגאָניזם צווישן מלוכה־אינטערעס און מאָנאַרך־אינטערעס, אַן אַנטאַגאָניזם, וואָס איז פרעמד פון קלאַסן־כאַראַקטער און וואָס זיין מעגלעכקייט גופא שטאַמט אַרויס פון דעם פאַקט, וואָס דער הערשער־מאָנאַרך באַנוצט די מאַכט פונם מלוכהשן מעכאַניזם.

אין דער ספערע פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָט די פּאָליטיק אָפּט צעשמעטערט אַלע נאַטירלעכע פאַרבינדונגען — לטובת די דינאַסטישע אינטערעסן, וואָס כוח און געוואַלט האָבן זיי אונטערגעהאַלטן. די געשיכטע ווייס אויך פון אומגעהויער וויכטיקע פאַקטן, ווען די פּאָליטישע מאַכט

האָט זיך געמישט אין דער ספערע פון רעליגיעזע אינטערעסן: דאָס באַ־קערן די זאַקסן צום קריסטנטום אין רעזולטאַט פון קאַרל דעם גרויסנס מלחמות; דער מוסולמענישער מיליטערישער פּראָזעליטיזם; דער 30־יעריקער קריג און דאָס אָננעמען דעם פּרינציפּ Cujus regio, eius religio („די רעליגיע פונעם לאַנד הענגט אָפּ פונעם הערשער"). אין אַלע אַזעל־כע געוואַלט־מיטלען שפּילן קיין שום ראָלע ניט די שטרענג קלאַסן־אינטע־רעסן אָדער די אינטערעסן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די פעלקער.

די פּאָליטישע אַנטאַגאָניזמען — דאָס איז אַ קאַטעגאָריע, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען. ביי די ערשטע איז גאָר היפּש דער קאָעפיציענט פון אָנווענדן כוח און געוואַלט, מיט אַלע זייערע היסטאָרישע קאָנסעקווענצן.

# קאַפּיטל זעקס

## סאָלידאַרישקייט אין אַנטאַגאָניזם און אַנטאַגאָניזם אין סאָלידאַרישקייט

### 1

בכלל גענומען, פאַרמאָגן ניט די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען קיין אַבסאָלוטן כאַראַקטער. אַנטאַגאָניזם קען זיך פאַראייניקן מיט געוויסער סאָלידאַרישקייט, און געוויסע אַנטאַגאָניזם־פאַרהעלטענישן קענען עקסיסטירן ביי סאָלידאַרישקייט. דער רעלאַטיווער כאַראַקטער פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען האָט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער געשיכטע פון זייער עוואָלוציע.

די וואָרצלען פונעם רעלאַטיוון כאַראַקטער פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען ליגן באַהאַלטן אין דער קאָמפּליצירטקייט פון די מענטשלעכע אינטערעסן. עס קאָן עקסיסטירן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן אַ געוויסן אינטערעס פון אַ יחיד און נאָך אַזאַ אינטערעס פון אַ צווייטן יחיד; אָבער עס איז אויך זיך פאַרצושטעלן אַן אַנטאַגאָניזם ביי איינעם און דעם זעלבן אינדיווידוּ. דער אינדיוויד קען געהערן גלייכצייטיק צו צוויי סאָציאַלע גרופּעס מיט פאַרשידענע טיפּישע סימנים, למשל, צו אַ פּריווילעגירטן קלאַס אין פּרט פון רייכקייט און קאַפּיטאַל, און צו אַ געדריקטער סאָציאַלער גרופּע אין פּרט פון ראַסע אָדער רעליגיע. צווישן צוויי יחידים קען עקסיסטירן אַן אַנטאַגאָניזם אין פּרט פון איין אינטערעס און אַ סאָלידאַרישקייט אין פּרט פון אַ צווייטן אינטערעס. אין איין פּרט קען דער אינדיוויד דריקן אַנדערע, און אין אַ צווייטן פּרט קען ער אַליין זיין אַן אָביעקט פון אונטערדריקונג. אַן אַנטאַגאָניזם קען געמאָלט זיין צווישן די אינטערעסן פון אַ באַזונדער יחיד און די אינטערעסן פון זיין סאָציאַלער גרופּע, צווישן אַן איבערגייענדיקן אינטערעס און אַ באַשטענדיקן אָדער פּערמאַנענטן אינטערעס, צווישן אַ קעגנוואַרט־אינטערעס און אַ צוקונפט־אינטערעס.

ווען ניט דער רעלאַטיווער כאַראַקטער פון די אַנטאַגאָניזמען, וואָלטן זיי זיך באַקומען מיט בולט פּרעציזע קאָנטורן, און דער פּועל־יוצא וואָלט געווען, אַז די מענטשהייט וואָלט אויף אַ שאַרפן אופן געווען פאַרטיילט אין

אַ באַשטימטע צאָל גרופּעס, אייביק פּיינטלעכע צווישן זיך. אָבער די רע־לאַטיווקייט אינעם כאַראַקטער פון די אַנטאַגאַניזמען באַטייט אויך רעלאַ־טיווע סאָלידאַרישקייט. דאָס פירט צו אַ צעשפּרייטונג פון די כוחות, צו דער אינטערפערענץ פון די באַוואוסטזיינס, צו דער פאַרווייכערונג און אַ געוויסער אָפּטעמפּונג פון די קעגנזאַצן.

ביי דער אונטערדריקונג פון דער פרוי האָט מען אין אַלע צייטן געקענט פאַרצייכענען אויך אַ סאָלידאַרישקייט, וואָס פאַראייניקט זי מיט איר אונטערדריקער דעם מאַן, צוליב איר אָנטייל אין דער פאַמיליען־קאָאָפּעראַציע בתור פרוי און מוטער. ביי די נעגער־שבטים אין אַפריקע, ביי די פּרימיטיווע איינוואוינער פון ניי־זעלאַנד האָט זיך די לאַגע פון דער פרייער פרוי מיט קיין זאַך ניט אונטערשיידט פון דער לאַגע פון אַ שקלאַפין, אַמאָל אַפילו ערגער געווען. אַפילו צווישן די שקלאַפן פאַרנעמט די פרוי אַן אָרט פון אַ פּאַריער. אין אוראַלטן יהודה זיינען אויף דער שקלאַפין געלעגן די שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעטן, אַפילו אַזעלכע, וואָס אויף די מענער־שקלאַפן פלעגט מען נאָר אַרויפלייגן ווי אַ שטראָף. דאָרט וואו די פרוי באַזיצט ניט די פולע יורידישע און פּאָליטישע רעכט, קען היינט צו טאָג די פרוי טיילן די פּריווילעגיעס פון איר קלאַס און גלייכצייטיק זיין דער קרבן פון געשלעכט־פאַרפאָלגונגען. און אויב זי באַלאַנגט צום אונטערדריקטן קלאַס, קען זי אין דער זעלבער צייט זיין אַ קרבן פון קלאַסן־אונטערדריקונג און פון דער אונטערגעאָרדנטער לאַגע פון איר געשלעכט.

דער אינטערעס פון רעליגיעזער סאָלידאַרישקייט פאַראַליזירט אָפט דעם באַוואוסטזיין און די שאַרפקייט פון די נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און קלאַסן־אַנטאַגאַניזמען. אין אינדיע זיינען די גאָר העכסטע און די גאָר נידעריקסטע קאַסטעס פאַראייניקט דורך דער געמיינזאַמער רעליגיע, וועל־כע באַרעכטיקט דעם קאַסטן־מצב; און דער קאַמף קעגן קאַסטן־פּרינציפּ אין אינדיע ווערט מעגלעך נאָר ווי אַ קאַמף קעגן דער רעליגיע פון בראַ־מאַניזם. דאָס אור־קריסטנטום איז געווען אַ קאָסמאָפּאָליטישע באַוועגונג, געווענדט קעגן דעם קולט פון נאַציע און פאַטערלאַנד. די קריסטלעכע שרייבערס און קירכן־לערער, ווי לאַקטאַנציוס, יוסטין, גרעגאָרי פון נאַ־זיאַנץ, יאָהאַן כריזאָסטאָמאָס („דאָס גאָלדענע מויל״), פאַראורטיילן דעם פּאַטריאָטיזם ווי אַ זינד. ניט אָן אַ גרונט האָבן די היידן באַשולדיקט די קריסטן, אַז זיי האָבן זיך געחברט און זיינען געווען פאַרבונדן מיט די באַרבאַרן, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען פון צפון. אין דער תקופה פון די רעליגיעזע מלחמות אין 16—17טן י״ה איז געוויסע גרופּעס גערמאַנער אויסגעקומען צו קעמפן פאַר זייער אמונה אין פאַרבינדונג מיט אויסלענדער קעגן זייערע לאַנדסלייט. די קאַטוילישע ליגע אין פראַנקרייך האָט אין אַ

געוויסן מאָמענט געשטערעבט — אַגב ניט אָנעם איינפלוס פון כאַבאַר — ארויפצוזעצן אויפן פראַנצויזישן טראָן דעם שפּאַנישן קיניג פיליפּ דעם 2טן.

פאַרקערט ווידער, ווערט אין אַנדערע פאַלן די סאָלידאַרישקייט פון רעליגיעזן אינטערעס דערדריקט דורך נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע אָדער קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען. די פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע פירשטן האָבן פאַראייניקט זייערע כוחות, כדי איינצושטילן די פויערים, וועלכע האָבן רעוואָלטירט אונטער מינצערס אָנפירונג. דער אימפּעראַטאָר קאַרל דער 5טער, אַ פאַרטיידיקער פון קאַטוילישקייט, האָט מלחמה געהאַלטן מיטן פויפּסט, דעם העכסטער פון די קירך־גיטער, און ווען זיין מיליטער האָט איינגענומען רוים און געראַובט די אייביקע שטאָט, האָבן זיינע ליוטעראַנישע לאַנדסקנעכט זיך ניט אָפּגעזאָגט פונעם פאַרגעניגן צו פאַראומרייניקן די קאַטוילישע הייליקטימער. און טאַקע די פּאָליטישע אינטערעסן האָבן באַוועגט רישעליע זיך צו פאַראייניקן מיט די גערמאַנישע פּראָטעסטאַנטן, פּונקט ווי אַמאָל האָט דער פּאָליטישער אינטערעס באַוואויגן פראַנציסקן דעם 1טן זיך צו פאַרבינדן מיטן טערקישן סולטאַן קעגן די קריסטן און קאַטוילן.

דער אינטערעס פון נאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקייט קען, פון זיין זייט, פאַררוקן אויפן הינטערפּלאַן אָדער אינגאַנצן דערשטיקן די ריין־פּאָליטישע אינטערעסן, ווי דעם אינטערעס פון פּאָליטישער פרייהייט אָדער פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע, אָדער די קלאַסן־אינטערעסן. אין די געשעענישן, וואָס זיינען געקומען נאָך דער ווינער רעוואָלוציע פון 1848, האָט דער קאַמף פאַר די „נאַציאָנאַלע" אינטערעסן צווישן די סלאַוון, דייטשן און אונגאַרן — זייער גוט צוגעדינט דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע. נאָך דער נעאַפּאָליטאַנישער רעוואָלוציע פון 1860, האָט זיך גאַריבאַלדי אָפּגעזאָגט צוצוגעבן צום איטאַליענישן קיניגרייך די טעריטאָריע פון „ביידע סיציליעס", און ער האָט געהאַט בדעה איינצושטעלן דאָ אַ רעספּובליקאַנישן רעזשים; אָבער דער כמעט איינשטימיקער ווילן פון פאָלק האָט געצוואונגען דעם דיקטאַטאָר איבערצוגעבן די מאַכט אין רשות פון דער סאַוואָיען־דינאַסטיע, אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער איינהייט. די פאַראייניקונג פון גערמאַניע אונטערן סצעפּטער פון די האָהענצאָלערנס האָט אַ סך ביסמאַרקס פּאָליטישע קעגנער פאַרוואַנדלט אין זיינע חסידים. היינט וויפל האָבן די „נאַציאָנאַלע" געלוסטן און די „נאַציאָנאַלע" היפּוכים פון דער נייערער צייט געהאָלפן, און וויפל העלפן זיי נאָך אין היינטיקן טאָג — די מאָנאַרכיעס, די דיקטאַטאָרן, צעזאַריזמען און טאָטאַליטאַריזמען!

אין אַנדערע פאַלן ווידער האָבן די פּאָליטישע און קלאַסן־אינטערעסן דערשטיקט דעם פּאַטריאָטישן געפיל און די שטים פון נאַציאָנאַלן אינטערעס. די הערשנדיקע קלאַסן, די רעגירער און די פּאָליטישע פאַר־

טייען האָבן — סיי גאָר אַמאָל און סיי אין די לעצטע עפּאָכעס — אָפּט מקריב געווען די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט לטובת זייערע פּערזענ־לעכע אינטערעסן. אין די אַלט־גריכישע רעספּובליקעס האָט דער קלאַסן־קאַמף צווישן דעם רייכן קלאַס און די נידעריקע פֿאָלקס־קלאַסן געבראַכט צו דעם, אַז אין זייער זאָרג פֿאַרן איינהאַלטן זייער פּריווילעגירטע לאַגע — האָבן די רייכע געזוכט שוץ אין אויסלענדישער אינטערווענץ, בשעת די פֿאָלקס־פּאַרטיי האָט זיך גיכער געהאַלטן ביי דער „פּאַטריאָטישער" לי־ניע; און די אונטערשטע שורה פֿון אַט דער פּאָליטיק איז געווען: רוים האָט פֿאַרנומען גריכנלאַנד. אין די מיטל־אַלטערישע איטאַליענישע רע־פּובליקן האָט דער קאַמף פֿון די פּאָליטישע פּאַרטייען אָפּט געבראַכט צום אַרויסטרייבן אָדער צום אַנטלויפֿן פֿון די באַזיגטע; דערביי האָבן די פּאָ־ליטישע עמיגראַנטן אָפּט אויסגעפֿועלט די אינטערווענץ פֿון די אויסלענ־דער פֿאַר זייער פֿאָטערלאַנד, פֿאַר די מאָנאַרכן און טיראַנען, און דאָס פֿלעגט פֿון מאָל צו מאָל פֿירן צום אונטערגאַנג פֿון דער אָדער אַנדערער רעספּוב־ליקע אָדער גאָר צום פֿאַרלירן די אומאָפּהענגיקייט פֿונעם פֿאָטערלאַנד. מאַקיאַוועלי האָט איטאַליעס שוואַכקייט און צעשפּאָלטנקייט דערקלערט מיט דער עגאָאיסטישער פּאָליטיק פֿון די פּויפּסטן, וואָס זייער וועלטלעכע מאַכט איז ניט געווען גענוג שטאַרק אויף אונטערצואוואַרפֿן איטאַליע אונ־טער זייער מאַכט, און ניט גענוג שוואַך אויף צו דערלויבן דאָס אַנדערע. די נצחונות פֿון פֿראַנצויזישן געווער אין אַלזשיר בעת דער הערשאַפֿט פֿון קאַרל דעם 10טן האָבן דער אָפּאָזיציע ניט געשאַפֿן קיין פֿאַרגעניגן, ווייל זי האָט מורא געהאַט, דער פּרעסטיזש פֿון דער רעאַקציאָנערער רעגירונג זאָל זיך צוליב דעם ניט הייבן. איינער פֿון די פֿירער פֿון דער ליבעראַלער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין גערמאַניע, אינעם ערשטן דריטל פֿון 19טן י"ה, דער היסטאָריקער ראָטעק, האָט געהאַלטן, אַז אין פֿאַל פֿון אַ מלחמה צווישן קאָנסטיטוציאָנעלן פֿראַנקרייך און די גערמאַ־נישע אַבסאָלוטיסטישע רעגירונגען, באַדאַרף יעדער פֿרייהייט־ליבנדיקער דייטש שטיין אויפֿן צד פֿון פֿראַנקרייך. אין דער תקופֿה פֿון דער דרי־טער אימפּעריע, בעת לואי נאַפּאָלעאָן, האָט דער פֿראַנצויזישער רעפּובלי־קאַנער עוזשען פּעלטאַן געהאַלטן, אַז עס איז גאָרניט אַזוי שלעכט צו קויפֿן דעם רעפּובליקאַנישן ווידערגעבורט פֿון פֿראַנקרייך פֿאַרן פּרייז פֿון דער מפּלה פֿון די באָנאַפּאַרטיסטישע חיילות. פֿאַר די רוסישע רעוואָ־לוציאָנערן איז אַלע מאָל, בעת די אויסערלעכע מלחמות פֿון דער צאַרישער מאַכט, געשטאַנען די טראַגישע פּראָבלעם, וואָס האָט געשטאַמט פֿון זייער מורא, אַז אין פֿאַל פֿון נצחונות פֿון דער רוסישער אַרמיי זאָל זיך דער צאַרישער רעזשים ניט פֿאַרשטאַרקן.

פּאָליטישע סאָלידאַרישקייט און קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, פּאָליטישער אַנטאַגאָניזם און קלאַסן־סאָלידאַרישקייט קענען זיין קעגנזייטיק אָפּאָזיציאָנעל, און קענען אין אַ געוויסער מאָס זיך נייטראַליזירן. די רוימישע פּראָלעטאַריער און די רוימישע אַריסטאָקראַטיע זיינען געווען געבונדן מיט איין געמיינזאַמען אינטערעס צו דריקן די „פּאַרבינדעטע"*) און די אונטערטאַנען. מיט דעם דערקלערן זיך געוויסע ווידערשפּרוכן און אומקאָנסעקווענצן אין דער פּאָליטיק פון גאַי גראַקך, בפרט לגבי די ניט־בירגער. גאַי גראַקך און דרוז האָבן פאַרלוירן זייער גוטן נאָמען, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאָרגעלייגט אויסצוברייטערן די פּאָליטישע רעכט פון רוימס פאַרבינדעטע, ווייל דאָס האָבן ניט געוואָלט ניט די אַריסטאָקראַטיע, ניט דער פּלעבס. דאָס גאַנצע רוימישע פאָלק אָן אונטערשיד פון קלאַסן — אַחוץ אייניקע פּאָליטיקער־אידעאָלאָגן — האָט באַטראַכט זיינע פּאָליטישע פּריווילעגיעס ווי אַ מאָנאָפּאָל, וועלכן עס דאַרף מיט קיינעם ניט טיילן.

די אָדער אַנדערע קלאַסן און שיכטן פון דער באַפעלקערונג קענען זיך צוזאַמענלעבן און צופּאַסן צום פּאָליטישן דעספּאָטיזם ובכלל צו יעטוועדער פּאָליטישער סיסטעם, ביי איין באַדינג: די פּאָליטישע מאַכט זאָל זיי פאַרזיכערן די באַפרידיקונג פון אַ באַשטימטן אינטערעס — פּראָפעסיאָנעלן, גרופּן־ אָדער קלאַסן־אינטערעס. דער רוימישער פּאַראַזיטישער פּראָלעטאַריאַט איז געווען צופרידן מיטן אימפּעראַטאָרישן רעזשים, וואָס האָט אים פאַרשאַפט „ברויט און שוישפּילן". די מוניציפּאַלע בורזשואַזיע אין פראַנקרייך האָט שלום געמאַכט מיטן ווילקיר פון דער קיניגלעכער מאַכט — וועלכע איז סוף־כל־סוף פאַר איר געווען ווייניקער געפערלעך איידער דער פעאָדאַלער יאָך, פון וועלכן זי האָט געקענט געפינען שוץ ביי די קיניגן. אין דער תקופה פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן די קאָנסערוואַטיווע כוחות געפונען אָן אָנשפּאַר ניט נאָר ביי אַ טייל בורזשואַזיע, וועלכע איז געווען באַשעפטיקט ביי די מלאכות, וואָס האָבן פּאָבריצירט לוקסוס־אַרטיקלען, און וואָס האָט געהאַנדלט מיט זיי, ניט נאָר צווישן די צושטעלער פון הויף און פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע, נאָר אויך ביי אַ טייל אַרבעטער, נעמלעך ביי יענע, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער העכערער געזעלשאַפט און איצט געמוזט — צוליב דער עמיגראַציע און קאָנפיסקאַציעס — ליידן פון אַרבעטלאָזיקייט און פון דער פּרייזן־ירידה. אין אַ סך פאַלן האָט די מאָנאַרכיע צו פאַרדאַנקען איר פּאָפּולערקייט דעם אומשטאַנד, וואָס מען האָט זי געווינלעך באַטראַכט ווי אַ רעזשים, וואָס שטייט איבער די קלאַסן און פאַרטיידיקט די שוואַכע קעגן די שטאַרקע,

*) פעלקער און געמיינדעס, וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון רוים.

די אונטערדריקטע קעגן די אונטערדריקער. דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, פאַרוואָס אַ גרויסע מערהייט אַקטיווע מענער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן צום אָנפאַנג אויפריכטיק זיך אַרויס־געזאָגט קעגן די רעפובליקאַנישע אידעען. דאָס איז אויך די סיבה, פאַר־וואָס מען אַסאָציאירט אָפט דעם אויפגעקלערטן דעספאָטיזם און די „סאָ־ציאַלע מאָנאַרכיע" מיט דער אידעע פון פאָלקס־ליבשאַפט.

## 2

ווען יחידים, וואָס געהערן צו אַ באַשטימטער סאָציאַלער גרופּע, זיינען ניט נאָר אַליין קרבנות פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, נאָר זיי פון זייער זייט אונטערדריקן און עקספּלואַטירן יחידים פון אַן אַנדע־רער, נידעריקער שטייענדיקער גרופּע; ווען, זייענדיק אַליין אונטערגע־אָרדנט, הערשן זיי פון זייער זייט איבער אַנדערע, — דעמאָלט ווייזט זיך זיי אויס, אַז די אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע, הערשאַפט און די פּראַ־זיטישע פּריווילעגיעס — דאָס איז אַלץ אַ נאַטירלעכע אַלגעמיינע דערשיי־נונג, וואָס איז אומפאַרמיידלעך נויטיק, און ביי געוויסע קאָניונקטורן טוט עס אַפילו גוטס.

אין אַ געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט פון גרופּעס און שיכטן, וועלכע דערהייבן זיך איינע איבער די אַנדערע, פון פונדאַמענט ביזן שפּיץ אין אַ פּיראַמידאַלער פאָרעם, — פאַרטונקלט דער רעלאַטיווער כאַראַקטער פון די אַנטאַגאָניזמען דעם באַוואוסטזיין, ער צעשיידט און טיילט פונאַנדער די כוחות, ער שטערט דער מעגלעכקייט און דעם דערפאָלג אין קאַמף קעגן דער היעראַרכיע אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן.

אַזאַ פּיראַמידאַלע היעראַרכיע זעען מיר ביי דעם קאַסטן־רעזשים פון אינדיע. מיר זעען דאָ אַ לייטער פון אַבסאָלוט געשלאָסענע קאַסטעס, וואָס שטייען איינע העכער איבער דער אַנדערער, דערביי געפינען זיך גאַנצע קאַטעגאָריעס פון דער באַפעלקערונג אונטער די דאָזיקע קאַסטעס און אויסער זיי; מיר זעען אין די קאַסטעס גופא אַ גראַדאַציע פון העכערס צו נידעריקס, ווי למשל אין דער קאַסטע פּאַריער.

אויך די אַנטיקע געזעלשאַפט איז געווען געבויט אויפן פּרינציפּ פון אַ פּיראַמידאַלער היעראַרכיע פון קלאַסן און גרופּעס. אין דער רעפּוב־ליק־תקופה איז די רוימישע געזעלשאַפט באַשטאַנען פון פּאַטריציער, פּלעבס, „פאַרבינדעטע", אונטערטאַנען, פרייגעלאָזענע, שקלאַפן. יעדע פון אָט די קאַטעגאָריעס האָט זיך, פון איר זייט, געטיילט אויף שיכטן, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ מער אָדער ווייניקער העכערע, אַ מער אָדער ווייניקער נידעריקערע פּאָזיציע, צוגעפּאַסט צום רייכקייט, צו די פּאָלי־

טישע רעכט, צום סאָציאַלן ראַנג. די רייכע פּלעבעאישע פאַמיליעס זיינען געשטאַנען צום פּאַטריציאַט נעענטער, איידער זייערע אָרעמע מיטשטאַנד־לער. צווישן די „פאַרבינדעטע" ניט־בירגער האָבן אַ פּריווילעגירטע לאַגע געהאַט יענע, וועמען מען האָט געשאָנקען דאָס „לאַטײַנישע רעכט"; נאָך זיי זיינען געגאַנגען די פאַרבינדעטע מיט „איטאַלישן רעכט". אין דער אימפּעריע־תקופה האָט זיך געשאַפן אַ נייע היעראַרכיע, וואָס איז געגאַנגען פון אויבן אַראָפּ: דער שפּיץ איז געווען די אימפּעראַטאָרישע מאַכט; דערנאָך — די פאַרשידענע שטאַפּלען ביוראָקראַטיע, העכערע פּריווילעגירטע שטאַנדן, און די קאָרפּוסן פון דער אַרמיי און סענאַטאָרן; נאָך ווייטער — די גייסטלעכע, ביז אַראָפּ צו די קוריאַלן, צו די בעלי־מלאָכות, וואָס זיינען געווען צוגעפעסטיקט צו זייערע צעכן; און נאָך ני־דעריקער — די פרייגעלאָזענע, די קאָלאָנען און די שקלאַפן. אָבער אויך צווישן די פרייגעלאָזענע און שקלאַפן האָט עקסיסטירט אַ באַזונדערע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז געשטאַנען העכער פונעם מיטל־המון, און נידעריקער פאַר איר זיינען געווען — די פּאַריער פון שקלאַפנטום.

די פרייגעלאָזענע פון די אימפּעראַטאָרן האָבן אָפט פאַרנומען די שטעלן פון מיניסטאָרן, און די אַריסטאָקראַטיע האָט זיי נאָכגעטאַנצט. אָבער שוין אין דער רעפּובליקאַנישער תקופה פלעגן די פרייגעלאָזענע פון איינפלוסרייכע און מעכטיקע פּערזענלעכקייטן אַליין האָבן אַ גרויסן איינפלוס און מאַכט. ווען ציצעראָ האָט אין דער יוגנט גענומען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון איינעם אַ ראָסציוס, וועלכער איז געווען אַ קרבן פון די פאַרפאָלגונגען מצד סוללעס פרייגעלאָזענעם כריזאָגאָן, — האָבן אַלע אין דעם געזען אַן אַקט פון בירגערלעכן מוט פון ציצעראָס זייט. פּלוטאַרך דערציילט, אַז די שטאָט אַנטיאָכיע האָט איינ־געאָרדנט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים דעמעטריען, פּאָמפּעאוסעס אַ פריי־געלאָזענעם; קאַטאָ האָט אין שייכות מיט דעם אויסגערופן: „אומגליקלעכע שטאָט!".

אינעם קלאַס שקלאַפן האָבן פון אַ פּריווילעגירטער לאַגע גענאָסן די מלוכהשע אָדער די געזעלשאַפטלעכע שקלאַפן. אין אַ רוימישער ווילע, אין אַ גרויס הויז, האָט געקענט עקסיסטירן אַ קאָמפּליצירטע היעראַרכיע, וואָס האָט רעגולירט די סובאָרדינאַציע פון די נידעריקע שקלאַפן אונטער די העכערע פון דער מיטעלער קאַטעגאָריע, און פון די מיטעלע אונטער די גאָר העכערע שקלאַפן, וואָס זיי האָט מען אָנגעטרויט די פּאָסטנס פון אינטענדאַנטן אינעם הויז, אין דער ווילע אָדער אין אַ באַזונדער דעפּאַרט־מענט. לויט די ווערטער פון סאַלוויאַנוס האָבן די נידעריקערע שקלאַפן געציטערט פאַר זייערע העכערע שעפן, אויך שקלאַפן, וועלכע פלעגן זיך באַגיין מיט זיי ערגער ווי זייער גרויזאַם. און מערקווירדיק, דער דאָזיקער פאַר־

וואַלטער־שקלאַף האָט קאָמאַנדירט ניט נאָר איבער די שקלאַפן, נאָר אויך איבער די אַרענדאַטאָרס, די פֿרייע קאָלאָנען; הייסט עס, אין אַ געוויסער מאָס האָט ער זיך אויפֿגעהויבן העכער פֿאַר דער לאַגע פֿון אַט די פֿרייע פּויערים.

אָבער אין דער אַנטיקער וועלט פֿלעגן די שקלאַפֿן אָפּט נאָך פֿאַר־מאָגן זייערע אייגענע שקלאַפֿן, דאָס מיינט שקלאַפֿן פֿון שקלאַפֿן. אין גריכנלאַנד פֿלעגן די קורטיזאַנקעס־שקלאַפֿנס זיך אַליין איינהאַנדלען שקלאַפֿנס אויף צו עקספּלואַטירן זייער פּראָסטיטוציע. אין רוים האָט מען די שקלאַפֿן פֿון די שקלאַפֿן גערופֿן „וויקאַריאַי" (vicarii); דאָס איז געווען די סאַמע לעצטע מדרגה פֿון שקלאַפֿישקייט. די שקלאַפֿן־בעל־הבתים האָבן געמעגט באַפֿרייען זייערע אייגענע שקלאַפֿן און אַזוי אַרום שאַפֿן פֿרייע מענטשן, אַליין פֿאַרבלייבנדיק שקלאַפֿן. דער כּלל שקלאַפֿן אין אַ הויז האָט, בכן, געקענט פֿאָרשטעלן אַ היעראַרכיע פֿון אַלע מדרגות אומגלייכקייט. „אין איין משפּחה, שרייבט וואַלאָן, האָט מען אַמאָל געקענט טרעפֿן אַלע שטופֿעס, וואָס האָבן געבילדעט די היעראַרכיע אין דער מלוכה. די דינערשאַפֿט אין אַ גרויס הויז . . . האָט געהאַט איר פּריווילעגירטן קלאַס אין די פֿאַרוואַלטערס און אין זייערע נאָענטע גע־הילפֿן, איר מיטעלן קלאַס — אין די שעפֿן פֿון דער הויז־דינערשאַפֿט און אין די צענער־אָנפֿירער, איר אַרבעטער־קלאַס — אין די הויז־ און פֿעלד־אַרבעטער, און אַפֿילו אַ נידעריקערן שקלאַפֿן־קלאַס אין די דאָזיקע וויקאַ־ריער, וועלכע מען פֿלעגט שענקען די גאָר העכערע שקלאַפֿן, כּדי אַזוי אַרום צו פֿאַרמאָסקירן זייער שקלאַפֿערישקייט מיט זייער כּלומרשטער הערשאַפֿט".

דער מיטלאַלטערלעכער פֿעאָדאַלער רעזשים לאָזט זיך אויך כאַראַק־טעריזירן מיט דער זעלבער אָפּהענגיקייט־היעראַרכיע פֿון די געזעלשאַפֿט־לעכע שיכטן, וועלכע האָבן זיך שטאַקנוויז געהויבן איינע איבער די אַנ־דערע; דאָ איז עס נאָך פֿאַרוויקלטער געווען מיט דעם, וואָס די מיטגלי־דער פֿון דער היעראַרכיע האָבן געקענט אין איין פּרט פֿאַרנעמען אַ גאָר הויכע לאַגע און אין אַ צווייטן פּרט — אַן אונטערגעאָרדנטע. די פֿעאָ־דאַלע געזעלשאַפֿט איז — פֿון די סאַמע העכסטע סיוזערענען ביז די לייב־אייגענע און שקלאַפֿן — געווען דורכגעדרונגען מיט דעם היעראַרכישן פּרינציפּ. ווי דער היסטאָריקער לודען האָט זיך אויסגעדריקט, זיינען די סעניאָרן אויף זייער אַרט אויך געווען לייב־אייגענע. די נידעריקערע קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג האָבן אָפּט פֿאַרגעשטעלט אַ טשעקאַוון ביי־שפּיל פֿון אַ מערקווירדיקער היעראַרכיע, באַזונדערס אין דער ערשטער העלפֿט מיטלאַלטער. אין פּרט פֿון טעריטאָריאַלן אייגנטום האָבן בכּלל צוויי פֿעאָדאַלע סעניאָרן זיך געקענט געפֿינען אין אַזאַ לאַגע, אַז איינער

האָט געקענט זיין ביים צווייטן אַ סיוזערען פאַר איין פיעף, *) און זיין וואַ־סאַל — פאַר אַ צווייטן פיעף. די קאַלאַנען האָבן געקענט האָבן און האָבן געהאַט זייערע אייגענע לייב־אייגענע. אין דער מעראָווינגען־תקופה פלעגן די קיניגן שענקען זייערע אייגענע שקלאַפן בענעפיציעס, און יענע פלעגן אַזוי אַרום באַקומען אין אייגנטום קאַלאַנען און שקלאַפן. דעם קיניגס און דער קירכס לייב־אייגענע זיינען געווען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע; און זיי פלעגן זי אויסנוצן אויף צו טאָן זייער רויב־אַרבעט. און וואָס איז שייך די שטעט, איז באַקאַנט, אַז אין דער צווייטער העלפט מיטלאַלטער האָט זיך אין זיי איינגעשטעלט אַ היעראַרכיע פון פּאַטריציער (אין די אי־טאַליענישע שטעט — אויך נאָבעלן) און פון אומפּריווילעגירטע בירגער, פון העכערע און נידעריקערע צעכן, פון מייסטערס, פּועלים און נידעריקע אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען אויסער די קאָרפּאָראַציעס און צו וועלכע די אַריסטאָקראַטיע פון די צעכן־אָרגאַניזירטע האַנטווערקער האָט זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג.

דער פּיראַמידאַלער כאַראַקטער פון דער אונטערדריקונג, עקספּלואַ־טאַציע און אומגלייכקייט שאַפט אַ מעכטיקן טאַרמאַז פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פון די באַוואוסטזיינס, פאַר דער פאַראייניקונג פון די כוחות ובכלל פאַר דער אַרבעט אויף צו באַפרייען די סאָציאַלע גרופּעס.

## 3

די רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט פון די אונטערדריקנדיקע און אונטער־דריקטע גרופּעס קען, ענדלעך, זיך שפּיגלען מיטן אָנערקענען דעם פאַקט, אַז די הערשערישע, פאַרקנעכטנדיקע און עקספּלואַטירנדיקע גרופּעס פירן אויס, אָדער עס דוכט זיך, אַז זיי פירן אויס געוויסע נוצלעכע סאָציאַלע פונקציעס. דער טייל קויפט אויס, אין אַ געוויסער מאָס, — אין די אויגן פון דער מאַסע — דאָס גאַנצע. דאָס איז כמו דער סימביאָז אין דער וועלט פון חיות און געוויקסן.

די סאַמע דעספּאָטישסטע רעגירונג פירט אויס פונקציעס פון אָרגאַ־ניזירן אין דער געזעלשאַפט — אָרדענונג און זיכערקייט, — אַפילו דע־מאָלט, ווען מיט איר ווילקיר ברעכט זי די עלעמענטאַרע פאָדערונגען פון רעכט און זיכערקייט. די מורא פאַר דער סכנה פון אַנאַרכיע האָט אָפט גע־דינט פאַר אַ שטיצע די רעזשימען פון רעכטלאָזיקייט קעגן די רעוואָלו־ציאָנערע ריכטונגען.

אויב די אמתע אָדער כלומרשטע פונקציעס פון די פּריווילעגירטע גרופּעס קענען באַרעכטיקן אין די אויגן פון דער מאַסע זייער פּריווילע־

*) אַ גוט, וואָס איז געגעבן פון פעאָדאַל דעם וואַסאַל אַלס שכר פאַר זיין דינסט, און כל־זמן זי האָט זיך געצויגן — איז דער גוט געווען זיינער.

גירטן מעמד, — איז אָבער אין מאָמענט, ווען די נוצלעכקייט פון די דאָזיקע פונקציעס לאָזט זיך אויס מיט גאָרניט, דעמאָלט פאַרלירט דער באַוואוסטזיין פון רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט זיין באָדן, און די געיאָגטע גרופּעס און קלאַסן הייבן שוין אָן אויפנעמען די פּריווילעגיעס פון די הערשנדיקע גרופּעס ווי אָן אומדערטרעגלעכע לאַסט. אַזוי האָט פּאַסירט מיט דער באַציאונג פון די פראַנצויזישע פאָלקס־מאַסן צו דער אַריסטאָקראַטיע, נאָכדעם ווי די קיניגלעכע מאַכט האָט ביי יענער אָוועקגענומען אַלע פעאָדאַלע פּרעראָגאַטיוון און אירע געריכטלעך־אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס. מיט דעם טאַקע דערקלערט טאָקוויל דעם כאַראַקטער פונעם רעוואָלוציאָנערן אויסברוך אין פראַנקרייך. אַזוי איז אויך געשען אין צאַרישן רוסלאַנד: די מאַכט פון די פּריצים איבער די לייב־אייגענע האָט אויפגעהערט אויסצוזען ביי די פּויערים ווי געזעצלעך, אין דעם מאָמענט ווען די פּריצים האָבן פאַרלוירן יורידיש און פּאַקטיש זייער כאַראַקטער פון אַ „מלוכהשן שטאַנד".

די סאָציאַלע כוחות פאַראייניקן זיך אָדער שפּאַלטן זיך אָפּהענגיק פון דעם, אין וואָס פאַר אַ מאָס די רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט פון די סאָציאַלע גרופּעס נעמט די אויבערהאַנט איבער זייער רעלאַטיוון אַנטאַגאָניזם, אויף וויפל עס קומט צום אויסדרוק אַ להיפּוכדיקער פּראָצעס.

אין אוראַלטן רוים, אין דער תקופה פון קאַמפן צווישן פּלעבס און פּאַטריציאַט, האָט אַ טייל פון די רייכע פּלעבעאישע פאַמיליעס זיך דערנענטערט צו די פּאַטריציער און זיך סאָלידאַריזירט מיט זיי אינעם קאַמף קעגן זייער אייגענעם קלאַס; אַ צווייטער טייל פון דער פּלעבעאישער אַריסטאָקראַטיע איז, פאַרקערט, געבליבן געטריי דעם פּלעבס־קלאַס.

נאָכדעם ווי די נאָרמאַנען האָבן איינגענומען ענגלאַנד, זיינען יענע אַנגלאָזאַקסן, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן מיטן כוח פון חניפה און קריכעריי צו דערגרייכן צו העכערע ראַנגען, געוואָרן די פאַרבינדעטע פון די שונאים פון זייער פאָלק, וועלכעס האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון די אָקופּאַנטן. צוריק גערעדט, האָבן די נאָרמאַנען־אָקופּאַנטן און די ענגלענדער, וואָס האָבן זיך אַקלימאַטיזירט אין אירלאַנד, זיך געפילט פאַר אירלענדער צוגלייך מיט דער הי־געבוירענער באַפעלקערונג פונעם אינדזל; און צוזאַמען מיט אַט דער באַפעלקערונג האָבן זיי פאַרטיידיקט אירלאַנדס אומאָפּהענגיקייט קעגן די ענגלענדער פון בריטאַניע, וועלכע האָבן געקוקט אויף זיי ווי אויף שונאים, וואָס אונטערשיידן זיך ביט מיט קיין זאַך פון די אמתע אירלענדער.

די רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט פון די סאָציאַלע גרופּעס האָט געהאָלפן — ווי מיר וועלן דאָס נאָך שפּעטער זען — עס זאָלן געבוירן ווערן אידעאָלאָגיעס, וועלכע האָבן סאַנקציאָנירט דאָס שלעכטס אין די סאָציאַלע

פאַרהעלטעניש. זי האָט אָפט נעגאַטיוו געווירקט אויפן חוש פון די געיאָגטע גרופּעס פאַר דער זאַך פון עמאַנסיפּאַציע. פאַרקערט, די רעלאַ־טיווע אַנטאַגאָניזמען האָבן אָפט געהאַט אַ פּעולה פאַר דער זאַך פון עמאַנ־סיפּאַציע.

דעם כּלל פון „הערש און צעטייל" האָבן די אונטערדריקונגס־כּוחות אָפט אָנגעווענדט — באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, — כּדי צו פאַר־כאַפּן און איינהאַלטן די מאַכט. דער זינען פונעם דאָזיקן כּלל באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל, פאַרשאַרפנדיק דעם רעלאַטיוון אַנטאַגאָניזם צווישן די אונטערדריקטע גרופּעס אַליין, פּאַראַליזירן דאָס מעגלעכע אַרויסווייזן זיך פון רעלאַטיוועו סאָלידאַרישקייט קעגן געמיינזאַמען שונא. אַזוי, האָט דער הערשנדיקער קלאַס אין ספּאַרטע אויף אַ קינסטלעכן אופן אונטער־געהאַלטן די שנאה און די קאָנפליקטן צווישן די העלאָטן און לאַקאָניער, *) כּדי צו שטערן, עס זאָל זיך צווישן זיי ניט שאַפן קיין קאָאַליציע. צוליב דעם זעלביקן מאָטיוו האָט פּלאַטאָן געעצהט, מען זאָל ניט האַלטן אין הויז קיין סך שקלאַפן פון איינער און דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט. ווען יול־יוס צעזאַר האָט פאַרנומען גאַליע, האָט ער אַ סך דערפאַלגן דערגרייכט מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגענוצט דעם קידער־ווידער צווישן די פעלקער און קלאַסן אין דער אָקופּירטער מדינה. די שפּאַנישע קאָנקוויסטאַדאָרן אין אַמעריקע האָבן פאַרשפּרייט האַס און קריגערייען צווישן די אינדיאַ־נער. גייענדיק מיט דעם זעלבן שטייגער, האָבן דער פראַנצויזישער אַבסאָ־לוטיזם ביזן 1789 און דער עסטרייכישער אימפּעראַטאָרישער אַבסאָלוטיזם ביזן 1848 — פּראַקטיקירט אַ פּאָליטיק פון שנאה און העצעריי צווישן די פאַרשידענע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג.

פּונקט אַזוי ווי די רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט פון די הערשערישע און באַהערשטע גרופּעס האָט געקענט העלפן, עס זאָל זיך איינהאַלטן דער רעזשים פון אונטערדריקונג, אַזוי האָבן, פאַרקערט, די רעלאַטיווע אַנטאַ־גאָניזמען צווישן די אונטערדריקנדיקע גרופּעס געקענט העלפן דער זאַך פון עמאַנסיפּאַציע. דער קאַמף צווישן די פּאַרטייען און די אויסערלעכע מלחמות האָבן אין דער אַנטיקער וועלט אָפט געהאַט אַ פּעולה פאַרן באַ־פרייאונגס־קאַמף פון די נידעריקערע קלאַסן אָדער פאַר דער פאַרלייכטע־רונג פון זייער לאַגע. די מלחמה צווישן דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט און די פּאָליטישע כּוחות פון איטאַליע אין 11טן י״ה, דער קאַמף אין אי־טאַליע גופא צווישן די העכערע און נידעריקערע באַראָנען, ווי אויך צווישן די פעאָדאַלע סעניאָרן און די שטאָטישע געמיינדעס, — אָט דער גאַנצער פאַרוויקלטער קאַמף האָט אין לעצטן סך־הכּל געהאָלפן דער באַפרייאונג

*) די פּריצים, וואָס האָבן געהאַלטן די העלאָטן אין לייב־אייגנטום.

פון די לייב־אייגענע און שקלאַפן. די קעגנזייטיקע קאָנקורענץ פון די פעאָדאַלע סעניאָרן האָט אָפט געפירט צו דעם, אַז די שטעט זאָלן באַקומען מוניציפאַלע פרייהייטן. דער קאַמף פון די פעאָדאַלע באַראָנען קעגן דער קיניגלעכער מאַכט אין ענגלאַנד האָט געשאַפן דעם קאָנסטיטוציאָנעלן רע־זשים אין לאַנד. די רעפאָרמאַציע האָט אין אייניקע לענדער מנצח געווען אַ דאַנק דעם, וואָס די פויפּסטלעכע און וועלטלעכע מאַכט האָבן זיך גע־שפּאָרט צווישן זיך, און אויך וואָס צווישן די וועלטלעכע מאַכטן גופא איז געווען אַ קאָנקורענץ. אויב די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז ניט דערשטיקט געוואָרן דורך אַן אויסלענדישער קאָאַליציע, האָט זי דאָס צו פאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס די אינטריגעס און דער קאָנקורענץ אין די אייראָפּעאישע הויפן. די דינאַסטישע מלחמות צווישן די פאַרשידענע פרעטענדענטן האָבן אין סך־הכל געבראַכט צו דעם, אַז אין שפּאַניע און פאָרטוגאַל איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעזשים. דער קאַמף צווישן די הערשנדיקע קלאַסן האָט — צווישן אַנדערע סיבות — געהאָלפן, עס זאָל אין ענגלאַנד איינגעפירט ווערן די אַרבעטער־געזעצ־געבונג.

דער רעלאַטיווער כאַראַקטער פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען — ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער — שפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי דער פּיל־באַרקייט פון פאַרשידענע גרופּעס לגבי דער זאַך פון דער עמאַנסיפּאַציע.

עס איז פאַראַן אַ געוויסע סאָלידאַרישקייט צווישן די געפּלאָגטע גרו־פּעס לגבי זייער געמיינזאַמען שונא, אָבער עס איז פאַראַן נאָך אַ סאָלי־דאַרישקייט — און נאָך אַ פעסטערע — צווישן די כוחות פון דער אונטער־דריקונג. אינעם גורל פון דער מענטשהייט האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט די קעגנזייטיקע אונטערשטיצונג צווישן דעם אָבסקוראַנטיזם און דער פאַרשקלאַפונג. געווינלעך, זיינען די פאַרשידענע פאָרמעס פון דעספּאָטיזם סאָלידאַריש. פּאָליטישער דעספּאָטיזם, רעליגיעזע פאַרשקלאַפונג, קלאַסן־אונטערדריקונג און פינסטערע אינסטינקטן פון נאַציאָנאַליסטישן און מלו־כהשן שאָוויניזם — די אַלע האָבן געערן איינער דעם אַנדערן דערלאַנגט די הענט, כדי אונטערצוכאַפּן דעם מענטשן מאַטעריעל און גייסטיק. אַזאַ קאָאַליציע אַנטפּלעקט זיך גאָר שטאַרק אין די תקופות פון פּאָליטישער רעאַקציע.

אָבער די פאַראייניקונג פון די כוחות און שטרעבונגען טרעפט אָן אויף אַ קעגנגעוויכט, פון איין פּאָליוס צום צווייטן. אין די צייטן פון קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע שווימט אַרויס אַ טענדענץ, וואָס איז געריכטעט צום פאַרברייטערן די אויפגאַבעס און פאָדערונגען — אין אָרדענונג פון סובאָרדינאַציע צום העכערן אידעאַל — אויסער די גרענעצן פון די פּריוואַטע פּראָבלעמען, וועלכע די באַוועגונג האָט אין געגעבענעם מאָ־

מענט אַרויסגערוקט. אין אַזעלכע עפּאָכעס קען וואַקסן דער באַוואוסט־זיין פון רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט ביי די אונטערדריקטע גרופּעס.

אַזעלכע באַוועגונגען פון מאַטעריעלע און פּסיכאָלאָגישע פאַרבינדונגען קומען צום אויסדרוק אין דער עוואָלוציע פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען.

# צווייטער בוך

## די עוואָלוציע פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען
## און פראָגרעס אין דער געשיכטע

# קאַפּיטל זיבן

## די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות

דער היסטאָרישער פּראָגרעס באַשטייט אין דעם, וואָס די מענטש־הייט ווערט באַרייכערט מיט מאַטעריעלע, מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע אוצרות, די געזעלשאַפט ווערט עמאַנסיפּירט פון די פאַרשיידענע פאָרמען אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט, און עס ווערן צוגעגרייט פאַר דער צוקונפט די מעגלעכקייטן אויפצוהייבן די געזעלשאַפט אויף אַ העכערער מדרגה. צוויי מאָמענטן האָבן אַ חלק אין אָט דעם פּראָגרעס: דער פּאָזיטיווער מאָמענט — די מאַטעריעלע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע באַרייכערונג פון דער מענטשהייט־קולטור, און פון די אַנטשפּרעכנדיקע מעגלעכקייטן; און דער נעגאַטיווער מאָמענט, וועלכער ווערט דערפירט צו דעם, אַז עס ווערן באַזייטיקט די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וואָס דריקן זיך אויס אין אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע, פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט, אָדער די אַנטאַגאָניזמען, וואָס פירן צו אָט דעם אַלעמען. מיט דער פּראָגרעס־אידעע איז, בכן, ענג פאַרבונדן די אידעע וועגן דער עוואָלוציע פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען.

ווען די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט וואָלט געגאַנגען כסדר און אָן איבעררייס מיט אַלע אָנגעוויזענע ריכטונגען פאָראויס, וואָלט די געשיכטע פון דער מענטשהייט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ באַוועגונג מיט דער ליניע פון פּערמאַנענטן פּראָגרעס. דאָס בילד פון דערווירקלעכער געשיכטע איז אָבער גאָרניט אַזאַ, זי איז ניט אַזוי פּשוט און זי איז גאָר ניט אַזוי פרייליך. די געשיכטע איז אָנגעפילט מיט מלחמות פון פאַרשידענע אינטערעסן. מיר האָבן פאַר זיך אַ כסדרדיקע עוואָלוציע פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וואָס אָט רופט זי אַרויס פּראָגרעס, אָט רעגרעס, אָט שטילשטאַנד. אפשר איז אָבער פאַראַן אין דער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע אַזאַ גרונט־מאָמענט, וואָס טוט איר כסדר באַוועגן פאָראויס, און דעקט־איף אויף אַ פּערמאַנענטן אופן דעם פּראָגרעס אינעם גורל פון דער מענטשהייט? און צי האַלט ניט אָט דער גרונט־מאָמענט אונטערגעוואָרפן אונטער דער נאַטור פון זיינע פאָדערונגען — די עצם עוואָלוציע פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, די פּראָגרעסיווע צי די רעגרעסיווע?

די מאַרקסיסטישע טעאָריע, אין אייניקע אירע אויסטייטשונגען, זעט אַזאַ מין מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות פון דער געזעלשאַפט: פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטס ווירט־שאַפטלעכע און פּראָדוצירנדיקע כוחות, וואָס גייט מיטן געזעץ וועגן פּראָ־גרעסיוון וואוקס פון די פּראָדוציר־כוחות און פּראָדוציר־מעגלעכקייטן, הענגען אָפּ די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און יורידישע פאַרהעלטענישן אי־נעווייניק אין דער געזעלשאַפט (די פאַרהעלטענישן פאַר זיך קענען זיין ניט אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון פּראָגרעס).

דעמאָלט שטעלן זיך אָבער אַזעלכע פראַגעס: צי איז באמת דער געזעץ וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות אַ פּערמאַנענטער געזעץ פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג? פון וועלכע פאַקטאָרן הענגט אָפּ די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטס פּראָדוציר־כוחות? צי שטעקן ניט אָט די פאַקטאָרן אין די זעלבע פּאָליטישע, יורידישע און עקאָנאָ־מישע פאַרהעלטענישן, וועלכע דער געזעץ פון אַנטוויקלונג איז באַרופן צו דערקלערן? צי איז דאָ ניט עפּעס אַ פאַרכישופטער קרייז? אומ־מיטלבאַר געזען, קומט דער דינאַמיזם פונעם היסטאָרישן פּראָצעס — אויס די אינטערעסן און מאָטיוון פון דער ווירקונג פון די אַנטאַגאָניסטישע סאָציאַלע גרופּעס; אָבער וויבאַלד אַזוי, צי קוקט ניט אויס די געגעבענע אַנטוויקלונגס־פאָרמולע פאַר די פּראָדוציר־כוחות ווי אַ מין מיסטישער געזעץ, וואָס האַלט אונטערגעוואָרפן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג אונ־טער דער ווירקונג פון געהיימע כוחות, וועלכע דאָמינירן אויף אַ סודות־דיקן אופן איבער די אימפּולסן, וואָס ווערן קלאָר דיקטירט דורכן אינ־טערעסן־קאָמפּלעקס פון די אַנטאַגאָניסטישע גרופּעס? אָט די אינטע־רעסן קענען דאָך אינגאַנצן ניט צונויפפאַלן אָדער אפילו קומען אין אַ סתירה מיטן „פּראָגראַם" פון דער פּראָווידענציעלער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטס פּראָדוציר־כוחות?

## 1

די געשיכטע דערציילט אונז, פריער פאַר אַלץ, אַז צווישן די פּאָ־ליטישע און קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען פון איין זייט, און צווישן דער אַנט־וויקלונג פון דער געזעלשאַפטס פּראָדוציר־כוחות פון דער אַנדערער זייט — עקסיסטירט ניט קיין מוז־צוזאַמענהאַנג לגבי די קאָנקרעטע פאָרמען פון די אַנטאַגאָניזמען. די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות ווערט דאָ באַשטימט דורך דער קאָנקרעטער פאָרעם פון די באַדינגונגען פאַר דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, טעכניק און קאָאָפּעראַציע אין דער סאָ־ציאַלער עקאָנאָמיע.

אויב שקלאַפעריי אַנטוויקלט זיך דער עיקר ביי די באַדנפעסטע און ערדאַרבעטערשע פעלקער, עקסיסטירט זי אָבער אויך ביי נאָמאַדן און פאַסטוכער־פעלקער. די סקיפן־נאָמאַדן האָבן געהאַט זייערע אייגענע שקלאַפן, זיי פלעגן זיי אויסשטעכן די אויגן, און יענע פלעגן פאַר זיי מעלקן די שקאַפעס. די נאַטורעלע ווירטשאַפט האָט פונקט אַזוי געוואוסט פונעם שקלאַפעריי־אינסטיטוט, אַזוי ווי די ווירטשאַפט, אין וועלכער עס האָט זיך פּראַקטיקירט האַנדל און אויסטויש. אין דער עפּאָכע ווען ער האָט נאָך אַליין געאַרבעט זעלבשטענדיק, פלעגט דער רוימישער פויער באַאַרבעטן די ערד צוזאַמען מיט עטלעכע שקלאַפן, וועלכע זיינען געווען זיין אייגנטום. די רוימישע עקאָנאָמיע האָט אין אַ געניגנדיקער מאָס איינגעהאַלטן איר נאַטורעלן כאַראַקטער אַפילו אין דער עפּאָכע פון די לאַטיפונדיעס, וועלכע פלעגן באַאַרבעט ווערן פון הונדערטער שקלאַפן. און וואָס נוגע דער אַרבעט פון די נעגערס אין די דרום־שטאַטן פון דער צפון־אַמעריקאַנישער פעדעראַציע, באַמערקט מאַרקס, אַז כל־זמן זי האָט בעיקר געדינט אויף צו באַפרידיקן די דירעקטע באַדערפעניש פון די שקלאַפן־אייגנטימער אַליין, האָט די נעגער־אַרבעט איינגעהאַלטן אַ גאַנץ פּאַטריאַרכאַלישן כאַראַקטער. פון דער אַנדערער זייט, האָט די שקלאַפן־אַרבעט אין אוראַלטער און די נעגער־אַרבעט אין דער עקאָנאָמיע פון דער נייער צייט — געדינט אויך פאַר אויסטויש־צילן. שקלאַפן האָבן געאַרבעט ניט נאָר אין לאַטיפונדיעס און פּלאַנטאַציעס. אין אַנטיקן גריכלאַנד האָבן די שקלאַפן געאַרבעט אויך אין וואַרשטאַטן און פאַבריקן. שקלאַפן האָט מען געניצט צו אַרבעט אין גריכנלאַנד, עגיפּטן, שפּאַניע און אין פאַרשיידענע רוימישע פּראָווינצן. שקלאַפן־אַרבעט האָט מען עקספּלואַטירט אין גרויסע און קליינע עקאָנאָמיעס, ביי די גרעבסטע און ביי די פּשוטסטע אַרבעטן, אין אַזעלכע וואו מען האָט אָנגעווענדט געוויסע מכשירים מיט אַ געוויסער אַרבעטס־טיילונג, אין ווירטשאַפן וואָס האָבן געדינט צום באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די באַלעבאַטים אַליין, און אויך אין ריין־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. פון דער אַנדערער זייט זיינען געווען פעלקער און שבטים, וואָס האָבן אינגאַנצן ניט געוואוסט פון קיין שקלאַפעריי, דערביי אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן דערגרייכט אַ פּאַזע פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און גרויסער אַרבעטס־טיילונג.

פון דעם איז צו זען, אַז עס ניטאָ קיין מוז־צוזאַמענהאַנג צווישן אַ געוויסער שטופע פון אַרבעטס־טיילונג, צווישן דעם כאַראַקטער פון קאָאָפּעראַציע, אָדער דער קאָנקרעטער פאָרעם פון פּראָדוקציע און אויסטויש פון איין זייט, און צווישן דעם אויפקום און איינהאַלט פון שקלאַפעריי פון דער אַנדערער זייט.

גייען מיר איצטער אַריבער צו דעם האַלב־פֿרייען צושטאַנד פֿון לײַב־אייגנשאַפֿט, — וועלן מיר קאָנסטאַטירן, אַז זי טרעפֿט זיך ביי פֿאַרשידענע פֿעלקער אויף די פֿאַרשידנסטע עטאַפּן פֿון באַרבאַרנטום און ציוויליזאַציע. אַ געוויסע פֿאָרעם פֿון לײַב־אייגנשאַפֿט האָט עקסיסטירט לגבי די באַצוואונגענע פֿעלקער אין ניי־זעלאַנד אין דער עפּאָכע, ווען מענטשנפֿרעסעריי איז נאָך ניט פֿאַרשוואונדן געוואָרן און ערד־אַרבעט איז נאָך ניט אַרויס פֿון איר בראשית־צושטאַנד. אויף די מאַרקיזן־אינזלען, וואו עס זיינען נאָך אַלץ ניט פֿאַרשוואונדן געוואָרן ענדגילטיק די טראַדיציעס פֿון קאַניבאַליזם, איז די באַפֿעלקערונג פֿאַרבליבן אין צושטאַנד פֿון לײַב־אייגנשאַפֿט־אָפּהענגיקייט מצד דער פֿירער־אַריסטאָקראַטיע, פֿאַר וועמען זי אַרבעט כסדר. אין אינדיע, אַ לאַנד פֿון הויכער ציוויליזאַציע, האָבן זיך פֿאַרשידענע פֿאָרמען פֿון לייבאייגנשאַפֿט לאַנג אייגעהאַלטן זייט ביי זייט מיט שקלאַפֿעריי אין אייגנטלעכן זינען. אין עגיפּטן איז די גאַנצע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַפֿעלקערונג, סיי בעת די פֿרעהס און סיי בעת די פּטאָלאָמעער, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מין קלאַס לייבאייגענע פֿונעם קיניג; זי האָט געאַרבעט פֿאַר דער מלוכה און געלעבט נאָר מיט די ברעקלעך, וואָס דער קיניג האָט איר צוגעוואָרפֿן פֿאַר איר באַשפּייזונג. דער דאָזיקער רעזשים איז געבליבן אומבאַרירט אויך בעת דער רוימישער הערשאַפֿט. די פֿאַרפֿליכטונגען, וואָס עס האָבן געמוזט אויספֿירן אין עגיפּטן פֿאַר דער מלוכה אַלע האַנטווערקער און בכלל יחידים, וואָס האָבן באַלאַנגט צום פּראָדוציר־קלאַס, האָבן זיי אין אַ געוויסן אופֿן אַוועקגעשטעלט אויף דער זעלבער מדרגה, ווי די לייבאייגענע ערד־אַרבעטערשע באַפֿעלקערונג. די קאָלאָסאַלע עגיפּטישע בנינים זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרן ניט נאָר מיט דער פֿראַצע פֿון די געפֿאַנגענע, נאָר אויך פֿון די האַלב־פֿרייע אונטערטאַנען. אַ געוויסע אַנאַלאָגיע מיט אָט דעם צושטאַנד פֿון דער עגיפּטישער מלוכהשער לייבאייגנשאַפֿט האָבן די אייראָפּייער אַנטדעקט אין פּערו, בעת דער הערשאַפֿט פֿון די אינקען, וואו דאָס גאַנצע ווירטשאַפֿטלעכע לעבן איז געווען אונטער אַ שטרענגער רעגלאַמענטאַציע. פּונקט אין אַזאַ מצב פֿון מלוכהשער לייבאייגנשאַפֿט האָט זיך געפֿונען אויך די באַפֿעלקערונג פֿון דער אַנטיקער פּערסיע און פֿון אַנדערע מזרחישע דעספּאָטישע מלוכות. לײַב־אייגנשאַפֿט טרעפֿן מיר אויך ביי די נאָמאַדן־מאָנגאָלן און ביי די בערבערישע פּאַסטוכער־שבטים. לײַב־אייגנשאַפֿט האָט אויך עקסיסטירט אין אוראַלטן גריכנלאַנד, אין פֿאַרשידענע תקופֿות פֿון איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג: די העלאָטן אין לאַקאָניע, די פּענעסטן אין פּעסאַליע, די באַצוואונגענע שבטים אויפֿן אינזל קריט. די לאַגע פֿון די מאַסן, וואָס די גערמאַנער האָבן אונטעריאָכט, איז געווען נעענטער צו לייבאייגשאַפֿט איידער צו שקלאַפֿעריי. די רוימישע קאָלאָנען, וועלכע

זיינען דורכן געזעץ געווען צוגעפעסטיקט צו דער ערד, זיינען געווען לייב־אייגענע.

אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער ווערט דאָס לייבאייגנטום פאַרשוואונדן אָדער איינגעהאַלטן אָן קיין שום אויגנשיינלעכער שייכות מיטן גראַד עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד. פון דער אַנדערער זייט, טרעפן מיר, אַז שקלאַפעריי, לייב־אייגנשאַפט און פרייע אַרבעט ווירקן אָפט מיט אין אַזעלכע פּראָפּאָרציעס, אַז עס איז שווער צו באַשטימען, וועלכע אַרבעט־פאָרעם זאָל מען האַלטן פאַר דער הערשנדיקער. אַזעלכע פאַרבינדונגען טרעפן מיר אין כינע, אינדיע, עגיפּטן, אין אַ ריי אַזיאַ־טישע לענדער, אין מעקסיקע ביז קאָלאָמבוסן, אין פּאָלינעזיע, אין צענ־טראַל־אַפריקע.

אפילו אין דער אַנטיקער וועלט, אין גריכנלאַנד און רוים, אין יענער תקופה ווען דער שקלאַפן־אינסטיטוט האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פונקט פון זיין אַנטוויקלונג, זיינען די פרייע אַרבעטער — צי אין אַ אומ־אָפּהענגיקן צי אין אַן אָפּהענגיקן צושטאַנד — שטענדיק געווען אין אַ גאָר היפּשער צאָל. די נייעסטע אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז עס איז פאַלש די באַהויפּטונג, אַז די שקלאַפן־אַרבעט האָט כלומרשט אָוועקגע־הרגעט אין דער אַנטיקער וועלט די פרייע אַרבעט. לויט עד. מייערן, זיי־נען שקלאַפעריי און פרייע אַרבעט בײדע באַגלייך אוראַלט; דער „קאַפּי־טאַל" באַדאַרף נאָר האָבן באַקוועמע און ביליקע אַרבעט, די יורידישע פאָרעם פון דער אַרבעט שפּילט אַ צווייט־ראַנגיקע ראָלע. לויט עד. מײ־ערן, איז די צאָל שקלאַפן אין גריכנלאַנד שטענדיק געווען נידעריקער איידער די צאָל פרייע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי האַנטווערק און מסחר. צו פרייער אַרבעט האָט מען געהאַט גרויס דרך־ארץ; פון אויבן אַראָפּ האָט מען זי טרעטירט נאָר ביי דער אַריסטאָקראַ־טיע און פּלוטאָקראַטיע, — זיי האָבן בלויז זייער מיינונג אויסגעדריקט מיט מער אָפנהאַרציקייט, איידער דאָס ווערט היינט געטאָן. ענלעכע גע־דאַנקען זאָגט אויך אַרויס דער היסטאָריקער פּאָל גיראָ. לויט אים קומט אויס, אַז אין דער אַנטיקער וועלט האָט קליין־ און מיטל־לאַנדאייגנטום געהאַט די אויבערהאַנט, און דריי־פערטל פון דער צאָל בירגער זיינען געווען ערד־אייגנטימער. אַפילו ביי דער הויז־באַדינונג האָט פרייע אַרבעט קאָנקורירט מיט דער שקלאַפערישער, און די אַטענערינס פלעגן זיך פאַרדינגען פאַר דינסטן אין די רייכע הייזער. אויך טשיקאָטי באַ־שטייט אויף דעם, אַז די אַנטוויקלונג פון פרייער אַרבעט האָט אין אור־אַלטער געהאַט אַ וויכטיקן באַטייט.

גריוס אין צאָל איז אויך געווען דער קלאַס פרייע אַרבעטער אין אוראַלטן רוים (גיזאָ און וואַללאָן). אינעם לעצטן פּעריאָד פון דער רוי־

מישער אימפעריע זיינען אויך געווען צאָלרייכע האַנטווערקער, — זיי האָבן געאַרבעט אויף זייער אייגענעם חשבון אָדער אין וואַרשטאַטן ביי באַלעבאַטים; עס איז אויך געווען אַ גרויסע צאָל געדונגענע לאַנד־אַר־בעטער. דער צאָלרייכער קלאַס פון פרייע קאָלאָנען, וועלכע זיינען שפּע־טער צוגעפעסטיקט געוואָרן צו דער ערד, איז באַשטאַנען פון קליינע אַרענדאַטאָרס, וואָס האָבן דורך אייגענער פּראַצע באַאַרבעט די חלקים אָפּגעדונגענע ערד, און זיי האָבן דעם ערד־אייגנטימער דערפאַר געצאָלט מיט אַ באַשטימטער צאָל פּראָדוקטן, אָדער מיט אַ באַשטימטן חלק פונעם גערעטעניש; זיי האָבן אויך געמעגט אויסצאָלן אַ טייל אַרענדע מיט זייער פּערזענלעכער פּראַצע. הייסטערבערק, פּיוסטעל דע קולאַנזש, סאַל־וויאָלי שטעלן פעסט, אַז עס איז איבערגעטריבן די אידעע וועגן דער שטאַרקער פאַרשפּרייטקייט פון לאַטיפונדיעס אין איטאַליע און וועגן זייער איינפלוס אויפן גורל פון דער ערדאַרבעט און פון די ערדאַרבעטער אין אוראַלטער; זיי באַווייזן, אַז אין איטאַליע איז גלייכצייטיק געווען אַ צאָלרייכער קלאַס קליינע ערד־אייגנטימער. — אין אַמעריקע האָט אויך שקלאַפעריי עקסיסטירט צוגלייך מיט פרייער אַרבעט.

עס עקסיסטירט ניט, בכן, קיין קאָנקרעטע פאָרעם פון קלאַסן־סור־באָרדינאַציע, וואָס זאָל פונקט אַנטשפּרעכן דער באַשטימטער שטופע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. עס איז ניט פאַראַנען קיין פּשוטער און איין־אַרטיקער געזעץ פון עוואָלוציע. בפרט איז פאַלש די פאַרשטעלונג, אַז די ערשטע פאָרעם פון עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש ווערט געבוירן אין אַספּעקט פון קאַניבאַליזם, אַז נאָכן לעצטן קומט די פאַר־ניכטונג פון די געפאַנגענע, שפּעטער אַנטשטייט די פאַזע פון שקלאַפעריי, און די שקלאַפעריי ווערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרוואַנדלט אין לייב־אייגנשאַפט, וועלכע עוואָלוציאָנירט צוביסלעכוויז צו אַ צושטאַנד פון פרייער פּערזענלעכער אַרבעט. עס זיינען פאַראַן פּרימיטיווע שבטים, וואָס וויסן ניט ניט פון קאַניבאַליזם, ניט פון שקלאַפעריי, אַלע שווערע אַרבעטן פירן דאָ גאָר אויס די פרויען. דאָרט וואו קאַניבאַליזם עקסיס־טירט, איז ער כמעט שטענדיק פאַרבונדן מיט דער שרעקלעכער אונטער־יאָכונג פון דער פרוי. לייב־אייגנטום איז אָפּט אויפגעקומען אָן דער אַפריערדיקער פאַזע פון שקלאַפעריי. די אוראַלטע גערמאַנער האָבן ניט פאַרמאָגט קיין שקלאַפן, אָבער ביי זיי האָט עקסיסטירט אַ קלאַס לייב־אייגענע אַרבעטער, וואָס האָט באַאַרבעט די ערד און געדאַרפט צושטעלן זייערע באַלעבאַטים אַ געוויסן סכום פּראָדוקטן.

די געשיכטע ווייסט ניט פון קיין געזעץ, לויט וועלכן יעדער גע־זעלשאַפט מוז — אין איר אַנטוויקלונג — דורכגיין פאַרשידענע באַשטימ־טע פאָרמען פון קלאַסן־הערשאַפט, אָדער אַז די פאַרשידענע קאָנקרעטע

פאַרמען פון קלאַסן־הערשאַפט מאַכן פלאַץ איינע פאַר דער צווייטער אין אַ געוויסער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג. צווישן אַ באַשטימטער אַנטוויקלונגס־שטופע פון די פּראָדוציר־כוחות און אַ באַשטימטער פאַרעם פון קלאַסן־הערשאַפט איז ניט פאַראַן קיין שום מוז־צוזאַמענהאַנג. פאַראַלעל מיט דעם, איז אויך ניט פאַראַן קיין מוז־צוזאַמענהאַנג צווישן אַ באַשטימטער שטופע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אַ באַשטימטער פאַרעם פון פּאָליטישער סטרוקטור אין דער געזעלשאַפט. פון דעם איז געדרונגען, אַז ניט דער צושטאַנד פון די פּראָדוציר־כוחות און די אַנטוויקלונגס־פּאַדערונגען, וואָס ווערן דורך אים דיקטירט — ניט זיי און נאָר זיי — זעצן פאַראויס די פּאָליטישע און קלאַסן־פאַרהעלטענישן. דאָ קענען עקסיסטירן אַנדערע סיבות, מיט וועלכע עס לאָזן זיך דערקלערן די היסטאָרישע ניט־אַנגעמאָסטנקייטן.

## 2

אפשר לאָזט זיך גאָר די פאַקטן פון אָט די ניט־אַנגעמאָסטנקייטן דערקלערן אין דעם זינען, אַז אין יענע פאַלן, ווען עס אַנטשטייט אַ ניט־צוגעפּאַסטקייט צווישן די אַנטוויקלונגס־פּאַדערונגען פון די פּראָדוציר־כוחות און די עקסיסטירנדיקע פּאָליטישע און קלאַסן־פאַרהעלטענישן, — דעמאָלט טרעטן די לעצטע אָפּ זייער פּלאַץ אַנדערע פּאָליטישע און קלאַסן־פאַרהעלטענישן, וועלכע זיינען יאָ גינסטיק פאַרן אַנטוויקלונגס־פּראָגרעס פון די פּראָדוציר־כוחות?

וואָלט מען אויף דער פראַגע געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, — וואָלט מען דעמאָלט געמוזט צוגעבן, אַז יעדע וויפל ניט איז סטאַבילע פאַרעם פון סאָציאַלע פאַרהעלטענישן — פּאָליטישע, יורידישע, קלאַסן־פאַרהעלטענישן — איז לכל הפחות במשך אַ געוויסער צייט געווען אַ פּראָגרעס לגבי דעם ביז־אַהעריקן צושטאַנד, און זי האָט אין סך־הכל מיטגעבראַכט אַן אַנטוויקלונג אין די פּראָדוציר־כוחות פון דער געזעלשאַפט און אין די מעגלעכקייטן וואָס זיינען פאַרבינדן מיט דעם.

די פאַלשקייט פון אַזאַ באַהויפּטונג ווערט באַשיינפּערלעך קלאָר, ווען מיר באַטראַכטן דעם ווייטערדיקן גרונט־פאַקט: די געשיכטע זאָגט עדות ניט נאָר וועגן דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט ובפרט פון די פּראָדוציר־כוחות, נאָר אויך וועגן רעגרעסיווע באַוועגונגען, וועגן ירידה פון דער געזעלשאַפט, וועגן דעגראַדאַציע פון די פּראָדוציר־כוחות. ביי געוויסע קאָניונקטורן, הייסט עס, איז די געזעלשאַפט ניט אימשטאַנד צו קעמפן קעגן איר אייגענער רעגרעוויסער עוואָלוציע און קעגן דער ירידה פון אירע פּראָדוציר־כוחות.

ווי זעט אויס בכלל דער קוואַל פון פּראָגרעס אין סאָציאַלן לעבן און באַזונדערס דער פּראָגרעס אין דער פאַרמערונג פון די פּראָדוציר־כוחות און אין דער באַפרידיקונג פון דער געזעלשאַפטס מאַטעריעלע בויטן? ווי עס האָט שוין באַמערקט טיורגאָ, באַשטייט דער דאָזיקער קוואַל אין דעם, וואָס די מענטשן פאַרגרעסערן די אוצרות פון זייערע קענטענישן, פון זייערע דערפאַרונגס־דערגרייכונגען, פעאיקייטן, מאַטעריעלע און גייס־טיקע גיטער, וועלכע ווערן אָנגעזאַמלט און איבערגעגעבן פון דור צו דור, און פון דער אַנדערער זייט אין דעם, וואָס זיי פאַרגרעסערן און באַ־נייען זייערע אָנשטרענגונגען אויף צו פאַרווירקלעכן די נוצלעכע צילן — אָנשטרענגונגען, וואָס פירן צו אַלץ וואַקסנדיקע שאַנסן פון דערפאָלג. דער פּראָגרעס, באַקומט זיך בכן, איז אַ פּראָדוקט פון היסטאָרישער לאָגיק.

גיזאָ האָט אָנגעוויזן, אַז די געשיכטע ווייסט ניט פון קיין לאָגיק. ריכטיקער איז אפשר די פאָרמולע, אַז די געשיכטע איז ניט אונטער איין לאָגיק אונטערגעוואָרפן, נאָר אונטער אַ רייע לאָגיקעס, וועלכע קענען איינס דאָס אַנדערע אַנטקעגנשטיין און סותר זיין. פאַראַן אַ לאָגיק און אַן אַנטי־לאָגיק. איינע פון די באַדייטיקסטע ראָלען ביים דאָזיקן פונאַנדער־גאַנג שפּילן: די פאַרשידנאַרטיקייט פון די אינטערעסן, די באַגרענעצט־קייט פון די פעאיקייטן, און די קאָמפּליצירטקייט פון דער סיסטעם סאָ־ציאַלע אַנטאַגאָניזמען.

אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט און טעכניק שפּילט די לאָגיק אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, איידער אין אַנדערע ספערן פון געשיכטע. און פון דעסטוועגן זיינען אויך דאָ פאַראַן און חזרן זיך כסדר איבער פּע־ריאָדן פון שטילשטאַנד, פאַרגעסנקייט און רעגרעס. די געשיכטע ווייסט ניט פון קיין גראַדליניקער באַוועגונג אפילו דאָרט, וואו די לאָגיק וואָלט געדאַרפט הערשן מיט דער גרעסטער קראַפט.

סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, מלחמות, עקאָנאָמישע קאָנקורענץ, פּאָלי־טישע און רעליגיעזע קאַמפן קענען פירן צו דער דערהויבונג פון איינע, צו דער ירידה פון אַנדערע, אָדער צום אַלגעמיינעם רעגרעס.

מלחמות האָבן געבראַכט פאַראָרעמונג און פאַרווילדערונג, אויס־געשעפּטקייט און ירידה פון דער ציוויליזאַציע, אָמאָל אַפילו פולשטענ־דיקע פאַרניכטונג פונעם שונא. פון דער קריטאָ־עגעאישער ציוויליזאַציע — אין גריכנלאַנד ביז די גריכן — זיינען פאַרבליבן נאָר זייער שוואַכע דערינערונגען, נאָכדעם ווי דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט די אינ־וואַזיע און אָקופּאַציע פון די באַרבאַרן־גריכן, וואָס זיינען געקומען פון צפון. ווען קאַרטאַגע איז חרוב געוואָרן, ווען די פּראָוואַנסאַלער ציווי־ליזאַציע איז דורך געוואַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רואינעס, — האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. ווען די נאָר־

מאַנען האָבן געשאָכטן, געראַבעוועט, פאַרוויסטעוועט פאַרשידענע לענדער אין איראָפּע; ווען די שפּאַניער האָבן אויסגעמאָרדעט די אינדיאַנער אין אַמעריקע, — זיינען גאַנצע פעלקער געפאַלן אַ קרבן פון דער ברוטאַלער מאַכט, און דאָס האָט קיין שום איינפלוס ניט געהאַט אויף דער ציווילער עוואָלוציע אָדער אויף די סאָציאַלע פאַרהעלטעניש.

רעליגיעזע מלחמות, רעליגיעזע קאָנפליקטן, רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען האָבן אָפט חרוב געמאַכט דעם עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד און געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און אויף דער אַנטוויקלונג פון אירע פּראָדוציר־כוחות. דער נצחון פון אָרטאָדאָקסאַלן פאַנאַטיזם אין דער מוסולמענישער וועלט האָט ניט ווייניק צוגעהאָלפן צו דער ירידה פון דער אַראַבישער ציוויליזאַציע. דער דרייסיק־יעריקער קריג אין דייטשלאַנד האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן, וועלכער האָט געבראַכט דאָס לאַנד צו אַ מצב פון פאַרווילדערונג און האָט אויף לאַנגע יאָרן אָפּגעשטעלט זיינע פּראָגרעס־מעגלעכקייטן. אויבן האָבן מיר שוין גערעדט וועגן דער שעדלעכער ווירקונג, וואָס דאָס אָפּשאַפן דעם נאַנטער עדיקט האָט געהאַט אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך בעת לודוויג דעם 14טן. ס'איז אויך באַקאַנט, ווי באַקל האָט אויפגענומען די ראָלע פונעם קאַטוילנטום־גייסט: ער האָט אים געהאַלטן פאַר דער הויפּט־סיבה פון דער ירידה און דעגענעראַציע פון שפּאַניע.

מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז „די געזעלשאַפט שטעלט פאַר זיך נאָר אַזעלכע אויפגאַבעס, וועלכע זי איז אימשטאַנד צו פאַרענטפערן". גומפּלאָוויטש ווידער מיינט, אַז „די געזעלשאַפט מאַכט קיינמאָל קיין טעות ניט". אָט דאָס זיינען מיסטישע פאָרמולעס, וואָס רעכענען זיך ניט מיט דער רעאַלער געשיכטע. מען מאַכט פון דער געזעלשאַפט עפּעס אַ באַוואוסטזיניקן אָרגאַניזם, וואָס האַלט זיך ביי כללים פון שכלדיקער לאָגיק. אויב אונטער דער ווירקונג פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם קען די געזעלשאַפט האַנדלען צום שאָדן פון אירע אייגענע פּראָדוציר־כוחות און פון אירע לעבנס־אינטערעסן בכלל, — איז ווי קען מען דאָ רעדן, אַז זי מאַכט קיינמאָל קיין טעות ניט, און אַז זי שטעלט זיך פּראָבלעמען, וועלכע זי איז ביכולת צו פאַרענטפערן? אין דער געשיכטע פון דער טעכניק און וויסנשאַפט זיינען יאָ געווען אַ סך מאָל פאַלן, ווען אין אַ באַשטימטן מאָמענט האָט מען ניט געשטעלט און ניט געלייזט געוויסע פּראָבלעמען, וואָס טעאָרעטיש וואָלט מען זיי יאָ געקענט דעמאָלט לייזן, מען האָט זיי אָבער אַרויסגערוקט און געלייזט ערשט מיט יאָרהונדערטער שפּעטער (אַזוי איז געווען אין דער געשיכטע פון מאַטעמאַטיק); געווען אויך, אַז די באַדערפענישן פון דער צייט — און דאָס אפילו אין יעדער צייט אין דער צי־

וויליזירטער געזעלשאַפט — האָבן אַרויסגערוקט פּראָבלעמען, אָבער מען האָט זיי ניט פאַרענטפערט צוליב סיבות פון אינטעלעקטועלער נאַטור.

### 3

אינערלעכע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען — פּאָליטישע און קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען — קענען, ביי לאַנגדויערנדיקער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, דערפירן די געזעלשאַפט צו שטילשטאַנד און ירידה. די צעשטערונג פון ציוויליזאַציע און די ירידה פון די פּראָדוציר־כוחות קענען אויך זיין אַ רעזולטאַט פון אויסערלעכע מלחמות און אָנפאַלן.

גענוג דאָ צו דערמאָנען די ירידה און דעם חורבן פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע, פון די מזרחדיקע ציוויליזאַציעס, פון גריכנלאַנדס און רוימס ציוויליזאַציעס, דעם חורבן פון דער אַנטיקער וועלט אונטערן דראַנג פון די באַרבאַרן, דעם אונטערגאַנג פון דער אַראַבישער ציוויליזאַציע, די ירידה פון שפּאַניע, שוין אָפּגערעדט פון דער גרויסער צאָל איבערגעחזרטע ציקלען פון טיילווייזע עליות און ירידות ביי איינצלנע פעלקער און לענדער.

רעגרעסיווע עוואָלוציע איז באַקאַנט ניט נאָר אין דער סאָציאַלער געשיכטע, נאָר אויך אין דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע און ביאָלאָגיע, אין דער געשיכטע פון די חיות־אַרטן אין פאַרשידענע געאָלאָגישע עפּאָכעס, און אויך אין דער געשיכטע פון דעם פּרעהיסטאָרישן מענטשן.

די ירידה פון געזעלשאַפטן קען קומען ווי אַ סך־הכל פון מלחמות, אָדער פון אינערלעכע קאָנפליקטן — פּאָליטישע, פּאַרטייאישע, רעליגיעזע, קלאַסן־קאָנפליקטן, — פון אַ לאַנג־דויערנדיקן צושטאַנד פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג, אָדער צוליב קאָנקורענץ, אָדער צוליב נאַטור־ענדערונגען צי קאַטאַסטראָפעס, — אַ מין נעגאַטיווער אָפּקלייב. ווען די ירידה פון אַ געזעלשאַפט ווערט אַרויסגערופן דורך אינערלעכע אַנטאַגאָניזמען, באַזונדערס דורך פּאָליטישער, רעליגיעזער אָדער קלאַסן־אונטערדריקונג, דעמאָלט קען די דאָזיקע ירידה זיך ציען אַן אומבאַשטימט לאַנגע צייט און זיך פאַרשאַרפן, ניט ברענגענדיק קיין שום רעטונגס־אַקציע, ניט קיין פאַרלייכטערונג פון דער אונטערדריקונג, און ניט דאָס פאַלן פון די אונטערדריקנדיקע כוחות. אַזאַ מין ירידה פון דער געזעלשאַפט פירט ניט דווקא ניט אַנדערש ווי צום אָפּשטאַרבן פון דער געזעלשאַפט אָדער צום אונטערגאַנג פון די קעמפנדיקע פאַרטייען.

די סיבה פון גריכנלאַנדס אונטערגאַנג איז געווען — די אינערלעכע און אויסערלעכע קאָנפליקטן, דער אומאויפהערלעכער פּאָליטישער און קלאַסן־קאַמף אין די באַזונדערע רעספּובליקעס, די מלחמות צווישן

זיי, די קריגערייען אויפן עקאָנאָמישן באַדן. דער אונטערגאַנג פון אַטען בפרט דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס זי האָט פאַרלוירן איר ים־העגע־מאָניע און עס האָבן זיך באַוויזן — זינט די מאַקעדאָנישע באַצווינגונגען — נייע צענטערן פון האַנדלס־קאָנקורענץ און אינדוסטריע־קאָנקורענץ, — דער וויכטיקסטער צווישן זיי איז געווען אַלעקסאַנדריע.

די ווענעציאַנישע רעספובליקע איז כסדר געפאַלן, נאָכדעם ווי מען האָט סוף 15טן י״ה אַנטדעקט דעם נייעם ים־וועג צו אינדיע; דער סוף איז געווען, אַז זי האָט פאַרלוירן איר העגעמאָניע פון אַ האַנדלס־פאַר־מיטלערין צווישן אייראָפּע און אינדיע, אַ העגעמאָניע וואָס איז געווען דער יסוד פון ווענעציעס רייכקייט און מעכטיקייט.

די ירידה פון שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן 16טן י״ה, אַקו־ראַט אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איר קאָ־לאָניאַלע הערשאַפט. דאָס לאַנד איז געווען אויסגעשעפּט; די שטעט זיינען געשטאַנען פּוסט, עס האָבן געפעלט אַרבעטס־הענט, די ערד האָט מען ניט באַאַרבעט, די הייזער האָט מען מער ניט רעמאָנטירט. איינע פון די סיבות פון שפּאַניעס חורבן האָט געמוזט זיין דאָס, וואָס עס האָבן זיך געהעכערט די פּרייזן אויף די פּראָדוקטן, וועלכע שפּאַניע האָט אַריינ־געפירט פון אַנדערע לענדער: נאָך דער אַנטדעקונג פון די קאָלאָסאַלע רעזערוון גאָלד אין אַמעריקע און נאָכן פאַלן פונעם האַנדלס־ווערט פון אָט דעם איידעלן מעטאַל, האָט זיך אומעטום פאַרשאַרפט דער יקרות, און די פּרייזן האָבן זיך געהויבן. אָבער די הויפּט־סיבות פון שפּאַניעס ירידה זיינען געווען — פון פּאָליטישער נאַטור: דער יאָך פון דער קיניגלעכער מאַכט, דער מיליטאַריזם, די דעראָבערונגס־פּאָליטיק, דער דריקנדיקער עול פון שטייערן, פון איין זייט; פון דער אַנדערער זייט, די שווידערלעכע אַקציע פונעם קאַטוילישן פאַנאַטיזם, די רדיפות אויף די אַראַבער, יידן און אַפּיקורסים, די תפיסות, פּייניקונגען, אינקוויזיציע־שייטערהויפנס, דאָס פאַרשלינגען דורך די מאַנאַסטירן די לעבנס־ענערגיע פון לאַנד, דאָס פאַרמערן די צאָל מאָנאַכן און בעטלערס. דורות לאַנג האָט שפּאַניע געליטן פון אָט דעם רעזשים, געשלעפּט אַזאַ אומגליקלעך לעבן, אָבער אַלץ ניט אָפּגעשטאָרבן.

נאָך אַ מערקווירדיקערער ירידה־ביישפּיל פון אַ קאָלאָסאַלער געזעל־שאַפט, אַ ביישפּיל פון טראַגישער שווידערלעכקייט, אין גראַנדיעזע פּראָ־פּאָרציעס, וואָס איר פּועל יוצא איז אומגעהייער ערנסט און באַלעסטנדיק פאַר דער גאַנצער שפּעטערדיקער געשיכטע, דאָס איז — דער ביישפּיל פונעם קריזיס פון דער רוימישער אימפּעריע אין די לעצטע י״הער פון איר עקזיסטענץ. דאָס איז געווען אַ מאַטעריעלע ירידה און אין דער זעל־בער צייט אַ מאָראַלישע ירידה. דער קיבוץ איז פאַראָרעמט געוואָרן,

דער וואוילשטאַנד פון אַלע קלאַסן איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ, די קוריאַלן (דער מיטעלער קלאַס) זיינען געווען רואינירט און געלאָפן פון די שטעט, די אַרבעטער זיינען געזעסן אָן ברויט, די פּויערים האָבן פאַרלאָזט זייער ערד. די אינדוסטריע און דער האַנדל האָבן איבערגעלעבט אַ כראָנישן מאַראַזם, די פּרייזן אויף די פּראָדוקטן האָבן געשטיגן, די באַדערפענישן זיינען איינגעשרומפּן. צו ביסלעכווייז האָט מען גענומען צוריק אַנווענדן עלעמענטאַרע ווירטשאַפט־פאָרמען, עס זיינען צוריק תחית־המתים אויפ־געשטאַנען די אַלטפּרענקישע פאָרמען פון אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע און באַדן־עקספּלואַטאַציע.

דער צוריקגאַנג אין דער טעכניק, קונסט, אידעעס איז געווען אוי־סערגעוויינלעך. די פאַרגרעבטקייט פון די כאַראַקטערן און די גרויזאַמ־קייט פון די זיטן האָט האַרמאָנירט מיטן סערוויליזם פון די נשמות, מיטן אַלגעמיינעם אינדיפערענטיזם, מיט דער דעגראַדאַציע פונעם לעבנס־ניוואָ, מיטן פּראָגרעס פון מיסטיציזם, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון אויס־טערלישע מינים קולטן און אָבערגלויבנס. די מענטשן האָבן פאַרלוירן יעדן חשק צום לעבן, מען האָט זיך געשלעפּט אַזוי ווי לויט אינערץ, מען האָט זיך געלאָזט פאַרלירן דאָס לעבן צוליב קלייניקייטן, מען האָט גע־הרגעט, פאַרקויפט אייגענע קינדער. מענטשן האָבן געליטן פון די גע־געבענע לעבנס־באַדינגונגען, אָבער עס האָט זיי געפעלט לוסט און אי־ניציאַטיוו אויף צו קעמפן פאַר עפּעס נייס און בעסערס. איטאַליע איז געוואָרן פּוסט, דאָס לאַנד איז אין אַ מדבר פאַרוואַנדלט געוואָרן, חתונות זיינען געוואָרן אַ זעלטנקייט, מען האָט ניט געבוירן קיין קינדער. נאָך קיינמאָל — ביז דער היינטיקער תקופה — האָט די געשיכטע ניט גע־געבן אַ מער טרויעריק בילד פון אַ געפאַלענער, דעמאָראַליזירטער, דע־גענערירטער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אומגליקלעכערווייז געמאַטערט אין איר כראָנישער אַגאָניע און דאָך ניט געוואָלט „שטאַרבן”...

די היסטאָריקער דערקלערן איינשטימיק דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע מיטן פאַקט, וואָס עס האָבן אין איר עקסיסטירט אינעווייניקסטע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען — פּאָליטישע, רעליגיעזע און קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען. צו אַ חילוקי־דעות קומט נאָר צווישן זיי בשעת זיי נעמען זיך פאַרגלייכן די וויכטיקייט פון אָט די פאַרשידענע פאַק־טאָרן. ווי עס זאָל ניט זיין, איז בלתי־ספק, אַז דאָ האָבן די אינעווייניק־סטע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אַרויסגערופן די ירידה פון דער געזעל־שאַפט און אירע פּראָדוציר־כוחות, דער קיבוץ האָט זיך אַרויסגעוויזן מאַכטלאָז צו לייזן דעם פּראָבלעם ווי צו ענדערן דעם סאָציאַלן רעזשים, וועלכער האָט געשטערט דער עקאָנאָמישער און אַלגעמיינער אַנטוויקלונג.

רעליגיעזע אינטערעסן האָבן פאַרנומען אַ גאָר וויכטיק אָרט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער רוימישער געזעלשאַפט, איבערהויפּט אינעם צווייטן פּעריאָד פון דער אימפּעריע. דאָס רוב היסטאָריקער איז מודה, אַז דאָס קריסטנטום האָט געווירקט אויפן גורל פון רוים, עס זאָל זיך צעפאַלן. דער רעליגיעזער מיסטיציזם האָט געמאַכט אַ תל פונעם אינטעלעקט; די רעליגיעזע מאָראַל האָט אונטערגעהאַלטן דעם גייסט פון הכנעהדיקייט און אַוועקגעהרגעט די געפילן פון אינדיווידואַליזם און פּערזענלעכער ווירדע; די איבערגעטריבנקייט פונעם רעליגיעזן אינטערעס האָט געשטויסן די ענערגיע אין אַ ריכטונג, וואָס איז געווען זייער ווייט פון פּאָזיטיווע אינטערעסן. אַ°קיצור, די רעליגיע האָט געווירקט אויף די פעאיקייטן פונעם יחיד אין אַ ריכטונג, וואָס איז גאָר ווייט אַוועק פון די רעאַלע אינטערעסן פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג. עס דאַרף אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז די מאָראַלע און אינטעלעקטועלע ירידה פון דער רוימישער געזעלשאַפט איז שוין געווען אַ פאַקט נאָך פאַרן טריאומף פונעם קריסטנטום, און אַז די מיסטישע טענדענצן פון דער תקופה זיינען גיכער געווען אַ סימפּטאָם, איידער אַ סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן די נייע פּסיכאָלאָגיע. פון דער אַנדערער זייט, האָבן די רעליגיעזע אָנטאַגאַניזמען געשפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע בעת דעם אָנפאַל פון די באַרבאַרן; אין יענעם מאָמענט האָבן זיי שטאַרק געהאָלפן סיי דער צעשפּאַלטונג פון דער אימפּעריע, סיי דעם ספּעציעלן כאַראַקטער פון די נייע פּאָליטישע פאָרמאַציעס.

מען האָט געזוכט די סיבות פונעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע אין די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען פון דער עפּאָכע — ווי די שקלאַפן־אַרבעט, וואוקס פון די לאַטיפונדיעס, די עקספּראָפּריאַציע פון די פּויערים און פון די אומאָפּהענגיקע קליינע אייגנטימער, די אַרבעטלאָזיקייט און ליידיק־גייעריי, צו וועלכע מען האָט דערפירט די פרייע אַרבעטער אַדאַנק דער קאָנקורענץ פון שקלאַפן־אַרבעט, די פאַראַכטונג צו פרייער אַרבעט אונטער דער דעמאָראַליזירנדיקער ווירקונג פון דער שקלאַפן־אַרבעט. אויבן האָבן מיר שוין גערעדט וועגן די גוזמאות, וואָס שטעקן אין דער מיינונג וועגן דער פאַרשפּרייטקייט פון דער שקלאַפן־אַרבעט אין דער אַנטיקער וועלט. וואָלט עס אפילו אמת געווען, אַז דער שקלאַפעריי־אינסטיטוט איז געווען די סיבה פונעם אומקום פון דער אַנטיקער וועלט, וואָלט עס אויף יעדן פאַל עדות געזאָגט, אַז אַ קלאַסן־רעזשים איז ביכולת צו דערפירן אַ געזעלשאַפט צום חורבן פון איר וואוילשטאַנד און פון אירע פּראָדוציר־כוחות, אַנשטאָט אָפּצוטרעטן זיין פּלאַץ אַ צווייטן רעזשים, וואָס זאָל קענען העלפן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות. מיר ווייסן אָבער, אַז ווי גרויס עס זאָל ניט האָבן געווען די ראָלע פון

שקלאַפן־אַרבעט, איז אין די לעצטע יאָרהונדערטער פון דער עקסיסטענץ פון דער רוימישער אימפעריע געווען אַ גרויסע צאָל קאָלאָנען, פרייע דראָבנע אַרענדאַטאָרס, אויך פרייע האַנטווערקער, וואָס האָבן זיך שפּע־טער אָרגאַניזירט אין צעכן. איבערגעטריבן איז אויך די מיינונג וועגן דעם וואוקס פון די לאַטיפונדיעס. און אַוודאי קען מען ניט מיט דער היפּערטראָפּיע פון שקלאַפעריי־אַרבעט דערקלערן דעם מאָראַלישן קרי־זיס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די העכערע און באַזונדערס אין די מיטעלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט.

דער עיקר סיבה פונעם אונטערגאַנג פון דעם רוימישן קיבוץ ליגט בלי־ספק אינעם שרעקלעכן פּאָליטישן דרוק. אַלע ענערגיעס זיינען פיזיש אָדער מאָראַליש געווען צעשטערט, די געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו פּאַראַ־ליזירט, דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבן אונטערדריקט צו די אינטערעסן פונעם רעזשים, אַלע זאַפטן פון לאַנד אויסגעזויגן, די סאָציאַלע עלעמענטן אַלץ מער פאַרשקלאַפט, די פּערזענלעכקייט אונטערדריקט, די אימפּעריע איז געווען רואינירט דורך די פאָדערונגען פונעם אַלץ־אויפפרעסנדיקן פיסק, די גע־זעלשאַפט דעמאָראַליזירט דורכן קולט פון ברוטאַלן כוח; אָט מיט דעם אַלעם האָט דער פּאָליטישער דעספּאָטיזם אויסגעשעפּט און אָפּגעסמט דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם, אַרויסגערופן ביי אים אַ כראָנישע און דערביי נאָך אַ ניט־היילבאַרע קראַנקהייט, — ניט היילבאַר דערפאַר, ווייל דער עצם עקסיסטענץ פונעם דעספּאָטיזם איז געווען אַ שטער אין דער מעג־לעכקייט זי צו היילן. דאָס לאַנד איז געווען מאַכטלאָז צו קעמפן קעגן דעם פּאָליטישן יאָך, און דאָס האָט אים געשטויסן אויפן וועג פון אומ־פאַרמיידלעכן אונטערגאַנג.

דער צושטאַנד פון כראָנישער ירידה האָט זיך אין דער רוימישער אימפעריע געצויגן דורות לאַנג, און ניט אַרויסגערופן ניט דעם „טויט", ניט די צעפאַלונג פון דער געזעלשאַפט. איז דער רעזולטאַט געווען — אַ פּאָליטישע צעשטויבטקייט, וואָס איז דורכגעמאַכט געוואָרן מיט דער הילף פון מיליטערישער קראַפט. ווען ניט די מיליטערישע איבערקערע־נישן, וואָלט די מערבדיקע רוימישע אימפעריע מיט איר פּאָליטישן רע־זשים זיך געקענט האַלטן נאָך יאָרהונדערטער. דערויף זאָגט עדות די געשיכטע פון ביזאַנץ.

אָבער צי איז ניט די באַרבאַרן־אינוואַזיע און דער אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפעריע געווען אַן אויסגאַנג־פונקט פאַר אַ נייער עראַ פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, פאַרן פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע, פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, פון די פּראָדוציר־כוחות?

ניין, די געשיכטע ווייסט ניט פון קיין געזעץ פון אומפאַרמיידלעכן פּראָגרעס. זי אונטערליגט ניט דער לאָגיק פון איינאַרטיקער אַנטוויקלונג

פאַר אַלע זייטן פון סאָציאַלן לעבן. די באַרבאַרן־אינוואַזיע איז ניט געווען קיין אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ רענעסאַנס. אינעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, אַזוי ווי מיר זעען זי אין דער ערשטער העלפט מיטלאַלטער, זיינען, אמת, פאַראַן געוויסע שפּורן פון פּראָגרעס, צוגלייך מיט אייניקע איינגעהאַלטענע פעסטע פאָרמען פון רוימישן לעבן, אָבער ביי דעם אַלעם איז פאַראַן אַ גרויסער רעגרעס אין די אַנדערע זייטן פון דאָזיקן לעבן.

אין פּרט פון זיטן און כאַראַקטער, זיינען די באַרבאַרן־גערמאַנער ניט העכער געווען פאַר די רוימער פונעם לעצטן אימפּעריע־פּעריאָד. אין פאַרגלייך מיט די לעצטע האָבן זיי געהאַט מעלות אין פּרט פון באַוואוסטזיין פון זייער „איך", זיי האָבן געהאַט אַ געפיל פאַר פרייהייט, זיי האָבן געשעצט די אומאָפּהענגיקייט; אָבער זיי זיינען געשטאַנען נידעריקער פון די רוימער אין פּרט פון ברוטאַלקייט, גרויזאַמקייט, בכלל פון באַרבאַרישער נאַטור. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַן עפּאָכע, וואָס זאָל זיין מער אָנגעפילט מיט אויסטערלישע פאַרברעכנס, וואָס זאָל זיין מער העסלעך אין די זיטן, ווי דאָס איז געווען די עפּאָכע פון די מעראָווינגען.

אין פּרט פון קולטור, איז די געזעלשאַפט פון אָט דער עפּאָכע געפאַלן נאָך אַ סך נידעריקער אין פאַרגלייך מיט דער רוימישער געזעלשאַפט פון די לעצטע יאָרהונדערטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ צעשטערערישער הוראַגאַן האָט אָפּגעשווענקט די ציוויליזאַציע. די וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט זיינען איינגעהילט געוואָרן אין חושכניש; די זעלטענע דענקמעלער, וואָס זיינען פאַרבליבן פונעם שעפערישן זשעני פון די אַנטיקע, האָט מען אָפּגעהיט אין די מאָנאַסטירן אָדער גאָר קולטיווירט אין ביזאַנץ, און שפּעטער ביי די אַראַבער, — זיי האָבן געוואַרט אויף בעסערע צייטן, ווען די קערנער וועלן קענען געפינען אַ גינסטיקערן באָדן. די טעכניק האָט געליטן אַ גאָר שטאַרקע ירידה, די פּראָדוציר־מעטאָדן זיינען אין אַ סך פאַלן פאַרגעסן געוואָרן, און עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די נאַטור וואָלט זיך באַפרייט פונעם מענטשנס מאַכט. די מענטשן זיינען צוריק געקומען צום ווילדן מצב. איראָפּע איז אַריינגעפאַלן אין באַרבאַריי.

רוימס אימפּעראַטאָרישער דעספּאָטיזם איז געפאַלן, און אַלע פּרוּוון פון די באַרבאַרישע קיניגן אים צוריק אויפצולעבן פאַר זייער טובה וועגן — האָבן קיין שום פּעולה ניט געהאַט; עס האָט זיך דערנענטערט די ערע פון פעאָדאַליזם. מיטן דעספּאָטיזם זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די פיסקאַל־סיסטעם און דער מוניציפּאַל־רעזשים, וואָס ביידע זיינען באַגלייך טיראַניש געווען. אָבער די פאַרהעלטענישן פון אייגנטום און קלאַסן־יאָך האָבן איבערגעלעבט די אימפּעריע. גרויס לאַנד־אייגנטום,

שקלאַפעריי, קאָלאָנאַט — זיינען פאַרבליבן. פאַר די אַרבעטנדיקע קלאַסן האָבן זיך נאָר די באַלעבאַטים געטוישט. די לאַגע פון די שקלאַפן האָט זיך פאַרבעסערט; אַקעגן, די לאַגע פון די קאָלאָנען האָט זיך שמערצלעך פאַרערגערט, און אַ גרויסע צאָל פרייע מענטשן זיינען אַריינגעפאַלן אין צושטאַנד פון לייב־אייגנשאַפט.

די ענדערונגען אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, אין די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, אין די אונטערדריקונגס־ און עקספּלואַטאַציע־פאָרמען זיינען ניט אונטערגעוואָרפן צו אַ וועלכן דינאַמיזם פון די פּראָדוציר־כוחות אין דער געזעלשאַפט; פונקט אַזוי זיינען די דאָזיקע פאַרהעלטענישן און די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות ניט אונטערגעוואָרפן אונטער אַ וועלכן אַלגעמיינעם געזעץ און אַוודאי ניט אונטער אַן אומפאַרענדערלעכן געזעץ פון פּראָגרעס.

# קאַפּיטל אַכט

# די עוואָלוציע פון שקלאַפעריי און פעאָדאַליזם

## 1

איז שקלאַפעריי געווען אַן אומבאַדינגט־נויטיקע און אומפאַרמיידלעכע ציוויליזאַציע־פאַזע אויף אַ באַשטימטער שטופע פון דער געזעלשאַפטס עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג? פון דער אַנדערער זייט, איז שקלאַפעריי געווען אַ נויטיקע פאָראויסזעצונג און נויטיקער תנאי אויף צו שטאַנד צו ברענגען די זאַך פון דער ציוויליזאַציע?

דער ענטפער אויף די שאלות וועט זיין אַבסאָלוט נעגאַטיוו. אַ גרויסע צאָל געזעלשאַפטן האָט כמעט אינגאַנצן ניט געוואוסט פון קיין שקלאַפעריי. און דאָרט וואו שקלאַפעריי האָט יאָ עקסיסטירט, האָט זי דאָס רוב פונקציאָנירט צוגלייך מיט פאַרשידענע אַרבעט־פאָרמען, סיי פרייע און סיי אָפהענגיקע. אין אַ סך געזעלשאַפטן, וואו שקלאַפעריי־אַרבעט האָט דערגרייכט צו אַ גרויסער אַנטוויקלונג, איז ניט צו זען קיין שום אָנדייט אויף אַ פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

אַ צאָל פאָרשערס האָבן געהאַלטן, אַז שקלאַפעריי איז געווען נויטיק אויף צו דערגרייכן אַ העכערע קולטור־מדרגה, ווייל זי האָט פאַרביטן קאַניבאַליזם, דאָס ברענגען די געפאַנגענע פאַר קרבנות, דאָס אויסראָטן די געפאַנגענע. שוין ביים הייליקן אויגוסטין ווערט וועגן דעם דערמאָנט. וועגן דעם פּראָגרעסיוון ווערט פון שקלאַפעריי האָבן פון אָט דעם שטאַנדפּונקט גערעדט די סענסימאָניסטן, אָג. קאָנט, ענגעלס, אינגראַם, מאָלינאַרי. אָבער עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס פאַרשווינדן פון קאַניבאַליזם און פונעם טייטן די געפאַנגענע איז מעגלעך געווען נאָר דאָרטן, וואו עס האָט זיך באַוויזן שקלאַפעריי. לויט פרעזערן, האָבן אַ גרויסע ראָלע ביי דער ליקווידאַציע פון קאַניבאַליזם געשפּילט די רעליגיעזע גלויבונגען און די מורא פונעם ווילדן מענטשן פאַר דער נקמה פונעם גייסט פונעם אויפגעפרעסענעם מענטשן. פון דער אַנדערער זייט, איז דאָס אויפהערן אויסהרגענען די געפאַנגענע ניט אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיטן פאַרוואַנדלען די געפאַנגענע אין שקלאַפעריי, און דאָס עצם אומברענגען די געפאַנגענע האָט גאָר ניט אויפגעהערט מיטן איינפירן שקלאַפעריי. אויפן מזרח האָט מען די געפאַנגענע ניט שטענדיק געטייט אָדער געמאַכט פאַר שקלאַפן; מען האָט זיי געמאַכט פאַר דעם

זיגערס שטייער־צאָלער אָדער מען האָט זיי טראַנספּערירט אויף צו קאָ־לאָניזירן אַנדערע טעריטאָריעס.

ניט נאָר אין אַלטערטום האָט דער שקלאַפן־אינסטיטוט געהאַט זיינע אָפּאָלאָגעטן. די היסטאָרישע נויטיקייט און נוצלעכקייט פון שקלאַפעריי האָבן פּראָקלאַמירט העגעל און אָג. קאָנט. ענלעכע מיינונגען האָבן אַרויס־געזאָגט פּרודאָן, ראָדבערטוס, לאַסאַל און ענגעלס, העגעלס אַ תלמיד, — ער האָט אפילו געהאַלטן, אַז אַנטיקע שקלאַפעריי איז געווען אַ נויטיקע פאָראויסזעצונג צו דער אַנטשטייאונג פונעם נייעסטן סאָציאַליזם. די דייטשע עקאָנאָמיסטן אַדאָלף וואַגנער און גוסט. סמאָללער האַלטן אונטער די זעלבע טעזע, — דער לעצטער פאַררופט זיך דערביי אויף ענגעלסן, כדי צו שטיצן זיין אייגענע מיינונג. מאַלינאָרי, וועלכער דער־ווייזט אויף די נויטיקייט און נוצלעכקייט פון שקלאַפעריי און לייב־אייגנ־טום, באַהויפּט אפילו, אַז די באַפרייאונג פון די פאַרשקלאַפטע מאַסן איז געקומען צו פרי, ווייל די באַדינגונגען וואָס זיינען נויטיק פאַר אַזאַ מין אַקט, האָבן נאָך ניט עקסיסטירט. די אַנטראָפּאָסאָציאָלאָגישע שול (אַמ־מאָן, לאַפּוזש) סאַנקציאָנירט די שקלאַפעריי — כמעט אויפן זעלבן אופן ווי אַריסטאָטעל — מיט דער טעזע פון ראַסן־אומגלייכקייט. אינטערע־סאַנט איז צו קאָנסטאַטירן, אַז די שקלאַפן־אייגנטימער — אין די פראַנ־צויזישע קאָלאָניעס אין 1830, און שפּעטער אין די דרום־שטאַטן פון דער צפון־אַמעריקאַנער פעדעראַציע — האָבן קעגן דער טעזע וועגן באַ־פרייען די שקלאַפן אַרויסגעשטעלט אַרגומענטן, וואָס זיינען ממש אויס־געבאָרגט ביי די דערמאָנטע מחברים.

אָבער שוין אין אַלטערטום האָבן ווייט ניט אַלע באַטראַכט די שקלאַ־פעריי ווי אַ נויטיקע, אומפאַרמיידלעכע, נוצלעכע זאַך. שוין די נביאים פון ישראל האָבן געמוסרט די אונטערנעמערס פון צידון, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט שקלאַפן. אין גריכנלאַנד האָט דער ענין אַרויסגערופן ספקות אין דער צייט פון די סאָפיסטן, פלאַטאָן און אַריסטאָטעל. די מאָראַל־טעמים האָבן גערעדט קעגן שקלאַפעריי, און אַריסטאָטעלס אָפּאָ־לאָגיע איז געווען געווענדט קעגן די אַנטיקע טעאָריעס, וועלכע האָבן פאַראורטיילט שקלאַפעריי. די איסיים־סעקטע אין יהודה האָט ניט דער־לאָזן קיין שקלאַפעריי ניט אין דער טעאָריע, ניט אין דער פּראַקטיק. די פילצאָליקע שקלאַפן־אויפשטאַנדן זאָגן עדות קעגן דער מיינונג, אַז די שקלאַפן זיינען כלומרשט שטענדיק געווען צופרידן מיט זייער גורל און האָבן עס געהאַלטן פאַר אינגאַנצן נאָרמאַל. קאַרל ביוכער האַלט זיך פעסט ביי דעם פאַקט, אַז די אויפגעשטאַנענע שקלאַפן האָבן געהאַט אַן עמאַנסיפּאַציע־פּראָגראַם מיט סאָציאַליסטישע טענדענצן, וועלכע זיי־

נען אויפגעקומען אונטער דער ווירקונג פון די משיחישע שטרעמונגען, אָבער באַזיגט געוואָרן זיינען די שקלאַפן דורך געוואַלד.

ניט די שקלאַפעריי האָט מעגלעך געמאַכט דעם אויפבלי פון דער אַנטיקער קולטור. די שקלאַפעריי האָט געהאַט אַ דעמאָראַליזירנדיקן איינפלוס אויף דער געזעלשאַפט. אין אַפריקע, אין דער אָקעאַניע האָט זיך שקלאַפעריי געצויגן דורות לאַנג, אפשר יאָרטויזנטער, און די שקלאַפן־אייגנטימערישע לענדער זיינער דערביי גאָרניט אַרויס פון צו־שטאַנד פון באַרבאַריי, אין וועלכן זיי זיינען געווען פאַרזונקען.

ניט די פאָדערונגען פון אַרבעט־טיילונג האָבן געקענט אין אַלטער־טום מאַכן די שקלאַפעריי פאַר אַ נויטווענדיקייט. ווען מען האָט גע־נומען פרייע מענטשן אין געפאַנגענשאַפט און זיי פאַרוואַנדעלט אין שקלאַפן, האָבן זייערע לענדער פאַרלוירן אַרבעטס־הענט, וועלכע זיינען זיי געווען נויטיק. זיינען דען די מלחמות געווען אַ געוועהר פון דער השגחה עליונה ווי אַ קאָמפּענסאַציע־מעכאַניזם איינצושטעלן שקלאַפעריי אין פאַר־שידענע לענדער? וואָס שייך גריכנלאַנד און רוים, איז דאָרט בכלל ניט געווען קיין דוחק אין פרייער אַרבעט. אין אייניקע גריכישע רעספּובלי־קעס האָט מען אפילו אָנגענומען געזעצגעברישע מיטלען אויף צו פאַר־טיידיקן די פרייע אַרבעט קעגן דעם אַריינפיר פון שקלאַפן. אַזוי, האָט אָנפאַנג 6טן י״ה פ״ק דער טיראַן פעריאַנדער פאַרבאָטן אַריינצוברענגען שקלאַפן קיין קאָרינט. אין פאָקידע איז ביזן 4טן י״ה פאַרבליבן אין קראַפט אַ געזעץ, וועלכער האָט פאַרבאָטן צו נוצן שקלאַפן. איינער פון אַריס־טאָטעלס פריינט, וועלכער האָט זיך איינגעשאַפן טויזנט שקלאַפן, איז אויס־געשטאַנען כסדרדיקע פאָרוואורפן מצד זיינע מיטבירגער, הלמאי ער האָט צוגענומען אַרבעט ביי אַזאַ צאָל פרייע בירגער. די אַנטיקע וועלט האָט געקענט פּראָגרעסירן אָן שקלאַפן־אַרבעט.

און אפשר איז די שקלאַפן־אַרבעט געווען ניצלעכער און העכער פאַר דער פרייער אַרבעט?

ניין, די שקלאַפעריי איז ניט נוצלעך געווען ניט פאַר די שקלאַפן וואָס זיינען געווען איר קרבן, ניט פאַר די פרייע אַרבעטער, ביי וועמען זי האָט צוגענומען אַרבעט, ניט פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס איר נאָר־מאַלע אַנטוויקלונג איז דורך דעם צעקאַליעטשעט געוואָרן, ווייל שקלאַ־פעריי האָט געשטערט דעם פּראָגרעס. נוצן האָבן געצויגן פון דער שקלאַפעריי נאָר די פּריצים, דער געוועלטיקנדיקער קלאַס.

די שוואַכע פּראָדוקטיוויקייט פון דער שקלאַפעריי־אַרבעט, אין פאַר־גלייך מיט פרייער אַרבעט, איז געווען אין אַלטערטום באַוואוסט. עס האָבן די דאָזיקע פראַגע באַהאַנדלט פּאָעטן, פילאָזאָפן און אַגראָנאָמען, ווי למשל פּליניוס און קאָלומעללאַ. לויט טשיקאָטי און סאַלוויאָלי, איז

די פרייע אַרבעט ניט אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער שקלאַפערײ־שער טאָקע צוליב אָט דער קלײנער פּראָדוקטיװקייט פון דער לעצטער. אָבער ניט געקוקט אויף דער קלענערער פּראָדוקטיווקייט, איז דאָך די שקלאַפן־אַרבעט געווען ביליקער, ווייל פאַרן שקלאַפן־אייגנטימער מיט זײן מאַכט איבערן שקלאַף, איז די עקספּלואַטאַציע פון שקלאַפן־אַרבעט געווען אַ סך לייכטער. דער יורידישער מצב פונעם שקלאַף האָט דער־לויבט אים צו עקספּלואַטירן שטאַרקער, און זײן אַרבעט האָט דעם באַ־לעבאָס געקאָסט ביליקער, איידער די פרייע אַרבעט. דאָס איז אויך גע־ווען די עיקר־סיבה ביים איינפירן די שקלאַפן־אַרבעט פון די נעגערס אין די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס.

אויף דעם זעלבן אַרט קען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט די אינטענסיווע עקספּלואַטאַציע און גרויסע ביליקייט פון דער לוין־אַרבעט (למשל, דער לאַנגער אַרבעטס־טאָג) זײן אַ שטער צום פּראָגרעס פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט און צום איינפירן די מאַשינען. עס עקסיסטירט דאָ אַן אַנטאַגאָניזם צווישן די אינטערעסן פון דער געזעל־שאַפט און די אינטערעסן פונעם קאַפּיטאַליסט־אונטערנעמער.

אָט ווי אַזוי וואַללאָן שאַצט אָפּ די ראָלע פון שקלאַפערײ אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע: „די שקלאַפערײ איז געווען אַ צרה פאַר דער מענטשהייט, זי האָט רואינירט די באַרבאַרן פּונקט ווי די גריכן, די שקלאַ־פערישע ראַסעס פּונקט ווי די פרייע ראַסעס... די שקלאַפערײ איז קיינ־מאָל ניט געווען קיין דערציאונגס־שול פאַר קיין שום ראַסע... דאָס באַ־נוצן שקלאַפן האָט קיין איין פאַלק ניט צוגעגעבן קיין קראַפט.״

די עוואָלוציע פון שקלאַפערײ, אירע בהדרגהדיקע אומוואַנדלונגען אין לײב־אייגנטום אָדער אין פּראָלעטאַרישן צושטאַנד, זײנען געקומען ניט פון די „אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט״, ווי אַ גרונט־מאָטיוו ביי דעם פּראָצעס, נאָר פון די אינטערעסן — מאַטעריעלע אָדער מאָראַלישע — און פון די מיינונגען פונעם הערשנדיקן קלאַס. די דאָזיקע עוואָלוציע איז אָנגעגאַנגען אָן אַ קאַמף, אַזוי ווי אַ פּועל יוצא פון אַ נאַטירלעכן פּראָ־צעס אין דער אַנטוויקלונג פון די ווירטשאַפט־פאָרמען גופא.

ראשית־כל איז אַ טעות צו מיינען, אַז שקלאַפערײ איז פאַרשוואונדן געוואָרן דעמאָלט, ווען שקלאַפן זײנען געוואָרן זעלטן און טייער (גיבאָן, ראָדבערטוס, קאַוטסקי). אין שקלאַפן איז קיינמאָל קיין דוחק ניט געווען ניט אינעם לעצטן פּעריאָד פון דער רוימישער אימפּעריע, ניט נאָך דער אינוואַזיע פון די באַרבאַרן. בלויז דער איינציקער נצחון פון סטיליכאָן האָט צוגעשטעלט מער ווי 200,000 שקלאַפן. דער נייטיקער קאָנטינגענט שקלאַפן האָט זיך געשפּייזט ניט נאָר דורך מלחמות און פּיראַטנטום, נאָר אויך דורך דער נאַטירלעכער פאַרמערונג, וואָס בדרך כלל האָט מען עס

דערמוטיקט. דער היסטאָריקער אַפּפּיאַן דערציילט גאַנץ באַשטימט, אַז אין דער תקופה ווען עס האָבן זיך געשאַפן די לאַטיפונדיעס, האָט זיך די צאָל שקלאַפן פאַרגרעסערט, ווייל זיי פלעגן האָבן אַ סך קינדער, און אויך דערפאַר וואָס אויף זיי איז ניט געלעגן די מיליטער־פליכט און דערביי איז די צאָל שקלאַפן־באַפרייאונגען געווען גרויס.

אייניקע סיבות פון מאָראַלישער נאַטור האָבן געקענט ווירקן און האָבן טאַקע געווירקט — לאַנג נאָך פאַר די סיבות פון ריין־עקאָנאָמישער נאַטור — אויף דער רעאָרגאַניזאַציע פון שקלאַפעריי, אויף דער עמאַנסי־פּאַציע פון די שקלאַפן אָדער זייער פאַרוואַנדלונג אין האַלב־פרייען צו־שטאַנד. דער פּראָגרעס פון דער מאָראַל־קולטור און פון די אַלטרואיס־טישע געפילן, די ווירקונג פון דער פילאָזאָפיע, דער איינפלוס פון דער מער הומאַנער רעליגיע — האָבן מיטגעהאָלפן, אַז די באַציאונגען צווישן די הארן און שקלאַפן זאָלן ווייכער ווערן. די דאָזיקע ווירקונג האָט זיך אָפּגעשפיגלט אויך אין דער געזעצגעבונג.

גאַנץ מעגלעך, אַז אונטער דער ווירקונג פון אָט דער באַוועגונג האָט זיך ביי אייניקע הארן געשאַפן די געוואוינהייט צו דערלויבן אייניקע פון די שקלאַפן, אַז זיי זאָלן זיך לעבן אין אַ באַזונדער ווירטשאַפט און באַ־אַרבעטן אויף זייער חשבון דעם חלק ערד, וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט, בתנאי זיי זאָלן טראָגן אייניקע פליכטן אוןביישטייערונגען; זיי האָבן שוין מער ניט געאַרבעט אַזוי ווי אַנדערע שקלאַפן, וועלכע האָבן אַלע צוזאַמען געהאָרעוועט אויף דעם הארס ערד און אויסשליסלעך פאַר זיין נוצן.

אין דריטן י״ה האָט זיך אין דער רוימישער אימפּעריע אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער עקאָנאָמישער קריזיס, און ווי אויבן געזאָגט, האָט ער זיך געצויגן ביז דער אינוואַזיע פון די באַרבאַרן. דער פּועל יוצא פון דער אַלגעמיינער פאַראָרעמונג איז געווען: מען האָט זיך אומגעקערט צו דער נאַטוראַל־ווירטשאַפט, און אפילו אָנגעהויבן איינמאָנען די מלוכה־שטייערן אין נאַטור. צוליבן דוחק אין קאַפּיטאַל האָט מען מער ניט געקענט איינ־האַלטן די גרויסע ערד־עקספּלואַטאַציעס ניט אויפן באַזיס פון לוין־אַר־בעט, ניט אפילו אויפן באַזיס פון שקלאַפן־אַרבעט. דעמאָלט האָט זיך אָנ־געהויבן אַנטוויקלען אין אַ גרויס פאַרנעם די סיסטעם פון אַרענדע און פונעם קאָלאָנאַט. אין דער זעלבער צייט און צוגלייך מיטן קאָלאָנאַט, האָט זיך איינגעהאַלטן די סיסטעם פון עקספּלואַטירן די ערד דורך קאָלעק־טיווער שקלאַפן־אַרבעט לטובת דעם האַר.

שפּעטער האָט די אימפּעראַטאָרישע מאַכט, אין די אינטערעסן פון פיסק, צוגעפעסטיקט די פרייע קאָלאָנען צו דער ערד און זיי פאַרוואַנדלט אין לייב־אייגענע; צוליב די זעלבע מאָטיוון האָט זי מיט אַ יורידישן באַנד

צוגעפעסטיקט צו דער ערד דעם שקלאַף, וואָס האָט באַאַרבעט אַ באַזונדער חלק ערד, דאָס מאָל לטובת אים אַליין. דאָס איז געווען אין 4טן י״ה. די לייב־אייגנשאַפט האָט באַקומען איר יורידישן סטאַטוט; אָבער צוגלייך מיט דעם האָט וויטער געווירקט שקלאַפעריי.

נאָך דער אינוואַזיע פון די באַרבאַרן און דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע, איז די אַנטוויקלונג פון לייב־אייגנטום אַנגעגאַנגען ווייטער צום שאָדן פון שקלאַפעריי. די גערמאַניש־באַרבאַרישע וועלט האָט געוואוסט פון אַ מילדערער פאָרעם שקלאַפעריי, אַזאַ וואָס איז געווען נעענטער צו לייב־אייגנשאַפט. די באַצווינגערס זיינען געבליבן געטריי זייערע טראַדיציעס. די רוימישע ערד־אייגנטימער (און די ראָמאַניזירטע גאַליער) האָבן צוביסלעך איבערגענומען ביי זיי די עלעמענטן פון זייער קולטור און זיטן; זיי האָבן נאָכגעטאָן זייערע מנהגים בנוגע שקלאַפן־אַרבעט. אַזוי אַרום האָט זיך די לאַגע פון די קאָלאָנען בעת דער באַר־באַרן־הערשאַפט פאַרערגערט, אָבער די לאַגע פון די שקלאַפן האָט זיך פאַרבעסערט: די נייע הערשער האָבן סיי די, סיי יענע באַטראַכט פאַר לייב־אייגענע.

ביי דער עוואָלוציע פון שקלאַפעריי האָט אַ געוויסע ראָלע געשפּילט דער איינפלוס פון קריסטנטום. ווען די באַרבאַרן זיינען באַקערט געוואָרן צום קריסטנטום, איז דער האַנדל מיט שקלאַפן צווישן קריסטן פאַרבאָטן געוואָרן. און דאָס האָט אָפּגעשטעלט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם שקלאַפעריי־אינסטיטוט.

די שקלאַפעריי איז אונטערגעגאַנגען סיי צוליב דעם, וואָס די שקלאַפן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייב־אייגענע, און סיי דערפאַר ווייל עס זיינען אויסגעשעפּט געוואָרן די קוואַלן, וואָס האָבן געשפּייזט די שקלאַפעריי, און עס זיינען פאַראַליזירט געוואָרן די מעגלעכקייטן פון האַנדל מיט שקלאַפן. אָט אויף דעם וועג איז שקלאַפעריי פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער קריסטלעכער וועלט אין דער צווייטער העלפט מיטלאַלטער.

## 2

דאָס וואָס כאַראַקטעריזירט דעם פעאָדאַלן רעזשים — איז: ראשית, דער הערשנדיקער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט איז אָרגאַניזירט אויף אַ היעראַרכישן יסוד, וואָס גייט גראַדנוויז, לויט פאַרשידענע שטופעס פון אָפּהענגיקייט — צווישן די פערזאָנען, וואָס באַזיצן די ערד־טעריטאָריע און פירן אויס אין דער זעלבער צייט די פונקציעס פון פאָליטישער מאַכט אין די גרענעצן פון זייער טעריטאָריע; שנית, דער לייב־אייגנשאַפט־צושטאַנד פון דעם האָרעפּאַשנעם קלאַס, וועלכער איז לפּחות אין פּרינציפּ — צוגעפעסטיקט צו דער ערד, און וועלכער איז באַלאַסטעט, לגבי

די סעניאָרן, מיט געוויסע פאַרפליכטונגען, אָפּצאָלן און באַשטייערונגען.

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די פעאָדאַלע אָרדענונג? אין וואָס פאַר אַ מאָס איז זי געווען צוגעמאָסטן צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און צום באַוועגן זיך מיט דער ליניע פון מעגלעכן פּראָגרעס?

דער קלאַס פון לייב־אייגענע האָט זיך געשאַפן פון דריי עלעמענטן — פון שקלאַפן, קאָלאָנען און פון פרייע מענטשן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין מצב פון לייב־אייגנטום.

שקלאַפעריי איז ניט געווען קיין פּראָדוקט פון דער עוואָלוציע פון דער ציוויל־עקאָנאָמישער איינשטעלונג; זי איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער מלחמה, פּיראַטנטום און געוואַלט. אַז די געוואַלט איז פּאַרטיק געוואָרן מיט איר עובדה, איז דעם שקלאַפס פּערזענלעכקייט געוואָרן אַן ענין פון דער האַנדלס־ציווילער איינשטעלונג, וואָס איז סאַנקציאָנירט געוואָרן דורכן מלוכה־געזעץ.

דער קאָלאָנאַט איז אַנטשטאַנען פונעם קלאַס פרייע אַרענדאַטאָרס פון ערד־חלקים, וואָס פלעגן אַריבערגיין פונעם פאָטער צום זון; ווייטער, פון די לאַנדווירטן וואָס פלעגן זיך באַזעצן אויף ניט־באַארבעטן באָדן אָן שום קאָנטראַקט; ענדלעך, פון געפאַנגענע באַרבאַרן, וועלכע מען פלעגט פונאַנדערזעצן אויף וואוין־ערטער איבער פאַרשידענע טעריטאָריעס פון דער אימפּעריע, און וועלכע זיינען, בכן, גאָר ניט געווען פריי. וואָס איז שייך די ערשטע צוויי גרופּעס קאָלאָנאַט, זיינען זיי געוואָרן צוגעפעסטיקט צו דער ערד דורך אַן אַקט פון אַדמיניסטראַטיוון ווילקיר, וועלכער איז געווען דיקטירט אויסשליסלעך דורך פיסק־אינטערעסן, פונקט אַזוי ווי דער אַקט, וואָס האָט צוגעפעסטיקט צו דער ערד — די שקלאַפן. ביי די קאָלאָנען האָט מען אָפּגענומען זייער פרייהייט דורכן געוואַלטהאַפטן און גרויזאַמען ווילנס־אויסדרוק פונעם פּאָליטישן דעספּאָטיזם. די געזעצן פון קאָנסטאַנטין, וואַלענטיניאַן און וואַלענט, פון טעאָדאָר, אַנאַסטאַזיוס און יוסטיניאַן — האָבן אַלץ מער און מער פאַרערגערט די לאַגע פונעם קאָלאָן, און אים דערפירט צום מצב פון אַ שקלאַוו. פון אַ געוויסן קוקווינקל, איז די לאַגע פון די קאָלאָנען יורידיש נאָך ערגער געווען איידער די לאַגע פונעם שקלאַף, ווייל דער לעצטער האָט דאָך געקענט באַקומען פרייהײט פון זיין האַר. נאָך דער באַרבאַרן־אינוואַזיע האָט זיך די לאַגע פון די קאָלאָנען נאָך פאַרערגערט, און דער חילוק צווישן זיי און שקלאַפן איז צוביסלעך אָפּגעווישט געוואָרן.

אַ דריטער קוואַל וואָס האָט געשפּייזט די לייב־אייגנטימעריי, איז געווען: דער צושטאַנד פון אונטערגעאָרדנטקייט, וואַסאַליזם; לכתחילה איז דער צושטאַנד געווען אַ פרייוויליקער ביי אַ סך מענטשן; זיי האָבן

עס גענומען אויף זיך לגבי מעכטיקע און איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן, ווייל זיי האָבן געזוכט ביי זיי שוץ קעגן די מלוכה־נגישות און קעגן דער גיריקער און רויבערישער אַדמיניסטראַציע, אָדער זיי האָבן געזוכט ביי זיי שוץ און זיכערקייט אין אַן עפּאָכע וואָס איז פול געווען מיט מלחמות, אומאָרדענונגען און געזעלשאַפטלעכער אַנאַרכיע, אָדער זיי האָבן גאָר גע־זוכט באַשפּייזונג, וועלכע מען האָט געגעבן פאַרן פּרייז פון פרייהייט. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן שוין אין די לעצטע יאָרן פון דער אימפּעריע, און אַ שטאַרקע אַנטוויקלונג האָט זי באַקומען נאָך דער אינוואַזיע פון די באַרבאַרן.

וואָס איז געדרונגען פון די דאָזיקע פאַקטן? געדרונגען איז אָט וואָס: לייב־אייגנשאַפט אין מיטלאַלטער איז געווען אַ פּראָגרעס און אַ סאָציאַלער אימפּולס נאָר פאַר אַ געוויסן טייל פון דער אַרבעטנדיקער באַ־פעלקערונג, נעמלעך פאַר דער ניט־פרייער; זי איז, פאַרקערט, געווען אַ רעגרעס און דעגראַדאַציע פאַר די גרויסע מאַסן פון דער פרייער באַפעל־קערונג; פאַר אָט די לעצטע האָט די לייב־אייגנשאַפט באַטייט אַ שרעקלעכע פאַרערגערונג פון זייער מאַטעריעלן און מאָראַלן מצב, ווייל זי האָט ביי זיי אָפּגענומען זייער וואוילשטאַנד און זייער פרייהייט. פון אָט די פאַקטן דרינגט אויך: די לייב־אייגנשאַפט — אָט די באַזע פונעם פעאָדאַלן רע־זשים — איז ניט געווען אויסגעשטעלט אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויק־לונג פון דער געזעלשאַפט, אויף די פּאָדערונגען צו אַנטוויקלען אירע פּראָדוציר־־כוחות, די לייב־אייגנשאַפט האָט זיך נאָר טיילווייז באַטייליקט אין דער עוואָלוציע פון דער געזעלשאַפטס ציווילער איינשטעלונג; אין אירע גרונט־שטריכן איז זי אָבער געווען אַ פּראָדוקט פון דער מלוכהס פיסקאַל־פּאָליטיק, פון געוואַלט, אוזורפּאַציע, סאָציאַלער אַנאַרכיע און אַלע אירע פאָלגן.

די זעלבע מלחמות, די זעלבע אומאָרדענונגען, די זעלבע פּאָליטישע און סאָציאַלע אַנאַרכיע, און אויך דער באַזונדערער געוויסער קאָנטאַקט צווישן די פּאָליטישע זיטן פון דער רוימישער אימפּעריע מיט די קריגס־זיטן פון דער גערמאַניש־באַרבאַרישער וועלט, זיינען געווען די סיבות פון דער היעראַרכישער אָרגאַניזאַציע אין די פאַרהעלטענישן פון די סע־ניאָרן אַליין.

ניט נאָר אין דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּע איז אַנטשטאַנען פע־אָדאַליזם. ווי עס איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, האָט דער פעאָדאַליזם עקסיסטירט אין אַ סך אַנדערע מדינות. און אומעטום איז עס אַ רעזשים פון דער קריגס־אַריסטאָקראַטיע, און ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין אַנט־שטייאונג דעם פאַקט, וואָס אינעם באַצוואונגענעם אָדער אונטעריאָכטן לאַנד איז אָוועלכער עס איז קריגס־פירער געווען געצוואונגען זיך צו רע־

כענען מיט די מענער פון זיין אייגענער לאַנדוועער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער עקספּעדיציע, אָדער גאָר, כדי צו באַצווינגען דאָס לאַנד, האָט ער געמוזט איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט די הערשער פון לאַנד צי מיט אייניקע איזאָלירטע פירער.

נאָכן אונטערגאַנג פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע האָבן די באַרבאַרישע קיניגן זיך געפּלייסט איינצוהאַלטן די רוימישע צענטראַליזאַציע, אַדמיניסטראַציע און פינאַנץ־סיסטעם. אָבער אומזיסט! די קעניגלעכע מאַכט, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף מיליטערישן כוח און פאַרכאַפּונגען, איז געווען מאַכטלאָז קעגן איר אייגענער אָרגאַניזאַציע פון כוח.

אין דער עפּאָכע פון די מעראָווינגען האָט געפעלט זיכערקייט, און די אַדמיניסטראַציע פון די באַרבאַרישע קעניגן איז געווען ניט גענוגנד; האָט דאָס געפירט צו דעם, אַז די צענטראַלע מאַכט האָט פאַרלוירן אירע פּרעראָגאַטיוון, עס האָבן זיך אַנטוויקלט פאַרהעלטענישן פון פּאַטראָנאַזש, און די קריגס־ביוראָקראַטיע און אַדמיניסטראַציע האָט אויף די טעריטאָריעס פון די קעניגן אוזורפּירט די סואווערענע רעכט פאַר זיך.

די סיסטעם פון אימוניטעטן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט בעת די מעראָווינגען, האָט אָפּגענומען ביי די באַאַמטע און אַגענטן פון דער צענטראַלער מאַכט דאָס רעכט אויסצופירן זייערע געריכטלעכע, פיסקאַלע און אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס אין די גרענעצן פון אַ גאָר גרויסער צאָל וועלטלעכע און קירכלעכע טעריטאָריעס (אַבאַטסטוועס און מאָנאַסטירן). די באַלעבאַטים פון די דאָזיקע טעריטאָריעס פלעגן באַקומען רעכט פון פעאָדאַלע סעניאָרן, און וואָס די קרוין האָט אָנגעוואוירן — האָבן זיי פאַר זיך צוגענומען. עס איז געקומען צו דער אָפּשוואַכונג פון דער צענטראַלער מאַכט אין דער געזעלשאַפט: אַלע האָבן געליטן פונעם ווילקיר פון גרויזאַמע ליידנשאַפטן, אומאָרדענונגען און כאַאָס; די שוואַכע האָבן געליטן פון דער טיראַניע פון די שטאַרקע, פאַר קיינעם איז קיין זיכערקייט ניט געווען; איז דער סך־הכל געווען, אַז עס איז געקומען אַ סטימול צו אַנטוויקלען דעם פּאַטראָנאַזש: ער איז שוין געווען באַקאַנט נאָך אין דער רוימישער געזעלשאַפט אין אימפּעראַטאָרישן פּעריאָד, אָבער אַ גאָר שטאַרקע אַנטוויקלונג האָט ער באַקומען אינעם פּעריאָד פון גערמאַנישן באַרבאַרנטום. נאָך אינעם 4טן יאָרהונדערט האָט זיך אין דער רוימישער געזעלשאַפט פאַרשאַרפט די טענדענץ זיך צו שטעלן אונטערן שוץ פון אַ מעכטיקן מאַן (קאָממענדאַציאָ). די פּאַטראָנען און די קליענטן האָבן זיך גרופּירט אין פאָרעם פון היעראַרכישע שטופן. אָבער אַזאַ סיסטעם פון פּאַטראָנאַזש האָט עקסיסטירט ביי די גאַליער און גערמאַנער, סיי אין די באַציאונגען צווישן די פרייע מענטשן, און סיי אין די פאַרבינדונגען צווישן די קריגסלייט און זייערע פירער. די אינוואַזיע פון די באַרבאַרן האָט צונויפ־

געגאַסןביידע טענדענצן אין איין געמיינזאַמען שטראָם. פעאָדאַליזם — איז דאָס קינד פון ביידע פֿאָרמאַציעס.

אינעם פעריאָד פון אומאָרדענונגען, וואָס איז געקומען נאָכן אונטער־גאַנג פון דער רוימישער אימפעריע, איז די דאָזיקע פּראָטעקציע־סיסטעם געוואָרן דער הערשנדיקער רעזשים. די פרייע מענטשן האָבן מער ניט געקענט לעבן אָנעם שוץ פון אַ וועלכן סעניאָר, און דער וויניקער מעכ־טיקער מענטש האָט ניט געקענט איינהאַלטן זיין סאָציאַלן ראַנג, אויב ער האָט ניט געהאַט קיין פּראָטעקטאָר, וואָס איז שטאַרקער פאַר אים. די מאַסע פרייע מענטשן פון נידעריקערן ראַנג האָט אָנגעוואוירן איר פריי־הייט און איז אַריינגעפאַלן אין צושטאַנד פון לייב־אייגנשאַפט; אין דער זעלבער צייט האָט יעדער טעריטאָריאַלער אייגנטום אָנגענומען די פאָ־רעם פון אַ דאָמען, וואָס דאָס באַזיצן אים פלעגט גאַראַנטירט ווערן מיטן באַדינג אויסצופירן באַשטימטע פאַרפליכטונגען לגבי דעם אייגנטימער פון אַ העכערן ראַנג. די „אַלאָדן" *) האָבן זיך פון איצט אָן פאַרוואַנ־דעלט אין „בענעפיציעס",*) און דער הערשנדיקער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן גרופּירן אין אַ קאָמפּליצירטער אָפּהענ־גיקייט צווישן די סוזערענען און די וואַסאַלן פון פאַרשידענע ראַנגען.

אויפן העכסטן שטאַפּל פונעם דאָזיקן לייטער דערלאַנגט די נייע אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אינעם 7טן י"ה און וואָס באַשטייט פון די העכסטע הערשער אין לאַנד, די הערצאָגן און גראַפן. זיי באַזיצן די מאַכט און רייכקייט, דערביי איז טאַקע דער קוואַל פון זייער רייכקייט אָפּט די מאַכט, וועלכע טראָגט אַריין הכנסות און דאָמענען. דאָס זיינען געווען די אַלערהעכסטע פערסאָנאַזשן אין לאַנד; זיי האָבן אונטער זייער מאַכט און פּראָטעקציע געהאַלטן די גרעסטע צאָל און די באַדייטיקסטע וואַסאַלן, זייער כוח און איינפלוס האָט זיך בעיקר געהאַלטן אויף זייער הערשאַפט.

אָבער דער צייטווייליקער כאַראַקטער פון די דאָזיקע פונקציעס, וואָס זיינען געקומען פון קיניגלעכער מאַכט, האָט געווירקט, אַז זייער איינ־פלוס און לאַגע זיינען געווען ניט שטאַנדהאַפטיק, און די גאַנצע סיסטעם פון דער סאָציאַלער היעראַרכיע האָט גורם געווען די דאָזיקע ניט־שטאַנד־האַפטיקייט. צוליב אָט דער סיבה האָבן די נייע הערשער געשטרעבט צו אומאָפּהענגיקייט, צו דער ירושהדיקייט פון זייערע פונקציעס, צו פּאָלי־טישן סוּווערעניטעט אין זייערע טעריטאָריעס. די קעניגן פון דער מע־

*) אַלאָדן — ערד־חלקים, וואָס זיינען פריער געווען פריוואַט־אייגנטום, שפּע־טער געוואָרן בענעפיציעס (פיעפן), וועלכע מען האָט אויסגעטיילט צום נוצן; מיט דער צייט זיינען די בענעפיציעס צוריק געוואָרן פריוואַט־אייגנטום.

ראווינגען־דינאַסטיע זיינען געווען אַנמעכטיק צו באַקעמפן די דאָזיקע באַ־וועגונג, און די קיניגלעכע מאַזשאָרדאָמען האָבן זיך אין דעם קאַמף גע־שטעלט אויפן צד פון דער אַריסטאָקראַטיע. די קעניגן האָבן אָנגעוואוירן זייער מאַכט פריער פּאַקטיש, שפּעטער — אויך יורידיש. די מיליטערי־שע און פּאָליטישע מאַכט פון די הערצאָגן און גראַפן האָט אָפּגעהאַלטן אַ טריאומף איבער דער קיניגלעכער מאַכט.

דאָס פאַלן פון די מעראָווינגער און דאָס אויפקומען פון דער נייער די־נאַסטיע קאַראָלינגער — דאָס איז דער נצחון פון דער פעאָדאַלער סיסטעם. קאַרל דער גרויסער האָט סאַנקציאָנירט די נייע סיסטעם, ער האָט פון איר געוואָלט מאַכן אַ קריסטאַליזירטן פעאָדאַליזם. דאָס איז געווען אַ פּרואוו צו מאַכן שלום צווישן פעאָדאַליזם און צענטראַליזאַציע. דער דאָ־זיקער פּרואוו האָט נאָך קאַרל דעם גרויסנס טויט געליטן אַ מפּלה. דער פעאָדאַליזם האָט געפּייערט נייע נצחונות. מחוץ פון זיינע אייגענע דאָ־מענען, האָט דער קיניג איינגעהאַלטן בלויז די רעכט פון העכערן סוזע־רעניטעט. מהיום והלאה איז דער פעאָדאַליזם שוין געשטאַנען אויף פעס־טע יסודות.

פון דעם איז צו זען, אַז די פעאָדאַלע היעראַרכיע האָט צו פאַרדאַנקען איר אָפּשטאַם די מלחמות און געוואַלט, דאָס וואָס עס האָט געפעלט זי־כערקייט און ס'האָבן זיך איינגעשטעלט אָפּמאַכן, וואָס האָבן פאַרבונדן פאַר־שידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג צוליב אַט די אומשטענדן. אַ היפּשער טייל פון די גרויסע ערד־אייגנטימער איז באַשטאַנען פון באַרבאַרן, אַדאַנק דער אינוואַזיע האָבן זיי באַקומען זייערע רייכטימער, זייער איינפלוס און זייער מאַכט. די נייע אַריסטאָקראַטיע איז באַשטאַנען פון פּערזאָנען, וועל־כע האָבן — ביים אויספירן די פונקציעס וואָס די העכערע מאַכט האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט — געוואונען מעכטיקייט און רייכטום, אַדאַנק זייער הויכער פּאָליטישער און אַדמיניסטראַטיווער פּאָזיציע; געווען אויך אַזעל־כע, וואָס האָבן שוין פון פריער געהאַט מאַכט און עשירות, און איצט האָבן זיי דאָס נאָך פאַרגרעסערט. די מאַכט פון די סעניאָרן איבער דעם אַרבעטנדיקן קלאַס האָט זיך באַזירט אָדער אויף דירעקטער אָנווענדונג פון מאַכט, אָדער אויף דער איינהאַלטונג פון יענע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן זיך פון לכתחילה געשאַפן דורך דער אָנווענדונג פון קראַפט, אָדער אויף אָפּמאַכן וואָס דער אַלגעמיינער טריאומף פון קראַפט האָט זיי אַרויס־גערופן; אַזאַ מין טריאומף פון קראַפט האָט פאַראורטיילט אויף אונטער־יאָכונג און פאַרשקלאַפונג ניט נאָר יענעם ערשטן וואָס האָט זיך געבונדן מיטן אָפּמאַך, נאָר אויך די קומענדיקע דורות. וואָס איז שייך דער היעראַרכישער אָפּהענגיקייט צווישן די פעאָדאַלע סעניאָרן גופא, האָט זי זיך פאַרמירט ווי אַ מין רעזולטאַנטע צווישן די שוין פאַראַנענע פאַ־

ליטישע און מיליטערישע קרעפטן. קלאָר, אַז די אַנטשטייאונג פונעם פעאָדאַליזם איז אינגאַנצן ניט געבונדן מיט דעם אינעווייניקסטן גאַנג פון דער געזעלשאַפטס עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אָדער מיט דער אַנטוויקלונג פון אירע פּראָדוצירנדיקע כוחות; זיין אַנטשטייאונג איז גאָר געבונדן מיטן ווירקונגס־פּראָצעס פון די מיליטערישע און פּאָליטישע כוחות — אַמאָל פאַראייניקטע און אַמאָל צעשפּאַלטענע.

די אַנטשטייאונג פונעם פעאָדאַלן רעזשים גיט אונז אַ נייע באַשטעטיקונג פון אָט דעם ווייטערדיקן פאַקט: דאָס אויפקומען, איינהאַלטן און אונטערגיין פון סאָציאַלע גרופּעס; דאָס אַנטשטיין און פאַרשווינדן פון פאָרמען פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע; דאָס אויסבעסערן אָדער פאַרערגערן די לעבנס־באַדינגונגען פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן; די באַוועגונג פון קלאַסן אויפן וועג פון זייער באַצווינגונג אָדער באַפרייאונג, — דאָס אַלץ געפינט זיך ניט אין קיין שום פאַרבינדונג מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און מיטן מצב פון אירע פּראָדוצירנדיקע כוחות; די דאָזיקע קאָמבינאַציעס קענען אָבער אָפּהענגען פונעם צוזאַמענשפּיל פון די כוחות און פונעם כאַראַקטער פון די אינטערעסן פון יענע סאָציאַלע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַט אין זייער רשות די מאַכט, און וואָס עס איז גאָר וויכטיק — וואָס האָבן באַזעסן די מיליטערישע און פּאָליטישע מאַכט, און ניט נאָר יענע וואָס מען קען דערלאַנגען אין רעזולטאַט פון דער ציווילער איינשטעלונג. מיר האָבן פאַר זיך — איינעם פון די אַספּעקטן פון דער אַלטער פראַגע וועגן קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן קראַפט און רעכט, אַוועקגעשטעלט אין אַ מער אַלגעמיינער פאָרעם.

# קאַפּיטל ניין

## דער טויש פון רעזשימען און די טיפּן עמאַנסיפּאַציע

### 1

צי איז די עוואָלוציע פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען בכלל אונטערגעוואָרפן אונטער אַ וועלכן עס איז פּערמאַנענטן געזעץ פון היסטאָרישן דינאַמיזם?

פריער פאַר אַלץ הענגט אָפּ די דאָזיקע עוואָלוציע פון די ענדערונגען אין די כאַראַקטער־סימנים, אין די אינטערעסן און פעאיקייטן פון די סאָציאַלע גרופּעס.

די כאַראַקטער־סימנים פון די גרופּעס קענען זיין אַ פּראָדוקט פון ביאָלאָגישער עוואָלוציע (אונטערשידן פון ראַסע און נאַציע, אונטערשידן פון געשלעכט, די לעבנס־אַנטשלאָסנקייט, די אויסשטאַרבונג, דעגענערירונג), פון פּסיכאָלאָגישער עוואָלוציע (דאָס אויפקומען און פאַרשווינדן פון רעליגיעזע גלויבונגען, איינפלוסן פון הומאַניטאַריזם, פאַרווילדערונג), פון דער אַריינמישונג פון קראַפט און געוואַלט (באַצווינגונג, פאַרשקלאַפונג) און פון דער עוואָלוציע פון די ציווילע און עקאָנאָמישע באַציאונגען (דער וואוקס אָדער די פאַרקלענערונג פון סאָציאַלער אומגלייכקייט). די ענדערונג אין די כאַראַקטער־סימנים קען קומען אָדער פון פיזיקאָ־ביאָלאָגישע ענדערונגען (אויסשטאַרבונג, אויסמישונג פון ראַסן און נאַציעס, פאַרשלינגונג אָדער פּשוט פאַרניכטונג), אָדער פון אַ נייער כוחות־פאַרטיילונג, אָדער פון איבעראַנדערשונגען אין דער עוואָלוציע פון דער סיסטעם פון ציווילע באַציאונגען. די ענדערונג אין די אינטערעסן פון די סאָציאַלע גרופּעס קען זיין פאַרבונדן מיט דער ענדערונג פון די כאַראַקטער־סימנים (רעליגיעזע אינטערעסן, נאַציאָנאַלער פּאַטריאָטיזם), מיט דער ענדערונג אין דער נאַטור פון די אוטיליטאַרע מאָטיוון (מען שאַצט זיכערקייט העכער פאַר פרייהייט, רייכטום — העכער פאַר מאַכט) און מיטן איינפלוס פון מאָראַלישע כוונות. די ענדערונג אין די פעאיקייטן פון די סאָציאַלע גרופּעס באַשטייט דער עיקר אין דער ענדערונג פון זייערע כוחות און פון זייער פּסיכאָלאָגישער באַוואוסטזיניקייט.

אין די פאַלן ווען איין סאָציאַלע גרופּע ווערט געפלאָגט דורך אַן אַנדער גרופּע, און בפרט אין די פאַלן פון קלאַסן־אונטערדריקונג און עקס־

פלואַטאַציע, קענען די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פאַרבלייבן אומגעענ־
דערט במשך אַ לאַנגע צייט, אָדער פאַרקערט זיי קענען זיך יאָ ענדערן
אונטער דער ווירקונג פון פאַרשידענע סיבות.

די ענדערונג אינעם כאַראַקטער פון דער אונטערדריקונג — עס
מיינט, זי זאָל פאַרלייכטערט ווערן אָדער אינגאַנצן אויפהערן — קען זיין
אַ פועל־יוצא אָדער פון אַ קאַמף צווישן צוויי אַנטאַגאָניסטישע גרופּעס,
אָדער פון אַנווענדן כוח קעגן דער הערשנדיקער גרופּע מצד אַ גרופּע פון
אַ צווייטן טיפּ, אָדער פון דער עוואָלוציע אין דער סיסטעם פון די ציוויל־עקאָנאָמישע באַציאונגען, אָדער פון אַן אוטיליטאַרער אויסרעכענונג
פון דער הערשנדיקער גרופּע אַליין, אָדער פון דער אַנטווערטונג פון אַ
געוויסן אינטערעס, אָדער ענדלעך צוליב דער ווירקונג פון סיבות פון
מאָראַלישן כאַראַקטער. דער קאַמף פון אַ געפּלאָגטער גרופּע קען זיין
געווענדט אָדער קעגן דער הערשנדיקער גרופּעס דירעקטן באַנוצן זיך
מיט כוח און געוואַלט, אָדער קעגן דעם סאָציאַלן רעזשים גופא, ווען די
עוואָלוציע פון זיין ציווילער סיסטעם־איינשטעלונג פירט — אומאָפּהענ־
גיק פון יעדער מין געוואַלט — צו סאָציאַלער אומגלייכקייט, אונטערדרי־
קונג און עקספּלואַטאַציע.

פון דעם איז צו זען, אַז דער קאַמף צווישן די אַנטאַגאָניסטישע גרו־
פּעס, ובפרט דער קלאַסן־קאַמף, איז נאָר איינע פון די פאָרמען פון דער
באַוועגונג, וועלכע פירט צו דער באַפרייאונג אָדער עמאַנסיפּאַציע פון די
גרופּעס, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער דער אונטערדריקונג און
עקספּלואַטאַציע.

דאָ שטעלט זיך פאַר אונז ווידעראַמאָל אַ פראַגע: צי עקסיסטירט
אַן אומפאַרענדערלעכער געזעץ פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין דער
ריכטונג צו דער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע גרופּן און קלאַסן?

די געשיכטע זאָגט, ראשית־כל, עדות קאַטעגאָריש קעגן דער אי־
דייע, אַז יעדער אַנטאַגאָניזם וואָס עקסיסטירט צווישן אונטערדריקער און
אונטערדריקטע מוז אומפאַרמיידלעך פירן צו אַן אויפשטאַנד און צו אַ
קאַמף פון די לעצטע קעגן די ערשטע. אין קעגנטייל, די געשיכטע לערנט,
אַז די אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן קען זיך ציען אַן
אומבאַשטימט לאַנגע צייט, ניט אַרויסרופנדיק מצד די געפּלאָגטע קיין
שום פילבאַרע רעאַקציע. דאָס באַציט זיך צו אַלע דריי טיפּן אונטערדרי־
קונג און עקספּלואַטאַציע: ביי פריווילעגיקער סובאָרדינאַציע; ביי עקס־
פּלואַטאַציע וואָס קומט פון „נאָרמאַלן" אויספירן די ציווילע סיסטעם־
איינשטעלונג, למשל אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט; ביי
פאַרשקלאַפונג און אונטעדריקונג וואָס קומען פון אַנווענדן כוח און געוואַלט.

ווען די עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן ווערט ניט געשאַפן מיט דער הילף פון געוואַלט, נאָר באַזירט זיך אויפן פּריוויליקן נעמען אויף זיך די לאַגע דורך די מאַסן, וועלכע גיבן זיך איבער — צוליב רעליגיעזע איינפלוסן — אונטער דער מאַכט פון די כּהנים, מאַגן, אָדער גייסטלעכע, — אין יענע פאַלן קען מען באַנעמען דעם קאַמף נאָר ווי אַ קאָנפליקט צווישן געדאַנק און קריטיק, ווי אַ קאַמף קעגן דעם צושטאַנד פון די באַוואוסטזיינס און קעגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די אונטערדריקטע, וואָס זי איז דער מקור ראשון פון זייער פאַרשקלאַפונג. אָבער דער קריטישער געדאַנק אַנטוויקלט זיך גאַרניט אויף אַ גויטוועגדיקן אופן, ווי אַ מין סטיכישע קראַפט אינעם לאַבירינט פון פאָלקס באַוואוסטזיין. עס איז נויטיק, אַז עס זאָל קומען אַן אָנפירנדיקע איניציאַטיוו און אַז זי זאָל אַרויסווייזן איר איינפלוס. און אַזעלכע קומט גאָר ניט דווקא שטענדיק. פון דאַנען נעמט זיך די פעסטקייט פון די רעליגיעס און פון די מגושמדיקסטע און אָבערגלויבישע איינרעדענישן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען, קען די אָרגאַניזאַציע פון דער הערשנדיקער גרופּע אפילו וואַקסן און פאַרשטאַרקן זיך, אפילו אין דער מיטהילף פון דער ציוויל־עקאָנאָמישער סיסטעם־איינשטעלונג. אַזוי האָט די קאַטוילישע קירך אין מיטלאַלטער אָנגעזאַמלט קאָלאָסאַלע עשירות, אַדאַנק די פּריוויליקע נדבות, מתנות און צוואות פון די גלויביקע.

אין די פאַלן ווידער, ווען די אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע שטאַמען ניט פונעם אָנווענדן געוואַלט, נאָר פונעם נאַטירלעכן פּראָצעס פון דער עוואָלוציע פון דער ציוויל־עקאָנאָמישער סיסטעם־איינשטעלונג, וואָס אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט פירט זי אוממפאַרמיידלעך צו סאָציאַלער אומגלייכקייט (און זי איז דאָך אַליין פון איר זייט אַן אוממפאַרמיידלעכער מקור פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע), — דעמאָלט קען זיך ניט שאַפן אין דער מאַסע ניט קיין באַוואוסטזיין פונעם טיפן סאָציאַלן שלעכטס, ניט דער פאַרשטאַנד אַז מען קען דאָס שלעכטס בייקומען; און דאָס ציט זיך אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער אינדיווידואַליסטישער רעזשים ווערט פון אַלעמען אָנערקענט ווי אַן אומבאַדינגטע און איינציק־מעגלעכע פאָרעם פון סאָציאַלן לעבן, און ווי לאַנג אַלע צרות וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן ווערן איינשטימיק אָנערקענט ווי אַ בייז, וואָס איז בכלל אוממפאַרמיידלעך אין מענטשישן לעבן. ווידעראַמאָל איז דאָ נויטיק, עס זאָל קומען די איניציאַטיוו.

אָבער אויך אין יענעם פאַל, ווען די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען נעמען זיך אין פעלער מאַס אָדער טיילוויז — פונעם אָנווענדן כּוח און געוואַלט, קען די עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פאַרבלייבן אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אַן אומבאַשטימט לאַנגע צייט, ניט אַרויסרופנ־

דיק קיין קאַמף אין אייגנטלעכן זינען. ווייל די פאַרשקלאַפונג פון די סאָציאַלע גרופעס ווערט אָפט באַגלייט פון אַזעלכע דערשיינונגען: אָדער עס פעלט באַוואוסטזיין, אָדער עס פעלט כוח, אָדער עס פעלן ביידע זאַכן.

ווען די פאַרשקלאַפונג פון אַ סאָציאַלער גרופע ציט זיך לאַנג, קען אינגאַנצן אויסגעלאָשן ווערן דער באַוואוסטזיין ביי די יחידים פון וועלכע זי באַשטייט, עס קען אין זיי אַטראָפירט ווערן דאָס געפיל פון זעלבסט־ווערדע, עס קען אין זיי אונטערדריקט און דערשטיקט ווערן יעדער שטרעבן צו עמאַנסיפאַציע, און עס קען זיך אין זיי אויסאַרבעטן אַ פסיכאָלאָגיע פון פולשטענדיקער צופרידנקייט מיט זייער גורל. די אויסטערלישסטע פאָרמען פון קאַסטן־היעראַרכיע, פון פאָליטישן יאָך און קלאַסן־עקספלואַטאַציע קענען זיך האַלטן דורות לאַנג און אפילו יאָרטויזנטער, ניט אַרויסרופנדיק ביי די געפלאָגטע קיין שום סימן פון פראָטעסט. די טראַדיציע און דאָס פלאַנמעסיקע דרעסירן די מענטשן דורך זייערע האַרן און סעניאָרן — פאַרוואַנדלט די דעמאָראַליזאַציע אין אַ מאָראַל־שטייגער, און עס ווערט קולטיווירט אין די פאַרשקלאַפטע מאַסן אַ מין קנעכטישער אינסטינקט. די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן קריסטאַליזירן זיך אין פאַרגליווערטע פאָרמען, וועלכע האַלטן אָן אַ פעסטן גלייכגעוויכט; קיין שום אינעווייניקסטער אויפרייס, קיין שום טיפע אַרבעט פון די געזעלשאַפטלעכע מאָלעקולאַרע כוחות — קענען ניט צעשטערן דעם גלייכגעוויכט, דאָס קען מאַכן נאָר אַן אויסנווייניקסטע אויפטרייסלונג.

די מענטשן־מאַסן אין די באַרבאַרישע און מזרחדיקע דעספאָטיעס טראָגן דעם יאָך אָן שום קלאָגן־זיך. די פאַריער אין אינדיע האָבן קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן זיך צו קלאָגן אויף זייער ביטערן גורל, אָדער צו שטרעבן אים אויסצובעסערן. די עגיפטישע פעלאַכן האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין אויפשטאַנד (אויב מען זאָל לאָזן אין אַ זייט די סאָציאַלע פערטורבאַציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין עגיפטן אַן ערך אַ צוויי יאָרטויזנט פ״ק און וואָס וועגן זיי איז פאַרבליבן נאָר אַ נעפלדיקע טראַדיציע).

די געשיכטע ווייסט אויך פון זייער אַ סך פאַלן, ווען די אונטערדריקטע סאָציאַלע גרופעס זיינען גאַנץ באַוואוסטזיניק געווען בנוגע דעם יאָך פון זייער פאַרשקלאַפונג און דער נויטיקייט פון אַ בעסערן גורל, און דאָך האָבן זיי פאַסיוו געטראָגן ווייטער זייערע אומענדלעכע ליידן, ווייל זיי זיינען געווען איבערצייגט אין זייער פולער הילפלאָזיקייט — ווירקלעכער צי נאָר כלומרשטער — אַנטקעגן דעם כוח פון זייערע באַדריקער.

ווען אין רוים האָט זיך, אויף די חורבות פון דער רעספובליקע, פאַרשטאַרקט דער טרוין פון די צעזאַרן, האָט די שטאָלצע רוימישע אַריסטאָקראַטיע, פול מיט זכרונות וועגן איר גרויסקייט פון אַמאָל, געהאַלטן פאַר איר איינציקער מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן דעם גרויזאַמען דעס־

פּאַטיזם פון אוזורפּאַטאָרישער טיראַניע — נאָר דורך דעם, וואָס זי האָט פּאַסיוו אונטערדריקט אירע אייגענע אָפּאָזיציע־געפילן. און שפּעטער, ווען די גאַנצע געזעלשאַפט איז דערפירט געוואָרן צו דער לעצטער מדרגה דעגראַדאַציע, און דער מזרחישער דעספּאָטיזם האָט דאָס לאַנד דעזאָרגאַני־זירט, געשטיקט און חרוב געמאַכט, — האָט קיין איין קלאַס אין דער געזעלשאַפט ניט געמאַכט קיין שום ערנסטן פּרוּוו אַרויסצוגיין מיט אַ ווידערשטאַנד קעגן דער דאָזיקער שעדלעכער פּאָליטיק.

די אונטערדריקונג האָט ניט געבראַכט מיט זיך אומפאַרמיידלעך דעם פּועל יוצא, אַז עס זאָל זיך אָנהויבן אַ קאַמף קעגן די אונטערדרי־קער. און האָט זיך שוין אַזאַ קאַמף אָנגעהויבן, האָט אים ווייט ניט אַלע מאָל באַגלייט דער דערפאָלג.

פעלקער און לענדער, וואָס זיינען אונטערי אַכט געוואָרן דורך דער מיליטערישער קראַפט פון זייערע באַצווינגער, האָבן דורות לאַנג גע־טראָגן דעם יאָך, און דורך דערפאָלגלאָזע אויפשטאַנדן האָט זיך ניט גע־לאָזט צו באַקומען די פרייהייט. לאָמיר זיך דערמאָנען די באַצווינגונגען פון די מזרחישע דעספּאָטן, די באַצווינגונגען פון די רוימער, פון די באַר־באַרן, פון די נאָרמאַנען, אַראַבער, טערקן, און פאַרשידענע פילצאָליקע באַצווינגונגען, אָנעקסיעס און צעשפּליטערונגען, וואָס זיינען דורכגע־פירט געוואָרן במשך די לעצטע יאָרהונדערטער. אָפט געשעט, אַז דער קאַמף פאַרענדיקט זיך מיט דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג אָדער אויס־שטאַרבונג פון אַ גאַנצער ראַסע (די רויטע אינדיאַנער אין אַמעריקע, די טאַסמאַניער אויפן אינזל טאַסמאַניע). אין אַנדערע פאַלן פירט דער קאַמף ניט צום פיזישן חורבן, נאָר צו אַ מאָראַלער פאַרניכטונג פון פאָלק: עס פאַרלירט זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, די זיגערס אַסימילירן אים אָדער שטויסן אַרויס זיין רעליגיע.

די מיינונג, אַז יעדער קלאַסן־אונטערדריקונג פירט צום קאַמף און אַז ער ווערט געקרוינט מיטן נצחון פונעם געפּלאָגטן קלאַס, איז אין גאַנצן ניט אין הסכם מיטן היסטאָרישן אמת.

אַלע אויפשטאַנדן פון די העלאָטן אין דער אַנטיקער לאַקאָניע האָבן ניט געהאַט קיין דערפאָלג און זיך געענדיקט מיט שרעקלעכע רעפּרע־סיעס. נאָר די טיראַניע פון נאַביסן און די צערודערונגען אין יענער עפּאָ־כע האָבן געעפנט אַ טיר פאַר זייער פרייהייט. אין רוים האָט דער קאַמף פונעם פלעבס קעגן פּאַטריציאַט זיך פאַרענדיקט מיט געוויסע יורידישע און ציווילע געווינסן פונעם נידעריקן קלאַס. אָבער דער קאַמף פאַר דער אַגראַר־רעפאָרמע, וועלכער איז אַנטשטאַנען פון סאַמע אָנהויב פון דער רוימישער רעפּובליק און וואָס זיין המשך איז געווען צווישן פּראָלעטאַ־ריאַט און דער נייער אַריסטאָקראַטיע, האָט שוין געבראַכט נאָר אייניקע

קאָנצעסיעס און פּאַליאַטיוון, און שפּעטער נאָכן פאַלן פון דער רעפּובליק האָט דער קאַמף אינגאַנצן אויפגעהערט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט, אַפּנים, פאַרלוירן יעדן חשק צו קעמפן פאַר אַ מער אַנשטענדיקע עקסיסטענץ, און טיילווייז האָט ער בעת די צעזאַרן דעגענערירט צו אַ צושטאַנד פון אַ פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט. אין די אַלט־גריכישע רעספּובליקעס האָט זיך דער קאַמף צווישן דעם העכערן און נידעריקן קלאַס, צווישן די „רייכע און אָרעמע“, געצויגן יאָרהונדערטער גאַנצע, און ער האָט ניט געבראַכט קיין שום פעסטן אָרגאַנישן רעזולטאַט: די אָרעמע האָבן אויסגעקוילעט אָדער אַרויסגעטריבן די רייכע, זיי האָבן מבטל געמאַכט די חובות, צעטיילט צווישן זיך די ערד, די הייזער און דאָס פאַרמעגן פון די „עקספּראָפּריאירטע“, שפּעטער האָבן די לעצטע אָנגעזאַמלט כוחות און „עקספּראָפּריאירט די עקספּראָפּריאַטאָרס“, און אַלץ איז געגאַנגען פון דאָס ניי צוריק מיטן זעלבן שטייגער. אין די מיטלאַלטערדיקע רעספּובליקעס פון איטאַליע איז געגאַנגען אַ כסדרדיקער קאַמף פון די פּאַרטייען, דערביי האָט זיך דער שטאָטישער בורזשואַזיע אין דעמאָקראַטישן פלאָרענץ איינגעגעבן צו ליקווידירן די פּריווילעגיעס פון דעם קלאַס נאָבעלן; די נידעריקע צעכן אָבער האָט זיך ניט איינגעגעבן צו דערשלאָגן זיך ענדגילטיק, אַז זייער ראַנג זאָל אויסגעגלייכט ווערן מיט די העכערע אין פּרט פון פּאָליטישע רעכט.

דער קלאַס שקלאַפן אין אורעלטער, האָט זיך ניט דערשלאָגן זיין באַפרייאונג אין רעזולטאַט פון אַ זיגרייכן קאַמף. נאָך אַ רייע אויפשטאַנדן אין גריכנלאַנד, מאַקעדאָניע און רוים (פון די טאַרקוויניער אָן ביז ספּאַרטאַקן), אויפשטאַנדן וואָס זיינען אונטערדריקט געוואָרן מיט כוח, האָבן זיך די שקלאַפן אונטערגעוואָרפן און זיך אינגאַנצן אויף ווייטער אָפּגעזאָגט פון וועלכן עס איז עמאַנסיפּאַציע־קאַמף, שקלאַפעריי האָט ווייטער עקסיסטירט במשך פון אַ טויזנט יאָר און איז פאַרשוואונדן געוואָרן נאָר אונטערן דרוק פון סיבות, ביי וועלכע קאַמף האָט שוין קיין שום ראָלע ניט געשפּילט.

אויך די עמאַנסיפּאַציע פונעם קלאַס לייבאייגענע איז ניט דערגרייכט געוואָרן ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ זיגרייכן קאַמף. אויפשטאַנדן פון די האַלבפרייע פויערים פלעגן פאָרקומען אָפט, נאָך אין דער עפּאָכע פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן, אָנגעהויבן פון דריטן י״ה, אין אַפריקע, אין סיציליע, אין גאַליע („די באַגאַודן“). אָט די אַלע אויפשטאַנדן זיינען דערשטיקט געוואָרן מיט כוח, און די לאַגע פונעם געפּלאָגטן קלאַס איז נאָך ערגער געוואָרן. במשך פון יאָרהונדערטער האָבן די פויערים וואָס זיינען געוואָרן לייב־אייגענע, מיט הכנעה געליטן אַלע שוידערלעכקייטן פון דער באַרבאַרישער עפּאָכע. פון סוף 10טן י״ה האָבן זיך די אויפשטאַנדן פון

די פּויערים באַנייט. די פּויערים־אויפשטאַנדן אין פראַנקרייך אין 12טן און 14טן י״ה (די „זשאַקעריעס״), אין ענגלאַנד אין 1831טן יאָר, אין דייטשלאַנד אין 16טן י״ה נאָך דער רעפאָרמאַציע, — האָבן אומעטום נאָר געבראַכט מיט זיך גרויזאַמע רעפּרעסיעס. טען שטרייכט אונטער, וואָס פאַר אַ טעראָריזירנדיקע ווירקונג די רעפּרעסיעס האָבן געהאַט אויף דעם גייסט פון די אויפשטענדלער. נאָר אין אייניקע פאַלן זיינען די אויפ־שטאַנדן פון די לייב־אייגענע און האַלב־לייב־אייגענע פּויערים געקרוינט געוואָרן אויב ניט מיט דערפאָלג, איז לפּחות מיט געוויסע דעראָבערונגען. אָבער אַ סך אָפטער האָבן זיך די לייב־אייגענע באַפרייט ווייל זיי האָבן זיך אויסגעקויפט, געקומען צו אַ הסכם מיט זייערע באַלעבאַטים, און אַדאַנק דער אַריינמישונג פון דער מלוכה. די דאָזיקע עמאַנסיפּאַציע איז אָפט דורכגעגאַנגען אין פאָרעם פון אַ קאָמפּראָמיס.

וואָס שייך דער שטאָטישער בורזשואַזיע, האָט איר קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונעם פעאָדאַלן יאָך און פון די מיטלאַלטערדיקע שטערונגען ביים אָרגאַניזירן די שטאָטישע קאָמונעס, געשפּילט נאָר אַ געוויסע ראָלע צווישן די אַנדערע סיבות וואָס האָבן געווירקט אין דער זעלבער ריכטונג. די עוואָלוציע גופא פון דער בורזשואַזיע איז פאַרבונדן מיט איר אָנזאַמ־לען עשירות. אין פראַנקרייך איז דער הויפּט־כוח, וואָס האָט מבטל גע־מאַכט דעם פעאָדאַליזם, געווען די קעניגלעכע מאַכט, און זי איז ניט אַלע מאָל געווען די פאַרבינדעטע פון דער בורזשואַזיע. פון דער אַנדער זייט, די בורזשואַזיע האָט דערגרייכט איר פּאָליטישע הערשאַפט נאָר פאַרן פרייז פון קאָמפּראָמיסן אויף רעכטס און אויף לינקס. פולשטענדיקע פּאָ־ליטישע הערשאַפט באַזיצט די בורזשואַזיע נאָר אין דער צענזן־רעפּובליק.

## 2

היוצא לנו, קאַמף — איז נאָר איינע פון די מעגלעכע פאָרמען פון דער מעגלעכער באַוועגונג, וואָס פירט צו דער באַפרייאונג פון די גע־פּלאָגטע סאָציאַלע גרופּעס, צו דער ענדערונג פון דער סטרוקטור אין דער געזעלשאַפט און פון די אונטערדריקונגס־פאָרמען, צו דעם באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פון קלאַסן און סאָציאַלע גרופּעס. אין יענע פאַלן, ווען קיין קאַמף קומט ניט פאָר אָדער ער גייט דורך אָן דערפאָלג, קענען פאַר־שידענע וועגן פירן צו עמאַנסיפּאַציע.

אָפט זיינען וויכטיקע ענדערונגען אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אַ פּועל יוצא פון קאָנפליקטן, וואָס דריקן זיך אויס ניט אין אַ קאַמף צווישן די אונטערדריקטע און אונטערדריקער, נאָר וואָס זיינען גאָר אויפגעקו־מען צווישן די אונטערדריקער און אַ צווייטער סאָציאַלער גרופּע, צוליב

גאָר אַן אומאָפּהענגיקן אַנטאַגאַניזם, וואָס טיילט זיי פונאַנדער, אָדער צו־ליב אַ רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט וואָס פאַרבינדט די גרופּע מיט דער אונטערדריקטער גרופּע. אַזוי האָט דער נצחון, וואָס דער אויסנווייניק־סטער שונא האָט אָפּגעהאַלטן איבער איינער פון די קעמפנדיקע פּאַרטייען אין די אַלט־גריכישע רעספּובליקעס, געפירט איינמאָל צו דער באַ־פרייאונג פון די שקלאַפן אָדער פון די האַלב־פאַרשקלאַפטע מאַסן. אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג, אין פּרט פון דערהויבן די נידעריקערע קלאַסן, האָט פּאַסירט שפּעטער אין רעזולטאַט פונעם קאַמף פון די פּאָליטישע פּאַר־טייען און פון די בירגער־קריגערייען אין די מיטלאַלטערלעכע איטאַליע־נישע רעפּובליקן. די באַרבאַרן־אינוואַזיע און דאָס פאַלן פון רוימס אימ־פּעראַטאָרישער מאַכט האָט געהאַט דעם פּועל יוצא, אַז עס איז צעשטערט געוואָרן די פאַרהאַסטע פּיסק־סיסטעם, דער מוניציפּאַלער רעזשים, די קאַסטן־סיסטעם און די קאָרפּאָראַציעס, און עס זיינען באַפרייט געוואָרן די קוריאַלן, און אייניקע גרופּעס אַרבעטער זיינען עמאַנסיפּירט געוואָרן. די מלחמה פון דער קעניגלעכער מאַכט מיט די פעאָדאַלע סעניאָרן אין פראַנק־רייך האָט געהאָלפן דער דערהויבונג פון דער בורזשואַזיע און פון „דריטן שטאַנד". די מלחמה פון די ענגלישע באַראָנען מיט דער קרוין און זייער נצחון אינעם דאָזיקן קאַמף האָבן געבראַכט צו דעם, אַז פּאָליטישע רעכט זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן ניט נאָר לטובת דער ענגלישער אַריסטאָ־קראַטיע, נאָר אויך לטובת דער בורזשואַזיע, לטובת דעם פאָלק און דעם גאַנצן לאַנד. די מלחמה, וואָס די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און טיילווייז נאַפּאָלעאָן האָבן געמוזט פירן קעגן די אַנדערע לענדער פון איי־ראָפּע, האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין אייניקע פון די דאָזיקע לענדער זיינען אין רעזולטאַט פון זייערע מפּלות בטל געוואָרן די פעאָדאַלע איינ־ריכטונגען און דאָס לייב־אייגנטום. די נעגערס פון די דרומדיקע שטאַטן פון דער צפון־אַמעריקאַנער פעדעראַציע האָבן צו פאַרדאַנקען פאַר זייער באַפרייאונג ניט זייער אייגענעם קאַמף אָדער אויפשטאַנד, נאָר דאָס וואָס די צפונדיקע שטאַטן האָבן זיך אַריינגעמישט פאַר זייער טובה וועגן און אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די שקלאַפן־אייגנטימערישע שטאַטן. די באַ־וואָפנטע אינטערווענץ פון פראַנקרייך האָט אַרויסגעריסן פון אונטער עסט־רייכס יאָך אַ גרויסן טייל איטאַליע. דאָ האָט אומעטום כוח געקעמפט קעגן כוח. אָבער דער כוח, וואָס האָט גוטס געטאָן פאַר דער אונטערדריקטער גרופּע, איז אַרויסגעקומען ניט פון איר גופא.

אין אַנדערע פאַלן האָט אַזאַ מין כוח געקענט אַרויסקומען פון דער מלוכהשער מאַכט: ווי עס זאָל ניט געווען זיין איר נאַטור, האָט זי אָבער — אַרויסגייענדיק פון מער אַלגעמיינע אינטערעסן — דיקטירט מאָסמיט־לען, וואָס צו קעמפן קעגן זיי זיינען די באַזונדערע קלאַסן אָדער גרופּן

געוועז מאַכטלאָז; אין אַזעלכע פֿאַלן באַקומט זיך, אַז די מלוכה איז ניט די פֿאַרטרעטערין אָדער דאָס געווער פֿון אַ וועלכער עס איז איינער פֿון די אַנטאַגאָניסטישע גרופּעס. אַזוי האָט די אימפּעראַטאָרישע מאַכט אין רוים, בעת קאַראַקאַלאַן, — אין די אינטערעסן פֿון פּיסק — געגעבן רוי־מישע בירגער־רעכט דער גאַנצער פֿרייער באַפֿעלקערונג פֿון דער אימ־פּעריע. די זעלבע אימפּעראַטאָרישע מאַכט האָט — אויך אין די אינטע־רעסן פֿון פּיסק — צוגעפֿעסטיקט צו דער ערד יענע שקלאַפֿן, וואָס האָבן פֿון זייערע באַלעבאַטים באַקומען חלקים ערד אויף צו באַאַרבעטן, און אויף אַזאַ מין וועג זיינען זיי אַלע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייב־אייגענע. אין צפֿון־איטאַליע איז לייב־אייגנטום אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דורך דער גע־זעצגעבונג פֿון די מוניציפּאַלע רעספּובליקעס. אין פּרייסן און אין רוס־לאַנד, בעת דעם מאָנאַרכיסטישן רעזשים, איז לייב־אייגנטום אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דורך אַן אַקט פֿון דער העכסטער מאַכט, אין נאָמען פֿון די „איב־טערעסן פֿון דער מלוכה". אין ענגלאַנד און אויך אין פֿראַנקרייך האָט די מלוכהשע מאַכט אָפּגעשאַפֿט שקלאַפֿעריי אין זייערע קאָלאָניעס. אין אַ צאָל ענלעכע פֿאַלן, איז די זאַך פֿון דער עמאַנסיפּאַציע דורכגעפֿירט גע־וואָרן אין פֿאָרעם פֿון אַ קאָמפּראָמיס.

די ציוויל־עקאָנאָמישע עוואָלוציע — דאָס איז אַ מעכטיקער קוואַל פֿון דער סאָציאַלער באַוועגונג, וואָס אַמאָל שאַפֿט זי און פֿאַרשאַרפֿט, און אַמאָל פֿאַרקערט, טעמפּט זי אָפּ און ניוועלירט די סאָציאַלע אומ־גלייכקייט און די אַנטאַגאָניזמען און אונטערדריקונגס־פֿאָרמען, וואָס זיינען מיט איר פֿאַרבונדן. אָבער אַליין פֿאַר זיך קען ניט די דאָזיקע עוואָלוציע אויטאָמאַטיש ענדערן די פֿאַרהעלטענישן, וועלכע באַזירן זיך אויף כוח, געוואַלט און באַצווינגונג. די עוואָלוציע פֿון דער סיסטעם ציווילע באַ־ציאונגען קען שאַפֿן אַזעלכע רעסורסן, וואָס אין איינע פֿאַלן זאָלן זיי דער־מעגלעכן אָנצוהייבן און פֿאַרצוזעצן דעם קאַמף קעגן די אונטערדריקונגס־כוחות, אין אַנדערע אָבער פֿאַלן זאָלן זיי, פֿאַרקערט, פֿאַרשטאַרקן די אונ־טערדריקנדיקע גרופּע. די עוואָלוציע פֿון דער סיסטעם ציווילע באַצי־אונגען קען שאַפֿן אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע עס זאָל מעגלעך ווערן צו דערגרייכן פֿולע אָדער טיילווייזע עמאַנסיפּאַציע, ניט אָנקומענדיק צו קאַמפֿן, נאָר מחמת אַ קעגנזייטיקן אָפּמאַך צווישן צוויי אַנטאַגאָניסטישע גרופּעס, לאָמיר זאָגן אויפֿן וועג פֿון געלט־קאָמפּענסאַציע. אַזוי איז גע־ווען אין דער צווייטער העלפֿט מיטלאַלטער: די פֿילצאָליקע פֿעאָדאַלע סעניאָרן זיינען פֿאַראָרעמט געוואָרן, גלייכצייטיק האָט די בורזשואַזיע עקאָנאָמיש פּראָגרעסירט; האָט דאָס געבראַכט צו דעם, אַז עס זיינען גע־שלאָסן געוואָרן זייער אַ סך אָפּמאַכן, וואָס אויף זייער גרונט האָבן זיך די סעניאָרן אָפּגעזאָגט פֿון זייערע פֿעאָדאַלע רעכט פּשוט פֿאַר אַ געלט־

באַלוינונג, אָבער דורך דעם איז די פעאָדאַלע אָרדענונג צוביסלעך אונ־טערמינירט געוואָרן.

אוטיליטאַרע חשבונות האָבן אָפט געשטעקט אין דעם, ווען די הערשנדיקע גרופּעס און קלאַסן האָבן — אויף זייער אייגענער איני־ציאַטיוו אָדער ווי אַ פּועל יוצא פון פּריוויליקע הנחות פון זייער זייט — מסכים געווען אויף אַזעלכע ענדערונגען, וואָס אין דער אונטערשטער שורה האָבן זיי אין אַ גרעסערער צי אין אַ קלענערער מאָס אָפּגעשוואַכט די עקסיסטירנדיקע פאָרמען פון אונטערדריקונג און אונטעריאָכונג. בעיקר האָבן זיך אַזעלכע זאַכן געמאַכט אין פאָרעם פון קאָמפּראָמיסן. מיר האָבן שוין אויבן געבראַכט ביישפּילן פון ענלעכע פאַרענדערונגען.

אין דער אַנטיקער וועלט, למשל, פלעגן די שקלאַפן אָפט באַקומען פרייהייט אויפן וועג פון אויסקויף. עס איז גאַנץ מעגלעך אַפילו, אַז ווען ניט די אימפּעראַטאָרישע פּאָליטיק און ווען ניט די באַרבאַרן־אינוואַזיע, וואָלט שקלאַפעריי אינגאַנצן פאַרשוואונדן, אויפן וועג פון פּריוויליקן הסכם צווישן יחידים, און זי וואָלט זיך ניט פאַרוואַנדלט אין לייב־אייגנ־טום. די התחלה פון דער פאַרוואַנדלונג פון שקלאַפעריי אין לייב־אייגנ־טום איז אין רוים געקומען מיט דער סיסטעם פון אויסטיילן די שקלאַפן ערד־חלקים, וועלכע זיי האָבן באַאַרבעט בתור האַלב־פרייע פאַרמערס. די באַפרייאונג פון אַ קאָלאָסאַלער צאָל לייב־אייגענע אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד איז פאָרגעקומען אויפן וועג פון אויסקויף. עס איז באַקאַנט, אַז אין ענגלאַנד איז ניט פאַראַן קיין שום געזעץ, וואָס זאָל האָבן סאַנקציאָנירט דאָס אָפּשאַפן לייב־אייגנטום. מוניציפּאַלע פרייהייטן האָט מען אָפט געקויפט ביי די קעניגן און סעניאָרן פאַר קלינגענדיקע מטבעות. פּאַסירט האָט אויך, אַז אַמאָל האָבן די סעניאָרן געשאָנקען פרייהייט די קאָמונעס אָדער אויס קאָנקורענץ צווישן די סעניאָרן, אָדער אויס די אינ־טערעסן צו אַנטוויקלען עקאָנאָמיש זייערע טעריטאָריעס.

אין 14טן י״ה האָבן די פראַנצויזישע פעאָדאַלע סעניאָרן גענומען פאָדערן פאַר זיך דאָס רעכט צו אַנטאייגענען זייערע פּיעפן. דער קעניג־סוזערען האָט זיי גערן געגעבן דאָס דאָזיקע רעכט. די סעניאָרן זיינען געוואָרן פּשוטע אייגנטימער און זיי האָבן אין פּרינציפּ פאַרלוירן זייערע פּאָליטישע פּרעראָגאַטיוועס. אויף דעם זעלביקן אופן האָבן די ענג־לישע באַראָנען גענומען פאָדערן דאָס רעכט צו קאָמפּענסירן מיט געלט־אויסקויף זייער פּערזענלעכע מיליטער־פליכט; האָבן זיי דאָס באַקומען, אָבער צום שאָדן פון זייער פעאָדאַלער מאַכט. אין אָט דיביידע פאַלן האָבן די סעניאָרן מקריב געווען די אינטערעסן פונעם פעאָדאַלן קלאַס צוליב די מאַטעריעלע אינטערעסן פונעם דור פעאָדאַלע באַראָנען.

די קעניגן אַליין פלעגן אויך איינגיין אויף צו פאַרלירן זייערע פּאָ־ליטישע פּרעראָגאַטיוון, ווען דער געלט־דוחק פלעגט זיי באַוועגן צו זוכן הילף און שטיצע ביי דער געזעלשאַפט. אויף דעם וועג האָבן דער ענג־לישער פּאַרלאַמענט און די גענעראַל־שטאַטן אין פראַנקרייך זיך דער־שלאָגן די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן זייער מאַכט און זייערע קאָנ־טראָל־רעכט. די עסטרייכישע מאָנאַרכיע האָט זיך פריוויליק אָפּגעזאָגט פון דער אַבסאָלוטער מאַכט, אונטערן אימפּולס פון פינאַנץ־שוועריקייטן.

קריגס־מפּלות און צווּיסטונגען צווישן די הערשער זיינען אין דייטש־לאַנד געווען די סיבה פון ראַדיקאַלע רעפאָרמעס און פון אָקטראָאירן קאָנ־סטיטוציעס דורך די מאָנאַרכן. דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, וואָס ביסמאַרק האָט איינגעפירט אין דייטשלאַנד, האָט געהאַט דעם ציל צו פאַרשטאַרקן די איינהייט אינעם רייך און די אימפּעראַטאָרישע מאַכט פון די האָהענ־צאָלערנס.

אין יענע פאַלן ווען דער פאַרענדערלעכער אינטערעס, וואָס שטאַמט פון די גלויבונגען, מאַכט דורך אַ טראַנספאָרמירונג, ווערט אויך דער מאָ־טיוו גופא פאַרענדערט און עס קען אינגאַנצן פאַרשווינדן דער אַנטאַגאָ־ניזם וואָס אַנשטייט אויף דעם באָדן. אַזוי למשל, הערן־אויף אויף אַ נאַטירלעכן און אומבאַדינגטן אופן די רעליגיעזע רדיפות און רעליגיעזע אונטערדריקונג, אין דער מאָס ווי עס ווערן אָפּגעשוואַכט און עס פאַר־לירן דעם באָדן אונטער די פיס — די רעליגיעזע גלויבונגען פון די פאַר־פאָלגערס, צי פון די פאַרפאָלגטע, צי גאָר פון ביידע צוזאַמען.

ענדלעך, אידעאישע אינטערעסן, מאָראַלישע געפילן, אַלטרואיסטי־שע מאָטיוון — קענען באַוועגן ניט נאָר די עליטעס, ניט נאָר די מינדער־הייטן, ניט נאָר יחידים און גרופּעס, וואָס טרעטן אַריין אין קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג, פון וועלכער זיי ליידן, נאָר אויך יחידים און גרופּעס, וואָס זאָגן זיך פריוויליק אָפּ — אינגאַנצן אָדער טיילוויז — פון די פּרי־ווילעגיעס, וועלכע האָבן זיי דערלויבט אונטערצודריקן און עקספּלואַטירן אַנדערע. אַזעלכע כוונות קענען ווירקן אָדער אינגאַנצן זעלבשטענדיק, אָדער אין צוזאַמענהאַנג מיט מאָטיוון פון אוטיליטאַרער אויסחשבונונג. אַזוי האָבן אַזעלכע כוונות געשפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע ביים פאַרלייכ־טערן דעם גורל פון די שקלאַפן אין אַלטערטום, ביים באַפרייען די לייב־אייגענע, ביים מבטל מאַכן די שקלאַפעריי פון די נעגערס, און אויך ביי דער פּראָגרעסיווער עמאַנסיפּאַציע פון דער פרוי. ווען אין דער נאַכט פון 4טן אויגוסט, בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — האָבן די פאַרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע זיך אָפּגעזאָגט פון די פּריווילע־גיעס פון זייער קלאַס, איז דאָס ניט געווען קיין געצוואונגענער רעקלאַמע־זשעסט: די עליטע פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט

באַלאַנגט צו די מאַסאַנען־לאַזשעס, האָט דאָ געהאַנדלט אונטער דער וויר־קונג פון מאָראַליש־הומאַניטאַרע מאָטיוון, וואָס זיינען קולטיווירט גע־וואָרן אינעם אָרדן פון פריי־מויערער.

**3**

עס באַקומט זיך, בכן, אַז די עמאַנסיפּאַציע פון סאָציאַלע גרופּעס איז ניט אַן אומבאַדינגטער פּועל יוצא פון סטיכישע באַוועגונגען און נאַ־טירלעכע פּראָצעסן, וועלכע פירן אומפאַרמײַדלעך צום פאַרבייטן איינע סאָציאַלע פאָרמען מיט אַנדערע, צום פאַרבייטן די קלאַסן־הערשאַפט, צום פּראָגרעסיוון פאַרנעמען דורך די נידעריקערע קלאַסן און סאָציאַלע גרו־פּעס — דעם פּלאַץ, וואָס פריער האָבן אים פאַרנומען די העכערע קלאַסן און סאָציאַלע גרופּעס. דאָס באַציט זיך ניט נאָר צו קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען, נאָר אויך צו אַנדערע סאָציאַלע גרופּעס: שבטים, פעלקער, מלוכות, פּאָ־ליטישע ריכטונגען, קירכן. גאַנצע שבטים און ראַסעס, ווען זיי שטייען אויס רדיפות, ווערן פאַרניכטעט, אויסגעראָטן, שטאַרבן אויס. אידייען גייען אונטער. רעליגיעס ווערן אויסגעוואָרצלט. די מאַסן ליידן במשך פון דורות קלאַסן־אונטערדריקונג, פּאָליטישן יאָך, נאַציאָנאַלן, רעליגיעזן יאָך, — אויב נאָר עס שאַפט זיך ניט קיין עמאַנסיפּאַטאָרישע אידייע, אויב עס ווערט ניט אויפגעוועקט דער באַוואוסטזיין, אויב עס גיט זיך ניט איין צו אָרגאַניזירן די כוחות.

די היסטאָרישע באַוועגונג ווערט ניט געטריבן מיט אַ גלייכער ליניע, ניט אַזאַ איז דער כאַראַקטער פונעם פּראָגרעס. די סאָציאַלע עוואָלוציע שווינבלט מיט ווענד־פּונקטן און זיגזאַגן; די באַוועגונג נעמט אָפּט אָן אַ רעטראָגראַדן כאַראַקטער, פון צייט צו צייט נעמט זי אפילו אָן דעם כאַ־ראַקטער פון אַן אומקרייז. די פריערדיקע גלויבונגען, די פריערדיקע פאָרמען פון סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, די אַלטע פאָרמען פון אונ־טערדריקונג, וואָס האָבן זיך געדוכט אָדער זיי זיינען טאַקע באמת שוין פאַרשוואונדן, קענען צוריק אויפלעבן, אויפשטיין תחית־המתים און פון דאָס ניי מאַטערן די אומגליקלעכע מענטשהייט.

נאָכן נצחון פון בודיזם אין אינדיע, האָט דער בראַמאַניזם, וועל־כער איז געווען אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער ירידה, מיט אַמאָל אַנטוויקלט אַן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע, זיך צוריק געשטעלט אויף די פיס און דערקלערט אומברחמנותדיקן קריג דעם בודיזם, און עס האָט זיך אים טאַקע איינגעגעבן אויסצעוואָרצלען דעם בודיזם אין גאַנץ אינדיע, חוץ ציילאָן. אין 16טן י״ה האָט זיך אַלעמען געדוכט, אַז קאַטוילנטום האָט זיך דערקייקלט ביזן ראַנד פון תהום, מען האָט דערוואַרט דעם פול־שטענדיקן אונטערגאַנג פון פויפּסטום; האָט ער אָבער מיט אַמאָל אַנט־

פלעקט אַזאַ לעבנסקראַפט, וועלכע האָט אים דערמעגלעכט ניט נאָר אויס־צוהאַלטן דעם אָנגריף פון דער רעפאָרמאַציע, ניט נאָר איינצוהאַלטן די פּריערדיקע פּאָזיציעס, נאָר — אַדאַנק דער אינעווייניקסטער רעאַקציע — נאָך צו רעגענערירן און צו באַקומען פרישע כוחות און פרישן איינ־פלוס אויף די מאַסן. אויף דעם זעלבן אופן איז פאַרלאָפן די מוסולמע־נישע רעאַקציע אויף דעם אויפבלי פונעם פרייען געדאַנק ביי די אַראַ־בער: זי האָט טריאומפירט איבערן גייסט פון ראַציאָנאַליזם און אים אויסגעוואָרצלט עד חרמה.

דער פּאָליטישער דעספּאָטיזם איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אויף די חורבות פון דער אַנטיקער וועלט. די דעמאָקראַטיעס האָבן גע־בליט און אונטערגעגאַנגען אינעם שטורמישן פאַרלויף פון היסטאָרישע מעטאַמאָרפאָזעס.

אינעם פּעריאָד ווען פּילצאָליקע שקלאַפן האָבן באַקומען פרייהייט, זיינען די פרייע קאָלאָנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צושטאַנד פון לייב־אייגשאַפט. אין דער מעראָווינגען־עפּאָכע, און שפּעטער אין דער קאַר־לאָווינגען־עפּאָכע, האָט אַ קאָלאָסאַלע מאַסע פרייע פּויערים פאַרלוירן זייער פרייהייט. סוף 15טן י״ה זיינען אין בעמען די פּויערים, וועלכע מען האָט ערשט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק באַפרייט, ווידער אַמאָל אַריינגעפאַלן אין צושטאַנד פון אומפרייהייט. אין 16טן י״ה, נאָך די פּוי־ערים־קריגן, איז אין דייטשלאַנד אַ גאַר היפּשע צאָל פרייע פּויערים אַריינגעפאַלן אין צושטאַנד פון לייב־אייגנטום.

אפילו שקלאַפעריי — אין ענגן זינען פון וואָרט — איז עטלעכע מאָל אונטערגעגאַנגען און צוריק אויפגעשטאַנען. אַזוי, נאָכדעם ווי שקלאַ־פעריי איז אין מיטלאַלטער פאַרשוואונדן אין אייראָפּע, האָט זי צוריק אויפגעלעבט אין עטלעכע יאָרהונדערט אַרום אין איטאַליע: זי האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אין 13טן י״ה און האָט געהאַט אַ קיום ביזן 16טן י״ה. מען האָט געקויפט שקלאַפן אין מזרח, אָבער שוין ניט פאַר דער אינדוס־טריע נאָר פאַר הויז־דינסט. און וואָס איז שייך נעגערס, פלעגט מען זיי נאָך אַ סך פריער פאַר דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, איינקויפן אַזוי ווי מען קויפט עפּעס אַ טשיקאַווע חפץ, און אויך צוליב הויז־אַרבעט. נעגערס פלעגט מען אויפקויפן פאַר שפּאַניע, אין דער תקופה ווען דאָרט האָבן געהערשט די אַראַבער. פון 1442 אָן האָט איין פּאָרטוגעזישער פּרינץ פאַר־געלייגט אויפצוקויפן נעגערס, כדי זיי צו באַקערן צום קריסטנטום. שפּע־טער האָט מען די נעגערס אָנגעהויבן אַריינצופירן אין אַמעריקע, אויף צו באַאַרבעטן די פּלאַנטאַציעס, פּונקט אַזוי ווי מען האָט עקספּלואַטירט די שקלאַפן־אַרבעט אין אַלטערטום. די דאָזיקע נייע שקלאַפעריי אין די ציוויליזירטע לענדער האָט זיך געצויגן גאַנצע דריי יאָרהונדערטער.

דער נצחון פון נייע פּרינציפּן און נייע אינסטיטוטן, דער נצחון פון דער זאַך פון עמאַנסיפּאַציע — איז אָפט געווען דער נצחון פון קאָמפּראָמיסן. מיטן וועג פון קאָמפּראָמיסן איז שקלאַפעריי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייב־אייגנשאַפט און שפּעטער — אין פרייע אַרבעט. דער נצחון פון קריסטנטום איז געווען די זאַך פון אַ קאָמפּראָמיס, פּונקט ווי שפּעטער די באַפעסטיקונג פון דער רעפאָרמאַציע. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט קאָמפּראָמיסן. אַנדערע באַפרייאונגס־רעוואָלוציעס האָבן אויך ניט איין מאָל געבראַכט צו קאָמפּראָמיסן, שוין אָפּגערעדט פון די קאָנטער־רעוואָלוציעס, וואָס פלעגן קומען נאָך זיי. די בייעסטע קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע איז אַרויסגעקומען פון אַ קאָמפּראָמיס. די גאַנצע געשיכטע פון ענגלאַנד איז פול מיט קאָמפּראָמיסן. און וואָס עס מאַכט דעם דאָזיקן פאַקטאָר אין דער געשיכטע פאַר גאָר באַדייטיק, דאָס איז: ניט נאָר פאַרהאַלט דער קאָמפּראָמיס די באַוועגונג, נאָר ער קאָנסאָלידירט — אין אַן אָפּגעשוואַכטער פאָרעם — די זעלבע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, קעגן וועלכע די באַוועגונג איז געווען געווענדט.

די געשיכטע באַרעכטיקט ווייט ניט יענע סברה, אַז די אויפגעקומענע „באַדערפענישן" פון דער געזעלשאַפט געפינען אומבאַדינגט זייער באַפרידיקונג; אַזאַ בליק איז דורכגעדרונגען מיט רעשטן פון אַ מיסטישן און פּראָווידענציאַליסטישן געדאַנק. ניט די געזעלשאַפט, ניט די גרופּעס, ניט די קלאַסן — דאָס זיינען ניט קיין אָרגאַניזמען, און זייער אַנטוויקלונג ווערט ניט באַין אופן רעגולירט דורך אַ באַוואוסטזיניקער לאָגיק אָדער דורך געזעצן פון צילבאַוואוסטער נויטווענדיקייט. די געשיכטע פאַרלירט איר פּרצוף פון זאָאָלאָגיע נאָר דעמאָלט, ווען עס באַוועגט איר די ענערגיע פון באַוואוסטזיניקן געדאַנק און פון קריטישער איניציאַטיוו.

# קאַפּיטל צען

## די מינדערהייטן און די עליטעס

### 1

אינעם היסטאָרישן פּראָצעס פון דער עוואָלוציע פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, סיי ביים איינשטעלן די אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג, און סיי, פאַרקערט, ביי דעם באַפרייאונגס־קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג, האָבן די מינדערהייטן שטענדיק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

עס קאָנען זיין מינדערהייטן אונטערדריקערישע, עס קאָנען זיין מינדערהייטן עמאַנסיפּירנדיקע. דאָ מוז מען יענע פאַלן, ווען די אונטערדריקונג איז געשאַפן געוואָרן און ווערט פּראַקטיקירט אויסשליסלעך מיטן אָנווענדן ברוטאַלן כוח, אונטערשיידן פון יענע פאַלן, ווען די אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע זיינען געבוירן געוואָרן דורכן פּראָצעס פון דער ציווילער סיסטעם־איינשטעלונג, און אויך פון יענע פאַלן, ביי וועלכע דאָס אונטערוואַרפן זיך פון דער גרופּע איז כאָטש אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיטן פּסיכאָלאָגישן מצב פון די יחידים, וואָס פון זיי באַשטייט די גרופּע. די ראָלע פון די מינדערהייטן איז גאָר בולט ביי דער ערשטער קאַטעגאָריע פאַלן.

אין יענע פאַלן, ווען די אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטישע סאָציאַלע אומגלייכקייט באַזירן זיך אויסשליסלעך אויף דער אָנווענדונג פון כוח און געוואַלט, — קען די עמאַנסיפּאַציע פון דער סאָציאַלער גרופּע דערגרייכט ווערן ניט נאָר ווי אַ פּועל יוצא פון דער אַרויסגעוויזענער איניציאַטיוו און פונעם קאַמף מצד דער גרופּע, נאָר אויך ווי אַ פּועל יוצא פון דער אַריינמישונג פון אַן אויסלענדישער קראַפט, אָדער פונעם קאַמף, וואָס אַ מינדערהייט פון דער געפּלאָגטער גרופּע האָט אויפגעהויבן קעגן דעם רעזשים פון אונטערדריקונג. עס איז ממילא פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ פאַל באַקומט זיך אַזוי: די באַשטימטע מדרגה פון אַקטיווער איניציאַטיוו מצד דער געפּלאָגטער גרופּע גיט דעם סטימול אָדער ווייזט אַרויס הילף דער אויסלענדישער קראַפט אָדער דער אַקטיווער מינדערהייט וואָס פירט דעם קאַמף. אָט אַזוי האָבן אויסגעזען אַ סך פון די אויבן־אָנגעוויזענע קאָנפליקטן: דאָס אָפטע באַ־

פרייען שקלאַפן אין אַלטערטום, ווי אַ רעזולטאַט פון די קאַמפן צווישן פּאַרטייען און געמיינדעס; דאָס פלאַצן פונעם רוימישן פיסקאַל־רעזשים נאָך דער אינוואַזיע פון די באַרבאַרן; דאָס וואָס די ענגלישע נאַציע האָט זיך אויסגעקעמפט פּאָליטישע גאַראַנטיעס אין זכות פונעם קאַמף פון די פעאָדאַלע באַראָנען מיט דער קעניגלעכער מאַכט; דאָס וואָס די רעפאָר־מאַציע אין דייטשלאַנד איז געראַטעוועט געוואָרן דורך דער פּאָליטיק פון די פראַנצויזישע קעניגן און פון גוסטאַוו אַדאָלף; דאָס וואָס לייב־אייגנ־שאַפט איז אין אייניקע מדינות אָפּגעשאַפט געוואָרן מיטן כוח פון דער מלוכהשער מאַכט; דאָס וואָס די שוואַרצע שקלאַפן זיינען אין די ענג־לישע און פראַנצויזישע קאָלאָניעס באַפרייט געוואָרן לויט דעקרעטן פון די רעגירונגען; דאָס וואָס די נעגער־שקלאַפן אין די דרומדיקע שטאַטן פון דער צפון־אַמעריקאַנער פעדעראַציע זיינען באַפרייט געוואָרן אַדאַנק דעם בירגער־קריג, אאַז״וו.

אויב עמאַנסיפּאַציע קען דערגרייכט ווערן דורך דער אַריינמישונג פון אַ פרעמדער מאַכט, איז עס דערפאַר ווייל אַט די מאַכט איז אימשטאַנד בייצוקומען דעם אונטערדריקונגס־כוח, לגבי וועלכן זי האָט זיך אַנט־קעגנגעשטעלט. ווי אַזוי אָבער קען דערגרייכן אַזאַ פּעולה די קעמפנ־דיקע מינדערהייט?

דעם מעגלעכן דערפאָלג פון אַזאַ מין אַקציע איז צו דערקלערן מיט אַט דעם פאַקט: די הערשערישע גרופּע איז אַליין אַ מינדערהייט לגבי דעם גאַנצן כלל פון דער געזעלשאַפט אָדער לגבי די באַהערשטע גרופּן און קלאַסן, און איין מינדערהייט שטעלט זיך דאָ אַנטקעגן אַ צווייטער מינדערהייט. נאָר אין אייניקע פאַלן שטייגט ניט איבער אין צאָל די אונטערדריקטע גרופּע — די הערשנדיקע גרופּע, אָדער זי איז גאָר ני־דעריקער פון איר אין צאָל. בכלל אָבער זיינען די געפּלאָגטע מאַסן, פאַרקערט, צאָלרייכער איידער די הערשערישע גרופּע; און דאָס רוב זיינען זיי אפילו אַ דערדריקנדיקע מערהייט.

ביי די דעספּאָטישע רעזשימען זיינען די הערשער און זייערע אַגענטן תמיד געווען אַ נישטיקע מינדערהייט לגבי דעם כלל פון דער אונטער־יאָכטער באַפעלקערונג. די ספּאַרטיאַטן *) זיינען געווען אַ מינדערהייט לגבי די העלאָטן, וועמען זיי האָבן עקספּלואַטירט. די שקלאַפן זיינען אין אַ סך פאַלן געווען אָן אַ שיעור גרעסער אין צאָל איידער דער קלאַס פון זייערע הארן. די לייב־אייגענע האָבן תמיד אויסגעמאַכט אין צאָל אַ מאַסע, וואָס איז אָן אַ שיעור גרעסער געווען איידער זייערע סע־ניאָרן און פריצים. די רוימישע אַריסטאָקראַטיע איז שטענדיק געווען אַ

*) דער הערשנדיקער קלאַס אין ספּאַרטע.

מינדערהייט לגבי די רעגירטע מאַסן. די אינוואַזיע־באַרבאַרן זיינען אין דער רוימישער אימפּעריע געווען בלויז אַ שוואַכער מיעוט לגבי די באַ־צוואונגענע פעלקער. די דעראָבערער־אַראַבער זיינען נאָר אַן אומבאַדייטיקער מיעוט געווען לגבי די געצנדינער און קריסטן, וואָס זיי האָבן באַ־צוואונגען אונטער זייער מאַכט. די נאָרמאַנען אינעם דעראָבערטן ענג־לאַנד, די אייראָפּעער צווישן די רויט־אינדיאַנער פון אַמעריקע — דאָס זיינען געווען שוואַכע מינדערהייטן. די ענגלענדער אין אינדיע, ובכלל די ווייסע ראַסע צווישן די קאָלירטע ראַסן, איבער וועלכער זי הערשט אין פאַרשידענע מדינות אין דער וועלט, זיינען תמיד געווען און זיי פאַר־בלייבן אויך איצט אין אַ נישטיקער מינדערהייט. די אַבסאָלוטיסטישע רעגירונגען, אויך דאָס רוב טיראַניעס און צעזאַריזמען, דער רוסישער צאַריזם — דאָס זיינען געווען אָרגאַניזירטע מיעוטים, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויפן כוח פון אַרמיי, פּאָליציי און ביוראָקראַטיע, און געהאַט אַן אָנשפּאַר אין די לערך קליינצאָליקע קלאַסן פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

אין אַזעלכע פאַלן שטעקט דער כוח פון די הערשערישע מינדערהייטן ניט אין דער צאָל, נאָר אין דער אָרגאַניזאַציע (און טעכניק).

קלאָר איז: ווי באַלד די מינדערהייט הערשט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן אָרגאַניזירטן כוח, דעמאָלט קען איר מאַכט געבראָכן ווערן דורך אַ צווייטער אָרגאַניזירטער מינדערהייט, און מעגלעך דורך אַזאַ, וואָס קעמפט לטובת דער געפלאָגטער מערהייט. אַזאַ אָרגאַניזירטע מינדערהייט קען אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער איר קעגנער, אויב זי איז נאָר ביכולת אים אַנט־קעגנצושטעלן אין כמות און אין איכות אַ געהעריקע קראַפט, כדי אין אַ גרויסער מאָס צו צעשטערן, פּאַראַליזירן און דעזאָרגאַניזירן דעם מעכאַ־ניזם פון דער הערשערישער מינדערהייט.

אין דער ערשטער פון די צוויי ענגלישע רעוואָלוציעס אין 17טן י״ה איז דער קאַמף פונעם לאַנגן פּאַרלאַמענט קעגן קיניג געווען אַ קאַמף פון אַ מינדערהייט קעגן אַ מינדערהייט. די פאָלקס־מאַסן זיי־נען געשטאַנען פּאַסיוו און גענומען נאָר אַ שוואַכן אָנטייל אינעם קאַמף. דער גורל פון ענגלאַנד האָט אַמאָל געקענט זיין אָפּהענגיק פון אַ שלאַכט, אין וועלכער עס האָבן זיך געשלאָגן בלויז עטלעכע טויזנט מענטשן. אָבער דער נצחון פון דער מינדערהייט, וואָס איז צוגעשטאַנען צום פּאַרלאַמענט, איז געוואָרן דער נצחון פונעם לאַנד און פונעם פאָלק. די ענגלישע רעוואָלוציע פון 1688 איז געווען אַן אַקט פון אַ מיעוט, וואָס האָט געהערט צו די העכערע קלאַסן, אָבער זי האָט געבראַכט מיט זיך דעם נצחון פון פרייהייט פאַרן גאַנצן ענגלישן פאָלק. די טיראַניעס, סיי אין אַנטיקן גריכנלאַנד, הן אין די מיטלעלטערלעכע איטאַליענישע רעס־פּובליקעס, זיינען ניט איין מאָל אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דעמאָקראַ־

טישע מינדערהייטן. די פּאָליטישע רעוואָלוציעס פון 19טן און 20טן י״ה, ווי די יולי־רעוואָלוציע פון 1830, די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1848, די רעוואָלוציע פון 4טן סעפּטעמבער 1870, די רעוואָלוציעס פון 1848 אין בערלין און ווין, די רעוואָלוציעס פון 19טן י״ה אין שפּאַניע און איטאַליע, די רוסישע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין מערץ 1917 — דאָס זיינען אַלץ געווען אַקטן פון מינדערהייטן, אַמאָל אָרגאַניזירטע און אַמאָל אַפילו ניט קיין אָרגאַניזירטע.

אויב די אָרגאַניזאַציע פון די כוחות טראָגט אַ צענטראַליזירטן כאַראַקטער, דעמאָלט איז דער קעמפנדיקער מינדערהייט לייכטער פאַר אַלץ זיך צו פאַרזיכערן דעם נצחון דורך אַריינטראָגן אַ צערודערונג אין די צענטראַלע פונקציעס פונעם רעגירונגס־מעכאַניזם. מיט דעם דערקלערט זיך די גרויסע ראָלע, וואָס די רעזידענץ־שטעט, למשל, שפּילן ביי פּאָליטישע רעוואָלוציעס. עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ באַטייט עס האָבן געהאַט לאָנדאָן — איןביידע ענגלישע רעוואָלוציעס, פּאַריז — אין אַ גאַנצער צאָל פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, בערלין און ווין — אין די אויפשטאַנדן פון 1848, פּעטערבורג — אין מערץ 1917. די רעזידענץ־שטעט דאָס זיינען ניט נאָר צענטערן פון די רעגירונגס־מעכאַניזמען, נאָר אויך קאָלאָסאַלע צונויפזאַמלונגען פון מענטשן, וואָס זיינען מסוגל אויפצונעמען רעפאָרם־אידעעס.

כדי די פּעולות, וואָס די קעמפנדיקע מינדערהייט האָט געמאַכט, זאָלן קענען זיין פעסט, איז נייטיק אַזאַ באַדינג: די כוחות־פאַרהעלטעניש, וועלכע האָט בייגעהאָלפן דעם נצחון, זאָל ווייטער איינגעהאַלטן און פאַרשטאַרקט ווערן נאָך דער איבערקערעניש, און די דעראָבערונגען זאָלן זיך קענען ווייטער אַנטוויקלען אין נאָענטן פעריאָד. אין פאַרקערטן פאַל, קען פאַרקומען אַ קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס זאָל ברענגען מיט זיך אַ רעאַקציע.

דער זיג פון דער עמאַנסיפּאַציע וועט זיין בעסער געזיכערט, וואָס מער עס וועט געטאָן ווערן נאָך דער איבערקערעניש, אויף צוצובינדן די מאַסן צו די נייע פאָרמען פונעם סאָציאַלן לעבן, אויף צו אַנטוויקלען זייער באַוואוסטזיין און דערציען זיי אין די פּרינציפּן פון דער עמאַנסיפּאַציע.

## 2

די עמאַנסיפּאַציע, וואָס די מינדערהייטן דערגרייכן דורך זייער אַרבעט און אויטאָנאָמען קאַמף, — דאָס איז איינער פון דער צאָל מעגלעכע פאַלן פון באַוואוסטזיניקע עמאַנסיפּאַציע־פּראָצעסן. די באַוואוסטזיניקע פּראָצעסן זיינען פון זייער זייט — נאָר אַן איינצל־פאַל פון די עמאַנסיפּאַציע־

פראַצעסן, וואָס נעמען אַרום אי די סטיכישע אי די באַוואוסטזיניקע פראַצעסן.

כדי עס זאָל זיך אָנהייבן אַ קאַמף, אָדער כדי ער זאָל ניט טראָגן קיין אויסשליסלעך־סטיכישן כאַראַקטער, כדי די עמאַנסיפּאַציע־טעטיקייט פון דער סאָציאַלער גרופּע זאָל זיין אין אַ געוויסער מאָס באַוואוסטזיניק, — איז נייטיק, אַז עס זאָל אויפקומען אַ באַוואוסטזיניקער כוח, וועלכער זאָל צוגעבן דער באַוועגונג פון דער מאַסע צי פון דער מינדערהייט — אַ געוויסן באַוואוסטזיניקן אימפּולס, — בשעת ביז אַהער האָבן אַזעלכע אימפּולסן אינגאַנצן געפעלט אָדער זיי פלעגן זיך אַרויסווייזן נאָר אין פאָרעם פון אַ סטיכישער באַוועגונג. די באַוואוסטזיניקע מינדערהייטן, וועלכע שטייען אויף אַ באַשטימטער מאָראַלישער, אינטעלעקטועלער און ווילנס־מדרגה, און וועלכע טראָגן אַריין באַוואוסטזיין אין די מאַסן, אַנטוויקלען איניציאַטיוו און טרעטן אַליין צו אין געוויסע פאַלן צום קאַמף פאַר דער עמאַנסיפּאַציע, — קענען קוואַליפיצירט ווערן ווי סאָציאַלע עליטעס.

אויב די אונטערגעוואָרפנקייט פון דער גרופּע באַזירט זיך אויסשליסלעך אויף דער אָנווענדונג פון כוח, געוואַלט און צוואַנג, — דעמאָלט קען די עמאַנסיפּאַציע פון אָט דער גרופּע דערגרייכט ווערן, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען, דורך אַנטקעגנשטעלן כוח קעגן כוח. דאַרף דער דאָזיקער כוח אַרויסקומען פון דער אונטערגעוואָרפענער גרופּע אַליין, דעמאָלט קען זי אָרגאַניזירט ווערן נאָר בתנאַי, אויב עס עקסיסטירט אַ געהעריק אַנטוויקלטער באַוואוסטזיין. די עליטעס קענען דערביי שפּילן אַ געוויסע ראָלע. אַזוי איז אין דער רוימישער רעפּובליק די פּאָליטישע אונטעריאָכונג פון די פלעבעיער סאַנקציאָנירט געוואָרן דורך דער מלוכהשער מאַכט, וועלכע איז לכתחילה געווען כמעט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין די הענט פון די פּאַטריציער. אָבער ווען די פלעבעיער האָבן מיט דער הילף פון דער עליטע באַקומען דעם באַוואוסטזיין פון זייערע נויטן און אינטערעסן, האָבן זיי ווי אַן אָרגאַניזירטע קראַפט אָנגעהויבן אַ קאַמף, וועלכער האָט סוף־כל־סוף זיך פאַרענדיקט מיט זייער פּאָליטישער עמאַנסיפּירונג.

אויב די אונטערגעוואָרפנקייט פון דער גרופּע טראָגט דעם חותם פון פּריוויליקער סובאָרדינאַציע, און קיין שום כוח ווערט דערביי ניט באַטייליקט, — דעמאָלט איז עס אויסשליסלעך אַ פּועל־יוצא פונעם באַוואוסטזיין פון אָט דער גרופּע. דאָס איז דער פאַל ביי געוויסע רעליגיעזע אמונות, וועלכע מאַכן מעגלעך מאָראַלע און מאַטעריעלע עקספּלואַטאַציע — אונטערן איינפלוס פון דער מאַכט פון די כישופמאַכערס, כוהנים און קאַסטעס גייסטלעכע. דאָ ווירקט ניט דער געוואַלט, נאָר די אינעווייניקסטע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע קען זיך, אַגב, אויסבילדן און קאָנסאָלידירן אונטער דער ווירקונג פון דערציאונג און דרעסירונג. אַוודאי איז

מעגלעך אויך דאָס איינפלאַנצן און אויסוואָרצלען רעליגיעזע אמונות — מיט געוואַלט; אָבער אַ קאָנסאָלידאַציע פון פּאָזיטיוון אָדער נעגאַטיוון צו־שטאַנד אין געביט פון גלויבן איז מעגלעך ביי דער אָנווענדונג פון קראַפט, נאָר ווען עס ווערן פאַרניכטעט אָדער מאָראַליש צעשמעטערט די יחידים, און ווי אַ פּועל־יוצא פונעם אויפקום פון נייע יחידים, וועמעס ווייטער־קומענדיקע דורות ווערן דרעסירט אין דינסט צום נייעם קולט. קאַרל דער גרויסער האָט מיט פייער און שווערד אויסגעראָטן געצנדינערײַ צווישן די זאַקסן; און סך־הכל אַ פּאָר יאָהונדערט שפּעטער האָט דער כראָניק־שרייבער פון אָט דער ראַסע, האַנס סאַקס, געלויבט ביזן הימל קאַרל דעם גרויסן דערפאַר, וואָס ער האָט אַ חסד געטאָן דעם זאַקסישן פאָלק און אים באַהאָפטן מיט דער אמתער אמונה פון קריסטנטום. אָבער מיט כוח קען מען ניט בייקומען די אמונה גופא, און צוזאַמען מיט איר יענע פאָרמען פון אונטערגעוואָרפנקייט, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אמונה; אַליין קענען זיי יאָ פאַלן, ווי אַ פּועל־יוצא פונעם אַנטוויקלטן באַוואוסטזיין ביי יענע, וואָס זיינען קרבנות פון זייער אייגענער פּסיכאָלאָגיע. די ראָלע פון די עליטעס און פון די איניציאַטיוו־כוחות איז דאָ באַגרענעצט מיט דעם, וואָס זיי טראָגן אַריין באַוואוסטזיין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער אונטערגעוואָרפענער גרופּע. אין אייניקע פאַלן אָבער קען, נאַטירלעך, כוח זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דער באַוועגונג פונעם קריטישן באַוואוסטזיין. אַ ביישפּיל: די פאַרבינדונג פון בראַמאַניזם מיט דער וועלטלעכער מאַכט קעגן בודיזם אין אינדיע.

אין יענע פאַלן, ווען די אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע און פּאַראַ־זיטישע סאָציאַלע אומגלייכקייט זיינען נאָר אַ רעזולטאַט פון דער סיס־טעם עקאָנאָמיש־ציווילע איינשטעלונגען — אַזוי ווי עס קען, למשל, זיין אין אַן אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס האַלט זיך אינגאַנצן אויף די פּרינציפּן פון פּריוואַט־אייגנטום און פרייער קאָנקורענץ, — קענען די געגעבענע אונטערדריקונגס־פאָרמען באַזייטיקט ווערן נאָר מיטן ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפטס סטרוקטור און פונעם עוואָלוציע־טיפּ. דאָס איינשטעלן מיט געוואַלט נייע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן — קעגן און אָן דעם באַוואוסטזיניקן ווילן פון דער מאַסע בירגער, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד — קען ברענגען צו אַ נייער פאַרשקלאַפונג, צו אַ נייער לייבאייגנשאַפט און צו אַלע מינים רעאַקציע, וואָס קומען אַרויס פון אַזאַ מצב הענינים; עס קען אַפילו דערגיין ביז דער דיסקרעדיטירונג פון דער עצם אידעע אַנטי־אינדיווידואַליסטישע סאָלידאַ־רישקייט, און עס זאָל אינגאַנצן אונטערגיין דער נייער רעזשים אין רעזול־טאַט פון אַ בלוטיקן קאַמף. אין פּערו ביז קאָלומבוסן האָט די מלוכה פון די אינקען פאַרגעשטעלט אַ מין קאָלעקטיוויזירטע לייבאייגנשאַפט. ווען

די פֿאַרענדערונג ווערט ניט פֿאַרווירקלעכט סטיכיש דורך דער שפּיל פֿון עקאָנאָמישע כּוחות, ווען זי ווערט געשאַפֿן דורך דער באַוואוסטזיניקער און מעטאָדישער אַקציע פֿון די יחידים, וואָס זיינען פֿאַראייניקט אָדער דאַרפֿן זיין פֿאַראייניקט פֿאַר דער דאָזיקער ציווילער עוואָלוציע, — דע־מאָלט זיינען פֿאַר דער זאַך פֿון דער פֿאַרענדערונג נייטיק געוויסע באַדינ־גונגען.

ראשית, איז נייטיק, אַז די געזעלשאַפֿט זאָל זיין אָרגאַניזירט דעמאָ־קראַטיש, אַז די געזעלשאַפֿט זאָל זיין אַ בעל־הבית איבער איר אייגענעם גורל אויפֿן יסוד פֿון פֿאָלקס פֿרייעם ווילנס־אויסדרוק, עס זאָל ניט דער־לאָזט ווערן אַ מין נייע אונטערדריקונגס־פֿאָרעם, און די רעכט פֿון מענטש און בירגער זאָלן געאַכטעט ווערן. עס איז נייטיק, אַז די בירגער זאָלן זיין אָדורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין פֿון אַן אומבאַדינגטער טיפֿער ענדערונג, זיי זאָלן דערקענען די פּרינציפּן פֿון די נייע עקאָנאָמישע כּוחות, זיי זאָלן געווינען די פֿעאיקייטן, וואָס אַנטשפּרעכן דער געהעריקער פֿונק־ציאָנירונג פֿונעם נייעם מעכאַניזם סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן; ענדלעך, זיי זאָלן געפֿינען די רעסורסן, וואָס זיינען נייטיק אויף צו שאַפֿן די נייע פֿאָרמען פֿון צוזאַמענלעבן. די פּרוּוון פֿון קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, חברותאס, וועלכע האָבן זיך פֿרייוויליק אָרגאַניזירט ווי איזאָלירטע אָאַזיסן אין דער סביבה פֿון אַן אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפֿט, זיינען אייגנט־לעך געווען קאָנסום־פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן פֿאַרווירקלעכט דעם פּרינציפּ פֿון גלייכמאָסיקער פֿאַרטיילונג; גלייכצייטיק האָבן זיי גע־דינט — און דינען — ווי אַ סאָרט סאָציאַלע לאַבאָראַטאָריעס, וואָס שטעלן צו מאַטעריאַל אויף צו שטודירן די מעגלעכקייטן פֿון פֿאַרשידענע טיפּן פֿלאַנירט־קאָלעקטיוון לעבן אין ברייטערע ראַמען. אָבער די געזעל־שאַפֿט, וואָס איז אָרגאַניזירט אין אַ מלוכהשער איינהייט, וואו צוואַנג שטאַמט אַרויס פֿונעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ גופֿא; די געזעלשאַפֿט, וואָס נעמט אַרום אַלע געביטן פֿון סאָציאַלן לעבן, אָנגעווענדט אין די גרענעצן פֿון גאַנצן לאַנד, — זי נייטיקט זיך אין דעם, אַז אויפֿן פּלאַץ זאָלן זיין געוויסע פֿאַר־הנחות, כּדי זי זאָל נאָרמאַל עקסיסטירן און געדייען, און מען זאָל דאָ קענען פֿאַרווירקלעכן געוויסע מעגלעכקייטן. אַנדערש קאָן אַנט־שטיין אַ שוידערלעכע און שעדלעכע קאַריקאַטור — לויט דער נאַטור און לויט די קאָנסעקווענצן.

### 3

אינעם קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַזאַ אָדער אַנדערן עמאַנ־סיפּאַציע־אידעאַל, ציען די עליטעס צו די מאַסן, זיי זוכן אַן אָנשפּאַר אין די מאַסן אָדער אין פֿאַרשידענע עלעמענטן פֿון די מאַסן. די עליטעס

טראָגן אַריין באַוואוסטזיין און אַקטועלע איניציאַטיוו אין די מאַסן. ניט אַלע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט — אין ברייטערן זינען פונעם וואָרט — ווייזן אַרויס די זעלבע אויפנעם־פעאיקייט בנוגע דעם אָדער יענעם באַפרייאונגס־אידעאַל.

די אויפנעם־פעאיקייט באַשטייט אין דעם, אַז די גרופּעס און יחידים זאָלן — אונטער דער ווירקונג פון פאַרשידענע אימפּולסן און איינפלוסן — קענען אַסימילירן געוויסע אידעעס, ובפרט באַפרייאונגס־אידעעס, און זיך דורכדרינגען מיט שטרעבונגען, וואָס זיינען אין הסכם מיט דער נאַטור פון אָט די אידעעס. די באַפרייאונגס־אימפּולסן קענען אַרויסקומען פון די עליטעס; פאַר זיי שטייט דאָך די אויפגאַבע ווי אויסצונוצן די אויפנעם־פעאיקייטן פון די אָדער אַנדערע גרופּעס צו די באַפרייאונגס־שטרעבונגען פאַרן פּראָגרעס פון דער עמאַנסיפּאַציע־זאַך. די אויפנעם־פעאיקייט איז אַ פאַרענדערלעכע גרייס: זי איז אַנדערש ביי פאַרשידענע אינדיווידן, ביי פאַרשידענע אינטערעסן, ביי פאַרשידענע גרופּעס און אונטער־גרופּעס, ביי פאַרשידנאַרטיקע מאָמענטן און עפּאָכעס. זי הענגט אָפּ פון דער מדרגה און שאַרפקייט פונעם יאָך און אונטערגעוואָרפנקייט ביי דער סאָציאַלער גרופּע, זי הענגט אָפּ פון דער גרופּעס לאַגע אין דער סאָציאַלער היעראַרכיע, פונעם אָפּטן קאָמוניקירן און קאָנטאַקטירן די יחידים, וואָס בילדן אויס די אונטערגעיאָכטע גרופּע, און פון די אונטערשיידן אינעם געשלעכט און עלטער פון די יחידים.

אין פאַל ווען דער צושטאַנד פון דער אונטערדריקונג איז איינגעפּונדעוועט, דעמאָלט ווערט ניט דער גראַד אויפנעם־פעאיקייט פון דער גרופּע בנוגע דעם באַפרייאונגס־קאַמף דווקא באַשטימט דורכן גראַד שאַרפקייט פון דער אונטערדריקונג. עס שאַפט זיך אַ טראַדיציע פון אַ שקלאַפעריי־שול. וואָס עס ווירקט דאָ אָפּט, דאָס איז — דער קאָנטראַסט. אומגעקערט, די ענדערונגען אין דער לאַגע פון דער אונטערדריקטער גרופּע — צום ערגערן און אויך צום בעסערן — ווירקן געווייניטלעך אויפן גראַד פון דער באַפרייערישער אויפנעם־פעאיקייט און קאַמפּס־גרייטקייט: די מרידה־געפילן ביי שקלאַפן פון צווישן געפאַנגענע פרייע מענטשן; דער קאַמף פון די פּלעבעיער קעגן די פּאַטריציער אינעם שאַרפסטן מאָמענט פון עקספּלואַטאַציע דורך די לעצטע; די פּויערים־אויפשטאַנדן אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד אין דער עפּאָכע פון די זשאַקעריעס און פון די רעפאָרמאַציע־יאָרן; די אומרוען פון די ענגלישע אַרבעטער אין דער ערשטער העלפט 19טן י״ה, אין מאָמענט פון אויסערגעוויינלעכער פאַראָרעמונג.

אָפּט אַנטפּלעקט זיך אַ באַזונדערע אויפנעם־פעאיקייט צו קעמפערישקייט קעגן דער אונטערדריקונג ביי עלעמענטן, וואָס וועדליג נאָך

זייער דערציאונג און אָפּשטאַם באַלאַנגען זיי גאָר צו די הערשנדיקע קלאַסן און גרופּעס, אָבער צוליב פאַרשידנאַרטיקע סיבות האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט און אַראָפּגעלאָזט זיך אין דער סאָציאַלער היעראַרכיע צו אַ געוויסער נידעריקער מדרגה אויף צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער געפּלאָג־טער גרופּע. זיי ליידן, זיי קומען צום באַוואוסטזיין און פאַרשטאַנד. זיי ווערן די באַוואוסטזיניקע פערמענטן פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. טען האַלט, אַז אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן אַ באַ־דייטיקע ראָלע געשפּילט אָט אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער קלאַסן־מעמד און סאָציאַלן ראַנג. בלאַנקי האָט אָט די „דעקלאַסיר־טע" עלעמענטן באַטראַכט ווי דעם בעסטן היוון פאַר דער סאָציאַלער באַ־וועגונג.

ווען דער מצב פון דער אונטערדריקטער גרופּע ענדערט זיך צום בעסערן, קענען זיין צוויי דיאַמעטראַל־קעגנגעזעצלעכע פּועל־יוצאס דער־פון:

אָדער דער אַנטאַגאָניזם־באַוואוסטזיין ווערט אָפּגעשוואַכט, און די אונטערגעאָרדנטע גרופּע פּאַסט זיך צו אין אַ געוויסער מאָס צו איר לאַגע, דער קאַמף הערט אויף, פאַרלירט זיין שאַרפקייט, אָדער ער הייבט זיך גאָר לכתחילה ניט אָן.

אָדער, פאַרקערט, די שטייגערונג פון דער סאָציאַלער גרופּע, וואָס איז נאָך ניט פולשטענדיק עמאַנסיפּירט, רופט אין איר אַרויס אַ שטרעבן צו ווייטערדיקן פּראָגרעס און הייבט איר אויפנעם־פעאיקייט צום קאַמף פאַר פולער באַפרייאונג. נאָך אַריסטאָטעלעס האָט באַמערקט, אַז אַ געוויסע פאַרבעסערונג אינעם מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פון די מאַסן, באַגלייט מיט אַ באַשטימטער העכערונג פונעם אינטעלעקטועלן ניוואָ, שאַפט אַ סטימול פאַר אַלץ גרעסערע פאָדערונגען און ווערט די סיבה פון אומרוען און אויפ־שטאַנדן. אין דער נייער צייט האָט טאָקוויל אויף אַ קאָנקרעטן אופן אָנגע־מאָסטן די דאָזיקע אידעע צו דער לאַגע פון דער געזעלשאַפט און פון דער בורזשואַזיע אין פראַנקרייך ערב דער רעוואָלוציע. די זעלבע אידעע האָבן אויך אַ סך היסטאָריקער אַנטוויקלט.

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג כאַפּט אַפריער אַרום די העכערע קאַ־טעגאָריעס פונעם אַרבעטער־קלאַס און די מער קוואַליפיצירטע עלע־מענטן זיינע. שפּעטער פאַרשפּרייט זי זיך אויף די אַנדערע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט. געוויינלעך אַנטוויקלט זיך די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג מיט אַ גאָר באַזונדערן אימפּעט אין פעריאָדן פון עקאָנאָמישן אויפבלי; די פּאָליטישע באַוועגונג, פאַרקערט, וואַקסט אין פעריאָדן פון שטילשטאַנד און עקאָנאָמישע קריזיסן.

די שטאַטישע קולטור, צוליב די באַדינגונגען פון מענטשן־קאָנצענ־טראַציע און פון לייכטערע קאָנטאַקטן, איז מער גינסטיק פאַר דער פאַר־שפּרייטונג פון נייע אידעעס און פּראָגרעסיווע שטרעמונגען. די שטאָטישע באַפעלקערונג איז מער אויפנעמפעאיק צום רעפאָרם־גייסט; זי פאַרמאָגט אַ מער באַוועגלעכן טעמפּעראַמענט, איידער די דאָרפס־מאַסן, וועלכע ווערן פאַרגליווערט אין זייער קאָנסערוואַטיזם. צוליב דעם טאַקע האָט דער טי־ראַן פיזיסטראַט אָנגענומען מיטלען קעגן דעם, אַז די צאָל שטאָטלייט זאָל ניט וואַקסן. געצנדינערײַ האָט זיך מיט מער עקשנות געשטעלט אַנט־קעגן קריסטנטום — צווישן פּויערים־קלאַס. דער ווידערשטאַנד קעגן דער קאַטוילישער קירך האָט געפונען אַ גינסטיקן באָדן פריער פאַר אַלץ אין די אינדוסטריעלע געגנטן. די ענגלישע רעוואָלוציע האָט אָנגעטראָפן אַ פיינדשאַפט צווישן דער לאַנדווירטשאַפט־באַפעלקערונג פון קאָרנוועלס, און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע — צווישן די פּויערים פון וואַנדעיע. די רע־אַקציע האָט אָפט געפונען אַ שוץ און מקום־מקלט אין דאָרף. די שטאָטישע אַרבעטער דרינגען זיך לייכטער אַדורך מיט די באַפרייערישע אידעעס, איי־דער די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. די ספּעציעלע לאַגע פון די מאָדערנע אינדוסטריעלע אַרבעטער און זייער פעאיקייט אויפצונעמען אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע אידעעס אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם האָבן געבוירן יענע קלאַסן־אידעאַליזאַציע, וועלכע האָט געמאַכט פונעם פּראָלעטאַריאַט אַ פּריווילעגירט־פּראָווידענציאַליסטישן קלאַס, וואָס אים איז צוגעטיילט גע־וואָרן די „מיסיע" צו שאַפן דעם סאָציאַליזם.

במשך פון לאַנגע דורות האָט די פרוי ניט אַרויסגעוויזן ניט קיין איני־ציאַטיוו, ניט קיין אויפנעם־פעאיקייט פאַר איר אייגענער עמאַנסיפּאַציע, אין פּרט פון איר אויפנעם־פעאיקייט און אָנטייל אין די באַפרייאונגס־באַוועגונגען בכלל, ווייזט די פרוי אַרויס — צוליב איר לאַגע און פּסיכאָלאָ־גיע — אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס כאַראַקטעריזירן זי אינגאַנצן אַנדערש ווי דעם מאַנספּאַרשוין.

דער יונגער עלטער איז מער צוגענגלעך פאַר די רעפאָרמאַציע־א׳ דע־אַלן און איז, בכן, מער צוגעפּאַסט צום אויפנעמען די עמאַנסיפּאַציע־טענעס, איידער דער רייפער און יאָרן־זאַטערער עלטער; די יוגנט איז אויך מער נוטה צו נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין די קאַמפן פאַרן נצחון פון דער זאַך. עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ ראָלע די יוגנט פון אַלע קלאַסן האָט געשפּילט אין די פּאָליטיש־סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, איבערהויפּט אין 19טן י"ה. ווייטער וועט די דאָזיקע פראַגע באַלויכטן ווערן גענויער. עס דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז וואָס ווייניקער מאָנאָפּאָליש עס איז דער אָנטייל אין דער באַוועגונג פון איינציקן עלטער און נאָך באַזונ־דער פון דער יוגנט, אַלץ פעסטער און סטאַבילער איז די באַוועגונג.

פאַראַן עפּאָכעס, ווען די אויפנעם־פעאיקייט פון די מאַסן און באַזונדערע גרופּעס וואַקסט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ, אַדאַנק די אייגנשאַפטן פון דער קאָניונקטור, — און דעמאָלט געפינט די אַרבעט פון די עליטעס אַ גאַר דאַנקבאַרן באָדן אויף צו עלעקטריזירן די מאַסן פאַר דער זאַך פון דער עמאַנסיפּאַציע. אַ גאַר טיפן איינפלוס האָבן די מאָראַלישע אויפטרייסלונגען. אַזוי האָבן שטענדיק די גרויסע רעליגיעזע קריזיסן געווירקט אויף דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע: זיי האָבן זי אָפּגעריסן פונעם שמאָלן וועג פון די טראַדיציאָנעלע קאָנצעפּציעס און שטרעבונגען, און אַרויסגערוקט — פון צייט צו צייט — דעם אידעאַל פון סאָציאַלע רעפאָרמעס. דער בודיזם, למשל, האָט צום אָנהייב ניט געטראָגן קיין סאָציאַלן כאַראַקטער, אָבער צוביסלעך האָט ער זיך געגומען אונטערגראָבן אונטער די יסודות פונעם קאַסטעס־רעזשים. דאָס קריסטנטום האָט ביי די ערשטע טריט, אין די דרשות פון אייניקע קירך־פּאַטערס און אין די דאָקטרינעס פון אייניקע אַפּיקורסישע סעקטעס, פאָרמולירט געוויסע ראַדיקאַל־עגאַליטאַרע און קאָמוניסטישע טענדענצן. צווישן די מוסולמענער האָבן זיך אַנטוויקלט סעקטעס, וועלכע האָבן אויך פאָרמולירט עגאַליטאַרע דאָקטרינעס. עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ ראָלע עס האָבן געשפּילט די לאָלאַרדן ביי דעם פּויערים־אויפשטאַנד אין ענגלאַנד אין יאָר 1381, דאָס זעלבע — די הוסיטן־קוואַלן פון דער טאַבאָריטן־באַוועגונג אין בעמען, די ווירקונג פון דער רעפאָרמאַציע אויף די ראַדיקאַלע באַוועגונגען און פּויערים־אויפשטאַנדן אין דייטשלאַנד. דער באַפרייאונגס־קאַמף פון איין גרופּע קען זיין אַן אַנשטעקנדיקער ביישפּיל און באַוועגן אַנדערע גרופּעס און לעבנדער נאָכצומאַכן דעם ביישפּיל.

בכלל פאַרשפּרייט זיך די ציוויליזאַציע מיט כוואַליעס פון נאָכאַמונג, טראָגנדיק אין זיך איניציאַטיוו. דער אַנשטעקנדיקער כאַראַקטער פון פּאָליטישע רעוואָלוציעס איז באַקאַנט. עס טרעפן עפּאָכעס, ווען די מאַסן ווערן איבערדערצויגן במשך פון אַ פּאָר יאָר, פון אַ פּאָר חדשים, און אין אַ קורצן משך צייט מאַכט דורך איין דור דאָס לעבן פון עטלעכע דורות.

אַ פאַרקערטע דערשיינונג זעען מיר אין תקופות, ווען די כוחות פון פינצטערניש און אונטערדריקונג זיינען מנצח, אין תקופות פון רעאַקציע און קאָנטער־רעוואָלוציע. נאָך אַ צייטווייליקער אָפּשוואַכונג, באַקומען די פריערדיקע הערשערס נייע לעבנס־כוחות, די מפּלה דעמאָראַליזירט און צעשטערט די רעשטן פון די קעמפנדיקע, און די ביישפּילן פון אָפּטריניקייט געפינען אַ גאַר גרויסע צאָל חסידים. עס פאַראייניקן זיך דעמאָלט אין איין אַלגעמיינער אַקציע די כוחות פון מאַטעריעלער און גייסטיקער אונטערדריקונג. די מורא פאַר רעפּרעסיעס און די אַנטוישונגען ווירקן צו־

זאַמען, און די מאַסן זינקען אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע, אָן טרייסט, אָן האָפענונג.

## 4

און דאָ איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק די ראָלע פון די עליטעס.

די עליטעס טוען ניט נאָר קולטיווירן באַוואוסטזיין און אַנטוויקלען באַוואוסטזיין. זיי פירן זיך לויט דער היסטאָרישער דערפאַרונג. זיי ווייסן, אַז די געשיכטע גייט ניט מיט איינעם אַ געזעץ פון פּערמאַנענטן פּראָגרעס, זיי שטודירן די קראַנקהייטן פון די רעזשימען, וועלכע דראָען מיט רעגרעס און מיטן פאַרלירן די פּראָגרעסיווע ווערטן, זיי ווירקן טראַ־פּעוטיש און פּראָפילאַקטיש. זיי מוזן „וויסן כדי פאָראויסצוזען, און פאָר־אויסזען כדי צו ווירקן" (אַ פאָרמולע פון אָג. קאָנט). די מיסיע פון די עליטעס באַשטייט אין דעם — אויסצומיידן די שעדלעכע זיגזאַגן, אָפּ־צושוואַכן זייער שאַרפן כאַראַקטער. זיי קעמפן קעגן פאַלשע בליקן, קעגן אידעאַליזאַציעס, וואָס פירן צו אַנטוישונגען, צו קאַטאַסטראָפאַלע אַקציעס אָדער, פאַרקערט, צו אומטעטיקייטן, צו דער דיסקרעדיטירונג פון די באַ־פרייאונגס־אידעאַלן. זיי קעמפן קעגן דער דעמאַגאָגיע אין טעאָריע און דעמאַגאָגיע אין פּאָליטיק. זיי ראַטעווען די עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונגען, זיי זאָלן ניט דורכמאַכן די פריערדיקע קראַנקהייטן און ניט איבערחזרן די אַמאָליקע פעלערן, וועלכע האָבן אומגעבראַכט די זאַך פון סאָציאַלן, אינ־טעלעקטועלן און מאָראַלן פּראָגרעס און צוריקגעשלעפּט די געזעלשאַפט צו די פריערדיקע פאָרמען אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע.

די באַוואוסטזיניקע געשיכטע נעמט אַרום פעריאָדן פון אַקציע מצד די באַוואוסטזיניקע מאַסן און די קוואַליפיצירטע עליטעס, אָדער לכל־הפּחות מצד געענגע הויכע עליטעס, וואָס טראָגן אַריין באַוואוסטזיין אין די מאַסן און פירן אָן מיט זיי. דערביי רעכענען זיך די עליטעס מיט די לעקציעס פון דער געשיכטע און מיט דער אויפנעם־פעאיקייט פון די אָדער אַנדערע גרופּעס פאַר די עמאַנסיפּאַציע־אידעאַלן.

פאַראַן אַ מאָראַלישע היעראַרכיע פון די עליטעס, — זי הענגט אָפּ פון אינטעלעקט־מעלות, פונעם סאָציאַל־פּאָליטישן באַוואוסטזיין און פונעם פאַרשטיין דעם מאָראַלישן חוב.

אין יענע תקופות, ווען דער באַוואוסטזיין־ניווא פון די מאַסן איז ניט הויך, ווען עס באַוועגן זיי שמאָל־סטיכישע אינטערעסן און מאָטיוון, ווען די עליטעס זיינען ניטאָ אויפן פּלאַץ אָדער זיי שטייען ניט אויף דער געהעי־ריקער הייך און זיינען אומפעאיק אויסצופירן זייער מיסיע, — דעמאָלט הערשט די זאָאָלאָגיע אין דער געשיכטע. די געשעענישן אַנטוויקלען זיך אויף אַ סטיכישן אופן, עס פעלט דער היסטאָרישער האָריזאָנט, פּונקט אַזוי

ווי אין דער מלוכה פון חיות. ווען די אונטערדריקונגס־כוחות און באַר־באַריי־אינסטינקטן לעבן דעמאָלט אויף, דראָט דער געזעלשאַפט אָדער אַפילו דער גאַנצער וועלט אַ קאַטאַסטראָפע.

אַזאַ שטייגער קאַטאַסטראָפע לעבן מיר איבער אינעם היינטיקן מאָ־מענט.

# קאַפּיטל עלף

## דער גורל פון דער דעמאָקראַטיע

### 1

דער אידעאַל פון דעמאָקראַטיע — דאָס איז איינער פון די גרעסטע באַפרייערישע און קאָנסטרוקטיווע אידעאַלן פון דער מענטשהייט. דאָס איז דער אידעאַל פון דער געזעלשאַפטס זעלבסטבאַשטימונג, פון פּאָליטישע פרייהייטן, פון פאָלקס־סאָוועראַניטעט, פון מענטש־ און בירגער־רעכט, — אַן אידעאַל, אין וועלכן עס קריסטאַליזירט זיך די מענטשישע ווירדע; איז ער ניט פאַרווירקלעכט אין לעבן, דעמאָלט איז ניט מעגלעך קיין שום גלייכגעוויכט אין געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, קיין שום פעסטע אַן־וויי־טאָגדיקע אַנטוויקלונג זיינע. אין דער געשיכטע זיינען זייער אָפט אַנט־שטאַנען קלאַסן־אונטערדריקונג און אַנדערע פאַרקנעכטונג־פאָרמען, ווייל עס האָט געפעלט אָדער עס איז געפאַלן דער רעזשים פון דעמאָקראַטיע.

און מערקווירדיק, אינעם היסטאָרישן גורל פון דער דעמאָקראַטיע האָבן מיר אַ ביישפּיל, ווי עס בייט זיך די באַוועגונג אַרויף און אַראָפּ; שטייגן און נידערפאַלן, דאָס שפּאַנען פאָראויס און האָפענונגסלאָזער רע־גרעס, טריאומפן און מפּלות חזרן זיך איבער. די געשיכטע פון דער דע־מאָקראַטיע האָט זייער אָפט אָנגענומען די פאָרעם פון אַ ציקל, וואָס יעדעס מאָל הייבט ער זיך אָן פון בראשית. אין אוראַלטער, אין מיטלאַלטער, אין דער תקופה פון דער נייער געשיכטע און אינעם טראַגישן מאָמענט, וואָס מיר לעבן איצט איבער, קוקן אונז אויס די פאַרפלאָנטערטע וועגן פו־נעם לעבן פון דער דעמאָקראַטיע ווי אַ מין פילם, וואָס חזרט כסדר איבער דאָס זעלבע בילד אויפן עקראַן פונעם געשיכטע־קינעמאַטאָגראַף.

אין אוראַלטן גריכנלאַנד זיינען דעמאָקראַטיעס אויפגעקומען, גע־בליט און דערנאָך אונטערגעגאַנגען: די טיראַניעס, שפּעטער די מאַקעדאָ־נישע הערשאַפט און צום סוף די רוימישע אָקופּאַציע. פון דער פרייהייט פון די גריכישע רעספּובליקעס איז געבליבן נאָר אַן אָנדענק.

די רוימישע רעפּובליק איז געווען אַ דעמאָקראַטיע, אין וועלכער עס האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט דער אַריסטאָקראַטישער קלאַס. די רע־פּובליק איז חרוב געוואָרן און עס האָט טריאומפירט דער צעזאַריזם, וועל־כער האָט שפּעטער אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון גרויזאַמען מזרחדיקן

דעספאָטיזם. אויף דורות איז די דעמאָקראַטיע אָפּגעמעקט געוואָרן פונעם געזיכט פון דער ערד.

די מיטלאַלטערלעכע איטאַליעניש רעספובליקעס האָבן דורכגעמאַכט זייער אַ שטורמיש לעבן. פונקט אַזוי ווי אין אוראַלטן גריכנלאַנד, זיינען אויך דאָ די טיראַניעס אָט אויפגעקומען, אָט אונטערגעגאַנגען, אָט צוריק אויפגעלעבט. במשך פון דורות איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף, וואָס אין זיין סך־הכל איז איין דעמאָקראַטיע נאָך דער אַנדערער געפאַלן, רעפובליקעס זיינען אונטערגעגאַנגען, און אומעטום האָבן טריאומפירט דינאַסטן, פאַרכאַפּערס, קאָנדאָטיערן, אָקופּאַנטן. אָדער מען האָט פאַרטיליקט די דעמאָקראַטיע, אָדער זי האָט אַליין געענדיקט מיט זעלבסטמאָרד.

אין דער נייער געשיכטע פון אייראָפּע האָבן כסדר קאָנטער־רעוואָלוציעס און פּאָליטישע רעסטאַווראַציעס פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די פּאָליטישע באַפרייאונגס־רעוואָלוציעס. ענגלאַנד האָט געהאַט איר גרויסע רעוואָלוציע פון 1644—1648, שפּעטער — דעם „פּראָטעקטאָראַט" פון אָליווער קראָמוועל, שפּעטער — די רעסטאַווראַציע פון די סטיואַרטן און אַ נייע רעוואָלוציע אין 1688. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געהאַט פעריאָדן פון ענטוזיאַזם און אויפשטייג, פון גרויסמוטיקייט און קעגנזייטיקער פאַרניכטונג, פון פולער קראַפט און פון דעגענערירונג, מלוכהשע איבערקערענישן און דעמאָקראַטישע דעגראַדאַציע; שפּעטער — דעם 18 ברױמער און באָנאַפּאַרטיזם, און צום סוף — די רעסטאַווראַציע. די יולי־מאָנאַרכיע איז געווען אַ טיילווייזע פאַרלייקענונג פון דער יולי־רעוואָלוציע. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1848 זיינען געקומען די פּרעזידענטשאַפט פון לואי־נאַפּאָלעאָן, די דעצעמבער־טעג און די רעסטאַווראַציע פון דער באָנאַפּאַרטישער אימפּעריע. די פּאָליטישע רעוואָלוציעס פאַר דעמאָקראַטישע דערגרייכונגען האָבן אין די פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע, אין דער ערשטער העלפט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, אויך געבראַכט נאָך זיך קאָנטער־רעוואָלוציעס, אָדער אין בעסטן פאַל — קאָמפּראָמיסן.

אונזער תקופה איז גאָר רייך מיט אויסערגעוויינלעכע מפּלות פון דער דעמאָקראַטיע. נאָך דער רוסישער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע פון 1917 איז געקומען דער נצחון פונעם באָלשעוויסטישן טאָטאַליטאַריזם. דער איטאַליענישער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער רעזשים איז אָפּגעשווענקט געוואָרן דורך דער פאַשיסטישער דיקטאַטור פון מוסאָליני. די ווייִמאַרער רעפּובליק אין דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט נאָכן פאַלן פון די האָהענצאָלערנס, איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער נאַציסטישער דיקטאַטור פון היטלערן. די שפּאַנישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וואָס האָט פרידלעך געזיגט נאָכן אָפּזאָגן זיך פון דער מאָנאַרכיע, איז

געפאַלן אַ קרבן פון פראַנקאָס קאָנטר־רעוואָלוציע. דיקטאַטור אין רוס־לאַנד („סאָוועטישע״), דיקטאַטור אין איטאַליע, דיקטאַטור אין דייטשלאַנד, דיקטאַטור אין שפּאַניע, דיקטאַטור אין עטלעכע אַנדערע מדינות.

די היינטיקע מלחמה איז אַ פּועל־יוצא פונעם נצחון פון די כוחות פון די רוצחתדיקע דיקטאַטורן אין אייראָפּע. אין אַ צאָל לענדער זיינען די דעמאָקראַטיעס רואינירט, דערשטיקט געוואָרן און טיילוויז אַפילו מיט חרפּה באַדעקט געוואָרן. עס איז געווען די סכנה, אַז דער היטלערישער נאַציזם זאָל באַהערשן די וועלט אויף פינף הונדערט אָדער טויזנט יאָר. אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס אַזוינס האָט נאָך ניט געטראָפן אין דער געשיכטע. מען דאַרף זיך ווענדן צוריק אויף אַן אַנדערטהאַלבן טויזנט יאָר, צו דער תקופה פון דער באַרבאַרן־אינוואַזיע, כדי צו געפינען עפּעס ענלעכס צו די רציחות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן היינט, אָבער די ענלעכקייט וועט זיין מער גרויליק פאַר אונזער צייט, צוליבן קאָנטראַסט מיטן געשאַפענעם פּראָגרעס, צוליבן כאַראַקטער פון דער נייסטער באַרבאַריי און די פּערספּעקטיוון אויף להבא. מיליאָנען נפשות קומען אום, עס גייט לאיבוד דאָס פאַרמעגן פון פעלקער, און אויף דער קאָרט איז געשטעלט דער גאַנצער קאָמפּלעקס מאָ־ראַלישע און הומאַניטאַרע ווערטן, וואָס די מענטשהייט האָט זיך דערוואָרבן מיט שווערע אָנשטרענגונגען, און וואָס די נייסטע באַרבאַריי האָט זיך גע־קליבן צו דערטרינקען אין ימים בלוט. אין דעם מאָמענט איז נאָך דער קאַמף ניט פאַרענדיקט.

## 2

די עוואָלוציע פון דער דעמאָקראַטיע, ווי בכלל די עוואָלוציע פון די סאָציאַלע אָנטאָגאָניזמען און סאָציאַלע סטרוקטורן, איז ניט אונטערגעוואָרפן אונטער עפּעס אַ געזעץ, אַן אומבאַדינגטן געזעץ פון פּראָגרעס. די דאַזיקע עוואָלוציע, מיט דער קרומער ליניע פונעם פּראָגרעס, הענגט אָפּ פון באַ־דינגונגען, און באַזונדערס פונעם מענטשנס באַוואוסטזיניקער אַריינמישונג. ווי אַזוי זשע זאָל מען קאָנקרעט דערקלערן די כסדר זיך איבערחזרנדיקע ירידות פון דער דעמאָקראַטיע?

אָט זיינען די פאַקטאָרן, וואָס האָבן אָפּט געבראַכט אָדער בייגעטראָגן צו דער ירידה פון די דעמאָקראַטיעס: עס קומט אַ פאַרשאַרפטער קלאַסן־קאַמף, אַ פאַרשאַרפטער פּאָליטיש־פּאַרטייאישער קאַמף, דערביי איז די דע־מאָקראַטישע קולטור פון די מאַסן ניט געניג הויך געווען; עס הערשן פּער־זענלעכע, קאַרפּאָראַטיווע און גרופּן־אינטערעסן, ווי די באַוועגנדיקע מאָ־טיוון; די אָנפירנדיקע עליטעס האָבן געפעלט, אָדער געווען שוואַך, אָדער ניט געהאַט קיין פאַרשטאַנד, אָדער געווען דעמאָראַליזירט. און גראַד דע־מאָלט, אין קריטישן מאָמענט פאַרן לעבן פון דער דעמאָקראַטיע, ווען אירע

אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים פֿאַרשטאַרקן זיך, ווערט די דעמאָקראַטיע פּאַראַטן, צי אויפֿגעגעבן, צי דערשטיקט — אָן אַ ווילן, אָן כּוח, אָן אַקטיווקייט און ענטוזיאַזם; זי ווערט אומגעבראַכט אָדער זי באַגייט זעלבסטמאָרד.

אין אוראַלטן גריכנלאַנד האָבן געבושעוועט מלחמות הן צווישן די העלענישע רעספּובליקעס, הן קעגן אויסערלעכע מעכטיקע שונאים. גלייכצייטיק איז אָנגעגאַנגען אַ משונהדיקער קאַמף צווישן די קלאַסן, און דער פּאַרטייען־קאַמף איז געווען אונטערגעוואָרפֿן אַמאָל פּאָליטישע, אַמאָל קלאַסן־אינטערעסן. במשך פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער האָבן די „אָרעמע" געקעמפֿט מיט די „רייכע": אַמאָל האָבן די אָרעמע גענומען די אויבערהאַנט איבער די רייכע, זיי אויסגעמאָרדעט אָדער אַרויסגעיאָגט, עקספּראָפּריאירט זייערע פֿאַרמעגנס, געטיילט צווישן זיך זייער אייגנטום, זייערע ערד און הייזער, אָפּגעשאַפֿט די חובֿות ובכלל פֿאַרנומען זייערע פּלעצער; אַמאָל האָבן די רייכע צונויפֿגענומען זייערע כּוחות און, זעלבשטענדיק אָדער אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַן אויסלענדישער אינטערווענץ, האָבן זיי פֿאַרפֿירט אַ נייע מלחמה און דורכגעפֿירט אַ קאָנטער־רעוואָלוציע. דאָס סאָציאַלע לעבן פֿלעגט בלייבן אָן אַ יסוד פֿון פֿעסטער זיכערקייט און אָן שום פּערספּעקטיוו אויף צו פֿאַרווירקלעכן אַ פֿעסטן קאָנסטרוקטיוון אידעאַל. אין אַזאַ מין צערודערטער אַטמאָספֿערע פֿלעגן זייער לייכט אויפֿקומען און הערשן טיראַניעס; צווישן די עליטעס, וואָס האָבן געהאַט אַן איינפֿלוס אויף די מאַסן, האָט זיך איינגעוואָרצלט די דעמאַגאָגיע; די אומאויפֿהערלעכע מלחמות האָבן אויסגעזויגן די לעבנס־זאַפֿטן פֿון די דעמאָקראַטישע געמיינדעס, און די פּרוּוון פֿון פֿעדעראַלע פֿאַראייניקונגען, כּדי צו באַקעמפֿן דאָס שלעכטס, האָט מען פֿאַראַליזירט דורכדעם, וואָס די קעמפֿנדיקע פּאַרטייען האָבן גערופֿן צו אינטערווענצן. דאָס אָפּגעשוואַכטע און אין אַ געוויסער מאָס דעמאָראַליזירטע גריכנלאַנד איז, סוף־כּל־סוף, אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער ממשלה פֿון רוים, ווען עס האָבן איינגעלאַדן יענע גרופּעס, וואָס האָבן געלעכצט נאָך רו און זיכערקייט פֿאַר זייער מאַטעריעלן מעמד, אונטערן שוץ פֿונעם מעכטיקן אָקופּאַנט.

דער פֿאַרשאַרפֿטער קלאַסן־קאַמף, פּאַרטייען־קאַמף און מיליטאַריזם אין דער רוימישער מלוכה האָבן — ביי אַנדערע קאָניונקטורן, אמת — אויך דערפֿירט צום פֿאַרלירן די רעפּובליקאַנישע פֿרייהייט. די קאַמפֿן האָבן אַרויסגערוקט פּערזענלעכקייטן, גרייטע פֿאַר דער ראָלע פֿון אוזורפּאַטאָרן און פּאָטענטאַטן; ביי דער אונטערשטיצונג פֿון פֿינצטערע עגאָאיסטישע עלעמענטן פֿון דער מאַסע זיינען זיי געוואָרן אַ מיליטערישע קאַסטע. דאָס עקספּלואַטירן די גאַנצע איינגענומענע וועלט האָט געגעבן רוים די מיטלען אויף אויסצוהאַלטן דעם שטאָטישן פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס זיין

עקסיסטענץ האָט האַרמאָנירט מיט די באַגערן פון דער דעמאַגאָגיע; די אַנטוויקלונג ווידער פונעם רוימישן אימפּעריאַליזם האָט דערפירט צום שאַפן אַ באַצאָלטע אַרמיי, אין וועלכער די זעלנער האָבן זיך אין אַ גרעסערער מאָס געפילט פאַר מענטשן פון זייערע מיליטערישע הויפּטלייט, איידער פאַר בירגער פון דער רעפּובליק. די פּראָסקריפּציעס האָבן אויסגעראָטן דעם בעסטן טייל פון דער רעספּובליקאַנישער אַריסטאָקראַטיע; און דער זעלבסטמאָרד פון קאַטאָ דעם אינגסטן איז געווען אַ סימן, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה פון דער רעפּובליק און דער נצחון פונעם צעזאַריזם. דער המון האָט פאַרראָטן די רעפּובליק. ערשט מיט אַ פּאָר יאָרצענדליק פאַר דעם האָט גאַיוס גראַקך פאַרשאָלטן דאָס „פאָלק", ווייל עס האָט אים פאַרלאָזט — ערב זיין טויט און פאַלן — אָן שום אונטערשטיצונג. שפּעטער האָט טאַציט, באַשרייבנדיק, אין דער תקופה פון די גרויזאַמע צעזאַרן, די לוויה פון איינעם אַ באַרימטן רוימער, אַזוי באַמערקט: "ויט די רוימישע מנהגים האָבן דעם טויטן באַגלייט צו זיין פּלאַץ פון אייביקער רו די סטאַטועס פון זיינע אורפאָטערס, — האָבן דאָס מאָל צווישן זיי מער פון אַלץ געגלאַנצט די סטאַטועס פון ברוטוס און קאַסיוס — אָט די לעצטע חסידים פון פרייהייט, — אָבער געגלאַנצט האָבן זיי מיט דעם, וואָס „זיי האָבן דאָרט אינגאַנצן געפעלט"...

אין די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע רעספּובליקעס איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה פריער צווישן דער שטאָטישער בורזשואַזיע און דער אַריסטאָקראַטיע; בכלל גענומען, האָט די לעצטע פאַרלוירן אירע פּריווילעגיעס און, אין אַ צאָל פאַלן, איז זי אַפילו דעגראַדירט געוואָרן צום מצב פון ניט־פולבאַרעכטיקטע; פונדעסטוועגן פלעגן פון צייט צו צייט זיך טרעפן רעצידיוון פון באַוועגונגען לטובת דער אַריסטאָקראַטיע, פאַר צוריקשטעלן איר מאַכט און פּרעראָגאַטיוון. שפּעטער זיינען געקומען פּעריאָדן פון קאַמף צווישן פאַרשידענע גרופּעס שטאָטישער באַפעלקערונג — פאַר דער מאָס פון זייער אָנטיילנעמען אין דער מאַכט: צווישן נידעריקע און העכערע צעכן, צווישן פאַרשידענע פּאַרטייען אין דעם זעלבן קלאַס, צווישן די גוועלפן און גיבעלינען, צווישן די שוואַרצע און ווייסע, צווישן באַזונדערע פאַמיליעס, צווישן די סאַוועריינע און אונטערגעוואָרפענע שטעט; כסדרדיקע מלחמות זיינען אָנגעגאַנגען צווישן באַזונדערע רעספּובליקעס, שוין ניט רעכענענדיק די מלחמות צווישן פּויפּסטום און דער אימפּעריאַלער מאַכט, צווישן די לעצטע און די אויסערלעכע אָקופּאַנטן. אינעם תוהו־ובוהו פון די אינערלעכע קאַמפן האָבן זיך געשאַפן מיאַזמען פון צעפאַלונג, עס זיינען פאַרגעקומען מאַסן־הריגות, די באַזיגטע פּאַרטייען האָט מען צעשמעטערט, מען האָט געיאָגט, גערויבעוועט, קאָנפיסקירט פאַרמעגנס, פאַר פאַרשידענע בירגער האָט מען געשאַפן אַ מצב פון רעכטלאָ־

זיקייט. איין איבערקערעניש איז געקומען נאָך דער צווייטער, די קעמפנדיקע פּאַרטייען האָבן כסדר געהאַלטן אין רופן אויסערלעכע אינטערווענצן, די עמיגראַנטן און די אַרויסגעטריבענע האָבן ווי נאָך זייערע כוחות נאָך געגרייט רעוואַנשן. די דעמאָקראַטיעס זיינען צוגרונד געגאַנגען — דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אינעווייניקסטער צעפּאַלונג, אויסגעשעפּטקייט און מאַכטלאָזיקייט לגבי די פּאַרכאַפּערס. אָט אַזוי זיינען עס אין פּאַרשידענע רעספּובליקעס אויפגעקומען די גרויזאַמע טיראַניעס. די קאָנדאָטיערן, אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון געדונגענע אַרמייען האָבן אָפט באַשלאָסן דעם גורל פון געמיינדעס און מלוכות. אינעם כאַאָס פון די בירגער־קריגן איז פאַר די אוזורפּאַטאָרן, פּאַרכאַפּערס און טיראַנען געווען אַ גינסטיקער באָדן אויף צו דערשטיקן גאָר לייכט דעם דעמאָקראַטישן רעזשים. געווען פאַלן, ווען די רעספּובליקעס האָבן זיך געגרייט מיטן גוטן ווילן זיך אויפצולייזן און זיי האָבן זיך איבערגעגעבן אין רשות פון דער פרעמדער שטאַרקער מאַכט, אַבי צו געווינען פרידן (גענוע, פלאָרענץ). די מער ווייטזעעוודיקע מענטשן פון יענעם דור האָבן פאַרשטאַנען די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע און פון די סכנות, וואָס האָבן געדראָט, — און סאַוואָנאַראָלאַ, למשל, האָט אין זיינע דרשות געטענהט, אַז די בירגער־קריגן וועלן אַרויסברענגען אַ טיראַן. אין איינצלנע פאַלן פלעגן זיך באַווייזן אידעאָלאָגן־רעספּובליקאַנער, ליידנשאַפטלעכע שונאים פון טיראַניע, העלדן־נקמה־נעמער, אָנהענגער פונעם אידעאַל איבערצורייסן די מחלוקתן און אויסבילדן אַן איטאַליענישע פעדעראַציע. בדרך־כלל איז די באַוועגונג געגאַנגען אויף אַ סטיכישן אופן, און ניט די מאַסן, ניט די עליטעס זיינען ניט געשטאַנען אויף דער הייך, פון וועלכער מען זאָל קענען באַוואוסטזיניק אָנפירן מיט די געשעענישן. רעספּובליקעס זיינען געפאַלן איינע נאָך דער צווייטער, און נאָר די אַריסטאָקראַטישע רעפּובליק פון ווענעציע האָט אָפּגעלעבט טויזנט יאָר, — זי איז אונטערדריקט געוואָרן דורך נאַפּאָלעאָנען און איז אָנגעקומען דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע.

אונטערגעגראָבן די דעמאָקראַטיעס האָט, פון איין זייט, די אַנטוויקלונג פונעם מיליטאַריזם, און פון דער צווייטער זייט, די ניט־גענוגנדיקע פעאיקייט און פאַראויסזעעוודיקייט צו מיליטאַריזירן זיך אַליין אַנטקעגן די אויסערלעכע רויבערס. די סאָלדאַטן־לעגיאָנערן פון דער רוימישער רעפּובליק, אונטער דער פירערשאַפט פון יולי צעזאַר, האָבן אָוועקגעהרגעט די רעפּובליק. די רעספּובליקאַנישע סאָלדאַטן פון קראָמוועלן האָבן, אַליין ניט פאַרשטייענדיק דאָס, דערלאַנגט אַ קלאַפּ דער רעפּובליק, אַדאַנק זיינע אַקטן קעגן פּאַרלאַמענט. די זעלנער פון דער גרויסער פראַנצויזישער

רעוואָלוציע האָבן, אַליין ניט פאַרשטייענדיק דאָס, אָוועקגעהרגעט די רעפּובליק און די רעוואָלוציע, ווען נאַפּאָלעאָן האָט מיט זייער הילף דורכגעפירט די איבערקערעניש קעגן דער רעספּובליקאַנישער קאָנסטיטוציע. די מיטלאָלטערלעכע איטאַליענישע רעספּובליקעס האָבן ניט איין מאָל קאַפּיטולירט, ווייל זיי זיינען ניט בכוח געווען אַנטקעגנצושטעלן אַ גענוגנדיקע מיליטערישע קראַפט קעגן די אויסערלעכע שונאים, וואָס האָבן באַדראָט זייער פרייהייט. אַ צאָל באַפרייאונגס־אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס איז געוואָרן פּאַראַליזירט, ווי אַ פועל־יוצא פון מיליטערישע אינטערווענצן מצד רעאַקציאָנערע מלוכות. היטלער האָט מיט זיין מיליטערישער מאַכט צעשטערט אַזוי פיל אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס, ווייל זיי זיינען געווען ניט גענוג צוגעגרייט, געווען אָבער גענוג דעמאָראַליזירט און דעזאָרגאַניזירט.

ווען די דעמאָקראַטן ברענגען צו גרונד די דעמאָקראַטיע, פאַלט אַ גרויסע אַחריות אויף די אָנפירנדיקע עליטעס: עס פעלט זיי היסטאָרישער האָריזאָנט און אויך די גרויסע מעלה פון אַקטיוויקייט און קרבנות־גרייטקייט. ווען די געשיכטע האָט יאָ, אין קריטישע מאָמענטן פון דעמאָקראַטיע־לעבן, אַרויסגערוקט ווערטפולע עליטעס, דעמאָלט האָט די דעמאָקראַטיע געזיגט, ניט געקוקט אויף די גרעסטע שוועריקייטן ביי די געגעבענע קאָמבינאַציעס. ווי אַ ביישפּיל קענען מיר ברענגען וואַשינגטאָנען און די אַמעריקאַנער עליטע, בשעתן קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די אויפגעשטאַנענע קאָלאָניעס.

די ענגלישע קאָנטער־רעוואָלוציע און די רעסטאַווראַציע פון די סטיוּאַרטן זיינען פאָרגעקומען אין אַ תקופה פון כאַאָס, אומרוען און אויפרודערונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך קראָמוועלס טויט; עס האָט דאַ געאַרבעט די אַרמיי אונטער דער אָנפירערשאַפט פון גענ. מאָנק. דער צושטאַנד פון כאַאָס, דאָס פעלן פון זיכערקייט און פעסטער רעכט־אָרדענונג העלפן מיט, עס זאָל זיך שאַפן אַ בענקשאַפט נאָך אַ שטאַרקער מאַכט, מעג זי זיך געפינען אין וועמעס הענט עס זאָל ניט זיין; בכל־אופן שוואַכט אָפּ אָט דער צושטאַנד די שאַנסן פון דער דעמאָקראַטיע, ווייל די דעמאָקראַטישע מאַכט ווערט צעפאַלן און דיסקרעדיטירט. אַזוי איז געווען די לאַגע אין דייטשלאַנד פאַרן נצחון פונעם נאַציזם, און אין פראַנקרייך — ערב דער איצטיקער מלחמה.

דער בלוטיקער קאַמף צווישן די פּאַרטייען בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט ניט ווייניק ביגעטראָגן צו איר אונטערגאַנג. די בעסטע פראַנצויזישע עליטעס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פונעם טעראָר. די יוני־טעג פון 1848, זייערע סיבות און רעזולטאַטן, האָבן ניט

וויניק בייגעטראָגן צום קראַך פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין פראַנק־רייך און צום נצחון פונעם נייעם באָנאַפּאַרטיזם.

די פאַרפעסטיקונג פונעם באָלשעוויסטישן טאָטאַליטאַריזם אין רוס־לאַנד האָט צוגעהאָלפן און צוגעגעבן קוראַזש צום דערפאָלג פון די טאָטאַ־ליטאַרע דיקטאַטורן אין איטאַליע און דייטשלאַנד. גאַנץ מעגלעך, אַז ווען עס וואָלט ניט געווען לענין, וואָלט אויך ניט געווען היטלער. די דעמאָ־קראַטישע עליטעס האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן זייער אומפעאיקייט צו באַקעמפן די געפאַר. אין אַ צאָל פאַלן האָבן זיי געגאָסן וואַסער אויף די מילן פון דער נײַ־געבוירענער באַרבאַרנשאַפט.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך — די מאַסן, די עליטעס און די שונאים.

די מאַסן — און באַזונדערס די פּראָלעטאַרישע מאַסן — אָדער איב־גאַנצן פרעמד צום פּאָליטישן באַוואוסטזיין, אָדער דערצויגן אין די שולן פון קאָרפּאָראַטיוון פּראָפעסיאָנאַליזם צי פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, אין וועלכע דער פּאָליטישער אידעאַל איז געווען פאַרטושט דורך די עקאָנאָ־מישע פאָדערונגען און דורך די רופן צום קלאַסן־קאַמף, — האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון וועגן דער שרעקלעכער געפאַר. אַ גרויסער טייל פון זיי איז געפאַלן אַ קרבן פון דער טאָטאַליטאַרישער פּראָפּאַגאַנדע פונעם מאָסקווער „קאָמוניזם", וועלכע האָט פאַרסמט דעם פּאָליטישן באַוואוסט־זיין, זיך אונטערגעגראָבן אונטער אַלע עקסיסטירנדיקע דעמאָקראַטיעס, געגרייט געוואָלט־איבערקערענישן וואו נאָר דאָס איז מעגלעך געווען, האָט אומעטום געהעצט צו אומאָרדענונגען, שטרייקן, אָנפאַלן, פאַרכאַפּונ־גען. אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן האָט זיך פאַרשאַרפט די אומ־סטאַבילקייט, און זי האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט צוליב דער אויסטערליש אומקלוגער פּאָליטיק, נאָכן ערשטן קריג, ביים צוריקשטעלן דעם שלום, מיט די רעפּרעסיעס קעגן ווײַמאַרער דייטשלאַנד, מיט די עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע מאָסמיטלען. אייראָפּע האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן. זי איז די גאַנצע צייט געווען אין אַ צושטאַנד פון אַלאַרם. די פּסיכאָלאָגיע האָט געווירקט אויף דער פּאָליטיק און עקאָנאָמיע, און אַליין איז זי פון איר זייט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די לעצטע.

שפּעטער וועלן אָנגעוויזן ווערן גענויער די סיבות פון דער ניט־גענוגנדיקער פּאָליטישער דערציאונג פון די מאַסן. אַ באַשטימטע אַחריות אין דעם פּרט ליגט אויף די עליטעס און זייערע אידעאָלאָגיעס.

די עליטעס, די פּאָליטישע און די אינטעלעקטועלע, האָבן אין זייער גרעסטן טייל ניט באַנומען, אין יענעם קריטישן מאָמענט אין לעבן פון דער דעמאָקראַטיע, די סכנה פון דער לאַגע און זייער פאַראַנטוואָרטונג פאַר דער געשיכטע. דער דעמאָקראַטיע האָבן געדראָאַט געפאַרן פון לינקס און פון רעכטס: וואָרעם די לינקע רעאַקציע פון באָלשעוויזם האָט אַרויס־

גערופן אַ רעכטע רעאַקציע פון פאַשיזם און נאַציזם. אויפן גורל פון די לינק־דעמאָקראַטישע, ובפרט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז אויס־געפאַלן די אויפגאַבע צו קעמפן אויף צוויי פראָנטן. אָבער אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ איז אַליין אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון דער אַנטי־דעמאָקראַטישער „קאָמוניסטישער" אידעאָלאָגיע, זי האָט דערלאָזט, אַז איר אייגענער באַוואוסטזיין זאָל פאַרסמט ווערן און זי האָט דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן פאַרסמט: אַנפירנדיק מיט זיי, האָט זי אַליין געשאַפן און פאַרשאַרפט די צעשטערערישע אַרבעט פון די אַנטי־דעמאָקראַטישע כוחות, ריכטונגען און סטיכיעס. וואָס נוגע יענע פּאַרטייאישע און אינטעלעקטועלע עלעמענטן פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע זיינען געבליבן געטריי דער פאָן פון דער לעצטער, — איז זייער אַקציע קעגן די שונאים פון דער דעמאָקראַטיע צוגעגאַנגען פּאַסיוו און נעבעכדיק אַמאָל אויף איין פראָנט, אַמאָל אויף אַ צווייטן. עס האָבן געווירקט פאַרשידענע פּניות: די אינטערעסן פון דער קליינטעלע, עלעקטאָראַלע אינטערעסן, די אינטערעסן פון געגעבענעם מאָמענט, פון דער אָרגאַניזאַציע. אַ ליאַדע וואָס האָט די דעמאָקראַטיע געשלאָסן אַ סימביאָז מיטן באָלשעוויזם, און אין אייניקע פאַלן האָט זי זיך פשוט אונטערגעוואָרפן די דירעקטיוון פון מאָסקווע. אָן אַ געשיכטלעכן האָריזאָנט, ניט פאַרשטייענדיק די פאָדערונגען פון דער צייט, באַהערשט פון פאַרעלטערטע טעזן, וואָס האָבן שוין דערוויזן זייער באַנקראָט, — זיינען די דעמאָקראַטן געשוואוימען מיטן שטראָם פון אָפּגעשוואַכטקייט, צעפאַלונג און דעמאָראַליזאַציע פון דער דעמאָקראַטיע גופא.

און דעמאָלט האָט געשלאָגן די שעה פאַר די טיראַניעס פון רעכטס.

צום אָנפאַנג, אין איטאַליע, איז דער פאַשיזם אַרויסגעטראָטן אין דער ראָלע פון אַ רעטער און פאַרטיידיקער פון אָרדענונג אין דער מדינה, וועלכע איז געווען איינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון עלעמענטאַרן אָרגאַנישן גלייכגעוויכט, אַדאַנק די כסדרדיקע שטרייקן און פאַרכאַפּונגען פון די פאַבריקן און גרויסע ווערקהייזער, צוליבן וואָרפן די אַרבעט דורך די באַאַמטע, צוליב די מהומות און באַפאַלונגען, וועלכע האָבן פּאַראַליזירט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און אַרויסגערופן פאַרדרוס אין די ברייטע קרייזן באַפעלקערונג. די דעמאָקראַטישע רעגירונגען זיינען געווען מאַכטלאָז אין קאַמף מיט אָט דער צרה. מוסאָליני האָט איינגעשטעלט אָרדענונג און דערשטיקט די דעמאָקראַטיע אין איטאַליע.

איצט איז געקומען היטלערס ריי אין דייטשלאַנד. דאָס לאַנד האָט געליטן צוליב די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָלגן פונעם אומזיניקן ווערסאַילער שלום־טראַקטאַט, פון נויט און דערנידערונגען, פון די פּאַרטייאישע קאַמפן, צוליב דער מורא פאַרן גייסט פון „קאָמוניזם", צוליב

דער אומזיכערקייט פון דער לאַגע. די דעמאָקראַטישע פאַרבינדעטע האָבן ניט געשווינט די ווײַמאַרער רעפּובליק און מיט זייער פּאָליטיק האָבן זיי מיטגעהאָלפן, אַז אירע פֿיינט זאָלן זיך פאַרשטאַרקן. היטלער האָט זיין קאָרט געשטעלט אויף דער לעכצונג נאָך נאַציאָנאַלן רעוואַנש, אויף דער שרעק פאַרן „קאָמוניזם", אויף דער פּאַסיווקייט פון די מאַסן, אויפן שוואַכן ווידערשטאַנד פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. און ער האָט זיך ניט טועה געווען. אין אָט די מאָמענטן פון גרעסטער סכנה, האָבן די „דעמאָקראַטישע" מאַסן, דערצויגן אין כללים און לאָזונגען פון שמאָלן אומ־מיטלבאַרן אוטיליטאַריזם, אָן דעמאָקראַטישן ענטוזיאַזם און אָן פּאַרטיפּטע עטישע גרונט־הנחות, באַאיינפלוסט פון די דעמאָראַליזירנדיקע און דע־זאָרגאַניזירנדיקע כוחות, — ניט פאַרמאָגט קיין ערנסטע ווידער־שטאַנד־ענערגיע. היטלער האָט קיין טעות ניט געהאַט. און ווען ער האָט דורכגעפירט זיין איבערקערעניש, איז אין דייטשלאַנד ניט געווען קיין סימן ניט פון אַקטיוון, ניט פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד. היטלער האָט גע־זיגט. אָבער דער דאָזיקער זיג איז געווען נאָר אַ פּרעלוד צו דער וועלט־קאַטאַסטראָפע פון היינט.

ווייטער איז געקומען די ריי פון נצחון פאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע. נאָכן אַראָפּוואַרפן די מאָנאַרכיע, האָבן די שפּאַנישע דעמאָקראַטיע און די איינפלוסרייכע סאָציאַליסטישע עליטעס געוויזן דער וועלט אַ צוויטן שעדלעכן ביישפּיל פון פּאָליטישער בלינדקייט אין זייער באַנעמען זאַכן, ביי זייער אַקטיווקייט און אומאַקטיוו־קייט. זיי האָבן זיך ווייניק פאַרנומען מיטן אַדורכפירן אין לעבן אָרגאַ־נישע רעפאָרמעס און מיט דערציען אין די מאַסן רעפּובליקאַניש־דעמאָ־קראַטישע געפילן, — נאָר זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַנטי־דעמאָקראַ־טישע כוחות פון לינקס, זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי אַ פּאָליטיק, וואָס איר דעמאַגאָגיע האָט דערמונטערט די אָנגעהויבענע אָרגיע פון אַנאַרכיע, אומרוען, בלוטיקע באַפאַלונגען, געוואַלט און ווילקיר. אין אָט דער פאַר־סמטער אַטמאָספערע האָט די מיליטערישע רעאַקציע געפונען אַ גינסטיקן באָדן אויף צו דערשטיקן די דעמאָקראַטיע, און די דיקטאַטור האָט טריי־אומפירט.

צום סוף איז געקומען די ריי פאַר פראַנקרייך; פאַר איר קאַטאַסטראָפע האָט געאַרבעט סיי די פּאָליטיק פון די רעכטע און לינקע רעגירונגען, סיי פון די פּאַרטייען, וואָס האָבן זיי געשטיצט. גאָר אַ שעדלעכע ראָלע ביי דעם מאָראַלישן, פּאָליטישן און מיליטערישן חורבן פון פראַנקרייך האָט געשפּילט דער פאָלקס־פראָנט און די סאָציאַליסטישע אַקציע אינעם פאָלקס־פראָנט. דאָס פאַקטיזירן מיט די „קאָמוניסטן", די שונאים פון דעמאָקראַטיע, די פאַשיסטן פון „לינקס", און דערצו נאָך — מיטן צוועק

צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע פון די פאַשיסטן פון רעכטס; די דעמאַ־גאָגיע פון חנפענען די עלעמענטאַרע אינסטינקטן פון דער מאַסע און דאָס אַטראָפירן אין זיי די מאָראַל פון קרבנות־גרייטקייט און פון דינען העכערע אידעאַלן; די פּאָליטיק פון עלעקטאָראַלע אינטערעסן, פונעם שטרעבן צו מאָמענט־אינטערעסן בעת וואַלן, אַ פּאָליטיק, וואָס האָט אַרונטערגעריסן די אינטערעסן און דעם אויטאָריטעט פון געזונטער דעמאָקראַטישער מלוכהשאַפט; די פּאָליטיק פון פינאַנציעלער דעזאָרגאַניזאַציע און מאָנעטאַרער אינפלאַציע, וועלכע האָט עקאָנאָמיש פאַרערגערט דעם לעבנס־שטאַנד און רואינירט די ברייטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג; די געפערלעכע פּאָליטיק פון מחלוקתן און פאַרשאַרפטע אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען, בעת די סאָציאַלע קאָנפליקטן האָבן געדראָט דער מאָראַלישער אייניקייט פון פראַנקרייך פנים אל פנים מיט דער פאַרשטאַרקטער היטלערישער סכנה; דאָס כמעט אַבסאָלוטע פעלן פון ווידערשטאַנד קעגן דער צעפרעסנדיקער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט אונטער דער מאַסקע פון אינטעגראַלן „פּאַציפיזם" און „אַנטי־מיליטאַריזם" קולטיווירט עגאָאיסטישן אַנטי־פּאַטריאָטיזם, און דאָס אַרויסדרייען זיך פון דערפילן דעם בירגער־חוב אין פאַל פון היטלערס האָרדעס' אַגרעסיע אויף דער פרייער פראַנקרייך, — זיי האָבן אַפילו געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער שקלאַפעריי, איידער שטאַרבן אויפן פעלד פון קריגס־פאַרטיידיקונג; אַ פּאָליטיק, וועלכע האָט בכלל געהאָלפן דעמאָראַליזירן און דעזאָרגאַניזירן פראַנקרייך, לאָזנדיק זי אין דער זעלבער צייט ניט־צוגעגרייט און ניט גענוג באַוואָפנט לגבי דער מעכטיק־באַוואָפנטער נאַציסטישער גערמאַניע; — אַט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס בילד פון פראַנקרייכס פּאָליטישן לעבן אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג, אַט אַזאַ איז געווען די פאַטאַלע אַקציע פון די עליטעס פונעם פאָלקס־פראָנט, — נאָך די ביזהעריקע פאַזיסן פון אומקלוגער און שעדלעכער פּאָליטיק האָט די דאָזיקע אַקציע געשטויסן פראַנקרייך אין תהום אַריין, און זי האָט טאַקע אַ פאַרגיפטעטן שניט געגעבן ביי די געשעענישן, וואָס האָבן באַשטימט די קאַטאַסטראָפע.

היטלער האָט געפונען פראַנקרייך אין אַזאַ מצב, ווי ער האָט זי געוואָלט געפינען. עס איז געשען דאָס, וואָס איז געשען. דער חורבן פון פראַנקרייך איז געוואָרן דער חורבן פון דער גאַנצער כמעט קאָנטינענטאַלער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע.

## 3

די געשיכטע דערציילט ניט נאָר וועגן ירידות פון דעמאָקראַטיע, נאָר אויך וועגן איר ווידערגעבורט. צי דאַרף מען באַטראַכטן די עוואָלוציע

פון דער דעמאָקראַטיע ווי אַזאַ, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אונטער אַ געזעץ פון איבערגעחזרטע ציקלען?

דער גורל פון דער מענטשהייט ווייסט פון באַוואוסטזיניקער געשיכטע און פון דער זאָאָלאָגיע־הערשאַפט אין דער געשיכטע. בלויז די זאָאָלאָגיע, וועלכער עס זיינען פרעמד די לעקציעס פון געשיכטלעכער דערפאַרונג, איז אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון פאַטאַלע, זיך־איבערחזרנדיקע ציקלען. די באַוואוסטפולע געשיכטע, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון באַוואוסטזיניקער פראָגרעסיווער שאַפונג, פאַראַליזירט די טענדענצן פון זיך־איבערחזרנדיקן רעגרעס און פון דער מעגלעכקייט פון ירידה־ציקלען.

נאָך אין אוראַלטער האָבן פלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס פאָרמולירט אַ „געזעץ" וועגן אַ פעריאָדישן ציקל פון זיך־איבערחזרנדיקע ירידות פון אַלע פאָליטישע רעזשימען — מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע, טיראַניע, — וועגן זייער ווייטערן אויפשטייגן און פאַלן, — שפעטער — פון זייער בייעם אויפשטייג אאַ"וו, — און דאָס איז דערפאַר, ווייל יעדער רעזשים איז אויסגעשטעלט אויף פעלערן און אויף מיסברויכן, וואָס ווערן אָפּגעטאָן דורך דער מאַכט. די דאָזיקע צוויי פילאָזאָפן האָבן זיך באַזירט אויף דער געשיכטע פון די העלענישע רעספובליקעס. שפעטער — אין 2טן י"ה פ"ק — איז דער היסטאָריקער פאָליביוס געקומען צום אויספיר — און נאָך מיט מער פעסטקייט, — אַז די ציקלישע איבעראַנדערשונגען פון די פאָליטישע רעזשימען און באַזונדערס פון דער פאָלקס־אָנפירונג — זיינען אומפאַרמיידלעך. ער איז געווען אַנטציקט פון רוימס רעפובליק־קאָנסטיטוציע; אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער פאָראויסגעזען דעם חורבן פון דער רוימישער רעפובליק, און זיין נביאות איז טאַקע מקוים געוואָרן אין אַ הונדערט יאָר אַרום. פונקט צו אַזעלכע אויספירן זיינען געקומען, אין אַן אַנדערטהאַלבן טויזנט יאָר אַרום, אויפן גרונט פון דער געשיכטלעכער דערפאַרונג פון די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע רעספובליקעס, מאַקיאַוועלי, גיטשאַרדיני און דזשאַנאָטי.

אין דער אמתן אָבער איז ניטאָ קיין שום פאַטאַלער „געשיכטע־געזעץ" פאַר דער ירידה פון דער דעמאָקראַטיע. דער אונטערגאַנג פון די דעמאָקראַטיעס קומט פאַר צוליב קראַנקהייטן, וועלכע מען קען פאָראויסזען, אויסמיידן און אויסהיילן. וועגן אַזאַ מין „מעדיצין" אין דער געשיכטע האָבן אין 16טן י"ה גערעדט מאַקיאַוועלי, דזשאַנאָטי און זשאַן באָדען. פאַר די דעמאָקראַטיעס איז ניטאָ קיין אומהיילעוודיקע קראַנקהייטן. אָבער כדי צו ראַטעווען די דעמאָקראַטיעס אין קריטישע מאָמענטן פון זייער עקסיסטענץ, כדי מחיה־מתים צו זיין דעמאָקראַטיעס, כדי אויסצובילדן דעמאָ־

קראַטיעס, איז נייטיק, אַז עס זאָלן זיך געפינען און זיין טעטיק באַוואוסט־זיניקע, ווילנספולע און פון די אידעאַלן באַגייסטערטע עליטעס.

מאָנטעסקיע האָט געזען אַ וויכטיקן פּרינציפּ און פאַר־הנחה פאַר דער עקסיסטענץ פון דער דעמאָקראַטיע („רעספּובליקע") — אין דער „טוגענד". די זעלבע אידעע האָט נאָך אין 16טן י"ה אַנטוויקלט דער איטאַליענישער היסטאָריקער און פּאָליטיקער דזשאַנאָטי. אויב אָבער עס איז שווער שטענדיק צו דערוואַרטן „טוגענד" מצד דעם המון־עם, אויף דער אָדער אַנדערער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג, איז אָבער יאָ אַנצואווענדן די דאָזיקע פאָדערונג לגבי די דעמאָקראַטישע עליטעס. די מאָראַליש־הויכע עליטעס, וואָס פירן אָן מיט דער מאַסע, קענען אויסבילדן, אָפּהיטן און ראַטעווען די דעמאָקראַטיע.

אין אונזער קאַטאַסטראָפאַלער תקופה האָבן זיך די דעמאָקראַטישע עליטעס ניט אַרויסגעוויזן אויף דער געהעריקער הייך. וואָס גרייט אונז די צוקונפט?

די עליטעס בילדן איבער די געשיכטע, טראָגן אין איר אַריין באַוואוסטזיין און עלימינירן פון איר די זאָאָלאָגיע. אַזאַ וועט בלייבן דער כאַראַקטער פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, ביז ווי לאַנג די גאַנצע מאַסע פון דער מענטשהייט וועט ניט ווערן קיין עליטע.

# דריטער בוך

## געשיכטע אין דער נאַטור און געשיכטע פון דער מענטשהייט

**פּאַראַלעליזמען:**

די נאַטור און די פיזישע וועלט ווייסן די געשיכטע מכוח פאַרענדערונגען פון די פאַרשידענע אַרטן סטיכיעס און עלעמענטן. די געשיכטע אין דער נאַטור רוקט אַרוים פּראָבלעמען, וואָס אייניקע פון זיי זיינען אַנאַלאָגיש צו די פּראָבלעמען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. מיר האָבן פאַר זיך אַ צאָל אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע פּאַראַלעליזמען, וואָס זיינען ביכולת צו באַלויכטן דאָס באַנעמען אַ רייע פראַגעס פון געשיכטע און פּראַקטישע אויספירן. דאָס שטודירן די דאָזיקע פּאַראַלעליזמען נעמט אַרום אַ גרויס פאָרשונגס-פעלד, און מיר וועלן דאָ מוזן זיי איבערגעבן אויף אַ קורצן און זייער פאַראיינפאַכטן אופן.

# קאַפּיטל צוועלף

## ציקלען וואָס חזרן זיך איבער און פּראָצעסן וואָס חזרן זיך ניט איבער אין דער געשיכטע

### 1

אין דער פיזישער וועלט קומען פאָר פּראָצעסן, וואָס חזרן זיך יאָ איבער, און אַזעלכע, וואָס חזרן זיך ניט איבער. אַזוי, אונזער פיזיאָלאָגיש לעבן באַשטייט פון אַ צאָל פּראָצעסן, וואָס חזרן זיך איבער: דאָס אָטעמען, די בלוט־צירקולאַציע, דאָס קלאַפּן פונעם האַרץ, די שפּייז־פאַרדייאונג אאַ״וו. גלייכצייטיק זיינען אינעם לעבן פון אָרגאַניזם פאַראַן פּראָצעסן, וועלכע חזרן זיך ניט איבער און טרייבן דאָס לעבן אין אַ באַשטימטער ריכטונג, וואָס פירט ניט צוריק צום פריערדיקן צושטאַנד: דער אָרגאַניזם ווערט געבוירן, וואַקסט, גייט אַדורך בהדרגה דעם עלטער פון קינדהייט, יוגנטלעכקייט, רייפקייט, אַלטקייט, און שפּעטער שטאַרבט ער; צוריק ווערט דער אָרגאַניזם ניט ווידער־געבוירן.

אָבער אָרגאַניזמען רעפּראָדוצירן נייע אָרגאַניזמען, און די לעצטע פון זייער זייט געבוירן נייע אָרגאַניזמען אאַ״וו, עד אין סוף. יעדער דור אָרגאַניזמען גייט דורך דעם זעלביקן לעבנס־וועג. די כסדרדיקע לעבנס־פּראָצעסן פון איין דור חזרן זיך איבער אין די לעבנס־פּראָצעסן פון די שפּעטערדיקע דורות.

מיר זעען, אַז דער לעבנס־שטראָם פון יעדן איינצלנעם אָרגאַניזם, פון זיין געבוירן ביז זיין טויט, באַשטייט פון אַ צאָל פּראָצעסן, וואָס קערן זיך ניט אום, חזרן זיך ניט איבער ווי אַ ניי לעבן אינעם זעלבן אָרגאַניזם נאָך זיין טויט. דאָ האָבן מיר ניט פאַר זיך קיין קרייז־באַוועגונג, אַזאַ וואָס קערט זיך אום צוריק, נאָר אַ באַוועגונג וואָס איז תמיד געווענדט אין איינער און דער זעלבער זייט, כמו ווי מיט אַ גראַדער ליניע. דאָס איז — אַ זיך ניט־אומקערנדיקע באַוועגונג. אַקעגן, די איבערחזרונג פון די זעלבע לעבנס־פּראָצעסן אין אַ צאָל דורות איינס נאָך איינס — בילדט אַן אומקרייז, אַ זיך־איבערחזרנדיקן אָדער פּעריאָדישן ציקל.

די נאַטור וויַיסט פון אַ גאַנצער צאָל זיך־איבערחזרנדיקע פּעריאָדישע ציקלען. אַזוי ווי דאָס לעבן — אויך וויפל עס גייט ניט מיט דער קרוי־

מער ליניע פון ניט־צוריקקומענדיקן פּראָצעס — רעאַליזירט זיך אַליין אין אַ כסדרדיקער צאָל זיך־איבערחזרנדיקע ציקלען, און אַזוי ווי דאָס לעבן פון די אָרגאַניזמען הענגט אָפּ פון דער אַרומיקער סביבה, וועלכע ווערט געשאַפן אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דער נאַטור, — דעריבער וואָלט דאָס לעבן אוממעגלעך געווען, ווען די פּראָצעסן, וואָס שאַפן זיך אין דער נאַ־טור, זאָלן ניט טראָגן דעם כאַראַקטער פון איבערגעחזרטע פּעריאָדישע ציקלען.

אַזוי, צום לעבן איז נייטיק לופט און וואַסער. און די ביידע סטי־כיעס זיינען אונטערגעוואָרפן פאַרענדערונגען, וואָס חזרן זיך איבער און שטעלן פאָר איבערגעחזרטע ציקלען.

לופט באַשטייט פון אַ קאָמפּלעקס גאַזן, וואָס די וויכטיקע פון זיי זיי־נען זויערשטאָף, אַזאָט און, אין אַ קלענער פּראָפּאָרץ, קוילן־זויערשטאָף. יעדער פון די דאָזיקע גאַזן האָט זיין געשיכטע. אַ באַזונדערן אינטערעס שטעלן פאָר די ציקלישע פאַרענדערונגען פון אָט דעם לעצטן גאַז, וועלכע זיינען אַזוי באַדייטיק פאַרן לעבן. דער גאַנצער קוילנשטאָף פון די לע־בעדיקע אָרגאַניזמען שטאַמט, אין לעצטן סך־הכל, פונעם קוילן־זויער־שטאָף, וואָס געפינט זיך אין דער אַטמאָספערע. אַדאַנק דעם אַטמאָספע־רישן קוילן־זויערשטאָף, שאַפן די געוויקסן, אונטער דער ווירקונג פון דער ליכט, זייערע געוועבן, וועלכע באַשטייען פון קוילן־הידראַטן (אַ פאַר־בינדונג פון קוילנשטאָף מיט וואַסער), און זיי אוטיליזירן שפּעטער פאַר זייער דערנערונגס־וועגן די מינעראַל־שטאָפן, וואָס געפינען זיך אינעם באָדן. די גראָז־פרעסנדיקע חיות שפּייזן זיך מיט די געוויקסן, און די פלייש־פרעסנדיקע חיות דערנערן זיך מיט די גראָז־פרעסנדיקע און מיט אַנ־דערע פלייש־פרעסנדיקע חיות. ביים אָטעמען־פּראָצעס עטעמען אַריין די חיות־אָרגאַניזמען זויערשטאָף, און עטעמען אַרויס קוילן־זויערשטאָף; די געוויקסן, וואָס עטעמען אַרויס ביי דער ליכט זויערשטאָף, עטעמען אַרויס אין דער פינצטער אויך קוילן־זויערשטאָף. אויסער דעם, נאָכן טויט פון די אָרגאַניזמען, קערט אום זייער צעפאַלונג צוריק אין דער אַטמאָספערע די גאַזן, וואָס זיי האָבן פון איר געשעפּט. אַדאַנק אָט דעם „גלגל החוזר", ווערט צוריקגעשטעלט און איינגעהאַלטן אומגעפער אין אַ גלייכער פּראָ־פּאָרץ דער קוילן־זויערשטאָף, וואָס געפינט זיך אין דער אַטמאָספערע.

דאָס וואַסער אויף דער ערד גייט אויך אַדורך פאַרענדערונגען, וואָס טראָגן אַן איבערחזרנדיק־ציקלישן כאַראַקטער. דאָס וואַסער אין די אָקע־אַנען דעמפּט זיך אויס, דער וואַסער־דאַמף פאַרוואַנדלט זיך אין טראָפּנס, פון וועלכע עס מאַכן זיך וואָלקנס, אָדער אין שניי און אייז; די רעגנס און די צעגאַנגענע שנייען און אייז בילדן זאַמלונגען פון וואַסער־פליסיקייט, וואָס שיקן אַרויס דאָס וואַסער צוריק אויף דער אויבערפלאַך פון דער

ערד. אָט די איבערפלאַך־וואַסערן טראָגן די טייכן צוריק אַוועק אין אָקעאַן, און אַזוי אַרום האַלט זיך איין אויף אונזער פּלאַנעטע דער אומגע־פעריקער הכנסה־הוצאה־באַלאַנס פון וואַסער, ווי אַ סך־הכל פונעם פּע־ריאָדיש זיך־איבערחזרנדיקן ציקל.

די ערד ווייסט פון אַ גאַנצער צאָל געאָפיזישע ציקלען, ד״ה פּעריאָ־דיש זיך־איבערחזרנדיקע פאַרענדערונגען פון די פיזישע עלעמענטן אינעם צושטאַנד פון דער ערד, וואָס זיינען ס׳רוב געבונדן מיט אַסטראָנאָמישע דערשיינונגען. פּעריאָדיש בייטן זיך די צייטן פון יאָר. פּעריאָדיש בייט זיך דער צושטאַנד פון ערד־מאַגנעטיזם. פּעריאָדיש בייטן זיך די אָפּטקייט און די קראַפט פון די פּאָלאַר־שיינען. פּעריאָדיש בייט זיך דער צושטאַנד פון טרוקנקייט און פייכטקייט אויף דער ערד (דער בריוקנער־ציקל).

אַ גאַנצע ריי מערקווירדיקע ציקליש זיך־איבערחזרנדיקע דערשיי־נונגען באַמערקט זיך אין דער וועלט פון די הימל־קערפּערס. די אינטענ־סיווקייט און אָפטקייט פון די זון־פלעקן בייט זיך פּעריאָדיש יעדע 11.16 יאָר („שוואַבע־ציקל״), — וואַרשיינלעך צוליב די גיגאַנטישע אויפרייסן, וואָס חזרן זיך איבער פּעריאָדיש אויף דער זון; מיטן זון־ציקל זיינען אויך פאַרבונדן אויף דער ערד די ציקלען פון די מאַגנעטישע שטורמען און פּאָלאַר־שיינען. פאַראַן אַ גאַנצער קלאַס שטערן, וואָס פאַרענדערן זיך כסדר און זייער גלאַנץ בייט זיך פּינקטלעך פּעריאָדיש אָדער צוליב די פאַר־פינצטערונגען (ליקוי־חמה, ליקוי־לבנה), אָדער צוליב אינעווייניקסטע פי־זיקאָ־כעמישע פּראָצעסן.

די אַסטראָנאָמיע דערציילט אונז וועגן זיך־איבערחזרנדיקע ציקלען פּעריאָדישע באַוועגונגען פון די הימל־קערפּערס: אַזאַ איז דאָס דרייען זיך פון דער ערד אַרום דער אַקס, די ווענדונגען פון דער ערד אַרום דער זון, דער אומלויף פון די פּלאַנעטעס און פון די פּעריאָדיש זיך־אומקערנ־דיקע קאָמעטעס, דאָס אומדרייען זיך פון די פּלאַנעטעס, דאָס אומדרייען זיך פון דער זון אַרום דער אַקס, פילצאָליקע פּעריאָדישע ציקלען אין דער באַוועגונג פון דער לבנה, די פּעריאָדישע ציקלען פון די פאַרפינצטערונ־גען, אאַ״וו.

דאָס שטודירן פאַרשידענע קלאַסן אומבאַוועגלעכע שטערן האָט גע־בראַכט צום אויספיר, אַז די זונען־שטערנס מאַכן דורך אַן עוואָלוציע, וואָס איז ענלעך צום לעבן פון די אָרגאַניזמען: עס ענדערט זיך זייער טעמפּע־ראַטור, גלאַנץ, געדיכטקייט, פיזיקאָ־כעמישער צושטאַנד. פון קאַלט ווערט דער שטערן הייס, און שפּעטער — ווידער קאַלט. געבוירן פון נעפּל־שאַפטן, גייען די שטערן דורך בהדרגה דעם עלטער פון יוגנט, רייפקייט, אַלטקייט, אָפּגעלעבטקייט, און שפּעטער פאַרוואַנדלען זיי זיך אין פינצ־

טערע, קאַלטע, טויטע קערפּערס. לויט אַ ריי קאָסמאָגאָנישע טעאָריעס, ווערן די אויסגעלאָשענע שטערן צוריק געבוירן צו אַ ניי לעבן, ווי אַ פּועל־יוצא פון צוזאַמענשטויסן צווישן די לויכטנדיקע קערפּערס אָדער פון אַוועלכע ס'איז אַנדערע קאַטאַסטראָפישע ענדערונגען. אַזוי ווערט אין דער נאַטור פאַרווירקלעכט דער אייביקער ציקל פון געבוירן, לעבן, טויט אוןווידערגעבורט פון די שטערן־וועלטן.

אין מזרח און אין קלאַסישן אוראַלטער האָט עקסיסטירט אַ קאָנצעפּציע, אַז אַלץ, די גאַנצע וועלט און אַלע עלעמענטן אין איר, קערט זיך אום געננוי צו זיין אַמאָליקן צושטאַנד. די געשיכטע פונעם אוניווערסום, הייסט עס, חזרט זיך איבער אויף דעם זעלבן אופן, מיט אַלע מאַטעריעלע און מאָראַלישע דערשיינונגען; עס חזרט זיך איבער, בכן, אויך די געשיכטע פון אונזער ערד, ווי אַן אַטאָם פונעם אוניווערסום, מיטן זעלבן פאַרלויף פון די סאָציאַלע, פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן, מיט דעם זעלבן שטראָם מענטשן און זייערע מעלות, חסרונות און פאַרברעכנס. אין דער דאָזיקער סיסטעם זעט אויס די געשיכטע פון איין פּעריאָד ווי די געשיכטע פון אַלע שפּעטערדיקע פּעריאָדן. די דאָזיקע קאָנצעפּציע, אונטערן נאָמען „דאָס גרויסע יאָר", האָט זיך באַוויזן אונטערן איינפלוס פון אַסטראָלאָגישע אָנשויאונגען.

אין דער נייער צייט האָט זיך די טעאָריע פון אייביקן קרייזלויף צוריק באַוויזן אונטערן איינפלוס פון איניקע וויסנשאַפטלעכע און האַלבוויסנשאַפטלעכע פּאָסטולאַטן. אינעם יסוד פון דער דאָזיקער דאָקטרינע ליגט דער אויספיר אָדער די הנחה, אַז די צאָל מעגלעכע פאַרשידענע קאָמבינאַציעס אין דער וועלט איז ניט אומענדלעך, זי איז באַגרענעצט; בכן איז נאָכדעם ווי במשך פון אַ צייט זיינען שוין אויסגעשעפּט געוואָרן אַלע מעגלעכע פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, מוזן זיך שוין איבערחזרן די פריערדיקע קאָמבינאַציעס. די דאָזיקע אידעע האָט אָפריער אַנטוויקלט אַג. בלאַנקי, און נאָך אים ניצשע, גוסטאַוו לעבאָן, האַלדען, שאַרל רישע, אַבעל רעי.

אַנגעווענדט צו דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז די אידעע פון אייביקן קרייזלויף אין ווידערשפּרוך צום טעזיס וועגן פּראָגרעס, ווי אַ באַוועגונג, וואָס איז שטענדיק געווענדט פאָראויס, אַן אַ צוריק צו די פריערדיקע צושטאַנדן, וועלכע ווערן קוואַליפיצירט ווי „נידעריקע" צושטאַנדן. דאָס בילד פון אייביקן קרייזלויף האָט אַזוי פאַרכאַפּט אַג. בלאַנקי, אַז ער, דער גרויסער רעוואָלוציאָנער, האָט אַפילו אויסגערופן: „ניטאָ קיין פּראָגרעס!"...

## 2

אָבער די נאַטור ווייס ניט נאָר פֿון איבערחזרונגען און פּעריאָדישע ציקלען. זי ווייס אויך פֿון באַוועגונגען, וואָס זיינען געווענדט אין איין זייט און קערן זיך ניט אום. זייט ביי זייט מיט די איבערחזרונגען זיינען אויך פֿאַראַן ניט־איבערחזרונגען. און די פּעריאָדישע ציקלען, וואָס חזרן זיך איבער אין דער פֿיזישער וועלט, זיינען נאָר מער־ווייניקער ענלעך איינס צום אַנדערן; אין אַ געוויסער מאָס ווידער זיינען זיי ניט איבערחזרעוודיק.

פֿון אַ ריי וויסנשאַפֿטלעכע פֿעסטשטעלונגען איז געדרונגען, אַז ניט די געשיכטע פֿון דער אַטמאָספֿערע, ניט די געשיכטע פֿון וואַסער גיבן ניט קיין גלייכגעוויכטיקן הוצאה־הכנסה־באַלאַנס פֿון די עלעמענטן. צוליב דעם וואָס אַ געוויסע פּראָפּאָרץ קוילן־זויערשטאָף ווערט איינגעשלונגען דורך די פֿאָרמאַציעס פֿון דער ערד־שאָל, און ווי אַ סך־הכל פֿונעם אויסבילדן די קאַלך־שטיינער, — קערט זיך ניט אום צוריק אין דער אַטמאָספֿערע אַ טייל פֿונעם אַטמאָספֿערישן קוילן־זויערשטאָף, וואָס געפֿינט זיך אין צירקולאַציע, און אַזוי אָרום ווערט די אַטמאָספֿערע אַלץ אָרעמער און אָרעמער אין פּרט פֿון אַנטהאַלטן קוילן־זויערשטאָף, — אַזוי איז די מיינונג פֿון אַ צאָל פֿאָרשערס. ווען דער דאָזיקער פּראָצעס זיך ציען גענוג לאַנג, וועט קומען אַ מאָמענט, ווען — צוליבן אויספֿעלן פֿון קוילן־זויערשטאָף — וועט פֿאַרשווינדן די פֿלאַנצנוועלט, און צוזאַמען מיט איר — אויך דאָס לעבן אויף דער וועלט. אָט דאָס איז דער „סוף פֿון דער וועלט“, וועלכן דער פֿראַנצויזישער באָטאַניקער מאַקענן זאָגט פֿאָראויס. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַ טייל פֿון אָקעאַנוואַסער, וואָס צירקולירט אין דער אַטמאָספֿערע און אויף דער ערד: עס קומט אין כעמישע פֿאַרבינדונגען מיט די האַרטע שיכטן פֿון דער ערדקאָרע און קערט זיך ניט אום צוריק אין אָקעאַן אַריין; און אַ געוויסע צאָל אַסטראָנאָמען און געאָלאָגן זעען פֿאָראויס, אַז עס וועט קומען אַזאַ צושטאַנד פֿון אויסגעטריקנטקייט אין אונזער פּלאַנעטע, אַז עס וועט ווערן אומפֿאַרמיידלעך דאָס אונטערגיין פֿון לעבן אויף דער ערד: אָט האָט איר אייך נאָך איין „סוף פֿון דער וועלט“! לויט אַ צווייטן וואַריאַנט קומט אויס, פֿאַרקערט: צוליב דעם וואָס דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד ניוועלירט זיך, ווייל די פֿעלזן־פֿאָרמאַציעס ווערן צעפּרעסן, וועט דער גאַנצער ערד־אויבערפֿלאַך זיך באַדעקן מיט אָקעאַנישע וואַסערן (סכעמע פֿון געאָלאָג זיוסס).

עס עקסיסטירט אַ צאָל ראַדיאָאַקטיווע סובסטאַנצן, וועלכע ווערן כסדר פֿונאַנדערגעפֿאַלן: זייערע אַטאָמען ווערן צעשטערט, און די עלעמענטן פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַנדערע עלעמענטן. אַזוי למשל, אוראַן פֿאַרוואַנדלט

זיך אין ראַדיום, ראַדיום פאַרוואַנדלט זיך אין ראַדאָן און העליום, ראַדאָן איז אויסגעשטעלט אויף אַ צאָל כסדרדיקע פאַרוואַנדלונגען, ביז וואַנען ער גיט „סוף־כל־סוף" בליי. אָט דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס איז באַשיימפּער־לעך ניט איבערחזרעוודיק: קיין צוריק־פּראָצעס פון באַשאַפן ראַדיאָאַק־טיווע סובסטאַנצן איז ניט בנמצא. ווי אַזוי זשע זיינען די לעצטע אַנט־שטאַנען? וועלן זיי לעולם ועד פאַרשווינדן פון דער ערד? די דאָזיקע פראַגעס פאַרבלייבן אָפן.

מען קען ניט האַלטן, אַז אַלע אַסטראָנאָמישע פּעריאָדישע ציקלען זיינען פּערפעקט: זיי ענדערן זיך, צוליב די פּערטורבאַציעס, וואָס נעמען זיך פון דער שווערקראַפט צווישן די הימל־קערפּערס, און די געשעענישן חזרן זיך ניט איבער פונקט אויף דעם זעלבן אופן. עס ענדערט זיך די לענג פון די מעת־לעתן. עס ענדערט זיך דער צייט־פּעריאָד צווישן צוויי כסדרדיקע פאַרפינצטערונגען. די געשיכטע פון דער לבנה און פּלאַנעטן שטעלט פאַר אַ ריי זיך ניט־איבערחזרנדיקע פאַרענדערונגען. עס ענדערט זיך די סטרוקטור פון דער זון־סיסטעם. עס ענדערט זיך דער אַלגעמיי־נער אויסזען פונעם שטערן־הימל. ס'איז אַ ריי ענדערונגען, וואָס דאָ איז ניט שייך קיין רעגולערע פּעריאָדישע איבערחזרעוודיקייט.

פון איינציקע פּאָסטולאַטן פון פיזיק („דער צווייטער פּרינציפּ פון טערמאָדינאַמיק") קומען אָפּט די פאַרשערס צו דער מסקנה, אַז די עוואָ־לוציע פון דער וועלט בכלל איז שטענדיק געווענדט אין איין ניט־איבער־חזרעוודיקע ריכטונג, און אַז זי פירט די וועלט צום „טויט פון דער וואַרעמ־קייט", צום „טויט פון דער ענערגיע", צום „טויט פון דער וועלט", צום סוף פון דער וועלט! אַ בליק, וואָס איז אינגאַנצן דער היפוך פון דער קאָנצעפּציע פון אייביקן קרייזלויף...

וואָס איז אַזוינס ענערגיע? דאָס איז דער קוואַל פון פאַרענדערונגען, באַוועגונגען און אַרבעט. פאַראַן מעכאַנישע ענערגיע (אָדער ענערגיע פון באַוועגונג), וואַרעמקייט־ענערגיע, עלעקטרישע ענערגיע, ליכט־ענער־גיע וכדומה. אַלע פאָרמען פון ענערגיע זיינען עקוויוואַלענט, ד"ה זיי פאַר־וואַנדלען זיך איינע אין די אַנדערע אין גלייכע סכומען, אָן היזק און אָן אַ רעשט. אָבער ניט אַלע גלייך קענען זיך לייכט פאַרוואַנדלען איינע אין דער צווייטער, ניט אַלע זיינען אין דער גלייכער מאָס „איידל". אַזוי, מעכאַנישע ענערגיע קען לייכט און אין אַ פולער מאָס איבערגיין אין צו־שטאַנד פון וואַרעמקייט־ענערגיע אָדער עלעקטרישער ענערגיע; דאָס איז אַן „איידעלע" פאָרעם פון ענערגיע. פאַרקערט, די וואַרעמקייט־ענערגיע קען זיך פאַרוואַנדלען אין מעכאַנישער אָדער עלעקטרישער ענערגיע נאָר ביי אַן אונטערשייד אין די טעמפּעראַטורן. אַזוי, אין אַ דאַמף־מאַשין מוזן גלייכצייטיק פונקציאָנירן הייסע דאַמפּן און אַן אָפּקילער. די וואַרעמקייט־

ענערגיע — דאָס איז אַ ווייניקער אײדעלע פאָרעם פון ענערגיע. די אײדעלע ענערגיע־פאָרמען גייען לייכטער איבער אין די ווייניקער אײדעלע ענערגיע־פאָרמען, אײדער פאַרקערט, בפרט — אין וואַרעמקייט־ענערגיע. אין יעדער איזאָלירטער סיסטעם איז פאַראַן אַ טענדענץ צו פאַרוואַנדלען די אײדעלע ענערגיע־פאָרמען אין ווייניקער־אײדעלע. די ענערגיע פאַר־לירט אַלץ מער און מער איר צוריקקערעוודיקייט; די ענערגיע „דעגראַ־דירט" אַלץ מער און מער. אָבער וואַרעמקייט גלייכט זיך אויס אין יע־דער געשלאָסענער סביבה, איבערגייענדיק פון אַ וואַרעמערן קוואַל צו אַ קילערן, — אין סך־הכל שטעלט זיך אומעטום איין אַ גלייכע טעמפּעראַטור. און ווען עס פעלן אונטערשידן אין דער טעמפּעראַטור, דעמאָלט ווערט די וואַרעמקייט טויט: זי קען ניט שאַפן קיין שום באַוועגונג, קיין שום אַרבעט. אָנווענדנדיק דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג (פּרינציפּ פון קאַרנאָ־קלאַוזיוס) צום אוניווערסום, קומט מען צו דער מסקנה, אַז די וועלט גייט צום טויט פון דער ענערגיע, צום טויט פון דער באַוועגונג, צו אומבאַוועגלעכקייט, צום סוף פון איר געשיכטע, צום פאַרזינקען אין גאָרניט...

אָט דאָס איז די פּערספּעקטיוו פון דער וועלטס עוואָלוציע, אין פולן היפּך ניט נאָר צום אייביקן קרייזלויף, ניט נאָר צו דער סכעמע פון פּע־ריאָדישע צוריקקומענדיקע ציקלען, ניט נאָר צו יענער קאָנצעפּציע פון איבערחזרעוודיקייט, נאָר אויך — אין פּרט פון סוביעקטיוו אָפּשאַצן דעם דינאַמיזם — צו דער אידעע פון פּראָגרעס (אויב מען זאָל באַטראַכטן די באַוועגונג און דאָס לעבן ווי אַ סימן פון פּראָגרעס). דאָס בילד פון דער וועלטס געשיכטע ווערט געמאָלן אונטערן צייכן פון אַבסאָלוטן רעגרעס, אַ רעגרעס, וואָס מאַכט פאַרזינקען די וועלט־עקסיסטענץ האָפענונגסלאָז אין אַבסאָלוטן „גאָרניט". און דער פראַנצויזישער פיזיקער בערנאַר בריונס, אַ הייסער אָנהענגער פון דער אידעע וועגן דער דעגראַדירונג פון־נעם אוניווערסום, רופט אויס: „דער דאָזיקער געזעץ באַטייט יאָ עוואָלוציע אין דער וועלט, אָבער אַן עוואָלוציע, וואָס קומט פאָר אין אַ ריכטונג להיפּוכדיק צום פּראָגרעס"...

דאָ קומט אָבער אויף אַ גאַנצע ריי שוועריקייטן און פּאַראַדאָקסן. וויבאַלד די ענערגיע איז ניט אַנטשטאַנען אין אַ געוויסן צייט־מאָמענט, נאָר זי האָט שטענדיק עקסיסטירט, היינט ווי קען מען האַלטן, אַז זי וועט אין דער צוקונפט מוזן פאַרשווינדן? ווי קען מען צונויפּפּאָרן דעם סוף פון דער ענערגיע מיט דער אומענדלעכקייט פון דער צייט? און פאַרוואָס איז דער דאָזיקער סוף שוין ניט געקומען נאָך אַן אומענדלעכער צייט? אויב ווידער די ענערגיע איז יאָ אַנטשטאַנען אין אַ געוויסן צייט־מאָמענט, — איז פאַרוואָס זאָל מען ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די זעלבע אימ־פּולסן, וואָס האָבן געגעבן אַ שטויס צום אויסבילדן די ענערגיע, קענען איר

ניט צוריק געבוירן אָדער מחיה־מתים זיין נאָך איר טויט? און צי קען מען אָנווענדן צו דער אין־סופיקער וועלט אַ וויסנשאַפטלעכן פּרינציפּ, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן צוליב אַן איזאָלירטער יאָ־סופיקער סיסטעם?

ווידער אַמאָל צוריק, בנוגע דעם ענין, צי די וועלט איז יאָ אין־סופיק אָדער ניט, גייט אָן אַן ערנסטע חלוקי־דעות אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. הגם אין היינטיקער צייט איז צווישן די פאַרשערס פאַראַן אַ שטאַרקע נטיה צו לייקענען די אין־סופיקייט און צו דערפירן אַלע עלע־מענטן פון דער נאַטור און פון דער פיזישער וועלט צו טערמינען באַגרע־נעצטע, סופיקע, — איז אָבער אינגאַנצן ניט באַוויזן, אַז דער אוניווערסום איז יאָ־סופיק אין פּרט פון שטח און מאַטעריע. און דער פּרינציפּ פון קאַרנאָ־קלאַוזיוס קען ניט, לאָגיש־סאָליד, אָנגעווענדט ווערן צו דער אין־סופיקער וועלט.

אייניקע פון די אָנגעוויזענע שוועריקייטן אַנטשטייען אויך בנוגע אַ צווייטן „סוף פון דער וועלט", וואָס עטלעכע פיזיקער־אַסטראָנאָמען (דזשינס, עדינגטאָן) זעען פאָראויס ווי אַ רעזולטאַט פון דער פאַרוואַנדלונג פון דער גאַנצער וועלט־מאַטעריע אין שטראַלן פון געזעענער און אומגעזעענער ליכט־ענערגיע.

צום סוף, אַ טיפערע אויסטייטשונג פונעם געזעץ וועגן דער ענערגיע־דעגראַדאַציע — ברענגט אונז צו אָנשויאונגען, וואָס זיינען דער היפּוך פון באַנעמען אָט די מיינונג ווי אַ פאַטאַלן געזעץ וועגן דער ניט־אומקע־רעוודיקייט פון דער ענערגיע.

בכלל גערעדט, איז די געשיכטע אין דער נאַטור ניט אונטערגעוואָרפן ניט דעם געזעץ פון אייביקן קרייזלויף, ניט דעם געזעץ פון אייביקן איבער־חזרן די אידענטישע פעריאָדישע ציקלען, ניט דעם פאַרקערטן געזעץ פון שטענדיקער באַוועגונג אין איין ריכטונג אָן אַ צוריק („פּראָגרעס" אָדער „רעגרעס"). די וועלט פאַרענדערט זיך אייביק, מיט אַ ריי איבערחזרונגען פון ענלעכע, אָבער ניט קיין אידענטישע סיטואַציעס. אין „אוראַלטער" האָט מען אַנטקעגנגעשטעלט די בליקן פון צוויי באַרימטע פילאָזאָפיעס: הערעקליט האָט געהאַלטן, אַז אַלץ באַוועגט זיך אויף דער וועלט, אַלץ פאַרענדערט זיך אייביק ,ניטאָ קיין שום אומפאַרענדערלעכע זאַך. לויט קהלת, פאַרקערט, חזרט זיך אַלץ איבער אין דער וועלט, ניטאָ קיין שום נייעס אונטער דער לבנה. אָט די צוויי קעגנגעזעצלעכע וועלט־באַנעמונ־גען קענען זיך צוזאַמענשמעלצן אין איין קאָמפּראָמיס־פאָרמולע: אינעם אייביק זיך ענדערנדיקן שטראָם פון דערשיינונגען חזרן זיך איבער ענלעכע, אָבער ניט קיין אידענטישע קאָמבינאַציעס.

## 3

צווישן דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און דער געשיכטע פונעם קאָסמאָס איז פאַראַן דער הויפּט־חלוק, וואָס די לעצטע ציט זיך אַן אומ־ענדלעכע צייט, בשעת די ערשטע איז באַגרענעצט אין דער צייט: פאַר דער מענטשהייט עקסיסטירט אַ בראשית. די געשיכטע פון דער מענטש־הייט ווייס ניט פון קיין אומענדלעכקייט־טערמין. אָבער, מיט דער באַ־וואָרעניש, מערקט זיך צווישן די דאָזיקע צוויי געשיכטעס אַ באַלערנדיקער פאַראַלעליזם ביים אָוועקשטעלן די פראַגעס און אין די פּרוואוון זיי צו לייזן.

די אידעע פון פּעריאָדישע זיך־איבערחזרנדיקע ציקלען אין דער גע־שיכטע פון די געזעלשאַפטן און פון דער מענטשהייט — האָט געפונען אַן אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי סאָציאָלאָגישע, פילאָזאָפישע און פילאָזאָפיש־היסטאָרישע דאָקטרינעס. אַזעלכע זיינען די שוין אויבנדערמאָנטע לע־רעס פון פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס און פּאָליביוס וועגן דעם פּעריאָדישן טויש־ציקל פון די פּאָליטישע רעזשימען; ענלעכע בליקן האָבן פאָרמולירט די איטאַליענישע היסטאָריקער פון 16טן י״ה גיטשאַרדיני, מאַקיאַוועלי און דזשאַנאָטי. שפּעטער האָט וויקאָ אַנטוויקלט די ציקלען־טעאָריע וועגן אויפשטייג און דער ירידה פון געזעלשאַפטן און געזעלשאַפטלעכע אַנ־שטאַלטן. די אידעע וועגן ציקלישע זיך־איבערחזרנדיקע פאַרענדערונגען — ביים כסדרדיקן אויפשטייג פון נייע הערשנדיקע און פּריווילעגירטע גרופּעס און אויסדערוויילטע עלעמענטן, מעגן זיין דערביי וואָס פאַר אַ רעזשימען פון הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע, — אַט די אידעע, ווי אַ מין פאַטאַלער „געשיכטע־געזעץ״, ווערט אַנטוויקלט דורך רענאַנען, דע לאַ גראַססרי, סטראַנין און אויך אַנדערע מחברים. אַז מלוכות און פעלקער פאַלן אונטער, בעת זייער לעבן, אונטערן געזעץ פון אייביקן טויש פון אויפשטייג און ירידה, אַן פּערמאַנענטן פּראָגרעס און אַן פּערמאַנענטן רעגרעס, — אַזאַ קוק האָט געפונען פילצאָליקע אָנהענגער, למשל, לאַזאַ, גומפּלאָוויטש און פּאַרעטאָ. גומפּלאָוויטש אָנערקענט, אַז די טעאָריע פון פּעריאָדישע ציקלען איז אין אַ געוויסן זינען קרוביש צו דער פּראָווי־דענציאַליסטישער מעטאַפיזיק פון העגעלן (וואָס דערלאָזט כלומרשט די אַריינמישונג פון דער השגחה העליונה) און צו דער אָרגאַנישער טעאָריע פון דער געזעלשאַפט. די לעצטע טעאָריע (די טעאָריע וועגן אַ „געזעל־שאַפט־אָרגאַניזם״) טראָגט אַ באַדייטיק ציקלישן כאַראַקטער: זי פּראָקלאַ־מירט, אַז יעדע געזעלשאַפט (אָדער נאַציע, אָדער מלוכה) גייט אַדורך אין איר אַנטוויקלונג דעם זעלבן ציקל, וואָס נאַטירלעכע אָרגאַניזמען, פון געבוירן ביזן טויט. די דאָזיקע טעאָריע קען מען טרעפן אין די מזרחישע לערעס, אין קלאַסישן אוראַלטער, אין די עפּיסטעלס פון הייל. פּאָול, ביי

די מיטלאַלטערלעכע סכאָלאַסטיקער, און אין דער נייער צייט — ביי פאַרשידנאַרטיקע שולן פון פּאָליטישן געדאַנק. זי איז אויך ניט פרעמד פון מיסטישע אינגרעדיענטן.

די אידעע וועגן איבערגעחזרטן ציקל איז אויך אייגן דער דאָקטרינע פון היסטאָרישער דיאַלעקטיק; לויט איר ווערט די עוואָלוציע פון סאָציאַלע סטרוקטורן געשילדערט ווי אַ כסדרדיקע ריי פון טעזן, אַנטי־טעזן און סינטעזן, — אויך אַ מין לעבעדיקע אַנטפּלעקונג און אָביעק־טיוואַציע פונעם דיאַלעקטישן געדאַנק פונעם גייסט, וואָס בויט די וועלט און איר געשיכטע. צום אונטערשיד פונעם געוויינלעכן איבערגעחזרטן ציקל, אַנערקענט די דיאַלעקטישע עוואָלוציע דעם פּרינציפּ פון שטייגערונג אויף העכערע שטופעס בעת די טויש־פאַזיסן פונעם דיאַלעקטישן פּראָצעס; די אידעע פונעם איבערגעחזרטן ציקל פאַרבינדט זיך דאָ, בכן, מיט דער אידעע פון אַ באַוועגונג פאָראויס, אָדער פון פּראָגרעס. שעפּנדיק איר אָנפאַנג אין דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע, האָט די דאָזיקע אידעע געהאַט אַן איינפלוס אויף די בליקן פון מאַרקס און ענגעלס, פון וועמען זי איז — אָפּט אין אַ דעגענערירטער פאָרעם — אַריבער צו די אַדעפּטן פון דער דאָקטרין.

אייניקע ציקלישע טעאָריעס געפינען זיך אין אַ לאָגישער אָדער גענעטישער קרובהשאַפט מיט רעליגיעזע גלויבונגען און מיסטישע קאָנ־צעפּטן. מיר וועלן וועגן דעם רעדן גענויער אין איינעם פון די ווייטער־דיקע קאַפּיטלען.

דיווירקלעכע געשיכטע פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן ווייסט פון געוויסע, אָגב ניט קיין רעגולערע, איבערחזרונגען, פון אַנאַלאָגישע אָדער בערך ענלעכע באַציאונגען און סיטואַציעס. די דאָזיקע איבער־חזרונגען טראָגן ניט קיין פאַטאַלן כאַראַקטער. זיי גיבן מאַטעריאַל פאַר היסטאָרישער דערפאַרונג, פאַר אַ תנאי־פּראָגנאָז, און — אין איי־ניקע פאַלן — פאַר סאָציאַל־פּאָליטישער פּראָפילאַקטיק. אָבער, פון איין זייט, די געשיכטע חזרט זיך קיינמאָל ניט איבער אויף אַ אידענטישן אופן. און פון דער צווייטער זייט, רעזשימען טוישן זיך גאָרניט פאַטאַליסטיש לויטן געזעץ פון אַ געשלאָסענער קרומער ליניע.

טעאָרעטיש קען מען דערלאָזן, אַז אייניקע ביאָלאָגישע און אַסטראָ־נאָמישע ציקלען שפּיגלען זיך אָפּ פּעריאָדיש אויפן לעבן פון די מענטשן און, בכן, אויך פון די געזעלשאַפטן. מען וואָלט געקענט, למשל, איינזען אַ געוויסע פּעריאָדישקייט אין דעם, ווי אַזוי די ירושהוודיקייט ווערט אי־בערגעענטפערט און ווירקט דורך אַ ריי דורות: ווי קורנאָ האָט זיך אויסגעדריקט, „די לעבעדיקע נאַטור קען האָבן אירע עלטערס, פּונקט ווי דער עלטער פון יחידים". מען קען זיך אויך פאָרשטעלן, אַז געוויסע

אַסטראָנאָמישע ציקלען שפּיגלען זיך אָפּ אויף דער פיזיק פון אונזער ערד און אירע אײַנוואוינער — אויף אַ פּעריאָדישן אופן; אַזוי, דער ציקל פון די זון־פלעקן שפּיגלט זיך אָפּ פּעריאָדיש — הגם אין אַ שוואַכער מאָס — אויף דער טעמפּעראַטור און אויפן קלימאַט פון דער ערד; לויט דזשע־וואַנס׳ אויספאָרשונגען, שפּיגלט זיך דער ציקל אָפּ אויף די גערעטענישן און אויף די ברויט־פּרייזן, און — ווי אײַניקע דאָקטוירים ווילן האָבן — אויף די קראַנקהייטן און אַפילו אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן. פּראָפ׳ טשיזשעווסקי האָט אַפילו געפּרוּווט דערווייזן די ווירקונג פונעם זון־ציקל אויף די היסטאָרישע געשעענישן. אָבער די קלאָרע היסטאָרי־שע ציקלען צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין רעגלמעסיקייט, זיי שטעלן נאָר פאָר ענלעכקייטן, און די מענטשן און מענטשלעכע מאַסן האָבן אי־בער זיי אַ שליטה. די פאַקטן וואָס חזרן זיך איבער אינעם לעבן פון דער מענטשהייט באַזירן זיך אויף דער ווירקונג פון אינעווייניקסטע כוחות אין דער מענטשלעכער טעטיקייט, וועלכע ווערט באַוועגט דורך אינ־טערעסן פון מאַטעריעלן אָדער מאָראַלישן כאַראַקטער, און ניט דורך דירעקטע נאַטור־פאַקטאָרן אין ענגן זינען פון וואָרט. ווען עס האַנדלט זיך, למשל, וועגן אונטערגאַנג פון אַ מלוכה צי אַ ציוויליזאַציע, האָבן מיר צו טאָן מיט סיבות פון סאָציאַלער און מאָראַלישער נאַטור, און זיי קענען אונז געבן אַ גענוגנדיקע דערקלערונג פון די דאָזיקע דער־שיינונגען, לכל הפחות בנוגע די עיקר־איינפלוסן (אַפילו אויב מען זאָל דערלאָזן, ווען זיי פאַלן צופעליק צונויף מיט פאַרשידענע פאַזעס פון אויסערלעכע נאַטור־ציקלען, אַז די לעצטע האָבן דערביי וועזנטלעכע איינפלוסן); אַזוי איז עס, למשל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אינערלעכע צי אויסערלעכע קאָנפליקטן און שאַרפע קאַמפּס־פאָרמען, מלחמות, פאַ־נאַטיזמען, פאַרפאָלגונגען, וועגן דער דעמאָראַליזאַציע וואָס עס האָבן די רעזשימען פון פאַרקנעכטונג און עקספּלואַטאַציע, אאַז״וו.

צום סוף, די סכעמע פון איבערגעחזרטע ציקלען, ווי אַן אַלגעמיינע און אומבאַדינגטע פאָרמולע פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, איז אין אַ קאַטעגאָרישער סתירה צו דער קאָנצעפּציע פון פּראָגרעס, ווי אַ באַוועג־גונג וואָס קערט זיך ניט אום צוריק, און וואָס איז אויך קאָנדיציאָנעל — בנוגע דער אַריינמישונג פונעם מענטשנס באַוואוסטזיין און ווילן. פּראָגרעס אין דער געשיכטע עקסיסטירט אָט ווי אַ פאַקט, וואָס אַנט־פּלעקט זיך ספּאָראַדיש, און אָט ווי אַ שטענדיקע מעגלעכקייט.

די ראַציאָנאַליסטישע דערקלערונג פונעם פּראָגרעס אין דער מענטשהייטס געשיכטע באַזירט זיך, ווי שוין אויבן געזאָגט, אויפן פאַקט פון די מאַטעריעלע גיטער, וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערפינדונ־גען, דערפאַרונגען און מאָראַלישע אידייען, וואָס זײַנען אָנגעזאַמלט גע־

וואָרן דורך אַ ריי דורות, און אַדאַנק זיי לאָזט זיך פּראָגרעסיוו אויס־בעסערן דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן וואוילשטאַנד פון דער מענטש־הייט. דאָס זיינען, למשל, די פּראָגרעס־טעאָריעס פון טיורגאָ און קאָנ־דאָרסע. לויט די פּראָווידענציאַליסטישע און מיסטיש־טעאָלאָגישע טע־אָריעס פאָלגט דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט דעם פּערמאַנענטן היסטאָרישן געזעץ, וואָס ווערט געשאַפן דורך דער געטלעכער קראַפט און קלוגשאַפט אָדער דורך אַן איבערמענטשלעכן פּרינציפּ; בשעת אין די ראַציאָנאַליסטישע קאָנצעפּציעס איז פאַרקערט: דער געזעץ פון פּראָ־גרעס — אַליין גאָרניט קיין פּערמאַנענטער און באַדינגסלאָזער — ווירקט נאָר אין אַזאַ מאָס, אויף וויפיל די כוחות וואָס טרייבן פאָראויס די מענטש־הייט, פאַרבלייבן אַקטיוו, עפעקטיוו און צילבאַוואוסט. ווי נאָר אָבער די סאָציאַלע כוחות, פון וועלכע די זאַך פון פּראָגרעס שטאַמט אַרויס, אימּמאָביליזירן זיך אָדער זיי הייבן אָן ווירקן אין אַ פאַרקערטער ריכ־טונג, — טרעט אָפּ דער פּראָגרעס זיין פּלאַץ לטובת דעם שטילשטאַנד אָדער רעגרעס. די לאָגיק פון צעשטערונג קען פּאַראַליזירן און אַנט־קעגנווירקן קעגן דער לאָגיק פון שעפערישקייט.

די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און גרויליקע קאַמפּס־פאָרמען מאַכן אָפּט אַ תּל פון די פּראָדוקטן, וואָס די מענטשלעכע אַרבעט און קענטע־ניש־אַנטוויקלונג האָבן אָנגעזאַמלט. די מלחמות, אָקופּאַציעס, פאַר־שאַרפטע אינעווייניקסטע קאַמפּס־פאָרמען פון קלאַסן צי פּאַרטייען, דאָס בושעווען פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער שנאה, די בלוטיקע הער־שאַפטן און די רעאַקציעס וואָס זיי רופן אַרויס, די טריאומפירנדיקע באַרבאַריי, אַלערליי סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס וואָס די באַוואוסטזיניקע עליטעס זעען ניט פאָראויס און מיידן ניט אויס, — אָט דאָס אַלץ צע־שטערט אָפּט די זאַך פון פּראָגרעס און פאַראורטיילט די אומגליקלעכע מענטשהייט אויף דער נייטיקייט צוריק אויפצושטעלן פון דאָס ניי — די עקאָנאָמישע, טעכנישע און מאָראַלישע ווערטן. אָט טאָקע די גאַנץ אָפטע אַזעלכע אויפשטייגן און ירידות אין דער געשיכטע האָבן עס אַרויס־גערופן די טעאָריע פון צוריקקומענדיקע היסטאָרישע ציקלען, וועלכע איז אויך ווייט פון אמת, אויב זי ווערט פאָרמולירט ווי אַן אויסדרוק פון אַ פאַטאַלן „היסטאָרישן געזעץ”.

דער געזעץ וועגן פּראָגרעס איז בשום אופן ניט קיין אימאַנענטער געשיכטע־געזעץ. קורנאָ און רענואוויע קוואַליפיצירן דעם גלויבן אין אומפאַרמיידלעכן געזעץ פון פּראָגרעס ווי אַ מין מיסטישע רעליגיע. רענואוויע האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם אָנערקענען איבער־מענטש־לעכע צילן, קעגן טעלעאָלאָגישן פאַטאַליזם, מיט וועלכן די דאָזיקע פּראָ־גרעס־רעליגיע איז דורכגעדרונגען.

אפשר איז די פּראָגרעסיווע שטייגערונג פון דער מענטשהייט פאַר־בונדן מיט אַ מער אַלגעמיינעם געזעץ פון ביאָלאָגישער צי קאָסמישער נאַטור? אין דער געשיכטע פון די פאַרענדערונגען פון חיות־מינים אויף דער ערד — ווערט יאָ קאָנסטאַטירט אַ געוויסע שטייגערונג פון ני־דעריקערע פאָרמען צו העכערע פאָרמען, — אַ דערשיינונג, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען „אָרטאָגענעז". מיט דער דאָזיקער עוואָלוציע אַסאָ־ציאירט זיך די אידייע פון אַ געוויסן פּראָגרעס. אויך די נאַטוראַליסטן־פּראָווידענציאַליסטן דענקען אַזוי ווי די היסטאָריקער־פּראָווידענציאַ־ליסטן. ביז היינט איז נאָך ניט באַקאַנט, בכלל גענומען, וואָס פאַר אַ מעכאַניזם ליגט אין דעם יסוד פון דער עוואָלוציע ביים אומבייט פון די מינים. און כל־זמן דער אינטעגראַלער מעכאַניזם וועט אין זיין אמתער נאַטור פאַרבלייבן אומבאַקאַנט, איז ניטאָ קיין שום גרונט צו באַהויפּטן, אַז די עוואָלוציע איז פּערמאַנענט און אַז זי איז שטענדיק פּראָגרעסיוו. פון דער אַנדערער זייט, פונעם עצם פאַקט וועגן דער היסטאָרישער עוואָ־לוציע דרינגט אינגאַנצן ניט אַרויס, אַז דער ביאָלאָגישער פּראָגרעס — אויב עס איז פאַראַן אַ פּראָגערס — איז אַ כסדרדיקער פּראָגרעס פון יעטוועדן מין. ניין, די חיות־מינים, במשך פון זייער עוואָלוציע, די־פּערענצירן זיך, „פאַרפולקומען זיך", דערגרייכן אַ העכערן פונקט אין זייער אַנטוויקלונג, — און דערנאָך פאַרשווינדן זיי, כדי אָפּצוטרעטן זייער פּלאַץ פאַר אַנדערע מינים. דאָס איז ניט קיין פּערמאַנענטער פּראָגרעס, נאָר גיכער אַ גאַנג צום סוף.

פון די פאַקטן פון דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע באַקומט זיך, אַז אייניקע חיות־מינים ווייזן אַרויס אין זייער בהדרגהדיקער עוואָלוציע, אַ טענ־דענץ צו פאַרשווינדן, נאָכדעם ווי זיי גייען דורך די פאַזע פון „גיגאַנ־טיזם", ביי וועלכער די גרייס פון זייער קערפּער וואַקסט אומגעווינלעך. אַזוי איז געווען מיט די אַממאָניטן און מיט די גרויסע רעפּטיליען פון דער סעקונדערער עראַ אין דער געשיכטע פון דער ערד; דאָס קען זיין איז אויך דער גורל פון דעם העלפאַנטן־מין אין אונזער תקופה. לויטן פּרינציפּ פון דאָללאָ, קומט פאַר די עוואָלוציע פון די חיות־מינים מיט אונטערברעכונגען, זי קערט זיך ניט אום צוריק און זי איז באַגרענעצט. דער אַמעריקאַנישער פּאַלעאָנטאָלאָג קאָפּ האָט איינגעשטעלט אַן אַלגע־מיינעם כלל: די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן ווערן פאַרמינדערט אין דער מאָס, ווי די אָרגאַניזמען ספּעציאַליזירן זיך אין אַ באַשטימטער ריכטונג. צו אַן ענלעכן אויספיר קומט דאַניעלע ראָזאַ, לויט וועלכן עס זיינען פאַרמישפּט אויף אויסשטאַרבונג אַלע פאָרמען, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אַ געוויסער ריכטונג. אויב אַזוי, איז דאָך פאַראַן

אַ געוויסער פּאַראַלעליזם צווישן דעם לעבן פונעם מין און דעם לעבן פונעם אָרגאַניזם.

דער מענטש איז געווען דער לעצטער אינעם באַשאַף. וועט דער מענטשן־מין זיין אַ פּריווילעגירטער מין, וואָס וועט ביאָלאָגיש עוואָלוציאָנירן עד אין סוף, אין אַ כסדרדיקן נאָכאַנאַנד פון דורות, איבערגייענדיק אין פאָרמען פון אַנדערע מינים, וואָס הייבן זיך אַלץ מער אַרויס אין דער היעראַרכיע פון די וועזנס? אַ סך פאָרשערס האַלטן, אַז די עוואָלוציע איז היינט־צו־טאָג פאַרענדיקט פאַרן רוב מינים וואָס עקסיסטירן איצט, בפרט פאַר די זויג־חיות. וועט אפשר פונעם מענטש אַרויסקומען אַן אויבער־מענטש? וועט דער דאָזיקער פּראָצעס אָנגיין „אָן אַ סוף"? די וויסנשאַפט איז ניט אימשטאַנד צו ענטפערן אויף דער פראַגע. פאַר אַ צאָל פאָרשערס איז עס אונטער אַ צווייפל. אפשר אָבער וועט דעם מענטשנס צוקונפט אָפּהענגען פון זיין אייגענער שעפערישקייט, אפשר איז זי אָפּהענגיק פון די קומענדיקע באַדינגונגען פון זיין באַוואוסטזיין, געדאַנק און טעכניק?

מיר זעען, אַז ניט די געשיכטע פון דער מענטשהייט אין ענגן זינען, ניט די ביאָלאָגישע געשיכטע גיבן ניט קיין פעסטע אָנשפּאַר־פונקטן פאַר דער היפּאָטעזע וועגן פּערמאַנענטן און אומפאַרמיידלעכן פּראָגרעס אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער צוקונפט. די געשיכטע פון די פעלקער און פון דער מענטשהייט — פּונקט אַזוי ווי די געשיכטע אין דער נאַטור, און אַפנים נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, — איז ניט באַהערשט ניט פון קיין געזעץ פון צוריקקומענדיקע ציקלען, ניט פון קיין באַוועגונג — אָן אַ צוריק, מיט איר באַטרעפנדיקער פאָרעם פאַר דער מענטשהייט — מיטן פּראָגרעס.

דער פּראָגרעס איז קאָנדיציאָנעל. ער הענגט אָפּ פונעם קאָמפּלעקס סאָציאַלע פאַקטאָרן, ביי וועלכן די פאַראַנענע באַוואוסטזיניקע שעפערישקייט קען שפּילן אַ וועזנטלעכע ראָלע.

# קאַפּיטל דרייצן

## דויערנדיקע עוואָלוציע און שפּרונגען אין דער געשיכטע

### 1

די געשיכטע אין דער נאַטור וויַיסט פון אומאויפהערלעכע פּראָצעסן און פון אַ באַוועגונג מיט איבעררייַסן, אַ לאַנגזאַמע עוואָלוציע און שנעלע שפּרונגען, בהדרגהדיקע פאַרענדערונגען און קאַטאַסטראָפישע איבערקערענישן. דעם טאָפּעלן כאַראַקטער פון די פאַרענדערונגען איז צו געפינען הן אין דער וועלט פון די לייַכטנדיקע קערפּערס, הן אין דער געאָלאָגישער געשיכטע פון דער ערד, הן אין דער געשיכטע פון די מינעראַלע עלעמענטן, הן אין די היינטצייַטיקע דינאַמישע פּראָצעסן פון דער ערד־שאָל, הן אין דער געשיכטע פון די לעבנס־פאַרענדערונגען אויף דער ערד, הן אין די מאָדערנע דערשיינונגען פון טראַנספאָרמיזם פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען.

די פאַרענדערונגען אינעם שטערן־הימעל קומען פאָר כסדר אָן איבעררייַס און געוויינלעך אָן שום שפּרונגען. אָבער פון צייַט צו צייַט אָבסערווירן מיר אויפן הימל קאַטאַסטראָפישע איבעראַנדערשונגען. אַט באַווייַזן זיך אויפן הימל אַזוי־גערופענע נייַע אָדער צייַטווייליקע שטערן, וואָס וואַרפן — במשך פון עטלעכע טעג — אַ רויטשיין פון אומגעוויינלעכן גלאַנץ און דערנאָך ווערן זיי פאַרטונקלט; די אַסטראָנאָמען האַלטן, אַז דאָס קומט פאָר אַ קאָסמישע שריפה צוליב אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי טונקעלע אָדער וויַיניקער־ליכטיקע שטערן, וואָס טראָגן זיך אינעם רוים, אָדער, אַז דאָס קומט פאָר אַ קאַטאַסטראָפאַלער אויפרייַס פונעם הימל־קערפּער צוליב דער ווירקונג פון אינעווייניקסטע פיזיקאָ־כעמישע כוחות. אַט קומט פאָר אַ מאָמענטאַלע צעשפּאַלטונג פון אַ שטערן אויף צוויי לייַכטנדיקע קערפּערס, — ווי עס האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק באַוויזן דער ספּעקטער פונעם נייַעם שטערן אין דער סקולפּטאָר — שטערן־גרופּע. אַט געשעט אויף אונזער זון אַ „מאָמענטאַלע" אינטענסיפיקאַציע פון די זון־פלעקן, און זי ווערט שפּעטער באַגלייט מיט מאַגניט־שטורעמס, מיט אויפברויזן פון מעכטיקע צפון־שייַנונגען

און אפילו מיט פּערטורבאַציעס אין דער פונקציאָנירונג פונעם דראָט־לאָזן טעלעגראַף. אַט געשעען „שנעלע" איבעראַנדערשונגען אויף דער פּלאַנעטע מאַרס, עס ענדערט זיך דער „רויטער פלעק" אויפן יופּיטער, און אפילו — ווי אייניקע אַסטראָנאָמען האָבן באַמערקט — עס טרעפן געהיימנישפולע פאַרענדערונגען אויף אונזער לבנה.

די געשיכטע פון די קאָמעטעס איז גאָר באַזונדערס רייך מיט פּלוצלונגדיקע סורפּריזן פאַר די אַסטראָנאָמען. פאַראַן צוויי קלאַסן קאָמעטעס: פּעריאָדישע און ניט־פּעריאָדישע. פונעם הימל־רוים קומען די לעצטע אַריין אין דער ספערע פון דער זונס צוציאונג, און דערנאָך פאַרלאָזן זיי דעם רוים פון אונזער זון־סיסטעם, כדי זיך צו דערווייטערן אינעם אומענדלעכן רוים און זיך מער צו אונז ניט אומצוקערן. אַקעגן, די פּעריאָדישע קאָמעטעס דרייען זיך אַרום דער זון, במשך פון אַ באַשטימטן צייט־פּעריאָד, פונקט אַזוי ווי די פּלאַנעטעס. עס זיינען אָבער געווען פאַלן, אַז קעגן אַלע דערוואַרטונגען און צו־להכעיס די אויסרעכענונגען, זיינען די קאָמעטעס ניט געקומען צוריק צום באַשטימטן טערמין אָדער גאָר „קיינמאָל" ניט באַוויזן זיך. אין איין פאַל (בעלאַס קאָמעטע) איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די קאָמעטע האָט זיך קאַטאַסטראָפיש צעשאָטן אויף באַשטאַנדטיילן, און עס האָט זיך פון איר אויסגעבילדט אַ מענגע מעטעאָריטן.

אין דער געשיכטע פון אונזער ערד זיינען געווען איינס נאָך איינס פּעריאָדן פאַמעלעכדיקער עוואָלוציע פון דער ערדס שאָל, עס האָבן זיך אויסגעבילדט אויפן דעק פון די ימען אָפּזאַץ־שיכטן, וואָס האָבן באַדעקט אַמאָל איין טייל, אַמאָל אַ צווייטן טייל פון ערד־אויבערפלאַך; עס זיינען געווען פּעריאָדן פון קאַטאַסטראָפישע דערשיטערונגען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אַרבעט פון אונטערערדישע כוחות, וועלכע האָבן אַרויסגעוואָרפן מינים פייערן, אויסגעבילדט ריקשטויסן, געמאַכט אויפהייבן איינע מאַסן איבער די אַנדערע און איבערגעפאָרמירט די סטרוקטור פון דער ערד־שאָל. עס זיינען געווען פּעריאָדן, ווען עס האָבן זיך שטאַרק אינטענסיוו געבילדט בערג, און געווען אַנדערע פּעריאָדן, ווען די געשיכטע פון דער ערד איז געפלאָסן פאַרהעלטנישמאָסיק רויִק.

די עוואָלוציע אין דער איבערפאָרמירונג פון די מינעראַלע שטאָפן, וואָס גייען אַריין אינעם באַשטאַנד פון דער ערדקאָרע, קומט פאָר אָט אויף אַ פאַמעלעכדיקן און בהדרגהדיקן אופן, אָט מיט איבעררייסן און קאַטאַסטראָפיש. אין דעם פּרט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דאָס לעבן פון די ראַדיאָ־אַקטיווע עלעמענטן. די לעצטע געפינען זיך אונטער אַן אומאויפהערלעכער דעזינטעגראַציע, און דערביי איז פעסט־

געשטעלט פאַר יעדער ראַדיאָ־אַקטיוון עלעמענט, וואָס פאַר אַ חלק עס צעפאַלט זיך במשך פון אַ באַשטימטן צייט־פּעריאָד; אַזוי פון איין גראַם ראַדיום פאַרבלייבט נאָך 2400 יאָר נאָר אַ האַלבער גראַם; די צווייטע העלפט גראַם, צעשטערט דורך בהדרגהדיקע איבעראַנדערשונגען, פאַרוואַנדלט זיך אין אַנדערע עלעמענטן. אָבער צווישן די ראַדיאָ־אַקטיווע שטאָפן איז ניטאָ קיין ספּעציעלער אונטערשיד, בנוגע זייער מעגלעכן גורל: ניטאָ קיין „געזונטע" און „קראַנקע" אַטאָמען. אונטער דער ווירקונג פון געוויסע סיבות, וועלכע זיינען נאָך ניט אויפגעקלערט, איז אַ באַשטימטע פּראָפּאָרץ אַטאָמען, במשך פון יעדער סעקונדע, אויסגעשטעלט אויף אַן אויפרייס: ער „לייגט זיך פונאַנדער" און פאָרמירט זיי איבער אין אַנדערע אַטאָמען. אָט די שטענדיקע איבערחזרונג פון די דאָזיקע קאַטאַסטראָפישע ענדערונגען גיט אין סך־הכל דעם אויגנשיינלעכן עוואָלוציע־פּראָצעס פון די ראַדיאָ־אַקטיווע שטאָפן.

דער היינטצייטיקער צושטאַנד פון דער ערד איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער עוואָלוציע פון אירע אָקעאַנען, קאָנטינענטן, פאַרשידענע שיכטן פון דער ערדקאָרע, פון איר קלימאַט, פון איר גאַנצער געאָגראַפיע, אירע בערג, טאָלן, פלאַכקייטן, טייכן און אָזערעס. אָבער די געשיכטע פון דער ערד איז נאָך ניט פאַרענדיקט. עס גייט ווייטער אָן איר פּאַמעלעכדיקע עוואָלוציע, ווי למשל, די אויסבילדונג פון נייע אָפּזאַץ־פאָרמאַציעס, צוליב דעם וואָס זיי ווערן צעפרעסן פון וואַסער. אָבער פון צייט צו צייט לעבט איבער די ערד־שאָל קאָנוואולסיעס, אַדאַנק דער ווירקונג פון אונטערערדישע כוחות, אין פאָרעם פון פּלוצלונגדיקע פּאַראָקסיזמען און קאַטאַסטראָפעס, ווי ערדציטערנישן און וואָלקאַן־אויסברוכן.

די געשיכטע פונעם לעבן אויף דער ערד גיט אונז אַ בילד וועגן דעם אומבייט פון די אָרגאַניזמען־מינים במשך פון הונדערטער מיליאָנען יאָרן. יעדער געאָלאָגישער ערע אַנטשפּרעכן באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע פאַר איר מינים אָרגאַניזמען, וועלכע זיינען אין אָט דער ערע דורכגעגאַנגען אַ באַשטימטע בהדרגהדיקע עוואָלוציע, און דערנאָך פאַרשוואונדן כדי אָפּצוטרעטן זייער פּלאַץ פאַר אַנדערע מינים. אַזוי אינעם סילורישן פּעריאָד פון דער פּרימערער ערע האָבן עקסיסטירט מאָדנע מאָללוסקן, טרילאַביטן, מיט דריי רודערס, וואָס אַזוינס איז ניט געוועזן צו זען אין די ווייטערדיקע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון דער ערד. אין דער סעקונדערער ערע האָבן געלעבט אייגנאַרטיקע מאָללוסקען, אַממאָניטן, אין פאָרעם פון ספּיראַלן מיט עטלעכע אומדרייאונגען (מושעלן), שפּעטער אויסטערלישע רעפּטיליען, איכטיאָזאַוורען, פּלעזיאָזאַוורען, דינאָזאַוורען, וועלכע זיינען שפּעטער פאַרשוואונדן,

אויסגעשטאָרבן אויף שטענדיק. זויג־חיות האָבן זיך באַוויזן און פֿאַרשפּרייט ערשט אין דער דריטער ערא, און דערנאָך האָט זיך באַוויזן דער מענטש. און וואָס עס איז באַזונדערס מערקווירדיק אין דער געשיכטע וועגן דעם אומבייט פֿון די מינים, איז — דאָס, וואָס נאָך פּעריאָדן פֿון פּאַמעלעכדיקער עוואָלוציע זיינען געגאַנגען שפּרונגען. אין אַ געוויסן מאָמענט, אַזוי ווי מיט אַמאָל און „מאָמענטאַל" — לויטן געאָלאָגישן מאַסשטאַב — נאָכן פֿאַרשוואונדן פֿון איין גרופּע אָרגאַניזמען, באַווייזט זיך „פּלוצלונג", אין אַ פּילצאָליקער פֿאָרעם, אַ נייע גרופּע אָרגאַניזמען, אָן אַ שום לענגערער צוגרייטונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער נאָרמאַלער עוואָלוציע. אַזוי איז געווען, למשל, מיטן אויפֿבלי פֿונעם גרויסן קלאַס זויג־חיות אין אָנפֿאַנג פֿון דעם טערציערן פּעריאָד.

אָט אַזעלכע שפּרונג־אַרטיקע פֿאַרענדערונגען האָבן די געאָלאָגן און פּאַלעאָנטאָלאָגן אַ נאָמען געגעבן „סאַלטאַציע". די טעאָריעס פֿון טראַנספֿאָרמיזם, אין ביידע לערעס פֿון לאַמאַרקיזם און דאַרוויניזם, וואָס לויט זיי האָבן אייניקע מינים פּאַמעלעך און בהדרגה עוואָלוציאָנירט פֿון אַנדערע מינים אונטער דער ווירקונג פֿון סביבה און ירושהווּדיקייט, — האָבן אָנגעטראָפֿן גרויסע שוועריקייטן אינעם פֿאַקט פֿון די „סאַלטאַציעס", אויף צו קענען איינהאַלטן זייערע פּאָזיציעס. זיינען געקומען נייע טעאָריעס, וועלכע זיינען געווען אין סתירה מיט די קלאַסישע פּרינציפּן פֿונעם טראַנספֿאָרמיזם.

שפּעטער האָבן די ביאָלאָגן אַנטדעקט דעם גאָר וויכטיקן פֿאַקט פֿון „מוטאַציעס". זיי האָבן אַנטדעקט, אַז אַפֿילו היינט קענען מינים זייער שנעל און שפּרונג־אַרטיק זיך ענדערן, ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דער ווירקונג פֿון אייניקע סיבות אויף דער ירושהדיווּקייט. עס ווערן איצט געמאַכט עקספּערימענטן צו שאַפֿן קינסטלעך נייע מינים, דורך אָנווענדן, למשל, רענטגען־שטראַלן. די מוטאַציעס — דאָס זיינען אַן אַרט סאַלטאַציעס אין מיניאַטור. און זייט ביי זייט מיטן לאַמאַרקיזם און דאַרוויניזם האָט זיך איצט פֿאַרשפּרייט די טעאָריע פֿון מוטאַציאָניזם, וועלכע בעסערט אויס דעם קלאַסישן טראַנספֿאָרמיזם מיט דעם וואָס זי אָנערקענט דעם פּרינציפּ פֿון מעגלעכע שפּרונג־אַרטיקע איבעראַנדערשונגען.

אין הסכם מיט דער קאָנצעפּציע פֿון מוטאַציאָניזם, איז אַ טאָפּעלער פּראָצעס אָנגעגאַנגען אין דער געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון די אָרגאַניזמען־מינים אויף דער ערד: אַ דויערנדיקע בהדרגהדיקע עוואָלוציע, און פֿון צייט צו צייט זיינען פֿאָרגעקומען שנעלע שפּרונג־אַרטיקע פֿאַרענדערונגען. אָט דער טאָפּעלער פּראָצעס קען זיך ציען און פֿאָרקומען אויף אונזער ערד אויך היינט.

מיר זעען, בכן, אַז די נאַטור און די געשיכטע אין דער נאַטור וויסן פון צווייערליי פאַרענדערונגען: פּאַמעלעכדיקע בהדרגהדיקע עוואָלוציע־פּראָצעסן, פון איין זייט און שנעלע, שפּרונג־אַרטיקע אָדער קאַטאַסטראָפישע פּראָצעסן, פון דער אַנדערער זייט. די פאַרענדערונגען, וואָס קומען פאָר סיי אין איין פאַל, סיי אינעם צווייטן, קענען זיין טיפע און פעסטע.

## 2

פונקט אַזוי ווי די געשיכטע אין דער נאַטור, אַזוי איז אויך די געשיכטע פון דער מענטשהייט: זי ווייסט פון אַ פּאַמעלעכדיקער בהדרגהדיקער עוואָלוציע און פון מיטאַמאָליקע שפּרונג־אַרטיקע אָדער קאַטאַסטראָפישע פאַרענדערונגען. פונקט אַזוי ווי דאָס קומט פאָר אין דער נאַטור, קענען אויך דאָ די ענדערונגען, וואָס ביידע פּראָצעסן מאַכן, זיין טיפע און פעסטע.

די ביישפּילן פון פּאַמעלעכדיקער און בהדרגהדיקער עוואָלוציע זיינען צאָלרייך און צו גוט באַקאַנט, אַז מען זאָל זיך דאַרפן אויף זיי אָפּשטעלן בפּרטיות. אַזאַ מין עוואָלוציע האָט געקענט גיין סיי אין דער ריכטונג פון פּראָגרעס, סיי אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

דער מענטש האָט זיך אויפגעהויבן פון חיה־אַרטיקן מצב צום מצב פון אַ קלוג־פאַרשטענדיקן מאַן ערשט אין סך־הכל פון אַ דויערנדיקער און בהדרגהדיקער עוואָלוציע. די געשיכטע פון דער דאָזיקער עוואָלוציע האָט זיך געצויגן פיל צענדליקער טויזנטער יאָרן, אפשר הונדערטער טויזנטער יאָרן. דער פּאַרהיסטאָרישער שטיין־מענטש פון דער אור־אור־אַלטער עפּאָכע אין דער שטיינערנער תקופה (אָדער פּאַלעאָליטישן פּעריאָד) האָט געלעבט אין היילן אָדער אונטערן פרייעם הימל; ער האָט געקענט אויסאַרבעטן אינסטרומענטן נאָר פון שטיין, שפּעטער פון האָלץ אָדער פון ביין, ער האָט געלעבט פון יעגעריי אָדער פון ווילדע אויבסטן, אָבער אויך נאָך אים האָבן זיך געיאָגט די גרויסע ווילדע חיות. אין אַ מער־שפּעטערדיקער צייט פון דער שטיין־תקופה (אָדער נעאָליטישער פּעריאָד), האָט דער שטיין־מענטש גענומען אַלץ בעסער און בעסער אַרומשאַרפן און פּאָלירן זיינע שטיינערנע אינסטרומענטן (מכשירים), און ער האָט אין דער דאָזיקער אינדוסטריע דערגרייכט צו אַ געוויסער פולקקומענקייט; נאָך שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן בויען הייזער, זיך גענומען באַאַרבעטן די ערד, ער האָט פאַרפירט הויז־חיות און ער האָט דערפונדן די טעפּעריי־קונסט. וויפל צייט האָט זיך עס געפּאָדערט אויף אַדורכצומאַכן אָט די קאָלאָסאַלע עוואָלוציע! אין דער דאָזיקער שפּעטערדיקער תקופה האָט זיך דער מענטש אַנטוויקלט שוין

צו אַ נייעם קלוג־פאַרשטענדיקן מענטשן; ער האָט זיך שוין באַשעפ־טיקט מיט קונסט־ווערק און מסתמא שוין אויסגעפירט געוויסע רע־ליגיעזע פונקציעס. נאָך שפּעטער, איז געקומען די עפּאָכע פון באַאַר־בעטן און נוצן מעטאַלן: פריער מעש, דערנאָך בראָנזע, און שפּעטער אייזן (לכתחילה מסתמא פון מעטעאָריטישער אָפּשטאַמונג). נאָך דער ווילדקייט, נאָך דער באַרבעריי איז געקומען די עפּאָכע פון ציוויליזאַציע.

פּאַמעלעך און בהדרגה האָבן זיך אַנגעזאַמלט קענטעניש, זיך אַנטוויקלט די טעכניק, זיך אַנטוויקלט די קונסט. פּאַמעלעך און בהדרגה האָבן זיך אַנטוויקלט און איינגעוואָרצלט גלויבנס, מאָראַל־באַגריפן. דער חיה־אַרטיקער מענטש האָט אָנגענומען דעם פּרצוף פון אַ באַרבאַר צום אָנהייב, און שפּעטער פון אַ ציוויליזירטן מענטשן. צו־ביסלעך איז פאַרשוואונדן מענטשנפרעסעריי. עס זיינען אויפגעקומען נייע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן.

די משפחה־ און געמיינדע־אָרדענונג איז זיך צעפאַלן. צוביסלעך האָבן זיך אַנטוויקלט נייע פאָרמען פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַר־העלטענישן. עס איז אָנגעגאַנגען אַ דויערנדיקע עוואָלוציע פון פאָרמען פון אייגנטום, פון אינדיווידועלער ווירטשאַפט און אויסטויש. עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע עוואָלוציע פון שקלאַפעריי, דערנאָך לייב־אייגנ־שאַפט, און נאָך שפּעטער אַ לאַנגדויערנדיקע עוואָלוציע, וואָס האָט גע־בראַכט צו זייער פאַרשווינדונג. לאַנג האָט זיך אַנטוויקלט דער פעאָדאַ־ליזם און לאַנג האָט געדויערט זיין גסיסה. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאָטיש לעבן. עס האָט זיך אַנטוויקלט און שפּעטער אָפּגעשטאָרבן דער צעכן־סדר. עס האָבן זיך אַנטוויקלט די אינדוסטריעס, די מאַנופאַקטור־סיסטעם און די גרויס־אינדוסטריע. די אַנטוויקלונג פון דער וויסנ־שאַפט און טעכניק האָט געשאַפן אַ יסוד פאַר אַ צענטראַליזירטער עקאָ־נאָמיע. עס האָט זיך אַנטוויקלט די קלאַסן־דיפערענציאַציע, — אַ פועל־יוצא פון די דעראָבערונגען פונם קאַפּיטאַליזם: געוועזן אַ קלאַס פון גרוי־סע קאַפּיטאַליסטן, אַ מיטעלע און קליינע בורזשואַזיע, אַן אַרבעטער־קלאַס און שיכטונגען אינעם פּראָלעטאַריאַט גופא.

די עוואָלוציע פון די פּאָליטישע סטרוקטורן האָט אויך אָפט גע־טראָגן אַ דויערנדיקן כאַראַקטער, אומאָפּהענגיק פון דער פאָרעם און נאַטור פון דער פּאָליטישער אָרדענונג. די דאָזיקע עוואָלוציע איז צייטנ־ווייז געווען דורכגעפלאָכטן מיט דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע.

די עוואָלוציע פון די פאָרמען פון אונטערדריקונג און פאַרקנעכט־שאַפט, אויך די עוואָלוציע פון דער עמאַנסיפּאַציע־אַרבעט זיינען אָפט צוגעגאַנגען אין דער געשיכטע פּאַמעלעך און בהדרגה. דאָס האָט איי־ניקע היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן געגעבן די געלעגנהייט צו מאַכן דעם

אויספיר, אַז טיפע סאָציאַלע איבעראַנדערשונגען קענען געשען נאָר ווי אַ פועל־יוצא פון אַ דויערנדיקער עוואָלוציע, און אַז מען מוז זיך „אָנ־נעמען מיט געדולד" (טורמאָן, לעטורנאָ). לאָריאַ קומט צו דער זעל־בער מסקנה, און ער באַזירט זיך דערביי אויף ביישפּילן פון דער גע־שיכטע פון שקלאַפעריי און פונעם מיטלאַלטערלעכן עקאָנאָמישן סדר.

די דאָזיקע אויספירן איגנאָרירן אָבער דעם אַנדערן פּרצוף פון דער געשיכטע: אירע פּלוצלונגדיקע, שפּרונג־אַרטיקע אָדער קאַטאַסטראָ־פישע פאַרענדערונגען, וועלכע קענען אַרויסווייזן אַ שטאַרקע און טיפע השפעה אויפן גורל פון פעלקער און געזעלשאַפטן, אין אַ סך פאַלן מיט דער ליניע פון פּראָגרעס, און אויך, פאַרקערט, אין דער ריכטונג פון רע־גרעס און פון פאַרערגערן די מאַטעריעלע און מאָראַלע לעבנס־באַדינ־גונגען פון די געזעלשאַפטלעכע גרופּעס.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך איז געוווּן אָנגעדייטעט די ראָלע פון כוח און געוואַלט אין דער געשיכטע. מיט כוח האָט מען פאַרקנעכט, מיט כוח האָט מען באַפרייט. און כוח האָט אָפט געווירקט מיט אַמאָל, שפּרונג־אַרטיק, קאַטאַסטראָפיש. און כוח האָט טיף געענדערט די סאָ־ציאַלע סטרוקטורן, די פאָרמען פון הערשן און אונטערדריקן.

מלחמות און אָקופּאַציעס האָבן קאַטאַסטראָפייש געענדערט דעם גאַנג פון דער וויַיטערדיקער געשיכטע פון לענדער און פעלקער. לאָמיר דער־מאָנען דאָס פאַרנעמען מאַקעדאָניע פון רוים, די אינוואַזיע פון די באַר־באַרן, די אָקופּאַציע פון ענגלאַנד דורך די נאָרמאַנען. דער קריגס־נצחון פון דעספּאָטיזם האָט פאַרקנעכט פעלקער, די באַפרייאונגס־רעוואָלוציעס האָבן זיי אויסגעלייזט. גוזעצגעבערישע אַקטן פון דער מלוכה־מאַכט האָבן מיט אַמאָל פאַרשקלאַפט גרויסע מאַסן מענטשן, אַנדערע ווידער גוזעצגעבערישע אַקטן פון דער מלוכה־מאַכט האָבן אָפּגעשאַפט די פאַר־שקלאַפונג פון קאָלאָסאַלע מאַסן. די טאָטאַליטאַריסטישע רעזשימען פון דער עפּאָכע, וואָס מיר לעבן איבער איצט, האָבן באַקומען זייער מאַכט ניט ווי אַ פועל־יוצא פון אַוועלכער פאַמעלעכדיקער אינערלעכער עוואָ־לוציע, נאָר מיטן וועג פון געוואַלט און פּלוצלונדיקער צעטרייסלונג; און זיי האָבן אַוועקגעלייגט דעם יסוד פון אַ קאַטאַסטראָפישער עפּאָכע אינעם לעבן פון די פעלקער.

אַ פּלוצלונדיקע געשעעניש, איינגאַנצן ניט געבונדן מיט דער אינע־וויַניקסטער עוואָלוציע פון די פעלקער, קען באַקומען אַ וועלט־באַטייט און טיף ווירקן אויף זייער וויַיטערדיקן גורל. אַזאַ איז געוווּן די אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

די ווענעציִשע רעספּובליקע, וועלכע האָט געלעבט העכער טויזנט יאָר, האָט במשך פון איר געשיכטע איבערגעלעבט דריי גרויסע קאַטאַס־

טראָפעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסער דער ליניע פון איר אינע־ווייניקסטער עוואָלוציע און וועלכע זיינען געווען די סיבה פון איר ירידה און שפּעטער פון איר אונטערגאַנג. די ערשטע קאַטאַסטראָפע איז פאַר ווענעציע געווען דאָס אַנטדעקן אין 1492 דורך וואַסקאָ דע גאַמאַ דעם ים־וועג קיין אינדיע, אַדאַנק וואָס ווענעציע האָט פאַרלוירן איר האַנדלס־מאָנאָפּאָל צווישן אינדיע און מזרח פון איין זייט און אייראָפע פון דער אַנדערער. די צווייטע קאַטאַסטראָפע איז פאַר ווענעציע געווען דאָס, וואָס זי האָט פאַרלוירן אירע באַזיצונגען, קאָלאָניעס און אינזלען אויפן נאָענטן מזרח, צוליב די טערקישע באַצווינגונגען. דער דריטער, און דאָס מאָל דער טויט־קלאַפּ, איז פאַר ווענעציע געווען די מלחמה מיט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט: אין הסכם מיטן אָפּמאַך פון קאַמפּאָ־פאָרמיאָ — האָט ער זי איבערגעענטפערט צו עסטרייך, אָן שום טענות ומענות.

אַ ברכהדיקע קאַטאַסטראָפע איז געווען פאַר ניי־ענגלאַנד די מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט; איר אויסגאַנג איז אַ געוויסע צייט פאַר־בליבן אונטער אַ ספק, ער איז אָבער געווען די התחלה צו שאַפן די מעכ־טיקע פעדעראַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די באַטייטיקייט פונעם דאַזיקן פאַקט פאַרן ווייטערדיקן גורל פון דער מענטשהייט איז אויסער יעדער דיסקוסיע.

## קאַפּיטל פּערצן

# צופאַל און סיבהדיקייט אין דער געשיכטע

### 1

די אידעע פון צופאַל זעט אויס ביי אייניקע ווי אַזאַ, וואָס איז ווייט פון וויסנשאַפטלעכן באַטייט. דאָס איז אַ טיפער טעות. די צופאַל־קאָנצעפּציע פאַרנעמט אַ באַדייטיק אָרט ניט נאָר אין די געזעלשאַפטלעך־היסטאָרישע דיסציפּלינעס, נאָר אויך אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפט. איינע פון די גאָר אינטערעסאַנטסטע מאַטעמאַטישע דיסציפּלינען, די וואָרשיינלעכקייט־טעאָריע, באַשעפטיקט זיך אינגאַנצן מיט דער אויספאָרשונג פונעם סטאַטיסטישן צופאַל.

וואָס איז אַזוינס צופאַל? וואָס איז זיין שייכות צו דער סיבהדיקייט? וואָס איז זיין ראָלע אין דער וועלט פון דער נאַטור, אין דער וועלט פון דער געשיכטע?

צופאַל — דאָס איז ניט די אָפּלייקענונג פון דער סיבה, אין דער קלאַסישער באַנעמונג פון דער קאַוזאַליטעט־אידעע. צופאַל באַטייט: עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן צוויי געשעענישן, וועלכע זיינען ניט פאַרבונדן צווישן זיך מיט קיין שום אינעווייניקסטער סיבהדיקייט.

עס גייט אַ מענטש איבערן טראָטואַר פון דער גאַס, — פון אַ באַלקאָן פאַלט אים אין קאָפּ אַ וואַזע, און ער ווערט דערהרגעט. דאָס גיין פונעם מענטשן איבער דער גאַס און דאָס פאַלן פון דער וואַזע זיינען ניט פאַרבונדן מיט קיין שום סיבה־שייכות; דאָס צוזאַמענפאַלן פון צוויי אומאָפּהענגיקע רייען בילדעט דאָ די נאַטור פון צופאַל. דעם מענטשן האָט געטראָפן דער טויט „צופעליק".

איך שפּיל אין רולעטע. איך שטעל אויף אַ באַשטימטן נומער. דאָס רולעטע־קייקעלע שפּרינגט אַרויס אַנטקעגן דעם דאָזיקן נומער. איך געווין אַ גרויסע סומע. דאָס איז אַ צופאַל: צווישן דער באַוועגונג פונעם קיילעכל און מיין גאַנג אין שפּיל איז ניטאָ קיין סיבהדיקע פאַרבינדונג. איך האָב געוואונען „צופעליק".

פאַראַן אַ צופאַל אַן אינדיווידועלער און אַ סטאַטיסטישער. דעם אינדיווידועלן צופאַל נעמען מיר אויף ווי אַזאַ, וואָס חזרט זיך ניט איבער. אַזוי, אין לעבן פון אַ מענטשן צי אַפילו פון עטלעכע מענטשן חזרט זיך

בכלל ניט איבער דאָס פאַלן פון אַ וואַזע אויפן קאָפּ, מיט אַזאַ אָדער אַן אַנדערן אויסגאַנג פאַרן לעבן, — בכל־אופן חזרט זיך עס ניט איבער אָפט; דאָס איז אַ צופאַל — אַן אינדיווידועלער. אין רולעטע קען איך שפּילן אַ סך מאָל, אַן „אומבאַגרענעצטע" צאָל מאָל. איך קען דעמאָלט געווינען אָדער פאַרשפּילן. יעדעס מאָל טרעפט דאָ אַ צופאַל. אָבער דער עקספּע־רימענט חזרט זיך דאָ איבער. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ צופאַל אַ סטאַטיסטישן.

דער סטאַטיסטישער צופאַל אונטערשיידט זיך פונעם אינדיווידועלן מיט דעם, וואָס אין אים פאַסירט אַ געוויסע געשעעניש אין אַ ריי זיך־איבערחזרנדיקע ענלעכע קאָמבינאַציעס אָדער עקספּערימענטן. עס קען זיך דעמאָלט אַרויסווייזן אַ „צופאַל־געזעץ", אין פאָרעם פון אַ געוויסער וואַרשיינלעכקייט.

אינעם שפּילקעסטל געפינען זיך הונדערט קײלעכלעך, פון וועלכע 90 זיינען ווייסע און צען — שוואַרצע. איך נעם אַרויס פון קעסטעלע על פּי מקרה איין קײלעכל און כ׳לייג עס צוריק אַריין אין קעסטל. איך חזר איבער די דאָזיקע אָפּעראַציע פיל מאָל. יעדעס מאָל קומט אַרויס אָדער דאָס ווייסע קײלעכל אָדער דאָס שוואַרצע; דאָס איז אַ זאַך פון צופאַל. אין יעדן אינדיווידועלן פאַל איז אוממעגלעך פאָראויסצוזען, צי עס וועט אַרויס די ווייסע קויל, צי די שוואַרצע. אָבער וויבאַלד אַלע קוילן זיינען גלייך (חוץ קאָליר) און אויב די צאָל פּרואוון איז גענוג גרויס, דעמאָלט קען מען פאָראויסזען, אַז אויף יעדע 9 ווייסע קוילן וועט אַרויס 1 שוואַר־צע קויל, — 90 פּראָצענט ווייסע און 10 פּראָצענט שוואַרצע. וואָרעם די וואַרשיינלעכקייט פאַרן אַרויסקומען פון דער ווייסער קויל איז 9 מאָל גרעסער איידער פון דער שוואַרצער קוילס אַרויסקומען. אָט אין דעם באַשטייט עס דער געזעץ פון גרויסע צאָלן, וואָס ווערט דערוויזן דורך דער מאַטעמאַטיק.

דער סטאַטיסטישער צופאַל פאָלגט דעם געזעץ פון וואַרשיינלעכקייט, וועלכער דערלויבט צו באַשטימען און פאָראויסצוזען די וואַרשיינלעכע אי־בערחזרונג פון דער געשעעניש, אין הסכם מיטן געזעץ פון צופאַל.

די אידעע פון צופאַל און דער פּרינציפּ פון וואַרשיינלעכקייט שפּילן היינט אַ גרויסע ראָלע אין פיזיקאַ־כעמישן וויסן. מען קומט אָן צו זיי ביים אויפקלערן די נאַטור גופא און דעם מהות פון די „נאַטור־געזעצן".

אַמאָל האָט מען געהאַלטן, אַז די גרונט־געזעצן פון דער נאַטור, ווי דער גראַוויטאַציע־געזעץ (ניוטאָנס געזעץ וועגן צוציאונג), די גאַז־געזעצן (למשל, דער געזעץ פון באָיל־מאַריאָט), די עלעקטריע־געזעצן (למשל, דער געזעץ פון קולאָן), די געזעצן וועגן וואַרעמקייט, ענערגיע, ליכט וכד׳, — אַז די אַלע געזעצן צייכענען זיך אויס און דאַרפן זיך

אויסצייכענען מיט זייער אויסערגעוויינלעכער פשוטקייט. היינט ווערט אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפט אַלץ מער און מער איינגעשטעלט אַ פונקט פאַרקערטער בליק. היינט וויסן מיר, אַז די וועלט פון דערשיינונגען איז ביז גאָר קאָמפּליצירט, אַז די וועלט איז „קיינמאָל" ניט אידענטיש צו זיך אַליין, אַז די געשעענישן אין דער פיזישער וועלט קענען זיך איבערחזרן אויף אַן ענלעכן, אָבער ניט אַבסאָלוט אידענטישן אופן, אַז די נאַטור־געזעצן, וואָס ווערן פאָרמולירט אין דער פיזיק־וויסנשאַפט, באַדאַרף מען אויפנעמען בלויז ווי בערכדיקע, פאַראיינפאַכטע, „וואַרשיינלעכע" פאַר־אַלגעמיינערונגען פון מער קאָמפּליצירטע קאָמבינאַציעס. וואָלט אין דער וועלט ניט געווען קיין בערכדיקע לפחות, ענלעכע איבערחזרונגען, וואָלטן מיר אינגאַנצן ניט געקענט באַגרייפן די וועלט, און אונזער עקסיסטענץ וואָלט בכלל געווען אוממעגלעך.

אין דער וויסנשאַפט האָט זיך באַוויזן אַ נטיה אויסצוטייטשן אַ צאָל פיזיקאַלישע כללים ווי געזעצן פון סטאַטיסטישער וואַרשיינלעכקייט, וואָס דריקן אויס דעם געזעץ פון צופאַל. אַזוי למשל, שטעלט קלאַוזיוס פאָר דעם געזעץ פון מאַריאָטן („דער אומפאַנג פון גאַז איז פאַרקערט פּראָפּאָר־ציאָנעל צום דרוק") ווי אַן אַפּראָקסימאַטיוון געזעץ: ער שטעלט זיך פאָר די גאַז־מאַסע אין פאָרעם פון אַ זייער קאָמפּליצירטער און כאַאָטישער מאָ־לעקולן־באַוועגונג, וואָס אין איר ווירקט שטענדיק דער צופאַל ביי די כסדרדיקע צוזאַמענשטויסונגען פון די טיילעכלעך. אַ קובישער סאַנטי־מעטער לופט, ביי אַן אַטמאָספערע־דרוק און ביי אַ געוויינלעכער שטוביקער טעמפּעראַטור, אַנטהאַלט 27 טריליאָן טיילעכלעך, וועלכע באַוועגן זיך אין פאַרשידנאַרטיקע ריכטונגען מיט אַ שנעלקייט פון אַן ערך 500 מעטער אין אַ סעקונדע, דערביי שפּירט יעדער פון אָט די טיילעכלעך במשך פון יעדער סעקונדע — פינף מיליאַרד שטויסן מצד אַנדערע טיילעכלעך, און די דורכשניטלעכע לענג פונעם וועג, וואָס אַ טיילכל גייט דורך צווישן צוויי שטויסן, שטעלט פאָר 0.0001 פון אַ מילימעטער. פון דער דורכ־שניטלעכער צאָל שטויסן אין אַ סעקונדע און פון דער שנעלקייט פון די טיילעכלעך דרינגט מען אַרויס די גרייס פונעם דרוק לויטן געזעץ פון מאַריאָט.

אָט וואָס דער שווייצאַרישער פיזיקער ש. ע. גיואַי זאָגט וועגן דער אויסטייטשונג פון די פיזיקאַלישע געזעצן אַלס פּראָדוקטן פונעם גע־זעץ וועגן סטאַטיסטישן צופאַל: „אויפן אָרט פונעם פיזיקאַ־כעמישן געזעץ, וועלכן מען איז געווען געוואוינט צו באַטראַכטן ווי אַ פאַטאַלן און אומאויס־מיידעוודיקן, שטעלט זיך ביסלעכווייז אַוועק דער סטאַטיסטישער געזעץ, וועלכער קען — לפחות טעאָרעטיש — צולאָזן זייער זעלטענע אויסנאַמען. עס באַמערקט זיך אַ טענדענץ צו פאַרטוישן מיט אָט דער נייער קאָנצעפּ־

ציע דעם אַבסאָלוטן דעטערמיניזם פון די געזעצן פון פיזיק און כעמיע, ווערליג מיר באַאָבאַכטן זיי, און אויפנעמען אַ מין ברייטערן סטאַטיסטישן דעטערמיניזם".

די זעלטענע אויסנאַמען! אין תוך אָבער זיינען עס ניט קיין אויסנאַמען, נאָר אַט יענע קליינינקע וואַרשיינלעכקייטן, וואָס פּאַסן זיך אַריין אין די רייען פונעם סטאַטיסטישן געזעץ וועגן צופאַל. אונטערן דאָזיקן געזעץ קען אַרונטערגיין אויך דער אינדיווידועלער צופאַל. מיטן פאַררופן זיך אויף אַזעלכן האָט מען שוין געפּרוּווט לייזן אייניקע פיזיקאַלישע און קאָסמאָגאָנישע כלומרשטע פּאַראַדאָקסן. באַלצמאַן האָט ניט געהאַלטן פאַר ניט־דערלאָזבאַר, אַז איין מאָל אין מיליאַרד־מיליאַרדן יאָרן זאָל די דעגראַדירטע ענערגיע קענען אויפשטיין תחית־המתים און צוריק אויפלעבן די וועלט, און עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אַ גאָר קליינע וואַרשיינלעכקייט אין דער באַוועגונג פון די מאָלעקולן. און דער אויבן־ציטירטער גיואַי טרוימט אַפילו וועגן דער מעגלעכקייט צו דערפינדן אומשטערבלעכקייט פאַרן היינט שטערבלעכן מענטשן...

## 2

דער פאַקטאָר „צופאַל" באַקומט אַ גאָר שטאַרקן ווערט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אין פאַרגלייך מיט די דערשיינונגען פון דער פיזישער וועלט און מיט דער געשיכטע אין דער נאַטור.

אין די סאָציאַלע דערשיינונגען פונעם זיך־איבערחזרנדיקן טיפּ — אין פּרט פון ענלעכקייט — טרעט אויף דער סטאַטיסטישער צופאַל. די אידעע פונעם איבערגעחזרטן צופאַל האָט זיך באַוויזן און באַקומען בירגער־רעכט אין די סטאַטיסטישע מעטאָדן פון געזעלשאַפט־קענטעניש נאָך פריער איידער אין די פיזיקאָ־מאַטעמאַטישע דיסציפּלינעס. עס זיינען געווען סטאַטיסטיקער פון שטערבלעכקייט, פון געבורטן, אומגליק־פאַלן אאַ"וו. פּראַקטיש האָט די סטאַטיסטיק געדינט פאַר אַדמיניסטראַטיווע צילן: מיט סטאַטיסטישע טאַבעלעס, באַאַרבעט מיט דער הילף פון דער מאַטעמאַטישער טעאָריע פון וואַרשיינלעכקייטן, האָבן זיך באַנוצט אַסעקוראַציע־געזעלשאַפטן.

אָן אויסשליסלעכע באַטייטיקייט אין דער מענטשלעכער געשיכטע באַקומט דער אינדיווידועלער צופאַל. ער געפינט זיך אויסערן פעלד פון איבערחזרעוודיקייט און אויסערן געביט פון אָנווענדן דעם געזעץ פון גרויסע צאָלן. לאָגיש טרעפן מיר דעם אינדיווידועלן צופאַל אויך אינעם געביט פון דער געשיכטע אין דער נאַטור. מיר האָבן שוין אויבן גערעדט וועגן דער טעאָרעטישער מעגלעכקייט, עס זאָל פּאַסירן אַ גאָר זעלטענע געשעעניש, צוליב זיין קליינער וואַרשיינלעכקייט. אָבער מען

קען אויך האַלטן פֿאַר אַ צופֿאַל, צום בײַשפּיל, די קאַטאַסטראָפֿישע צוזאַ־מענשטויסונג פֿון צוויי זיך־באַוועגנדיקע הימל־קערפּערס, וואָס יעדער פֿון זיי גייט מיט זײַן אייגענער ליניע צוליב אינערלעכער סיבהדיקייט, וועלכע האָט ניט קיין שייכות צו דער אינערלעכער סיבהדיקייט פֿון דעם צווייטן קערפּערס באַוועגונג. אָבער אין געביט פֿון דער געשיכטע אין דער נאַ־טור ווערט דער אינדיווידועלער צופֿאַל פּראַקטיש אַזוי ווי דערטרונקען און „פֿאַרנאַכלעסיקט" אינעם אָקעאַן פֿון היסטאָרישער סיבהדיקייט. אומ־געקערט, אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטיקייט באַקומט דער אינדיווידועלער צופֿאַל אין דער געזעלשאַפֿטלעכער געשיכטע. וואָרעם די געשיכטע פֿון דער מענטשהייט שטעלט פֿאַר זייער אַ קאָמפּליצירטן קאָמפּלעקס פֿון פֿיל־צאָליקע רייען, מיט פֿאַרשידענע אורזאַכלעכקייטן, אָן אַ שום צוזאַמענבונד צווישן זיך, וואָס זייער צוזאַמענטרעף אָדער קרייצונג איז ניט פֿאַרבונדן מיט וועלכער ס'איז אינעווייניקסטער לאָגיק פֿון אַלגעמיינער אַנטוויקל־טער אורזאַכלעכקייט. די דאָזיקע צוזאַמענטרעפֿונגען און קרייצונגען שטעלן זיך אונז פֿאַר ווי אינדיווידועלע צופֿאַלן.

די היסטאָרישע סיבהדיקייט אינעם גורל פֿון דער מענטשהייט ווערט סוף־כּל־סוף דערפֿירט אָט צו וואָס: דאָס איז די ווירקונג פֿון אימפּולסן, וואָס שטאַמען פֿון מאַטעריעלע און מאָראַלע אינטערעסן, און וואָס זיי שאַפֿן די געשיכטע פֿון די מענטשן און מענטשן־מאַסן, פֿון סאָציאַלע גרופּעס, פֿון אָרגאַניזירטע אָדער אַמאָרפֿנע קאָלעקטיווקייטן. אָבער במשך פֿונעם היס־טאָרישן פּעריאָד אין דער עוואָלוציע פֿון דער מענטשהייט האָבן די „אינ־טערעסן פֿון די מאַסן", אין אוממיטלבאַרן זינען, ווייט ניט שטענדיק פֿאַר־געשטעלט דעם יסוד פֿאַר דער באַוועגנדיקער קראַפֿט פֿון דער געשיכטע; געווען זײַנען דאָס אָפֿט די אינטערעסן — און טיילווײַז די גלויבונגען — פֿון באַזונדערע גרופּעס, מינדערהייטן, קלאַסן, קאַסטעס, הערשער־קאָלעק־טיוון, פּאַרטייען, קלויסטערס, דינאַסטיעס, טיראַניעס. און אין די גרופּעס גופֿא האָבן נאָך געווירקט אונטער־גרופּעס, — און אַזוי היעראַרכיש ביז די גרעסטע בעלי־היכולת. דער גורל פֿון דער מענטשהייט איז געווען אָפּהענגיק — און איז נאָך אָפּהענגיק — פֿון די מינדערהייטן, קליקעס, אינדיווידן, פֿונעם צופֿאַל, מיט וועלכער אויספֿירונג־ליניע עס גייען די אָדער אַנדערע גרופּירונגען, פֿונעם באַווײַזן זיך אָדער פֿאַרשווינדן פֿון די אָדער אַנדערע פּערזענלעכקייטן, מיט אַלע זייערע מעלות, מעשים־טובֿים און פֿעלערן — אין דעם צי אין אַ צווייטן מאָמענט, ווען די געשיכטלעכע אַקציע האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקלט, — אויך פֿון דעם, צי עס זײַנען געווען אָדער עס האָבן געפֿעלט פּאָליטישע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע עלי־טעס.

דער צופאַל האָט געשפּילט אַ ראָלע ביים גורל פון שלאַכטן, רעוואָלוציעס, געזעצגעבערישע אַקטן, אָקופּאַציעס, סאָציאַלע רעפאָרמעס, אין דער צעפאַלונג פון פּאָליטישע אָרדענונגען, אינעם טריאומף פון צעזאַריזמען און דיקטאַטורן, אינעם אויפקום און אין דער פאַרשפּרייטונג פון רעליגיעס, ביי וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און טעכנישע דערפינדונגען. דער גורל פון רוים און פון דער מענטשהייט האָט זיך דעצידירט ביי פאַרסאַל און פּיליפּי; דער גורל פון ענגלאַנד איז געחתמעט געוואָרן אין דער שלאַכט ביי האַסטינגס. דער גורל פון דער ענגלישער רעוואָלוציע — בשעת דער מלחמה צווישן דעם פּאַרלאַמענט און קיניג קאַרל דעם ערשטן — איז אָפּגעהאַנגען פונעם אויסגאַנג פון שלאַכטן, אין וועלכע עס האָבן זיך געשלאָגן אינגאַנצן עטלעכע טויזנט מענטשן. היינט וויפל מאָל איז דער אויסגאַנג פון שלאַכטן אָפּהענגיק געווען פונעם וועטער־צושטאַנד אינעם געגעבענעם טאָג, פון דער געפאַלענער פּאַראָרדענונג, פון עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש, פון אַן אינדיווידועלן פאַרראַט. די קאַמפּן פון די פּרעטענדענטן אין 3טן י״ה האָבן געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דעם פּרעסטיזש פון רוימישן סענאַט; זיי האָבן געעפנט די ערע פון דער אימפּעריעס פּאָליטישער און סאָציאַלער צעפאַלונג, מיט אַלע פאָלגן פאַר דער מענטשהייטס געשיכטע. די אַנטדעקונג פון אַמעריקע האָט אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם צופאַל. וויפל קאָלאָסאַלע צופאַלן לויט זייערע קאָנסעקווענצן — אַזוי פיל „אוכראַניעס", אַזוי פיל אַנדערש־מעגלעכע געשיכטעס, ניט־פאַרווירקלעכטע פון דער מענטשהייט. דער אַקט, וואָס מאַנק האָט דורכגעפירט, דער אויסוואַל פון אַ הינדענבורגן, דער צו לייכטער פּסק־דין פאַר אַ היטלערן — זיינען געשען אונטערן צייכן פון צופאַל, אָבער געבראַכט האָבן זיי נאָך זיך גאָר ערנסטע קאָנסעקווענצן. די קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר לעבן איבער, איז אַ פּועל־יוצא פון טיפע אַנטאַגאַניזמען, אָבער גלייכצייטיק אויך פון פעלערן, פאַרראַטן און פאַרברעכנס, וואָס לאָגיש קומען זיי אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון צופאַל, דערביי נאָך פון פאַרמיידלעכן צופאַל.

עס זיינען באַקאַנט פּאַסקאַלס אַפאָריזמען וועגן דער ראָלע, וואָס עס האָבן פאַרנומען אין דער געשיכטע „קלעאָפּאַטרעס נאָז" אָדער דאָס „שטיינדל אינעם אורין־פענכער" ביי קראָמוועלן. עס איז באַקאַנט וואָלטערס שפּאַס וועגן דעם, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט געהאַט אין דער געשיכטע דער צושטאַנד פונעם מאָגן ביי די מאָנאַרכן. אָט די צוויי גרויסע קעפּ האָבן — אין אַ כלומרשט פּאַראַדאָקסאַלער פאָרעם — אַרויסגעזאָגט דעם אמת וועגן דעם, וואָס פאַר אַ היסטאָרישע באַדייטונג עס האָבן געהאַט אומשטענדן און געשעענישן פון צופעליקן כאַראַקטער אינעם לעבן

פון יענע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאַט גרויס וואָג אינעם גורל פון די פעלקער.

דער ווירקונגס־קאָעפיציענט פונעם צופאַל איז ניט אַלץ איינס ביי פאַרשידענע געביטן פון געשיכטע. דאָרט וואו ס'ווירקט אַן אינעווייניקסטע אַנטוויקלונגס־לאָגיק, למשל, אין דער געשיכטע פון אידעעס, דאָרט קען זיך דער צופאַל פאַרטושן לגבי דער אינעווייניקסטער סיבהדיקייט. בפרט די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער וויסנשאַפט און טעכניק פאַלט אונטער אַ געוויסער אינעווייניקסטער לאָגיק: אין רעזולטאַט פון אַ ריי אַנטדעקונגען רוקט אַרויס אַט די לאָגיק נייע פּראָגעס, וואָס זייער פאַרענטפערונג באַ־שעפטיקט די מוחות פון די פאָרשערס. מיט דעם דערקלערט זיך עס, וואָס פאַרשידענע געלערנטע מאַכן אין דער זעלבער צייט, אָן שייכות פון איינעם צום צווייטן, די זעמלעכע דערפינדונגען אָדער ענלעכע אַנטדע־קונגען. אַזעלכע צוזאַמענטרעפן זיינען ניט קיין פּראָדוקט פון צופאַל. מען קען דאָ זאָגן, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט איז „די פרוכט רייף געוואָרן". אָבער אַפילו אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט און טעכניק דאַרף מען ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די ראָלע פונעם צופאַל. וויפל אַנט־דעקונגען און דערפינדונגען זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון צופאַל! די צונויפפאַלונגען, וואָס בילדן די נאַטור פונעם צופאַל, זיינען נוגע געווען אָדער דעם מאָמענט, אָדער דעם באַוויזן זיך פון דער פאָרשער־פּערזענ־לעכקייט, אָדער די אויסערלעכע באַדינגונגען, אָדער די קאָנסעקווענצן, אָדער זייער קאָמבינאַציע. אין אַנדערע געביטן פון געשיכטע, למשל, אין דער פּאָליטישער געשיכטע, וואו די געשעענישן קאָמבינירן זיך פון אַ גרויסער צאָל רייען אָן אַ שום אינעווייניקסטער סיבה־שייכות, — דאָרט איז די ראָלע פונעם צופאַל נאָך אַ סך באַדייטיקער.

גיזאָ פלעגט זאָגן, אַז מען דאַרף ניט זוכן קיין לאָגיק אין דער גע־שיכטע. איז טאַקע אמת, — אַז מען דאַרף ניט זוכן אין דער געשיכטע קיין לאָגיק פון איינפאַכער אינעווייניקסטער סיבהדיקייט, וואָס קאָנסטרו־אירט די געשיכטע לויט אַ סכעמע פון איין איינציקער ריי. אין געשיכטע ווירקט אַ פּלוראַלע סיבהדיקייט, וועלכע ווערט אויסגעבילדעט דורך אַ קאָמפּלעקס פון אַ סך רייען, וואָס פלעכטן זיך איבער און וואָס זייער צו־זאַמענטרעף שטעלט פאָר דעם מעכאַניזם פון צופאַל. און אייניקע אָנ־געזעענע געשיכטשרייבער האָבן טאַקע די וועזנטלעכע אייגנשאַפט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג געזען אין דער וויכטיקער ראָלע, וואָס עס שפּילט אין איר דער צופאַל.

# קאַפּיטל פופצן

## דאָס היסטאָרישע פּאַראַויסזען

### 1

אין וואָס פאַר אַ מאָס איז מעגלעך דאָס פאָראויסזען אינעם גורל פון די פעלקער און פון דער מענטשהייט? אין וואָס פאַר אַ מאָס איז מעגלעך דער פראָגנאָז אין די פיזישע פראָצעסן פון דער נאַטור, אין דער געשיכטע פון דער וועלט בכלל?

די עקזאַקטע וויסנשאַפט וויס פון צוויי מינים פראָגנאָז: באַדינגטער און ניט־באַדינגטער. אַ ביישפּיל פון באַדינגטן פראָגנאָז איז: ווען מען זאָל לאָזן אַ קערפער פריי אַראָפּפאַלן פון אַ באַשטימטער הייך, וועט ער פאַלן מיט אַ שנעלקייט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צייט, ביים פאַלן וועט ער דורכמאַכן אַ שטח פּראָפּאָרציאָנעל צום קוואַדראַט פון דער צייט, און ער וועט די אויבערפלאַך פון דער ערד דערגרייכן אין כך וכך סעקונדעס אַרום. אַ ביישפּיל פון ניט־באַדינגטן פראָגנאָז איז: די נאָענטסטע ליקוי־לבנה וועט פאָרקומען אין דער און דער דאַטע און אין אַזאַ און אַזאַ שעה (אויך דאָס — ניט באַגרענעצט מיט וועלכע ס'איז באַדינגונגען).

דער באַדינגטער פראָגנאָז — דאָס איז בעיקר דער אינהאַלט פון די אַזוי־גערופענע „נאַטור־געזעצן". דער ניט־באַדינגטער פראָגנאָז פאַרמולירט בעיקר דאָס פאָראויסזען אינעם געביט פון געשיכטע אין דער נאַטור, בפרט, למשל, פאַר געשעענישן פון אַסטראָנאָמישן כאַראַקטער (די געשיכטע פון די לייכטנדיקע קערפערס), פון געאָלאָגישן (די געשיכטע פון דער ערד), מעטעאָראָלאָגישן (די געשיכטע פון קלימאַט און וועטער).

ווי אַרום און אין וואָס פאַר אַ מאָס איז מעגלעך דאָס ניט־באַדינגטע און צו גלייכער צייט פּינקטלעכע היסטאָרישע פאָראויסזען?

אינעם געביט פון עקזאַקטער וויסנשאַפט קען דאָס היסטאָרישע פאָראויסזען פאַרווירקלעכט ווערן אויף דרייערליי אופנים, דערביי באַזירט עס זיך ביי אַלע דריי אופנים אויפן פאַקט פון איבערחזרונגען, אָבער אַזעלכע איבערחזרונגען, וואָס זיינען אין יעדן פון די דריי פאַלן פאַרשידן. אָדער מיר האָבן צו טאָן מיט דער איבערחזרונג פון רעגולערע פעריאָדישע ציקלען, אָדער עס חזרן זיך איבער אייניקע פאַרהעלטענישן. אָדער, ענדלעך, עס קומט פאַר אַן איבערחזרונג, — אמת, ניט קיין רעגולערע און ניט קיין

קאָרעקטע — פון ענלעכע פּראָצעסן, וואָס זייערע אָנפאַנג־פּאַזעס ווערן פעסטגעשטעלט דורך אוממיטלבאַרער באַאָבאַכטונג צי אין רעזולטאַט פון אַ מער־וויניקער געניטעם דיאַגנאָז, און אָט די אָנפאַנג־פּאַזעס גיבן אַ מעגלעכקייט פאָראויסצוזען די שפּעטערדיקע פּאַזעס פונעם זעלבן פּראָצעס.

אָט זיינען ביישפּילן פון פאָראויסזען אין אַלע דריי אָנגעוויזענע פאַלן: ערשטער פאַל — די פּעריאָדישע באַוועגונגען פון די פּלאַנעטעס און זייערע סאַטעליטן דערלויבן פאָראויסצוזען זייערע פּאָזיציעס און, למשל, די פאַרפינצטערונגען אין די שפּעטערדיקע ציקלען. אַ צווייטער פאַל: אין די באַוועגונגען פון די אומפּעריאָדישע קאָמעטעס, אין דער דעזינטעגראַציע פון די ראַדיאָאַקטיווע שטאָפן חזרט זיך איבער איינע און די זעלבע פאַרהעלטעניש, און אַז מיר קענען אָט די פאַרהעלטעניש — גיט עס אונז אַ מעגלעכקייט אויסצורעכענען די ווייטערדיקע פּאָזיציעס פון דער אומפּעריאָדישער קאָמעטע און די ווייטערדיקע לעבנס־פּאַזע פונעם ראַדיאָאַקטיוון שטאָף אינעם זיך ניט־אומקערנדיקן פּראָצעס פון איר דעזינטעגראַציע. צום סוף, אַ דריטער פאַל: עס קומט פאָר אַ פאַרסמונג פון אָרגאַניזם, — אַ צופעליקע פּאַסירונג, וואָס איז ווייט פון יעדן כלל; — דערלויבט דאָ אָבער דער דיאַגנאָז פון דער לכתחילהדיקער פּאַזע פון דער אינטאָקסיקאַציע — פאָראויסצוזען דעם ווייטערדיקן פאַרלויף פון דער קראַנקהייט, אויפן גרונט פון באַאָבאַכטונגען איבער ענלעכע פאַקטן, וואָס האָבן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט איבערגעחזרט, הגם אויף אַ ניט־רעגולערן און ספּאָראַדישן אופן.

צי איז דער פּראָגנאָז אין פאַרשידענע געביטן פון דער געשיכטע אין דער נאַטור אַלץ איינס פּינקטלעך, רעאַל, אומבאַדינגט? פאַרשידענע געביטן פון דער היסטאָרישער רעאַליטעט אונטערשיידן זיך אין זייער קאָמפּליצירטקייט פון די געזעצן און דערשיינונגען, בנוגע דער ראָלע פונעם צופאַל, דעם כאַראַקטער פון דער סיבהדיקייט ובפרט בנוגע דעם „שכל־דיקן" ווילן (למשל, די טעטיקייט פונעם מענטשן).

דאָס איז, ראשית־כל, ריכטיק פאַר דער „געשיכטע אין דער נאַטור". דאָ וועט דאָס פאָראויסזען זיין אַלץ מער קאָמפּלעט, מער פּינקטלעך, רעאַל און אומבאַדינגט, וואָס מער אַלץ דער געגעבענער געביט וועט פאַרמאָגן אַ גרעסערן פּשוטקייט־כאַראַקטער, וואָס וויניקער ער וועט זיין אָפּהענגיק פונעם צופאַלס מעגלעכער אַריינמישונג און וואָס וויניקער צוטריטלעך ער וועט זיין פאַר דער אַקטיווער אַריינמישונג פונעם „שכלדיקן" ווילן. פאַרקערט, וואָס קאָמפּליצירטער עס איז דער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס מער ער פאַלט אַרונטער אונטער דערווירקונג פונעם צופאַל, און וואָס מער ער איז צוטריטלעך פאַרן מענטשנס אַקטיווער באַאיינפלוי־

סונג, — אַלץ מער ווערט דער היסטאָרישער פּראָצעס טראָגן אַ בערכדיקן כאַראַקטער, אַ באַדינגלעכן און אַזאַ, וואָס לאָזט זיך אָנווענדן נאָר אין שמאָלע גרענעצן.

דער אוניווערס פאַרענדערט זיך אין רוים און צייט, — און עס איז ניטאָ אין אים קיין אַבסאָלוט אידענטישע איבערחזרונגען. ווי מיר האָבן עס אויבן געזען, עקסיסטירן בלויז ענלעכקייטן און אַנאַלאָגיעס אין די איבערחזרונגען. פון דעם איז געדרונגען, אַז אין געביט פון געשיכטע זיינען אַלע פּראָויסזעאונגען, שטרענג גענומען, בערכדיקע, באַדינגטע און באַגרענעצטע. מיר געפינען זיך אין פעלד פון וואַרשיינלעכקייטן. פּראַקטיש האַלט מען די פּראָויסזעאונגען מיט אַ קוואַזי־אויטענטישן כאַראַקטער — פאַר שטרענג־פּינקטלעכע. לויטן אַפאָריזם פונעם באַרימטן מאַטעמאַטיקער יעקב בערנוללי, ווערט „אין לעבנס־פּראַקטיק אַלץ, וואָס איז מאָראַליש אויטענטיש, גערעכנט פאַר אַבסאָלוט אויטענטיש".

דאָס געזאָגטע געפינט אַן אָנווענדונג אין אַ ריי „עקזאַקטע" וויסנשאַפטן, וועלכע פאָרמולירן דעם פּראָגנאָז פון די קומענדיקע געשעענישן: אין אַסטראָנאָמיע, געאָלאָגיע, געאָפיזיק, געאָכעמיע, מעטעאָראָלאָגיע, ביאָלאָגיע.

אַסטראָנאָמיע פאַרבלייבט — פון די עלטסטע צייטן — דער קלאַסישער און קוואַזי־אידעאַלער געביט פון פּינקטלעכער און אומבאַדינגטער פּראָויסזעאונג אין דער געשיכטע פון די לייכטנדיקע קערפּערס. דאָ האָבן מיר אַ סיסטעם פון מער־ווייניק רעגולערע זיך איבערחזרנדיקע ציקלען, ווידערקערנדיקע פאַרהעלטענישן, פּראָצעסן, וואָס שטעלן זיך צונויף פון אַ ריי איינס נאָך איינסיקע פאַזיסן. פון דער אַנדערער זייט, די דערשיינונגען פון דער שטערן־וועלט ובפרט פון אונזער זון־סיסטעם צייכענען זיך אויס מיט זייער גרויסער איינפאַכקייט; דאָ איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר צופאַל; און די אַסטראָנאָמישע וועלט ליגט ניט אין רשות פונעם מענטשנס אַריינמישונג. אָט מיט דעם דערקלערט זיך די פאַרהעלטנישמעסיקע פּינקטלעכקייט פון די אַסטראָנאָמישע פּראָויסזעאונגען. פונדעסטוועגן, אויף ווי ווייט מען איז אַריינגעדרונגען אין די מער קאָמפּליצירטע סטרוקטורן פון די אַסטראָנאָמישע קאָמפּלעקסן, אויף ווי ווייט מען האָט אויפגעדעקט פולע פּערפעקטקייט אין די ווידערקערנדיקע אַסטראָנאָמישע ציקלען, אויף וויפל מען האָט אויסגעפונען אומרעגלקייטן און פאַרענדערונגען אין די איבערחזרונגען וכד', — האָט זיך אַלץ מער און מער אויפגעקלערט די ניט־פולע פּינקטלעכקייט פון אַסטראָנאָמישן פּראָויסזען (באַזונדערס אין ליכט פון די פאַרפולקאָמטע אויסמעסטונגען). די אַסטראָנאָמען האָבן געהאַט סיורפּריזן: די אַסטעראָאידן (קליינע פּלאַנעטעס) האָבן זיך ניט באַוויזן פון דאָס ניי אין די פּראָויסגעזאָגטע מאָמענטן און אין די פאַר־

אויסגעזעענע פונקטן; די קאָמעטעס האָבן זיך ניט ווידערגעקערט מיט די פעסטגעשטעלטע ליניעס, אָדער זיי האָבן זיך געשפּאָלטן און פונאַנדער־געשאָטן; די פאָראויסגעזאָגטע פאַרפינצטערונגס־מאָמענטן האָבן געליטן אין פּינקטלעכקייט...

אין דער געשיכטע פון דער ערד זיינען פאָרגעקומען איבערגעחזרטע פאַרענדערונגען פונעם קלימאַט: דאָס אויפקומען פון די אייז־פּעריאָדן. עס האָבן פּאַסירט און עס פּאַסירן ערד־ציטערנישן און וואַלקאַן־אויסברוכן. קען מען דאָס אָנקומען פון אַזוינע דערשיינונגען פאָראויסזען פון פריער? האָט מען געפּרואווט צו פאַרווירקלעכן אַזאַ מין פראַגנאָז מיטן אָנווענדן דעם ערשטן און דריטן מעטאָד פון פאָראויסזען: מיט דער הילף פון צו־נויפבינדן די געשעעניש מיט אַ ווידערקערנדיקן (אַסטראָנאָמישן, למשל ציקל, אָדער מיטן מעטאָד פון איניציאַלע פּאַזעס. אייניקע פאָרשערס האַלטן, אַז מיר דערנעענטערן זיך צו אַ נייער אינוואַזיע פון אייזפעלדער. מיר האָבן פאַר זיך היפּאָטעזעס, וואָס זיינען ווייט פון זיכערקייט, און די פאָראויסזעאונגען, וואָס זיינען געבויט אויף ענלעכע היפּאָטעזעס, פאַר־מאָגן נאָר דעם כאַראַקטער פון וואַרשיינלעכקייט. ווען עס זאָל מעגלעך זיין פאָראויסצוזען באַצייטנס ערד־ציטערנישן, וואָלט דאָס געהאַט אַ וויכ־טיקע פּראַקטישע באַדייטונג, ווייל דאָס וואָלט געגעבן אַ מעגלעכקייט אָנ־צונעמען זיכערקייטס־מעגלעכקייטן און ראַטעווען מענטשן־לעבנס. די פאַרצייטיקע שרייבערס דערציילן מיט פאַרוואונדערונג, אַז אייניקע פילאָ־זאָפן האָבן פּינקטלעך פאָראויסגעזאָגט די ערד־ציטערנישן. פּליניוס רופט אויס ביי אַזאַ געלעגנהייט: „זאָלן די דאָזיקע דערציילונגען זיין אמת, איז צי קען מען דעמאָלט געפינען אַן אונטערשייד צווישן דער גאָטהייט און אָט די מענטשן, אַחוץ אייגנטלעך אומשטערבלעכקייט?”. מאַרשאַן האָט פאַר־בונדן די ערד־ציטערנישן מיט די זון־ און לבנה־דערשיינונגען, — אָבער די אָנגעזעענע געאָלאָגן לייקענען, עס זאָל עקסיסטירן אַזאַ מין שייכות. עס איז שטאַרק מוטל בספק, צי דער מעטאָד פון ווידערקערנדיקער פּעריאָ־דישקייט וועט ברענגען אַ ליזונג פון דער פראַגע וועגן פאָראויסזען ערד־ציטערנישן.

מער וואַרשיינלעך איז, אַז דאָס פאָראויסזען ערד־ציטערנישן וועט מעגלעך ווערן מיט דער הילף פון אָנווענדן דעם דריטן מעטאָד, אָט ווי מען קען פאָראויסזען דעם שטורעם לויט זיינע פאָר־סימנים. ווען עס איז דעם 25טן דעצעמבער 1884 געשען די ערד־ציטערניש אין אַנדאַלו־זיע, האָט מען פאַרצייכנט אַזאַ דערשיינונג: פאַר דער ערשטער טרייסלונג איז געקומען אַ געוויינלעכער, כמעט אונטערערדישער געבריל; אין צענ־טער פון דער ערד־ציטערניש האָט מען אים געהערט גאַנץ לאַנג פאַרן הויפּט־קלאַפּ, אַזוי אַז אַ סך מענטשן האָבן באַוויזן צו פאַרלאָזן די וואוי־

נונגען און אַפּילו זיך אַראָפּלאָזן אַ פּאָר שטאָק מיט די טרעפּ. אין אַ צווייטן פאַל, האָט איינער אַ פּאָליטישער געפאַנגענער, וואָס איז געווען פאַרשפאַרט אין אַן אונטערערדישן קאַזעמאַט אין לימאַ (פּערו), דערהערט דעם גערויש, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די קאַטאַסטראָפע. אָבער בדרך־כלל קומט ניט דער גערויש מיט גענוג צייט פאַר די אונטערערדישע שטויסן, אַז די מענטשן זאָלן האָבן צייט אַוועקצוגיין. ווי אומגעריכט אָבער די ערד־ציטערניש זאָל ניט זיין, מוזן פאַר איר קומען אין דער ערדשאָל באַוועגונגען, וועלכע קענען פאַרצייכנט ווערן דורך פילבאַרע אינסטרומענטן. אייניקע געאָלאָגן באַמערקן, אַז די סיבה פון די ערד־ציטערנישן — דאָס זיינען די עלעקטרישעווירקונגען אינעווייניק אין דער ערד. לויט דער מיינונג פונעם פראַנצויזישן פאָרשער אַלבערט נאָדאָן, קומען פאַר פאַר די ערד־ציטערנישן פאַרענדערונגען, וועלכע ווערן רעגיסטרירט דורך די עלעקטרישע און מאַגנעטישע מכשירים. דעם מאַגנעטאָגראַף, וואָס נאָדאָן האָט צוגעטראַכט, האָט מען צוזאַמען מיט אַנדערע אַליין־שרייבנדיקע מכשירים אַנגעווענדט אין דער סאַלטאַ־אָבסערוואַטאָריע, אין סאַנט־יאַגאָ (טשילי), און לויט די פאָרשערס, האָט מען שוין געקענט אין סאַנט־יאַגאָ צי אין טאַלקאַ, מיט אַ 20 שעה פריער פאָראויסזען די דערנענטערונג פון דער ערד־ציטערניש און האָבן גענוג צייט אויף אָנצונעמען רעטונגס־מיטלען קעגן דעם קאַטאַקליזם.

דעם מענטשנס כוחות זיינען נאָך צו באַגרענעצט, אַז ער זאָל קענען באַווירקן די קאָסמישע דערשיינונגען, און עס איז נאָך ניט דערפונדן געוואָרן דער אַרכימעדעס־הייבער, וואָס זאָל בכוח זיין איבערצוקערן די וועלט. אָבער דעם מענטשנס טעטיקייט באַווייזט זיך שוין אַרויס אין אַ געוויסער מאָס ביי די קלימאַט־ און וועטער־ענדערונגען פון לאַנד. במשך פון יאָרטויזנטער האָט דער מענטש, מיט זיין אַגריקולטורעלער און אינדוסטריעלער אַרבעט, איבערגעאַנדערשט די כעמיע פון דער ערד און דעם קלימאַט פון דער ערד. ער הייבט שוין אָן — דערווייל, אמת, איז עס אַ התחלה — צו ווירקן אויפן וועטער. די געשיכטע פון דער ערד הייבט אָן אין אַ געוויסן גראַד צו ווערן אַ טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע. און דעמאָלט באַקומט דאָך דאָס פאָראויסזען נאָר אַ קאָנדיציאָנעלן כאַראַקטער.

ביים פאָראויסזען די וועטערן באַזירן זיך די מעטעאָראָלאָגן אויף דער סיסטעם פון פּעריאָדישע ציקלען אָדער אויפן דיאַגנאָז פונעם אָנפאַנג־פּראָצעס. די איבערגעחזרטע וועטער־פאַרענדערונגען האָט מען פאַרבונדן מיטן ציקל פון די זון־פלעקן און מיט אַנדערע זון־ציקלען. מ׳האָט זיי אויך פאַרבונדן מיט דער פאַרשאַרפונג פון די וואָלקאַנישע אויסברוכן. היינט צו טאָג פּובליקירן די מעטעאָראָלאָגישע אָבסערוואַטאָריעס טעגלעכע ביולעטינען, וועלכע אַנטהאַלטן דעם דיאַגנאָז־פּראָגנאָז פון דער „וואָרשיינ־

לעכער עוואָלוציע" פונעם וועטער. אויפן גרונט פון די אָנווייזונגען פונעם טערמאָמעטער און אַדאַנק די באַראָמעטרישע און אַנדערע אַכטגעבונגען זאָגען די מעטעאָראָלאָגן פאָראויס דעם וועטער אויף 24—48 שעה פריער. צוליב אָבער דער פאַרוויקלטקייט פונעם מעטעאָראָלאָגישן קאָמפּלעקס קען ניט די וועטער־פאָראויסזאָגונג פרעטענדירן אויף פּינקטלעכקייט. זי גיט נאָר וואַרשיינלעכקייטן און בדרך־כלל פאַרווירקלעכן זיך די וועטער־נביאות נאָר אין 70 פּראָצענט פאַלן. פאַראַן קאָמפּעטענטע מעטעאָראָלאָגן, וואָס פּראָטעסטירן אַפילו קעגן דעם צו איילן אײַנפירן די סיסטעם ביולעטינען, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך די וועטער־נביאותן.

מען דאַרף באַמערקן, אַז אין די געאָלאָגישע און מעטעאָראָלאָגישע פּראָצעסן אַנטפּלעקט זיך דער „צופאַל" אויף אַ ברייטן אופן אינעם פאַרוויקלטן קאָמפּלעקס פון די דערשיינונגען: עס איז צוליב דער ניט־גלייכער פאַרטיילונג פון דער סובסטאַנץ, פון די פעלז־פאָרמאַציעס, אַטמאָספערישע מאַסן וכד׳, וואָס באַקומט זיך פון דער גאַנצער ביז־אַהעריקער און איצט־אָנגייענדיקער געשיכטע פון דער ערד. דאָס רופט זיך אָפּ אומגינסטיק אויף דער פּראָגנאָז־טעכניק און אויף דעם וואַרשיינלעכקייט־גראַד פון די פאָראויסזאָגונגען.

אין געביט פון ביאָלאָגיע ווערט דאָס פאָראויסזען אָנגעווענדט צו פאַרשידענע לעבנס־ציקלען, וועלכע כאַראַקטעריזירן דאָס לעבן פון די אָרגאַניזמען בכלל. דער פּראָגנאָז פאַר יעדן אָרגאַניזם באַשטייט אין דער פאָרמולע, וועלכע זאָגט, אַז כל־זמן דער דאָזיקער אָרגאַניזם וועט לעבן, וועלן זײַנע ציקלען און עוואָלוציע־פּראָצעסן זיך ווײַטער ציען. די פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן פונעם לעבעדיקן אָרגאַניזם, וואָס זיי שטאַמען פון די אַלגעמיינע לעבנס־געזעצן, דאָס איז ניט דאָס גאַנצע לעבן פונעם דאָזיקן אָרגאַניזם. קיין מאָל אין דער וועלט האָט ניט געטראָפן קיין צוויי אָרגאַניזמען, וואָס זאָלן זײַן אינגאַנצן ענלעך אין פּרט פון פאָרעם, סטרוקטור און ביאָגראַפיע. דאָס לעבן פון יעדן אָרגאַניזם — דאָס איז אַ פאַרוויקלטער קאָמפּלעקס, וועלכער חזרט זיך ניט איבער, מיט אַלע אינדיווידועלע אײנצלהייטן, אין אַנדערע אָרגאַניזמען. דער אינדיווידועלער פאַל אַנטפּלעקט זיך דאָ אין דער רייכקייט פון דער קאָנסטרוקטיווער פאַרשידנאַרטיקייט. ביי די העכערע אָרגאַניזמען, בפרט ביים מענטשן, אַפעקטירט דער באַוואוסטזיניקער ווילן די ביאָגראַפיע פון יעדן אינדיוויד, און ער מאַכט זי אין אַ געניגנדיקער מאָס אומצוטריטלעך פאַר יעדער אומבאַדינגלעכער פאָראויסזעאונג. און הגם דאָס לעבן פון יעדן אָרגאַניזירטן וועזן גייט מיט אַ סיסטעם פון ביאָלאָגישע געזעצן, — איז אָבער דער אומבאַדינגלעכער היסטאָרישער פּראָגנאָז, אין אָנווענדונג צו דער ביאָגראַפיע פון אַ באַשטימטן יחיד — אַן אויפגאַבע ניט צום פאַרווירקלעכן.

ליכטער איז שוין צו פֿאָרויסרעכענען די פּראָגנאָזן אין מעדיצין, וואו זיי זיינען באַזירט אויף דיאַגנאָזן, וועלכע דערלויבן אָנצוּואוּוענדן דעם דריטן מעטאָד, אויפֿן יסוד פֿון שטודירן די פּרעצעדענטן און די געשיכטעס פֿון די קראַנקהייטן. דער טערמין גופא „פּראָגנאָז״ איז פֿריער פֿון אַלץ אויפֿגעקומען אין דער מעדיצין, וואו ער באַטייט: פֿאָראויסזען דעם פֿאַר־לויף פֿון דער קראַנקהייט. אָבער יעדע קראַנקהייט איז אַ היסטאָרישער פֿאַקט, אין זיין פֿולער קאָנקרעטער און אינדיווידועלער קאָמפּליצירטקייט. און דעם דאָקטאָרס פֿאָראויסזעאונג איז נאָר אַ וואַרשיינלעכקייט; זי איז ניט קיין פֿולע זיכערקייט. פֿון דעם נעמט זיך די מעגלעכקייט פֿון פֿע־לערן. חוץ דעם, דאָס עצם אַריינמישן זיך פֿונעם דאָקטאָר קען ענדערן דעם נאַטירלעכן גאַנג פֿון דער קראַנקהייט.

פֿון דעם אַלעם אויבנגעזאָגטן דרינגט אַרויס, אַז די היסטאָרישע פֿאָר־אויסזעאונגען, וואָס ווערן פֿאָרמולירט אין געביט פֿון „עקזאַקטער וויסנ־שאַפֿט״, פֿאַרמאָגן ניט דעם כאַראַקטער פֿון אַבסאָלוטער זיכערקייט; אין אייניקע דיסציפּלינעס איז די באַגלויביקייט פֿון די היסטאָרישע פֿאָראויס־זעאונגען ניט מער ווי אַ פּראַקטישע באַגלויביקייט; און די פֿאָראויסזע־אונגען אין דעם רוב דיסציפּלינעס שטעלן פֿאָר דעם כאַראַקטער פֿון וואַר־שיינלעכקייטן, בערכדיקייטן, באַגרענעצטקייטן און פֿאָראויסזעאונגען בעיקר באַדינגלעכע.

## 2

די געשיכטע אין דער נאַטור און די געשיכטע פֿון דער מענטשהייט — דאָס זיינען טיילן פֿון איין אינטעגראַלער געשיכטע, פֿון דער וועלט־געשיכטע בכלל. די באַדינגונגען פֿאַר דער באַגלויביקייט פֿונעם היסטאָ־רישן פּראָגנאָז, אַזוי ווי זיי זיינען פֿאָרמולירט צום פֿאָראויסזען אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפֿט, אין געביט פֿון דער „געשיכטע אין דער נאַטור״, דאַרפֿן אויך אָנגעווענדט ווערן אין דער פּאָליטישער און געזעלשאַפֿט־לעכער געשיכטע. ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, הענגט אָפּ די פּינקטלעכקייט און די באַגלויביקייט פֿונעם פֿאָראויסזען — פֿון דריי באַ־דינגונגען, וואָס זייער קאָמפּליקאַציע שטייט אין וועג דער מעגלעכער פּינקטלעכקייט און גלויבנסווירדיקייט פֿונעם אומבאַדינגטן פֿאָראויסזען. די דאָזיקע דריי באַדינגונגען זיינען: די פֿאַרוויקלטקייט פֿון די קאָמפּלעקסן, דער אָנטייל פֿון צופֿאַל, דאָס אַריינמישן זיך פֿונעם מענטשן.

בלי־ספֿק שפּילן די אַלע דריי פֿאַקטאָרן אַ גאָר אַ סך באַדייטיקערע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, איידער אין דער „געשיכטע אין דער נאַטור״, וואָס ווערט געפֿאָרשט אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפֿט.

דער סאָציאַלער קאָמפּלעקס איז זייער פאַרוויקלט. אמת, אָגיוסט קאָנט האָט באַמערקט, אַז די קאָמפּליצירטקייט פון דער סאָציאַלער וועלט דאַרף פונקט אַזוי ווייניק שטערן דער מעגלעכקייט פון אַ דערפאָלגרייכן היסטאָרישן פּראָגנאָז, אַזוי ווי די קאָמפּליצירטקייט פון דער פיזישער וועלט שטערט ניט דעם וויסנשאַפטלעכן פּראָגנאָז אין געביט פון דער געשיכטע אין דער וועלט. אָבער די קאָמפּליצירטקייט פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן איז גאָר אַן אַנדערע, איידער די קאָמפּליצירטקייט פון די דערשיינונגען פון דער פיזישער וועלט, ובפרט דערלאָזט זי ניט אין דער זעלבער מאָס קיין מעטאָדאָלאָגישע פאַראיינפאַכונגען. דער פּועל־יוצא פון דעם איז — די זיכערקייט פון היסטאָרישן פּראָגנאָז אין דער סאָציאַלער וועלט ליידט, און די וואַרשיינלעכקייט פון אַ פולקאָמענעם פּראָגנאָז ליידט אַ פאַרלוסט, ווען דער פּראָגנאָז שטרעבט אָנצונעמען דעם כאַראַקטער פון אַן אומבאַדינגלעכער פאָראויסזעאונג.

אַ צווייטער פאַקטאָר, פון וועלכן עס ליידט די פּינקטלעכקייט פונעם אומבאַדינגלעכן פּראָגנאָז, דאָס איז די ראָלע פונעם צופאַל. דער סטאַטיסטישער צופאַל לאָזט זיך אָנווענדן נאָר אונטערן אַספּעקט פונעם געזעץ וועגן גרויסע צאָלן. אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז גאָר באַטייטיק די ראָלע פונעם אינדיווידועלן צופאַל, און אָט דער לעצטער ווירקט אויף אַ צעטרייסלענדיקן אופן מיט זיין אַריינמישונג — אויף די פאָרמולירונגען פון גלויבנסווירדיקע אומבאַדינגלעכע היסטאָרישע פּראָגנאָזן אין דער סאָציאַלער וועלט.

דער דריטער פאַקטאָר, וואָס מאַכט שווער די מעגלעכקייט פון אַ זיכערן אומבאַדינגלעכן פּראָגנאָז, — דאָס איז די מעגלעכקייט פון דער אַריינמישונג פון מענטשלעכער טעטיקייט. די באַדייטונג פונעם דאָזיקן פאַקטאָר איז גראָד זייער ווייניק וויכטיק און ספּאָראַדיש אין געביט פון „געשיכטע אין דער נאַטור", לכל־הפּחות ביי די איצטיקע צוטריטלעכע פאַרן מענטשן מעגלעכקייטן צו ווירקן אויף דער „געשיכטע אין דער נאַטור" (אויפן קלימאַט, למשל); אָבער דער דאָזיקער פאַקטאָר געפינט זיין פולן אויסדרוק אין דער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע. דעם מענטשנס אַריינמיש לאָזט שטענדיק איבער אַ נאָך־טעם פון אינדעטערמינאַציע, וועלכער באַגרענעצט די אומפאַרמיידלעכקייט פון היסטאָרישער באַשטימונג און גיט צו אין אַזאַ אָדער אַנדערער מאָס — דעם כאַראַקטער פון באַדינגלעכער פאָראויסזעעוודיקייט פון די געשעענישן. אָט יענער אויב, וואָס באַקומט זיך אויס דער פרייהייט פון דער דאָזיקער אַריינמישונג, פאַראורטיילט יעדע פאָרמולירונג פון אַבסאָלוטער בויטוונדיקייט אין היסטאָרישן פּראָגנאָז, ווייל עס איז פאַראַן די מורא, אַז דער דעטערמיניזם פון די געשעענישן וועט זיך איינהילן אין אַ מיסטיש־פאַטאַליסטישע פאָרעם. דאָס

פּאַראויסזען גופא פון דער צוקונפט — דאָס איז שוין אַ נייער פאַקטאָר, וועלכער איז ביכולת צו געבוירן אַקטן, וואָס גייען ניט אַריין אינעם תּוך פון דער פּראָגנאָז־פאָרמולע, און בכן צו איבעראַנדערשן דעם פּאַראויסגע־זאָגטן צוקונפט־אינהאַלט, — און אַזוי ווייטער אָן אַ סוף. דאָס פּאַראויסזען מוז בכן האָבן אַ באַדינגלעכן כאַראַקטער. דאָס מעגלעכע אַנטשטיין פון די געשעענישן, דאָס מיטהעלפן צום פאַרווירקלעכן זיי אָדער, אומגעקערט, זיי צו פאַרמיידן, — דאָס הענגט אָפּ פון דער אַקציע, וואָס דער מענטש אַנטוויקלט, און פון זיינע אויסרעכענונגען וועגן די מעגלעכע פּערספּעק־טיוון, אַזוי ווי עס מאָלט זיי דער באַדינגלעכער היסטאָרישער פּראָגנאָז.

פון דעם איז געדרונגען, אַז אין געביט פון מענטשן־געשיכטע קען ניט דאָס פּאַראויסזען אויסדריקן פולשטענדיקע גלויבנסווערדיקייט; זי קען נאָר זיין קאָנדיציאָנעל און וואַרשיינלעך. צום פּאַראויסזען ווענדט מען אָן די לאָגיק פונעם וואַרשיינלעכן.

אַזוי ווי עס איז אין געביט פון דער „געשיכטע אין דער נאַטור”, אַזוי איז אויך אין דער געשיכטע פון פעלקער און פון דער מענטשהייט שפּאַרט זיך אָן דאָס פּאַראויסזען אויף דריי קאַטעגאָריעס איבערחזרונגען: פּעריאָדישע ציקלען, די ווידערקערונג פון די פאַרהעלטענישן, דאָס פאַר־אויסזען דעם גאַנג פונעם פּראָצעס לויט זיינע לכתחילהדיקע פאַזעס. אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ווענדט מען אָפּט אָן די ערשטע צוויי מעטאָדן באַזונדערס פאַר אַלגעמיינע פּראָגנאָזן, און דעם דריטן — באַ־זונדערס פאַר קאָנקרעטע פּאַראויסזעאונגען.

מיר האָבן שוין אויבן גערעדט וועגן די טעאָריעס פון די פּעריאָדיש זיך־איבערחזרנדיקע ציקלען אין דער מענטשישער געשיכטע, און מיר האָבן געזען: אויב אין דער געשיכטע חזרן זיך ציקליש איבער פון צייט צו צייט אייניקע געשעענישן, קענען אָבער ניט די ווידערקערנדיקע ציקלען אויסדריקן אָן אומבאַדינגלעכן געשיכטע־געזעץ. זיי אַנטשפּרעכן ניט ניט דער לאָגיק פונעם וואַרשיינלעכן, ניט די פאַקטן פון דער ווירקלעכער גע־שיכטע.

ווען דאָס פּאַראויסזען ווערט אָנגעווענדט צו אַ דויערנדיקן פּראָצעס, ביי וועלכן יעדע פאַזע איז אָפּהענגיק פון די פריערדיקע פאַזעס און אין זיי אַלע שפּילט אַ ראָלע דאָס געזעץ פון וואַרשיינלעכן, — דעמאָלט זאָגט די לאָגיק פונעם וואַרשיינלעכן, אַז די וואַרשיינלעכקייט פון דער געשעע־ניש, וואָס שטעלט פאַר אַזאַ מין רייע, ווערט קלענער אין דער זעלבער מאָס ווי עס פאַרגרעסערט זיך די צאָל רינגען אין דער רייע. דער באַ־רימטער לאַפּלאַס האָט געשריבן: „אין די מאָראַלישע וויסנשאַפטן, וואו יעדער רעזולטאַט ווערט אַרויסגעבראַכט פון אַ פריערדיקער געשעעניש ווי עפּעס וואַרשיינלעכס בלויז, ווערט דער פעלער־שאַנס פאַרגרעסערט

מיט דער צאָל געשעענישן — ווי וואַרשײַנלעך די אויספֿירן זאָלן ניט זײַן — און סוף־כּל־סוף נעמט ער די אויבערהאַנט איבער דעם אמת־שאַנס דורך די גאָר ווײַטע רעזולטאַטן פֿונעם פּרינציפּ".

דער ווידערקערנדיקער ציקל, וואָס נעמט אַרום אַ סכום ווידערקערבדיקע פּאַזעס, גייט אַרונטער אונטער דער אָנגעוויזענער דאָ קאַטעגאָריע — די לאָגיק פֿונעם וואַרשײַנלעכן. און דערפֿאַר קען מען אים ניט אָננעמען פֿאַר אַן אומבאַדינגטן געשיכטע־געזעץ, צוליב דער היסטאָרישער פּראָוויזאונג. בפֿרט טויג ער ניט אויך פֿאַרן פּראָגנאָז וועגן אומטויש פֿון פּאָליטישע רעזשימען, ווי אַן אומפֿאַרמײַדלעכער ציקל.

אויב אָבער מען דאַרף ניט אָנערקענען, אַז עס עקסיסטירט אַ פּאַטאָליסטישער געזעץ פֿון ציקלישע ענדערונגען אין די פּאָליטישע אָרדענונגען (ובפֿרט פֿונעם אויפֿשטײַג און ירידה פֿון די דעמאָקראַטיעס), וואָס דאָס זאָל דערמעגלעכן דאָס אומבאַדינגטע און באַגלויביקע פּאָראויסזען די סוקסעסיווע רעגירונגס־פֿאָרמען, — אַנטהאַלטן אָבער יאָ אין זיך די היסטאָרישע לעקציעס — ווי מיר האָבן געזען — אַזעלכע אָנווײַזונגען, וועלכע דערלויבן פֿעסטצושטעלן פֿאַראַנענע אַנאַלאָגיעס צווישן אייניקע הײַנטיקע סיטואַציעס און לאַגעס, וועלכע די געשיכטע האָט שוין געקענט אין די פֿריערדיקע עפּאָכעס. אין אַזעלכע פֿאַלן איז פֿאַראַן אַ באַזע פֿאַר מער־ווייניקער וואַרשײַנלעכע פּאָראויסזעאונגען, דער עיקר פֿאַר באַדינגלעכע. אָט אַזאַ איז, למשל, די אַנאַלאָגיע צווישן דעם גורל פֿון דער הײַנטיקער דעמאָקראַטיע — אין דער תּקופֿה פֿאַר דער הײַנטיקער קאַטאַסטראָפֿע — און פֿון אייניקע דעמאָקראַטיעס אין דער פֿאַרגאַנגענער צײַט (אַנטיקע און מיטלאַלטערלעך־איטאַליענישע). די לעקציע גופֿא, וואָס באַקומט זיך פֿון אייניקע ציקלישע איבערחזרונגען אין דער געשיכטע, — אויב מען האָט נאָר באַגריפֿן די דאָזיקע לעקציע און מען האַלט זיך בײַ אירע אָנווײַזונגען — נעמט אָן דעם כאַראַקטער פֿון אַן אָנווײַזונג אָדער פֿון אַ התראה און זי ווערט אַ פֿאַקטאָר פֿון אַקטיווער אַרײַנמישונג; דאָס לעצטע פֿירט צו דעם, די דאָזיקע לעקציע זאָל אוטיליזירט ווערן אָדער אין אַ ריכטונג, וואָס איז גינסטיק פֿאַר דער איבערחזרונג פֿון אַ געוויסן רינג אין געגעבענעם ציקל אָדער גאָר אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. צוריק גערעדט, ווען עס פֿעלט די היסטאָרישע פֿאַרשטענדעניש, קען דער היסטאָרישער פּראָצעס פֿאָרקומען סטיכיש אין סדר פֿון זאָאָלאָגישע איבערחזרונגען.

דער מעטאָד פֿון היסטאָרישער פּאָראויסזעאונג, באַגרינדעט אויף דער פֿאָרשונג פֿון די איבערחזרונגען פֿון באַשטימטע פֿאַרהעלטענישן, קען אָנגעווענדט ווערן בײַ פּראָגנאָזן, וואָס באַזירן זיך אויף דער פֿאָרמול פֿון דער מענטשהייטס עוואָלוציע, וועלכע גייט שטענדיק אויף אַ ניט־צוריק־אופֿן (און ניט ציקליש־פּעריאָדיש). אָט אַזאַ איז, למשל, די טעאָ־

ריע פון אימאַנענטן פּראָגרעס אין דער מענטשהייטס געשיכטע — צי אין איר געוויינלעכער פאָרעם, צי אין דער פאָרעם פון דיאַלעקטישן פּראָגרעס. ענלעכע פּראָגנאָזן קען מען אָננעמען נאָר בתור קאָנדיציאָנעלע פּראָגנאָזן, וואָס זייער רעאַלער ווערט הענגט אָפּ פונעם מענטשנס אַריינמישונג. ווי עס דרינגט פון דעם אַלעם, וואָס איז דאָ געזאָגט ביז אַהער, קען מען אוודאי ניט האַלטן דעם פּראָגרעס פאַר אַן אימאַנענטן געזעץ פון דער מענטשישער געשיכטע, און די געשעענישן פון אונזער תקופה זאָגן גאַנץ גוט עדות קעגן דעם, מען זאָל אָננעמען די אָפּטימיסטישע קאָנצעפּציע פון פּראָגרעס.

ענדלעך, דער דריטער מעטאָד פון היסטאָרישער פּאָראויסזעאונג שפּרייט זיך אויס אויף פאַקטן און פּראָצעסן, וואָס האָבן אַ שייכות צו געשעענישן, וואָס זייער אָנפאַנג איז באַקאַנט, און דאָס גיט אַ מעגלעכקייט פּאָראויסצוזען דאָס אָנקומען פון די שפּעטערדיקע געשעענישן אין דער מער־ווייניקער נאָענטער צוקונפט; דאָס איז אַ פּראָגנאָז — אַ פּועל־יוצא פון אַ דיאַגנאָז. אַזאַ מין פּראָגנאָז, פון זיין זייט, מוז טראָגן אַ קאָנדיציאָנעלן כאַראַקטער, אָדער ער דאַרף זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט פון דער אַריינמישונג פון דער מענטשלעכער אַקציע, וויבאַלד זיין אָנווענדונג וויל זיין גאַראַנטירט מצד דערווידערונגען פון דער לעבעדיקער געשיכטע, מצד אויסערגעוויינלעכע סיורפּריזן און שוידערלעכע אַנטוישונגען. וויפל מאָל, למשל, האָבן די טעאָרעטיקער פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע אין פאַרשידענע לענדער פון איירעפּע — אין דייטשלאַנד, אין די לאַטייניש לענדער, אין רוסלאַנד — פּאָראויסגעזאָגט, אַז נעמענדיק אין אַכט די שרעקלעכע עקאָנאָמישע לאַגע און די אַנטשפּרעכנדיקע פּסיכאָלאָגיע פונעם פּראָלעטאַריאַט צי פּויערטום צי בכלל באַפעלקערונג, מוז די רעוואָלוציע אויסברעכן אָט באַלד, אין עטלעכע יאָר אַרום צי גאָר אין עטלעכע חדשים אַרום! און דאָס לעבן האָט ס׳רוב מיטן קאָפּ אַראָפּ איבערגעקערט די מיסטישע הבטחות פון די אידעאָלאָגן און קעמפּערס...

פונעם געזאָגטן דרינגט קלאָר אַרויס, ווי געפערלעך עס איז דאָס קוואַזי־רעליגיעזע אויפנעמען פון די אומבאַדינגלעכע היסטאָרישע פּראָגנאָזן, וועלכע אוטיליזירן די לעקציעס פון דער געשיכטע, רוקן אַרויס די ראָלע פון אַנאַלאָגיעס, און זיי ציען אַרויס ניצלעכע אָנווייזונגען פונעם שטודירן די פּראָצעסן אין פאַרשידענע פאַזעס פון זייער אַנטוויקלונג, און אין דער זעלבער צייט וואַרפן זיי ניט אונטער די געשעענישן אונטער דער ממשלה פון עפּעס אַ פאַטאַליסטישקייט. זיי קוקן זיך איין אין דער היסטאָרישער צוקונפט שטענדיק מיט דער הילף פון אַ געוויסן „אויב״. און איינע פון די באַדינגונגען פאַר די מעגלעכע געשעענישן איז — דאָס אַריינמישן זיך פון די באַוואוסטזיניקע כוחות אינעם גאַנג פון דער

געשיכטע (באַוואוסטזיניקע — אויך בנוגע די היסטאָרישע לעקציעס). און אַט דעמאָלט וועט דאָס היסטאָרישע פּאָראויסזען אַליין אַ ווירקנדיקער היסטאָרישער פאַקטאָר.

פּונקט דער היפּוך באַקומט זיך, ווען די געשיכטע נעמט אָן דעם זאָאָלאָגישן אַספּעקט.

### 3

פונעם געזאָגטן ווערט קלאָר, פאַרוואָס אינעם סך־הכּל פונעם איג־נאָרירן די לאָגיק פון וואָרשיינלעכן, איז געמאַכט געוואָרן אַזוי פיל ניט־מקוים־געוואָרענע פּאָראויסזאָגונגען, און פון דער אַנדערער זייט האָבן אַפילו די עליטעס ניט פּאָראויסגעזען געשעענישן, וועלכע מען האָט לייכט געקענט פּאָראויסזען, לכּל־הפּחות ווי וואָרשיינלעכע.

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אין מאָמענטן פון עקאָנאָמישע קרי־זיסן, וואָס האָבן געבושעוועט אין ענגלאַנד, האָבן אַזעלכע מלוכה־מענער ווי וויליאַם פּיטט, וועלינגטאָן, ד'איזראַעלי, נביאות געזאָגט, אַז זייער לאַנד קייקלט זיך מיטן וועג פון אונטערגאַנג, און אַז קיין רעטונג איז ניט מעג־לעך. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט און ענגלאַנד איז אַריין אינעם בליענדסטן פּעריאָד פון איר אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג.

אַפילו אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט און טעכניק איז געווען ניט ווייניק פאַלן פון צו דרייסטע פּאָראויסזאָגונגען — בעיקר פון נעגאַ־טיוון כאַראַקטער, — וואָס זיינען שפּעטער אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך דער רעאַלער געשיכטע. דער באַרימטער כעמיקער בערצעליוס האָט פּאָראויס־געזאָגט, אַרום 1820, אַז די וויסנשאַפט וועט קיינמאָל ניט דערגרייכן די מעגלעכקייט אויסצופאַרטיקן סינטעטיש אָרגאַנישע שטאָפן. מיט פער־ציק יאָר שפּעטער האָבן די דערפינדונגען פון מ. בערטלאָ געעפנט די ערע פון אָרגאַנישן סינטעז. היינט צו טאָג ווערן שוין פאַבריצירט הונ־דערטער טויזנטער אָרגאַנישע פאַרבינדונגען. אָגיוסט קאָנט האָט באַ־הויפּטעט, אַז מיר וועלן קיינמאָל ניט וויסן דעם אינעווייניקסטן צוזאַמענ־שטעל פון די שטערן; מיט אַ פּאָר יאָרצענדליק שפּעטער האָבן די אַנט־פּלעקונגען פון קירכהאָפן און בונזען געבראַכט צום שאַפן דעם ספּעק־טראַלן אַנאַליז; היינט צו טאָג עקסיסטירט אַ ברייטע דיסציפּלין פון אַסטראָ־פיזיק, וועלכע פאָרשט די אינעווייניקסטע נאַטור פון די שטערן. טיער (און אַפנים אַפילו אַראַגאָ) האָט פּאָראויסגעזאָגט, אַז עס וועט קיינמאָל ניט מעגלעך זיין צו באַנוצן זיך מיט די באַן־ליניעס אויף אַ קאָמערציעלן אופן צום איבערפירן מענטשן און סחורות; נאָך ביי זייער לעבן האָבן זיי געקענט

קאָנסטאַטירן די קאָלאָסאַלע איבערקערעניש, וואָס דער אייזנבאַן־טראַנס־פּאָרט האָט אַריינגעבראַכט אין דער אינדוסטריע און אין דער ציוויליזאַציע פון דער מענטשהייט. די סאַמע קאָמפּעטענסטע מענטשן האָבן געטענהט, אַז די וויסנשאַפטלעכע טעכניק וועט קיינמאָל ניט זיין ביכולת צו קאָנסטרו־אירן פלי־מאַשינען לויטן פּרינציפּ פון „שווערער פון דער לופט". די מאָ־דערנע אַוויאַציע האָט אויף אַ פאַרניכטנדיקן אופן מבטל געמאַכט דעם סאָרט האַפּערדיקן פּראָגנאָז.

מאַרקס און ענגעלס האָבן ניט איין מאָל געמאַכט קאָנקרעטע פאָראויס־זאָגונגען (ובפרט נביאות געזאָגט וועגן רעוואָלוציעס), וועלכע זיינען קיין מאָל ניט מקוים געוואָרן. איינער פון מאַרקס' קריטיקער, געאָרג אַדלער, האָט אין זיין בוך צונויפגענומען אַ קאָלעקציע ביישפּילן פון מאַרקס' פּראָגנאָזן, וועלכע זיינען אין דער ווירקלעכקייט ניט מקוים געוואָרן. ענ־געלס, וועלכער האָט אין 1845 פאָראויסגעזאָגט דאָס אומפאַרמיידלעכע קו־מען פון אַ געוואַלט־רעוואָלוציע אין ענגלאַנד, איז געווען געצוואונגען אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון זיין בוך, אין וועלכן ער האָט געגעבן זיין פּראָגנאָז, דערקלערן גענוי, פאַרוואָס די רעוואָלוציאָנערע אויפטרייס־לונג איז ניט געקומען...

אַזעלכע מינים פאָראויסזעאונגען רעכענען זיך ניט אין דער געהע־ריקער מאָס ניט מיט די לעקציעס פון געשיכטע, ניט מיט די היסטאָרישע מעגלעכקייטן, ניט מיט דער לאָגיק פונעם וואָרשיינלעכן.

איינער פון די צענטראַלע פּונקטן אין דער דאָקטרין פון מאַרקסיזם — דאָס איז דער באַקאַנטער פּראָגנאָז, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וועט צוזאַמענברעכן און אויף אירע חורבות וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ סאָ־ציאַליסטישע אָרדענונג. עס הייסט, אַז דער דאָזיקער פּראָגנאָז איז אַ „געזעץ פון דער געשיכטע", וועלכער ווערט רעאַליזירט מיט נויטווענדי־קייט און אומפאַרמיידלעכקייט.

דער דאָזיקער פּראָגנאָז באַזירט זיך אויף אַ צאָל טעזיסן, הנחות און סילאָגיזמען, וואָס אין דער דמיונדיקער קייט פון כסדרדיקער עוואָלוציע בילדן זיי רינגען, וואָס יעדער פון זיי איז קאָנדיציאָנעל און פּראָבלעמאַטיש, און זייער קאָמפּלעקס שטעלט פאָר אַ פּיראַמידע פון וואָרשיינלעכקייטן, וועלכע גייען אַלץ באַרג־אַרויף, וואָס ווייטער אין דער צוקונפט. אַזעלכע זיינען די אַלץ־וואַקסנדיקע קאָנצענטראַציע פון אייגנטום און קאַפּיטאַל, די פּראָלעטאַריזאַציע פון די מאַסן, די פאַראָרעמונג פון די אַרבעטער, די דערציאונג און דיסציפּלינירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער שול פון קאַפּיטאַליזם, די צענטראַליזירונג פון דער עקאָנאָמישער מאַכט אין די הענט פון אַ הייפל מאַגנאַטן, דער וואוקס פון דער עקספּלואַטאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער וואוקס פונעם רעוואָלט־גייסט אין אים, ענדלעך די

„עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרס" און דאָס אויספירן דורכן פּראָלעטאַריאַט זיין „היסטאָרישע מיסיע". די עקאָנאָמישע פאָר־הנחות לאָזן זיך אַליין אָפּפרעגן בנוגע די אויספירן, און זיי טראָגן אין זיך אַנדערע מעגלעכע רעזולטאַטן; דאָך ווערן זיי געטריבן צו אַן אַפּאָקאַליפּטישן סוף פּסוק, עס ווערן איגנאָרירט די פאַקטאָרן פון ניט־עקאָנאָמישער נאַטור, עס ווערן איגנאָרירט די פּאָליטישע פאַקטאָרן, די ראָלע פון די מינדער־הייטן, די ראָלע פון כוח און געוואַלט, עס ווערט אידעאַליזירט דער פּראָ־לעטאַריאַט, עס ווערט אידעאַליזירט דער היסטאָרישער גאַנג פון די זאַכן. אַזוי למשל, איז גאָר ניט געווען קיין פּלאַץ אינעם געגעבענעם פּראָגנאָז פאַר דער מעגלעכער הערשאַפט פון פאַשיזם, נאַציזם, פון טיפּן „טאָטאַלי־טאַריזם" אין אַ וועלט פון אָפּגעשוואַכטע, דעזאָרגאַניזירטע אָדער דעמאָראַ־ליזירטע מאַסן און געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען, — אַפילו אין פאָרעם פון אַ געפערלעכער פּערספּעקטיוו האָט עס דאָ ניט געקענט געפינען קיין פּלאַץ. באַאַרבעטן אַזאַ מין קאָמפּלעקס פון פאָר־הנחות אויף צו פאָרמולירן דעם אומבאַדינגלעכן היסטאָרישן פּראָגנאָז — דאָס איז אין ווידערשפּרוך צו די גרונט־פּרינציפּן פון דער לאָגיק פונעם וואָרשיינלעכן. דאָס איז יע־נער סאָרט פּאָראויסזען פון אַ קאָמפּליצירטער געשעעניש, וועלכער באַ־לאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פּראָגנאָזן, וואָס קעגן זייער ערנסטקייט האָט פּראָטעסטירט, צווישן אַנדערע, לאַפּלאַס, אַרויסגייענדיק אַפילו פון די קאָנצעפּציעס וועגן דער מאַטעמאַטישער טעאָריע פון וואָרשיינלעכקייטן.

אַזאַ מין פּראָגנאָז איז אַפילו אימשטאַנד געווען, — ווייל ער האָט אויף אַ פאָרבלענדערישן אופן געווירקט אויף דער אידעאָלאָגיע פון זיינע אַדעפּטן, — צו העלפן, ער זאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן, ער זאָל טאָר־מאָזירט ווערן. פון דער אַנדערער זייט, מיט די פּאָראויסזאָגונגען רעכע־נען זיך דאָך ניט נאָר יענע, וואָס מאַכן פון זיי אַ לאָזונג צום קאַמף פאַר אַ באַשטימטן פּראָגראַם, נאָר אויך די קעגנער, וואָס קעמפן קעגן אים.

ענדלעך, באַלערנדיק זיינען ניט נאָר די ניט־פאַרווירקלעכטע פאָר־אויסזעאונגען, נאָר אויך די אומגליקלעכע ניט־פּאָראויסזעאונגען. אַזוי, די מעגלעכקייט פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר לעבן איצט איבער, האָט מען געקענט לייכט פּאָראויסזען באַצייטנס, אַפילו לויט אַלע דריי ליניעס פון היסטאָרישן פּראָגנאָז. ביים ליכט פון היסטאָרישער פאַרשטענדעניש האָט מען, צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך איר, געקענט לייכט פּאָראויסזען די מעגלעכקייט פון קאַטאַסטראָפעס, די געפערלעכקייט פון דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין די באַדינגונגען פון דער זאָאָלאָ־גישער עוואָלוציע פון די קולטור־פעלקער. וואָלט מען די מעגלעכע פּערספּעקטיוון און די מעגלעכע געפאַרן צו דער צייט באַגריפן, אין אָרדע־נונג פונעם באַדינגלעכן פּראָגנאָז, און וואָלט מען אָפּגעהיט די כללים פון

אַ געהעריקער אַקציע, — דעמאָלט וואָלט — אויף וויפל דאָס אַריינמישן זיך פון די עליטעס איז ביכולת צו ריכטן דעם גאַנג פון די היסטאָרישע געשעענישן — די היינטיקע קאַטאַסטראָפע געקענט אויסגעמיטן ווערן. אָנשטאָט דעם, האָט מען עפעס אַזוי ווי אַלץ געטאָן — בפרט אין די לעצטע יאָרן — כדי די קאַטאַסטראָפע זאָל ניט אַנדערש ווי טאַקע קומען.

צי וועט דאָס, וואָס איז געשען, זיין אַ ווירקזאַמע „לעקציע פון דער געשיכטע" פאַר דער נאָענטער צייט און פאַר דער להבאדיקער תקופה?

# קאפיטל זעכצן

## די אידעע פון צילמאסיקייט אין דער נאטור און אין דער געשיכטע

### 1

דער מענטש און די באוואוסטזיניקע וועזנס שטעלן זיך אין זייער באוואוסטזיניקער טעטיקייט צילן, וועלכע זיי שטרעבן צו פארווירקלעכן מיט געהעריקע מיטלען ביי דער אקציע. דער סכום אקציעס, וואס נע־מען ארום אי דעם ציל אי דעם פראגראם פון דער טעטיקייט אויף אויס־צופירן דעם ציל, — דאס איז דער פלאן. יעדער פלאן איז גערוכטעט אויף צו שאפן ווערטן, — דער מחבר פונעם פלאן באטראכט זיי טאקע פאר ווערטן: אינדוסטריעלע, אוטיליטארע, מאראלישע אדער עסטעטישע.

לויט דער עקסיסטענץ פונעם פלאן דרינגט מען וועגן דער עקסיס־טענץ פון זיין אויספירער. אזוי, א הויז, א נעסט, א בינשטאק רופן ארויס די אידעע וועגן דער עקסיסטענץ פון א בויער, א פויגל, בינען. אנאלא־גישע אויספירן קען מען מאכן ביים קאנסטאטירן יעטוועדע שיינבארע צילמאסיקייט.

צי ווייס די נאטור פון אנדערע צילמאסיקייט־פארמען, אחוץ יענע, וואס ווערן געשאפן דורכן מענטשן און אנדערע באקאנטע באוואוסטזיניקע וועזנס? די טעלעאלאגישע מיינונג אנערקענט עס יא. דער ראציאנא־ליסטישער געדאנק זעט אין אזא מין צילמאסיקייט נאר א שיינבארקייט, וועלכע לאזט זיך דערקלערן מיט דער נאטירלעכער קויזאליטעט און וועל־כע אנטשטייט ווי א פועל־יוצא פון דער נארמאלער ווירקונג פון די נאטור־געזעצן. נאר אפשר פאסט זיך אריין די ווירקונג פון די נאטור־כוחות און נאטור־געזעצן — אין די ראמען פון א העכערער צילמאסיקייט אדער פי־נאליזם?

די צילמאסיקייט, וואס מיר זעען אין דער נאטור, קען געפינען איר דערקלערונג אדער אין דער ווירקונג פון א צופאל, אדער אין רעזולטאט פון דער ווירקונג פון א בלינדער סיבה־שייכות, אדער אין דער קאאפעראציע פון צופאל און סיבהדיקייט. דער פינאליזם קען פארטיידיקן זיין שטאנד־פונקט, זוכנדיק שוואכע פונקטן אין דער ארגומענטאציע פונעם ראציא־נאליסטישן בליק, און ער קען איינהאלטן פעסטע לאגישע פאזיציעס.

אָבער, וואָס ס'איז יאָ וויכטיק, די טעלעאָלאָגיע קען זיך האַלטן נאָר ביים באַדינג, זי זאָל אָננעמען און איינהאַלטן דעם אַנטראָפּאָצענטרישן אַספּעקט („אַלץ אין דער נאַטור איז פאַרן און צוליבן מענטשן"), און דעם אַנטראָ־פּאָמאָרפישן („אַלץ אין דער נאַטור ווערט אויסגעטייטשט פון סוביעקטיוו־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט און אין הסכם מיטן מענטשנס אָפּשאַצונג פון זאַכן"). די טעלעאָלאָגיע איז גאָר אָפט אַנטראָפּאָצענטריש, וואָרעם דער פינאַליסטישער קוק ווייזט אַרויס אַ טענדענץ צו שטעלן דעם מענטשן אין צענטער פון די זאָרג פון אַ מיסטישן וועזן אָדער מיסטישע וועזנס, וועל־כע פירן אָן מיטן גורל פון דער וועלט לויט אַ פריער־איינגעשטעלטן פּלאַן. זי איז שטענדיק אַנטראָפּאָמאָרפיש, ווייל זי מוז זיך פאָרשטעלן דעם דאָ־זיקן אָרגאַניזאַטאָר צי די דאָזיקע אָרגאַניזאַטאָרן, ווי וועזנס, וואָס זיינען — אויב ניט אין כמות, איז לפּחות אין איכות — געראָטן אינעם מענטשן מיט אַ פּסיכאָלאָגיע און מיט כוונות קוואַזי־מענטשישע, מיט די מעלות און חסרונות פון אַ מענטשן, מיט זיין שמאָלן פאַרשטאַנד, באַגרענעצטע כוחות און עלעמענטאַרע מיטלען. אַזאַ מין וועזן וואָלט, פון זיין זייט, אַרויסגעוויזן אַ געוויסע צילמאָסיקייט, וואָס — אויב מען זאָל אָנגיין מיט דער זעלבער לאָגיק — וואָלט מען איר קוואַל געדאַרפט זוכן אין אַ וועזן פון אַ נאָך העכערן ראַנג. דעמאָלט וואָלט די קייט פון צילמאָסיקייט, פונקט אַזוי ווי די קייט פון די סיבה־שייכותן, אַוועק ביז אָן אַ סוף; עס וואָלט אוממעגלעך געווען זיך אָפּצושטעלן אויף עפּעס איינער אַ רינג, אַז דאָס איז דער סוף־גרענעץ פון דער ריי.

לאָגיש און כראָנאָלאָגיש, געפינט די פינאַליסטישע קאָנצעפּציע איר אָנווענדונג ראשית־כל ביים דערקלערן די נאַטור, יענע „אָרדענונג" און יענע „האַרמאָניע", וואָס הערשן אין איר, בפּרט אינעם לעבן און אין די לעבנס־דערשיינונגען. עס באַווייזן זיך דאָ די גאָטהייט פונעם אוראַלטן מענטשן אָדער פון די דעליקאַטע טעאָלאָגן, די אידעע פון די מעטאַפיזי־קער, דער „אַלגעמיינער גייסט", די „נאַטור", דער „ווילן" פון שאָפּענ־האַוערן אאַ"וו. דאָ ווערט אָפט דער מענטש פּראָקלאַמירט פאַרן ענד־ציל, ווי דער ציל פון אַלע צילן, ווי דער צענטער פון די באַשטרעבונגען, ווי די ערנסטע זאָרג פונעם העכסטן פּרינציפּ, וואָס הערשט איבער דער וועלט.

אָנגעווענדט צו דער געשיכטע אין דער נאַטור, זוכט די פינאַליס־טישע קאָנצעפּציע אירע אָנשפּאַר־פּונקטן אין די פאַקטן פון דער קאָסמאָ־גאָניע, געאָלאָגיע און עוואָלוציאָנערער ביאָלאָגיע. מיט אָט די וויסנ־שאַפטלעכע דיסציפּלינעס זוכט מען בפּרט צו דערווייזן, אַז אין דער נאַטור האָט זיך איינגעשטעלט בהדרגה אַ רעזשים פון גלייכגעוויכט, אַ טעלעאָלאָ־גישע אָרדענונג פון בהדרגהדיקייט, עס האָבן זיך געשאַפן באַדינגונגען אַלץ

מער גינסטיקע פֿאַרן דערשיינען פֿון אַ לעבן אויף דעם ערדקויל און פֿאַר דער פּראָגרעסיווער שטייגערונג פֿון לעבן אויף אַלע העכערע מדרגות, ביז עס באַווייזט זיך דער מענטש, די קרוין פֿונעם קאָסמישן באַשאַף. די פֿינאַליסטישע קאָנצעפּציע זעט אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט, לפּחות אין דער געשיכטע פֿון דער זון־סיסטעם און פֿון דער ערד, די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַ סיסטעם, וואָס איר ענדציל באַשטייט אינעם באַוויזן זיך פֿונעם מענטשן, אין זיין שטייגן און אין דער מענטשהייטס דערגרייכן אַ געוויסע מיסיע.

די פֿינאַליסטישע קאָנצעפּציע באַווייזט זיך פֿריער פֿאַר אַלץ אין די רעליגיעזע גלויבונגען. יעדע רעליגיע אַנטהאַלט אין זיך אַ רודימענטאַרע פֿילאָזאָפֿיע, וואָס איז באַצייכנט מיט אַנטראָפּאָצענטריזם און אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם. שפּעטער דרינגט אַריין די טעלעאָלאָגיע אין די פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינען, וועלכע זיינען שוין אָפֿט דורכגעדרונגען מיט טעאָלאָגישע טראַדיציעס, מיט זייערע אַנטראָפּאָמאָרפֿישע און אַנטראָפּאָצענטרישע איבערבלייבעכצן. אַ גאָר ברייטן פֿאַרמעסט נעמט זי אָן אין דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער מענטשהייטס געשיכטע.

ראשית־כל האָט מען דערזען אַ צילמאָסיקייט אין דער סטרוקטור פֿון אונזער זון־סיסטעם, אַ צילמאָסיקייט, וואָס גיט איר צו שטאַנדהאַפֿטיקייט, ניט געקוקט אויף די מעגלעכע פּערטורבאַציעס. עס גילט אַ צאָל קאָסמאָגאָנישע טעאָריעס (למשל, די טעאָריע פֿון לאַפּלאַסן), וואָס — אַרויסגייענדיק פֿון מעכאַנישע פּרינציפּן — דערקלערן זיי גאַנץ באַפֿרידיקנדיק דעם מעכאַניזם פֿון אַזאַ מין אויסבילדונג פֿון אונזער זון־סיסטעם, אָן שום אָנטייל פֿון עפּעס אַ פּראָווידענציאַליסטישן פּלאַן. פֿון דער אַנדערער זייט, די שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון דער זון־סיסטעם פֿאַרמאָגט גאָרניט קיין אַבסאָלוטן און אומבאַדינגלעכן כאַראַקטער. די זון־סיסטעם האָט געהאַט איר אייגענע געשיכטע; זי האָט געהאַט איר אָנהייב, זי וועט האָבן איר סוף. די שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון דער זון־סיסטעם — איז בלויז אַ צייטווייליקע.

אַ צווייטן אַרגומענט לטובת דער קאָסמאָגאָנישער צוועקמאָסיקייט האָט מען איינגעזען אין די פּרטים וועגן דער לאַגע פֿון דער ערד אין דער זון־סיסטעם און איר באַוועגונג. אויף אונזער פּלאַנעטע האָבן זיך פֿאַראייניקט פֿאַרשידענע פֿאַקטאָרן, וואָס זיינען גינסטיק פֿאַרן אויפֿקום און פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אַ לעבן: די עקסיסטענץ פֿון קוילנשטאָף־פֿאַרבינדונגען, אַ געהעריקע צאָל וואַרעמקייט און ליכט, די בנמצאדיקייט פֿון וואַסער און אַטמאָספֿערע, די צופֿרידנשטעלנדיקע פּראָפּאָרץ צווישן דער מאַסע און געדיכטקייט פֿון דער פּלאַנעטע פֿון איין זייט און דער סטרוקטור פֿון די לעבעדיקע אָרגאַניזמען פֿון דער אַנדערער זייט. איז

עס די זאַך פון דער השגחה? אין דערווירקלעכקייט איז דאָ דער פינאַ־ליזם נאָר אַ שיינבאַרער: די ערד, פונקט ווי די אַנדערע פּלאַנעטעס, האָט זיך געהאַט איר געשיכטע; די באַדינגונגען פון איר אויסבילדונג זיינען געווען אַזעלכע, אַז עס האָבן זיך געשאַפן גינסטיקע תנאים פאַרן אויפקום און אויפבלי פון אַ לעבן. דאָס לעבן האָט געקענט אויפקומען און אויפ־בליִען אויף דער ערד נאָר דערפאַר, ווייל די באַדינגונגען זיינען דאָ געווען גינסטיק. אַנדערש וואָלט עס ניט אויפגעקומען אויף דער ערד, פונקט ווי עס האָט ניט עקסיסטירט און עקסיסטירט ניט אויף דער לבנה. פאַראַן פּלאַנעטעס, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען און וועלן ניט זיין באַוואוינט; פאַראַן אַנדערע פּלאַנעטעס, וואָס זיינען אַמאָל־אַמאָל געווען באַוואוינט, און שפּעטער, ווען די באַדינגונגען זיינען געוואָרן אומגינסטיק, זיינען זיי געוואָרן אומבאַוואוינט; פאַראַן ווידער אַנדערע פּלאַנעטעס, וועלכע זיינען היינט אומבאַוואוינט, זיי וועלן אָבער אויף להבא אפשר ווערן באַוואוינלעך. וועגן וויפל „סופן פון דער וועלט" זאָגט מען עס נביאות פאַר אונזער ערד: די אויסטריקענונג פון דער פּלאַנעטע, דאָס וואַסער וועט אַוועקקומען, די ערד וועט זיך אָפּקילן, דער באַשטאַנד פון דער אַטמאָספערע וועט זיך ענ־דערן ,אאַ"וו.

דער פינאַליזם זעט אין דער נאַטור אָרדענונג, האַרמאָניע, סימעט־ריע, עסטעטישע פשטות, פּראָגרעס אין דער עוואָלוציע, — און דאָס אַלץ ווערט אויסגעטייטשט טעלעאָלאָגיש. מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז די כלומרשטע איינפאַכקייט פון די נאַטור־געזעצן ווערט דערגרייכט נאָר ווי אַ פּועל־יוצא פון אומגעפער־שאַצונגען, אין דער אמתן אָבער איז די נאַטור ביז גאָר קאָמפּליצירט. ווי זשע זאָל מען אָבער דערקלערן ראַ־ציאָנאַליסטיש די אָרדענונג, סימעטריע, האַרמאָניע אין דער נאַטור?

זינט דער צייט פון עמפּעדאָקל, האָט מען אין דער וויסנשאַפט און אין דער וויסנשאַפטלעכער פילאָזאָפיע אָנגעווענדט אַ גאָר וויכטיקן פּרינציפּ, וועלכער מאַכט אָפּהענגיק די אַנטשטייאונג פון די דאָזי־קע פאָרמען און סטרוקטורן — פון דער ווירקונג פון די נאַטור־כוחות: לויטן דאָזיקן פּרינציפּ ליגט די סיבה פון דער אָרדענונג, האַרמאָ־ניע און סימעטריע אין דער נאַטור — אין דער שטאַנדהאַפטיקייט פון די קאָמבינאַציעס, וועלכע פאַרמאָגן אָט די אייגנשאַפטן. אַלע מעגלעכע פאַר־מען פאַרווירקלעכן זיך אין דער „אומענדלעכער" וועלט במשך פון אַן „אומענדלעכער" צייט; אָבער בשעת די דיסהאַרמאָנישע און, בכן, ניט־שטאַנדהאַפטיקע פאָרמען ווערן צעשטערט, מחמת זיי זיינען ניט־לעבנס־פעאיק, — זיינען די קאָמבינאַציעס, וואָס זיינען געאָרדנט, האַרמאָניש, סימעטריש — זיי האַלטן זיך אויף אַדאַנק זייער שטאַנדהאַפטיקייט. אינעם דאָזיקן „קאַמף פאַרן קיום" צווישן די זאַכן ווערט די „פולקאָמענקייט"

געמאָסטן מיטן גראַד פון שטאַנדהאַפטיקייט. די האַרמאָנישע זאַכן און וועזנס זיינען, הייסט עס, ניט באַשאַפן געוואָרן אַט אַזוי ווי זיי זיינען; זייער האַרמאָניע דערקלערט זיך פשוט מיט דעם פאַקט, וואָס צווישן אַלע קאָמבינאַציעס, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן — האַרמאָנישע און ניט־האַרמאָנישע — האָבן זיך געקענט אויפהאַלטן און דויערנדיק עקסיסטירן נאָר די האַרמאָנישע קאָמבינאַציעס, די איינציק שטאַנדהאַפטיקע און צו־געפּאַסטע צום עקסיסטירן. דאָס וואָס דער דאַרוויניזם האָט אָנגעווענדט זיין טעאָריע פון נאַטירלעכן אָפּקלייב און קאַמף פאַרן קיום — צום דער־קלערן די עוואָלוציע פון דער וועלט פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען, — איז געווען נאָר אַ פּרט ביים אָנווענדן אַ מער אַלגעמיינעם פּרינציפּ, וועלכער שפּרייט זיך אויס אויף דער גאַנצער נאַטור. ווי אַ פּרינציפּ פון שטאַנד־האַפטיקייט, קען מען דעם דאָזיקן פּרינציפּ אָנווענדן אויף צו דערקלערן דעם כאַראַקטער פון דער האַרמאָניע צי פון דער פּראָגרעסיווער עוואָלו־ציע בנוגע קריסטאַלן, פיזיקע הייטלעך, כעמישע פאַרבינדונגען, לויכטנ־דיקע קערפּערס, לעבעדיקע אָרגאַניזמען. די געשיכטע אין דער נאַטור איז פול מיט ביישפּילן פון שטאַנדהאַפטיקע קאָמבינאַציעס, וואָס שטעלן זיך פאָר אין אַ האַרמאָנישער פאָרעם.

צוריק גערעדט, כאַראַקטעריזירט אַ געוויסע דיסימעטריע יענע שטאָפן, וואָס קומען אַריין אין די קערפּערס פון די לעבעדיקע אָרגאַניז־מען (פּאַסטער, פּיער קיורי). דער שעפערישער אַנטוויקלונגס־פּרינציפּ באַשטייט אין פאַרשידנאַרטיקייט, דיפערענציאַציע, דיסימעטריע. ווי אַ פּועל־יוצא פון דער ווירקונג פון צופאַל, ווי אַ שפּיל פון צופאַל, קענען אָרדענונג און סימעטריע אַנטשטיין פון אומאָרדענונג און כאַאָס, אָבער כלל ניט פאַרקערט.

דער מעכאַניזם פון לעבן פאַרבלייבט נאָך ביז היינט אַ וועזנטלעכער סוד, די וויסנשאַפט אָבער שטרעבט אים אויפצוקלערן. ווי אַזוי איז אויפגעקומען דאָס לעבן אויף דער ערד? במשך פון לאַנגע עפּאָכעס פון דער קאָסמישער און געאָלאָגישער געשיכטע פון דער ערד האָט ניט עקסיס־טירט קיין לעבן און עס האָט ניט געקענט עקסיסטירן אויף אונזער פּלאַ־נעטע. איז דאָס לעבן אַנטשטאַנען אויפן וועג פון זעלבסט־געבוירן, אונ־טער דער ווירקונג פון פאַקטאָרן, וואָס היינט ווירקן זיי שוין אפשר ניט אָדער זיי זיינען אָפּגעשוואַכט? און אפשר זיינען די לעבנס־קערנער אַרי־בערגעטראָגן געוואָרן אויף אונזער פּלאַנעטע פון אַנדערע הימלס־קערפּער? און אפשר האָט זיך דאָס לעבן געשאַפן פונעם צושטאַנד פון „ביזן־לעבן", וואָס ליגט צווישן דער לעבעדיקער און „טויטער" מאַטעריע (אַ שטייגער אַזוי ווי די „מאָזאַאיק פון טאַבאַק", וועלכע קען — לויט ווי עס האָבן באַוויזן די ניט־לאַנגיקע אויספאָרשונגען — אָננעמען אַ קריסטאַלישע

פּאָרעם, ניט פֿאַרלירנדיק איר לעבנס־סובסטאַנץ)? די פֿראַגע בלייבט אָפֿן, פּונקט ווי עס פֿאַרבלייבן נאָך אָפֿן אייניקע וועזנטלעכע פֿראַגעס, וואָס באַציִען זיך צום מעכאַניזם פֿון צוועקמעסיקייט, אינעווייניק אין אָרגאַניזם.

מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט טרעט אַרויס דער פֿינאַליזם דאָרט, וואו עס האַנדלט זיך וועגן דעם „בראשית" און וועגן די „ערשטע" (אָדער די „לעצטע") סיבות. אין שייכות צו דער געשיכטע אין דער נאַטור, אַנערקענט ער די דירעקטע אַריינמישונג פֿון דעם „טראַנסצענדענטאַלן" וועזן אינעם נאַטירלעכן גאַנג פֿון די זאַכן, — אויסער און טראָץ דער „לעגאַלער" סיבה־שייכות, — אָדער נאָר די אורשפּרינגלעכע ווירקונג פֿונעם דאָזיקן וועזן, אין פֿאָרעם פֿון אַ געהעריקן ערשטן אימפּולס פֿאַר דער עוואָלוציע פֿון דער וועלט, אָדער אין פֿאָרעם פֿון איינגעשטעלטע געזעצן, וואָס פֿירן אָן מיט דער וועלט.

ניוטאָן האָט געפֿאָדערט די אַריינמישונג פֿון דער גאָטהייט, כדי אויסצובעסערן — פֿון צייט צו צייט — דעם מעכאַניזם פֿון דער זון־סיסטעם, וואָס ווערט קאַליע אונטער דער ווירקונג פֿון די פּערטורבאַציעס. אויף דעם זעלבן אופֿן זעען היינט אייניקע געלערנטע, טעאָלאָגן אָדער פּראָווידענציאַליסטן די נייטיקייט פֿון דער גאָטהייטס אַריינמישונג, כדי מחיה־מתים צו זיין די וועלט צום צושטאַנד פֿון אַ נייעם לעבן, — ווייל לויטן פּרינציפּ פֿון קאַרנאָ־קלאַוזיוס הייסט עס, אַז די דעגראַדאַציע פֿון איר ענערגיע מוז ברענגען די וועלט צום טויט־צושטאַנד. די גאָטהייט, הייסט עס, זאָל איינשטעלן צילמאָסיקייט אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט און צוריקשטעלן די דאָזיקע צילמאָסיקייט יעדעס מאָל, ווען זי ווערט געשטערט.

אָפּטער אָבער באַפּעסטיקט דער פֿינאַליזם די צוועקמאָסיקייט אויף אַ מער זיכערער באַזע: דאָס העכסטע וועזן שאַפֿט די גרונט־עלעמענטן פֿון דער וועלט, און ווי אַ געזעצגעבער — די כללים פֿון זייער איבעראַנדערשונג, די געזעצן פֿון די פֿיזיקאַלישע דערשיינונגען, און דאָס אַלץ אויף אַזאַ אופֿן, אַז די געשיכטע פֿון דער וועלט זאָל לויפֿן אין דער פֿאָראויסגעזעענער ריכטונג און אין הסכם מיטן פֿאָראויסגעשטעלטן פּלאַן, אַזוי אַז מען זאָל ניט דאַרפֿן שפּעטער אָנקומען צו אַ צוריקטריט פֿונעם מעכאַנישן דעטערמיניזם.

דער אַבסאָלוטער צי רעלאַטיווער אָנפֿאַנג פֿון דער דער היסטאָרישער סיבהדיקייט — דאָס איז די באַזע פֿאַרן „קאָסמאָלאָגישן באַווייז" וועגן דער עקסיסטענץ פֿון אַ גאָטהייט. די פֿראַגע וועגן די אָנפֿאַנגען האָט געמאַטערט די סאַמע גרעסטע זשעניען פֿון דער מענטשהייט, ווי למשל ניו־

טאָנען און שפּעטער דעם לאָרד קעלווין (וויליאַם טאָמסאָן), און זי האָט זיי געשטויסן אויפן וועג פון מיסטישן פינאַליזם.

אין דער וועלט עקסיסטירן אורשפּרינגלעכע עלעמענטן און געזעצן פאַר זייערע פאַרענדערונגען. מען דאַרף אויפקלערן ניט נאָר די ערשטע, נאָר אויך די לעצטע (צוזאַמען מיט די באַשטענדיקע גרייסן און „פּאַראַ־מעטרן"). די נאַטור־געזעצן ווערן אַרויסגעדרונגען פון די מער אַלגע־מיינע געזעצן פון דער נאַטור, אאַ"וו ביז אָן אַ סוף. און דער פינאַליזם קען באַנוצן דעם פאַקט, וואָס מעכאַניש איז אוממעגלעך אויפצוקלערן די געזעצן פון דער נאַטור (און פון די באַשטענדיקע גרייסן), און צושרייבן דער גאָטהייטלעכער איניציאַטיוו דעם אורשפּרינגלעכן אימפּולס, וועלכער באַשטימט די ליניע פון דער געשיכטע אין דער נאַטור אין הסכם מיטן פאָראויסבאַשטימטן פּלאַן; דער געגעבענער אימפּולס ברענגט אין באַוועג־גונג דעם פּערמאַנענטן מעכאַניזם, אַ מין פּערפּעטואום מאָבילע, וועלכער פאָלגט די אינעוויניקסטע געזעצן, וואָס זיינען אים פאָרגעשריבן.

די דאָזיקע אידעע האָבן שוין אַרויסגעזאָגט אייניקע אַנטיקע פילאָ־זאָפן און אייניקע פאָטערס פון דער קריסטלעכער קירך. שפּעטער איז זי אויפגענומען געוואָרן דורך דעקאַרטן אין זיין קאָסמאָגאָניע, און נאָך שפּעטער אויך דורך ניוטאָן און לייבניץ. ווייטער איז זי אַנטוויקלט גע־וואָרן דורך קאַנטן סיי אין זיין קאָסמאָגאָנישער טעאָריע, ווי אויך אין זיין פילאָזאָפישער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ניט איין מאָל שטעלט ער פאָר זיין טעאָריע ווי אָן אמתע אַפּאָלאָגיע פאַר דער ראָלע פון דער השגחה ביים באַשאַפן די וועלט. אין אייניקע נייסטע קאָסמאָגאָנישע טעאָריעס (פּעי, די ליגאָנדעס, סי) ווערט אויסגעדריקט די זעלבע טענדענץ.

דער נאַטירלעכער אָפּקלייב, די פאַרפולקאָמונג, וואָס ווערט געשאַפן דורכן מעכאַניזם פון קאַמף פאַרן קיום, צווישן די אָרגאַניזמען און קאָמ־פּלעקסן, און דאָס וואָס די מער צוגעפּאַסטע לעבן איבער אַלעמען, — אָט דער דאָזיקער פּרינציפּ, וועלכער דאַרף דערקלערן די אַנטשטייאונג פון דער אָרדענונג און האַרמאָניע אין רעזולטאַט פונעם נאַטור־כוחות־שפּיל, קען פון זיין זייט געפינען אַ פינאַליסטישע אויסטייטשונג, ווי אַ רעגולירנ־דיקער פּרינציפּ, וואָס איז פּראָווידענציעל באַשאַפן.

דער צופאַל, אַלס די אָפּלייקענונג פון אינעוויניקסטער לאָגיק אין אַ ריי געשעענישן, וואָס פירן צו אַ באַשטימטן רעזולטאַט, איז סותר די אידעע פון בכיוונדיקייט, פון אַ פאָראויסגעשטעלטן פּלאַן, — איז קלאָר, הייסט עס, אַז ער איז סותר יעדער מין דערקלערונג פון טעלעאָלאָגישן כאַראַקטער. ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, ווערט דער צופאַלן־שפּיל אַרויס־געבראַכט ווי דער קוואַל פון אַ כלומרשטער צוועקמאָסיקייט, וועלכע איז אַ פועל־יוצא פון אויפגעקומענע שטאַנדהאַפטיקע און לעבנדיקע קאָמבינאַ־

ציעס. און דאָך האָט אויך דער צופאַל באַקומען טעלעאָלאָגישע אויס־טייטשונגען — דער אינדיווידועלער צופאַל אָדער דער אויסדרוק פונעם צופאַל־געזעץ. הערדער און קורנאָ רעדן וועגן דער פּראָווידענציעלער ראָלע פונעם צופאַל.

דער צופאַל שפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע ביים פּרינציפּ פון נאַטיר־לעכן אָפּקלייבן, וואָס לויט אים האָט דער ביאָלאָגישער פּראָגרעס און די פאַרפולקאָמונג פון די מינים צו פאַרדאַנקען די מער צוגעפּאַסטע און מער שטאַנדהאַפטיקע, — דערביי שיינען צו זיין צופעליק די באַדינגונ־גען גופא פון דער צופּאַסונג. אין אַ צאָל נייסטע אָבער טראַנספאָרמיסטישע טעאָריעס, ובפרט אינעם מוטאַציאָניזם, שפּילט דער אָפּקלייב נאָר אַ באַ־גרענעצטע ראָלע; אין אייניקע פון די דאָזיקע טעאָריעס שפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע די ווירקונג פון אינערלעכע, אָבער ניט פון אויסערלעכע פאַקטאָרן. איז אַנטשטאַנען אַ „קריזיס פונעם טראַנספאָרמיזם". און דאָס האָט צו־געגרייט אַ קולטור, וואָס איז גינסטיק פאַרן פינאַליזם.

אין דער וועלט פון די נאַטוראַליסטן האָט זיך באַוויזן אַ נייע נטיה צום טעלעאָלאָגישן פּרינציפּ. דאָס נייע אויפקומען פון דער דאָזיקער פּי־נאַליסטישער טענדענץ דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די אָדער אַנדערע ביאָלאָגן זיינען געקומען צום שלוס, אַז דער אָפּקלייב קען ניט אויף אַ גענוגנדיקן אופן דערקלערן ניט די אינעווייניקסטע האַרמאָניע פון די אָרגאַניזמען, ניט די כלומרשט אומנוצלעכע פאַרענדערונגען.

די נאַטור איז אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירט. מיר ווייסן נאָר אַ טייל פון אירע סודות, מיר קענען אַנטאַפּן נאָר אַ נישטיקן טייל פון אירע כוחות און געזעצן. דער אָפּקלייב־פּרינציפּ ווייזט אונז אָן נאָר איינעם פון די מיטלען, וואָס מיט זייער הילף גיט די נאַטור אַרויס קאָמבינאַציעס, וועלכע דערשיינען פאַר אונז אונטערן אַספּעקט פון צוועקמאָסיקייט. דער דאָזיקער פּרינציפּ באַווייזט, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט איינצושטעלן אַ נאַטירלעכע דערקלערונג פון דער אָרדענונג און האַרמאָניע, וואָס הערשן אין דער וועלט; דאָרט וואו ער איז ניט גענוגנד, מוז מען האָבן אין אויג אַנדערע פּרינציפּן, נאָך ניט קיין באַקאַנטע אָדער ווייניק־פעסטגעשטעלטע.

די מיסטיש־טעלעאָלאָגישע טענדענץ איז איצט אויפגעקומען אינעם לאַגער פון דער נייסטער פיזיק. די נייסטע אַנטפּלעקונגען אין דער פּי־זיק און די טעאָריעס, וואָס זיינען פאַרגעלייגט געוואָרן אויף צו דערקלערן זיי — האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די פאָרשטעלונגען וועגן מאַ־טעריע, ענערגיע און אַפילו וועגן רוים און צייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער קלאַסישער מעכאַניציזם האָט באַקומען אַ קלאַפּ, פון וועלכן ער וועט צו זיך ניט קומען. דער נייער גייסט פון די פיזיקאַלישע טעאָריעס — דאָס איז דער גייסט פון „אומדערקלערלעכן" אָדער אומבאַגרייפלעכן.

די וועלט ווערט פאַר אונז באַשריבן אונטערן אַספּעקט פון אומבאַגרייפ־לעכע מאַטעמאַטישע סימבאָלן, אַן אַרט מאַטעמאַטישע השגחות. דער קלאַ־סישער מעכאַניציזם פון דער וויסנשאַפט — דאָס באַנעמען די וועלט ווי אַ מאַשין — טרעט אָפּ זיין פּלאַץ דעם פינאַליזם, אין געשטאַלט פון אַ מאַטעמאַטישן גייסט. די אַלוועלט — דאָס איז ניט קיין מאַשין, נאָר אַ גרויסער „געדאַנק". דער תנאַי־קודם פאַר אַזאַ „געדאַנק" איז די עקסיס־טענץ פון אַ דענקער־שעפער... אַזוי, שרייבט דזשינס: „דער אוניווער־סום, דוכט זיך אונז, איז פאַרטראַכט געוואָרן פון אַ ריינעם מאַטעמאַטי־קער... לויטן אינעווייניקסטן עדות פונעם באַשאַף, הייבט פאַר אונז אָן צו דערשיינען דער גרויסער אַרכיטעקט פונעם אוניוועס ווי אַן אמתער מאַטעמאַטיקער... אויב דער באַשאַפער פונעם אוניווערס האָט אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע צאָל געזעצן, איז עס דערפאַר, ווייל זיי פירן צו דער אַנטשטייאונג פון לעבן".

מען דאַרף אָננעמען, אַז דער מיסטישער סימבאָליזם פון די פיזי־קאַלישע טעאָריעס וועט אָנווערן דעם באָדן אונטער זיך און וועט אָפּ־טרעטן זיין פּלאַץ קאָנצעפּציעס, וואָס זיינען מער אין הסכם מיט אונזערע אינטעלעקטועלע און גייסטיקע פעאיקייטן. דער פינאַליזם וועט דעמאָלט אָן ספק מער ניט געפינען קיין דערמונטערונג און אונטערשטיצונג אין אַזעלכע ווייניק פאַרלעסלעכע קאָנצעפּציעס.

ווי עס איז צו זען פונעם ביז אַהער געזאָגטן, וועט דער פינאַליזם, אַסאָציאירט מיט מיסטיציזם, שטענדיק געפינען לאָגישע פּאָזיציעס אויף אונטערצוהאַלטן זיין טעזע. ער וועט זוכן אָנשפּאַר־פּונקטן פאַר זיין אַר־גומענטאַציע אינעם ספּעקטער פונעם אין־סוף, אין דעם סוד פונעם בראשית, אינעם אומדערקלערלעכן רעשט פון אונזער וויסן, אין די עלע־מענטן פון אומזיכערקייט און אין די דעפעקטן פון דער וויסנשאַפט, אינעם וואַרשיינלעכקייט־כאַראַקטער פון אונזערע אַלגעמיינע באַהויפּטונגען. ער וועט שטרעבן אַריינצופירן אין דער אַקציע מיסטישע פאַקטאָרן אַפילו דאָרט, וואו די ראַציאָנאַליסטישע דערקלערונג שעפּט פולשטענדיק אויס די פראַגע, אָדער צו דערקלערן צוועקמאָסיקייט דאָרט, וואו זי איז באמת ניט בנמצא, אָדער פאַרפילן מיט זיינע פאַנטאַזיען די בלויזן פון אונזער וויסנשאַפטלעכער קענטשאַפט, אָדער אויסגעפינען אַן אַבסאָלוטע סיבה און אַ לעצטע דערקלערונג פאַר דעם, וואָס דערלאָזט ניט קיין שום דער־קלערונג, לויט די באַדינגונגען פון דער אָרגאַניזאַציע פונעם מענטשלעכן גייסט.

און אין זיינע לאָגישע אַרגומענטאַציעס וועט דער פינאַליזם פאַר־בלייבן שטענדיק אַנטראָפּאָמאָרפיש ביזן סוף. דער דאָזיקער אַנטראָפּאָ־

פאָרמיזם, געשטויסן צו די לעצטע קאָנסעקווענצן, קאָן אָננעמען זייער אויס־טערלישע און פרימיטיווע פאָרמען.

## 2

אין דער געשיכטס־פילאָזאָפיע טרעט דער פינאַליזם אַרויס אויף אַן אָפענעם אופן אין פאָרעם פון פּראָווידענציאַליזם.

די אידעע פון פּראָווידענציאַליזם — דאָס איז די אַריינמישונג פון דער השגחה אינעם „אָנפירן מיטן גורל פון דער מענטשהייט". אַמאָל טרעט אַרויס די טעלעאָלאָגיע אין די פּראָווידענציאַליסטישע סיסטעמען — אונטערן שלייער פון מעטאַפיזישע אמתן (די „נאַטור", די „אידעע", דער „אַלוועלטלעכער גייסט", וכד'). אין די הענט פונעם איבערנאַטיר־לעכן הערשער ווערט די געשיכטע אַ געוווער אויף אויסצופירן באַשטימ־טע צילן. אַזעלכע צילן קענען זיין דאָס ענד־גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט, אָדער גאָר דער טריאומף פון אַ וועלכן ס'איז באַזונדערן פּרינציפּ, — רעליגיעזן גלויבן, למשל. לויט די פאַרשידענע פאָרמען פונעם פינאַליזם, אַנגעווענדט צו דער נאַטור און צו דער געשיכטע אין דער נאַטור, ווערט די השגחה באַטראַכט, אַז זי ווירקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט מיט צוויי מעטאָדן: אָדער זי שאַפט באַ־דינגונגען — פיזישע און פּסיכאָלאָגישע געזעצן פון דער מענטשלעכער באַשעפעניש — וועלכע שטויסן די געזעלשאַפט, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער אייגענער שפּיל פון סאָציאַלע כוחות, אויפן וועג צו פאַרווירקלעכן דעם פאָראויס־איינגעשטעלטן פּלאַן. אָדער זי מישט זיך אַריין, פּערסאָ־נאַל און אוממיטלבאַר, אין גאַנג פון די געשעענישן, כדי צו געבן דעם היסטאָרישן פּראָצעס אַן אימפּולס, וואָס זאָל שטויסן די מאַסן און יחידים אויפן וועג, וועלכן די השגחה האָט אויסגעקליבן. און אַוודאי טראָגט דער פּראָווידענציאַליזם אַן אַנטראָפּאָצענטרישן און אַנטראָפּאָמאָרפישן כאַ־ראַקטער, — נאָך בולטער ווי ביי דער אָנווענדונג צו דער נאַטור און צו דער געשיכטע אין דער נאַטור.

עס עקסיסטירן אוניטאַרע פאָרמולעס, וועלכע פּרעטענדירן אויסצו־טייטשן די געשיכטע אין דער וועלט מיט דער הילף פון איין אַלגעמיינעם פּרינציפּ — פאַר דער געשיכטע אין דער נאַטור און פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, — און וועלכע זיינען ניט פרעמד פון אַ געוויסן מיסטיש־טעלעאָלאָגישן גייסט. אַזאַ איז, למשל, די קאָנצעפּציע פון דער דיאַלעקטיק: לויטן געדאַנק פון אירע מחברים און אָנהענגער, הערשט זי הן איבער דער פיזישער וועלט, הן איבער דער וועלט פון געדאַנק, הן איבער דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. זי דערמאָנט אין געוויסע פּרטים

די אידעע וועגן דעם בייט פון די צוויי קעגנזעצלעכע פעריאָדן אינעם ציקל פונעם „גרויסן יאָר" (פונעם אייביקן גלגל החוזר), — אַ גלויבן, וואָס איז פאַרשפּרייט אין אינדיע, ביי די כאַלדייער, אין דער העלענישער פי־לאָזאָפיע, און וואָס איז פאַרבונדן מיט געוויסע אַסטראָלאָגישע אָנשויאונ־גען. די ספּענסערישע עוואָלוציע, וואָס נעמט אַרום די אַנטוויקלונג פונעם אוניווערס און פון אַלע קאָמפּלעקסן אין די ראַמען פון אַ שטענדיקן בייט פון דיפערענציאַציעס און אינטעגראַציעס, איז אויך באַצייכנט מיט געוויסע מיסטישע טענדענצן. עס באַקומט זיך אַזוי, ווי עפּעס אַ געוויסער העכערער מיסטישער ווען וואַלט זיך געווילט מיט דער שפּיל פון כסדר־דיקע פאַרביינונגען און סינטעזן, פון כסדרדיקע דיפערענציאַציעס און אינ־טעגראַציעס אין דער געשיכטע פון דער וועלט און אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די אַנאַלאָגיעס אין די קאָנצעפּציעס פונעם פינאַליזם אין דער נאַטור און פונעם פּראָווידענציאַליזם אין דער געשיכטע — האָבן צוגלייך אונ־טערשידן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן חילוק צווישן די צוויי וועלטן. די דאָזיקע אונטערשידן באַשטייען בעיקר אינעם כאַראַקטער פון די סיבה־שייכותן, וואָס פירן אָן מיט די געשעענישן; אין דער ראָלע פון דער צייט ביי קאָנקרעטע פּראָצעסן און אין די צילן, וואָס עס פאַרמאָגן די באַשע־פענישן ,וועלכע באַטייליקן זיך אין דער היסטאָרישער באַוועגונג.

מיטן פּראָווידענציאַליזם איז אין אַ געוויסער מאָס לאָגיש פאַרבונדן דער פאַטאַליזם. ניט די יחידים, ניט די סאָציאַלע גרופּעס קענען ניט גיין אַנטקעגן די צילן, וועלכע די השגחה האָט אָנגעצייכנט, און קעגן דעם גאַנג פון די געשעענישן, וואָס זי האָט אָנגעמערקט. פאַרקערט, די יחידים און פעלקער, מיט זייערע נטיות און ליידנשאַפטן, מיט זייערע עבירות און מצוות, זיינען נאָר אומבאַוואוסטזיניקע אינסטרומענטן אויף אויסצופירן אַ געוויסן ציל. דער דאָזיקער רעיון — דאָס איז דער קערן פון די פילאָ־זאָפיש־היסטאָרישע לערעס פון קאַנט און העגעל. ער ליגט אויך אין יסוד פון טאָקווילס פילאָזאָפיע וועגן דעמאָקראַטיע. פ. לאַראַן, דער בעל־גישער מחבר פון דער 18בענדיקער אַרבעט איבער דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, זאָגט אַזוי: „ווען די יחידים און נאַציעס זיינען עובר די צילן פון דער השגחה, פאַראורטיילן זיי זיך צו אַן אומפאַרמיידלעכער קאַטאַס־טראָפע". אַפילו ביים „פּאָזיטיוון" סאָציאָלאָג ל. גומפּלאָוויטש געפינען מיר מערקווירדיקע אַנאַלאָגיעס מיט די פּראָווידענציאַליסטישע אידעעס, — אַנאַלאָגיעס וואָס, ווי גומפּלאָוויטש אַליין גיט צו, שטאַמען זיי פונעם אָנערקענען דעם טעלעאָלאָגישן פּרינציפּ אין דער געשיכטע.

ווייטער, דער פּראָווידענציאַליסטישער שטאַנדפּונקט פירט געוויינלעך צו אָפּטימיזם. וואָרעם באמת, דעם זינען פון געשיכטע, דעם ציל פונעם

היסטאָרישן פּראָצעס זעט די פּראָווידענציאַליסטישע פילאָזאָפיע אין דער מענטשהייטס גליק אָדער אין איר דערגרייכן אַ וועלכע אַבסאָלוטע ווערטפולקייט. די בעסטע פון די מעגלעכע געשיכטעס — פאַר דער סאַמע בעסטער פון די מעגלעכע וועלטן. לייבניץ שפּרייט אויס זיין טעאָדיצעיע ניט נאָר אויף דער סטאַטיק פון דער ווירקלעכקייט — אויפן מענטש און זיין סביבה, — נאָר אויך אויפן „ראָמאַן פון מענטשישן לעבן, וואָס שאַפט די אַלגעמיינע געשיכטע פון דער מענטשהייט". „לאָמיר זיין ווייט — רופט אויס הערדער — פון דעם, צו באַשולדיקן די השגחה, אַלמאַי זי האָט ניט איינגעשטעלט ביים מענטשן־געשלעכט אַן אַנדער אָרדענונג". פאַר העגעלן איז „די אַנטוויקלונג פונעם גייסט־פּרינציפּ (אין דער וועלטגעשיכטע) די אמתע טעאָדיצעיע". פאַר לאָראַנען איז „געשיכטע — די גלאָריפיקאַציע פון גאָט". איבערבלייבעכצן פונעם פּראָווידענציאַליסטישן אָפּטימיזם געפינען מיר אויך אין דער „פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע". אָגיוסט קאָנט האָט געשריבן: „עס איז בלתי־ספק, אַז מען וועט געפינען אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן גייסט פון פּאָזיטיווער פּאָליטיק, באַטראַכט פונעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, און דעם באַקאַנטן טעאָלאָגישן און מעטאַפיזישן דאָגמאַט פון אָפּטימיזם. אַן אַנאַלאָגיע, וואָס איז אין תוך ריכטיק"...

דער פילאָזאָפיש־היסטאָרישער אָפּטימיזם ציט נאָך זיך אומפאַרמיידלעך די אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, פון די היסטאָרישע געשעענישן, פון דער ראָלע פון די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, נאַציעס און סאָציאַלע גרופּעס. דער אָפּטימיסט איז אָבער ניט ביכולת צו לייקענען, אַז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער געשיכטע עקסיסטירט פאָרט דאָס שלעכטס — די אונטערדריקונג, פאַרקנעכטשאַפט, עקספּלואַטאַציע, שעדלעכע אַנטאַגאָניזמען, שנאה, עם־הארצות, פאָראורטיילן, פאַרברעכנס, בלוטיקע מלחמות און שרעקלעכע גרויזאַמקייטן. עס איז באַקאַנט, אין וואָס פאַר אַ סתירות עס האָט זיך געפּלאָנטערט די רעליגיעזע פילאָזאָפיע, ווען זי האָט געגאַרט שלום צו מאַכן צווישן דער פרייער בחירה ביים מענטשן און זיין מאָראַלער אַחריות — מיט דער פאָראויסבאַשטימונג, באַשערטקייט; און צווישן דער עקסיסטענץ פון שלעכטס אין דער וועלט — מיט דער געטלעכער לייטזעליקייט און אַלמעכטיקייט. אויף דעם זעלבן אופן האָט אויך די אָפּטימיסטישע געשיכטס־פילאָזאָפיע געמוזט זיך אַן עצה געבן מיט דער אויפגאַבע פון באַרעכטיקן דאָס שלעכטס אין דער געשיכטע. זי האָט געמוזט דערווייזן די נייטיקייט און צוועקמעסיקייט פונעם שלעכטס. זי איז מגולגל געוואָרן אין אַ היסטאָרישן אַפּאָלאָגעטיזם.

אַן אויסוועג פון אָט דער לאַגע האָט מען לאָגיש געקענט געפינען אָדער אויסערן מאַנאָטעאיזם, אָדער אינעם אָפּזאָגן זיך פון צו אָנערקענען די אַלמעכטיקייט פונעם איינציקן גאָט. די זאָראָאַסטרע־רעליגיע (מאַז־

דעאיזם) איז געווען אַ דואַליסטישע סיסטעם, וועלכע האָט געלייזט די שווערינקייט דורכדעם, וואָס זי האָט פּראָקלאַמירט די עקסיסטענץ פון צוויי געטער — אַרמאַזד, דער גאָט פון גוטס, און אַרימאַן, דער גאָט פון שלעכטס, און צווישן זיי איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה. די כּוהנים פון די סאַססאַנידן (אַ דינאַסטיע, וואָס האָט געהערשט עטלעכע יאָרהונדערטער איבער דער זאָראָאַסטרישער פּערסיע ביז דער אַראַבישער אָקופּאַציע) האָבן געמאַכט די קריסטן שרעקלעכע פאָרוואורפן, אַלמאַי זיי גלייבן אין דער מציאות פון איין גאָט, אַ גאָט־טייוול, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דאָס שלעכטס, וואָס עקסיסטירט אויף דער וועלט. פון צייט צו צייט האָבן זיך אין דער קריסטלעכער וועלט געוויזן ריכטונגען, וואָס האָבן אָפן צי באַהאַלטן געלייקנט די אַלמעכטיקייט פון גאָט. דער גרויסער אוטאָפּיסט שאַרל פוריע, אין זיין סאָציאַלער טעאָדיציע, לייקנט אָפּ אויף אַ דירעקטן אופן די געטלעכע אַלמעכטיקייט; גאָט, הייסט עס, טראָגט ניט קיין אַחריות ניט פאַר דער עקסיסטענץ פונעם שלעכטס, ניט פאַר די מענטשנס פרייע אַקטן.

מערקווירדיק, אַז די דאָזיקע אידעע — אין אַ קוואַליפיצירטער פאָרעם — געפינט אָפּט היינט אַן אויסדרוק אין די פילאָזאָפישע פאַר־סך־הכלונגען פון די וויסנשאַפט־מענער. אויב דער דואַליזם פון זאָראָאַסטער איז מער לאָגיש, איידער דער מאָניסטישער טעאיזם, טאָ פאַרוואָס עפּעס נאָר דואַ־ליזם? פאַרוואָס ניט פּלוראַליזם, די אָנערקענונג פון דער ווירקונג פון עטלעכע פּרינציפּן און ניט פון איינעם? איז אָט האָט טאַקע איין געלערנ־טער פּאַלעאָנטאָלאָג, דער דרום־אַפריקאַנישער פּראָפעסאָר ר. ברום, ניט לאַנג אַנטוויקלט אין שייכות מיט דער עוואָלוציע פונעם לעבן אויף דער וועלט אַ קאָנצעפּציע מיט אַ פּאָליטעאיסטישן אַספּעקט...

די מאָנאָטעאיסטישע קאָנצעפּציע האָט ניט געהאַט אַזאַ אויסוועג. זי האָט געמוזט דערווייזן די נייטיקייט און צוועקמאָסיקייט פונעם שלעכטס. דאָס שלעכטס איז נייטיק דערפאַר, ווייל אַן אים איז זיך גאָרניט פאָרצו־שטעלן קיין גוטס. דאָס שלעכטס איז נייטיק און צוועקמאָסיק, ווייל נאָר אין דער שול פון שלעכטס באַקומט די מענטשהייט אַ דערציאונג, וואָס גרייט זי צו צו דער העכערער עבודה. דאָס שלעכטס איז צוועקמאָסיק אין דער געשיכטע, ווייל דאָס איז אַ געווער פון פּראָגרעס און אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט געבוירט דאָס שלעכטס — גוטס. אין אָט די טעזיסן שטעקט דער מהות פונעם היסטאָרישן אַפּאָלאָגעטיזם.

די היידן האָבן געשטעלט די קריסטן אַ פראַגע, פאַרוואָס איז קריס־טוס ניט געקומען פריער אויסצולייזן די וועלט. שוין דער אַפּאָסטעל פּאַול האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז עס פאָדערט זיך פּרעלימינערע דערציאונג פון די פעלקער, כּדי זיי זאָלן ווי געהעריק דערקענען דעם

אמת. שפּעטער האָבן די פּאַטערס פון דער קריסטלעכער קירך, אָריגען, דער הייליקער אויגוסטין, און דערנאָך — אָראָזיוס, דעם הייל. אויגוסטינס אַ תּלמיד, אַרויסגעזאָגט אידעעס, וואָס שטעלן פאָר אַ מין טעאָלאָגישע געשיכטס־פילאָזאָפיע, און לויט איר איז די מענטשלעכע געשיכטע ביז יעזוס קריסטוס געווען אַ מין פּראָווידענציעלע צוגרייטונג פון די באַדינגונגען, וועלכע זיינען נייטיק געווען פאַרן טריאומף פון קריסטנטום (העלעניזם, די אַלוועלטלעכע הערשאַפט פון רוים, די אַלגעמיינע שפּראַכן).

די דאָזיקע פּראָווידענציאַליסטישע קאָנצעפּציע וועט מיט עטלעכע יאָרהונדערטער שפּעטער ווערן די טעזע פונעם קאַטוילישן בישאָף באָססיועט (נאָך אייניקע מיטלאַלטערלעכע מיסטיקער). שפּעטער וועלן זי אַנטוויקלען, אין אַ פּאַראַלעגמיינערטער פאָרעם, לעסינג, הערדער, קאַנט און העגעל. ווייטער, אין אַ מער־וויניקער פאַרענדערטער פאָרעם, וועט זי ווערן דער קנין פון דער היסטאָרישער דיאַלעקטיק און זי וועט אַרייבדרינגען פריער אין די לערעס פונעם קלאַסישן („אוטאָפּישן") סאָציאַליזם, און דערנאָך אין דער דאָקטרין פון מאַרקסיזם.

נאָך העראַקליט האָט געזען אינעם שלעכטס די נייטיקע אַסאָציאַציע מיט דעם גוטס. דאָס שלעכטס געפינט זיין באַרעכטיקונג, ווי אַ צוגרייטבאַזע און אַ דערציאונג־שול. די פּראָווידענציאַליסטן האָבן אַרויסגערוקט דעם טעזיס וועגן דער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג פונעם גוטס אויסן שלעכטס. אין אַט דער פלאַך טייטשט לעסינג אויס די „דערציאונג פונעם מענטשן־געשלעכט" אין זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע. הערדער טענהט, אַז „אין הסכם מיט די אייביק־אומדערשיטערלעכע, אייביק־ווירקנדיקע געזעצן פון דער לעבעדיקער נאַטור, האָט דאָס שלעכטס געדינט צום געבוירן דאָס גוטס". קאַנט, וועלכער האָט געזוכט די פּראָווידענציאַליסטישע צוועקמאָסיקייט אינעם היסטאָרישן פּראָצעס, פונקט אַזוי ווי ער האָט געזוכט דעם פינאַליזם אין דער אַנטשטייאונג פון די נאַטור־געזעצן און אין דער קאָסמאָגאָנישער עוואָלוציע, האָט געהאַלטן, אַז די השגחה מאַכט פון די פעלקער און פון די יחידים אינסטרומענטן אויף צו פאַרווירקלעכן אירע ציילן. ער באַרעכטיקט דאָס שלעכטס מיט דעם גוטס, וואָס עס געבוירט. אין דער פאַראייניקונג פון גוטס מיט שלעכטס האָט קאַנט געזען דעם קלוגן מעכאַניזם פון דער נאַטור, וועלכער איז באַשטימט אויף צו ברענגען אין באַוועגונג די ספּרוזשינעס פון דער מענטשהייטס דרעמלענדיקע כוחות מיטן ציל צו אַנטוויקלען טאַלענטן און זיי פאַרפולקאָמען. פונקט אַזוי ווי שאַרל פוריע און שפּעטער פ. לאַראַן, האָט קאַנט אין די מענטשנס חסרונות און שלעכטע ליידנשאַפטן געזען דעם געבענטשטן סטימול פון אַנטאַגאָניזמען, וועלכע דאַרפן מאַכן די מענטשהייט מאָראַליש און זי אויפהייבן אויף אַזאַ אַנטוויקלונגס־מדרגה, אויף וועלכער סאָלידאַ־

רישקייט פאַראייניקט זיך האַרמאָניש מיט פרייהייט. ענלעכע געדאַנקען האָבן אַנטוויקלט העגעל און שילער.

דער היסטאָריש־פילאָזאָפישער אָפּטימיזם, וועלכער ציט נאָך זיך די אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, פאָרמולירט די אידעע וועגן די ספּעציעלע היסטאָרישע מיסיעס פון די יחידים, נאַציעס, רעזשימען, ובפרט פונעם שלעכטס, וואָס די אָדער אַנדערע כוחות פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג שאַפן. די אידעע וועגן ספּעציעלע מיסיעס פון פעלקער — באַזונדערס פון „אויסדערווײלטע פעלקער" — האָט עקסיסטירט נאָך אין אוראַלטער און אויפן מזרח. נאָר אונטערן איינפלוס פון איבערבלייבעכצן פון טעאָלאָגישן און מיסטיש־טעלעאָלאָגישן געדאַנק — האָט די דאָזיקע אידעע ערשט אין דער נייער צייט אַרויסגעגעבן פּרעכטיקע שפּראָצונגען. אָבער שוין ווירגילי און פליני האָבן גערעדט וועגן דער היסטאָרישער מיסיע פון רוים, צום אונטערשיד פון אַנדערע פעלקער. גאָר בולט טרעט אַרויס דער אַפּאָלאָגעטיזם ביי די פּראָווידענציאַליסטן — רעליגיעזע אָדער „פּאָזיטיווע", — אין זייערע אויגן באַקומען די פעלקער, רעליגיעס, געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן זייערע אייגענע מיסיעס, און דאָס אויספירן אָט די מיסיעס — דאָס איז די באַרעכטיקונג פאַר זייער עקסיסטענץ און טעטיקייט.

הערדער אָנערקענט די דערציערישע מיסיע פון די טעאָקראַטיעס. שילער דערוויזט די נייטיקייט און ברכהדיקייט פון דער צעשטערערישער מיסיע פון די באַרבאַרן און פון דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג. זשאָזעף דע מעסטר, דער טעאָרעטיקער פון דער רעאַקציע נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, רעדט וועגן איר דאָך ווי וועגן דעם „פּראָווידענציעלן געווער פאַר דער באַנייאונג פון דער מענטשהייט". פרידריך שלעגעל, דער טעאָרעטיקער פון דער קאַטוילישער רעאַקציע, מאַכט דעם אויספיר פון דער געשיכטע, אַז די השגחה ווײלט אויס איינצלנע פּערזענלעכקייטן און גאַנצע פעלקער אויף צו פאַרווירקלעכן באַשטימטע מיסיעס.

קאַנט האָט דעם קריג צוגעשריבן די פּראָווידענציאַליסטישע מיסיע פון צוזאַמענברענגען די מענטשן און פאַרשטאַרקן די געזעלעכקייט: ווען די מיסיע פון דער מלחמה איז פאַרענדיקט, פאַרלירט זי איר צוועקמאָסיקייט און צוזאַמען מיט דעם ווערט זי אוממעגלעך. מיט אַן אַפּאָלאָגיע פון קריג זיינען אויך אַרויסגעטראָטן וואָווענאַרג און זשאָזעף דע מעסטר. די דיאַלעקטישע מיסיע פונעם קריג האָט אויך מודה געווען אָגיוסט קאָנט, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל טעלעאָלאָגישע שיריים אין זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע, אַז אומאָפּהענגיק פון קאַנטן איז ער געקומען צום לעצטנס אָנשויאונגען. לויט קאַנטן, האָט די סאָציאַלע אומגלייכקייט געהאַט אַ ציוויליזאַטאָרישע מיסיע, זי איז געווען אַ נייטיקע פאָר־הנחה פאַר

דער ספעציאַליזאַציע און פאַר דער אויסבילדונג פון דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע.

העגעלס געשיכטס־פילאָזאָפיע טראָגט אַן אָפן־פראָווידענציאַליסטישן כאַראַקטער. פאַר העגעלן זיינען די פעלקער און יחידים, מיט זייערע מעלות און חסרונות, אַן אומבאַוואוסטזיניק געוועד אויף צו פאַרווירקלעכן געוויסע צילן און אויסצופירן געוויסע מיסיעס. מיר געפינען ביי העגעלן די אַפּאָלאָגיע פון די אָקופּאַנטן, ווייל זיי האָבן כלומרשט געשמידט די זאַך פון דער קולטור־פאַרשפּרייטונג. די אַפּאָלאָגיע פון די לענדער־פאַרכאַפּערס אַלס קולטור־טרעגער, למשל, פון אַלכסנדר מוקדון אָדער רוים, דאָס איז דער באַליבטער סיוזשעט ניט נאָר ביי די פּראָווידענציאַליסטן, ווי העגעל און לאָראַן, נאָר אויך ביי אַ גרויסער צאָל פּראָזאַאיקער־היסטאָריקער.

קוזען האָט געזען די מיסיע פונעם דעספּאָטיזם אין דעם, וואָס ער האָט צוגעוואוינט צו אַרבעט די נאָך פאַר פרייהייט אומרייפע מענטשהייט.

עס איז ממש ניטאָ קיין איין פאָרעם פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע אין דער געשיכטע, וואָס זאָל ניט האָבן געפונען קיין אַפּאָלאָגעטן, אויף דעם גרונט, ווייל זי האָט אויסגעפירט באַשטימטע היסטאָרישע מיסיעס. עס זיינען גאָר ניטאָ אַזעלכע מעשים־רעים און טיראַניע־אַקטן אין דער געשיכטע, וואָס צוליב דעם אָדער אַנדערן מאָטיוו זאָלן זיי ניט האָבן געפונען זייערע אַדוואָקאַטן און אַפּאָלאָגעטן. ביי אַ גענוג־בידעריקן מצב פון די עליטעס, וועט נאָך אויך היטלער געפינען זיינע פאַרטיידיקערס און אַדוואָקאַטן.

ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, האָט דער שקלאַפן־אינסטיטוט געפונען פילצאָליקע אַפּאָלאָגעטן. העגעל האָט אין דער אַנטיקער שקלאַפעריי געזען דעם נייטיקן באַדינג פאַר דער עקסיסטענץ פון דער דעמאָקראַטיע. לויט אָגיוסט קאָנטן, איז די היסטאָרישע מיסיע פון שקלאַפעריי באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט די מענטשן צוגעוואוינט צו אַרבעט און זי האָט פאַרלייכטערט די מיסיעס פונעם מיליטאַריזם. די אַפּאָלאָגיע פון שקלאַפעריי גיבן געדרן צו און פאַסן צו צו זייערע טעאָריעס — אונטער פאַרשידענע וואַריאַנטן — אַ סך סאָציאָלאָגן און עקאָנאָמיסטן.

העגעל האָט פאָרמולירט, אַז די מיסיע פון דער גערמאַנישער וועלט איז צו „פאַרווירקלעכן אַן אומענדלעכן אמת, צי אומענדלעכע זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער”. וואָס וואָלט ער היינט געזאָגט וועגן דער מיסיע פון היטלערן און פונעם דייטשן ראַסיזם! (די געזעלשאַפט מאַכט קיינמאָל ניט קיין טעות, האָט געטענהט דער „פּאָזיטיוויסט” גומפּלאָוויטש). די היסטאָרישע סיסטעם פון אָגיוסט קאָנט — דאָס איז די אַפּאָלאָגיע פון אַלע פריערדיקע רעזשימען און אַלע פאָרמען אונטערדריקונג, דערפאַר

ווייל זיי האָבן געהאַט אַ געוויסע דערציערישע מיסיע און צום מערסטן געוועז צוגעפּאַסט צו די באַדערפֿעניש פֿון דער געזעלשאַפֿט אין אַ געוויסער תקופֿה. אָבער דעם רעקאָרד האָט צווישן אַלע פּראָווידענציאַליסטן געשלאָגן דער היסטאָריקער פּ. לאַראַן: פֿאַרשידנאַרטיק און פֿאַרפֿולקאָמט איז זיין אַרגומענטאַציע לטובֿת די מיסיעס, וואָס די השגחה האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די פֿעלקער, קלאַסן, רעליגיעס און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. און וואָס שייך די עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן, גייט דער מיסטישער אָפּטימיזם ביי אייניקע פֿון זיי האַנט ביי האַנט מיטן קאַלטן אַפּאָלאָגעטיזם פֿון אייניקע אַנדערע.

אָט אַזוי זעען אויס די פּראָווידענציאַליסטישע און אַפּאָלאָגעטישע פֿאָראורטיילן, וואָס זיינען באַצייכנט מיט אַן אייגנאַרטיקער „עבֿודות פֿון געדאַנק", אָבער וואָס טרעטן גערן אויף אונטער דער פֿאָן פֿון וויסנשאַפֿט אָדער פֿון וויסנשאַפֿטלעכער פֿילאָזאָפֿיע.

### 3

מיט איבערבלייבענישן פֿון טעלעאָלאָגיע זיינען רייך די אָנשויאונגען פֿון די טעאָרעטיקער פֿון סאָציאַליזם פֿון 19טן י"ה — סיי פֿונעם ביזמאַרקסיסטישן („אוטאָפּישן"), סיי פֿונעם מאַרקסיסטישן („וויסנשאַפֿטלעכן") סאָציאַליזם. אין אייניקע פֿאַלן קען מען זען די גענעטישע פֿאַרבינדונג פֿון אַזעלכע אָנשויאונגען ניט נאָר מיט די היסטאָריקער־פּראָווידענציאַליסטן, נאָר אויך מיט דער ביבל און מיט די אידעעס פֿון די פֿאָטערס פֿון דער קריסטלעכער קירך.

סען־סימאָן איז געווען דער גרונטלייגער פֿון אַ שול, וועלכע האָט געהאַט אַלע סימנים פֿון אַ רעליגיעזער סעקטע. ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר באַרופֿן אויסצופֿירן אַ מיסיע פֿון גרינדן אַ „ניי קריסטנטום", אַ מיסיע, וואָס אויף זיין קוק האָט זי לויטער בשעתו זייער ניט־באַפֿרידיקנדיק אויסגעפֿירט. די פּראָווידענציאַליסטישע פֿילאָזאָפֿיע האָט געלאָזן אַ טיפֿן חותם אויף זיין וועלט־אָנשויאונג. עס האָבן בלתי־ספֿק אַ שטאַרקן רושם געמאַכט אויף אים די אידעעס פֿון די טעאָקראַטן־טראַדיציאָנאַליסטן באָנאַלד, באַלאַנש, זשאָזע דע מעסטר. לויט אַנרי סען־סימאָן, פֿאַרמאָגט יעדע תקופֿה איר מיסיע צו לייזן יענע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פֿאַר איר צוגעגרייט און וואָס זייער לייזונג איז צוגעגרייט דורך דעם ביזאַהעריקן פּעריאָד. די אַמאָליקע רעליגיעס, די אַמאָליקע רעזשימען, מלחמות, שקלאַפֿעריי, פֿעאָדאַליזם זיינען געווען אומפֿאַרמיידלעך אין אַ געוויסן מאָמענט פֿון דער געשיכטע און אויף אַ באַשטימטער שטופֿע פֿון דער מענטשהייטס ציוויליזאַציע. איבער אַלעם הערשט דער העכסטער געזעץ פֿון פּראָגרעס פֿונעם מענטשלעכן גייסט, די מענטשן זיינען פֿאַר אים נאָר אינסטרומענטן.

די סאָציאַלע פאָרמען עקסיסטירן און דויערן נאָר אויף אַזוי פיל, ווי לאַנג זיי אַנטשפּרעכן די געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן, און יעדע באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט געפינט, סוף־כּל־סוף, איר באַפרידיקונג.

סען־סימאָנס פּראָווידענציאַליסטישע קאָנצעפּציע האָט געפונען איר אַנטוויקלונג אין דער שול פון סען־סימאָניזם. די סען־סימאָניסטן האָבן זיך אַליין כאַראַקטעריזירט ווי די יורשים פון קאַטוילּיציזם און אין דער זעלבער צייט ווי די פאָרזעצער פון דער רעוואָלוציע. אַנפאַנטען האָט געהאַלטן, אַז דער סען־סימאָניזם שניידט די פּרוכט פון די אַרבעטן פון מאָנלאָזיע, דע מעסטר, לאַמענע; זיין גאַנץ לעבן איז דער דאָזיקער פויפּסט פון סען־סימאָניזם פאַרבליבן אַ מיסטיקער. באָסיועט, לעסינג, קאַנט — זיינען אַלע געווען צווישן דער צאָל לערער פון די סען־סימאָניסטן, און גאָר באַזונדערס פון באַזאַרן. אַן אַנדער אָנגעזעענער סען־סימאָניסט, אָלענד ראָדריג, וועלכער איז געווען דערצויגן אין יודאַאיזם, האָט ביי זיך אין האַרצן אַסאָציאירט די נביאות פון סען־סימאָן מיט דער ביבלישער נביאות פון ישעיהו („די גאָלדענע תקופה — איז פאַר אונז, זי וועט ערשט קומען”). די סען־סימאָניסטן האָבן גערן איבערגעחזרט דעם געדאַנק פון אָריגען און פונעם הייליקן אויגוסטין, וועלכן די שפּעטערדיקע פּראָווידענציאַליסטן האָבן אונטערגעהאַלטן, אַז די היסטאָרישע מיסיע פון רוים ווי אַ פאַרכאַפּערישע מלוכה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער דערפאָלגרייכער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום; זיי האָבן אויך דורכגעפירט דעם געדאַנק וועגן דער באַזונדערער מיסיע, וואָס יעדע נאַציע האָט.

גאָר אַ שטאַרקן אויסדרוק האָט סען־סימאָנס קאָנצעפּציע באַקומען ביי באַזאַרן, דעם הויפּט־טעאָרעטיקער פון דער סען־סימאָנישער שול פון סאָציאַליזם. פאַר אים איז געשיכטע — די אויספירונג פון אַ האַרמאָנישן פּלאַן. דער געזעץ פון געשיכטע אַלס אַ „פּאָזיטיווע וויסנשאַפט” ווירקט פאַטאַל אינעם לעבן פון דער מענטשהייט, ער פירט אָן מיט די דערשייגונגען, וועלכע דער היסטאָריקער מוז אָביעקטיוו באַאָבאַכטן אָן פאַראורטיילונג און אָן לויב־געזאַנג. די מענטשן זיינען נאָר אַ געווער אויף אויסצופירן דעם העכערן געזעץ פון פּראָגרעס, און דאָס איינציקע, וואָס מיר קענען טאָן — דאָס איז דערקענען דעם געזעץ, כּדי אים צו פאָלגן און פאָראויסזען דעם קומענדיקן גאַנג פון די געשעענישן. די אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פונעם ענדציל — דאָס איינשטעלן אַן אַלגעמיינע אַסאָציאַציע — איז דאָ ענג דורכגעוועבט מיט דער אַפּאָלאָגיע פון די סאָציאַלע אונטערדריקונגס־אינסטיטוטן אין די אַמאָליקע געשיכטס־פּעריאָדן, פון די מלחמות, שקלאַפעריי, קאַסטעס, טעאָקראַטיעס, פעאָדאַליזם, עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן;

זיי זיינען, הייסט עס, צום מערסטן געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפֿעענישן און לעבנס־באַדינגונגען פֿון זייער עפּאָכע און זיי האָבן אויסגעפֿירט די היסטאָרישע מיסיע פֿון דערציִען די מאַסן און צוגרייטן די מענטשהייט צו אַ העכערער און בעסערער מערכה. אין הסכם מיט סען־סימאָנס קאָנ־צעפּציע באַהויפּט באַזאַר (און אויך אַנפֿאַנטען), אַז אויפֿן גרונט פֿונעם געזעץ פֿון היסטאָרישער דיאַלעקטיק דאַרפֿן די קלאַסן און אַנשטאַלטן, וואָס האָבן אויפֿגעטאָן זייער מיסיע — אַראָפּגיין פֿון דער סצענע, און זיי גייען טאַקע אַראָפּ, ווייל זיי פֿאַרוואַנדלען זיך פֿון אַ פּראָגרעס־געווער אין אַ שעדלעכן טאָרמאַז פֿון זיין אַנטוויקלונג. היינט צו טאָג איז די מענטש־הייט שוין צוגעגרייט, די פּראָלעטאַריער זיינען דערצויגן און זיינען פֿריי צו זיין זעלבשטענדיק, — עס בלייבט דורכצופֿירן נאָך די לעצטע רעוואָלו־ציע, און די געשיכטע וועט אַריין אין איר לעצטער אָרגאַנישער תקופֿה, וועלכע וועט זיך שוין מער ניט איבעררייסן דורך די קריטישע פּעריאָדן.

באַזאַר ציטירט אַליין דעם הייל. אויגוסטין, רעדט מיט גרויס אַכ־טונג וועגן באָסיועטן און איז מסכּים מיט קאַנטס אידעעס, וואָס באַציִען זיך צו דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער מענטשהייטס געשיכטע, ובפֿרט צו דער אַפּאָ־לאָגיע פֿאַר דער ציוויליזאַטאָרישער מיסיע פֿון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניז־מען.

אַ סך פֿון סען־סימאָנס אידעעס האָט איבערגענומען זיין תּלמיד אָגיוסט קאָנט; שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט צעריסן מיטן סען־סימאָניזם, זיינען זיי געניי אַנטוויקלט געוואָרן אין זיין סיסטעם פֿון „פּאָ־זיטיווער פֿילאָזאָפֿיע".

אין דער סיסטעם פֿון שאַרל פֿוריע אָטעמט אַלץ מיט פּראָווידענציאַ־ליזם. זי איז אין פֿולן זינען אַ סאָציאַלע טעאָדיצעיע, — אַ פּאָעמע פֿון אינטעגראַלן אָפּטימיזם, אַן אַפּאָלאָגיע פֿון דער וועלט־געשיכטע (רענואַוויע.) די כּישופֿדיקע קאָסמאָגאָניע, די מיסטישע אַנאַלאָגיעס, די פֿאַנטאַסטישע נביאות — גיבן צו דער סיסטעם דעם כאַראַקטער פֿון טעלעאָלאָגיע, דער־פֿירט ביז פֿולער שלמות. די ליידנשאַפֿטן און נטיות, מיט וועלכע גאָט האָט באַשאָנקען די מענטשן, דינען פֿאַר אַ געווער אויף אויסצופֿירן דעם געטלעכן פּלאַן, וועלכער זעט אויך פֿאָראויס די נייטיקייט פֿון אונטערשיי־דונגען, קאָנטראַסטן, אומגלייכקייטן, קאָנקורענץ. אויב די מענטשן פֿילן זיך אומגליקלעך ביי אַ באַשטימטן סאָציאַלן סדר, דעמאָלט באַטייט עס, אַז זייערע לעבנס־פֿאַרמען טרעטן אָפּ פֿונעם דאָזיקן אידעאַלן פּלאַן. יעדער געשיכטס־פֿאַזע האָט די מיסיע צוצוגרייטן די מענטשן צו אַ העכע־רער פֿאָרעם פֿון אַסאָציאַציע; דאָס שלעכטס האָט געדינט צום דערציִען די מענטשן, אין אים איז אַנטהאַלטן דער קערן פֿון גוטס, און אין דעם ליגט זיין באַרעכטיקונג. פֿאַרשקלאַפֿונג קען ווערן די פֿאַר־הנחה פֿון גליק.

דעספּאָטיזם דינט דער השגחהס פּלאַן. מלחמות און אָקופּאַציעס קענען ברענגען צום צוזאַמענהעפטן די מענטשהייט און צום איינשטעלן אייביקן שלום. מערקווירדיק, שאַרל פוריע, וועלכער האָט אַפּנים ניט געקענט קאַנטן, האָט אומאָפּהענגיק פון אים אַנטוויקלט כמעט אידענטישע פינאַ־ליסטישע קאָנצעפּציעס.

דער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון גוטס אויס שלעכטס מיט דער הילף פון אַ סינטעז פון קעגנזאַצן — שפּילט אַ גרויסע ראָלע ביים פוריעריסט קאָנסידעראַן, און אויך ביי אייניקע אַנדערע פוריעס תלמידים (פּאַמפּערי, לע מואַן). אַזוי, לויט קאָנסידעראַנען, באַשטייט די מיסיע פון דער בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אין דעם, זי זאָל אַנטוויקלען יענע באַדינגונגען פון טעכניק און קולטור, וועלכע זיינען נייטיק אויף איינצושטעלן סאָציאַליזם אין לעבן פון דער מענטשהייט.

פּיער לערו איז אויך געגאַנגען מיטן דרך פון דער טעלעאָלאָגישער און פּראָווידענציאַליסטישער דאָקטרין פון סען־סימאָן און באַזאַר. צו־זאַמען מיט זשאַן ריינאָ (וועלכער איז אויך אַרויסגעקומען פונעם סען־סימאָניזם), האָט ער געפּריידיקט שטאַרק־מיסטישע אידעעס. פּיער לערו האָט אַפּעלירט צו לעסינגן, וואָס זיינע פּראָווידענציאַליסטישע אידעעס האָבן מיר אויבן אַרומגערעדט. לויט פּיער לערו, איז דאָס שלעכטס געווען נייטיק, מיטן געזעץ פון היסטאָרישער דיאַלעקטיק, אויף צו דערציען די מענטשהייט. עס איז געווען אַ נויטווענדיקייט און עס איז געווען אַ ברכה פאַרן מענטשן דאָס, וואָס ער איז בהדרגה געווען אַ שקלאַף פון דער פאַמי־ליע, פון דער נאַציע, פונעם אייגנטום, — דאָס אַלץ איז צום „פאַרפולקאָמען דעם באַשאַף" און פאַר זיין „ענד־ציל".

ביים קאָלעקטיוויסט פּעקער טרעפן מיר אַ צוזאַמענגעגאָסענעם איינ־פלוס פון טעלעאָלאָגישן פּראָווידענציאַליזם און פון פוריעריסטישן פּראָווי־דענציאַליזם. אויך ער רעדט וועגן די „ענד־סיבות" און די „פאַרהוילענע וועגן" פון דער השגחה.

מיט טעלעאָלאָגיע איז דורכגעדרונגען אויך די סיסטעם פונעם קאָ־לעקטיוויסט־ספּיריטואַליסט קאָלענס, וועלכער האָט בשעתו געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן פּראָגראַם און וועלט־באַנעם פון די בעלגישע סאָציאַליסטן. פונעם יאָר 1834 אָן האָט ער כסדר געטענהט, אַז „אַלץ וואָס עקסיסטירט היינט — איז געווען אַ ברכה פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער אַ קללה פאַר דער צוקונפט". אין זיין סאָציאַלער פילאָזאָפיע פאַר־נעמט אַ צענטראַל אָרט די דיאַלעקטיק פונעם געבוירן גוטס דורכן שלעכטס; זי אַנטהאַלט אין זיך די אַנערקענונג פון די מיסיעס פון אַלע פאָרמען אונ־טערדריקונג, עקספּלואַטאַציע, פאַרשקלאַפונג, קלאַסן־הערשאַפט, סאָציאַלע אומגלייכקייט, אַלע דעספּאָטיזמען, און די אַפּאָלאָגיע פון זייער נייטיקייט

און צייטווייליקער צוועקמאַסיקייט (אַפילו די באַרעכטיקונג פון דער אינקוויזיציע), ביז ווי לאַנג די דאָזיקע רעזשימען זייַנען נייטיק צום פאַרווירקלעכן זייערע ציוויליזאַטאָרישע מיסיעס. אין דער זעלבער צייט פּראָקלאַמירט זי, אַז נאָכן פאַרענדיקן זייער מיסיע איז זייער פאַרשווינדונג אומפאַרמיידלעך.

דער „אַנטי־טעאיסט" פּרודאָן געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון די טעלעאָלאָגישע איבערבלייבעכצן ניט אין קיין קלענערער מאָס, איידער אַנדערע גלויביקע מיסטיקער. עס איז באַקאַנט, אַז ביים אויסאַרבעטן זיין פולע מיט ווידערשפּרוכן וועלט־אַנשויאונג האָט פאַר פּרודאָנען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סען־סימאָן און פוריע, קאַנט און קאַנט, העגעל און די „היסטאָרישע רעכטס־שול". אויך ביי פּרודאָנען פירט אָן מיט דער געשיכטע די לאָגיק. די מענטשהייט — דאָס איז אַ מיסטישער אָרגאַניזם, וועלכער איז זיך קיינמאָל ניט טועה און באַפרידיקט שטענדיק זיינע נויטבאַדערפעניש[ן] אויף אַ געהעריקן אופן. דער היסטאָרישער פּראָצעס ווערט אידעאַליזירט, ווי אַ סיסטעם פון אימאַנענטן פּראָגרעס אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער געטלעכער גלייכהייט. די דיאַלעקטיק פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג זאָרגט וועגן דעם, אַז דאָס שלעכטס אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש[ן], נאָכדעם ווי זיין מיסיע פון דערציאונג און אָרגאַניזאַציע איז אויסגעפירט געוואָרן, זאָל פאַרביטן ווערן דורך זיין קעגנזאַץ און אַזוי אַרום געבוירן פון זיך דאָס גוטס. אַלע ביז־היינטיקע פאָרמען פון מאַטעריעלער און גייסטיקער אונטערדריקונג — די מלחמות, פאַרגעוואַלטונגען, דעספּאָטיזמען, קאַסטעס, רעליגיעס, מאָנאָפּאָליעס, די רענטע, דאָס „אייגנטום", די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע — האָבן געהאַט זייער צייטווייליקע מיסיע און באַרעכטיקונג: זייער ציל איז געווען אויפצוהייבן די מענטשהייט צום רעזשים פון מעגלעכער און אומפאַרמיידלעכער עמאַנסיפּאַציע.

ענדלעך, די לערע פון מאַרקסן טראָגט טיפע איינפלוס־שפּורן — פונעם טעלעאָלאָגישן געדאַנק, געירשנט פון די פאַרגענגער. אויף די אידעעס פון מאַרקס און ענגעלס האָבן געלאָזן אַ חותם סען־סימאָן און די סען־סימאָניסטן, פוריע און קאָנסידעראַן, די דייטשע פילאָזאָפיע און העגעל, די „וואָרע סאָציאַליסטן" (קאַרל גריון, מאָזעס העסס) און פּרודאָן. די עלעמענטן פון טעלעאָלאָגיע, וואָס דער מאַרקסיזם האָט איינגעזאַפּט, זיינען אין אים פאַרדעקט מיט אַ מאַטעריאַליסטישן שלייער. פּונקט ווי אין די פּראָווידענציאַליסטישע סיסטעמען, אַזוי איז אויך אינעם מאַרקסיזם — טרעטן אויף די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, קלאַסן און סאָציאַלע איינריכטונגען אויף דער סצענע דעמאָלט, ווען עס איז געקומען זייער ריי, און זיי ווירקן און פונקציאָנירן אַזוי לאַנג, ווי זיי פירן אויס זייער מיסיע;

זיי טרעטן אָפּ אויף דער היסטאָרישער אַרענע זייער פּלאַץ פאַר אַנדערע פאָרמען און קלאַסן, ווען דאָס פאָדערט זיך דורך דעם נייעם מצב פון די פּראָדוציר־כוחות. די אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, וועל־כער ברענגט אַרויס דיאַלעקטיש דאָס גוטס פונעם שלעכטס און פירט כסדר צו אַלץ העכערע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; די אידעאַלי־זאַציע פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע, וועלכע פירט, לויט מאַרקס׳ פּראָג־נאָז, צו דער גאָלדענער תקופה פון סאָציאַליזם; די אידעאַליזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט ווי אַן אויסדערוויילטן קלאַס און — לויט אַ משיחישער סכעמע — ווי דעם אמתן טרעגער און רעאַליזאַטאָר פונעם סאָציאַליזם, — דאָס אַלץ ווערט פאַרבונדן מיט אַן אַפּאָלאָגיע פון סאָציאַלע אונטערדרי־קונגס־פאָרמען (ווי למשל שקלאַפעריי), וואָס זיינען געווען צום בעסטן צו־געפּאַסט צו די באַדערפענישן פון דער עפּאָכע און געדינט דעם צוועק פון דערציאונג און אָרגאַניזאַציע. די פּערזענלעכקייטן און קלאַסן זיינען אַן אומבאַוואוסטזיניק געוועיר פונעם געזעץ פון דער מיסטישער דיאַלעקטיק. ווערט די געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש רייף, געפינט זי איר באַפרידי־קונג. די בורזשואַזיע און דער קאַפּיטאַליזם האָבן געהאַט די מיסיע צו־צוגרייטן די מאַטעריעלע יסודות פאַר דער סאָציאַליסטישער פאָרעם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; די מיסיע פונעם פּראָלעטאַריאַט באַשטייט אין דעם, ער זאָל די דאָזיקע פאָרעם פאַרווירקלעכן. דאָס וועט זיין די לעצ־טע קלאַסן־רעוואָלוציע און צוזאַמען מיט דעם — דער סוף פון יעטוועדער קלאַסן־הערשאַפט. די אייזערנע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג פירן צו דער דאָזיקער איבערקערעניש מיט אַ פאַטאַלער נויט־ווענדיקייט.

מיר זעען די אַנאַלאָגיעס, וועלכע פאַרבינדן דעם מאַרקסיזם — דורך העגעלן און קאַנטן, באַזאַרן און סען־סימאָנען — מיט לעסינגן און הער־דערן, און ווייטער מסתמא מיט באָסיועטן, און נאָך ווייטער אַרויף מיטן הייל. אויגוסטין און אָריגען. אָט דאָס איז די גענעטישע ליניע, וועלכע שטייגט פון די טעלעאָלאָגישע עלעמענטן פונעם מאַרקסיזם ביז די מקור־ראשונ׳ס, וואָס — ווי עס שיינט — זיינען עס די פאָטערס פון דער קריסט־לעכער קירך.

די מיסטיש־טעלעאָלאָגישע איבערבלייבעכצן, וואָס ליגן ווי באַלאַסט אויף די סאָציאַליסטישע טעאָריעס, האָבן דעגראַדירט זייער ווערט מיט זייערע אַנטי־וויסנשאַפטלעכע באַשטאַנד־טיילן און זיי האָבן געבראַכט שאָדן דער פּאָזיטיווער שעפערישקייט פונעם סאָציאַליזם. זייערע ווייטע פּועל־יוצא׳ס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אייניקע פון די אידעאישע סיבות, אַדאַנק וועלכע עס איז, אַגב, מעגלעך געוואָרן די היינטיקע קאַטאַסטראָפע.

# פערטער בוך

## סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און
## געזעלשאַפטלעכער אידעאַל

## קאַפּיטל זיבעצן

# די פאָרמול פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל

### 1

דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל שטעלט פאָר אַ טאָפּעלן כאַראַק־טער: אַ באַפרייערישן אָדער נעגאַטיוון, און אַ קאָנסטרוקטיוון אָדער פּאָזי־טיוון. מיט זיין ערשטן כאַראַקטער דריקט ער אויס דעם קעגנזאַץ צום היינטיקן מצב, צו די היינטיקע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און — אויף אַ מער אַלגעמיינעם אופן — צום מצב העניגים, וואָס איז געשאַפן דורך דער געשיכטע; ער פאָרמולירט די פאַרלייקענונג פון עבר און קעגנ־וואַרט, בנוגע באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וועלכע האָבן עקסיסטירט און עקסיסטירן נאָך ווייטער. מיט זיין צווייטן כאַראַקטער שטעלט ער פעסט דאָס אויסבילדן זיך פון באַציאונגען, וועלכע האָבן געקענט ניט עקסיסטירן אין דער פאַרגאַנגענ־הייט: ער לייגט אַוועק די יסודות פאַר סאָציאַלע פאַרענדערונגען, וועלכע שמידן די נייע צוקונפט. מיט זיין נעגאַטיוון כאַראַקטער בפרט נעמט אָן דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל דעם אַספּעקט פון אַן אוניווערסאַלן און פּערמאַנענטן אידעאַל. מיט איר פּאָזיטיווער נאַטור הויפּטזעכלעך, נעמט אָן די פאָרמול פונעם אידעאַל די פאָרעם פון אַ געוויסער קאָנקרעטער טעכנישקייט, וועלכע איז פעאיק צו עוואָלוציאָנירן במשך פון דורות, אין פאַרלויף פון פאַרשידענע עפּאָכעס, אָבער קען ניט אַנטוויקלען די מעגלעכ־קייטן, וואָס זיינען אין סתירה צו די נעגאַטיווע פּאָסטולאַטן.

די היסטאָרישע רעאַלקייט און די היסטאָרישע דערפאַרונג האָבן אויסגעטיילט עלעמענטן פאַר דער לייזונג פון ביידע קאָמפּלעקסן פונעם סאָציאַלן אידעאַל. מיר קענען גאָרנישט ניט שאַפן פון גאָרנישט. דער אי־דעאַל שאַפט זיך אָדער אין פּראָצעס פון פאַרלייקענען די עקסיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן, אָדער מיטן וועג פון פאַרפעסטיקן אַ נייעם מצב, וועל־כער ווערט געבויט דורכן מאַטעריאַל פון די עקסיסטירנדיקע עלעמענטן, אָבער איבערפאָרמירט אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער בויאונגס־לאָגיק; דערביי באַזירט מען זיך אויף די שוין געמאַכטע היסטאָרישע עקספּערימענטן אָדער מען גייט אַרויס פון די נעגאַטיווע פאָר־הנחות, וואָס דערמעגלעכן צו פאַרווירקלעכן די דערפאַרונגען פון פּאָזיטיווער בויאונג.

— דערפֿאַרונגען, וואָס פֿאַלן צונויף מיט דעם, וואָס איז באַקאַנט מכוח דער מענטשישער נאַטור און מכוח די שטרעבונגען פֿון יחידים און מאַסן.

דער סאָציאַלער אידעאַל עקסיסטירט נאָר פֿאַרן מענטשן, וואָס לעבט אין אַ געזעלשאַפֿט. פֿאַרן איזאָלירטן און אַ־סאָציאַלן מענטשן איז ניטאָ קיין געזעלשאַפֿטלעכער אידעאַל. די סאָציאַלע פֿאַרבינדונגען האָבן זיך געשאַפֿן צוליב צוועקן פֿון סאָלידאַריטעט, צוליב קאָלעקטיווער אַרבעט, צוליב דער אַרבעט־פֿאַרטיילונג, צוליב דער אינטענסיפֿיצירונג פֿון דער לעבנס־אָנשטרענגונג, צוליב קאָלעקטיווער פֿאַרטיידיקונג און צוליבן קאָלעקטיוון קאַמף, צוליב די צילן פֿון זיכערקייט און אָרדענונג. אָבער זיי האָבן אויך געשאַפֿן פֿאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן אייניקע גרופּעס אָוועקגעשטעלט אין אַ מצב פֿון אַקטועל־ אָדער פּאָטענציעל־נידעריקערע אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע. עס זיינען אַנטשטאַנען סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען. צוזאַמען מיט זיי איז אַנטשטאַנען די פּראָבלעם פֿון עמאַנסיפּאַציע.

די געשיכטע האָט געוואוסט און וויס פֿון פֿאַרשידענע פֿאָרמען אונטערדריקונג, פֿאַרשקלאַפֿונג, עקספּלואָטאַציע און סאָציאַלע אומגלייכקייט. ווי מיר האָבן געזען אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלעך, זיינען די כראָניקעס פֿון דער געשיכטע פֿאַרפֿולט מיט גרויזאַמע קאַמפֿן צוליב אָט די סאָציאַלע אַנאַטאַגאָניזמען. אַזאַ סאָרט קאַמף וועט מוזן אויפֿהערן נאָכן נצחון און נאָך דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון געוויסע פּרינציפּן פֿונעם העכסטן געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל.

יעדער רעזשים פֿון אונטערדריקונג, פֿאַרשקלאַפֿונג און עקספּלואַטאַציע איז נויטווענדיקערוויז פֿאַרבונדן מיט באַשטימטע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלער אומגלייכקייט. וואָס איז שייך ווידער די לעצטע, דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז געוויסע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלער אומגלייכקייט קענען אַנטשטיין און קומען אויף אַפֿילו ביי אַזעלכע רעזשימען, וואו עס פֿעלט אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע אין אייגנטלעכן זינען, און אַפֿילו ביי רעזשימען, וואו ראַציאָנעלע פּלאַניפֿיקאַציע וואָלט געקענט באַזייטיקן די צרות, וואָס נעמען זיך פֿון דער אַנאַרכיסטישער פּראָדוקציע, פֿון דער אומגעצוימטער קאָנקורענץ, פֿון עקסטרעמען אינדיווידואַליזם, וועלכער איגנאָרירט די פֿאָדערונגען און התחייבותן פֿון מענטשלעכער סאָלידאַרישקייט. קאָן דעמאָלט אויפֿקומען די פֿראַגע, צי קען די פֿולע סאָציאַלע גלייכקייט דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פֿון אַ גרונטנאָרמע פֿונעם סאָציאַלן אידעאַל. בעיקר רעדט זיך דאָ וועגן די פֿאַראַדיטישע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלער אומגלייכקייט, ד"ה וועגן אַזעלכע, וואָס זיינען אַרויסגערופֿן ניט דורך די פֿאָדערונגען פֿון אַרבעטס־טיילונג אָדער דורך באַדינגונגען פֿון אומגלייכקייט אין די כוחות און פֿעאיקייטן פֿון דער געזעלשאַפֿטס מיטגלידער. אַפֿילו אין אַ פּלאַניפֿיצירטער געזעלשאַפֿט,

אָן אַ „קלאַסן"־סטרוקטור אין ענגן זינען פון וואָרט, אָן קאַפּיטאַליזם און אָן שטרענגן אינדיווידואַליזם, איז מעגלעך, עס זאָלן אויפגעהיט ווערן טיפן פון סאָציאַלער אומגלייכקייט. דאָ גייט ניט נאָר וועגן אַ מעגלעכער צונויפפאַלונג ,עס זאָל עקסיסטירן אַזאַ מין סאָציאַלע סטרוקטור צוגלייך מיט פּאָליטישער פֿאַרשקלאַפֿונג, צוגלייך מיט אויסטערלישער אומגלייכקייט צווישן די פירער און די געפירטע, ווי למשל אין דער ביז־קאָלומבוס־פּערו־צייט, בעת די אינקען, אָדער גאָר אין היינטיקן ראַטן־רוסלאַנד. נאָר מען קען זיך אַפילו פֿאָרשטעלן אַ פולשטענדיק דעמאָקראַטישע און אידעאַל־פּלאַניפיצירטע אָרדענונג, וואו עס זאָל עקסיסטירן אַ היעראַרכיע פון עקאָנאָמישע אומגלייכקייטן אין פֿאָרעם פון פילבאַרע אונטערשידן אין דער פֿאַרטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה, — דערביי אָן שום זאָרג וועגן דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די בירגער, אָפּהענגיק פון די אונטערשידן אין זייערע פעאיקייטן און טאַלענטן. דאָרט וואו סאָציאַלע אַנטינאָמיעס זיינען אומפֿאַרמיידלעך אָדער שיינען צו זיין אומפֿאַרמיידלעך, באַדאַרף מען זוכן לייזונגען אָדער רעכטלעכע, מעגלעך וואָס ווייניקער ווייטע פונעם עגאַליטאַרן פּרינציפּ, אָדער מאָראַלישע און מאָראַליש־פעסטגעזעצטע, וואָס אַפּעלירן צו די פרייוויליקע קרבנות פון די ספּעציעלע עליטעס.

די פֿאָרמול פון העכסטן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל דאַרף, בכן, איינשליסן ראשית־כל די עמאַנסיפּאַציע־פּרינציפּן, אָדער די פּרינציפּן פון נעגאַטיוון מין, דורך וועלכע עס ווערן אויסגעדריקט די וויטערדיקע פֿאָדערונגען: באַזייטיקן יעדן מין אונטערדריקונג, פֿאַרשקלאַפֿונג און עקספּלואַטאַציע, פון פּאָליטישן מין, צי פון עקאָנאָמישן, נאַציאָנאַלן, ראַסן־ און ביאָלאָגישן, מאַטעריעלן און מאָראַלישן מין; אויך צו באַזייטיקן יעדע פֿאָרעם פּאַראַזיטישע סאָציאַלע אומגלייכקייט, ד"ה יענע סאָציאַלע אומגלייכקייט, וואָס קומט ניט אַרויס נויטווענדיקערוויז פון דער עקסיסטענץ גופא פון די סאָציאַלע פֿאַרבינדונגען (ווי די אַרבעט־טיילונג) און פון דעם, וואָס עס עקסיסטירן אונטערשידן אין די כוחות און פעאיקייטן פון דער געזעלשאַפטס מיטגלידער. דאָס זיינען די פּרינציפּן פון פרייהייט, סאָציאַלער גלייכקייט און — עמאַנסיפּאַציע פון יעדן מין עקאָנאָמישער, מאַטעריעלער און מאָראַלישער עקספּלואַטאַציע.

ווייטער, די פֿאָרמול פון העכסטן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל שטעלט און פֿאַרענטפֿערט די קאָנסטרוקטיווע און פּאָזיטיווע פּראָבלעם, וועלכע באַשטייט אין דעם, עס זאָלן געשאַפן ווערן די סאָלידאַרישקייט־פֿאָרמען, וואָס לאָזן זיך פֿאַרווירקלעכן אין דער סאָציאַלער אָרדענונג און וואָס באַפרידיקן די טאָפּעלע פֿאָדערונג: ניט נאָר דאַרפן אין זיי געפינען דעם פולן אויסדרוק — די באַפרייערישע פּרינציפּן, נאָר די פֿאָרמען פון סאָ־

ציאַלער סאָלידאַרישקייט דאַרפֿן אויפֿן בעסטן אופֿן אויסבילדן דעם מאַק־סימום געזעלשאַפֿטלעכן גליק און וואוילשטאַנד פֿאַר די בירגער, זיי דאַרפֿן העלפֿן דער שטענדיק פּראָגרעסיוועך אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿטס פּראָדוציר־כּוחות, פֿון אירע מאַטעריעלע און מאָראַלע ווערטן, זיי דאַרפֿן העלפֿן אויסבעסערן די סטרוקטור פֿון דער געזעלשאַפֿט און אַנטוויקלען די מאָראַל און אַחדות, פֿאַרפֿעסטיקן דעם פּראָגרעס גופֿא, מאַכן פֿאַרשווינדן די געוואַלט־פֿאָרמען פֿון קאַמף, און קולטיווירן ביי די בירגער דאָס געפֿיל פֿון נייטיקייט צו ברענגען קרבנות פֿאַר די העכסטע ווערטן פֿונעם געזעל־שאַפֿטלעכן אידעאַל. אינעם אידעאַל ליגט אַן עטישער פֿונדאַמענט.

ווי אַזוי זאָל מען רעאַליזירן פּראַקטיש און טעכניש די באַדינגונגען, וואָס זיינען נייטיק, כּדי אַזאַ מין סאָציאַלער אַפּאַראַט זאָל פֿונקציאָנירן אין פֿולער האַרמאָניע מיט די צילן, וועלכע דער אידעאַל פֿאָדערט? אויפֿן וועג פֿון אַ פּלאַנירטער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך אויסשפּרייטן אויף אַלע פֿונקציעס; יענע טעטיקייטן, וואָס זיינען איבערגעלאָזט בלויז פֿאַר איינצל־נע יחידישע איניציאַטיוועס, אויסער דער האַרמאָנישער אַחדות, וואָלטן דאָך געווען מאַכטלאָז אין זייער שטרעבן צו שאַפֿן דעם נייטיקן גלייכגעוויכט.

אַזאַ מין פּלאַניפֿיקאַציע לאָזט זיך פֿאַרווירקלעכן מיט דער ליניע פֿון פֿאַרשידענע מעגלעכקייטן. איינע פֿון זיי באַשטייט אין דעם, עס זאָלן מלוכהש אינטעגראַל פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט ווערן די פֿונקציעס פֿון ווירט־שאַפֿטלעכן מאַטעריעלן און מאָראַלן לעבן, אין די ראַמען פֿון אַ נאַציאָנאַלער אָדער — אויף נאָך אַ העכערער אַנטוויקלונגס־מדרגה — פֿון אַ וועלט־דעמאָקראַטיע. אַ צווייטע מעגלעכקייט איז, עס זאָל זיך שאַפֿן אַ סיסטעם פֿון פֿרייען אַסאָציאַציאָניזם, וואָס איז דורך אַן אָפּמאַך פֿאַרבונדן מיט דער מלוכה און ווערט קאָנטראָלירט דורך די אָרגאַנען פֿונעם קאָלעקטיוו. אַ דריטע מעגלעכקייט קען געפֿינען איר אויסדרוק — ביי אַ באַשטימטן מצב פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער טעכניק — אין דער טעטיקייט פֿון יחידישע אונטערנעמונגען און איניציאַטיוועס און אין אַ דעצענטראַליזירטער אַר־בעט פֿון די בירגער; דערביי דאַרפֿן די דאָזיקע אונטערנעמונגען און אַרבעט זיין קאָאָרדינירט מיט דער מלוכהשער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג ווי אַ יסוד, זיי דאַרפֿן זיין פּלאַניפֿיצירט אין פֿאָרעם פֿון אָפּמאַכן מיטן קאָלעקטיוו און זיי דאַרפֿן פֿריי פֿונקציאָנירן אין די גרענעצן, וואָס זיינען איינגעשטעלט דורך אַלע אָפּמאַכן. די פֿאַרשידענע מעגלעכקייטן קענען זיך ענדערן אין צייט און שטח, אָפּהענגיק פֿון דער טעכניק, און פֿון די מאַטעריעלע, פּסי־כאָלאָגישע און מאָראַלישע תּנאים. דער עיקר איז — צו פֿאַרווירקלעכן אין לעבן די צילן פֿונעם אידעאַל.

אַזוי אַרום נעמט אָן די קאָנקרעטע פֿאָרמולע פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל — אָט אַזאַ מין סינטעטישן אויסזען: די פֿולקאָמסטע פֿאַרווירקלע־

כונג פון די באַדינגונגען פון פרייהייט און די באַזייטיקונג פון אַלע פאָרמען פּאַראַזיטישער אומגלייכקייט; די פאַרווירקלעכונג פון אַ רעזשים, ביי וועלכן עס זאָלן אומגעבראַכט ווערן און אוממעגלעך געמאַכט ווערן אַלע פאָרמען פון פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך אַ צווייטן, און ביי וועלכן אַלע שעדלעכע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען זאָלן עלימינירט ווערן; ווייטער, די פּאָזיטיווע בויאונג פון אַן אָרדענונג, וואו די איינגע־שטעלטע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַרישקייט זאָלן פאַרזי־כערן — ביי אַ סיסטעם פון קאָאָרדינירטע און פּלאַניפיצירטע טעטיקייטן — דעם מאַקסימום וואוילשטאַנד פאַר אַלע בירגער און זייער זעלבסט־ווירדע; מאָראַליש און אינטעלעקטועל זאָלן די בירגער דערהויבן ווערן, עס זאָל מעגלעך ווערן די אומבאַגרענעצטע פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און דערביי זאָל — ביי באַדינגונגען פון דינאַמישן גלייכ־געוויכט — זיין אויסגעשלאָסן יעטוועדע פאָרעם פון קאַמפן בגעוואַלט צו־ליב דעם נצחון פון די אָדער אַנדערע פּריוואַטע פאָדערונגען.

## 2

די אַלגעמיינע פאָרמולע פונעם סאָציאַלן אידעאַל נעמט אַרום אַלע באַפרייערישע און קאָנסטרוקטיווע פּרט־אידעאַלן, וואָס יעדער פון זיי באַ־זונדער קען ניט פּרעטענדירן ניט אויף אַנטקעגנצושטעלן זיך לגבי דעם אַלגעמיינעם אידעאַל, ניט אויף צו פאַרבייטן אים בכלל. דער טייל פונעם גאַנצן איז קיינמאָל ניט עקוויוואַלענט צום גאַנצן.

ניט דער אידעאַל פון עקאָנאָמישער באַפרייאונג אַליין, ניט דער אידעאַל פון פּאָליטישער באַפרייאונג אַליין, ניט דער אידעאַל פון נאַציאָ־נאַלער צי ראַסן־באַפרייאונג, ניט דער אידעאַל ווידער פון דער פרויען־עמאַנסיפּאַציע, ניט דער אידעאַל פון פאַרניכטן דעם קלאַסן־רעזשים, ניט דער אידעאַל פון באַשאַפן אַ פּלאַניפיצירטע אָרדענונג אָדער אַ נאַציאָנאַ־ליזירטע ווירטשאַפט, צי אַן עגאַליטאַרן אין עקאָנאָמישן פּרט רעזשים, אאַ״וו, — אָט די אַלע אידעאַלן — יעדער באַזונדער און פאַר זיך — קענען ניט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון דעם אוניווערסאַלן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל. יעדער פון אָט די פּרט־אידעאַלן קען זיין פאַרקערפּערט אין לעבן — און דערביי זאָל עס ניט ברענגען די אַלגעמיינע לייזונג פונעם פּראָבלעם פון סאָציאַלן שלעכטס אין דער וועלט, ווי אויך עס זאָל זיך ניט שאַפן דער דינאַמישער גלייכגעוויכט, וואָס מאַכט אומנוצלעך און אוממעג־לעך די געוואַלט־פאָרמען פון קאַמף פאַרן נצחון פון אַנדערע גערעכטע צילן. נאָך מער, דער נצחון פון נאָר איין פּרט־אידעאַל באַזונדער קען — פאַר זיך גענומען — ניט שטערן, ניט נאָר עס זאָלן זיך איינהאַלטן די

צי אַנדערע אַלטע פאָרמען פונעם שלעכטס, נאָר אויך אַז זיי זאָלן זיך פאַר־שאַרפן צי עס זאָלן זיך גאָר באַווייזן נייע פאָרמען פון שלעכטס.

אַגב, די פּראָבלעם פון ליקווידירן דעם „קאַפּיטאַליזם" — דאָס איז נאָר אַ פּרט־אידעאַל, און ווי אַ טייל קען ער אַריינגיין אינעם מהות פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אַפילו אין די הײַנטיקע לעבנס־באַדינגונגען קען מען ניט דעם קאַפּיטאַליזם — פאַר זיך גענומען — האַלטן פאַרן איינציקן און דעם איינציק־וועזנטלעכן שלעכטס פון אונזער סאָציאַלן רעזשים. קאַפּיטאַליזם באַטײַט אַ באַזונדער פאָרעם פון אַן אינדיווידואַליסטישער אָרדענונג (ד"ה פון אַזאַ, וואָס איז ניט פּלאַנירט, און איר יסוד איז פרײַ־וואַט־אייגנטום), און זי ווערט אין אַ געוויסער מאָס כאַראַקטעריזירט אָט מיט וואָס: עס עקסיסטירן צוויי קלאַסן — אַ הערשנדיקער און אַן אונטער־געאָרדנטער, איין קלאַס ווערט עקספּלואַטירט דורכן צווייטן, אין דער פּראָדוקציע פעלט קאָאָרדינאַציע און עס הערשט אַנאַרכיע, ביים אונטער־נעמערישן קלאַס הערשט דער פּראָפיט־אינטערעס איבער אַלע אַנדערע אינטערעסן, צווישן די אונטערנעמונגען גייט אָן אַ קאָנקורענץ אָן שום סדר, צווישן די סאָציאַלע קאַטעגאָריעס איז אַן אומגלייכקייט, דאָס לעבן און די אַרבעט זיינען אומפאַרזיכערט, קריזיסן און רואינירונגען קומען פאָר אָפט, אין דערווירטשאַפט גייען אָן רויבערישע מעטאָדן, די אַרבעט־לאָזיקייט — אָט וואַקסט זי, אָט פאַלט זי, די אַרבעטנדיקע מאַסן ליידן כסדר. אָבער דאָס פאַרשווינדן פונעם קאַפּיטאַליזם — אַליין פאַר זיך — באַטײַט נאָך ניט דאָס פאַרשווינדן פונעם אינדיווידואַליזם. פון דער אַנ־דער זייט, קאַפּיטאַליזם איז אַ קאַטעגאָריע אַן עקאָנאָמישע, און די ליק־ווידאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם הייסט נאָך ניט, אַז עס וועלן פאַרשווינדן אַלע פאָרמען פון פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע און סאָציאַלער אומגלייכ־קייט, וועלכע האָבן ניט קיין עקאָנאָמישן כאַראַקטער: פּאָליטישע אונטער־דריקונג, פאַרפאָלגונג פון רעליגיעס, נאַציאָנאַלע און ראַסן־פאַריאָכונג, אויסטערלישע היעראַרכיע פון הערשאַפט ביים פאַרטיילן די געזעלשאַפט־לעכע אַרבעט. די פאַרניכטונג פון קלאַסן־אָרדענונג פאַרניכטעט נאָך ניט די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און יענע קאַמפן, וואָס פאַרבלייבן אויסער דער פלאַכקייט פון ריינע קלאַסן־פאַרהעלטענישן.

לאָמיר איצט זאָגן, אַז ניט נאָר עס איז פאַרניכטעט די עקאָנאָמישע קלאַסן־היעראַרכיע, אַזוי ווי זי עקסיסטירט אין די פאַרהעלטענישן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, נאָר אַז די פּראָדוקציע איז סאָציאַלי־זירט, און דערביי ניט אויפן אופן פון דער סאָוועטיש־קאָמוניסטישער קאַ־ריקאַטור. בלייבט אָבער דעמאָלט, ראשית־כל, די איבערקערעניש אַ ריין־עקאָנאָמישע, און עס בלייבט נאָך אַן אָפן פעלד פאַר אַלע אַנדערע פאָרמען פון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, אונטערריאָכונגען, עקספּלואַטאַציע, אומגלייכ־

קייט, מיט די אַנטשפּרעכנדיקע קאָמפּס־פּערספּעקטיוון, וואָס באַדראָען דער געזעלשאַפטס דינאַמישן גלייכגעוויכט און זייַנען געפערלעך אין פּרט פון אַ מעגלעכער דעגראַדאַציע פון דער געזעלשאַפט ביז — ווער ווייס וואָס פאַר אַ מצב.

עס וועלן ניט זיין קיין „קלאַסן". עס וועלן זיין קאַטעגאָריעס אַרבעטער, וואָס וועלן פאַרשידן באַלוינט פאַר זייער פּראַצע. עס וועלן זיין קריגערייען, מחלוקתן און בלתי־ספק קאַמפן פאַרן זיג פון דעם אָדער אַנדערן פאַרטיילונגס־פּרינציפּ: יעדערן לויטן פּראָדוקט פון זיין אַרבעט; יעדערן אַנטשפּרעכנדיק צו זיינע פעאיקייטן; יעדערן לויט זיינע נויטבאַדערפענישן; אַבסאָלוטע גלייכקייט אין דער פאַרטיילונג; יעדער נעמט וויפל ער וויל פון דער מאַסע פּראָדוקטן. עס וועט זיין אַן אַנטאַגאָניזם צווישן פאַרשידענע קוואַליפיקאַציעס פון אַרבעט, צווישן פאַרשידנאַרטיקע מדרגות פון דער פּראָדוקציע־היעראַרכיע ובכלל צווישן פאַרשידענע מדרגות פון דער סאָציאַלער היעראַרכיע: צווישן די פאַרוואַלטערס און פאַרוואַלטעטע, צווישן די אָנהענגער פון מלוכהשן צוואַנג און די חסידים פון אַנאַרכישן פּרינציפּ. דאָס וועט ניט זיין קיין „קלאַסן"־קאַמף אינעם שטרענג־עקאָנאָמישן זינען פונעם דאָזיקן אויסדרוק, נאָר דאָס וועט זיין אַ נייער קלאַסן־קאַמף אין אַ ברייטערן זינען פונעם וואָרט. עס וועלן מעגלעך זיין אַנטאַגאָניזמען און קאַמפן פאַר די רעכט פון געשלעכט און עלטער, צוליב דער לאַגע פון דער פרוי, צוליב דעם חילוק צווישן אַלט און יונג. עס וועלן זיין אַנטאַגאָניזמען און אינטערעסן־היפּוכים צווישן פאַרשידענע טעריטאָריעס פון איינעם און דעם זעלבן לאַנד. עס וועלן זיין אַנטאַגאָניזמען און שטרייטן צווישן פאַרשידענע עטנישע גרופּעס פונעם זעלבן לאַנד צוליב די רעכט פון שפּראַך, קולטור, אויבערהאַנטשאַפט. מעגלעך, אַז אַ טייל טעריטאָריעס און גרופּעס פון לאַנד וועלן „עקספּלואַטירט" ווערן דורך אַנדערע פּראָווינצן און גרופּעס. עס וועלן, מעגלעך, זיין אַנטאַגאָניזמען און שטרייטן צוליב די רעכט פון אויטאָנאָמיע און זעלבסטבאַשטימונג אין איינעם און דעם זעלבן לאַנד. עס וועלן, מעגלעך, זיין אַנטאַגאָניזמען צוליב מאַטעריעלע אָדער אידעאָלאָגישע אינטערעסן, צווישן מערהייטן און מינדערהייטן. עס וועלן שטיין איינס קעגן דעם אַנדערן די אינטערעסן פון פאַרשידענע לענדער, מער פּריווילעגירטע פון איין זייט, און ווייניקער גליקלעכע פון דער אַנדערער זייט, אין פּרט פון נאַטור, קלימאַט, באָדן און נאַטירלעכע רעסורסן, — און דאָס אַפילו ביי דער היפּאָטעזע, ווען עס זאָל עקסיסטירן אַ רעזשים פון צווישנפעלקערלעכער אחדות. עס וועלן, מעגלעך, זיין אַנטאַגאָניזמען צווישן לענדער פון פאַרשידענע ראַסעס, פאַרשידענע קולטורן, צווישן ציוויליזירטע מדינות און אָפּגעשטאַנענע טעריטאָריעס, צווישן קאָלאָניעס און מעטראָ־

פּאָליעס, — עס קען אַפילו דערגיין ביז צו קאַמפן דורך געוואַלט און מלחמות. מען קען זיך אַפילו פאָרשטעלן אַ מעגלעכן קאַמף צוליב גלויבנס, צוליב רעליגיעס, אַפילו צוליב וויסנשאַפטלעכע און קולטור־אידעעס, ביי זייער אָנווענדונג.

פון דעם איז צו זען, אַז דער פּרינציפּ פון פאַרניכטן דעם קלאַסן־רעזשים, אַפילו ווען ער אַסאָציאירט זיך מיט דער איבעראַנדערשונג פונעם עקאָנאָמישן געזעלשאַפט־סדר אויפן יסוד פון אַ סאָציאַליזירטער און פּלאַנירטער עקאָנאָמיע, באַטייט נאָך ניט אַליין פאַר זיך די ליקווידאַציע פון אַלע פאָרמען פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע, פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט און אַלע געוואַלט־פאָרמען פון קאַמף, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך די קעגנזאַצן פון די מאַטעריעלע און אידעאָלאָגישע אינטערעסן. דאָס איז נאָר אַ פּרט־פאָרמולע, וואָס קומט אַריין ווי אַ טייל אינעם אינטעגראַלן אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

די פּרט־אידעאַלן קענען אין אַזאַ אָדער אַנדערער מאָס פאַרקערפּערט ווערן אין לעבן, און דערביי זאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן דער אוניווערסאַלער אידעאַל. אָבער נאָר דורכן לעצטן טאָטאַליזירט זיך די פולע פאַרפולקאָמונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אַזוי ווי מען קען זיך דאָס פאָרשטעלן פאַרן מענטשן.

## קאַפּיטל אַכצן

# די פאָרמולעס פון סאָציאַליזם

### 1

דאַרף מען דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אידענטיפיצירן מיטן אַלגע־מיינעם אָדער אוניווערסאַלן אידעאַל? איז ער אַן אידעאַל אַן אַבסאָלוטער און ענדגילטיקער, אַ שלימותדיקער און פאַרענדיקטער, אָדער איז ער אַ פּרט־אידעאַל, אַ רעלאַטיווער און איבערגייענדיקער? צי איז דער סאָ־ציאַליסטישער אידעאַל אַ קלאַסן־אידעאַל, אַ גרופּן־אידעאַל, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער אידעאַל, אָדער דאָס איז אַ קאַטעגאָריע, וואָס לאָזט זיך ניט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַזאַ אָדער אַנדערער דעפיניציע?

צום ענטפערן אויף די פראַגעס דאַרף מען אַפּריער קאָנסטאַטירן אַט וואָס וויכטיקס: עס איז ניטאָ קיין איין סאָציאַליזם, עס זיינען דאָ סאָציאַ־ליזמען. עס איז פאַראַן אַ פאַרשידנאַרטיקייט אין די פאָרמולירונגען פון סאָציאַליזם.

שטעלט זיך דער סאָציאַליזם צילן און פאַרענטפערט פראַגעס מיט דער פולקייט, וואָס איז אַדעקוואַט צו דער פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, דעמאָלט איז דער אידעאַל פון סאָציאַליזם אידענטיש מיטן אוני־ווערסאַלן אידעאַל, און צווישן ביידע אידעאַלן לאָזט זיך אַוועקשטעלן אַ גלייך־צייכן. אויב אָבער עס עקסיסטירן פאַרשידענע פאָרמולעס פון סאָציאַליזם, אָפּהענגיק פון דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די שולן און אויס־טייטשונגען, און וויבאַלד די באַפרייערישע און קאָנסטרוקטיווע פאָרמו־לעס פון דעם צי אַנדערן סאָציאַליזם כאַפּן ניט אַרום דעם פולן אינהאַלט פון דער פאָרמולע פון אוניווערסאַלן אידעאַל, — דעמאָלט קען אַזאַ אידענ־טיפיצירונג ניט געמאָלט זיין.

אין דערווירקלעכקייט האָבן די סאָציאַליסטישע דאָקטרינעס, בכלל גענומען — אָפּן צי מיט אַ באַהאַלטענער טענדענץ געשטרעבט צו שאַפן פאָרמולעס און אַנצונעמען פּרינציפּן, וועלכע האָבן זיי צוגעגעבן דעם אַספּעקט פון אַ דאָקטרינע פון אוניווערסאַלן אידעאַל. אָבער ניט אַלע מאָל איז די אידענטישקייט דערגרייכט געוואָרן. עס זענען געווען סאָציאַליזמען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אויסדרוק פון בלויז פּרט־אידעאַלן.

געווען סאָציאַליזמען, דורך וועלכע מען האָט אויסגעדריקט בלויז פּרינציפּן פון צייטווייליקע און איבערגייענדיקע אידעאַלן. געווען סאָציאַליזמען, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן אין זיך עלעמענטן, וואָס האָבן ווידערשפּרעכט די אָדער אַנדערע פּרינציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. פון דעם נעמען זיך די פילע מחלוקתן און מיספאַרשטענדענישן. פון דעם — די פיל מתנגדיש־קייט אין די סאָציאַליסטישע שולן. טיילווייז פון דעם נעמען זיך די פיל קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען: מען טרעט אָפּ פונעם אידעאַל, מען איז ניט געטריי, מען האַלט זיך ניט פעסט און מען פאַרראַט.

אין דער זעלבער צייט, ווערט דער סאָציאַליזם פאַרשטאַנען, באַ־טראַכט און אויסגעטייטשט מיט פאַרשידענע כוונות: אַמאָל ווי אַ גאַנצעס, אַמאָל ווי אַ טייל, אַמאָל ווי אַ פאַרפּולקאָמטער, אַמאָל ווי אַ רעלאַטיווער אידעאַל; אַמאָל ווי אַן אַלמענטשלעכער, אַמאָל ווי אַ גרופּן־אידעאַל; אַמאָל ווי אַ ציל, און אַמאָל נאָר ווי אַ מיטל.

דער סאָציאַליזם פאָרמולירט דעם ציל, ער ווייזט אָן די מיטלען. די קוואַליפיקאַציע פונעם סאָציאַליזם דאַרף אַרומנעמען הן דעם ציל, הן די מיטלען. ער פאָרמולירט זיין אידעאַל אָדער אין פאָרעם פון אַ באַשטע־טיקונג, אָדער אין פאָרעם פון אַ פאַרלייקענונג. די פּאָזיטיווע פּראָגראַם איז: פאַרווירקלעכן אַ באַשטימטע סאָציאַלע איבערבויאונג. די נעגאַטיווע פּראָגראַם איז: ענדערן דאָס וואָס עקסיסטירט. אין ערשטן פאַל פאָדערט זיך אַ קאָנפּראָנטאַציע מיט דער פאָרמולע און מיט די קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל. אינעם צווייטן פאַל לאָזט איבער די נעגאַציע אַ ליידיק אָרט פאַר דער אַפירמאַציע (באַשטעטיקונג) און ס׳קומט אויס אַנצואווענדן די אָפּשאַצונג פון דער פאָרמולע ניט אַזוי צו דעם וואָס זי זאָגט, נאָר אויך צו דעם וואָס זי זאָגט ניט; און מען קען זיך דערביי פאָרשטעלן אויסטייטשונגען פון פאַרשידענע מאָדאַליטעטן, וואָס אייניקע פון זיי זענען ניט אַזוי אַדעקוואַט צו די פּרינציפּן פונעם אוניווער־סאַלן אידעאַל אָדער זיי קענען גאָר זיין אין סתירה צו זיי.

אַזוי למשל, דער סאָציאַליזם קען פאָרמולירן זיין מהות, ווי אַ קעגנזאַץ צום קאַפּיטאַליזם, צי בכלל צום קלאַסן־רעזשים, אָדער צו דער אינדיווידואַליסטישער פאָרעם פון צוזאַמענלעבן; אָבער ביי דער פאָר־מולע איז גאָרניט אויסגעשלאָסן, עס זאָל פאַרבלייבן אַ צאָל סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וואָס קענען מיטברענגען געוויסע פאָרמען פון אונטער־דריקונג אָדער פון פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט. דער סאָציאַ־ליזם ווידער פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון פּלאַנירטער פאַרגעזעל־שאַפטלעכונג פון דער נאַציאָנאַלערווירטשאַפט; אָבער די געפּלאַנטע פאַרגעזעלשאַפטלעכונג־פאָרמען קענען עקסיסטירן צוגלייך מיט אייניקע פאַרבליבענע אַנטאַגאָניזמען פון עקאָנאָמישן און ניט־עקאָנאָמישן כאַראַק־

טער, אָדער זיי קענען דינען בלויז ווי אַן עטאַפּ צו נאָך העכערע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלער סטרוקטור, וואָס ווערן פּאָסטולירט דורכן אוניווערסאַלן אידעאַל. אינעם לעצטן פֿאַל קומט אויס צו אָנערקענען אַ היעראַרכיע פֿון סאָציאַליזמען, וואָס ווערן פֿאַרווירקלעכט אין פֿאָרעם פֿון מאָדאַליטעטן אָדער אין פֿאָרעם פֿון עטאַפּן, אין רוים און אין צייט.

די סאָציאַליסטישע דאָקטרינע אַליין איגנאָרירט די פֿילפֿאַכיקייט פֿון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, די פֿילפֿאָרמיקייט פֿון אונטערדריקונג, עקספּלואָטאַציע און פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט; אַלס יסוד פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער איבערבויאונג נעמט זי די ליקווידאַציע פֿון בלויז איין באַשטימטן אַנטאַגאָניזם, דאָס זאָל זיין דער גרונט־און מאָנאָפּאָל־אַנטאַגאָניזם; — דערפֿאַר איז זי מאַכטלאָז צו פֿאָרמולירן די גאָר העכסטע באַפֿרייערישע און קאָנסטרוקטיווע פּרינציפּן פֿונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. זי איז ביכולת צו בויען פֿאָרמולעס נאָר פֿאַר די פּרט־אידעאַלן אָדער פֿאַר די איבערגייענדיקע אידעאַלן, וואָס בילדן די עטאַפּן צו אַ מער פֿולקאָמער בויאונג.

מיר האָבן פֿאַר זיך אַ גאַנצע ריי טיפּן פֿון סאָציאַליזם, וועלכע אונטערשיידן זיך אין עקאָנאָמישן געביט בנוגע דער סטרוקטור פֿון דער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג, בנוגע דער סטרוקטור פֿון דער פּראָדוקציע, בנוגע דעם גראַד פֿון פֿולער עטאַטיזאַציע און צענטראַליזאַציע, בנוגע דער מאָס פֿון ליקווידירן פּריוואַט־אייגנטום, בנוגע דער מאָס פֿון אויפֿהאַלטן די אויטאָנאָמיע, איניציאַטיווע און קאָנקורענץ פֿון די פּראָדוציר־כוחות, און בנוגע די פֿאָרמולעס פֿון דער פֿאַרטיילונג. מיר האָבן פֿאַר זיך סיסטעמען פֿון קאָלעקטיוויזם, אַסאָציאַציאָניזם, קאָמוניזם. מיר האָבן נאָך פֿאַר זיך „מלוכהשן סאָציאַליזם״, מוניציפּאַלן סאָציאַליזם, קאָאָפּעראַטיוון סאָציאַליזם (פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווער און פֿאַרברויך־קאָאָפּעראַטיווער), סינדיקאַליסטישן סאָציאַליזם („רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם״). אין דער דאָקטרינע פֿון סען־סימאָניזם פֿירט אָן מיט דער געזעלשאַפֿט אַ מין טעאָקראַטיע, די מלוכה־מאַכט צענטראַליזירט די פּראָדוקציע און דעם באַזיץ, דער ירושה־אינסטיטוט ווערט באַזייטיקט, אָבער ס'פֿאַרבלייבט אומגלייכקייט אין דער פֿאַרטיילונג: יעדערן לויט זיינע פֿעאיקייטן און לויט די רעזולטאַטן פֿון זיין אַרבעט. אין פֿוריעס סיסטעם ווערט איינגעהאַלטן די ראָלע פֿון אייגנטום און אין אַ געוויסער מאָס פֿון קאַפּיטאַל, די אַסאָציאַציעס (די „פֿאַלאַנגען״ און „פֿאַלאַנסטערס״) אַרבעטן אויפֿן יסוד פֿון פֿרייע אָפּמאַכן, עס ווערט איינגעהאַלטן קאָנקורענץ („קנאת־סופֿרים״), פֿאַר דער מלוכהס אַריינמישונג איז ניטאָ קיין פּלאַץ, אומגלייכקייט און אונטערשידן אין די פּאָזיציעס ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּרינציפּ. אין פֿאַרשידענע סיסטעמען פֿון קאָלעקטיוויזם ווערט דערלאָזט, אַז די מלוכה זאָל איבער־

געבן קאָנטראָקטן צו די אַרבעטער־אַסאָציאַציעס, אויפֿן יסוד פֿון קאָנ־קורענץ, מיט אַ מעגלעכער פּערספּעקטיווע צו ציען „ריווח" פֿון דער אונ־טערנעמונג אָדער אפֿילו פֿון דער באַנקראָטירונג פֿון אַן אונטערנעמונג, וואָס איז ליקווידירט דורך דער רעגירונג. דער „אַן־אַרכיסט" פּרודאָן טרעט אַרויס קעגן מלוכהשער רעגלאַמענטאַציע, ער שטייט פֿאַר דער אָר־גאַניזאַציע פֿון אַרבעט און אויסטויש דורך פֿרייע אַסאָציאַציעס, און ער פֿאָדערט אַבסאָלוטע גלייכקייט צווישן זיי אין דער באַלוינונג; ענדיקן ענדיקט ער מיט דער פֿאַרטיידיקונג פֿונעם פּרינציפּ פֿון פּריוואַט־אייגנטום. צווישן די קאָמוניסטישע שיטות זענען אָנגעגאַנגען ליידנשאַפֿטלעכע מחלוקתן צוליבן „עגאַליטאַריזם" אין דער פֿאַרטיילונג.

פֿון דעם איז צו זען, ווי פֿאַרשידנאַרטיק דער סאָציאַליזם ווערט פֿאַרשטאַנען דורך פֿאַרשידענע שולעס, טעאָריעס און אויסטייטשונגען. עס עקזיסטירט ניט איין סאָציאַליזם, עס עקזיסטירן סאָציאַליזמען. יעדער טיפּ סאָציאַליזם רוקט אַרויס אָדער אַ באַשטימטע מאָדאַליטעט, וועלכע פֿאַרענטפֿערט אַזאַ צי אַן אַנדערע פּראָבלעמע פֿונעם אוניווערסאַלן אידעאַל אַלס אַ פֿאַרגאַנצטע סיסטעם פֿון פּרט־אידעאַלן (דערביי, נאַטירלעך, טאָר ניט די פֿאַרענטפֿערונג זיך פֿונאַנדערגיין מיט די גרונט־פּרינציפּן פֿונעם אוניווערסאַלן אידעאַל), אָדער עס ווערט אַרויסגערוקט אַ געוויסער עטאַפּ ביי דער בהדרגהדיקער שטייגערונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אין דער ריכטונג צו דערגרייכן פֿולע שלימות, ווי עס ווערט דיקטירט דורכן אוניווערסאַלן אידעאַל. אין לעצטן פֿאַל דערלאָזט מען, אַז דער אוניווערסאַלער אידעאַל ווערט פֿאַרקערפּערט אין לעבן אויפֿן וועג פֿון בהדרגהדיקע גראַדאַציעס, דורך אינטערוואַל־שטופֿעס, אַזש ביז די העכסטע מעגלעכקייטן. לויט אָט דער סכעמע ווערט דער אָדער אַנדערער טיפּ פֿון סאָציאַליזם פֿאַרוויר־קלעכט אין אַ געוויסן מאָמענט, ווי אַן עטאַפּ, דורך וועלכן די געזעלשאַפֿט גייט אין איר כסדרדיקן שפּאַנען צו אַלץ העכערע טיפּן פֿון סאָציאַליזם. אַנשטאָט דעם תהום „צווישן צוויי וועלטן" — אַ קייט פֿון שטייגערונגען, וואָס הויבן זיך איינע איבער דער צווייטער אין זייער שטרעבן צום אידעאַל.

## 2

זאָמבאַרט האָט איינעם פֿון זיינע דריי־בענדיקע ביכער געגעבן אַ נאָמען: דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם. אונטער פּראָלעטאַרישן סאָציאַ־ליזם דאַרף מען פֿאַרשטיין אַ סאָציאַליזם לויט דער מאַרקסיסטישער קאָנ־צעפּציע, און — אין אַ פֿאַראיינפֿאַכטער פֿאָרמולע — אַ סאָציאַליזם, וואָס איז די „באַפֿרייאונג פֿונעם פּראָלעטאַריאַט", און אַ סאָציאַליסטישע דאָקט־רינע וואָס איז די „טעאָרעטישע אָפּשפּיגלונג פֿון די אינטערעסן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט".

די באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט — דאָס איז די באַפרייאונג פון אַ באַשטימטן אונטערדריקטן קלאַס פון אונטער דער פאַריאָכונג און עקספּלואַטאַציע, אין דעם פאַל — פון דער עקספּלואַטאַציע דורכן קאַפּיטאַל. די געשיכטע ווייסט פון אַ זייער וויכטיקער עוואָלוציע פון די קלאַסן־רעזשימען אין דער ריכטונג צו עמאַנסיפּירן די פאַריאָכטע, אונטערגעדריקטע און עקספּלואַטירטע קלאַסן פון אונטער זייער אונטערדריקונג און פון די אָדער אַנדערע רעכטלאָזיקייט־פאָרמען. שקלאַפעריי איז פאַרשוואונדן. לייבאייגנשאַפט איז פאַרשוואונדן. דער „דריטער שטאַנד" אָדער דער קלאַס בורזשואַזיע האָט זיך דערשלאָגן צו פולבאַרעכטיקונג. די אַלע פאָרמען פון עמאַנסיפּאַציע גייען אַריין אין די קאַדרען פון די פּרינציפּיעלע פאָדערונגען פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אָבער די דאָזיקע פאַרענדערונגען — דאָס איז ניט קיין סאָציאַליזם, אַלס אַ געוויסע פאָרעם פון דער געזעלשאַפט אַ העכערער עקאָנאָמישער סטרוקטור. אויב די „באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" ווערט קוואַליפיצירט ווי דאָס פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, איז עס דערפאַר ווייל אינעם מאַרקסיסטישן באַנעמען דעם סאָציאַליזם וועט די באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט ברענגען מיט זיך נאָכן ליקווידירן דעם קאַפּיטאַליסטישן און אינדיווידואַליסטישן סדר — דעם נצחון פונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל; און מיט דעם — לויט דער זעלבער אויפפאַסונג, הגם ניט אַלע מאָל קלאָר אויסגעדריקט — פאַלט צונויף פּראַקטיש דער נצחון פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

אָט דאָס זענען די אַסאָציאַציעס, וועלכע פאַרבינדן אין דער מאַרקסיסטישער וועלט־אַנשויאונג דעם פּראָלעטאַרישן, דעם סאָציאַליסטישן און דעם אוניווערסאַלן אידעאַל. דאָס דערלאָזן אַזעלכע אַסאָציאַציעס באַזירט זיך אויף אַ ריי היפּאָטעזעס, פאָר־הנחות און אידעאַליזאַציעס, וואָס עס באַרעכטיקן זיי נישט — ניט דאָס עדות־זאָגן פון דער געשיכטע, ניט דער אַנאַליז פונעם היינטיקן מצב־העניינים, ניט דער סך־הכל פון די מעגלעכע פּערספּעקטיוון פאַר דער ווייטערדיקער מענטשהייטס אַנטוויקלונג, אין פאַל אויב די געשיכטע זאָל אונטערדריקט ווערן דורך דער זאָאָלאָגיע.

לויט דער תורה פונעם פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, איז די באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט — די באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. די דאָזיקע תורה אַפּעלירט, בכן, פון די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט צו די אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטערעסן (אונטער וועלכע מען דאַרף, ביי אַ געוויסער אויסטייטשונג, פאַרשטיין די קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל). מיט דעם גופא ווערט שוין פון פאָראויס אָנערקענט די אויבערמאַכט פון די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. צי איז אָבער דערלויבט צו רעדן וועגן דער אַדעקוואַטישקייט פון צוויי קאַטעגאָריעס אינטערעסן?

דאָס דערהויבן די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט" צום העכסטן פּרינציפּ פון סאָציאַליזם, וועלכער ווערט באַטראַכט ווי אַן אוניווערסאַלער אידעאַל, — דאָס ווערט דערגרייכט אויפן וועג פון אידעאַליזירן דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס, זיין „מיסיע" און דורכן אידעאַליזירן דעם היסטאָרישן גאַנג פון די זאַכן אין דער עוואָלוציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און פון איר „קברן", דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן פאַר זיך אַ מיסטיש־משיחישע פאַרשטעלונג וועגן אַן „אויסדערוויילטן" קלאַס, ענלעך צו דעם, ווי מען פלעגט פּראָווידענציאַליסטיש, פּרימיטיוו (פון אַ וויסנשאַפטלעך־ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט) צושרייבן באַזונדערע מיסיעס די „אתה בחרתנו"־פעלקער. אַז די אינטערעסן און די עוואָלוציע גופא פון אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן קלאַס — מעג ער אפילו שטרעבן צו עמאַנסיפּאַציע און זיין אויפנעמפּעאיק פאַר די באַפרייערישע פּרינציפּן — זאָלן צונויפפאַלן מיטן סאָציאַליסטישן און נאָך מער מיטן אוניווערסאַלן אידעאַל, — דאָס קוקט אויס ווי אַן אמתער נס.

אין רעזולטאַט פון אַזאַ מין אידענטיפיצירונגס־אָפּעראַציע דאַרף מען פאַראויסזען צוויי מעגלעכקייטן: אָדער עס קומט פאַר אַ קינסטלעכע אויסטייטשונג פון די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט" אין גייסט פון די העכסטע פּרינציפּן פונעם אידעאַל — די ערשטע ווערן טענדענציעז דערהויבן און פאַראיידלט; אָדער אומגעקערט, די העכסטע פּרינציפּן פונעם אידעאַל ווערן דעגראַדירט: מען אידענטיפיצירט זיי מיט די אינטערעסן און שטרעבונגען פון אַ געגעבענער גרופּע פּראָלעטאַריאַט אין אַ געגעבענעם מאָמענט און אין געגעבענע קאָנקרעטע באַדינגונגען. ביי אַזעלכע מין אָפּעראַציעס ליידט די אויפריכטיקייט, עס ווערן קולטיווירט צווידייטיקייטן, עס ווערן רייף אַנטוישונגען און עס שאַפט זיך די געפאַר פון קריזיסן וואָס טראָגן אין זיך שעדלעכע קאָנסעקווענצן.

ניט די אינטערעסן פונעם „פּראָלעטאַריאַט", ניט די „אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע קלאַסן", ניט די אינטערעסן פון וועלכער ס'איז באַזונדערער סאָציאַלער גרופּע, קען מען ניט — ביי אַ מאָסשטאַב פון קאָנקרעטע עקסיסטענץ־און פאַרשטענדעניש־באַדינגונגען אין אַ באַשטימטער עפּאָכע — אידענטיפיצירן מיטן תוך פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אין דער מאָס, אויף וויפיל דער אָדער אַנדערער אונטערדריקטער קלאַס, די אָדער אַנדערע אונטערדריקטע גרופּע קעמפט פאַר איר באַפרייאונג, — גייען אַריין זייערע שטרעבונגען און אינטערעסן אינעם אינהאַלט פון די פּרט־אידעאַלן, וואָס בילדן אין זייער גאַנצקייט דעם אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אָבער די דאָזיקע שטרעבונגען און אינטערעסן פון די קלאַסן און גרופּעס נעמען, אַליין פאַר זיך, ניט אַרום דעם פולן קאָמפּלעקס פון אַלע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען. אין זייער באַגרעניצטער פאָרעם

קענען זיי ניט לייזן די פּראָבלעמע פון דער אינטעגראַלער עמאַנסיפּאַציע. זיי געבוירן אויך ניט אומפאַרמיידלעך די קאָנסטרוקטיווע פּרינציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל (אָדער פון סאָציאַליזם, פאַרשטאַנען אין אַ ברייטערן אַספּעקט פון אוניווערסאַלן אידעאַל). פאַר אָט דעם פאָדערט זיך די פאַראייניקונג פון דער מאָראַלישער באַזע און פון דער טעכניש־סאָציאַלער שעפערישקייט, — און זיי אַסאָציאירן זיך גאָרניט נויטווענדיקערווייז מיט די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט" אָדער פון די האָרעפּאַשנע קלאַסן, עס קענען זיי אויפנעמען סיי פּראָלעטאַריער און סיי האָרעפּאַשניקעס — אַדאַנק טאָקע די באַדינגונגען פון זייער אויפנאַמספּעאיקייט — און עס קענען זיי אויפנעמען, ביי גינסטיקע מאָראַלישע באַדינגונגען, פּערזאָנען וואָס באַלאַנגען צו אַנדערע קלאַסן און גרופּעס.

מען דאַרף מאַכן אַן אונטערשיד צווישן „פּראָלעטאַריער" און „באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריער", — דעם לעצטן אידענטיפיצירט מען אָפט מיט אַדעפּט פון סאָציאַליזם. מען באַדאַרף ניט צונויפמישן דיווירקלעכקייט מיט דער מעגלעכקייט. מען דאַרף ניט צונויפפאָרן אין איין באַגריף דעם רעאַלן פּראָלעטאַריאַט מיטן אידעאַליזירטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט אויסצופירן אַ מיסטיש־היסטאָרישע מיסיע צו באַפרייען די מענטשהייט. אַנדערש קומט די געפאַר פון אידעאָלאָגישער דעמאַגאָגיע.

די באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, פון אַן עקאָנאָמישער קאַטעגאָריע, — דאָס איז פאַר זיך די פאַרווירקלעכונג פונעם פּרט־אידעאַל, און ניט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. קיין שום ריינער קלאַסן־סאָציאַליזם קען ניט פּרעטענדירן אויפן ראַנג פון אוניווערסאַלן אידעאַל. אַ פּראָלעטאַריאַט קען יאָ אָדער ניט עקזיסטירן אין פאַרשידענע געזעלשאַפטן און אין פאַרשידענע תקופות, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם צי עס זענען יאָ אָדער ניטאָ פאַראַן אַנדערע פאָרמען פון אונטערדריקונג, פאַריאָכונג, עקספּלואַטאַציע און פאַראַזיטישער אומגלייכקייט. קאַפּיטאַליזם קען פאַרשווינדן, די געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט קען סאָציאַליזירט ווערן, די געזעלשאַפט קען זיין ניט־פּראָלעטאַריש און ניט־קלאַסנמאַסיק, און דאָך קענען אין אָט דער געזעלשאַפט פאַרבלייבן געוויסע פאָרמען פון פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע און פאַראַזיטישער אומגלייכקייט, גאָרניט פאַרבונדן מיט דער עקסיסטענץ פון קאַפּיטאַליזם און פון קלאַסן־פאַרהעלטענישן אינעם קלאַסישן זינען פון די דאָזיקע טערמינען.

אין ראַטן־רוסלאַנד איז ניטאָ ניט קיין קאַפּיטאַליזם, ניט קיין קלאַס „קאַפּיטאַליסטן", ניט קיין „קלאַסן"־רעזשים, אין ענגן זינען פון וואָרט; דאָ איז פאַרווירקלעכט אַ געוויסע פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, אַ געוויסע פּלאַניפיקאַציע. אָבער שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס דאָס לאַנד ווערט אויסטערליש אונטערדריקט פּאָליטיש דורך דער דיקטאַטור פון דער מינדער־

הייט, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אירע שפּיצן, — ווייסט די סאָוועטישע אָרדענונג פון אַ קאָמפּליצירטער היעראַרכיע פון אומגלייכקייט ביי דער באַלוינונג פון אַרבעט, אין דער פאַרטיילונג און אין אייגנטום. חוץ דעם, די הערשנדיקע מינדערהייט באַזיצט פּריווילעגיעס ניט נאָר אין פּאָליטישער, נאָר אויך אין עקאָנאָמישער באַציאונג.

מחוץ פון יעדער פאַלשער אידעאַליזאַציע, ווייסט דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט, אין די קאַפּיטאַליסטישע און אינדיווידואַליסטישע געזעלשאַפטן, פון אַ גרויסער צאָל אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען: די אַרבעטער פון איין געגעבענער מדינה קעמפן קעגן אויסלענדישער אַרבעט, ד״ה קעגן דער קאָנקורענץ פון פרעמדלענדישע אַרבעטער; עס גייען זיך אָפּט פאַנאַנדער און עס קעמפן צווישן זיך די יוניאָן־אָרגאַניזירטע אַרבעטער מיט די ניט־אָרגאַניזירטע; פאַראַן אַ קעגנשטעלונג צווישן די אַרבעטער פון פאַרשידענע אינדוסטריע־קאַטעגאָריעס; געוויסע אַנטאַגאָניזמען נעמען זיך פון דער פאַרהעלטנישמאָסיקער סאָלידאַרישקייט צווישן די אַרבעטער און אונטערנעמערס אין פאַרשידענע אינדוסטריע־צווייגן; אַנדערע אַנטאַגאָניזמען נעמען זיך פון די קעגנגעזעצטע אינטערעסן פון די פּראָדוצירער און קאָנסומירער, אָדער בכלל קויפערס; פאַראַן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן מענער־און פרויען־אַרבעט; אַן אַנטאַגאָניזם צווישן די אַרבעטער וואָס עקספּלואַטירן אַנדערע אַרבעטער — מיט די לעצטע; פאַראַן אַנטאַגאָניזמען צווישן די קאָרפּאָראַטיווע אינטערעסן און די אינטערעסן פונעם כלל. אייניקע פון די דאָזיקע אַנטאַגאָניזמען זיינען נאַטירלעך נאָר פאַר קאַפּיטאַליסטישע ובכלל אינדיווידואַליסטישע רעזשימען. פאַראַן אָבער אַ צאָל אַנדערע אַנטאַגאָניזמען וואָס קענען איבערלעבן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. שוין נאָכן פאַרשווינדן פון די „קלאַסן״ און נאָך דער ליקווידאַציע פון דער געזעלשאַפטס קלאַסן־סטרוקטור — קענען דעמאָלט אַנטשטיין און זיך פונאַנדערפלאַקערן אַזעלכע קאַמפּס־פאָרמען, וועלכע פּאַסן זיך ניט אַריין אין די ראַמען פון אַנטי־קאַפּיטאַליסטישן קאַמף צי בכלל פון „קלאַסן״־קאַמף, און וועלכע לאָזן זיך ניט רעגולירן און ליקווידירן אויפן סמך פונעם קריטעריום פון די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט״ און אין די ראַמען פונעם פּראָלעטאַרישן אידעאַל אַליין.

אין דער דעקאַפּיטאַליזירטער, דעאינדיווידואַליזירטער און קאָלעקטיוויזירטער געזעלשאַפט וועט נאָך פאַרבלייבן אַ מעגלעכקייט, עס זאָל זיך איינהאַלטן אַ היעראַרכיע צווישן פאַרשידענע קאַטעגאָריעס בירגער־אַרבעטער, און די געזעלשאַפט זאָל זיך שפּאַלטן אויף העכערע און נידעריקערע גרופּעס, „אַריסטאָקראַטיע״ און פאַרשידענע פּלעבס־פאָרמאַציעס. עס וועלן מעגלעך זיין ראַנגען־פאַרשיידנקייטן אין דער פאַרטיילונג און אין דעם לעבן־סטאַנדאַרט. עס וועלן זיין אונטערשידן אין דער דערציאונג און

אין דער לאַגע פון די קינדער אין אינדיווידועלע פאַמיליעס פון פאַרשידענע ראַנגען. עס וועט עקזיסטירן אַ מעגלעכקייט פון מער — און פון ווייניקער פּריווילעגירטע לענדער אין פּרט פון נאַטור־רעסורסן. עס וועלן זיין מעגלעך עקאָנאָמישע אַנטאַגאָניזמען, הגם ניט קיין קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען אין געוויינלעכן זינען פון עם וואָרט. עס וועלן זיין מעגלעך אַנטאַגאָניזמען פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע, אידעאָלאָגישע, צווישן ראַסן. די דאָזיקע אַנטאַגאָניזמען קענען אַרויסרופן קאַמפן. עס וועט אוממעגלעך זיין איינצושטעלן אַן אָרגאַנישע שטאַנדהאַפטיקייט אין לעבן און אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, אויב עס וועט ניט געפונען ווערן קיין געהעריקע פאַרענטפערונג פאַר די פּראָבלעמען, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורכן אויפקום אָדער דורך דער געפאַר פון אויפקום פון אַט אַזעלכע מין אַנטאַגאָניזמען.

עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע פאָרמולעס פון סאָציאַליזם, און יעדערע זוכט אויף איר שטייגער אַ פאַרענטפערונג — אין אַזעלכע אָדער אין אַנדערע קאָמבינאַציעס. נישטאָ קיין איין סאָציאַליזם. עס זענען דאָ סאָציאַליזמען, און יעדער פון זיי ווערט אויסגעדריקט דורך זיין אייגענער פאָרמולע. יעדער פאָרמולע קען אַנטשפּרעכן געוויסע באַדינגונגען, אַ געוויסן עטאַפּ, אַ געוויסער דערפאַרונג. די דאָזיקע פאָרמולעס, באַזונדער גענומען, קענען זיך ניט רעכענען ניט פאַר פולקאָמע, ניט פאַר אַלגעמיינע, ענדגילטיקע. יעדערע פון זיי פאַרענטפערט נאָר אויף אַ טיילווייזן אופן איינע אָדער די אַנדערע פון די אַנטינאָמיעס, וואָס אַנטשטייען אויפן וועג פונעם גאַנג צום העכסטן אוניווערסאַלן אידעאַל. יעדער פאָרמולע שטעלט פאַר אַ פאַרהעלטנישמאַסיקן פּראָגרעס, עס פעלט אין איר אָבער ניט קיין פּלאַץ פאַר אומפולקאָמקייטן. קיין איינע פון די דאָזיקע פאָרמולעס קען ניט פּרעטענדירן אויף דער ראָלע פונעם לעצטן וואָרט פונעם אידעאַל.

אָבער געשטעלט און פאַרענטפערט ווערן די פּראָבלעמעס אין ליכט פון די פאָדערונגען, פּרינציפּן און קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. די קריטעריומס פונעם פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם און פון די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט" זענען דאָ מאַכטלאָז; זיי מוזן אָפּעלירן צו מער העכערע און מער אַלגעמיינע פּרינציפּן.

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן קאָנקרעטער צו די דאָזיקע פּראַגן. דאָ איז דערוויילּ וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז עס עקזיסטירן סאָציאַליזמען, און ניט קיין סאָציאַליזם. פאַראַן אַן עוואָלוציע און פאַרפולקאָמונג פון די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע מאָדאַליטעטן. פאַראַן עטאַפּן, פאַראַן פאַזעס, פאַראַן דערפאַרונגען; דער עקאָנאָמישער סאָציאַליזם שטעלט פאַר, אַחוץ דעם, נאָר איינעם פון די גרונט־עלעמענטן אינעם מהות פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

# קאַפּיטל נײַנצן

## די אַנטינאָמיעס פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל

### 1

איז דאָ פֿולקאָמענהייט, איז אַ סימן אַז עס זײַנען דאָ פֿולע דערגרייכונגען, אַלץ שטימט און עס פֿעלן ווידערשפּרוכן. אַקעגן, יעדער אומפֿולקאָמענקייט מיינט — אומפֿולקייט, עס פֿעלט מיטאײַנשטימיקייט און עס איז אַ קאָמבינאַציע פֿון עלעמענטן, וואָס קאָאָרדינירן זיך ניט צווישן זיך צוליב זייער סתירהדיקייט.

דאָס פֿולקאָמענע ווען נויטיקט זיך ניט אין קיין אויסערלעכע אידעאַלן, וואָרעם דאָס פֿולקאָמענע ווען איז אַליין אַן אידעאַלער ווען. נאָר די אומפֿולקאָמענע וועזנס שאַפֿן — סײַ פֿאַר די סאָציאַלע באַציאונגען און סײַ פֿאַר אינדיווידועלער פֿירונג — אויסערלעכע אידעאַלן, אין זייער שטרעבן צו שלימות. און דערפֿאַר איז אין דער פּראַקטיק — צוליבן אונטערשיד צווישן דער פֿולקאָמענקייט און אומפֿולקאָמענקייט — אוממעגלעך אַז דער אידעאַל זאָל זיך רעאַליזירן אַן דעם, אין אים זאָלן זיך ניט אַנטפּלעקן געוויסע סתירות, וואָס אין זייער סך־הכּל קוקן אויס די פֿאָדערונגען, וועלכע זענען פֿאָרמולירט געוואָרן דורכן אידעאַל, אין אַ געוויסער מאָס ניט־פֿאַראײַנבאַר מיט אים.

מיר ווייסן פֿון אומפֿולקאָמקייטן און געוויסע סתירות אין געביט פֿון דענקען, אין אונזערע טעאָרעטישע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער נאַטור, אין די טעכנישע מעטאָדן און מכשירים: די פּרינציפּן וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך קענען אין אַ געוויסער מאָס זײַן ניט־פֿאַראײַנבאַר. די טעאָלאָגן און מעטאַפֿיזיקער האָבן זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט די סתירות, וואָס באַקומען זיך פֿון דעם, וואָס מען אָנערקענט גאָטס לײַטזעליקייט און אַלמעכטיקייט, און צוגלײַך מוז מען די דאָזיקע אַטריבוטן פֿון דער גאָטהייט ברענגען אין אײַנקלאַנג מיטן פֿאַקט, אַז דאָס שלעכטס געדייט אויף דער וועלט. מיר פֿאַלן אַרײַן אין סתירות, ווען מיר, באַשעפֿענישן מיט אַ סוף, שטעלן פֿראַגעס וואָס האָבן ניט קיין סוף. אונזערע אָרגאַניזמען זענען ניט גאָר צוגעפּאַסט צו דער אויסערלעכער סביבה, און דערפֿאַר שטייען מיר שטענדיק אין אונזער פֿיזיאָלאָגישן לעבן פּנים אל פּנים מיט

אַזעלכע אָדער אַנדערע פאָדערונגען, וועלכע ווייזן זיך אַרויס אַז זיי קענען ניט הויזן איינס מיטן אַנדערן. אין אונזערע מכשירים און מאַשינעס שטויסן מיר זיך כסדר אָן אויף פאָדערונגען, וועלכע זענען סותר איינס דאָס אַנדערע און וועלכע זענען אין אַ ווידעראַנאַנד מיט אַלע אונזערע פרואוון צו דערגרייכן שלימות. כדי אַריבערצוטראָגן עלעקטרישע ענער־גיע פון דירעקטן שטראָם — מיט אַ מינימאַלן פאַרלוסט פון עלעקטריע — פאָדערט זיך, מען זאָל פאַרגרעסערן די גרעב און וואָג פון די דורכפירנדיקע מעשענע דראָטן, אָבער דאָס איז אין ווידערשפרוך מיט דער פאָדערונג פון עקאָנאָמיע אין דער הוצאה אויף מעש. ווען אַן אַוויאָן הייבט זיך אויף אין די גאָר הויכע שיכטן פון דער אַטמאָספערע, ווערט פאַרקלענערט דער ווידערשטאַנד פון דער לופט, עס פאַרקלענערן זיך אָבער די מעכאַנישע און פיזיאָלאָגישע מעלות פון דער געדיכטער אַטמאָספערע, וועלכע האָבן אַזאַ ווערט פאַר די אַוויאַטאָרס. יעדער מעדיקאַמענט איז אַ סם, און יעדער סם קען ווערן אַ מעדיקאַמענט, און ביי געוויסע פּראָפּאָרציעס פון די שטאָפן וואָס ווערן פאַרגעשריבן דורך דער מעדיצין, איז אוממעגלעך, אַז דער מע־דיקאַמענט זאָל אויפהערן צו זיין אַ סם; ביי אַנדערע ווידער פּראָפּאָרציעס איז אוממעגלעך, אַז דער שטאָף זאָל איינהאַלטן זיינע מעלות פון אַ רפואה.

פונקט אַזעלכע אַנטינאָמיעס אַנטשטייען אין דער סאָציאַלער טעכניק. עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוט אידעאַלע לייזונג פאַר די סאָציאַלע פּראָבלע־מען. ווייל דער סאָציאַלער אידעאַל רעכנט זיך מיט דער קאָמפּליצירט־קייט פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, פון די עמאַנסיפּאַציע־אויפגאַבן און קאָנסטרוקטיווע פאַרגעבונגען, איז ער זייער פאַרוויקלט. ער קען ניט אויסגעדריקט ווערן דורך אַן אוניטאַרער אָדער מאַניסטישער פאָרמולע. ער בילדט אויס אַ סינטעז פון אידעאַלן, וועלכע אַסאָציאירן זיך, אָבער גיסן זיך ניט צונויף אין איין־איינציקן איינפאַכן בלאָק. און דער אויפ־מערקזאַמער אַנאַליז פונעם אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל באַ־ווייזט, אַז ביים פאַרווירקלעכן באַזונדערע צילן — וואָס זייער פאַרבינדונג פאָרמירט די אינטעגראַלע פולקייט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל — ווייזט זיך אַרויס, אַז געוויסע זאַכן שטימען ניט און זיינען סתירותדיק.

עס שיינט דעמאָלט צו זיין אוממעגלעך, אַז די פּרינציפּן פונעם העכסטן אידעאַל, — יעדער באַזונדער דערפירט צום עקסטרעמסטן און אַבסאָלוטן אויסדרוק, — ווייזן זיך אַרויס ראשית־כל פאַר מאַכטלאָז און פאַנטאַסטיש, און, אין זייערע עקסטרעמע פאָלגן, ווידער, ווייזן זיי זיך אַרויס ביי זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען פאַר ניט־קאָאָרדינירט און זיי רופן אַרויס ווידערשפּרעכונגען.

לאָמיר אָנהויבן פונעם פּרינציפּ פרייהייט. אַבסאָלוטע פרייהייט — דאָס איז דער גורל פונעם אויסער־געזעלשאַפטלעכן מענטשן, פונעם

ווילדן. אַבסאָלוטע פרייהייט אָנערקענט ניט קיין קיין שום התחייבות, קיין שום חוב, קיין שום עול, ניט קיין מאָראַלישן, ניט קיין יורידישן. אַבּ־סאָלוטע פרייהייט — דאָס איז אַבסאָלוטער אַנטאַגאָניזם צווישן יחיד און כלל. אַבסאָלוטע פרייהייט קען ניט שלום מאַכן אפילו ניט מיט דעם פרייוויליק געשלאָסענעם אָפּמאַך. זי באַטייט בכלל די פאַרלייקענונג פון יעטוועדער „געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך", מיט יענע נאָרמען פון אונטער־געאָרדנטקייט, וואָס אַזאַ מין אָפּמאַך זעט פאָראויס; זי שטעלט פאַר אַ רעזשים פון יחידישן ווילקיר; זי טוט אַנטקעגנשטעלן די פרייע אַקציע פון יעדן יחיד לגבי דער פרייער אַקציע פון אַלע אַנדערע; דעם ווילן פונעם יחיד מאַכט זי פאַרן סאָוועריענעם בעל־הבית פון זיין אויפפירונג לגבי דער גאַנצער וועלט; זי ווייסט ניט פון קיינע שום באַגרענעצונגען. אַבסאָלוטע פרייהייט באַטייט פאַרן בייזוויליקן מענטשן און פאַרברעכער — די פרייהייט צו טאָן זייערע מעשים רעים; דאָס איז פרייהייט פאַר קינדער, פרייהייט פאַר משוגעים צו טאָן זייערע מעשים אונטער די אימ־פולסן פון זייערע זינלאָזע באַגערן און אינסטינקטן. און פאַרוואָס ניט אויך פאַר די חיות? און וואָלט ניט עקסיסטירט די ליבע פון די עלטערן, וואָלט דאָך די אַבסאָלוטע פרייהייט געקענט באַטייטן אַז די נייגעבוירענע גענעראַציעס ווערן איבערגעלאָזט אויפן גורלס באַראָט, ד"ה אַז דער גאַנצער מין מענטש וואָלט אומגעקומען. אַבסאָלוטע פרייהייט באַטייט, סוף כל סוף, די פולע אוממעגלעכקייט פון אַ געזעלשאַפט, פון אַ סאָציאַלן לעבן, פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל.

פון דער אַנדערער זייט איז פאַראַן אַ ווידערשפּרוך צווישן אַבסאָלו־טער פרייהייט און גלייכהייט. וואָרעם דער פאַרבאַדינג פון סאָציאַלער גלייכקייט איז רעגלאַמענטאַציע, און איז אין סתירה צו דער אַבסאָלוטער פרייהייט. אַבסאָלוטע פרייהייט באַטייט פרייהייט אין אַ מצב פון ווילד־קייט. אָבער דער ווילדער צושטאַנד ווייסט אינגאַנצן ניט, וואָס אַזוינס איז גלייכקייט.

פון דעם איז צו זען, אַז די פאָרמולע פון „אַנאַרכיזם", וועלכע שטרעבט צו פאַראייניקן אַבסאָלוטע פרייהייט מיט פולקאָמער גלייכקייט — שטעלט פאַר אַן עלעמענטאַרע סתירה.

ווייטער, צי קען סאָציאַלע גלייכקייט אויסדריקן אַבסאָלוטע גלייכ־קייט? אַבסאָלוטע סאָציאַלע גלייכקייט, מעטאַפיזיש באַנומען, וואָלט גע־קענט זיין נאָר דעמאָלט, אויב עס וואָלט געווען אַבסאָלוטע נאַטור־גלייכ־קייט צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. וויבאַלד אָבער אַזעל־כע איז ניט בנמצא, קען מען דאָס „אַבסאָלוטע" — אין אַן אַנדער זינען פון וואָרט — פאַרשטיין נאָר ווי אַבסאָלוטע צוגעפּאַסטקייט, אָדער אַב־סאָלוטע פּראָפּאָרציאָנעלקייט (צי עקוויוואַלענטקייט) פונעם מענטשנס

לעבנס־באַדינגונגען לגבי זיין אינערלעכער נאַטור. אָבער אויך אַזאַ מין אַבסאָלוטע צוגעפּאַסטקייט שטויסט זיך אָן אויף ווידערשפּרוכן און פּראַק־טישע אוממעגלעכקייטן.

פון געבוירן אָן עקסיסטירן נאַטור־אומגלייכקייטן פון פיזישן, פּסי־כאָלאָגישן, אינטעלעקטועלן און מאָראַלן כאַראַקטער. עס עקסיסטירט אָן אומגלייכקייט פון כוחות, פון פעאיקייטן, באַרופן. עס עקסיסטירט צווישן מענטשן אָן אומגלייכקייט אין פּרט פון געזונט, כוח, שיינקייט, שכל, גייס־טיקע אייגנשאַפטן, טאַלענט. אין יעדן געגעבענעם מאָמענט איז פאַראַן צווישן מענטשן אָן אונטערשיד און אומגלייכקייט אין פּרט פון על־טער, געשלעכט און ראַסע. די נאַטור באַשאַפט קיינמאָל ניט קיין צוויי אינדיווידן אַבסאָלוט ענלעכע, און דאָס איז ניט נאָר אין דער וועלט פון אָרגאַניזמען, נאָר אויך אין געביט פון „טויטע" שטאָפן. די עוואָלוציע פון דעם אַלוועלט שטעלט זיך אונז פאָר ווי אַ כסדרדיקער באַשאַף פון אומגלייכע און אומענלעכע עלעמענטן און קאָמבינאַציעס. איז שטענדיק אַזוי געווען? צי וועט שטענדיק אַזוי זיין במשך פון די אייביקע דורות? ביז היינט צו טאָג זענען די פיזיקער־מאַטעמאַטיקער ניט ביכולת געווען צו דערווייזן אַ להיפּוכדיקע טעזע.

קען מען, למשל, זיך אויסמאָלן אַבסאָלוטע סאָציאַלע גלייכקייט צווישן אַ קינד און אַ דערוואַקסענעם, אָדער — אין אָן אַנדער פלאַך — צווישן אָן אידיאָט און אַ נאָרמאַלן מענטשן? לגבי די קינדער קען דער גלייכקייט־פּרינציפּ זיך אויסדריקן אין דעם, עס זאָלן פאַר אַלע קינדער געשאַפן ווערן גלייכע אָדער עקוויוואַלענטע באַדינגונגען פאַר זייער דער־ציאונג, — גלייכע אין פּרט פון עפעקטיווקייט, — כדי אויפצוהייבן זיי אויפן סאַמע העכסטן פיזישן און פּסיכאָלאָגישן שטאַפּל, וועלכער איז נאָר פאַר זיי צוטריטלעך אין היסכם מיט זייער נאַטור.

ביים אינדיווידואַליסטישן, ובפרט קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, איז דער גורל פונעם מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אָפּהענגיק אין אַ גרוי־סער מאָס פונעם צופאַל פון זיין געבוירן: זיין אויפציאונג, זיין פּאָזיציע, זיין צוגעגרייטקייט צום לעבן, זיינע שאַנסן אויף גליק הענגען אָפּ פונעם מצב פון די עלטערן, פון זייער וואוילשטאַנד, צי פון זייער אָרעמקייט. דער זעלבער געבוירן־צופאַל דיפערענצירט די צוקונפט־פּערספּעקטיוון פאַר די קינדער ביי יענע ניט־אינדיווידואַליסטישע רעזשימען („סאָציאַ־ליסטישע" אָדער אפילו „קאָמוניסטישע"), וואו די זאָרג וועגן דער קינ־דער־אויפציאונג ליגט אויף די עלטערן, געוויינלעך אויף דער פאַמיליע, אָבער וואו צווישן די געזעלשאַפט־מיטגלידער איז פאַראַן אַ היעראַרכיע פון אומגלייכקייט, אין פּרט פון פאַרדינסט־הכנסה און פון מאַטעריעלע עקסיסטענץ־באַדינגונגען.

אפילו ביי אַ רעזשים פון היכער עגאַליטאַרישקייט וועט ניט אויפֿהערן צו עקסיסטירן די אומגלייכקייט אין די פעאיקייטן פון קינדער, און זי וועט שטאַרק ווירקן אויף זייער צוקונפט, מעג אַפילו דער קאָלעקטיוו פאַרווירקלעכן די אויסגלייכונג אין די עקאָנאָמישע דערציאונגסבאַדינגונגען פון די קינדער, און מעג אַפילו דער אינסטיטוט פון ירושה אויפהערן צו עקזיסטירן. וואָרעם די אונטערשידן אין די כוחות, טעמפעראַמענטן, טאַלענטן וועלן פאַרבלייבן, און קיין שום עוגענישער פּראָצעס וועט ניט זיין ביכולת זיי צו עלימינירן און מאַכן צו גאָרנישט.

ביז ווי לאַנג עס וועלן ניט מקוים ווערן געוויסע טרוימען פון די אוטאָפּיסטן (צ. ב. ש. שאַרל פוריע), וועט דער אונטערשיד אין די גראַדאַציעס פון די מענטשן — אין פּרט פון מער־אָדער ווייניקער־העכערע פעאיקייטן, אַבסאָלוטע צי רעלאַטיווע — ברענגען מיט זיך געוויסע מאָראַלישע און רעכטלעכע קאָנסעקווענצן. עס וועט פאַרבלייבן אַ היעראַרכיע, וואָס אייניקע אירע אַספּעקטן מוזן זיך בולט פונאַנדערגיין מיט די באַשטרעבונגען פונעם העכערן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל.

כל־זמן די היעראַרכיע איז באַשרענקט מיט מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע גרענעצן און זי ווערט פּריווילעגיע אויפגענומען דורך דער מאַסע וואָס פון איר באַשטייט דער קאָלעקטיוו־כלל, — טראָגט זי ניט אַזאַ כאַראַקטער, וואָס זאָל בדרך כלל שאַפן דעם עגאַליטאַרן באַוואוסטזיין. עס וועלן זיין פירנדיקע און געפּירטע אין אינטעלעקטועלן און מאָראַלן געביט. וויסנשאַפט, למשל, קען ניט ווערן די זאַך פון יעדן איינעם. ווען עמיצער אונטעריכטעט, פּאָפּולאַריזירט אַן אידיי, אַנטוויקלט אַ פּראָגראַם, ווען מען גרינדעט אַ שולע אָדער אַ פּאַרטיי, ווען מען פּרעדיקט אַן אַקציע, ווען עמיצער שרייבט אַ בוך אָדער אַן עטיוד אין וועלכע ער לייגט פאָר אָנצונעמען אַ דאָקטרינע צי אַן אידעאַל; ווען עמיצער פאַרנעמט אַ קאַטעדרע, טרעט אַרויס אין דער ראָלע פון אַ לערער, אָנפירער, פּרעדיקער, אַפּאָסטאָל, — איז עס דערביי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז דער עמיצער באַזיצט די פאַרשטענדעניש און ידיעות, די מאָראַלע און אינטעלעקטועלע מעלות, וועלכע די מאַסע אָדער די עלעמענטן פון דער מאַסע באַזיצן נאָך ניט; דערביי גיט מען צו שווייגנדיק, אַז דער עמיצער צייכנט זיך שטאַרק אויס רעלאַטיוו אין דעם אָדער יענעם פּרט. דערביי אָבער ווערט ניט געשאַפן קיין מאָנאָפּאָל; אומגעקערט, אַלע ווערן גערופן צו באַקומען און צו באַזיצן דאָס געווינס, און דער כלל ווערט גערופן פּרייוויליק אָדער פּריי אָנצונעמען אָדער אָפּצוואַרפן דאָס, וואָס עס ווערט אים פאָרגעלייגט.

דאָס וואָס אין דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג עקזיסטירן פירנדיקע און געפירטע אין פּאָליטישן זינען, דאָס איז גאָרניט קיין אָנגריף

אויפֿן עגאַליטאַרן פּרינציפּ, וואָרעם עס הייסט דאָך, אַז די דעמאָקראַטישע אָרדענונג איז פּרייוויליק גענומען געוואָרן אויף זיך דורכן קאָלעקטיוו (אין דער אמתן דורך דער מערהייט), און די צעטיילונג פֿון דער פּאָלי־טישער אַרבעט און פּאָליטישע פֿונקציעס איז נויטיק כּדי צו פֿאַרזיכערן די פֿרייהייט גופֿא; פֿון דער אַנדערער זייט, דער וואָל־פּרינציפּ און דער צייטווייליקייט־כאַראַקטער פֿון די פֿונקציעס גאַראַנטירן קעגן דעם, אַז יחידים זאָלן ניט פֿאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאָנאָפּאָל (אמת, ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ אַליין ניט פֿריי פֿון אַנטינאָמיעס).

גייען מיר אָבער אַריבער צו די עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטעניש, ובפֿרט צו דער פֿאַרטיילונג פֿון די רייכטימער אָדער צום אַרבעטס־פֿאַרדינסט, דעמאָלט אַנטשטייען טיפֿע אַנטינאָמיעס ביים שטרעבן צו פֿאַרווירקלעכן די אַבסאָלוטע גלייכקייט. נאָר איין פֿאָרמולע איז ביכולת ניט צו שאָקירן דעם ריינעם עגאַליטאַרן פּרינציפּ: דאָס איז — יעדער בירגער זאָל פֿריי און אומבאַגרעניצט געניסן פֿון אַלעם גוטן, פֿון דער אַלגעמיינער מאַסע גיטער וואָס ווערן געשאַפֿן; אַזאַ פֿאָרמולע ווערט פֿאַרטיידיקט דורך איינציקע אַנאַרכיסטן. אפֿשר אַמאָל — אַמאָל וועט דער דאָזיקער אידעאַל קענען ווערן אַ רעאַליטעט: אויב אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון מאַשי־ניזם און פֿון דער פֿיזיקאָ־כעמיקאָ־ביאָלאָגישער טעכניק וועט די שפֿע פֿון אינדוסטריעלער און לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע ווערן כּלומרשט־אומבאַגרענעצט, און עס וועט אוממעגלעך זיין אַז יחידים און איזאָלירטע גרופּעס זאָלן אַלץ פֿאַרכאַפּן און איינשלינגען. דעמאָלט וואָלט דאָס געווען אַבסאָלוטע גלייכקייט אינעם רעכט צו נוצן און געברויכן, וואָרעם די באַגרענעצונגען בנוגע דעם סכום פֿון פֿאַרברויך וועלן דעמאָלט פֿאַרלירן יעטוועדער זינען. היינט צום טאָג וואָלט אַזאַ פּרינציפּ פֿון „פֿאַרטיילונג" געקענט געפֿינען אַנווענדונג נאָר אין אַ „רעפּובליק פֿון הייליקע", ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט ק. פּעקקער, דער פֿראַנצויזישער סאָציאַליסט־קאָלעקטיוויסט פֿון מיטן פֿאָריקן יאָרהונדערט.

## 2

אַלע אַנדערע פֿאָרמען פֿון פֿאַרטיילונג אָדער פֿון אַרבעט־הכנסה זיינען מערער אָדער ווייניקער ווייט צו זיין אין אינטעגראַלן היסכם מיטן עגאַליטאַרן אידעאַל, וואָס זאָל איינגאַנצן האַרמאָנירן מיט די פֿולע שטרע־בונגען פֿונעם העכסטן אָדער אוניווערסאַלן אידעאַל. די פֿונאַנדערטיילונ־גען, סתירות און מחלוקתן צווישן די פֿאַרשידענע סאָציאַליסטישע שו־לעס — קאָמוניסטישע, קאָלעקטיוויסטישע, אַסאָציאַציאָניסטישע — דער־

קלערן זיך אין אַ גרויסער מאָס מיט די אַנטינאָמיעס, וואָס אַנטשטייען ביי די פּראָבלעמעס ניט נאָר פון דער אַסאָציאירטער פּראָדוקציע, נאָר אויך פון דער פאַרטיילונג, ווי אויך מיט די פאַרשידענע מעטאָדן און פּרוּוון צו לייזן די דאָזיקע אַנטינאָמיעס.

זאָגן מיר, דאָס וועט זיין אַ פאָרמולע פון פאַרטיילונג (צי פון אַרבעטספאַרדינסט) וואָס איז אַבסאָלוט פאַר אַלעמען גלייך, בנוגע די רייכטימער וואָס דער קאָלעקטיוו פּראָדוצירט. אַזאַ מין פאָרמולע שיינט צו זיין אַ גערעכטע און צו באַפרידיקן דעם עגאַליטאַרן געפיל; זי וואָלט אָבער געקענט שאַקירן די גערעכטיקע אָפּשאַצונג פון די פאַרדינסטן און באַמיאונגען; אין דער זעלבער צייט וואָלט זי געווען אין סתירה צו דער סיסטעם פון נויטווענדיקייטן, וואָס שטאַמען פונעם חילוק אין די באַדערפענישן און פון די פאָדערונגען פון עקאָנאָמישן און סאָציאַלן גלייכגעוויכט, ווי אויך פונעם פּראָגרעס פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. ניט אַלץ איינע באַדערפענישן האָבן די באַזונדערע קאַטעגאָריעס יחידים, וועלכע אונטערשיידן זיך אָרגאַניש: קינדער און דערוואַקסענע, זקנים און יונגע, שטאַרקע און שוואַכע, חילוק אין וואוקס און קאָמפּלעקציע. די עגאַליטאַרע פאַרטיילונג, וואָס אַנטשפּרעכט אַזאַ מין רעזשים, גייט אַרויס אין איר פאַר־הנחה פון דעם פאַקט, אַז די פּראָדוקציע פון רייכטימער, וואָס דער קאָלעקטיוו רעאַליזירט, איז ניט אומבאַגרענעצט. די גלייכע חלקים, וואָס פאַלן אויס אויפן גורל פון יעדן באַזונדערן קאָלעקטיוו־מיטגליד, זיינען לויט אָט דער פאָרמולע באַגרענעצט. בנוגע די ניט גלייכע באַדערפענישן, וואָס נעמען זיך פון ביאָלאָגישע אונטערשידן, ווערט דעמאָלט די גלייכקייט פון די „ראַציאָנען" אַן עפעקטיווע אומגלייכקייט. וואָלט מען געקענט איינשטעלן ביאָלאָגישע קאַטעגאָריעס פאַר די בירגער און פאַרטיילן „ראַציאָנען" פאַרשידן אין צאָל, פּראָפּאָרציאָנעל צו די באַדערפענישן פון יעדער קאַטעגאָריע יחידים, און אויף אַזאַ מין אופן אַז די פאַרטיילונג זאָל ניט ברענגען קיין דעפיציט אין דער באַגרענעצטער פּראָדוקציע. דאָס וואָלט דעמאָלט געהייסן, אַז עס ווערט אָנגעווענדט די פאַרטיילונג־פאָרמולע „יעדערן לויט זיינע באַדערפענישן", נאָר אין די גרענעצן פונעם קאָלעקטיווס רייכקייט און פּראָדוקציע־פולקייט.

קומט דעמאָלט אויף אַ צווייטע אַנטינאָמיע. די באַגרענעצקייט פון דער פּראָדוקציע הענגט אָפּ ניט נאָר פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטס פּראָדוציר־כוחות, פון ריין־טעכנישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון די פערזענלעכע אָנשטרענגונגען און פון דער מאָראַלישער דיסציפּלין פון די אַרבעטער. צי וועט די פאַרטיילונג פאַרבלייבן עגאַליטאַר, אַלץ איינס, ווי עס זאָל ניט אויסזען די אָנשטרענגונג און דער אינדיווי־

דועלער אויפטו פונעם אַרבעטער? איז ערשטנס וועט זיך דעמאָלט שאַפן אַ נייער מין אומגלייכקייט: אַלע איינע באַלוינונג פאַר ניט אַלע־איינע באַמיאונגען. דאָס וועט אָפּט זיין אַ פּרעמיע פאַר פוילקייט און אויך פאַרן אויספּעלן פון גוטן ווילן, — הייסט עס אַן אומגערעכטיקייט. ווייטער, דאָס וועט מיטשלעפּן אַ דעמאָראַליזאַציע אין דער פּראָדוקציע־סיסטעם: די אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט וועט זיך פאַרקלענערן, ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם וואָס די אינדיווידועלע אָנשטרענגונג ווערט ניט באַלוינט און וואָס די פוילקייט ווערט יאָ באַלוינט באַגלייך מיט דער אָנשטרענגונג און אויפטואונג. אַנשטאָט צו וואַקסן, וועט די פּראָדוקציע רעגרעסירן, און זי קען אפילו ווערן פאַראַליזירט. ביים קאַפּיטאַליסטישן רעזשים עלימינירן די בעלי־בתים די אומפעייסיקע אַרבעטער, באַזונדערס יענע וואָס אַרבעטן ניט פון שטיק אָדער אַקאָרד, זיי באַזייטיקן פּשוט די אַרבעטער, און עס אַרט זיי ווייניק, וואָס עס וועט פון זיי ווערן; אָבער ביים ניט־אינדיווידואַליסטישן רעזשים פון סאָלידאַרישקייט קען מען ניט פאַר־מישפּטן דעם בירגער אויף אַרבעטלאָזיקייט און הונגער; דעריבער האָבן איניקע טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם (צ״ב, קאַרל קאַוטסקי) פאַרגעלייגט אַ געמישטע סיסטעם פון אַרבעט־הכנסה: זי באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט קאָמבינירט אַן עקסיסטענץ־מינימום מיט אַ באַלוינונג, וואָס אַנטשפּרעכט דער אַרבעט, אָדער וואָס איז פּראָ־פּאָרציאָנעל צום אַרבעטערס אַרבעט־פּראָדוקט.

דאָ קומט אָבער אויף אַ מער אַלגעמיינע פּראָבלעמע: צי איז די פאָרמולע „יעדערן לויט זיין אַרבעט״ (די סען־סימאָניסטישע פאָרמולע) אין הסכם מיטן עגאַליטאַרן אידעאַל, מאָראַליש, און צי איז זי אין אַלע פאַלן פּראַקטיש?

ראשית־כל, וויבאַלד עס זעט אויס פאַר גערעכטיק, אַז די באַלוי־נונג זאָל אַנטשפּרעכן דעם אַרבעטערס אָנשטרענגונגען, אין הסכם מיטן פּרינציפּ „באַגלייכע באַלוינונג פאַר באַגלייכע אָנשטרענגונג״, — דע־מאָלט קען מען ניט אַלע מאָל שאַצן די אָנשטרענגונג לויטן אַרבעט־פּראָדוקט. דער לעצטער הענגט אָפּ ניט נאָר פונעם אַרבעטערס אָנשטרע־נונג און גוטן ווילן, נאָר אויך פון זיינע כוחות און פעאיקייטן. אָבער די מענטשן וואָס אונטערשיידן זיך לויטן גראַד פון פעאיקייטן און כוחות, אונטערשיידן זיך ניט בדרך כלל אין פּרט פון באַדערפענישן. איז עס דען מיין שולד, אויב איך בין ווייניקער פעאיק, ווייניקער קרעפטיק, ווייניקער געשיקט, איידער דער צווייטער אַרבעטער? איז עס דער פּרויס שולד, אויב זי איז ווייניקער קרעפטיק איידער דער מאַנזביל? אַרויס־גייענדיק טאַקע פון אָט דער „איינגעבוירענער״ גערעכטיקייטס־אידייע, האָבן די אַרבעטער אָפּט געפאָדערט, אַז זייער אַרבעטס־לוין זאָל גערע־

כנט ווערן פון שעה, און ניט פון שטיק אָדער אַקאָרד, — די אַרבעטער־פאַריינען האָבן לאַנג געקעמפט קעגן דער לעצטער סיסטעם, הגם אין אַ סך פאַלן האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן; חוץ דעם אַלעמען, קען דער אַקאָרד־לוין־מעטאָד בכלל פירן צו מיסברויכונגען, און ער האָט טאַקע געפירט צו אַזעלכע. ביי אָט דער פאָדערונג פון די אַרבעטער ווערט די גלייכקייט פון דער אָנשטרענגונג געמאָסטן מיט דער גלייכקייט פון דער אַרבעטער־צייט.

צי וועט אָבער זיין גערעכטיק אפילו אָט די לעצטע סיסטעם? צוויי פאַקטאָרן האָבן אַן איינפלוס אויף דער כמות און איכות פון דער אַרבעט: ראשית, דעם אַרבעטערס פעאיקייטן און קרעפטן, והשנית, דעם אַרבעטערס אָנשטרענגונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיט זיין גוטן ווילן (און ניט מיט זיין כוח און געשיקטקייט), וועלכער ווירקט אויפן כמות און איכות פון זיין אַרבעט־פּראָדוקט. אוודאי דעם דויער פון אַרבעט קען מען בייטן צוזאַמען מיטן כאַראַקטער פון דער אַרבעט און אויך פאַר ספּעציעלע קאַטעגאָריעס אַרבעטער, קלאַסיפיצירט אַנטשפּרעכנד צו זייערע כוחות און פעאיקייטן; אָבער אפילו דעמאָלט קען מען דאָס באַלוינען די אַרבעט אין פראָפּאָרץ צו איר דויערקייט ניט האַלטן ניט פאַר גערעכטיק און ניט פאַר צוועקמעסיק בנוגע דעם פּרינציפּ פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט, וואָס פון איר הענגט אָפּ דער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט. די דאָזיקע סיסטעם איז אומגערעכט, ווייל דער עגאַליטאַרער פּרינציפּ ליידט דאָ פונעם פאַקט, וואָס עס ווערן באַוואוסטזיניק אַלץ־איינס באַלוינט — ניט־אַלץ־איינע אָנשטרענגונגען. זי איז אַנטי־עקאָנאָמיש, ווייל זי סטימולירט ניט קיין באַוואוסטזיניקע פּראָדוציר־אָנשטרענגונג, און וויבאַלד עס פעלט דער „קנאת־סופרים" וואָס זאָל באַלוינען אַנטשפּרעכנד צו די רעזולטאַטן, האָט זי אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט פונעם קאָלעקטיוו.

דאָס אָנווענדן דעם אַלגעמיינעם פאַרטיילונגס־פּרינציפּ פונעם סען־סימאָניזם, אַז „יעדערן לויט זיינע פעאיקייטן, און יעדער פעאיקייט לויטן רעזולטאַט פון איר אַרבעט", שטויסט זיך בכן אָן אויף ווידערשפּרוכן בנוגע דעם עגאַליטאַרן פּרינציפּ אָדער גאָר בנוגע דעם פּרינציפּ פון דער פּראָדוקציע־אַנטוויקלונג. אוודאי, מען קען מקריב זיין די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט צוליבן עגאַליטאַרן אידעאַל; פון דער אַנדערער זייט אָבער ווערט דאַך די פּערספּעקטיוו צו קענען פאַרווירקלעכן דעם עגאַליטאַרן אידעאַל — אַליין געשאַפן דורכן פאַקט גופא פונעם וואוקס פונעם קאָלעקטיווס אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט. האָט דען ניט פּראָקלאַמירט סילוועין מאַרעשאַל אינעם מאַניפעסט „די פאַרשווערונג פון די גלייכע" (באַבעפס): זאָלן אומקומען די קונסטן און די וויסנשאַפטן, אויב דאָס איז נאָר נויט־

טיק אויף צו ראַטעווען די "הייליקע גלייכקייט"? אָבער אַפילו דעמאָלט בלייבן נאָך אַלץ די אַנטינאָמיעס בנוגע דעם עגאַליטאַרן פּרינציפּ גופא.

### 3

אַט אַזוי זענען די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען; זיי קענען אָדער איבער־לעבן די אינדיווידואַליסטישע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט, אָדער זיי קענען אַנטשטיין אין די „סאָציאַליסטישע", ניט־אינדיווידואַליסטישע און ניט־קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען; זיי טראָגן אין זיך אַנטינאָמיעס ביי די אָדער אַנדערע פּרואוון זיי צו ליקווידירן, ווען מען שטעלט זיי פּנים אל פּנים מיט די העכסטע פּרינציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

עס זענען פאַראַן פּראָבלעמען פונעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, וואָס שווימען אַרויס אין געוויסע קאַרדינאַלע עפּאָכעס און גייען אַראָפּ פון דער סצענע אין די שפּעטער־קומענדיקע עפּאָכעס. די פּראָבלעמען פון קאַני־באַליזם און שקלאַווערייַ זיינען פאַרשוואונדן צוזאַמען מיטן פאַרשווינדן פון קאַניבאַליזם און שקלאַווערייַ. זיינען אויפגעקומען אַנדערע פּראָבלעמעס, פאַרבונדן מיטן אינדיווידואַליסטישן רעזשים און מיט דער קאַפּיטאַליסטי־שער סטרוקטור. נאָכן אונטערגאַנג פונעם קאַפּיטאַליזם וועט מען שוין מער ניט ריידן וועגן קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און וועגן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט מיטן אונטערנעמער־קלאַס; נאָכן פאַרשווינדן פונעם איג־דיווידואַליזם און מיטן נצחון פונעם רעזשים פון פּלאַנירטער סאָלידאַריש־קייט, וועט שוין ניט זיין מער קיין רייד וועגן דער אומאָרדענונג־קאָנקורענץ פון די אינדוסטריעלער און וועגן די מיסברויכן פון פּריוואַט־אייגנטום.

אָבער נאָכן פאַרשווינדן פונעם קאַפּיטאַליזם און אינדיווידואַליזם, שוין אין דער „סאָציאַליסטישער" אָרדענונג גופא, וועלן מעגלעך אַנטשטיין נייע פּראָבלעמען פון עמאַנסיפּאַציע און בויאונג, — צי אַלס דער ווייטערדיקער המשך פון די פּראָבלעמען וואָס האָבן שוין עקזיסטירט — אָפן אָדער באַהאַל־טן — אין די פריערדיקע רעזשימען, צי ווי אַ דערשיינונג פון די ניי־געשאַ־פענע פאַרהעלטענישן. און עס איז מעגלעך, אַז אַזעלכע אַנטאַגאָניזמען וועלן אַרויסרופן נייע פאָרמען פון קאַמף. דאָרט וואו עס זיינען ניטאָ קיין אַנטי־נאָמיעס, קענען די פּראָבלעמען טעאָרעטיש לייכט פאַרענטפערט ווערן אויפן וועג פון ליקווידירן די אַנטאַגאָניזמען. עס איז ניטאָ קיין סאָציאַליזם, נאָר פאַראַן סאָציאַליזמען; און נאָכן „סאָציאַליזם" פון איין טיפּ וועט די געזעל־שאַפט זיך אויפהייבן אויף אַ שטופע פון אַ העכערן טיפּ „סאָציאַליזם". וואָס אונז אינטערעסירט דאָ, איז — די פּראַקטישע לייזונג פון די אַנטי־נאָמיעס אינעם קאָמפּלעקס געזעלשאַפטלעכער אידעאַל, כדי צו פאַרמיידן

אָדער צו ליקווידירן נייע אַנטאַגאָניזמען און נייע פּערטורבאַציעס, אָדער אַ קאַמף קעגן אַ נייער פּאַרטיילונגס־היעראַרכיע.

די אַנטינאָמיע קען געלייזט ווערן אָדער דורך אַ קאָמפּראָמיס — אַ צייטווייליקן צי אַ שטענדיקן — אָדער דורך אָפּזאָגן זיך פון איינער פון די באַדינגונגען, וואָס פאָדערן זיך דורך דער גאַנצער פּאָלקייט פונעם אידעאַל, באַזונדערס דורך אָפּזאָגן זיך פון דער נויטיקייט פון אַ פּראָדוקטיוויקייט־מאַקסימום, כדי איינצוהאַלטן די העגעמאָניע פונעם עגאַליטאַרן פּרינציפּ, אָדער דורך קאָנסטרואירן — אין רוים און צייט — פאַרשידענע טיפּן פון מאָראַלישער און מאַטעריעלער דיסציפּלין, באַזונדערס אַזעלכע ביי וועלכע די אַנטאַגאָניזמען און ווידערשפּרוכן ווערן דערטרינקען אינעם פליכט־באַוואוסטזיין און קרבנות־נויטיקייט.

מעגלעך, עס זאָל זיך אויסבילדן אַ מאָראַלישע עליטע, וועלכע וועט דעם שכר פאַר איר אָנשטרענגונג און אַרבעט זען אינעם־רעזולטאַט גופא, אין דער מאָראַלישער זעלבסטבאַפרידיקונג, אין היסכם מיט שפּינאָזעס עטישן אידעאַל. פון דער אַנדערער זייט, איז מעגלעך, ווי דאָס מיינען אייניקע, אַז געוויסע באַמיאונגען און פאַרדינסטן וועלן אָפּגעשאַצט ווערן ניט דורך מאַטעריעלע, אין ענגן זינען, אויסצייכענונגען, נאָר דורך ערנ־האַפטע. צווישן די יחידים וועלן אָבער שטענדיק עקזיסטירן מאָראַלישע אומגלייכקייטן, און די מענטשהייט וועט קיינמאָל ניט איבערגעבויט ווערן אין אַ פולער מאָס אין אַ געזעלשאַפט פון „הייליקע" אָדער פון העלדן.

ביי דער קאָנסטרוקציע פונעם אידעאַל באַדאַרף מען קיינמאָל ניט אידעאַליזירן די מאַסע; אומגעקערט, מען דאַרף זיך שטענדיק רעכענען מיט די שוואַכקייטן און אומפּאָלקאָמענהייטן פונעם רוב אינדיווידן. צו־געבנדיק דעם פאַקט פון מאָראַלן פּראָגרעס, צוגעבנדיק, אַז אייניקע עגאָאיסטישע חסרונות קענען אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער מענ־טשישער נאַטור מיט דער הילף פון דערציאונג און טראַדיציע, דאַרף מען אָט וואָס פאַראויסזען: ניט נאָר די אָרגאַנישע מאָטיוון פון עגאָ־צענטריזם און זעלבסטפאַרהיטונג איז ניט אויסצואוואָרצלען (אין אַנטאַגאָ־ניסטישע האַנדלונגען און אין פונאַנדערגיין זיך מיט דער געזעלשאַפט־לעכער סאָלידאַרישקייט), נאָר עס איז אויך מעגלעך עס זאָלן זיך אַנטוויק־לען אייניקע דעפעקטן וואָס היינט באַמערקט מען זיי קוים. און אויב מען וועט פאַרווירקלעכן אַ טיילוויזן קאָמפּראָמיס און מען וועט איינהאַלטן אַ פאַרטיילונגס־היעראַרכיע, כדי צו דערגרייכן אַ שטופּע וואָס זאָל זיין נעענטער צום אָפּטימום פון פּראָדוקציע, אין די אינטערעסן פונעם קאָלעק־טיווס וואוילשטאַנד, — דעמאָלט וועט מען מוזן רעאַליזירן אַזעלכע גראַ־דאַציעס, וואָס זאָלן מאַכן די היעראַרכיע וויניקער פילבאַר, כדי אויסצו־מיידן פאַרשאַרפטע אונטערשידן און עס זאָלן ניט אויפקומען קיין אַנטאַ־

גאַניזמען און שטרייטן, וואָס קענען ברענגען צעשטערונג און שאַפן אַ פּערספּעקטיוו פון פאַרלוירענער אָרגאַנישער גלייכגעוויכט.

ווייטער, די פּראָבלעם פון אומגלייכקייט און סאָלידאַרישקייט ווערט געשטעלט ניט נאָר לגבי דער סיסטעם פאַרהעלטענישן אינעווייניק אינעם באַזונדערן קאָלעקטיוו, נאָר אויך לגבי די באַציאונגען צווישן די פאַרשי־דענע קאָלעקטיוון, פאַרשידענע לענדער, נאַציעס, טעריטאָריעס. מיר לאָזן דאָ אין אַ זייט די פראַגע וועגן „לאָקאַליזירטע" געפילן און צוגעבונדנ־קייט, וואָס וועגן זיי וועט נאָך ווייטער גערעדט ווערן: פונעם אַבסאָלוטן עגאַליטאַרן שטאַנדפּונקט איז פאַראַן אַ „מעטאַפיזישע" סתירה צווישן אים און צווישן די „עגאָאיסטישע, עקסקלוזיוויסטישע און פּריווילעגירטע" גע־פילן, וועלכע איך האָב צו מיין ווייב, צו מיינע קינדער, צו מיינע עלטערן, צו מיינע פריינט, צו מיין פאָטערלאַנד או"וו. און דאָס איז אַן אַנטינאָמיע אין דער צווייטער מדרגה, וואָרעם אויב איך פיל אַ ליבשאַפט און אַ סימ־פּאַטיע נאָר צו קאָנקרעטע און דערפאַר אין־צאָל־באַגרענעצטע פּערזאָנען, דעמאָלט פאַרלירט מיין אַבסטראַקטע ליבשאַפט צו דער מענטשהייט יעדער הומאַניטאַרן ווערט. דאָס זענען אַלץ פראַגעס, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן שפּעטער. דאָ אינטערעסירט אונז דערווייל נאָר די פּראָבלעם פון עגאַליטאַ־רער גערעכטיקייט. פאַראַן לענדער, וואָס פאַרמאָגן אַ געבענטשטן קלימאַט, אַ פרוכטבאַרן באָדן, מינעראַלע רייכקייטן, אַ רייך לעבן, אויסגעצייכנטע קאָמוניקאַציעס. פאַראַן ווידער לענדער, וואָס די נאַטור האָט זיי באַ־עוולהט: אָרעמע, מיט אַ שרעקלעכן קלימאַט, אָדער גאָר מיט מדבריות; זיי שטייען נידעריקער הן אין פרט פון קלימאַט, הן פון באָדן און מי־נעראַלע אוצרות, הן פון אָרגאַנישן לעבן, הן פון קאָמוניקאַציעס. אין סך־הכל פון דער געמיינזאַמער ווירקונג פון דער ערד־געשיכטע און פון דער מענטשהייט־געשיכטע זיינען פאַרשידענע טעריטאָריעס פאַר־נומען געוואָרן דורך פאַרשידענע נאַציעס, ראַסעס, פעלקער, קיבוצים. איז עס יושרדיק? איז עס עגאַליטאַר? מלחמות, קאַמפן, קאָנקורענצן זיינען אָנגעגאַנגען אין דער געשיכטע אין גרויזאַמע פאָרמען צוליבן באַזעצן די טעריטאָריעס. יעדער פאָלק איז דער אייגנטימער פון זיין ערד. דאָס איז אַן עקסקלוזיוויסטישער אייגנטום, ניט קיין אינדיווידועלער נאָר אַ נאַציאָ־נאַלער, ער איז מאָנאָפּאָל לגבי דער איבעריקער מענטשהייט. דער קאַמף פאַר טעריטאָריעס, קאָלאָניעס, גרענעצן האָט ניט אויפגעהערט אויך אין אונזערע טעג, און פּרעטענזיעס פון דעם מין האָבן אויך אינעם איצטיקן קריג געהאַט אַ חלק. צוגלייך מיט דעם שטעלט מען אויף באַריערן קעגן אַנדערע לענדער אויף צו פאַרטיידיקן די אייגענע נאַציאָנאַלע אַרבעט, די אייגענע נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע קעגן דער קאָנקורענץ און די פאַרזוכן פון די אַנדערע נאַציעס.

געזעצן קעגן אימיגראַציע און קעגן דער קאָנקורענץ פון פרעמדלענדישער אַרבעט האָט מען אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע, אויסטראַליע און טיילווייז אויך אויפן אַלטן קאָנטינענט, אָפט אפילו אויף דער פאָדערונג פון די אַרבעטער־פאַראײנען. דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם ליגט אויסערן „קלאַסן־קאַמף" צווישן פּראָלעטאַריער און קאַפּיטאַליסטן: דאָס איז איינער פון די אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען אינעם פּראָלעטאַריאַט גופא. אַזעלכע אַנטאַגאָניזמען קענען פאַרבלייבן אויך נאָכן פאַרשווינדן פונעם קאַפּיטאַליזם און פון דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט־סטרוקטור. ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָבן אַזעלכע מחברים ווי רייבאָ און טיער איראָניש געפרעגט ביי די סאָציאַליסטן פון זייער צייט, צי זיי וועלן מסכים זיין, אין נאָמען פונעם עגאַליטאַרן פּרינציפּ, אַז די איינוואוינער פון די אומגליקלעכע טעריטאָריעס זאָלן פאַרלאַנגען מען זאָל זיי דערלויבן מאַסנווייז זיך אַריבערצוקלייבן אין די נאַטור־גליקלעכע ציוויליזירטע לענדער און אפילו זיך איינצופונדעווען דאָרט אָנשטאָט דער איצטיקער באַפעלקערונג. צי וועט זיך אָרגאַניזירן אַן „אַלוועלטלעכע רעפּובליק", וואָס פאַר איר וועט זיין פאַרפליכטנדיק דער פּרינציפּ פון טעריטאָריע־קאָמפּענסאַציעס? וועט די מענטשהייט־מאַסע אָננעמען דעם פּרצוף פון „הייליקייט", אין זינען פון אויפנעמען אויף אַן אידעאַלן אופן דעם פּרינציפּ פון גערעכטיקייט פאַר אַלע איינוואוינער פון דער וועלט? אַמאָל־אַמאָל, אפשר. נו, און ביז דעמאָלט? ס'זענען פאַראַן סאָציאַליסטישע סיסטעמען און סאָציאַליסטישע פּראָיעקטן, ביי וועלכע די ציוויליזירטע ווייסע האָבן די פּריווילעגיע צו הערשן איבער די פּרימיטיווע קאָלירטע ראַסן. פון דער אַנדערער זייט, האָבן באַבעף און קאַבע אין זייערע קאָמוניסטישע פּראָיעקטן אויפגעשטעלט באַריערן אַרום דעם לאַנד פון קאָמוניזם קעגן דער סכנה, אַז די אומגליקלעכע איינוואוינער פון די אַנדערע לענדער זאָלן ניט ווירקן אויף דער גליקלעכער קאָמוניסטישער מדינה. ביז ווי לאַנג עס וועט ניט ליקווידירט ווערן יעטוועדע פּראַקטיק פון פּאַראַזיטישער אומגלייכקייט, — וועט מען נאָר מיט דער הילף פון קאָמפּראָמיסן קענען דערגרייכן די שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן דעם מאַקסימום גלייכהייט אין דער ריכטונג צו די העכסטע פּרינציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

אונטער פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכהייט דאַרף מען פאַרשטיין אַזאַ אומגלייכקייט (סיי צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, סיי צווישן די פאַרשידענע געזעלשאַפטן), וועלכע באַזירט זיך ניט אויף עפּעס ספּעציעלע פונקציעס, אָנשטרענגונגען אָדער אויסצייכענונגען ביי דער נוצלעכער אַרבעט לטובת דער געזעלשאַפט אָדער מענטשהייט.

דאָס פאַרניכטן אָדער קאָמפּענסירן די סאָציאַלע אומגלייכקייטן, — אויף וויפיל אַזאַ שטרעבונג לאָזט זיך פאַרווירקלעכן און פירט ניט צו בייע

ווידערשפּרוכן, — מאַכט נויטיק אַ סיסטעם פון רעגלאַמענטאַציע און צוואַנג. בכלל איז רעגלאַמענטאַציע נויטיק כדי איינצואָרדענען דעם קאָלעקטיוו־וואוילשטאַנד ביים רעזשים פון סאָלידאַרישקייט. וואָס ענגער עס זענען די אחדות־בונדן, אַלץ קאָמפּליצירטער דאַרף זיין די רעגלאַמענטאַציע, אויף צו שאַפן און ברענגען אין באַוועגונג די גאַנצע קאָמפּליצירטע נעץ פון דעליקאַטע פאַרבינדונגען, וועלכע פונקציאָנירן אינעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. אָבער יעדע רעגלאַמענטאַציע באַגרענעצט די „אידעאַלע" פריי־הייט פון די בירגער; אין דער זעלבער צייט איז די רעגלאַמענטאַציע נויט־ווענדיק, אפילו אויף צו פאַרזיכערן די פרייהייט גופא. אָט אַזוי, ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, ווערט עס געבוירן די אַנטינאָמיע צווישן די גרונט־פאָדע־רונגען פונעם העכסטן אָדער אוניווערסאַלן אידעאַל: פרייהייט, גלייכהייט און סאָלידאַרישקייט אין זייער קאָאָפּעראַציע אויף צו אַנטוויקלען דאָס קאָלעקטיווע לעבן פון דער מענטשהייט.

די אַנטינאָמיע, וואָס עקזיסטירט צווישן די העכסטע פּרינציפּן פונעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל (אין זייער אַבסאָלוטן אויסדרוק און דערפירט צום עקסטרעמען גרענעץ), נעמלעך צווישן דער פרייהייט, גלייכהייט און צווישן דער רעגלאַמענטאַציע כדי צו פאַרווירקלעכן די סאָלידאַרישקייט, — און אפילו אינעם דעמאָקראַטישן אידעאַל גופא, — אָט די אַנטינאָמיע איז שוין לאַנג געווען באַוואוסט. שוין קאַנט האָט גערעדט וועגן דער דאָ־זיקער אַנטינאָמיע, ווען ער האָט שטודירט די געזעלשאַפטלעכע אחדות. פערדינאַנד לאַסאַל האָט אין זיין פאַמפלעט „באַסטיאַ־שולצע" אַנטקעגנגע־ענטפערט די, וואָס האָבן אינעם סאָציאַליזם געזען אַ נייעם מין שקלאַווערײַ, מיט דער פאָרמולע „סאָלידאַריטעט אין דער פרייהייט", — און ער האָט די פאָרמולע כמעט בוכשטעבלעך אויסגעבאַרגט ביי קאַנטן.

די סאָלידאַרישקייט, וואָס דער העכסטער סאָציאַלער אידעאַל צייכנט אָן, איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ סינטעז פון פרייהייט און גלייכהייט אין אַ סאָציאַלער סיסטעם, וואָס שאַפט דעם מאַקסימום מאַטעריעלן און מאָראַ־לישן וואוילשטאַנד. אָבער די פאַר־הנחה פונעם צופרידנשטעלנדיקן סינטעז איז — ליקווידירן די אַנטינאָמיעס אָדער אויסגלייכן די סתירות, וואָס באַקו־מען זיך ביים אַנטקעגנשטעלן איינס קעגן ס'אַנדערע די פאַרשידענע פּרינ־ציפּן פונעם אידעאַל, דערפירט לאָגיש ביזן סוף.

## 4

די אָנגעוויזענע אַנטינאָמיעס האָבן זיך אויף אַ טאָפּלטן אופן אָפּגע־שפּיגלט אין די סאָציאַליסטישע פאָרמולעס, וועלכע האָבן — באַוואוסטזיניק, צי אומבאַוואוסטזיניק, אָפן צי באַהאַלטן — געשטרעבט אויסצודריקן דעם אינהאַלט פונעם העכסטן אָדער אוניווערסאַלן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל:

ערשטנס, דער פאַקט גופא, וואָס די סאָציאַליסטישע שולעס גייען זיך פונאַנ־דער צווישן זיך; צווייטנס, די אַדער אַנדערע סאָציאַליסטישע סיסטעמען האָבן זיך ניט געקענט עמאַנסיפּירן פון ווידערשפּרוכן.

דער חילוק צווישן די סאָציאַליסטישע שולעס, זייער פונאַנדערגיין זיך, זייערע מחלוקתן האָבן זיך גענומען פון דער קאָמפּליצירטקייט און פונעם פּלוראַליזם פון די צילן, פאָדערונגען און פּרט־אידעאַלן, וואָס פון זייער אַלעמענס סכום שאַפט זיך דער אוניווערסאַלער אידעאַל. יעדער שולע האָט געשטעלט אין צענטער פון איר דאָקטרינע, פון איר באַנעמונג און פּראָגראַם — איינעם פון אירע פּרינציפּן, און האָט שטאַרק אָפּגערוקט אין שאָטן די אַנדערע; דערמיט האָט זי אין אַ געוויסער מאָס אָרונטער־געריסן די גאַנצקייט פון דער סיסטעם פון אַן אידעאַל־אוניווערסאַליזם. אין יעדער שולע איז געווען אַ טענדענץ דעם טייל אַרויסצוגעבן פאַר דאָס גאַנצע, און מען האָט פאַר אַ קרבן געבראַכט אַ געוויסן חלק פונעם אינטעג־ראַלן אידעאַל. יעדער שולע האָט קריטיקירט די דעפעקטן און בלויזן פון דער לערע פון די קאָנקורירנדיקע שולעס, און יעדערע איז פון איר זייט קריטיקירט געוואָרן דורך אַנדערע שולעס.

דער סען־סימאָניזם האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט ווי אַ פאַרבינדונג פון אַ געוויסן קאָלעקטיוויזם מיטן פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, ווי עפּעס אַ מין טעאָקראַטישע מאַכט. סאָציאַל־עקאָנאָמישע סאָלידאַרישקייט האָט ער באַגרינדעט אויפן יסוד פון אַ שטרענגער רעגלאַמענטאַציע פון אויבן, און די פאַרטיילונג האָט ער איינגעפּירט אין היסכם מיטן פּרינציפּ פון דעם אַרבעטערס פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט דער באַלוינונג פון אַרבעט לויט איר רעזולטאַט. דאָס איז געווען אַ סיסטעם פון פּלאַנירטער פאַרגע־זעלשאַפטונג, פון אַ שטרענגער רעגלאַמענטאַציע, וועלכע האָט געזאָרגט וועגן באַוואָרענען מיט אַרבעט אַלע בירגער און וועגן בעסטער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, —דערפאַר אָבער אפנים אָן פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, און אָן שום דאגה, אַז דער עלעמענט פון עגאַליטאַריזם זאָל מעגלעך פולער דורכגעפירט ווערן. אויף דער סען־סימאָניסטישער סיסטעם פון סאָציא־ליזם זיינען שרעקלעך אָנגעפאַלן סיי די עגאַליטאַריסטן פונעם קאָמוניס־טישן לאַגער, סיי די קאָלעקטיוויסטן אַנטיטעאָקראַטן, סיי די קעגנערס פון מלוכהשער פאַרגעזעלשאַפטונג פון דער מחנה פוריעריזם, סיי דער אַסאָציאַציאָניסט פּרודאָן, אָט דער „אַנ־אַרכיסט”, פעדעראַליסט און הייסער אָנהענגער פון פרייהייט.

פוריע און זיין שולע זענען געווען קעגן דער מלוכהשער צוואַנג־פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, קעגן דעם אַריינמישן זיך פון דער פּאָליטיק אין דער סאָציאַלער רעפאָרם; צום אָנפאַנג האָבן זיי זיך אפילו ניט אינטער־רעסירט ניט מיט דעמאָקראַטיע, ניט מיט רעספּובליקאַניזם, ובכלל ניט

מיט דער פאָרעם פון פּאָליטישן רעזשים. זיי האָבן געבויט דעם סאָציאַליזם אויפן יסוד פון פרייע אָפּמאַכן, אָנטייל פון קאַפּיטאַל, שפּיל פון ליידנשאַפטן און נטיות, האַרמאָנישער אַרבעטס־פּאַרטיילונג, ריוואַליטעט און קאָנקורענץ. זיי האָבן פון זייער פּלאַנירטן אַסאָציאַציאָניזם דערוואַרט ניסים אינעם וואוקס פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, אין דער אַלגעמיינער שפע, אין דער אידעאַלער באַפרידיקונג פון אַלע נויטבאַדערפעניש. זיי זיינען באַשטאַנען אויף דעם, אַז עס זענען נויטיק אומגלייכקייטן און אונטערשידן. זיי האָבן איינגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון אומגלייכער פּאַרטיילונג אַנטשפּרעכנדיק צו דער אַרבעט, צום טאַלענט און צום קאַפּיטאַל. זיי האָבן זיך איבערגענומען מיטן „וויסנשאַפטלעכן" כאַראַקטער פון זייער דאָקטרינע, און זיי האָבן אים אַנטקעגנגעשטעלט די „אַנטי־וויסנשאַפטלעכקייט" פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע לערעס און שולן. און עס איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס האָבן די פוריעריסטישע אידעען, אין דעם אָדער אַנדערן אַספּעקט, אָנגעטראָפן אויף אַזאַ שאַרפער קריטיק מצד די אָנהענגער פון מלוכהשער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, די סען־סימאָניסטן, קאָלעקטיוויסטן, קאָמוניסטן, מצד די סאָציאַליסטן־עגאַליטאַריסטן און מצד די סאָציאַליסטן־דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער (פּיער לערו, למשל). מיט דער צייט זיינען אָנגעזעענע פוריעריסטן (למשל קאָנסידעראַן) געוואָרן דעמאָקראַטן און זיי זיינען געווען הייסע פּאַרטיידיקער פון דער רעפּובליק. אויך אַנדערע סאָציאַליסטישע שולעס האָבן אַ סך גענאַשט פונעם אַרסענאַל פון די פוריעריזם־אידייען.

קאָמוניסטן זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אַלע סאָציאַליסטישע שולעס, וואָס זענען ניט געגנוג עגאַליטאַר, אין נאָמען פונעם גלייכהייט־פּרינציפּ. אָבער אינעם קאָמוניזם אַליין זיינען געווען שולעס, וואָס האָבן זיך סותר געווען און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען צוליב דעם, מיט וואָס פאַר אַ פּאָלקייט עס דאַרף דורכגעפירט ווערן דער פּרינציפּ פון גלייכהייט ביי דער פּאַרטיילונג: אַבסאָלוטע גלייכהייט, צי פּראָפּאָרציאָנעלע גלייכהייט אָדער אומבאַגרענעצטע קאָנסומירונג פונעם אַלגעמיינעם אוצר.

די חילוקי־דעות און קריגערייען זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם, וואָס מען האָט אַזוי אָדער אַנדערש פאַרשטאַנען צי גאָר איגנאָרירט די פּילאַרטיקייט פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, די רעאַלע און די מעגלעכע. באַזונדערס און איבערהויפּט דעם פּרינציפּ פון פרייהייט האָט מען אַמאָל פאַרסירט און דערפירט ביז עקסטרעמע פאָלגן, אַמאָל איגנאָרירט און דערטרונקען אין אינדיפערענטיזם, אַמאָל געבראַכט פאַר אַ קרבן צום פּרינציפּ פון עקאָנאָמישער רעגלאַמענטאַציע און פון דער פאָדערונג, אַז

עס איז נויטיק אַן אויטאָריטאַרער פּאָליטישער רעזשים אויף איינצו־פלאַנצן די נייע סאָציאַלע אָרדענונג — אפילו בגעוואַלד און אַנטי־דע־מאָקראַטיש. אַט אַזוי האָט זיך אויף איין פּאָליוס אָנגעצייכנט דער ספּעקטר פון אַנאַרכיע, און אויפן אַנדערן — דער ספּעקטר פון דיקטאַטור.

עס זיינען געווען חלוקי־דעות צווישן פאַרשידענע סאָציאַליסטישע לערעס, וועלכע האָבן אין תוך געשטרעבט אויסצודריקן די פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל און געפּרואווט — כדי צו פאַרענטפערן די אַנטינאָמיעס — זיך שטעלן אַט אויף איין פּאָליוס, אַט אויף אַ צווייטן פּאָליוס פון יעדער אַנטינאָמיע; אומאָפּהענגיק אָבער פון דעם, האָבן זיך אין באַזונדערע סאָציאַליסטישע לערעס געשאַפן סתירות, וואָס האָבן זיך גענומען פון דעם, וואָס עס איז שווער שלום צו מאַכן צווישן די אומפּאַר־איינבאַרע פאָדערונגען, וואָס באַשטייען אין פרינציפּן, דערפירטע ביזן אַבסאָלוטן לאָגישן סוף. גאָר באַלערנדיק זיינען די סתירות ביי פּרודאָנען, וועלכער איז, למשל, אַט געווען קעגן אייגנטום און פאַר גלייכהייט, אַט פאַר אייגנטום כדי צו פאַרזיכערן די פרייהייט, און אַט איז ער ניט אַרויס־געקראָכן פון די אנטינאָמיעס צוליבן קאָנפליקט צווישן פרייהייט, גלייכהייט און די רעגלאַמענטאַציע־פאָדערונגען. פון די אינעווייניקסטע סתירות, געבוירן דורך די אַנטינאָמיעס, זיינען אין אַזאַ אָדער אנדערער מאָס ניט פריי אויך אייניקע אַנדערע סאָציאַליסטישע לערעס, אין דעם כלל אויך די מאַרקסיסטישע דאָקטרינע, צ. ב. ש. אין איר סאַנקציע פון דער „דיק־טאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט״.

# קאַפּיטל צוואַנציק

## דער אידעאַל פון דער דעמאָקראַטיע

### 1

דעמאָקראַטיע, אי זברייטסטן זינען, דאָס איז דער פּאָלקאָמסטער פּאָ־ליטישער רעזשים, וואָס איז נאָר מעגלעך פּאַר אַ געזעלשאַפט, וואָס באַ־שטייט פון מענטשן, אַט אַזוי ווי מיר קענען זיי הײַנט. פּינקטלעכער, דעמאָקראַטיע — דאָס איז אַ פּאָליטישער רעזשים, דער צום ווייניקסטן אומפּאָלקאָמענער פון יענע אַלע, וואָס מיר קענען זיך פאָרשטעלן פאַר דער געזעלשאַפט, ביז ווי לאַנג די מענטשן וועלן פאַרבלייבן אין תוך אַט אַזעלכע, ווי זיי זײַנען עס הײַנט. דעמאָקראַטיע — דאָס איז אַ מין מאָראַ־לישער חוב אין די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן. זי ווערט סאַנקציאָנירט דורך אירע מעלות אין פּאָזיטיוון זינען און דורכן פּרינציפּ פון דער אומ־מעגלעכקייט, אַז אין די רעזשימען, וואָס פאַרלייקענען זי, זאָל זיך קענען איינשטעלן אַ פעסטער גלײַכגעוויכט און אַ פרידלעכע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. אָבער עס איז אינגאַנצן נאַטירלעך, אַז אויך זי האָט אירע חסרונות און אומפּאָלקאָמענהייטן, אַז אויך זי לײַדט פון אַנטינאָמיעס און ווידערשפּרוכן.

צום גרעסטן פּולקאָם אָדער צום ווייניקסטן אומפּולקאָם, ווערט די דעמאָקראַטישע פאָרמולע פאַרגעשטעלט פרייער פאַר אַלץ ווי אַן אַלגעמיי־נער מאָראַלישער כּלל אין פּאָליטישן געביט און ווי אַ פּרט־אידעאַל, וואָס קומט אַרײַן אינעם קאַדער פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

אָפּלייקענען די דעמאָקראַטישע פאָרמולע הייסט, ראשית־כּל, אָפּליי־קענען די פרייהייט און צוגלײַך אָפּלייקענען די גלײַכקייט אין די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן. מחוץ דער דעמאָקראַטיע, פאַלט די געזעלשאַפט אַרונ־טער אומפאַרמײַדלעך אונטער דער מאַכט פון דער פּריווילעגירטער מינ־דערהייט (מאָנאַרכיע, אָליגאַרכיע, דיקטאַטור, טיראַניע, די הערשאַפט פון אַ פּריווילעגירטער פּאַרטיי, קאַסטע, קלאַס). די דעמאָקראַטישע פאָרמולע דריקט זיך אויס אין צוויי פּרינציפּן: סואָווערעניטעט פון פאָלק און די רעכט פונעם מענטש און בירגער. די דעמאָקראַטישע פאָרמולע ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דער ניט־דעמאָקראַטישער פאָרמולע, וועלכע שליסט אויס דעם ערשטן פון די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן און ברענגט נאַטירלעך

צו דער אַפּליקירונג אויך פונעם צווייטן פּרינציפּ, ווי אַזאַ, וואָס גייט קעגן דעם מאָנאָפּאָל פון דער קאָמאַנדירנדיקער גרופּע. די ניט־דעמאָקראַ־טישע פאָרמולע באַטייט אויך פּאָליטישע אומגלייכקייט און פּאָליטישע פאַרשקלאַפונג. ענדלעך, היסטאָריש, פאַלט אָפט צונויף די ניט־דעמאָ־קראַטישע פאָרמולע מיט עקאָנאָמישער אונטערדריקונג פון דער געזעל־שאַפט דורכן קאָמאַנדירנדיקן קלאַס, אָדער זי ווייזט זיך אַרויס פאַרבונדן מיט די פאָרמען פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע. דער ניט־דעמאָ־קראַטישער רעזשים קען, פאַר זיך, געבוירן עקאָנאָמישע אומגלייכקייטן און אונטערדריקונגען.

פון דער צווייטער זייט, סאַנקציאָנירט מען די ניט־דעמאָקראַטישע פאָרמולע, ווי אַ פּערמאַנענטע זאַך צי אַפילו ווי אַ צייטווייליקע לאַגע, — דעמאָלט טרעט אַריין אין קראַפט דער ווילקירלעכער כלל, און ער קען ניט געפינען קיין אַלגעמיינע אָנווענדונג אָדער קען ניט צוגעפּאַסט ווערן ווי אַן אוניווערסאַלער אָרגאַנישער פּרינציפּ פון אַ מאָראַלישער פּאָליטיק. די ניט־דעמאָקראַטישע פאָרמולע שטעלט זיך אַנטקעגן דער מעגלעכקייט שטאַנדהאַפטיק און פרידלעך צו אַנטוויקלען די געזעלשאַפט אויפן וועג צום פאַרווירקלעכן דעם העכסטן אידעאַל. באמת, וויבאַלד די מינדערהייט האַלט דעם מאָנאָפּאָל פון מאַכט און פון דער פאַרוואַלטונג איבער דער געזעלשאַפט, — איז פאַרוואָס זאָל די מערהייט אַריבערטראָגן איר פּאָלי־טישע פאַרשקלאַפונג? פאַרוואָס דווקא די מינדערהייט און ניט קיין אַנ־דערע מינדערהייט? מיט וואָס פאַר אַ רעכט אוזורפּירט עס די מינדער־הייט די מלוכה־מאַכט? אויב די מינדערהייט באַרעכטיקט און באַפעסטיקט איר הערשאַפט־רעכט מיטן אַרגומענט, אַז זי זאָרגט וועגן וואויל פון פאָלק אָדער מיטן אידעאַל, וועלכן זי האַלט פאַרן געזעצלעכסטן און פאַרן העכסטן, — איז פאַרוואָס זאָל ניט אַ צווייטע מינדערהייט איר אַנטקעגנ־שטעלן איר ווילן, איר זאָרג וועגן דעם וואויל פון פאָלק, איר אידעאַל, ווי נאָך אַ העכערן אין פאַרגלייך מיטן קעגנערס אידעאַל? איז דען פאַראַן אַ טריבונאַל, ביי וועלכן דער דאָזיקער פּראָצעס זאָל געפירט ווערן, אויס־סער דעם פאָלק גופא? און אַזוי ווי ביי יעדער ניט־דעמאָקראַטישער פאָרמולע ווערט דאָס פאָלק אָוועקגערוקט אין אַ זייט, איז וואָס פאַר אַן אַנדער מיטל בלייבט אויף צו לייזן דעם שטרייט, אויב ניט דאָס אַפּעלירן צו כוח און צו געוואַלט־קאַמף? פון דעם איז געדרונגען, אַז כל־זמן דער געזעלשאַפטס פּאָליטישער רעזשים איז אונטערגעוואָרפן דער ניט־דעמאָ־קראַטישער פאָרמולע, קען די געזעלשאַפט ניט זיין אין קיין צושטאַנד פון גלייכגעוויכט, גייט זי ניט אַרויס פונעם קרייז פון געוואַלט־קאַמף־פאָרמען, פון אויפשטאַנדן, רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס, — און דאָס מאַכט פּרוכטלאָז יעדע שטאַנדהאַפטיקע באַוועגונג פון דער גע־

זעלשאַפט אויפן וועג פון פראָגרעס, דאָס פאַרמישפט דעם קאָלעקטיוו צו אַ כסדרדיקער איבערחזרונג פון בלוטיקע קאַמף־קריזיסן, אָן אַ מעגלעכ־קייט פאַר פרידלעכער און שטאַנדהאַפטיקער אַנטוויקלונג. אָבער דער העכסטער אידעאַל פאָסטולירט, עס זאָל זיך איינשטעלן אַ פּאָליטישער רע־זשים, ביי וועלכן דער קאַמף פאַר דער מענטשהייטס פראָגרעס וועט פאַר־ווירקלעכט ווערן נאָר אויף פרידלעכע וועגן און אופנים. געווינען די דע־מאָקראַטישע פאָרמולע — דאָס איז איינער פון די קאַפּיטאַלסטע אָר־גאַנישע עטאַפּן אין דער פּראָגרעסיווער עוואָלוציע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין איר שטייגערונג פון דער זאָאָלאָגיע צו דער הומאַני־טאַרער קולטור.

וויפל זיינען שוין געווען אַנטידעמאָקראַטישע רעזשימען, צעזאַריז־מען, טיראַניעס, באָנאַפּאַרטיזמען, דיקטאַטורן, פאַשיזמען, שוין ניט רעדנ־דיק פון די „סאָציאַלע מאַנאַרכיעס", „אויפגעקלערטע אַבסאָלוטיזמען" און אַנדערע אַבסאָלוטיסטישע רעזשימען, אין וועלכע די הערשערישע מינ־דערהייט האָט זיך גענומען דאָס רעכט אָנצופירן מיט דער מלוכה אין נאָמען פון טובת־הכלל, פונעם פאָלק און פאָטערלאַנד. אָפּן אָדער שווייגנדיק האָבן זיי געלייקנט און לייקענען אָפּ די פעאיקייט פון דער דעמאָקראַטיע צו פירן ווי געהעריק די מלוכה. און אָפּט האָבן זיי זיך סומך געווען אויף היסטאָרישעביישפּילן וועגן די שעדלעכע רעזולטאַטן פון דער דעמאָקראַ־טיעס אומפּולקאָמענהייטן. נאַפּאָלעאָן האָט געטענהט, אַז עס איז נייטיק צו פאָלגן דעם ווילן פון פאָלק, אָבער דאָס פאָלק פאַרשטייט אַליין ניט, וואָס עס וויל, און נאָר אַן אימפּעראַטאָר קען וויסן און קען פאַרווירקלעכן דעם פאָלקס ווילן. אין תוך גענומען, איז יעדער אַנטידעמאָקראַטישע פסיכאָלאָגיע דורכגעדרונגען מיט פאַראַכטונג צו די פּאָליטישע פעאיקייטן פון פאָלק, אין פרט פון אָנפירן מיט זיין אייגענעם גורל. יעדער פון די דאָזיקע רעזשימען האָט געטענהט, אַז נאָר זיין אידעאַל פאַרקערפּערט די „אמתע" טובה פון פאָלק. אַזעלכע רעזשימען איז אָדער זיי שטעלן זיך העכער פאַרן פאָלק, אָדער זיי פּראָקלאַמירן זיך פאַר דער איינציקער אמתער פאָלקס־פּאַרטיי. און אַזוי ווי זיי אָנערקענען ניט קיין שום הע־כערן בית־דין, וואָס זאָל קענען אַרויסטראָגן אַ פסק אינעם דאָזיקן שטרייט צווישן אָט די פאַרשידענע בעלי־טובהניקעס פון פאָלק, קומט אויס, אַז נאָר קאַמף, און טאַקע אַ קאַמף מיט געוואַלט, צווישן די באַזונדערע כוחות פון די פאַרשידענע פּרעטענדענטן, קען לייזן דעם שטרייט. דאָס איז אַ שטענדיקער מצב פון קריג, אַ בלוטיקע מלחמה, אַ פּערמאַנענטער אויס־פּעל פון אָרגאַנישער גלייכגעוויכט. בעללום אָמניום ... אַמאָל איין כוח און אַמאָל אַ צווייטער כוח — ווערט דאָס רעכט. אָט אַזוי איז דער

באַלשעוויזם געוואָרן איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געבוירן דעם פאַ־
שיזם און נאַציזם, און שפעטער די גאַנצע היינטיקע קאַטאַסטראָפע.

דער כלל פון אַ פאָליטישער מאָראַל מוז טראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַ־
ראַקטער, כדי ער זאָל קענען אַנגענומען ווערן דורך אַלעמען אָן דערווי־
דערונגען (דאָס איז, פון דער אַנדערער זייט, דער כלל פון יעטוועדער
מאָראַל). יעדער אומדעמאָקראַטישע פאָרמולע באַטייט די אומפאַרמייד־
לעכקייט פון שאַרפע סטירדעס, צוזאַמענשטויסן, ווידערשפרוכן און גע־
וואַלט־קאַמפן; זי פאַרט זיך ניט מיט אָרגאַנישער גלייכגעוויכט אין דער
סאָציאַלער עוואָלוציע. נאָר די דעמאָקראַטישע פאָרמולע שטעלט פאָר אַן
אַלגעמיינעם כלל, וואָס קען אַנגעווענדט ווערן ביי אַלע סיטואַציעס און איז
פעאיק צו פאַרזיכערן אַ פעסטן און פרידלעכן גלייכגעוויכט אין דער פראָ־
גרעסיווער עוואָלוציע פון דער געזעלשאַפט. נאָר אין אַ געזעלשאַפט, וואָס
איז אָרגאַניזירט אויף דעמאָקראַטישע יסודות, קענען די סאָציאַלע אַנטאַ־
גאָניזמען פאַרענטפערט ווערן און שטענדיק ליקווידירט ווערן אויף אַ
פרידלעכן וועג.

## 2

אָבער די דעמאָקראַטישע פאָרמולע איז ניט קיין פולקאָמענקייט און
זי קען ניט זיין קיין פולקאָמענקייט. מיר ווייסן, אַז די אידעע פון פול־
קאָמענקייט, וועלכע איז אַ נייטיקער פאַרבאַדינג פאַר יעטוועדן אידעאַל,
אַנטפלעקט אָבער ווידערשפרוכן, בעת מען פרוווט זי אַבסאָלוט אָנצו־
ווענדן אין די רעאַלע און קאָנקרעטע תנאים פון אונזער עקסיסטענץ. ווי
אַ פרט־אידעאַל איז די דעמאָקראַטישע פאָרמולע אומפולקאָם לגבי דעם
אוניווערסאַלן אידעאַל, וואָס אין זיין אינהאַלט גייט זי אַריין נאָר ווי אַ
טייל. אָבער אויך ווי אַ פרט־אידעאַל איז זי אומפולקאָם. עס פעלט איר
שלימות צוליב דעם, ווייל די דעמאָקראַטיע אַנטהאַלט אין זיך אַ פאַרשידנ־
אַרטיקייט פון עלעמענטן, און זייער ווידעראַנאַנד קען, אין סך־הכל פון די
צוזאַמענשטויסן, אַרויסרופן אַנטינאָמיעס, וואָס דראָען איר מיט צעשטע־
רונג. זי איז אומפולקאָם, ווייל אומפולקאָם זיינען די בירגער, וואָס באַ־
דאַרפן לעבן מיט איר לעבן.

ראשית־כל, איז דער דעמאָקראַטישער רעזשים — אַ רעזשים פון
דער דעמאָקראַטישער מלוכה. קיין רעאַלע געזעלשאַפט — אין די רייען
פון מלוכהשן לעבן — איז ניט מעגלעך אָן אויפצווינגונג, אָן מאַכט־פונק־
ציעס, מעג זי אַפילו ווירקן אין נאָמען פון פאָלק. מען קען זיך פאָר־
שטעלן אַן אידעאַלע געזעלשאַפט, אין וועלכער די קאָאָפעראַציע צווישן די
בירגער זאָל אָנגיין אין אָרדענונג פון פרייוויליקן הסכם פון אַלעמען, און
עס זאָל קיין צוואַנג ווי אַזעלכער ניט עקסיסטירן: אַ מלוכה־פאַמיליע אָן

שום צוואַנג. דאָס איז דער „אַנאַרכיסטישער" אידעאַל. וועט אַמאָל מקוים ווערן אַזאַ אידעאַל? זאָגן יאָ אָדער ניין — דאָס הייסט פאָרמולירן היפּאָטעזעס. שטרעבן צו דעם אידעאַל — דאָס האָט שטאַרק אַ זינען און דאָס איז אַפילו אַ חוב. געטע האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די בעסטע רעגירונג — דאָס איז יענע, וועלכע דערציט דאָס פאָלק אין דער מעג־לעכקייט זיך צו באַגיין אָן קיין שום רעגירונג, אָן קיין שום צוואַנגס־אַפּאַראַט. היינט־צום־טאָג, למשל, איז אַ „קאָאָפּעראַטיווע" געזעלשאַפט — אינגאַנצן אַן עגאַליטאַרע אָדער אַ קאָלאָניע־אָאַזיס אין דער אינדיווי־דועלער געזעלשאַפט, אָן שום אָנווענדונג פון צוואַנגס־יורידישע נאָרמען — מעגלעך נאָר צווישן ספּעציעל־צוגעקליבענע אידעאישע עליטעס, און דאָס אויך ביי ספּעציעלע באַדינגונגען. פּראַקטיש אָבער זיינען דאָך די אידעאָלאָגישע פּערזענלעכקייטן מיט אַ העכערער קוואַליפיקאַציע — נאָר אַ נישטיקע מינדערהייט, און פּרוּוון איצט בויען אַ רעזשים פון סאָלי־דאַרישקייט אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב, אויף יסודות פון אָן־צוואַנג און אָן־מלוכהשקייט, דאָס הייסט דיסקרעדיטירן דעם אידעאַל ווי אַ סך־הכל פונעם איגנאָרירן די שוין אונז באַקאַנטע אַנטינאָמיעס.

וויבאַלד עס ווערט אָנגעווענדט דער צוואַנג־פּרינציפּ, קומען אויף פאַרשידענע מעגלעכקייטן. אויב עס איז פאַרווירקלעכט איינשטימיקייט, דעמאָלט זיינען קיין שיינבאַרע שוועריקייטן ניט פאַראַן. ווי איז אָבער, ווען עס פעלט די איינשטימיקייט? דעמאָלט איז נייטיק, אַז די מינדערהייט אָדער די מינדערהייטן זאָלן זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן פון דער מער־הייט; עס קען דאָך קיין רייד ניט זיין וועגן דעם, אַז די מינדערהייט זאָל געבן פאַראָרדענונגען דער מערהייט: דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אָליגאַר־כישע דיקטאַטור. צי קען אָבער ניט דער מערהייט־געזעץ ווערן אַ מער־הייט־דיקטאַטור? צי קען ניט דער מערהייט־געזעץ ברענגען צו אונטער־דריקונג אָדער צום דערשטיקן מאָראַליש איין טייל פון דער געזעלשאַפט דורך דער צווייטער? צי קען די מערהייט אינגאַנצן איגנאָרירן דעם ווילן פונעם מיעוט אָדער פון די מיעוטים? צי קען, למשל, ביי דעמאָ־קראַטיע די מערהייט דעקרעטירן, אַז עס ווערט געמאָלדן „אויסערן געזעץ" און עס ווערט פיזיש פאַרניכטעט אַ נאַציאָנאַלער מיעוט (אָן שום היפּאָטעזע פון אַ פאַרברעכן מצד דעם לעצטן) אויפן גרונט פון דעם, וואָס אָט דער מיעוט איז אין „אָפּאָזיציע" און פאַראַליזירט די אַקציע פון דער „נאַציע"? צי קען די מערהייט אַרויסגעבן געזעצן „ווילקירלעך", און טרעטן מיט די פיס די „רעכט" פון די יחידים און פון פּריוואַטע גרופּעס, פון וועלכע די געזעלשאַפט באַשטייט?

קלאָר, אַז אויף אַזעלכע שאלות קען מען ניט ענטפערן מיט יאָ. וואָ־רום דעמאָקראַטיע באַטייט ניט נאָר סוּווערעניטעט פון פאָלק און פון

זיין מערהייט. די סואווערעניטעט פון פאָלק טאָר ניט זיין אין סתירה צו די געבאָטן פונעם העכסטן אידעאַל, ווי פרייהייט און גלייכקייט. אַנ־דערש וואָלט דאָך געווען אַן אַנטינאָמיע צווישן דעמאָקראַטיע און דעם העכסטן אידעאַל. עס איז נייטיק, בכן, אַז די פאָלקס־סואווערעניטעט זאָל זיך אויסדריקן אין אַקטן, וואָס פאָרן זיך מיט די אַנדערע דעמאָקראַטישע פרינציפּן, און וואָס זייער פאַרלעצונג זאָל הייסן — ווידערשפּרעכן די פּרינציפּן פונעם העכסטן אידעאַל און פון דער דעמאָקראַטיע גופא.

דאָ קענען אויפקומען נייע אַנטינאָמיעס.

ביי דעמאָקראַטיע ווערט די פאָלקס־סואווערעניטעט אויסגעדריקט דורך אַלגעמיינע וואַלן. צי קענען אָבער די דאָזיקע וואַלן זיין באמת אַלגעמיינע, און צי איז עס טאַקע באמת אַן אַלגעמיינע אָפּשטימונג? צי קען מען איינשטעלן פרידן צווישן איר פאַרהעלטנישמאָסיק־אַלגעמיינעם כאַראַקטער — מיט דער מאָראַלישער, אינטעלעקטועלער און מאַטעריע־לער דיפערענציאַציע, וועלכע עקסיסטירט צווישן די מיטגלידער פון אַ רע־אַלער מענטשישער געזעלשאַפט? היינט ווי זאָל זיין, ווען דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט פאַרראַט אַליין די סואווערעניטעט פון פאָלק, די דעמאָקראַ־טישע פּרינציפּן, די וויכטיקע נאָרמעס פון דעמאָקראַטישן רעזשים? ווער וועט עס זיין דער שופט, וועלכער וועט פאַרמיטלען צווישן די ווידער־שפּרוכן? דער, וואָס וועט פסקענען אין פאַל פון פאַרלעצונגען; דער, וואָס וועט שטיין העכער איבער דער אַלגעמיינער אָפּשטימונג? און וועלכע מעטאָדן און מיטלען וועט ער פאַרמאָגן אויף אַריינצוברענגען דעם דעמאָ־קראַטישן רעזשים אין די גרענעצן פון זיין נאָרמאַלער עקסיסטענץ? ווי אַזוי זאָל מען זיך פאָרשטעלן די אָרגאַניזאַציע פון אַ דעמאָקראַטיע, ביי וועלכער עס זאָלן באַזייטיקט ווערן די ניט־צוגעפּאַסטקייטן, און עס זאָלן כאָטש טיילווייז פאַרגלעט ווערן די סתירהדיקע פּרינציפּן, און עס זאָלן האַרמאָניש פאַרענטפערט ווערן די אַנטינאָמיעס, וואָס נעמען זיך פונעם ווידעראַנאַנד צווישן די פאַרשידנאַרטיקע פּרינציפּן און די פּראַקטישע פאַרווירקלעכונגען פון דער פּאָליטיק?

די דעמאָקראַטיע האָט זיך אַזוי ווי אינסטינקטיוו געמיט צו פאַר־ענטפערן די אינעווייניקסטע סתירות דורך פאַרשידענע צואָב־טיילן און פּראָצעדורן.

ראשית־כל האָט מען פּראָקלאַמירט — און דאָס איז בעיקר באַשיימ־פערלעך אין דער אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטישער שאַפונג, — אַז די סואווערעניטעט פון פאָלק איז ניט דער איינציקער פּרינציפּ, וואָס כאַראַק־טעריזירט דעם תוך פון דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג. דער צווייטער העכסטער פּרינציפּ פון דער דעמאָקראַטיע — דאָס איז דער פּרינציפּ וועגן די אומבאַרירלעכע רעכט פונעם מענטש און בירגער. דער בירגער ווי

אַזעלכער באַזיצט רעכט, וואָס אַפילו די סאָוועריניטעט פונעם פאָלק קאָ־
פּיטולירט פאַר זיי. דאָס זיינען, צב״ש, די גרונט־נאָרמעס פון פרייהייט
(פרייהייט פון געוויסן, פרייהייט פון פאַראייגען, פאַרזאַמלונגען, פרעסע,
אאַזוו) און גלייכקייט (יורידישע, פאָליטישע וכד׳). דער קאָנסטיטוציאָ־
נעלער אַקט „פּראָקלאַמירט״ פייערלעך, אַז די דאָזיקע רעכט קען בשום־
אופן ניט אַנרירן קיין שום געזעצגעבערישער אַקט.

קומען דאָ אויף צוויי שוועריקייטן. ראשית קומט די שוועריקייט פאַר־
נאַנדערצוגרענעצן די רעכט. די צווייטע שוועריקייט באַשטייט אין דער
עפעקטיווקייט פון די גאַראַנטיעס, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן די רעכט.

דער בירגער האָט רעכט אויף פרייהייט פון מיינונג, פּראָפּאַגאַנדע,
אָרגאַניזאַציע — מיטן צוועק צו רעפאָרמירן דעם רעזשים. וואו זשע זיי־
נען די גרענעצן פון אָט דער פרייהייט? געוויס, דער בירגער קען ניט
גרייטן קיין געוואַלט־איבערקערעניש אויף אָראָפּצוואַרפן די דעמאָקראַ־
טישע אָרדענונג. ווי איז אָבער דער דין, אויב ער אַפּעלירט צו דער
סאָוועריניטעט פון פאָלק? אויב ער שטרעבט צו דערהרגענען די דע־
מאָקראַטיע מיט דער הילף פון דער דעמאָקראַטיע, ווירקנדיק אויפן מאַניר
פון די צעזאַריזמען און באָנאַפּאַרטיזמען? ווי עס האָט באַמערקט עדגאַר
קינע, די שוואַכקייט פון דער דעמאָקראַטיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי
גיט פרייהייט אירע קעגנער.

פון דער אַנדערער זייט, אויב אינעם קאַמף פון די פאָליטישע פּאַרטייען
נעמט די מערהייט, וואָס באַזיצט די מאַכט, און זי טוט די מינדערהייט, וואָס
באַזיצט אַן אַנדער דעמאָקראַטישע מאַדאַליטעט, באַרויבן פון פרייהייט פון
וואָרט און אַקציע, — איז ווער וועט פאַרטיידיקן די רעכט פון דער אָפּאָ־
זיציע? אָט די פּראָבלעם האָט זיך אַרויסגערוקט, למשל, אין דער תקופה
פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַ
בלוטיקער קאַמף צווישן די פּאַרטייען, אויך אין דער לעצטער צייט אין
דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע, ביזן אונטערגאַנג פונעם דעמאָקראַטיש־
רעפּובליקאַנישן רעזשים, אויך אין פראַנקרייך ביז פאַר דער איצטיקער
קאַטאַסטראָפע.

אַ גאַר ערנסטע אַנטינאָמיע אַנטשטייט דעמאָלט, ווען די סאָוועריני־
טעט פון פאָלק, אויסגעדריקט אינעם וואָטום פון דער הערשנדיקער מער־
הייט, פאַרלעצט די גרונט־רעכט פונעם מענטש און בירגער. די פּאָליטישע
מאָראַל, וועלכע שטעלט זיך אַנטקעגן אַזאַ מין פאַרלעצונג, איז ניט באַ־
וואָפנט מיט קיין שום קראַפט, זי זאָל קענען פאַרטיידיקן דאָס רעכט.
קומט דעמאָלט אויס, אַז אַפילו אין דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג מוז
עקסיסטירן דאָס רעכט פון רעוואָלט קעגן פאַרלעצן די רעכט און גערעכ־
טיקייט דורך דער „סאָוועריניטעט פון פאָלק״. עס איז באַקאַנט, אַז די

קאַטוילישע ליגע, וועלכע האָט געפּירט אַן אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעט אין פראַנקרייך אין דער צייט פונעם אויפרודער, בעת העינריך דעם 3טן און ביז עס איז אַרויף אויפן טרוין העינריך דער 4טער, — האָט איבערגענומען די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע פון די מאָנאַר־כאָמאַכן, זי האָט פאַרטיידיקט דעם פאָלקס סאַווערעניטעט, זי האָט אָנער־קענט דאָס רעכט פון אויפשטאַנד קעגן דער „טיראַניע" פון דער קעניג־לעכער מאַכט, און זי איז אַפילו דערגאַנגען ביז אָנערקענען די באַרעכ־טיקטקייט צו הרגענען דעם קעניג, ביי געוויסע פאַלן. אָבער די זעלבע ליגע איז געווען דורכגעדרונגען מיט עקסטרעמן קאַטוילישן פאַנאַטיזם, זי האָט דערקלערט די פּראָטעסטאַנטן אויסערן געזעץ, און זי האָט אַפילו גע־האַלטן אין טראַכטן וועגן אַ נייער באַרטאָלאָמעוס־נאַכט; אירע פריידיקער האָבן גערעדט וועגן די דעמאָקראַטן־פּראָטעסטאַנטן: „מיר וועלן זיי שמייסן מיט זייער אייגענעם קאַנטשיק"... מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ „פאָלקס־סאָווערעניטעט" אין געשטאַלט פון גרויזאַמער רעכטלאָזיקייט. עס זיינען מעגלעך נאָך אַנדערע מאָדאַליטעטן פון דער זעלבער אַנטינאָמיע. די דע־מאָקראַטיע סאַנקציאָנירט, למשל, דעם שקלאַפן־אינסטיטוט בנוגע אַ מינ־דערהייט. אָדער די פּאַרלאַמענט־מערהייט קאָסירט, אַנולירט די וואַלן פון דער אָפּאָזיציע, רודפט די פאַרטרעטערשאַפט פון דער מינדערהייט. די מערהייט רודפט די נאַציאָנאַלע מיעוטים. די דעמאָקראַטיע מאַכט דעמאָלט זיך אַליין חרוב. זי רופט אַרויס קעגן זיך בלוטיקע רעאַקציעס, וועלכע זיינען ביכולת זי אַרונטערצורייסן מאָראַליש און פיזיש. זי צע־שטערט דעמאָלט אַליין די באַזע פאַרן אָרגאַנישן גלייכגעוויכט פון סאָציאַ־לער עוואָלוציע, דאָס וואָס איז דער יסוד פון אירע פּרינציפּן, דער רעזאָן ד'עטר פון איר אייגענער עקסיסטענץ. ווער וועט דעמאָלט אַרויסטרעטן ווי ריכטער און באַשולדיקער קעגן דער „סאָווערעניטעט פון דער נאַציע"? פון וואַנען וועט זיך נעמען יענע עפנטלעכע קראַפט, וועלכע וועט נייטן די דעמאָקראַטיע ניט צו פאַרראַטן איר אייגענע באַזע?

„סאָווערעניטעט פון פאָלק" — דאָס איז אַ דעמאָקראַטישער פּרינ־ציפּ, וועלכער שטיצט זיך אויפן עפנטלעכן כוח פון מלוכהשאַפט. דאָס אָפּהיטן די גרונטרעכט פונעם מענטש און בירגער — דאָס איז דער צווייטער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ, וועלכער איז ניט באַוואָפנט ניט מיט קיין קראַפט, ניט מיט קיין מאַכט. קאָן אַנטשטיין אַ קאָנפליקט צווישן אָט די צוויי פּרינציפּן — איינער אַ באַוואָפנטער און דער אַנדערער ניט קיין באַוואָפנטער. ווער וועט פאַרטיידיקן די רעכט פונעם מענטש און בירגער, ווען די „פאָלקס־סאָווערעניטעט", אויסגעדריקט דורך דער מערהייט, טרעט זיי מיט די פיס?

אַ גאָר טראַגישע אַנטינאָמיע אַנטשטייט דעמאָלט, ווען די „סאָווע־

רעניטעט פון פאָלק" טרייסלט זיך אָפּ — מיט דער הילף פון אַלגעמיינעם שטימרעכט — פון זיך אַליין און זי פאַרראַט איר אייגענעם פרינציפּ. וואָס זאָל זיין, ווען זי סאַנקציאָנירט די טיראַניע, דעספּאָטיזם, די בירושה־מאָנאַרכיע, און פאַרשקלאַפט פּאָליטיש דאָס פאָלק, בינדט זיין ווילן און די פרייע זעלבסטבאַשטימונג פון די צוקונפט־דורות? אָדער ווען זי פירט איין אַ צענזן־רעזשים, אַ רעזשים פון אַ פּאָליטיש־פּריווילעגירטער מינדערהייט? די געשיכטע ווייסט פון אַ גענוגנדיקער צאָל ביישפּילן פון דעם מין. ווען די פּרעצעדענטן מאַכן מעגלעך אויסצומיידן די רעצידיוון אויף להבא? ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

כדי ניט צו דערלאָזן די געפאַר פון אַ באַוואוסטזיניקער צי אומבאַוואוסטזיניקער זעלבסט־פאַרלייקענונג מצד דער דעמאָקראַטיע, קענען איינגעשטעלט ווערן קאָנטראָל־אָרגאַניזמען און קאָנטראָל־מיטלען, וואָס זאָלן אין אַ געוויסער מאָס שטיין העכער איבער דעם אַלגעמיינעם שטימרעכט, און זאָלן דיסציפּלינירן און אים פאַרהיטן פון אַנטי־דעמאָקראַטישע אָפּווייכונגען: אַ העכסטער קאָנסטיטוציאָנעלער געריכט, צוויי פּאַלאַטעס, פאַרטיילונג פון די מאַכטן, קוואַליפיצירטע מערהייטן, אַ פאַרבאָט אַריינצוטראָגן קעגן־רעפּובליקאַנישע פאָרשלאָגן, רעכט פון די מינדערהייטן, אאַ"וו. אָבער ווער וועט היטן די היטערס? און וואָס, אויב די „פאָלקס־סואווערעניטעט" וועט מבטל מאַכן דאָס העכסטע געריכט, אָדער קינסטלעך ענדערן זיין באַשטאַנד, אָדער פאַראורטיילן אים אויף מאַכטלאָזיקייט, אָדער וועט אָפּשאַפן די קאָנטראָל־איינריכטונגען און די מאַכט־פּאַרטיילונג, אאַ"וו? און וואָס איז, אויב די דעמאָקראַטישע עליטעס, וועלכע זיינען אימשטאַנד זיך אַנטקעגנצושטעלן די אָפּנייגן פון דער דעמאָקראַטיע, זיינען אָבער מאַכטלאָז, אָדער זיי פעלן גאָר אינגאַנצן? אַוודאי קען מען זיך פאָרשטעלן אַזאַ מין פּראָצעדור, אַז מען אַפּעלירט צו עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלן רעכטס־טריבונאַל, אַפילו אין אַ וועלט־מאָסשטאַב. ווי איז אָבער, אַז אַזעלכער איז ניט בנמצא (מיר'ן שוין לאָזן אין אַ זייט די מעגלעכקייט פון אַנטינאָמיעס פון העכערער קאַטעגאָריע)? בלייבט דעמאָלט פאַר די בירגער און מינדערהייטן דאָס רעכט אויסצודריקן אומצופרידנקייט און רעוואָלטירן קעגן דער „סואווערעניטעט פון פאָלק", וועלכע פאַרוואַרפט איר אייגענעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ. אַ ביסל אין אַן אַנדער פלאַכקייט האָט זיך דראָז אַמאָל אויסגעדריקט, אַז „די רעפּובליק שטייט העכער פאַרן אַלגעמיינעם שטימרעכט".

מיר זעען, אַז אין סך־הכל פון געוויסע אָפּווייכונגען דראָט דער דעמאָקראַטיע די סכנה צו פאַרלירן איינע פון אירע עיקר־מיסיעס: צו פאַרווירקלעכן די גאַראַנטיעס פון דער געזעלשאַפטס פרידלעכער אַנטוויקלונג,

ניט געקוקט אויף אירע אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען, חלוקי־דעות און קאָנפליקטן.

ווייטער, וויבאַלד די פאָלקס־סואווערעניטעט איז ניט אַבסאָלוט אומ־באַגרענעצט לגבי דער סיסטעם פון די גרונטרעכט פונעם מענטש און בירגער, מוז מען דעמאָלט אָנצייכענען די גרענעצן פון אָט דער סיסטעם לגבי דער סואווערעניטעט פון פאָלק. ווי ווייט גייען די דאָזיקע רעכט? די פראַנצויזישע דעקלאַראַציע פון רעכט האָט, למשל, פּראָקלאַמירט דאָס פריוואַט־אייגנטום ווי אַזאַ בירגער־רעכט, וואָס קיינער קען עס ניט צו־נעמען. איז דאַרף מען דאָ ספּעציפיצירן די פאַרשידענע מעגלעכע מאָ־דאַליטעטן פון פריוואַט־אייגנטום. רעדט זיך דאָ וועגן אייגנטום, צי וועגן דעם רעכט צו באַלעבאַטעווען איבערן פּראָדוקט פון דער אייגענער פּראַצע? אַזאַ רעכט איז אויסער יעדן ספק. אָבער צי איז מען באַרעכטיקט צו אַפּע־לירן צום אייגנטום־פּרינציפּ, ווייל מען איז קעגן איינשטעלן אַ רעזשים פון קאָלעקטיוון אייגנטום? וויבאַלד עס דאַרף שוין זיין אייגנטום־רעכט, ובפרט פון אייגנטום אויפן פּראָדוקט פון אייגענער אַרבעט, דעמאָלט מוז עס דאָך אַוודאי זיין פאַר אַלע בירגער. דאָס קומט דאָך אַרויס ראשית־כל פונעם פּרינציפּ פון גלייכהייט. דער אידעאַל פון דעמאָקראַטיע, ווען ער איז באַגרענעצט אין זיין אייגענעם מהות, הערט אויף צו זיין אוניווער־סאַלער אידעאַל; ער איז נאָר אַ פּרט־אידעאַל, וואָס גייט אַריין ווי אַן אינטעגרירנדיקער טייל אינעם גאָרן אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידע־אַל. ער מוז, בכן, האַרמאָנירן מיט די אַלגעמיינע קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, ווי די פרייהייט, סאָציאַלע גלייכקייט, פאַרלייקע־נונג פון יעדער אונטערדריקונג, פון יעדער מין עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש. אין דער מאָס, אויף וויפל דאָס פריוואַט־אייגנטום — אַזאַ וואָס באַשטייט ניט בלויז אין באַנוצן דעם פּראָדוקט פון דער אייגענער אַרבעט אויף צו באַפרידיקן די אייגענע לעבנס־באַדערפענישן — איז ביכולת צו שאַפן לאַגעס, וואָס האַרמאָנירן ניט מיט די העכסטע פּרינ־ציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, קען עס ניט בשום־אופן אַפּעלירן צו דער סואווערעניטעט פון די גרונט־רעכט פונעם מענטש און בירגער. דערפאַר אָבער, אויף וויפל עס איז ניטאָ קיין ווידעראַנאַנד צווישן דעם רעכט פון קאָלעקטיוון אייגנטום און די גרונט־פּרינציפּן פונעם העכסטן אידעאַל, און אַוודאי און אַוודאי דאַרט, וואו דאָס דאָזיקע רעכט איז אַ סאָ־ציאַלע נאָרמע, וואָס דינט צום עפעקטיוון פאַרקערפערן אין לעבן אָט די פּרינציפּן, — דעמאָלט איז עס דאָך אַ יורידיש און מאָראַליש רעכט פונעם שטאַנדפּונקט פון דעם דאָזיקן העכסטן אידעאַל.

איינער פון די אינסטיטוטן, וואָס זיינען דעמאָקראַטיש אין תוך און זיי־נען צום מערסטן קוואַליפיצירט צום אויסדריקן מאַטעריעל דעם פאָלקס־

ווילן, די באַזע פון דער פאָלקס־סאָוועריעניטעט, — דאָס איז דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט. אָבער אַט ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אינהאַלט, דאָס פונקציאָנירן און די מעגלעכע ווילנס־אויסדרוקן פונעם אַלגעמיינעם וואַלרעכט קענען אויך אַרויסרופן אַנטינאָמיעס, ווידערשפּרוכן און אייניקע ערנסטע שוועריקייטן. די דעמאָקראַטיע האָט אָנערקענט אַט דעם מין אַנטינאָמיעס (אָפּט גאַנץ נעפּלדיק) און זי האָט ניט שטענדיק געטרויט זיך אַליין, און זי האָט דעריבער געפּרואווט אָפּצואווענדן די סכנות מיט דער הילף פון קאָנסטיטוציאָנעלע און געזעצגעבערישע נאָרמעס.

ווי מיר האָבן שוין געזען, קענען אַלגעמיינע וואַלן פּראָקלאַמירן, אַז דאָס פאָלק זאָגט זיך אָפּ פון זיין אייגענער סאָוועריעניטעט, פון זיין פרייער זעלבסטבאַשטימונג, און אַז עס ווערט איינגעשטעלט אַ פּערמאַנענטע דיקטאַטור אָדער אַ ניט־אָפּשאַפלעכע מאָנאַרכישע מאַכט, בכלל אַן אַנטי־דעמאָקראַטישער רעזשים. די אַלגעמיינע אָפּשטימונג האָט סאַנקציאָנירט די איבערקערענישן און די פאַרברעכנס פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן און נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, דעם באַרבאַרישן היטלער־רעזשים (אמת, אונטער באַדינגונגען פון טעראָר און פון ליקווידירטע פּאָליטישע פרייהייטן), די אָפּשאַפונג פון דער רעפּובליקאַנישער אָרדענונג אאַ"וו. אַזעלכע זינד פון דער אַלגעמיינער אָפּשטימונג זיינען געווען די סיבה, פאַרוואָס אייניקע ליידנשאַפטלעכע דעמאָקראַטן האָבן געהאַט אומצוטרוי צום אַלגעמיינעם וואַלרעכט און צו די יורידישע ווילנס־אויסדרוקן פון די פאָלקס־מאַסן. ווען אַ דעמאָקראַטיש־לעגיטימע מינדערהייט ווענדט אָן געוואַלט אויף צוריק אויפצושטעלן דאָס דעמאָקראַטישע רעכט, — דעמאָלט איז, האַלטנדיק זיך ביי אירע אייגענע פּרינציפּן, די מינדערהייט סוף־כל־סוף געצוואונגען צו פאַרווירקלעכן דעם פאָלקס ווילן, אויסגעדריקט דורך דער זעלבער אַלגעמיינער אָפּשטימונג; די לעצטע, פון איר זייט, האָט דאָך שוין אָבער סאַנקציאָנירט די זעלבסט־פאַרלייקענונג פון דער דעמאָקראַטיע, און זי קען זיך ווייטער האַלטן ביי דער זעלבער אָפּאָזיציע און בלייבן איינגעשפּאַרט ביי איר זעלבסט־פאַרלייקענונג. טאָ ווי זשע זאָל מען אַרויסקריכן פון אַט דעם ווידערשפּרוך? אַ פּערמאַנענטער בירגער־קריג פונעם „רעכטלעכן" מיעוט קעגן דער „אַנטי־רעכטלעכער" מערהייט? צייטווייליק זיך אָפּזאָגן פון „אויפצווינגען" די פרייהייט דעם צו איר ניט־גערנדיקן פאָלק און צוריק באַנייען די פּרוּוון צו באַווירקן דאָס פאָלק, ווען עס האָט שוין דערגרייכט אַ העכערע מדרגה באַוואוסטזיניקייט? אָבער דאָס אָפּזאָגן זיך אַפילו צייטווייליק פונעם קאַמף קען האָבן דעם פועל־יוצא, אַז עס זאָל וואַקסן די דעגראַדאַציע פון די מאַסן, וואָס ווערן אַלץ שטאַרקער דערצויגן אין פּאָליטישער און אינטעלעקטועלער שקלאַפעריי. די אַנטינאָמיע פאַרבלייבט ווייטער. מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז אין דער צו־

קונפט וועט אויסגעבילדעט ווערן אַ פּאָליטישער פאַרבאַנד פון דער גאַנ־צער מענטשהייט, לויטן מוסטער פון דער פעדעראַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אין אַ פלאַנעטאַרן מאַסשטאַב: דאָס איז די וועלט־רעפּובליק („די אוניווערסאַלע רעפּובליק", וועלכע די סאָציאַליסטן האָבן געזונגען, צוגלייך מיטן „אינטערנאַציאָנאַל", מיט צענדליקער יאָרן צוריק). דעמאָלט קען מען זיך פאַרשטעלן, אַז מען אַפּעלירט צום דיריגירנדיקן צענטער פון דער מענטשהייט, אין וועלכן יעדע מדינה וועט זיין אַ מין שטאַט, אַן אויטאָנאָמער, אָבער אונטערגעוואָרפן דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציע פון דער מענטשהייט־רעפּובליק. דערביי גייט מען ווידער אַרויס פון דער הנחה, אַז דער דעמאָקראַטישער באַוואוסטזיין פון דער אָרגאַניזירטער מענטשהייט שטייט העכער און פעסטער — ווי אַ העכסטע אינסטאַנץ — איידער דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין פון אירע באַזונדערע טיילן (!). און ביז וואַנען דאָס איז ניט דערגרייכט, פאַרבלייבט אַלץ די פּראָבלעם, וואָס לייזן זי לאָזט זיך ניט מיט קיין שום אַלגעמיינער פאָרמולע, און וואָס, אין יעדן באַזונדערן פאַל, זוכט זי אַן אויסוועג פון דער לאַגע אין די מער גינסטיקע צופּאַסונגען ביים דורכשווימען צווישן דער סצילע און כאַריבדע פון דער אַנטינאָמיע.

דער אומצוטרוי פון דער דעמאָקראַטיע צו זיך אַליין געפינט זיין אויסדרוק אין אַ צאָל אינסטיטוציעס, וואָס זייער ציל איז צו קאָנטראָלירן די פאַרווירקלעכונג פון דער סואווערעניטעט און צו שטערן, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין מיסברויכונגען, ווילקיר, צו דער מאַכט פון פּאָליטישע ליידנשאַפטן, וואָס דראָען מיט געפאַרן פון זינלאָזע אויסברוכן און אומפאַר־ריכטלעכע אַקטן. אינסטינקטיוו זוכט די דעמאָקראַטיע מיטלען אויף צו דיסציפּלינירן זיך אַליין, ווי אַזוי זיך צו בינדן און אַפילו טאָרמאָזירן, ווי אַזוי איינצופירן אַ קאָנטראָל פון אָרגאַנען איבער אָרגאַנען. שאַרל פוריע, דער סאָציאַליסט־אַסאָציאַציאָניסט, וועלכער איז געוועזן אינדיפערענט צום פּראָבלעם פון פּאָליטישע רעזשימען, האָט שטאַרק חוזק געמאַכט פון אָט אַזעלכע באַמיאונגען צו שאַפן פּאָליטישן גלייכגעוויכט: אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז די פּרואוון שטייען גאָר ווייט פונעם סאָציאַלן פּראָבלעם...

אָט אַזוי זיינען אַנטשטאַנען די אינסטיטוטן פון מאַכט־צעטיילונג, פון אַרויפלייגן די געזעצגעבונג אויף צוויי פּאַלאַטעס מיט צוויי פאַרשי־דענע מינים וואַלן פון פאַרטרעטערשאַפט, פון צוויי מאָל און דריי מאָל לייענען די געזעץ־פּראָיעקטן, פון צונויפּפּאָרן די צוויי פּרינציפּן — לויט וואַלן און לויט באַשטימונג — אין דער צענטראַלער רעגירונג, אין די אָר־גאַנען פון אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג און אין די אָרטיקע אַדמיניס־טראַטיווע אָרגאַנען. די דירעקטע באַטייליקונג פון קאָלעקטיוו אין פאַר־וואַלטן מיט זיין גורל באַקומט אַזעלכע קאָרעקטיוון, וואָס מאַכן זי וויני־

קער דירעקט, ווייניקער „אַבסאָלוט”, — און אַלץ, כדי ניט צו לאָזן די דעמאָקראַטיע ווירקן קעגן איר אייגענעם פּרינציפּ און קעגן אירע אייגענע אינטערעסן.

### 3

אַנדערע אַנטינאָמיעס ביים אָנווענדן דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ באַקומען זיך פון דער אומגלייכקייט, וואָס עקסיסטירט צווישן די פאַרשידענע מיטגלידער פונעם קאָלעקטיוו. אינעם דעמאָקראַטישן רעזשים רעכענען זיך אין פּרינציפּ אַלע מיטבירגער, וואָס זיינען באַרופן אָנטיילצונעמען אין דער מלוכה־פירונג — פאַר גלייכע, ריכטיקער גלייכווערטיקע. אין דער אמתן איז קיין פולע גלייכקייט ניט בנמצא. די פאָרמען פון אומגלייכקייט קענען זיין אָדער פאַרבייגייענדיקע, אַזעלכע, וואָס הענגען אָפּ פונעם ניט־עגאַליטאַרן כאַראַקטער פונעם סאָציאַלן רעזשים, אָדער אין־תוכ׳דיקע און פּערמאַנענטע.

די אינדיווידואַליסטישע אָרדענונג (וואָס קאַפּיטאַליזם איז איר פּרט־פאַל) איז ס׳רוב ווייט פון עגאַליטאַריזם, און אַוודאי פון עקאָנאָמישן. אין אַ דעמאָקראַטיע, וואָס איז סאָציאַל אָרגאַניזירט ווי אַן אינדיווידואַליסטישער אָדער קוואַזי־אינדיווידואַליסטישער סדר, עקסיסטירט אַן עקאָנאָמישע אומגלייכקייט פון די בירגער מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן: דער אונטערשיד אין קולטור־בילדונג, אין דער צוגרייטונג פון די בירגער צום אויספירן זייערע פּאָליטישע און בירגער־רעכט — דריקט זיך אויס אין גאָר ניט קיין גלייכע מדרגות; ווייטער, די עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פון אַנדערע — אויב ניט פון אַלע בירגער, איז פון אַ טייל — מאַכט ווייניקער עפעקטיוו די פּראַקטישע אָנווענדונג פון דער פּאָליטישער גלייכקייט, וואָס די דעמאָקראַטישע פאָרמולע פּראָקלאַמירט. מיטן רעאַליזירן דאָס דעמאָקראַטישע רעכט ווערט געבוירן די אומגלייכקייט־דיסקרימינאַציע. דאָס איז טאַקע איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע די סאָציאַליסטן האָבן קריטיקירט (אמת, מיט אומרעכט) דעם ווערט פון דער דעמאָקראַטיע אין דער ניט־„סאָציאַליסטישער” אָרדענונג. דאָס ניט־דערשאַצן די דעמאָקראַטיע ווי אַ פּרט־אידעאַל — איז דער אומגליק פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען ביי דער היסטאָרישער עוואָלוציע פון סאָציאַליזם. און אין אַ גרויסער מאָס איז די דאָזיקע ניט־דערשאַצונג געווען באַזירט אויפן אומצוטרוי צו די מאַסן, וועלכע מען האָט געשאַצט גאָר נידעריק. אויף איר בעיקר — און ניט צוליב דער מורא פאַר דער „בורזשואַזיע” — האָט זיך אויסגעכאָוועט די אַנטי־דעמאָקראַטישע אידעע וועגן דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט”, — אָט די אידעע האָט די מאַרקסיסטישע דאָקטרינע איבערגענומען פון די טרוימערייען פון די „אימעדיאַטיסטן”

(די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן־מאַקסימאַליסטן פון מיטן פאַריקן יאָרהונ־דערט), טיילווייז אַדאַנק דעם ניט־ריכטיקן אויסטייטשן די פּראָגראַמען פון באַבעף און בלאַנקי.

די קריטיק פון דער דעמאָקראַטיע — אויפגענומען ווי אַ פולער, ענדגילטיקער און מאַנאָפּאָלער אידעאַל אין דער אינדיווידואַליסטישער און ניט־עגאַליטאַרער אָרדענונג — איז באַרעכטיקט פון אַבסאָלוטן שטאַנד־פּונקט, אָבער זי ווערט אָן יעדע באַדייטונג, ווען מען טרעטירט זי ווי אַ פּרט־אידעאַל. איז דען קלוג צו באַטראַכטן פון אויבן אַראָפּ די עמאַנסי־פּאַציע פון די שקלאַפן צוליב דעם טעם, ווייל זי געשעט אין אַן אינדיווי־דואַליסטיש־קאַפּיטאַליסטישער און ניט־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט? יעדער פּרט־אידעאַל איז ניט פולקאָמעדיק לגבי דעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אַבסאָלוטע שלימות פעלט אין יעדערן פון די פּרט־אידעאַלן, זי פעלט אויך אינעם אוניווערסאַלן אידעאַל, אויף וויפל ער ווערט פאַרקערפּערט אין לעבן. אַזוי, איז אין מאַטעמאַטיק ניט־רעאַליזירבאַר די אַקטועלע אומענדלעכקייט. ניט געקוקט אויף אירע אומפאָלקאָמענהייטן, שטעלט פאַר די דעמאָקראַטיע אַ גאַר וויכטיקן עטאַפּ אינעם שטייגן פון דער מענטשהייט צו איר העכסטן גורל. אויב מען זאָל ניט אָנערקענען אויף אָן אַנטשיידענעם אופן דעם פּאָזיטיוון ווערט פון אַ געוויסער שטייגערונג אויפן וועג צו דערהייבן די מענטשהייט נאָר צוליב דעם טעם, ווייל די דאָ־זיקע שטייגערונג איז ניט גענוגנדיק, דעמאָלט וואָלט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן פון יעטוועדן פּראָגרעס. עס איז אויך ניטאָ קיין איינהייטלעכער סאָציאַליזם, עס זיינען פאַראַן סאָציאַליזמען, עס זיינען פאַראַן עטאַפּן אין סאָציאַליזם. און „סאָציאַליזם" אָן דעמאָקראַטיע איז דעגענעראַציע פון סאָציאַליזם, איז אומקער צו דעספּאָטישער באַרבאַריי, איז פאַרראַט לגבי דעם אוניווערסאַלן אידעאַל (דער באָלשעוויסטישער „קאָמוניזם").

פאַראַן אַ קאַטעגאָריע אומגלייכקייטן צווישן די בירגער, וואָס זיינען ניט פאַרבונדן מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פונעם רעזשים: דער חילוק אין געשלעכט, עלטער, אין די כוחות און פעאיקייטן, אינטע־לעקט און מאָראַל. לאָמיר שוין לאָזן אין אַ זייט דעם חילוק אין על־טער, וואָס דאָס איז אַן איבערגאַנג־מצב פאַר יעדן יחיד; אויך די אַנדערע אומגלייכקייטן קענען ווירקן אויף אַ פּערמאַנענטן אופן אויף דער פּסיכאָ־לאָגיע פון די בירגער פון שטאַנדפּונקט פון זייער באַוואוסטזיניקייט און פון זייער איבערגעגעבנקייט צום אידעאַל פון דעמאָקראַטיע. עס איז אויך ממילא מובן, אַז אין פּראָצעס פון איר אַנטוויקלונג און עמאַנסיפּאַציע קען די פרוי דערגרייכן ניט קיין קלענערע מדרגה פון פאַרשטענדיקייט און באַוואוסטזיניקייט, ווי דער מאַנספּערשוין.

די פראַגע, וואָס מיר האָבן דאָ פאַר זיך, באַשטייט אָט אין וואָס:

צי באַזיצן אַלע בירגער פונעם קאָלעקטיוו די זעלבע פולווערטיקע גלייכ־
קייט לגבי די רעכט און פליכטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קולטור
פון דעמאָקראַטישן רעכט? די פראַגע שטייט דאָ ניט, באַטירלעך, בנוגע
די יורידיש־בירגערלעכע רעכט, נאָר בנוגע צו דער וואַל־פונקציע און
צו דעם וואַל־מעכאַניזם. די גלייכשטעלונג פון אַלע בירגער בנוגע זיי־
ער אָנטייל אינעם איינאָרדענען דעם גורל פונעם כלל, — דאָס איז איי־
נער פון די פּאָסטולאַטן פון דעמאָקראַטישן רעכט. צי פאַרטראָגט אָבער
דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע, אַז מען זאָל אַריינגעמען אין איר אָרגאַ־
ניזם, אויף גלייכע יסודות, עלעמענטן, וואָס זייער קולטור איז אינגאַנצן
פרעמד דער דעמאָקראַטיע, און וועלכע קענען צעטרייסלען און צעשטערן
איר אָרגאַניזם? קען מען, למשל, דערלאָזן, אַז מען זאָל אויפן אַלגעמיי־
נעם יסוד אין דער דעמאָקראַטיע פון ציוויליזירטע בירגער — אַריינפירן
מאַסן באַרבאַרן און ווילדע, וועלכע זיינען דורות־לאַנג אויפגעצויגן גע־
וואָרן אין אַ שול פון דעספּאָטישער פאַרשקלאַפונג? און ווען באַרבאַריי
און פינצטערקייט זיינען אינעם דעמאָקראַטישן קאָלעקטיוו שוין יאָ פאַראַן,
— צי האָט דעמאָלט אַ זינען, צי איז געזעצלעך, צי שטימט עס מיטן
רעכט פון דער דעמאָקראַטיע אויף עקסיסטענץ, אַז מען זאָל פאַר אָט די
עלעמענטן אָנערקענען פולע גלייכווערטיקייט ביי דער עובדה פון שמידן
דעם גורל פון דעמאָקראַטיע?

עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ פאָרמען דער קלאַסן־ און פאַרטייען־
קאַמף פלעגט אָננעמען אין דער געשיכטע, ווען די „נידעריקע" קלאַסן, פּאָ־
ליטיש ניט־פולבאַרעכטיקטע, פלעגן זיך דערשלאָגן צו אַ פּאָליטישער
דערהייבונג און צו דעם, אַז מען זאָל פאַר זיי אָנערקענען די זעלבע רעכט,
וואָס די פּאָליטישע אַריסטאָקראַטיע האָט געהאַט. אַזאַ מין קאַמף האָט
זיך אָפּגעשפּילט אינעם אוראַלטן רוים, אין די מיטלאַלטערלעכע איטאַ־
ליענישע רעספּובליקעס און אין דער געשיכטע פון די נייערע דעמאָ־
קראַטיעס און האַלב־דעמאָקראַטיעס. די סיבה פון אָט דעם קאַמף איז
בעיקר געווען דאָס שטרעבן פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון די העכערע
גרופּעס איינצוהאַלטן דעם מאָנאָפּאָל פון זייערע פּאָליטישע רעכט, וואָס
דורך דעם איז זייער הערשאַפט געווען פאַרזיכערט. שפּעטער אָבער האָט
מען גענומען אַרויסרוקן ווי אַן אַרגומענט קעגן די פאַרלאַנגען פון די
נידעריקע גרופּעס אַזאַ מאָטיוו: עס איז פאַר די רעפּובליקאַנישע פרייהייטן
אַ סכנה, אַז עס זאָלן קומען צו דער מאַכט די ווייניק־קולטורעלע מאַסן,
וועלכע זיינען פעאיק, אונטער דער ווירקונג פון דעמאַגאָגיע, למשל, זיך
צו האַלטן ביי אַ פּאָליטיק, וואָס איז שעדלעך פאַר דער דעמאָקראַטיע.
אַזאַ מין מורא הערן מיר שוין אין איינינקע באַטראַכטונגען ביי די כראָני־
קערס פון די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע רעספּובליקעס (למשל, ביי

ווילאַרי). אין דער נייער צייט האָט דער דאָזיקער געדאַנק באַזאָרגט אויך די פעסטע פרייהייט־פריינד, ווי בלאַנקי און פרודאָן.

כדי צו פאַרזיכערן די נאָרמאַלע עקסיסטענץ פון דער דעמאָקראַטיע, באַזונדערס אין קריטישע מאָמענטן פון איר לעבן, איז נייטיק, אַז מיט איר זאָלן אָנפירן געניג־קוואַליפיצירטע — אינטעלעקטועל און מאָראַליש — עליטעס (מיר האָבן דאָס שוין בפרטיות אויפגעקלערט אין אַ פריער־דיקן קאַפּיטל). ווי אַזוי זאָל מען אָבער באַוועגן די מאַסן, אַז זיי זאָלן אָננעמען די אָנפירונג פון דער עליטע, ווען אַזעלכע איז שוין בנמצא? פאָדערט זיך דאָ אַ יורידישער באַדינג, אָדער דאָס איז פשוט אַ „פּיאום דעזידעריום"? ווי אַזוי דערגרייכט מען, אַז די פאָלקס־פאָרטרעטערשאַפט זאָל אויסגעטיילט ווערן דורך דער עליטע, אָדער אַז זי זאָל לפחות זיך געפינען אונטער דעם אידעאישן איינפלוס פון דער אָנפירנדיקער עליטע?

כדי די מאַסן זאָלן קענען זיין אָנגעפירט דורך די עליטעס, איז נייטיק, אַז זיי זאָלן שוין פון פריער זיין דערצויגן, און עס זאָל ביי די מאַסן זיין אַ באַשטימטע באַוואוסטזיניקייט אין פּרט פון אָפּשאַצן די עליטעס און אין דער פּאָליטישער אָריענטאַציע. די מאָראַל־פּאָליטישע עליטעס — דאָס איז ניט קיין מאַנדאַרינענטום; מען קען זיי ניט אינסטיטואירן ניט מיט דער הילף פון דיפּלאָמען, ניט דורך באַשטימונגען, ניט מיטן וועג פון אַטעסטאַטן וועגן זייער בירגער־אויסצייכענונג. אויב עס געפינען זיך קוואַליפיצירטע עליטעס, באַדאַרפן זיי אימפּאָנירן די מאַסן שוין מיט זיי־ער קוואַליפיקאַציע גופא, מיט זייער אַקציע, מיט זייער מאָראַלן מוט, מיט זייער ביישפּיל. דאָס איז דער תנאי אויף צו לייזן די אַנטינאָמיעס.

אין איר שטרעבן אָפּצוקלייבן די פירנדיקע עליטעס, האָט די דע־מאָקראַטיע אינסטינקטיוו געזוכט אַ קעגנגעוועער קעגן דער סכנה, אַז עס זאָלן ניט אויסגעקליבן ווערן קיין „שלעכטע פאַסטעכער": זי האָט אָנגענו־מען מיטלען און פּראָצעדורן, וואָס זיינען באַשטאַנען אין דעם — צו דיסציפּלינירן און צו ריכטן די ווירקונג פונעם אַלגעמיינעם וואַלרעכט אין אַ באַשטימטן וועג, דורך אומדירעקטע און שטופּנוויזע וואַלן. די דעמאָ־קראַטישע קריטיק האָט, ניט אָן אַ גרונט, געזען אין אַזעלכע מיני וואַל־סטרוקטורן אַן אָפּטן שטרעבן דירעקט אַנטקעגנצואווירקן, צו פּאַראַליזירן די אוממיטלבאַרע אָפּשפּיגלונג פון דעם פאָלקס־ווילן אין זיין גאַנצער קראַפט, אויפן וועג פון צעשפּליטערן די אָפּשטימונג. אָבער עס האָט דאָ געקענט ווירקן און עס האָט געווירקט אויך אַן אַנדער מאָטיוו: דאָס שטרעבן דורך דעם אָפּקלייב־אופן צו עפענען אַ מעגלעכקייט, עס זאָלן זיך אויסטיילן די פירנדיקע עליטעס. דאָ ווייזט זיך ווידער אַמאָל אַרויס דער אומצוטרוי צו דער כאַאָטישער האַנדלונג פון די דעמאָקראַטישע מאַסן, ווען עס פעלט זיי אָנפירערשאַפט.

דער זעלביקער דעמאָקראַטישער אומצוטרוי ווייזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס אייניקע אויפריכטיקע דעמאָקראַטן נעגירן אָדער וואַקלען זיך בנוגע דער אינטענסיווירונג פון דער דירעקטער פאַרוואַלטונג דורך די מאַסן, למשל, מיט דער הילף פון רעפערענדום. און דאָס — אומאָפּהענ־גיק פון די טעכנישע שוועריקייטן פונעם רעפערענדום. מען האָט אינ־סטינקטיוו אונטערגעשניטן די פליגלען פונעם רעפערענדום־אינסטיטוט אויס מורא, עס זאָל זיך ניט שאַפן קיין צו־גרויסער אימפּולס און דער ביט־אָרגאַניזירטער און ניט־קאָנטראָלירטער, דירעקט דורך דער עליטע, פאָלקס־ווילן זאָל ניט אַרויסגעבראַכט ווערן אָן אַ גענוגנדער קאָמפּעטענטישקייט. וויפל, למשל, רעפערענדומס האָבן סאַנקציאָנירט די צעזאַריזמען און טי־ראַניעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין די דעמאָקראַטיעס פון דער נייער צייט!

## 4

אַנדערע אַנטינאָמיעס, ווידער, ווייזן זיך אַרויס אין דעם, וואָס די קאָמפּעטענץ פון דער דעמאָקראַטיע ווערט פונאַנדערגעגרענעצט לויט טע־ריטאָריעלע סימנים.

די דעמאָקראַטיע פאַראייניקט אין איר פאַרווירקלעכונג צוויי פּרינ־ציפּן: די סואווערעניטעט פון פאָלק און די גרונט־רעכט פונעם מענטש און בירגער. איז ראשית כל, ווי אַזוי זאָל מען פעסטשטעלן די גרענעצן פונעם „פאָלק" און פון זיין טעריטאָריע? אַ דערפל, אַ שטעטל, אַ שטאָט, אַ פּראָווינץ קענען זיך דערקלערן פאַרן „פאָלק" אָדער „נאַציע", און פּראָ־קלאַמירן זייער סואווערעניטעט לגבי דעם כלל, וועלכער נעמט זיי אַרום, ביי די געגעבענע באַדינגונגען, אי טעריטאָריעל אי נאַציאָנאַל. וויבאַלד עס עקסיסטירן די רעכט פונעם מענטש און בירגער, מוזן דאָך אויך עק־סיסטירן רעכט פאַר באַגרענעצטע קיבוצים. אַ קליינער קיבוץ וויל זיך פירן לויט זיינע אייגענע געזעצן, און ניט לויט די געזעצן, וואָס דער גרע־סערער קיבוץ וואַרפט אים אָן. אויב דער גרעסערער קיבוץ גייט ניט איין דערויף, איז אויף וועלכן יסוד וועט דער גרעסערער קיבוץ איינ־שלינגען די טעריטאָריעל מער באַגרענעצטע דעמאָקראַטיע? פון דער אַנדערער זייט, צי מעג אַ קאָמפּאַקטע נאַציע, וואָס איז געבונדן דורכן ווילן און הסכם פון דער בירגער־מאַסע, זיך אַנטקעגנשטעלן יורידיש און מאָראַליש קעגן דער העכסטער יוריסדיקציע, וואָס שליסט זי איין אין אַ מער אויסגעברייטערטן קאָלעקטיוו, מעג עס זיין די גאַנצע מענטש־הייט און די „וועלט"־רעפּובליק?

פאַראַן אַ רעכט אויפן יחידס אומאָפּהענגיקייט און אויטאָנאָמיע. דאָס דאָזיקע רעכט איז באַגרענעצט אויף וויפל דער יחיד איז געבונדן אין זיינע

פאַרהעלטענישן צום קאָלעקטיוו. היינט, אין וועלכע גרענעצן לאָזט זיך פאַרווירקלעכן דאָס רעכט אויף אומאָפּהענגיקייט און אויטאָנאָמיע פאַר יעדער קיבוץ, אויף אַלע היעראַרכיע־שטופּעס פון די געזעלשאַפטן, איינ־שליסלעך די גאַנצע מענטשהייט? אָט אין די פראַגעס שטעקט דער זינען וועגן דער אַנטינאָמיע פון די מעגלעכע צוזאַמענשטויסן פון די פאַרשידענע דעמאָקראַטיעס, וואָס פּרעטענדירן אויף אומאָפּהענגיקייט. און אויב עס זאָלן זיך וועגן עס איז איינשטעלן קאָמוניקאַציעס צווישן די שטערן, איז פאַרוואָס זאָל מען ניט דערהייבן אָט די אַסאָציאַציע פון „מענטשהייטן" צו אַ פעדעראַציע פון וועלטן?

מיר האָבן פאַר זיך אַ פּאַראַלעליזם פון אַנטינאָמיעס צווישן דעם יחיד און דער געזעלשאַפט, און דערנאָך צווישן דער געזעלשאַפט און דעם קאָלעקטיוו פון געזעלשאַפטן. טעאָרעטיש, עקסיסטירט אַ קעגנשטעלונג פונעם יחיד לגבי דער געזעלשאַפט (דער „איינצלנער" פון מאַקס שטירנער). דער יחיד פאָדערט זיין אויטאָנאָמיע; וויבאַלד אָבער ער לעבט אין אַ געזעלשאַפט, קען שוין די דאָזיקע אויטאָנאָמיע ניט דערגיין צו פולער אומאָפּהענגיקייט לגבי דער געזעלשאַפט, אַנדערש הערט דאָך אויף דער יחיד צו זיין אַ בירגער, און די געזעלשאַפט וואָלט דעמאָלט געווען אוממעגלעך. פונקט ווי דער יחיד קען טעאָרעטיש אַנטקעגנשטעלן זיך לגבי דער געזעלשאַפט (אין הסכם מיט דער פאָרמולע פונעם אינדיווידואַ־ליסטישן אַנאַרכיזם), פונקט אַזוי קען אויך אַ קליינער אָרגאַניזירטער קיבוץ אַנטקעגנשטעלן זיך יעדער אַנדערן מער ברייטערן קיבוץ, אין וועלכן ער גייט אַריין אָדער וואָלט געקענט אַריין ווי אַ טייל. דאָס זעלבע איז מיט די קאָלעקטיוון: די געזעלשאַפט קען אַנטקעגנשטעלן אירע רעכט לגבי דעם יחידס רעכט, אויף דעם יסוד, וואָס ער לעבט אין דער געזעלשאַפט ווי אַ בירגער, און כדי די געזעלשאַפט און דער בירגער זאָלן קענען עקסיס־טירן, איז נייטיק, אַז דער בירגער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַבסאָלוטער אומ־אָפּהענגיקייט אין שייכות צום מער ברייטן קאָלעקטיוו, ווייל זיי זיינען געקניפּט מיט די בענדער פון קעגנזייטיקער סאָלידאַרישקייט. ווי אַזש זאָל מען אָבער פונאַנדערגרענעצן די קעגנזייטיקע רעכט?

די דעמאָקראַטיעס, אַלס געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזמען, ובכלל אַלע מדינות, אַלע נאַציעס, מלוכות האָבן זיך — אין באַשטימטע עטנישע און טעריטאָריאַלע מאַסשטאַבן — אויסגעבילדעט ס'רוב אין אַ דויערנדיקן פּראָצעס פון קאַמפן, מלחמות, אָקופּאַציעס, געוואַלט און צוואַנג־אַקטן. נאָר אין אַ קליינער צאָל פאַלן איז דער יסוד פון דער פאַראייניקונג געווען — אָפּמאַכן און פרייער הסכם. דערלאָזן מיר אַפילו, אַז די פרייע און פרייוויליקע אָפּמאַכן זיינען געשלאָסן געוואָרן אין אַ געוויסן פריערדיקן היסטאָרישן מאָמענט, קען מען דאָך אַלץ ניט באַטראַכטן אָט די אָפּמאַכן

ווי לעולם־ועד׳יקע, פאַרפּליכטנדיקע פאַר די קומענדיקע דורות, וועלכע פאַרלאַנגען זיי גאָר מער ניט. לויט וואָס פאַר אַ רעכט, יושר, פּאָליטי־שער מאָראַל קאָן מען רעגולירן אַט אַזעלכע מיני קאָנפליקטן אויפן דעמאָ־קראַטישן באָדן?

אין אַ געוויסן טייל פון דער מלוכה — קאָנקרעט פון אַ דעמאָקראַ־טישער מלוכה —אין אַ פּראָווינץ צי אין אַ שטאַט, זיינען פאַראַן אונ־טערשידן צי באַזונדערקייטן, וואָס טיילן אים אויס פון דער גאַנצער איבע־ריקער נאַציע, למשל, באַזונדערקייטן פון עטנאָגראַפישער נאַטור, צי לינג־וויסטישע, רעליגיעזע, עקאָנאָמישע אונטערשידן (ספּעציעלע אינטערעסן), צי פּאָליטישע (די אויבערהאַנט פון אַ געוויסער פּאַרטיי), עטנישע קרובה־שאַפט מיט אַן אַנדער נאַציע, וכדומה. אין אַט דעם טייל פון דער מלוכה וואַקסט דער שטרעבן אָדער צום פולן אָפּטיילן זיך, אָדער צום באַקומען אַ סטאַטוס פון פריוויליגירטער אויטאָנאָמיע לגבי דער געגעבענער מלוכה. וואַנדייע, קאַנטאָן, אויטאָנאָמער שטאַט, אָדער גאָר אַן אומאָפּ־הענגיקע נאַציע? צי דאַרף דער פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג שטענ־דיק אָנגעווענדט ווערן אין דער גאַנצער פאָלקייט, ווער עס זאָל ניט זיין די עלעמענטאַרע איינהייט, וואָס אַפּעלירט צו אים?

די פּרינציפּן פון פעדעראַציע, זעלבסטפאַרוואַלטונג, פאַרטרעטער־שאַפט פון די פּאָליטישע מיעוטים ביי וואַלן; די רעכט פון מינדערהייטן — עטנישע, נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע; די אָרטיקע אויטאָנאָמיעס — דאָס אַלץ איז פאַרגעלייגט און אָנגעווענדט געוואָרן מיטן אויסזיכט צו באַ־זייטיקן די שוועריקייטן און איינפירן אַ מעגלעכע דאָזע גערעכטיקייט ביי אַזעלכע מינים קאָנפליקטן. אָבער די אַלע פּרט־לייזונגען קענען ניט אויסשעפּן די טיפקייט פון די אַנטינאָמיעס, וואָס זיינען דאָ מעגלעך.

ווי אַ פועל־יוצא פון אַבסאָלוט פרייע אָפּמאַכן, האָבן זיך געשאַפן קאָנפעדעראַציעס פון מלוכות צי רעספּובליקעס, מיט דער כוונה פון קעגנ־זייטיקער פאַרטיידיקונג אָדער כדי צו פאַרטיידיקן דעם געמיינשאַפטלעכן אינטערעס. די פרייע אָפּמאַכן! אָט אַזעלכע זיינען, למשל, געווען אין אוראַלטן גריכנלאַנד די אַכעאישע און עטאָלישע פעדעראַציעס; אין מיטל־אַלטערלעכער איטאַליע — די לאָמבאַרדישע פעדעראַציע און די אַנדערע רעפּובליקאַנישע פעדעראַציעס; אין דער נייער צייט — די שווייצאַרישע פעדעראַציע פון קאַנטאָנען און די אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון שטאַטן. און דאָך האָבן זיך געמאַכט מלחמות און קאַמפן קעגן סעפּאַראַטיזם, ווען צוליב אַוועלכער ס׳איז סיבה האָט זיך איינע פון די פעדערירטע רעס־פּובליקעס אָפּגעטיילט פון דער קאָנפעדעראַציע, צו וועלכער זי איז צו־געשטאַנען לויט איר פרייוויליקן אָפּמאַך.

אין אַ צוזאַמענגעשטעלטער מדינה פּרעטענדירט אַ געוויסע פּראָ־

ווינץ, אַ געוויסע טעריטאָריע אויף דעם, זי זאָל זיך אָפּטיילן פון דעם לאַנד, וואָס זי געפינט זיך אין זיינע גרענעצן און איז דורך אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן; די דאָזיקע פּראָווינץ שטרעבט צו בילדן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכהשע איינהייט אָדער גאָר זיך צו פאַראייניקן מיט אַ צווייטער מלוכהשער איינהייט צי אַ פעדעראַציע, מחוץ דער געגעבענער מדינה. עס קומט אויס, אַז די איינהייטלעכקייט פון דער געגעבענער מלוכהס אַקציע אָדער סואווערעניטעט זאָל צעריסן ווערן אַפילו אויפן שטח פון איר טעריטאָריע. איז זי מחויב מסכים צו זיין אויף דעם? דאַרף זי דאָס דערלאָזן?

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַן אויסערלעכער קריג. די פרייע מדינה מוז פאַרטיידיקן איר פרייהייט, אירע רעכט, איר רעזשים. די מלחמה פאָדערט קרבנות צוליב דער אַלגעמיינער זאַך. פעלט דיסציפּלין, צוואַנג, — קען מען דעמאָלט האָפן, אַז די מאָביליזאַציע פון די כוחות וועט פרייוויליק דורכגעפירט ווערן דורך אַלע בירגער און אַז אַלע וועלן פרייוויליק בייטראָגן זייערע קרבנות? וועלן זיך אַלע טעריטאָריעס פון דער מדינה, אַלע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג אָפּרופן באַגלייך? און גאָר באַזונדערס, אויב מען זאָל אַלע זעלנער־בירגער, אָט די וואָס קוקן דעם טויט אין די אויגן, געבן גאַראַנטירטע פרייהייט און וואָטום־רעכט אין דער פראַגע וועגן פאַרזעצן דעם קריג אָדער שליסן שלום אַפילו פאַרן פרייז פון פאַרשקלאַפונג, — צי קען מען דעמאָלט האָבן די זיכערקייט, אַז די אַלגעמיינע אָפּשטימונג פון די קאָמבאַטאַנטן וועט אויספאַלן פאַר דעם, מען זאָל ווייטער פירן דעם קריג? שוין פון דעם שטאַנדפּונקט, שיינט די קריגס־מאַכט פון די אויטאָריטאַרע מלוכות, מיט דער אייזערנער דיסציפּלין, וואָס האָלט אין געהאָרכזאַמקייט די זעלנער־שקלאַפן, — צו זיין מער עפעקטיוו איידער אין די דעמאָקראַטישע לענדער, מיט די פרייהייטן, רעכט און רגילותן פון קריטיק אַפילו צווישן די מיטגלידער פון דער אַרמיי. לאָמיר זיך דערמאָנען דעם מצב פון דער רוסישער אַרמיי, נאָך דער דעמאָקראַטישער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917, אַן אַרמיי, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געוועזן צעפרעסן דורך דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע; אָדער אַפילו דעם מצב פון דער פראַנצויזישער אַרמיי צום אָנפאַנג פונעם היינטיקן וועלט־קריג, ווען זי איז אין אַ געוויסער מאָס געווען דעמאָראַליזירט דורך דער פאַציפיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. ניט געטרויענדיק זיך אַליין, איז די דעמאָקראַטיע געצוואונגען אָנצונעמען מיטלען פון אייזערנער דיסציפּלין לגבי אירע אייגענע בירגער.

אַ באַזונדער קאָנפליקט קאָן אַנטשטיין צווישן די פאָדערונגען פון פרייהייט און די פאָדערונגען פון סאָלידאַרישקייט, ביי די באַציאונגען

צווישן דעם אָרגאַניזם פון דער דעמאָקראַטיע ווי אַ גאַנצער, און צווישן די אָדער אַנדערע קאָלעקטיווקייטן, וואָס גייען אין אים אַריין ווי טיילן. די פאַראייניקונג פון די קאָלעקטיווקייטן האָט דעם ציל ניט נאָר צו רעגולירן און פאַרמערן די כוחות, מיטלען און מעגלעכקייטן, ניט נאָר צו דערגרייכן זיכערקייט, נאָר אויך צו שאַפן גאַראַנטיעס אויף צו פאַרהיטן די רעכט פון די בירגער אין די עלעמענטאַרערע קאָלעקטיווקייטן. בפרט שטרעבט זי צו פאַרטיידיקן די בירגער קעגן די מעגלעכע מיסברויכן פון דער „אָרטיקער פּאָליטיק". דאָס איז אַ קאָנטראָל, וואָס ווערט געפירט דורך אַ גרעסערער געמיינדע לגבי די קלענערע געמיינדעס; דאָס איז דאָס רעכט פאַר אַ מעגלעכער אַפּעלאַציע פון דער נידעריקער אינסטאַנץ צו דער העכערער, צו דער מער אַלגעמיינער אינסטאַנץ. אָט דאָס זיינען די צילן און די פועל־יוצא׳ס פון דער פאַראייניקונג. אויך דאָ ווייזט זיך אַרויס אַ געוויסער אומצוטרוי צו דער דעמאָקראַטיע לגבי זיך אַליין, דער אינטעגראַלער קאָרפּוס פון דער דעמאָקראַטיע זאָרגט וועגן ניט דערלאָזן קיין מיסברויכן אָדער אָפּווייכונגען בנוגע דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ מצד זיינע באַזונדערע מיטגלידער און זיינע פּרט־אָרגאַנען.

וועלכע אינטערעסן ווירקן, למשל, אין פאַל פון סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן ביי די אָדער אַנדערע טיילן פון דער דעמאָקראַטישער מלוכה? גייט דאָ באמת אין די פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע גופא, אין די פּרינציפּן פון פרייהייט, פון די רעכט פון מענטש און בירגער, פון יושר, פון שוץ קעגן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע? דעמאָלט זיינען די מאָטיוון אין דער פּאָליטיק פון די אינטעגרירטע קאָלעקטיווקייטן אינגאַנצן געזעצלעך, און אַזאַ פּאָליטיק איז אַפילו אַ פליכט, אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע. ווי איז אָבער, פאַרקערט, אַז די מאָטיוון פון סעפּאַראַטיזם שטאַמען פונעם שטרעבן צו צעשטערן די פּרינציפּן און געבאָטן פון דער דעמאָקראַטיע גופא? ווי איז, ווען דער סעפּאַראַטיזם אַפּעלירט צו פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, נאָר כדי אונטערצודריקן און פאַרשקלאַפן געוויסע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, להיפוך צו די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע? דעמאָלט באַטייט די פרייהייט פון סעפּאַראַטיזם — פרייהייט צו ברעכן די גרונט־פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע. דעמאָלט איז דער ברייטערער קאָלעקטיוו, וועלכער קאָנטראָלירט די נאָרמאַלע פונקציאָנירונג פונעם קאָמפּלעקס רעכט, מחויב אָפּצונעמען די „פרייהייט" ביי יענע, וואָס שטרעבן אויסצונוצן די „פרייהייט" פאַר זייערע פאַרשקלאַפונגס־צוועקן.

ווער זשע וועט זיין דער שופט־פאַרמיטלער אין דער מחלוקה צווישן דער מלוכה און דער פּראָווינץ? אויב די גאַנצע מענטשהייט וועט ווען עס איז זיין אָרגאַניזירט אין אַן אַלוועלטלעכער פעדעראַציע, איז ממילא וועט

זי אַליין האָבן די ראָלע פון אַ העכערער אינסטאַנץ אין אַזעלכע פאַלן. אָבער דער ריכטער האַנדלט אַליין אין הסכם מיט די געזעצן פון רעכט און מאָראַל. פונקט ווי עס עקסיסטירט אַ סיסטעם פון מענטש־ און בירגער־רעכט, אַזוי דאַרף זיין אַ סיסטעם פון רעכט פאַר די באַזונדערע קאָלעק־טיוון: אין ערשטן פאַל לגבי דער מלוכה, אין צווייטן — לגבי דער פעדע־ראַציע פון די מלוכות. אַזוי ווערט טעאָרעטיש געליזט אָט די אַנטי־נאָמיע, די פולע שלימות איז אָבער זיך פאַרצושטעלן נאָר אין דעם אומ־דערגרייכלעכן אין־סוף פונעם אידעאַל...

מיר האָבן פאַר זיך די רעכט פונעם בירגער, די רעכט פון דער גע־זעלשאַפט, די רעכט פון דער מענטשהייט. דער אַבסאָלוטער, אומבאַ־גרענעצטער אויסדרוק פון די רעכט אויף יעדערן פון אָט די פאַליוסן פירט צו אַנטינאָמיעס. אייניקע היסטאָריקער האָבן טאַקע קוואַליפיצירט דעם געדאַנק פון אַן „אַלוועלטלעכער מלוכה", אַ סופּער־מלוכה, ווי אַזאַ וואָס איז אין סתירה צו די פּרינציפּן פון פּאָליטישער מאָראַל און פּאָליטישער צוועקמאָסיקייט. די פּראָווידענציאַליסטן, ווי לאָראַן, פּלעגן דערווייזן, אַז אַלע פּרוּוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די יחידים־דעראָבערער און דורך די פעלקער־דעראָבערער אויף צו שאַפן אַן אַלוועלטלעכע מלוכה, האָבן ניט געקענט מצליח זיין, ווייל זיי זיינען געווען קעגן דעם ווילן פון דער השגחה און קעגן די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. כל־זמן מלחמות, געוואַלט, אונטערדריקונג־ און פאַרשקלאַפונג־סטיכיעס שאַפן די געשיכטע; כל־זמן עס זיינען נאָך מעגלעך אַטילעס, טאַמערלאַנען, היטלערס, — האָט די אידעע וועגן אַן „אַלוועלטלעכער מלוכה" אוודאי געמעגט אַרויסרופן מורא און זאָרג. פון דער אַנדערער זייט, האָט די צעשפּאָלטנ־קייט פון דער מענטשהייט, די עקסיסטענץ פון פאַרשידענע מדינות און מלוכות — געעפנט אַ מעגלעכקייט פון אויסוואַל, — טעאָרעטיש לפּחות, — אַ מעגלעכקייט, די בירגער זאָלן זוכן אַ פּאַסיקע פאַר זיי פּאָליטישע אַטמאָ־ספערע; דאָס האָט ביז אַ געוויסן גראַד געדינט פאַר אַ גאַראַנטיע פון אַ מעגלעכן מקום־מקלט אויף צו ראַטעווען זיך פון פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטישע רדיפות.

היינט צום טאָג אָבער צייכנט זיך אָן פאַר אונז די „אַלוועלטלעכע רעפּובליק" ווי אַ פאַרבאַנד פון דער מענטשהייט ,וואָס איז אָרגאַניזירט אויף יסודות פון פרייהייט און אחדות, פון מענטש־ און בירגער־רעכט, פון די רעכט פון דער געזעלשאַפט און קאָלעקטיוון, פון די רעכט פון דער מענטשהייט־משפּחה. דאָ גייט ניט וועגן אַן „אוטאָפּיע", נאָר וועגן אַן אידעאַל, וואָס לאָזט זיך פאַרווירקלעכן אין דער זעלביקער מאָס, אין וועל־כער עס לאָזט זיך בכלל פאַרווירקלעכן שלימות אויף דער ערד. און אין דער פלאַך לאָזן זיך דעמאָלט לייזן די אַנטינאָמיעס פון דער דעמאָ־

קראַטיע אין דער זעלביקער מאָס, ווי עס לאָזט זיך אין דער מענטשישער געזעלשאַפט דערגרייכן שלימות אין דער לייזונג פון אַנטינאָמיעס בכלל.

## 5

צי שטעלט די דעמאָקראַטיע פאָר אַ צום בעסטן פולקאָמענעם אָדער צום קלענסטן אומפולקאָמענעם פּאָליטישן רעזשים?

דעמאָקראַטיע — דאָס איז דער צום בעסטן פולקאָמענער רעזשים, וואָרום אין פּאָליטישן געביט פאַרווירקלעכט זי — הן ווי אַ ציל און הן ווי אַ מיטל — די נויטווענדיקע אינערלעכע באַדינגונגען פאַרן אוני־ווערסאַלן אידעאַל. יעדער אַנדערער פּאָליטישער סדר באַזירט זיך אויף קראַפט און געוואַלט; ער רופט אומפאַרמיידלעך אַרויס קעגן זיך קראַפט און געוואַלט; עס מאַכט אוממעגלעך די פרידלעכע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, וואָרום אויפשטאַנד און טעראָר אַנטשטייען פּאָטענציעל כסדר, אויב ניט אָן אַן איבעררייס; און ניט נאָר די מערהייט פונעם קאָלעקטיוו, נאָר אויך די מינדערהייטן האַלטן זיך פאַר באַרעכטיקט אַנטקעגנצו־שטעלן קראַפט קעגן קראַפט, געוואַלט קעגן געוואַלט. דער נצחון פון דער דעמאָקראַטיע — דאָס איז דער אָרגאַנישער עטאַפּ אויפן וועג פון דער מענטשהייטס פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, דערבײַ איינער פון די גאָר וויכטיקסטע עטאַפּן: אין אַ באַוואוסטזיניקער פאָרם און מיט דער גאַראַנטיע פון מעגלעכער סטאַבילקייט — שאַפט אָט דער נצחון אַ נײַע תקופה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין די פּאָליטישע באַציאונגען פונעם קאָלעקטיוו שאַפט די דעמאָקראַטיע אַ פּרינציפּ פון מאָראַלישער פעסטקייט און סטאַבילקייט, וועלכער איז פרעמד פון יעטוועדער פּרינציפּיעלער סתירהדיקייט, וואָס איז געוויינלעך פאַראַן אין די רעזשימען פון געוואַלט און אונטערדריקונג: יענע שטיצן זיך דאָך אויף קראַפט און אויפן רעכט פון קראַפט, און עס איז נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך, אַז זיי זאָל אַנט־קעגנגעשטעלט ווערן אַ צווייטע קראַפט, אַ צווייט רעכט, אַ צווייט רעכט פון קראַפט. יעטוועדער ניט־דעמאָקראַטישן רעזשים דראָט, מיט דער ליניע פון רעכט, אַ פײַנטלעכע אָפּאָזיציע, קאַמף, טויט דורך געוואַלט.

אַוודאי, מיט דער ליניע פון רעכט איז יעדער ניט־דעמאָקראַטישער רעזשים, וואָס שטיצט זיך אויף קראַפט — מאָראַליש ניט־שטאַנדהאַפט, אָבער רעאַל קען ער זיך האַלטן אַ לאַנגע צייט און אַרויסווייזן פעסטקייט אַזוי לאַנג, ווי די קראַפט, אויף וועלכער ער שטיצט זיך, פאַרבלײַבט אומ־געבראָכן (און דאָס הענגט ניט אָפּ דווקא פון די גלויבנס, טראַדיציעס, פון דער גייסטיקער קנעכטשאַפט, פּאַסיווקייט און אינערטקייט פון די מאַסן). דער ווידערשפּרוך שטעקט אינעם פּרינציפּ גופא, און ניט אין די רעאַלע

כוחות און מיטלען, וועלכע געפינען זיך אויפן פלאַץ אין יעדן געגעבענעם מאָמענט. דערפאַר טאַקע האָבן די דעספּאָטישע רעזשימען געקענט אויפהאַלטן זייער עקסיסטענץ במשך פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער, אַדאַנק דעם אויטאָריטעט און דער אַקציע פון אָפענער קראַפט, וועלכע איז נאָך דערצו אָפט אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורכן איינפלוס פון דורות־דיקער טראַדיציע.

אַנדערש איז, פאַרקערט, מיטן דעמאָקראַטישן רעזשים, וועלכער גייט אַרויס פון די פאָדערונגען פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל און פאַרקערפערט דעם עגאַליטאַרן יסוד, וואָס איז פאַר אַלעמען אָנגענומבאַר יורידיש, פאָליטיש און מאָראַליש; און וועלכער שטיצט זיך אויף דער אָנערקענונג און הסכם פונעם קאָלעקטיוו: ער ליידט ניט פונעם רעכט־ווידערשפרוך, אַ ווידערשפרוך, מיט וועלכן עס איז באַצייכנט יעטוועדער רעזשים, וואָס שפאַרט זיך אָן אויסשליסלעך אויף קראַפט.

דער דעמאָקראַטישער פרינציפ קען אָבער זיין אויסגעשטעלט אויף געוויסע אינעווייניקסטע אַנטינאָמיעס, וועלכע צילן אין זיין פיל־קאָמפּליצירטן תוך און וועלכע — וויבאַלד זיי זיינען ניט געהעריק באַזייטיקט — טראָגן זיי סכנות פאַר זיין נאָרמאַלער עקסיסטענץ. די דעמאָקראַטיע קען ליידן פון סכנות מצד אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע שונאים, און זי מוז זיין שטאַרק אויף צו פאַרטיידיקן איר רעכט און איר עקסיסטענץ. אָבער לויט איר מהות גיט זי פרייהייט ניט נאָר צו אירע אָנהענגער, נאָר אויך צו אירע קעגנער, און זייערע אַקציעס קענען אַרונטעררייסן איר כוח. אין דער דעמאָקראַטיע איז דער ווילן פון קאָלעקטיוו אין אַ געוויסער מאָס צעשטויבט, און דאָס שוואַכט אָפ די קראַפט פון זיין ווילנס־אויסדרוק און אַקציע. דער אַנטינאָמישער כאַראַקטער ביים אַבסאָלוטן אָנווענדן אייניקע פרינציפן פון דעמאָקראַטיע קען פירן צו קאָנפליקטן צווישן די קאָלעקטיוו־עלעמענטן, און דער דאָזיקער קאַמף קען אָננעמען אַ שאַרפע און געוואַלט־פאָרעם, טראָץ די וועזנטלעכע פרינציפן פון דעמאָקראַטיע. כדי צו לעבן און זיין דערפאָלגרייך — איבערהויפט אין קריטישע מאָמענטן פון איר פונקציאָנירונג, — מוז די דעמאָקראַטיע זיין אָנגעפירט פון עליטעס, וועלכע באַזיצן וויסן און באַוואוסטזיין; אין פאַל ווען אַזעלכע עליטעס פעלן אָדער זיי זיינען ניט גענוגנד אין צאָל, — דעמאָלט שאַפן זיך אָדער עס קענען זיך שאַפן באַדינגונגען פון אומנאָרמאַלער עקסיסטענץ, וועלכע שוואַכן אָפ די דעמאָקראַטיע, דעגראַדירן זי מאָראַליש און העלפן מיט צו איר צעפאַלונג.

היוצא לנו, דער דעמאָקראַטישער רעזשים איז שטאַנדהאַפטיק אין דער פלאַך פון רעכט און פּאָליטישער מאָראַל, ער קען אָבער זיך אַרויסווייזן אומשטאַנדהאַפטיק אין דער רעאַלערווירקלעכקייט, אונטער דער

סכנה פון צעשטערונג מצד די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע שונאים, וועלכע זיינען אימשטאַנד צו עקספּלואַטירן זיין שוואַכקייט און אַפילו זיי־נע פּרינציפּן פון טאָלעראַנץ און פרייהייט, איבערהויפּט ביי באַדינגונגען פון אַלגעמיינער סאָציאַלער אומשטאַנדהאַפטיקייט. דעמאָלט זיינען מעג־לעך קריזיסן פון דער דעמאָקראַטיע און אירע קאַטאַסטראָפעס. אויפן גורל פון די דעמאָקראַטישע באַוואוסטזיניקע עליטעס פאַלט אויס די מיסיע פאָראויסצוזען, צו האַנדלען און צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע.

# קאַפּיטל איין און צוואַנציק

## די סיסטעם פון אידעאַליזאַציעס

### 1

די באַפרייערישע און קאָנסטרוקטיווע אידעאַלן באַנעמען מיר אין אונזער באַוואוסטזיין מיט אַלע זייערע שווערקייטן, אומקאָאָרדינירט־קייטן, אַנטינאָמיעס, ניט־פולקאָמענקייטן, און צו דער זעלביקער צייט מיט אַן אינערלעכן שטרעבן צו אַבסאָלוטער פולקאָמקייט. ווי אַזוי זשע מאַכט מען שלום צווישן דעם שטרעבן צו פולקאָמקייט און די אומפּאַר־מיידלעכע אומפולקאָמקייטן? ווי אַזוי טראַגט מען אַריין האַרמאָניע אי־נעם אויסזען פון כאַאָס און אומאָרדנטלעכקייט? ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פון דער סיסטעם פון אַנטינאָמיעס, ווען מען זוכט די אידעאַלע שלימות?

די נאָרמאַלע לייזונג באַשטייט אין דעם, מען זאָל אָנערקענען די עקסיסטענץ פון די אַנטינאָמיעס און מען זאָל זוכן די „רעזולטירנדיקע קראַפט" אין די קעגנזאַצן און קאָנקרעטע אַקציע־כּללים. גאַנץ אָפט אָבער ווייזט זיך אַרויס אַ טענדענץ צו פאַרמאַסקירן די דאָזיקע שוועריקייטן. דער אָפּטימיזם — אין טעאָריע צי אין די סוביעקטיווע פאַרשטע־לונגען — זוכט, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, צו לייזן די פּראָ־בלעם מיט דער הילף פון אידעאַליזאַציע.

דאָס וואָס שיינט צו זיין אָפּטימיזם אויף איין פּאָליוס פון דער ספּעקולאַציע, נעמט אָן דעם צלם פון פּעסימיזם אויפן צווייטן פּאָליוס אירן.

אידעאַליזאַציע באַשטייט אין דער קונסט צו מאַסקירן די שווערקייטן, סתירות, ובכלל דאָס שלעכטס אין אונזער לעבן און אין אונזערע קאָנ־צעפּציעס — מיט דער הילף פון אויסטייטשונגען און היפּאָטעזעס; די מיסיע פון די לעצטע איז, מען זאָל אויף אַן אויסערלעכן אופן באַזייטיקן דאָס ניט־שטימען און די אומקאָאָרדינירטקייטן אינעם אידעאַל פון איין זייט, די סתירות און ניט־צוזעפּאַסטקייטן אין דער אויפפירונג און אין די פּראַקטישע פאָדערונגען פונעם אידעאַל פון דער צווייטער זייט; עס איז אַזאַ דרך צו אָפּטימיזירן דאָס, וואָס איז פאַר אונז ניט־אָננעמבאַר אָדער שווער־אָננעמבאַר אין לעבן, אין געדאַנק, אינעם אידעאַל. דאָס ווערט דערגרייכט אויף אַזאַ אופן: אָדער מען זוכט דאָס גוטס אין די סתירות

גופא, אָדער מען געפינט אויס אין זיי די פאָר־הנחות פאַר אַ גליקלעכער עוואָלוציע, אָדער מען באַטראַכט דאָס שלעכטס גופא ווי אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. און דערפאַר טאַקע פאַראייניקט מען געוויינלעך די אידעאַליזאַציע מיט אַ געוויסער אַפּאָלאָגיע פונעם שלעכטס.

ביי זייערע לאָגישע דעפאָרמאַציעס, וועלכע ווערן דערביי באַפאַרבט מיט טענער פון אַפּאָלאָגעטיזם, זיינען די ריינע אידעאַליזאַציעס אַ פּראָדוקט פון די גאָר אויפריכטיקע באַמיאונגען פונעם אומרואיקן געדאַנק. מיט דעם טאַקע אונטערשיידן זיך די ריינע אידעאַליזאַציעס פון יענער „קאָנדיציאָנעלער פאַלשקייט” און פון יענע מער־ווייניקער צבועקישע פאָרמולעס און אַרויסזאָגונגען, וואָס מיט זיי איז אָנגעפילט אונזער לעבן, ביי די באַדינגונגען פון געזעלשאַפטלעכע סתירות צווישן די האַנדלונגען און צווישן די שוואַכע אָבער טיפע אימפּולסן פונעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין. אויב אָבער עס איז דערלויבט צו רעדן וועגן אומבאַוואוסטזיניקער ניט־אויפריכטיקייט, דעמאָלט קען זי אַריינדרינגען אויך אין די פאָרמולעס פון די אידעאַלן, שטרעבנדיק אויסצוגלייכן דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט אויסגלייכן.

די אידעאַליזאַציעס פאַרדרייען די היסטאָרישע לאָגיק און דעם מאָראַלישן אמת. זיי באַשאַפן אַ סיסטעם פון אילוזיעס, וועלכע מאַסקירן די קעגנזאַצן, וואָס עקסיסטירן אין לעבן און וועלכע שאַפן אַ באַרואיקונג פאַרן באַוואוסטזיין; דער לעצטער פילט זיך דעמאָלט פריי פון דער נייטיקייט צו זוכן אַן אַדעקוואַטע לייזונג פון די קעגנזאַצן אין לעבן און פון דער נייטיקייט צו ברענגען, ווען עס איז נייטיק, קרבנות, אַזוי ווי די מאָראַלישע געבאָטן פונעם אידעאַל פאָדערן עס.

ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען, אידעאַליזירן די טעאָרעטיקער דעם היסטאָרישן פּראָצעס, — די אינסטיטוטן פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע; זייערע ברכהדיקע „מיסיעס” אין דער עוואָלוציע פון דער מענטשהייט. אַזאַ סאָרט אַפּאָלאָגעטישער געדאַנק ווערט אָנגעווענדט לגבי דער פאַרגאַנגענהייט, מען ווענדט אים אויך אָן לגבי דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט. אַזאַ מין אַרט אַפּאָלאָגיע ווערט קולטיווירט ניט נאָר ביי די אָפענע און קלאָרע, אַפילו אויפריכטיקע אַפּאָלאָגעטן פון מאַטעריעלער און גייסטיקער שקלאַפעריי, נאָר — וואָס עס איז נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל און געפערלעך — אויך דורך יענע, וואָס טרעטן אַרויס אַנטקעגן די רעזשימען פון עקספּלואַטאַציע און פאַרשקלאַפונג און וואָס רופן די מענטשהייט צו אינטעגראַלער באַפרייאונג. רעשטלעך פון גייסטיקער שקלאַפעריי שטעקן אויך אין די עמאַנסיפּאַציע־טעאָריעס.

היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, פילאָזאָפן האָבן אַנטוויקלט טעאָריעס, אין וועלכע עס האָבן געפונען באַרעכטיקונג פאַרשידענע פאָר־

מען פון שלעכטס, וואָס די מענטשהייט האָט פון זיי געליטן; דער טעם דערביי איז געווען, באשר די דאָזיקע פאָרמען פון שלעכטס זיינען געווען נוצלעך און נויטווענדיק אויף צו דערציען די מענטשהייט, אויף צו אַנט־וויקלען איר אינדוסטריע און אירע מיטלען פאַרן גייסטיקן פאַרקער, אויף צוצוגרייטן די מעגלעכקייט פון אַ גליקלעכערן גורל. אַזאַ מין אַפּאָלאָגיע פון אַמאָליקן שלעכטס קען לאָגיש אַנגעווענדט ווערן אויך אויף צו באַרעכ־טיקן דאָס היינטיקע און דאָס קומענדיקע שלעכטס. אמת, די אַפּאָלאָגיע פונעם שלעכטס אין דער פאַרגאַנגענהייט ווערט אָפט געמאַכט אין אַזאַ זינען: אַמאָל, הייסט עס, איז עס געווען נייטיק אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייטס אַנטוויקלונג, אָבער פון דעם מאָמענט, ווען די מענטשהייט האָט דערגרייכט אַ געוויסע שטופע פון איר אַנטוויקלונג, האָט די נייטי־קייט פונעם שלעכטס אויפגעהערט, און פון דעמאָלט אָן לאָזט זי זיך ניט באַרעכטיקן. איז אָבער, ראשית, ווייסט די געשיכטע — אויף דער ליניע פון זאָלאָגיע — פון איבערחזרונגען פון אַמאָליקע פאַרהעלטענישן, ווען פריערדיקע אָדער ענלעכע אינסטיטוטן פון שלעכטס האָבן זיך צוריק־געקערט; דעמאָלט פירט די לאָגיק פון די אָפּשאַצונגען צום איבערחזרן די זעלביקע אַפּאָלאָגיעס פאַר דער קעגנוואַרט און פאַרן עתיד. ווייטער, די געזעלשאַפט איז קיינמאָל ניט פולקאָמענדיק אין אירע דערגרייכונגען; זי ליידט פון די רעשטלעך פון אַמאָליקן שלעכטס, פונעם נייעם שלעכטס וואָס באַווייזט זיך, און פון די אַנטינאָמיעס און קעגנזאַצן; דאָס אַמאָליקע שלעכטס ווערט פאַראורטיילט ניט נאָר פונעם שטאַנדפונקט פון העכערן אידעאַל, נאָר אויך פון די דירעקטיוון פון דער אַקטועלער מאָראַל, וועלכע איז פאַרפליכטנדיק פאַר דער געגעבענער תקופה; און די זעלביקע טענ־דענץ, וואָס דינט צום אידעאַליזירן די אַמאָליקע צושטאַנדן און צום אַפּאָלאָ־גירן דאָס אַמאָליקע שלעכטס, קען אויפקומען אויך מיט דער כוונה צו באַרעכטיקן דאָס היינטיקע שלעכטס, ווי אַ זאַך, וואָס איז נייטיק אויף צוצו־גרייטן דער מענטשהייטס פּראָגרעסיווע צוקונפט, און אַזוי עד סוף כל הדורות.

וואָס איז דערפון געדרונגען? ניט געקוקט אויפן היסטאָרישן פּראָ־גרעס און אויף דער כסדרדיקער שטייגערונג פון דער מענטשהייט — דורך אַ ריי אָרגאַנישע עטאַפּן — אויף אַלץ העכערע מדרגות פון איר מאַטעריעלער און גייסטיקער עוואָלוציע, — הערט דאָך ניט אויף די מענטשהייט צו קעמפן קעגן פאַרשידענע פאָרמען פון שלעכטס, פון וועל־כע זי ליידט. דער קאַמף קעגן אָט דעם שלעכטס שטויסט זיך אָן אויף שוועריקייטן, וועלכע דריקן זיך אויס, באַזונדערס, אין אומפולקאָמהייטן, סתירות און אומקאָאָרדינירטקייט אין די אינעווייניקסטע שטרעבונגען פון אונזערע אידעאַלן. דאָרט, וואו דעם נצחון איבער אַ געוויסן שלעכטס

קען באַגלייטן די דערשיינונג פון אַ געוויסן צווייטן שלעכטס, מעג אַפילו זיין אַ ווייניקער שאַרפע און מילדערע שלעכטס, טאָר מען ניט מאַסקירן די סתירות און שטעלן זיך, למשל, אויף איין פּאָליוס פון די סתירות, און איגנאָרירן דעם צווייטן, מיט דער כוונה פון אידעאַליזאַציע און אַפּאָלאָגע־טיזם. די אַפּאָלאָגיע פונעם סאָציאַלן בייז אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ רעלאַטיווע גוטס, צוליב זיינע נוצלעכע פעולות פאַר דער זאַך פון פּראָגרעס, באַזירט זיך אָפט, ווי מיר האָבן געזען, אויף ניט־ריכטיקע היס־טאָרישע אויסטייטשונגען. אָבער, אָפּגעזען פון דעם, טאָר דאָס סאָציאַלע שלעכטס קיינמאָל ניט באַרעכטיקט ווערן אויף דעם סמך, וואָס זיינע פרוכטן זיינען נוצלעך געווען, פונקט אַזוי ווי מען קען ניט באַרעכטיקן אָדער מוחל זיין אַ פאַרברעכן פון אַ יחיד צוליב דעם, ווייל זיינע פאָלגן קענען זיך אַמאָל אַרויסווייזן פאַר נוצלעך.

ווען דאָס באַזייטיקן אַ געוויסע שלעכטס קען זיין באַגלייט מיט אַ דערשיינונג פון אַ געוויסן צווייטן שלעכטס, דעמאָלט קענען ניט די פאָלגן דינען פאַר אַ יסוד צו דער אַפּאָלאָגיע פון דעם, וואָס איז פריער געווען; און ניט נאָר דאָס, — דער קאַמף — אין מאַטעריעלער און גייסטיקער אָרדענונג — מוז זיך פירן ניט נאָר קעגן דעם עקסיסטירנדיקן שלעכטס, נאָר אויך קעגן דער וואָרשיינלעכער אויפקומונג פון אַנדערע מינים שלעכטס, — און דאָס מיטן פּרינציפּ פון דער „רעזולטירנדיקער קראַפט". אומ־געקערט, די אַפּאָלאָגיע פון שלעכטס באַטייט די פאַרזעצונג פון דער הער־שאַפט פון זאָאָלאָגיע אין דער מענטשישער געשיכטע.

## 2

די אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן פּראָצעס און פון די היסטאָ־רישע אינסטיטוטן פון פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע האָט פאַרנומען אַן אָרט אויך אין די סיסטעמען פון די טעאָרעטיקער פון העכסטן אידעאַל, — ווי אַזעלכער טרעט אַרויס דער סאָציאַליסטישער אידעאַל. מען טרעפט זי ביי די פאָרשטייער פונעם קלאַסישן אָדער אַזוי־גערופענעם „אוטאָפּישן" סאָציאַליזם: אינעם סען־סימאָניזם, פוריעריזם, ביים קאָלעקטיוויסט קאָ־לענס, ביי פּרודאָנען, טיילווייז ביי פּעקקערן. מען טרעפט זי אויך ביי די פאַרטרעטער פון אַזוי־גערופענעם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם", ביי מאַרקסן, ענגעלסן און אין דער שול פון מאַרקסיזם. דאָ, אינעם מאַרק־סיזם, האָבן משפיע געווען די ווירקונגען פונעם „אוטאָפּישן" סאָציאַליזם, פון די היסטאָריקער־פּראָווידענציאַליסטן, פון די פילאָזאָפן־פּראָווידענציאַ־ליסטן, פון דער העגעלשער דיאַלעקטיק, פון די „בורזשואַזע" סאָציאָ־לאָגן־אַפּאָלאָגעטן, און די פאַרשידענע קוועלן, וואָס זייער אָנהייב גרייכט,

ווי עס איז אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, ביז צו די שעפער פון דער קריסט־לעכער קירך. אינעם סאָציאַליזם האָט זיך אַזוי אַרום געעפנט אַ ניי פעלד פון אילוזיעס און אידעאַליזאַציעס.

ערשטע אידעאַליזאַציע און ערשטע אילוזיע: אַ סאָרט באַרואיקונג לגבי דעם עבר. די סאָציאַליסטן, ובתוכם די מאַרקסיסטן, וואָס באַקענען זיך צום מאַטעריאַליזם און אַטעאיזם, שטעלן זיך פאַר די געשיכטע אַזוי, ווי זי וואָלט געווען געפירט דורך עפּעס אַ השגחה, אַ געניג קלוגע און פרומע, און אַט זי האָט עס אַראָפּגעשיקט אויף דער מענטשהייט דאָס שלעכטס, פון וועלכן זי ליידט נאָר פון דער מענטשהייטס טובה וועגן, צו־ליב איר פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג. אויף דעם וועג פאַרענטפערט מען און ליקווידירט מען אַלע מאָראַלישע סתירות אין דער אַמאָליקער געשיכ־טע, צום לויב און אין נאָמען פון אַ כלומרשט „וויסנשאַפטלעכער" אָפּאָ־לאָגיע.

אַ צווייטע אידעאַליזאַציע און אַ צווייטע אילוזיע: באַרואיקונג פאַרן באַוואוסטזיין אין דער קעגנוואַרט און פאַר דער קעגנוואַרט. די היינט עקסיסטירנדיקע פאָרמען פון שלעכטס שטעלט מען פאַר אונטער אַן אי־דעאַליזירטן און אָפּטימיזירטן אַספּעקט: דער היסטאָרישער פּראָצעס ברענגט די נייטיקע פאַרענטפערונג, און פונעם שלעכטס קומט אַרויס גוטס.

אַ דריטע אידעאַליזאַציע און אַ דריטע אילוזיע: די אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס גייט אַוועק אין דער צוקונפט; זי טראָגט אויטאָמאַטיש און פאַטאַל די לייזונג פון די סתירות און דעם נצחון אין דער מלוכה פונעם אידעאַל. דער קאַמף פאַרן אידעאַל באַזירט זיך אויף אַ מעסיאַניסטישער האָפענונג. אַ סאָרט רעליגיע ווערט געשטעלט אויפן אָרט פון אָביעקטיווער קריטיק און פון ראַציאָנאַליסטישער קאָמפּס־פילאָזאָפיע.

אַ פערטע אידעאַליזאַציע און פערטע אילוזיע: דער עטישער מאָמענט אינעם קאַמף ווערט פאַרטושט דורך אַ פּראָווידענציאַליסטישער גלויבונג אין דער היסטאָרישער מיסיע פונעם שלעכטס און אינעם אויטאָמאַטיזם פון זיין ליקווידאַציע־פּראָצעס אינעם געהעריקן מאָמענט פון דער קומענ־דיקער עוואָלוציע פונעם קאַפּיטאַליסטישן און אינדיווידואַליסטישן רע־זשים.

ווייטער, נאָך דער אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן פּראָצעס קומט די אידעאַליזאַציע פון די קאָלעקטיוון, פונעם פאָלק, פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, פונעם אַרבעטער־קלאַס, פונעם פּראָלעטאַריאַט, און אַנטשפּרעכנד ווערט פּראָקלאַמירט זייער „היסטאָרישע מיסיע". אַזוי, דער מאַרקסיס־טישער סאָציאַליזם אידעאַליזירט און זינגט תהילות ותשבחות דעם פּראָ־לעטאַריאַט און זיין „היסטאָרישער מיסיע". די באַפרייערישע אידעאַלאָ־

גיע זינקט אין אַן אַטמאָספערע פון אידעאישער חניפה, אידעאישער דע־
מאַגאָגיע. דאָ האָבן מיר פאַר זיך טייל־וויז אַ רעשט פון (כמעט אויס זאָאָ־
לאָגישער נאַטור) דער רעליגיעזער טראַדיציע און גלויבונג אין דער פּריווי־
לעגירטער שליחות פון די „אַתה בחרתנו־פעלקער". נאָך די „אויסדער־
וויילטע פעלקער לאָזט זיך שוין רעדן וועגן „אויסדערוויילטע קלאַסן"...
די שקלאַפן און לייב־אייגענע האָבן געשטרעבט צו זייער באַפרייאונג,
און אין געוויסע פאַלן האָבן זיי געקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג. אָבער
דעם קלאַס שקלאַפן און דעם קלאַס לייב־אייגענע האָט קיינער ניט גע־
טראַכט צו קוואַליפיצירן ווי „אויסדערוויילטע קלאַסן", וואָס זיינען באַ־
שאָנקען מיט אַ באַזונדערער „היסטאָרישער מיסיע". די דאָזיקע פּרי־
ווילעגיע איז אויסגעפאַלן אויפן חלק פונעם היינטיקן פּראָלעטאַריאַט.

עס איז אמת, אַז דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט פאַרמאָגט, צוליב
זיין סאָציאַלער לאַגע, אַ געוויסע אויפנעמס־פעאיקייט ניט נאָר צו דער
אידעע פון זיין אייגענער עמאַנסיפּאַציע, נאָר מסתמא אויך צו די יסודות
פון אַ מער אַלגעמיינעם און ברייטערן אידעאַל. עס איז אויך אמת, אַז
אַדאַנק דער קאָנצענטראַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין גרויסע מאַסן אין
די אינדוסטריע־צענטערן, איז אים לייכט זיך צו אָרגאַניזירן, און ער באַ־
זיצט צו דער זעלבער צייט אַ קעמפערישע פּסיכאָלאָגיע. עס איז אויך
אמת, אַז די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס זיינען מסוגל צו אַנטוויקלען
אַן ערנסטע קעמפערישע טעטיקייט, וועלכע קען געריכטעט ווערן סיי אויף
צעשטערונגס־אַרבעט, סיי אויף צו בויען. דאָס זיינען ווערטפולע באַ־
דינגונגען און מעלות, וועלכע קענען און דאַרפן אויסגענוצט ווערן אין דער
דערציאונגס־אַרבעט און דיסציפּלינירונג פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן אין
דער שול פונעם העכסטן אידעאַל. אָבער די מיסטיק פון קוואַליפיצירן
דעם פּראָלעטאַריאַט ווי אַ פּראָווידענציעלן קלאַס, וועלכער פירט אויס אַ
פון פאָראויס באַשטימטע פאַר אים „היסטאָרישע מיסיע" איבערצומאַכן
די „קאַפּיטאַליסטישע" געזעלשאַפט אין אַ העכסט אידעאַלער געזעלשאַפט,
— אָט די מיסטיק איז ניט נאָר אַנטי־וויסנשאַפטלעך אין אירע גרונט־
יסודות, זי איז ניט נאָר נאַאיוו און פאַרפירעריש, ניט נאָר פול מיט אילו־
זיעס, נאָר זי איז אויך דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון באַוואוסטזיניקער
אָדער אומבאַוואוסטזיניקער דעמאַגאָגיע.

אינעם גאָר אַמאָליקן גריכנלאַנד איז דורות־לאַנג אָנגעגאַנגען אַ
מלחמה צווישן די „אָרעמע" (אַ מין פּראָלעטאַריאַט) און דעם קלאַס פון
„רייכע"; ווי אַ פועל־יוצא פון די מלחמות, פונעם קלאַסן־ און פּאַרטייען־
קאַמף, איז גריכנלאַנד אַלץ שוואַכער געוואָרן און זיך צעפאַלן; זי האָט
פאַרלוירן איר פרייהייט און איז געוואָרן דאָס רויב־געווינס פון רוים. אין
דער רוימישער מלוכה גופא זיינען במשך פון יאָרהונדערטער אָנגעגאַנגען

קאַמפּן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער אַריסטאָקראַטיע צוליב די פּאָליטישע רעכט און די אַגראַר־געזעצן; דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט דער מאָראַלישער דעגראַדאַציע פֿונעם שטאָטישן פּראָלע־טאַריאַט (די אויסבילדונג פֿון „פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט"), מיטן אונ־טערגאַנג פֿון דער רעפּובליק און מיטן נצחון פֿונעם צעזאַריזם. אויך אין די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע רעספּובליקעס האָט געפֿלאַקערט דער קלאַסן־ און פּאַרטייען־קאַמף, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אויך די נידעריקע קלאַסן פֿון דער געזעלשאַפֿט, די האַנטווערקער־צעכן און דער פּראָלעטאַריאַט; און פּונקט אַזוי ווי אין אַלטן גריכנלאַנד, זיינען אויך דאָ אויפֿגעקומען גרויזאַמע טיראַניעס, און אומעטום האָט די אַנטוויקלונג גע־פֿירט צום אונטערגאַנג פֿון דער פֿרייהייט, און ניט צום נצחון פֿון די העכערע אידעאַלן אָדער די „היסטאָרישע מיסיעס" פֿון אַוועלכע ס'איז קלאַסן. אַוודאי, איז ניט גלייך איינס צו דאָס אַנדערע — די לאַגע פֿונעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט און די לעבנס־באַדינגונגען פֿון די פּראָלעטאַ־ריער אין די פֿריערדיקע תּקופֿות. פֿונדעסטוועגן זיינען יאָ פֿאַראַן אַנאַ־לאָגיעס, און מען קען פֿון זיי אַ סך אָפּלערנען. די לעקציעס פֿון דער געשיכטע האַלטן זיך בלויז אויף אַנאַלאָגיעס, און ניט אויף אידענטישע איבערחזרונגען. די פּאָליטיק פֿון די אָדער אַנדערע עלעמענטן פֿון אַרבעטער־קלאַס אין דער נייעסטער צייט, ובפֿרט אין די סיטואַציעס, וואָס האָבן דערפֿירט צו דער קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע מיר לעבן איצט איבער, רעדט אויסדריקלעך קעגן די געפֿאַרן פֿון די אידעאַליזאַציעס.

דער רעאַלער פּראָלעטאַריאַט איז אינגאַנצן ניט יענער אידעאַליזיר־טער „באַוואוסטזיניקער" פּראָלעטאַריאַט, וואָס מיט זיין פֿאָרשטעלונג באַ־נוצט מען זיך פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון דער דאָקטרין און פֿון דער „באַ־וועגונג". אָפּגעזען פֿון די אַנגעוויזענע ספּעציעלע פּרטים, איז אינעם פּראָלעטאַריאַט, אַזוי ווי אַגב אין אַלע אַנדערע קלאַסן פֿון דער געזעל־שאַפֿט, צו געפֿינען אידעאַלאָגן, הויכע מאָראַלישע עליטעס, „העלדן" און „אויסדערוויילטע" פֿון איין זייט, און פֿון דער אַנדערער זייט, אַ מאַסע „פּראָפֿאַנען", וואָס לעבן פֿון האַנט צום מויל און וואָס זאָרגן נאָר וועגן זייערע אוממיטלבאַרע קליינע אינטערעסן. אינעם פּראָלעטאַרישן קלאַס עקסיסטירט אַ היעראַרכיע פֿון שיכטן און אונטערקלאַסן, און עס טיילן זיי פֿונאַנדער צווישן זיך קאָרפּאָראַטיווע עגאָאיזמען, קוואַליפֿיקאַציעס פֿון אַרבעט, אונטערשידן אין דער אַרבעט־באַלוינונג, חלוקי־דעות אין אידעאָ־גאָלישע קאָנצעפּציעס, נאַציאָנאַלע און ראַסן־סימנים, וכדומה. פֿאַראַן פּראָלעטאַריער מער „באַוואוסטזיניקע", ווייניקער „באַוואוסטזיניקע" און גאָרניט קיין „באַוואוסטזיניקע". די געשיכטע פֿון די מלחמות, פּאָליטישע מעטאַמאָרפֿאָזעס און פֿון די טריאומפֿן פֿון די דיקטאַטורן אין דער לעצ־

טער צייט, ביז סאַמע דער קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר לעבן היינט איבער, האָט באַוויזן, ווי ווייניק שטאַנדהאַפטיק עס איז די דעמאָקראַטישע און די „סאָציאַליסטישע" אמונה אין די אַרבעטער־מאַסן. ניט איין מאָל האָט זיך געלאָזט קאָנסטאַטירן, ווי די פאַרטיידיקונג פון די קאָרפּאָראַטיווע אינ־טערעסן האָט ביי פּראָלעטאַריער גענומען די אויבערהאַנט איבער די ברייטערע פאָדערונגען סיי פון דער טובה פון דער געזעלשאַפט, סיי פונעם העכסטן אידעאַל. ניט איין מאָל האָט זיך געלאָזט מערקן דער פאַקט פון אַ יד־אַחת צווישן אַרבעטער און אונטערנעמער, געריכטעט קעגן די אינ־טערעסן פון די קאָנסומענטן און פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. ניט איין מאָל האָבן די פּראָלעטאַרישע מאַסן זיך פאַרנומען אויף אַזאַ דרך, וועלכער האָט אינגאַנצן איגנאָרירט דעם גייסט און די שטרעבונגען פונעם דעמאָ־קראַטישן אידעאַל. ניט איין מאָל איז פאַרלאָפן, אַז גרויסע עלעמענטן פון פּראָלעטאַרישע מאַסן האָבן געטוישט זייער אָריענטאַציע און אַריבער־געגאַנגען פון עקסטרעם־מעסיקייט צו עקסטרעם־רעוואָלוציאָנערישקייט, און פאַרקערט. אַמאָל איז עס געווען פינצטערניש און אינדיפערענטיזם, אַמאָל — ניט־באַפרידיקנדיקע דערציאונג, אַמאָל די ווירקונג פון דעמאַ־גאָגיע, אַמאָל די אָנשטעקונג פון צעזאַריזם, — און עס האָט זיך אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן געשאַפן אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אַוועקגע־הרגעט די זאַך פון דער דעמאָקראַטיע און פון דינען דעם אידעאַל. אַזעל־כע פּריינט פון די פאָלקס־מאַסן, ווי בלאַנקי און פּרודאָן, האָבן זיך פאַר־רופן אויף היסטאָרישע פּרעצעדענטן און שאַרף פאַראורטיילט די אידעאַ־ליזאַציע פון פאָלק און פון פּראָלעטאַרישן קלאַס.

די אידעאַליזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט האָט געבראַכט צו אַ צווייטער אידעאַליזאַציע פון אַ גאָר וויכטיקער פּראַקטישער נאַטור, — דאָס איז די אידעאַליזאַציע פון די „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט", ווי דעם העכסטן פּרינציפּ און פּראַקטישן גרונט־קריטעריום פאַר דער אַקטיווער טעטיקייט פון די סאָציאַליסטן און פון די ריטער פונעם אָרדן פון העכסטן אידעאַל. אָט איז אַ קריטעריום, וואָס איז שטענדיק פראַגמענטאַר, אָפט הילפלאָז און ניט־אַקטועל, און ניט אָן סתירות. די אינטערעסן פון אַ קלאַס, ווי אַזעלכן (מעג עס זיין דער פּראָלעטאַריאַט צי אַן אַנדער „האַרעפּאַשנע קלאַס"), ווי מען זאָל זיי ניט אידעאַליזירן, קענען קיינמאָל ניט זיין אידענ־טיש מיט די קריטעריומס פון העכסטן אידעאַל און פון העכסטער פּאָליטי־שער מאָראַל. די קריטעריומס פון העכסטער פּאָליטישער מאָראַל מוזן זיין אויף אַזוי פיל אַלגעמיין און סטאַביל, אַז זיי זאָלן געפינען אַן אָנווענ־דונג — ווי נאָרמעס פאַר דער אויפפירונג, לפּחות אין די גרונט־שטריכן — ביי די פאַרשידענע סאָציאַל־היסטאָרישע לאַגעס און קאָמבינאַציעס (אין צייט און שטח), ובפרט אין פּראָיעקציעס סיי אין עבר, סיי לעתיד. ווי אַזוי

זאָל מען אָבער אַפּעלירן צום קריטעריום פון די „אינטערעסן פון פּראָלע־טאַריאַט" ביי סיטואַציעס און סטרוקטורן, וואו קיין פּראָלעטאַריאַט איז ניט געווען בנמצא, איז ניט בנמצא אָדער ער וועט שוין ניט עקסיסטירן? דאָס אָנווענדן די „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט" ווי אַ קריטעריום פון קאָלעקטיווער אָדער אינדיווידועלער אויפפירונג, מוז פירן צו דער אַקראָבאַטיק פון לאָגיק און באַוואוסטזיין, אויב מען זאָל פאַרבלייבן אַנטשיידן און אויפריכטיק אויף דער באַזע פון העכסטן אידעאַל. דאָס קען פירן צו צביעות און דעמאַגאָגיע, צו חניפה און כורעים־פאַלן פאַרן פּראָלעטאַריאַט. דאָס קען פירן צום איגנאָרירן און פאַרקריפּלען די פּרינציפּן פון אוניווערסאַלן אידעאַל.

שפּעטער וועלן מיר זיך נאָך אומקערן צו דער פראַגע וועגן דעם קרי־טעריום פון די „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט", אין זיינע פּראַקטישע אָנ־ווענדונגען, ווי אויך צו דער פראַגע וועגן די אילוזיעס, וואָס ווערן גע־בוירן דורך די אידעאַליזאַציעס.

אין די אינטערעסן פונעם אמת, מאָראַל און דינסט צום העכסטן אידעאַל, דאַרף די קריטיק אומברחמנותדיק דעזאַוואוירן די אָפענע אָדער די באַהאַלטענע אידעאַליזאַציעס און אַרויסרייסן זיי פונעם פעלד פון אונ־זער געדאַנק, פון אונזער עטיק און אונזער האַנדלונג.

# פינפטער בוך

## פּאָליטיק און מאָראַל
## פונעם אידעאַל

# קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# די אָרגאַנישע עטאַפּן

## 1

דער אוניווערסאַלער אידעאַל איז נאָר אַן אידעאַל. פאַרווירקלעכט ווערט ער דורך די בהדרגהדיקע טריט פאָראויס. זיין פולע פאַרקערפּערונג אין לעבן וועט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט ווערן בשלימות, אַבסאָלוט און אויף אַן ענדגילטיקן אופן. לאָגיש און כראָנאָלאָגיש, שטעלט זיך פאָר דאָס בהדרגהדיקע דורכפירן דעם אוניווערסאַלן אידעאַל אין לעבן — ווי אַ מין באַוועגונגס־ליניע פון עוואָלוציעס, וועלכע גייען דורך אַ ריי פאַרשידנאַרטיקע עטאַפּן. די באַוועגונג קען זיין מיט איבעררייסן און אָן איבעררייסן, אָדער גאָר מיט איבערשפּרונגען.

ניט אַלע פון די מעגלעכע עטאַפּן זיינען עקוויוואַלענט אָדער גלייכווערטיק, פונעם שטאַנדפּונקט פון די קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אייניקע פון די דאָזיקע עטאַפּן פאַרמאָגן אַ קאַפּיטאַלע באַדייטונג אין אַזאַ זינען: זיי שאַפן צושטאַנדן, ביי וועלכע די מענטשהייט הייבט זיך אויף אויף נייע שטופעס פון מאַטעריעלן און מאָראַלן ווערט, און יענע עפענען די מעגלעכקייט פון נאָך העכערע שטייגערונגען; ביי אַזעלכע צושטאַנדן קענען זיך ראַדיקאַל ענדערן — אין שייכות צו דער אוממיטלבאַרער צוקונפט — די קאָנקרעטע אויפגאַבעס און די אויספירונג־נאָרמעס מיט דער ליניע פון עמאַנסיפּאַציע. די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווייסט, אַזוי אָרום, פון קריטישע מאָמענטן, מיט וועלכע עס הייבן זיך אָן פאַזעס אַ סך מער אָרגאַנישע, ווי די אַנדערע, און מיט וועלכע עס עפענען זיך עוואָלוציע־האָריזאָנטן, מער הומאַניטאַרע, מער סטאַבילע אין פּרט פון מעגלעכן פּראָגרעס, מער רייכע מיט גאַראַנטיעס קעגן דער סכנה פון צוריקקערן זיך אין די פריערדיקע דעגראַדאַציע־פאַזעס, איידער דאָס האָט געקענט זיין אין די ביז־אַהעריקע תקופות.

אָט אַזעלכע אומגעשטאַלטונגען ברענגען ענדערונגען אינעם באַוואוסטזיין, אין די געפילן און אָפּשאַצונגען, לגבי דעם פּרינציפּ פון דער עקוויוואַלענטישקייט, גלייכקייט, אַלגעמיינער ווערדע פון די מענטשלעכע וועזנס.

דער ערשטער וויכטיקער אין דעם פּרט עטאַפּ — איז דאָס פאַרניכטן

קאַניבאַליזם. דער העכסטער טעאָרעטישער אידעאַל זעט אַ ציל פאַר זיך אין יעדער לעבעדיק וועזן, וואָס פילט און ליידט, אָבער שטייענדיק פאַרן פּראָבלעם פון דער מעגלעכער פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ מין אידעאַל (ער טראַגט מיט זיך נייע אַנטינאָמיעס), פירט דער מענטש דורך אַ שאַרפע דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן זיך און די חיות, — און דאָס אַפילו ביים „סאָציאַליזם". די חיות ווערן באַטראַכט ניט ווי אַ ציל פאַר זיך, נאָר ווי אַ מיטל צו באַפרידיקן דעם מענטשנס באַדערפעניש. מען פאַרשקלאַפט זיי („די שטוב־חיות"), מען הרגעט זיי ניט צוליב זעלבסט־פאַרטיידיקונג, נאָר צוליב באַשפּייזונג, מען באַנוצט זיי פאַר עקספּערימענטן. דער מענטש ריכט זיך דערביי ניט מיט דער מאָראַל צווישן די לעבעדיקע וועזנס, נאָר מיט דער נאַרמע פון געוואַלט־הערשאַפט און מיט דער הערשאַפט פון אַפּעטיט. און ביז ווי לאַנג דער מענטש פרעסט דעם מענטשן, איז ער ענלעך צו דער חיה. דאָס איז אַ חיה־צושטאַנד אין דער גאַנצער פולקייט פון זיינע „רעכט". אין אַט דער פלאַכקייט איז די מלחמה פון מענטש מיט מענטש געגליכן צו דער מלחמה פונעם מענטש מיט דער חיה. אַ געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונג עקסיסטירט אינעם שבט, אָבער די מלחמה פון איין שבט מיטן צווייטן שטעלט פאַר עפּעס אַזוינס ווי אַ מין קעגנזיי־טיקער יאַגד. אַזאַ מין אַנטאַגאַניזם שטייט עקסטרעם קעגנזאַצלעך צום מענטשלעכן אידעאַל, צום מאָראַלישן אידעאַל, צום אוניווערסאַלן אידעאַל. דאָ איז צום שאַרפסטן אויסדרוק דערפירט געוואָרן דער קאַמף צווישן פאַר־שידענע מענטשן־גרופּעס.

דאָס פאַרשווינדן פון קאַניבאַליזם באַטייט, הייסט עס, די ערנסטע און ראַדיקאַלע שטייגערונג פון דער מענטשהייט אויף אַ העכערע, מער „מענטש־לעכע" מדרגה, וואָס וויסט ניט פונעם כאַראַקטער פון ווילדער און גרוי־זאַמער חיהשקייט. נאָך דער עראַ פון קאַניבאַליזם קומט אָן אַנדער פאַזע, אין וועלכער די מענטשישע אַנטאַגאַניזמען נעמען אָן אַן אַנדער אַספּעקט.

אויף וואָס פאַר אַן אופן איז פאַרשוואונדן דער קאַניבאַליזם? אונ־טערן איינפלוס פון דער עוואָלוציע פון רעליגיעזע גלויבונגען און צוליב דער מורא פאַר דער נקמה פון די מתים־גייסטער, אַזוי ווי דאָס דערווייזט פרעזער? אויס דער כוונה צו האָבן אַ נוצן פונעם אָפּהיטן דאָס לעבן פון די געפאַנגענע („סערוואוס", לויט דער אויסטייטשונג פון הייל. אויגוסטין), כדי זיי צו פאַרוואַנדלען אין שקלאַפעריי, אַזוי ווי דאָס באַהויפּטן אַנדערע (צווישן זיי די מאַרקסיסטישע שול)? ווי די פראַגע זאָל ניט פאַרענט־פערט ווערן, קלאָר איז: די פאַרניכטונג פונעם קאַניבאַליזם באַטייט דעם אויפשיין פון דער אַנערקענונג (זייער אַ נעפלדיקער און אומקלאָרער) פון דער מענטשישער סאָלידאַרישקייט, פון אַחדות צווישן מענטשן ווי מענטשן.

פונדעסטוועגן עקסיסטירן נאָך אינעם שקלאַפעריי־אינסטיטוט באַצי־
אונגען פון האַלב־חיהשקייט: דער שקלאַף — דאָס איז אַ מין „הויז־חיה".
פונקט ווי די שטוב־חיות, אַזוי קענען אויך די שקלאַפן — אָט די מענטשן־
באַשעפענישן — געניסן פון דעם, וואָס מען גיט אויף זיי אַכטונג, וואָס
מען שאַצט זייער ווערט און אַמאָל האָט מען זיי אַפילו ליב; אָדער פונקט
ווי די שטוב־חיות, באַטראַכט מען זיי ווי אייגנטום־זאַכן, מען באַנוצט
זיי ווי אַ לעבעדיק אייגנטום, און זייער פּרייז איז — דער פּרייז פון אייגנ־
טום. אָבער צוליבן אייגנטום־רעכט איז גילטיק דאָס „יוס אוטענדי עט
אַבוטענדי" — דאָס רעכט אויסצונוצן און צו „מיסברויכן" (לויט געוויסע
אויסטייטשונגען). דער שקלאַף — דאָס איז אַ לעבעדיק אייגנטום, וואָס
מען פאַרשקלאַפט אים און מען עקספּלואַטירט אים. עס שאַפט זיך אַן
אַנטינאָמיע צווישן דעם פּרינציפּ פון מענטשישער סאָלידאַרישקייט, וועל־
כע ווערט נעפּלדיק אָנערקענט, און דעם צושטאַנד פון אַ שקלאַף, וואָס
ווערט באַטראַכט ווי אַ מין שטוב־חיה אין אַ מענטשלעכן געשטאַלט. פון
דאַנען שטאַמט דער גרויזאַמער אַנטאַגאָניזם, וועלכער הערט אויף ערשט
מיט דער פאַרשווינדונג פון שקלאַפעריי. געוואַלט שטייט אויף קעגן גע־
וואַלט. ווען מען דאַרף, דערלאָזט מען דאָ די אַמווייניקסטן פרידלעכע,
אַמשטאַרקסטע געוואַלט־מיטלען פון קאַמף. און די מאָראַל פונעם העכסטן
אידעאַל סאַנקציאָנירט און האַלט פאַר געזעצלעך אָט די קאַמפּס־מיטלען
פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פון די שקלאַפן, אויב זיי זיינען אומפאַרמיידלעך.

בכלל דאַרף מען אונטערשיידן צווישן דער מאָראַלישער געזעצלעכ־
קייט פון באַשטימטע קאַמפּס־מיטלען און זייער צוועקמעסיקייט. פרידל־
לעכער קאַמף האָט שטענדיק די בכורה אין פאַרגלייך מיט די געוואַלט־
פאָרמען פון קאַמף, אויב נאָר דער ערשטער פירט צום ציל אויף אַ באַ־
פרידיקנדיקן אופן. יעדער אָרגאַנישער עטאַפּ האָט זיך זיינע אַנטשפּרעכנ־
דיקע פאַרשידענע נאָרמעס פון פּאָליטישער אויפפירונג. אַנווענדן דאַרף
מען נאָר נאָרמעס, וואָס זיינען אין פולן איינקלאַנג און אָן סתירות צו דער
ליניע פונעם אַלגעמיינעם געזעץ, אין ליכט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.
דאָס מאָראַלישע רעכט אויף אָנצואווענדן געוואַלט־מעטאָדן פון קאַמף
הענגט אָפּ פון די באַדינגונגען, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם געגעבענעם
אָרגאַנישן עטאַפּ; די געוואַלט־מיטלען זיינען אַלע מאָל ניט־געוואונטשן,
אויב מען קען זיי אויסמיידן, אָבער זיי זיינען מאָראַליש דערלאָזלעך, און
אין געוויסע פאַלן זיינען זיי אַפילו אַ חוב, וויבאַלד די עמאַנסיפּאַציע קען
ניט דערגרייכט ווערן אָן אַזעלכע מעטאָדן.

דער קאַניבאַליזם — דאָס איז נאַטירלעך די עפּאָכע פון גרויזאַמען
חיהשן קאַמף. אינעם שקלאַפעריי־אינסטיטוט ווערט דאָס עלעמענטאַרע
רעכט פון פּערזענלעכער פרייהייט, דאָס רעכט צו זיין בעל־הבית איבער

זיך אַליין — צוגערויבט ביים יחיד מיט דער הילף פון כוח און געוואַלט. דעם מענטשנס גרונט־רעכט איז דאָ געבראָכן. און דער אויפשטאַנד שיינט צו זיין דאָס היילקע רעכט פון די אונטערדריקטע אין שקלאַפעריי. דאָס באַציט זיך ניט נאָר צו פולשטענדיקע שקלאַפן, נאָר אויך צו האַלב־שקלאַפן אָדער צו די לייב־אייגענע. עס איז באַקאַנט, אַז ניט געקוקט אויף ספּאָראַדישע שקלאַפן־אויפשטאַנדן אין אַלטערטום און אַנדערע עפּאָ־כעס, איז דאָך די עמאַנסיפּאַציע פון די שקלאַפן ניט דערגרייכט געוואָרן ווי אַ פועל־יוצא פון זיגרייכן קאַמף. אָט דאָס איז דער אונטערשיד צווישן דעם פאַקט פון צוועקמאַסיקייט און דעם מאָראַלן רעכט. פון דער צווייטער זייט איז באַקאַנט, אַז אין קאַמף פאַר זייער עמאַנסיפּאַציע האָבן די שקלאַפן — בכלל גענומען — ניט אָנערקענט דעם מאָראַלן ווערט פון זייער אי־דעאַל, ווי אָן אַלגעמיינעם באַפרייערישן געזעץ, וואָס לאָזט זיך פאַרשפרייטן אויף אַלע אַנאַלאָגישע פאַלן. די באַפרייטע שקלאַפן האָבן געטרוימט וועגן דעם, אַליין צו האָבן אייגענע שקלאַפן. אין אייניקע פאַלן פון עפּע־מערע נצחונות האָבן די שקלאַפן אַפילו זייערע געוועזענע הערשער פאַר־וואַנדלט אין שקלאַפעריי, נאָכדעם ווי זיי האָבן צעטיילט צווישן זיך זייער פאַרמעגן, זייערע פרויען און קינדער. ווי מיר האָבן דאָס אויבן געזען, האָבן די שקלאַפן אין דער רוימישער מלוכה געמעגט האָבן און זיי האָבן געהאַט אייגענע שקלאַפן. ביי אַזאַ מין פּערספּעקטיוו, האָבן זיך אין דער געזעלשאַפט געמוזט שאַפן נייע אַנטאַגאַניזמען, אָן אָרגאַנישער גלייכגע־וויכט און אָן אָרגאַנישער שטאַנדהאַפטיקייט.

אַ באַזונדערער אונטערשיד צווישן דעם קאַניבאַליזם־צושטאַנד און שקלאַפעריי באַשטייט אין דעם, וואָס אינעם ערשטן איז ניטאָ קיין קלאַסן־דיפערענציאַציע פון פרעסער און אויפגעפרעסענע, וואָרום דאָס האָט דער צופאַל אָנגעצייכנט די עפּעמערע ראָלע פון די און פון די אַנדערע, אין פועל־יוצא פון דער מלחמה אָדער פון קעגנזייטיקער „יאַגד". מערקוויר־דיק, וואָס אין דעם פרט איז דער קאַניבאַליזם פון די ווילדע געווען מער „עגאַליטאַר", איידער דער סדר, וואָס איז געווען באַגרינדעט אויף שקלאַ־פעריי.

נאָך דער פּערסאָנאַלער שקלאַפעריי, פון עקאָנאָמישער און אַלגעמיינער נאַטור, רוקט זיך אַרויס — לאָגיש, אָבער ניט כראָנאָלאָגיש — די פּאָלי־טישע שקלאַפעריי, דאָס פאַרקנעכטן די געמיינשאַפט מיט דער מאַכט פון מאָנאַרכישן דעספּאָטיזם, אָליגאַרכיע, טעאָקראַטיע, קאַסטע, דיקטאַטור: ניט קלאַסן־פאַרשקלאַפונג, אַ קאַטעגאָריע אָן עקאָנאָמישע, — נאָר אַ קאַ־טעגאָריע אַ פּאָליטישע, וועלכע הערשט אַדאַנק כוח און געוואַלט, און ניט אַדאַנק דער אויבערמאַכט, וואָס איז דערוואָרבן אויסשליסלעך צוליב ריין־עקאָנאָמישע השפעות (הגם פּאָליטישע הערשאַפט אַסאַציאירט זיך אַמאָל

מיט קלאַסן־עקאָנאָמישער הערשאַפֿט). אַ נייע אָרגאַנישע פֿאַזע קומט אָן אין דער געזעלשאַפֿטס עוואָלוציע מיטן אונטערגאַנג פֿון דער פּאָליטישער פֿאַרשקלאַפֿונג און מיטן איבערגאַנג צו אַ דעמאָקראַטישן רעזשים.

פּאָליטישע אונטערדריקונג באַזירט זיך, בדרך כּלל, אויף הערשאַפֿט מיט דער הילף פֿון כּוח און געוואַלט, און ניט אויף דער פֿרייער צוזאַמענרעדונג פֿון די מיטגלידער פֿונעם קאָלעקטיוו. זי געפֿינט זיך אויסער יעדן אַלגעמיינעם כּלל פֿון אַ סאָציאַלער מאָראַל, וואָס אַלע האָבן אים אָנגענומען און צו אַלעמען ווערט ער אָנגעווענדט. ריכטיק איז אָבער, אַז ווען אַ געזעלשאַפֿט שמאַכטעט לאַנג אין אַ שול פֿון פּאָליטישער שקלאַפֿעריי, קען ביי די בירגער אויסגעוואָרצלט ווערן יעדער געפֿיל פֿון פֿרייהייט און באַוואוסטזיין פֿון מענטשלעכער ווערדע אויף דער פּאָליטישער פֿלאַך, עס קען אויפֿגעהאָדעוועט ווערן אַ קנעכטישע פּסיכאָלאָגיע און עס קען אַפֿילו אַנטשטיין אַן אינסטינקט פֿון גייסטיקער שקלאַפֿעריי, וואָס וועט נאָך אפֿשר פֿאַרשטאַרקט ווערן דורך ירושה־איבערגעבונג פֿון דור צו דור. און אָט דערפֿאַר קענען דעספּאָטישע רעזשימען זיך האַלטן און לעבן לאַנג: עס איז אַ מין „דעספּאָטיזם לויטן שווייגנדיקן ווילן פֿונעם פֿאָלק". עס איז גענוג אָבער, אַז עס זאָל זיך באַווייזן אַן עליטע־מינדערהייט, און זי זאָל מיט איר פּראָפּאַגאַנדע אַרויסרופֿן אַ ריכטונג און אַ באַוועגונג צווישן די פֿאַרשקלאַפֿטע מאַסן אויף צו געווינען די פֿרייהייט. כּל־זמן דער פּאָליטישער דעספּאָטיזם פֿאַרבלייבט אומבאַרירלעך אין זיין פּראַקטיק, האַלט מען אַזאַ מין פּראָפּאַגאַנדע און אַזאַ קאַמף פֿאַר פֿאַרפֿירעריש, קעגנגעזעצלעך און רעוואָלוציאָנער. אין אַזעלכע באַדינגונגען ציט נאָך זיך אומפֿאַרמיידלעך די עקסיסטענץ פֿונעם אומדעמאָקראַטישן רעזשים — אַ צושטאַנד פֿון קאַמף מיט געוואַלט, לכל־הפּחות פֿון אַ געוויסן מאָמענט אין קאָלעקטיוון עוואָלוציע. ווי עס זאָלן ניט אויסזען די צווישן־רעזשימען צווישן אידעאַלער דעמאָקראַטיע און רשעותדיקן דעספּאָטיזם, — לאָזט זיך אָבער אַבסאָלוט ניט פֿאַראייניקן די מעגלעכקייט פֿון קאָלעקטיווס פֿרידלעך לעבן — מיט פּאָליטישער פֿאַרשקלאַפֿונג אין איר אומברחמנותדיקער פֿאָרם. געוואַלט־קאַמף ווערט דעמאָלט סאַנקציאָנירט דורך דער פּאָליטישער מאָראַל.

כּל־זמן דער דעמאָקראַטישער רעזשים איז ניט רעאַליזירט (אין רעכט און אין רעאַלער ווירקלעכקייט) לויט דער טאָפּלטער פֿאָרמולע פֿון די אָנערקענטע רעכט פֿון מענטש און בירגער און פֿון פֿאָלק־סואווערעניטעט, — קען די געזעלשאַפֿט ניט לעבן נאָרמאַל און ניט אַנטוויקלען זיך נאָרמאַל. אין דער געזעלשאַפֿט עקסיסטירט אַ גלייכגעוויכט, און עס זיינען אין איר אומפֿאַרמיידלעך דערשיטערונגען ביים זוכן אָט דעם פּאָליטישן גלייכגעוויכט.

ווי אין אַלע סאָציאַלע אַנטאַגאַניזמען, זיינען די פרידלעכע קאַמפּס־מיטלען אַלע מאָל בילכער, אויב זיי זיינען עפעקטיוו אין פּרט פון דעם עמאַנסיפּאַציע־רעזולטאַט. פרידן איז אַליין אַ גרויסע קאָסטבאַרקייט, און איינער פון די באַטייטיקסטע פּרינציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל איז — דאָס איינשטעלן אַ פּערמאַנענטן שלום אויף דער ערד. געוואַלט־מע־טאָדן פון קאַמף איז צו דערלאָזן נאָר אין אייניקע אָרגאַנישע צושטאַנדן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, און אויך אין זיי נאָר דאָרט, וואו דער פרידלע־כער קאַמף האָט פאַרלוירן זיין עפעקטיווקייט. אומעטום און שטענדיק באַדאַרף מען שטרעבן צו שאַפן אַזאַ אָרגאַנישן מצב, ביי וועלכן געוואַלט איז ניט דערלאָזלעך און ניט מעגלעך, און ביי וועלכן עס קאָן זיך רעאַ־ליזירן אַ פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון סאָציאַלן לעבן אין באַדינגונגען פון פרידלעכער אַרבעט און, אַז נייטיק, פון פרידלעכן קאַמף. נאָר דעמאָלט איז דערגרייכט אַן אָרגאַנישער עטאַפּ, ווען דער חיהשער געוואַלט־קאַמף איז ענדגילטיק עלימינירט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון די געזעל־שאַפטלעכע באַציאונגען. דאָס איז די עפּאָכע פון אָרגאַנישן גלייכגעוויכט, מעג זי אַפילו זיין פאַרהעלטענישמאָסיק ניט־פולקאָמען. כדי אַזאַ אָרגאַני־שער פאַזיס זאָל אַנטשטיין אינעם לעבן פון די פעלקער און פון דער מענטש־הייט, איז נייטיק, ערשטנס, עס זאָל אויסגעקעמפט ווערן אַ דעמאָקראַטישער רעזשים פאַר אַלע נאַציעס, און צווייטנס, די פעלקער זאָלן פאַראייניקט ווערן אין אַן אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל, ראשית־כל, אינ־גאַנצן פאַרמיידן מלחמות און באַוואָפנטע קאָנפליקטן צווישן באַזונדערע נאַציעס.

אינעם קאַמף פאַר דער דערגרייכונג פון דעמאָקראַטיע און פּאָליטישע פרייהייטן, פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פונעם קאָלעקטיוו אונטער דער פּאָלי־טישער פאַרשקלאַפונג, קען די מינדערהייט־עליטע האַנדלען און קעמפן אַליין, ווי די פאַרטרעטערין פון גאַנצן פאָלק, וואָרום אין דעם פאַל קעמפט די עמאַנסיפּירנדיקע מינדערהייט קעגן דער פאַרשקלאַפּערישער און מאַכט־אוזורפּירנדיקער מינדערהייט; והשנית, שלאָגט זיך די עליטע ניט פאַר אירעטוועגן, נאָר פאַר אַ פּאָליטישן אידעאַל, עס זאָל דעם קאָלעקטיוו דער־לויבט זיין אויסצודריקן זיין ווילן צו זעלבסט־באַשטימונג, עס זאָל די בירגער דערלויבט זיין צו דערגרייכן זייערע גרונט־רעכט.

עס איז ניט קיין חילוק, צי מען זאָל האַלטן די אויסבילדונג פון אַ פעלקער־פעדעראַציע — מיט דער כוונה צו פאַרשטאַרקן די וועלט־סאָלי־דאַרישקייט, איינצוהאַלטן דעם שלום און אויסמיידן מלחמות און באַוואָפנטע קאָנפליקטן — פאַר אַ באַזונדערן אָרגאַנישן עטאַפּ, אָפּגעטיילט פונעם אַל־געמיינעם נצחון־עטאַפּ פון דער דעמאָקראַטיע, — אָדער מען זאָל אַזאַ אַלוועלטלעכע פעדעראַציע פאַררעכענען ווי אַ וויטערדיקע פאַרזעצונג

פונעם אָרגאַנישן עטאַפּ פון דעמאָקראַטיע. די געשיכטע דערציילט, אַז מלחמות האָבן זיך געפירט צווישן פרייע דעמאָקראַטישע לענדער (אויף אַ געוויסער סטאַדיע פון רייפקייט), פונקט ווי זיי האָבן זיך געפירט צווישן לענדער, פּאָליטיש פאַרשקלאַפטע. אין דער וועלט־געשיכטע חזרן זיך ניט איבער די געשעענישן (אַפילו ענלעכע) אויף אַן אידענטישן אופן. פון דער אַנדערער זייט, אויב דער היסטאָרישער פּראָצעס האָט געשאַפן מחיצות און סעפּאַראַטע ליניעס צווישן נאַציעס, דערלאָזן אָבער ניט די פּרינציפּן פון פּאָליטישער מאָראַל קיין געוואַלט־קאַמפן צווישן די דעמאָקראַטישע נאַציעס, — פונקט ווי זיי דערלאָזן ניט, אויף ענלעכע יסודות, קיין קאַמף אינעווייניק אין יעדער דעמאָקראַטיע. דער זייער חשובער ווערט פון דער דעמאָקראַטיע, פון אָט דער נייער תקופה אין דער מענטש־הייטס געשיכטע, באַשטייט אין דעם, עס זאָל געשאַפן ווערן אַן אָרגאַנישער גלייכגעוויכט, וואָס זאָל דערלויבן צו לייזן די סאָציאַלע קאָנפליקטן פרידלעך, אויפן יסוד פון רעכט, אַן געוואַלט און אָן בלוטיקן קאַמף.

עס קען געשען, אַז די דעמאָקראַטיעס זאָלן ברעכן זייערע אייגענע פּרינציפּן: זיי זאָלן ברעכן די רעכט פון מענטש און בירגער, אונטער־דריקן די מיעוטים, פּראַקטיקירן נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע רדיפות, פּאָליטיק פון ווילקיר און דעמאַגאָגיע לטובת סאָציאַלע אינטערעסן, שאַפן פּריווילעגיעס פאַר איניקע גרופּעס און פּאַרטייען צום שאָדן פון די רעכט פון אַנדערע, וכדומה, ענדלעך פירן אַ פּאָליטיק פון אַגרעסיווע מלחמות קעגן אַנדערע נאַציעס. אין אַזעלכע פאַלן הערט אויף די דעמאָקראַטיע צו זיין דאָס, וואָס זי וואָלט אין פּרינציפּ באַדאַרפט זיין. די דעמאָקראַטיע פאַרראַט זיך אַליין, זי פאַרראַט די גרונט־פּרינציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. די יחידים און גרופּעס, וואָס ליידן פונעם ברעכן זייערע רעכט, אָדער די דעמאָקראַטיעס, וואָס זיינען געטריי זייער אידעאָלאָגיע, קענען דעמאָלט, אין פולן הסכם מיט זייער אייגענעם פּרינציפּ, אויסנוצן אַלע נייטיקע מיטלען — פרידלעכע, וועלכע זיינען אַלע מאָל גלייכער, אָבער, אויב נייטיק, אויך געוואַלט־מיטלען — כדי צו פאַרטיידיקן די רעכט און דעם סאַמע מהות פונעם דעמאָקראַטישן אידעאַל. דער וועלט־געוויסן טראָגט דעמאָלט אַרויס זיין פּסק־דין קעגן די אָרטיקע כוחות, וואָס ווירקן פונקט דער היפּוך פון דעם.

## 2

דעמאָקראַטיע איז ניט דער אויסשליסלעכער רעזשים פון איין באַ־שטימטער סאָציאַלער עקאָנאָמיע. דער אינדיווידואַליסטישער רעזשים, דער קלאַסן־קאַפּיטאַליסטישער רעזשים, דער קאָלעקטיוויסטישער, די קאָ־

מוניסטישע רעזשימען, — אַלע פֿאַרשידנאַרטיק לויט די סטרוקטורן און מדרגות פֿון עגאַליטאַריזם, — אָט די אַלע רעזשימען, פֿאַרשידן לויט דער עקאָנאָמישער נאַטור, קענען אויף דער פּאָליטישער פּלאַך זיך בויען אויף יסודות פֿון דעמאָקראַטישער מלוכהשאַפֿט. קיין איינער פֿון אַזעלכע רע־זשימען קען ניט איינגעפֿירט ווערן, און קען אויך ניט אָפּגעשאַפֿט ווערן מיט געוואַלט, למשל דורך אַוועלכער מינדערהייט, קעגן דעם ווילן פֿונעם דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו און אין דער פֿאַרלעצונג פֿון דער דעמאָקראַטיעס גרונט־פּרינציפּן.

די פֿאַרשידענע עקאָנאָמישע רעזשימען בילדן אויס, אין פּערספּעקטיוו פֿון בהדרגהדיקייט, פֿאַרשידענע שטאַפּלען אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם העכסטן אידעאַל. עס עקסיסטירן, הייסט עס, פֿאַרשידענע אָרגאַנישע עטאַפּן אינעם פּלאַן פֿון דער עקאָנאָמישער עוואָ־לוציע. און די דאָזיקע עטאַפּן קענען יאָ צונויפֿפֿאַלן אָדער קענען ניט צונויפֿפֿאַלן מיט די פֿאַרשידענע פֿאַזעס פֿון פּאָליטישער עוואָלוציע.

ביז ווי לאַנג דער אינדיווידואַליזם מיט זיינע אייגנטום־פֿאַרהעלטענישן פֿאַרבלייבט אַ כּלל אין דער סאָציאַלער און ווירטשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַ־ציע פֿון קאָלעקטיוו; כּל־זמן דער יחיד איז אין זיין עקאָנאָמיע אויסגע־שטעלט אויף זיך אַליין, אויף זיינע אייגענע כּוחות, אָן שום גאַראַנטיע פֿון ווירטשאַפֿטלעכער עקסיסטענץ, אָן אַ פֿאַרזיכערונג פֿון אַרבעט און פֿון די לעבנס־באַדערפֿענישן, אַפֿילו די סאַמע נייטיקסטע, — מוז ער זיך פֿילן אַזוי ווי אין אַ צושטאַנד פֿון באַהאַלטענעם אויפֿשטאַנד קעגן דער געזעל־שאַפֿט, וואָס איר עקאָנאָמישער רעזשים דערלויבט אים ניט, גיט אים ניט קיינע גאַראַנטיעס פֿון לעבן און עקסיסטענץ, אים, דעם לעבעדיקן און באַ־וואוסטזיניקן אינדיווידי. צווישן דעם רעכט אויף לעבן און דעם רעכט אויף טויט —נעמט דאָס ערשטע די אויבערהאַנט. אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע פֿאַר־זיכערט ניט פּראַקטיש אירע מיטגלידער די מעגלעכקייט צו האָרעווען, אויסצונוצן זייערע כּוחות און אַרויסבאַקומען דורך זייער פּראַצע לפּחות דעם לעבנס־מינימום, וועלכער איז נייטיק פֿאַר אַן אָנשטענדיקער עקסיס־טענץ, — אַזאַ געזעלשאַפֿט שאַפֿט אַ גרויזאַמען אַנטאַגאַניזם צווישן זיך און דעם בירגער. און אַזאַ מין אַנטאַגאַניזם איז צו טרעפֿן אין דער רייך־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט, ווען עס פֿעלט די סאָלידאַרישקייט אין דער מינימאַלער ווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרזיכערונג פֿונעם בירגער.

די נייטיקייט צו לעבן — דאָס איז אַ מין „פֿאָרס מאַזשער", וועלכע איז אין אַ געוויסער מאָס בכּוח אַרויסצורופֿן אַ ריס אינעם „געזעלשאַפֿט־לעכן אָפּמאַך" צווישן דעם בירגער און דעם קאָלעקטיוו. די ציווילע־לעגאַליטעט קען פֿאַר אים ווערן אַ טויטער בוכשטאַב, מאָראַליש געפֿינט ער זיך אַזוי ווי אין אַ מלחמה־צושטאַנד קעגן דער געזעלשאַפֿט. כּל־זמן

אַזאַ צושטאַנד ציט זיך, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אָרגאַנישן גלייכגעוויכט אין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם ווערט פּראַקטיש אויפגעלייזט אין לײדן אָדער אין די פאַרלעצונגען פונעם גילטיקן רעכט. פאַרלעצונגען, וואָס ווערן באַשטראָפט דורכן געזעץ און וואָס ווערן פאַראורטיילט דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

אַזאַ מין מצב איז באַזונדערס אַנאָרמאַל אינעם דעמאָקראַטישן רעזשים, וועלכער איז דאָך באַרופן צו מאַכן אַ סוף צו אַלע געוואַלט־אַקטן, וואָס צעשטערן דעם פרידן אינעם אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו. דאָ קומט אויס — אין איינקלאַנג צו ברענגען עקאָנאָמיע מיט פּאָליטיק.

דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם הערט אויף ערשט דעמאָלט, ווען דער קאָלעקטיוו גיט זיינע מיטגלידער, לפּחות אין די שווערע לעבנס־מאָמענטן, אַ מינימום פון עקאָנאָמישער פאַרזיכערטקייט, — אָדער גאַראַנטירנדיק אַרבעט, אָדער גאַראַנטירנדיק אויף יעדן פאַל אַן עקסיסטענץ־מינימום. אַזאַ מין פאַראַנשטאַלטונג פון עקאָנאָמישער פאַרזיכערטקייט איז ניט דווקא פאַרבונדן מיט אַ נאַציאָנאַליזירטער צי קאָלעקטיוויזירטער פּלאַניפיקאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט. מען קען זי רעאַליזירן אויך אין דער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט, אָדער פאַרזיכערנדיק די בירגער אין נייטיקע פאַלן זייער לוין־אַרבעט אין די נאַציאָנאַליזירטע צי פּריוואַטע אינדוסטריעס (אין ד ע ם פאַל אויפן סמך פון ספּעציעלע אָפּמאַכן צווישן די לעצטע און דער מלוכה), אָדער צאָלנדיק די אַרבעטסלאָזע פון ספּעציעלע פאָנדן אויף זייער נייטיקע אויסהאַלטונג. זיכער איז אָבער, אַז נאָר אין אַ סיסטעם פון פּלאַניפיצירטער און אין אַ גענוגנדיקער מאָס נאַציאָנאַליזירטער עקאָנאָמיע — קען אין דער פולער מאָס גאַראַנטירט ווערן די עקאָנאָמישע באַזאָרגטקייט פון די בירגער.

דאָס איינפירן עקאָנאָמישע פאַרזיכערונג עפנט אַ נייעם אָרגאַנישן עטאַפּ אין לעבן פון דער געזעלשאַפט. עס פאַרשווינדט דעמאָלט יעטוועדער געזעצלעכער מאָטיוו אויף אָנצואווענדן געוואַלט ניט נאָר מצד סאָציאַלע גרופּעס, נאָר אויך מצד יחידים, וואָס זיינען „באַעוולהט” דורך דער געזעלשאַפט. נאָכן קאַמף פאַרן באַפרייאונגס־אידעאַל עפנט זיך אַ ניי קאַפּיטל פון פּאָזיטיווער בויאונג, פון פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם קאָנסטרוקטיוון אידעאַל.

יעדער אָרגאַנישער עטאַפּ האָט זיך זיין אַנטשפּרעכנדיקע מאָראַל פון אויפפירונג און קאַמף. מיטן איינשטעלן אַן עקאָנאָמישע פאַרזיכערונג אינעם דעמאָקראַטישן רעזשים שאַפט זיך אויף אַן ענדגילטיקן אופן אַזאַ סיטואַציע: איצט קען די געזעלשאַפט עוואָלוציאָנירן, דורכמאַכנדיק אַלץ העכערע עטאַפּן, שפּאַנענדיק צום אוניווערסאַלן אידעאַל אויף אַ פריד־

לעכן און הומאַניטאַרן וועג אָן געוואַלט־אויפטרייסלונגען און אָן בלוטיקע קאַמפּס־פאָרמען, וואָס זיינען מסוגל אויפצואוועקן אין מענטשן די באַ־האַלטענע חיהשקייט און צוריקשטויסן די געזעלשאַפט צו נידעריקערע מדרגות, שוין לאַנג איבערגעלעבטע.

אַנדערע, אַלץ העכערע אָרגאַנישע עטאַפּן עפענען זיך אין די פאַר־שידענע פאַזעס פוןווירטשאַפטלעכער פּלאַניפיקאַציע: אַדאַנק דער אָרגאַ־ניזאַציע פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער קאָלעקטיוו־עקאָנאָמיע, איז ניט נאָר עס הייבט זיך דעמאָלט דער לעבנס־ניוואָ פון די געזעלשאַפטס־מיטגלידער, נאָר, וואָס עס איז וויכטיקער פונעם שטאַנדפונקט וואָס אינטע־רעסירט אונז דאָ, עס ווערן אַלץ מער אָפּגעווישט די עקאָנאָמישע און סאָ־ציאַלע היעראַרכיעס, עס ווערן אויסגעגלעטעט די מאַטעריעלע אומגלייכ־קייטן צווישן די בירגער, און די אונטערשידן צווישן די בירגער־קאַטע־גאָריעס פאַרלירן דעם אַספּעקט, ביי וועלכן עס קענען אַנטשטיין גרויזאַמע אַנטאַגאָניזמען, וואָס זאָלן דערליידיקט ווערן מיט געוואַלט. די פּראָבלעם פון עגאַליטאַריזם, דאַרף מען רעכענען, וועט ווערן אָן ענין פון זוכענישן און עקספּערימענטן, כדי אויסצוגלייכן די מער שלימותדיקע פּרינציפּן, וועלכע די פּרט־אידעאַלן, וואָס גייען אַריין אינעם תוכן פונעם אוניווער־סאַלן אידעאַל, ווייזן אָן.

אַזוי לאַנג ווי עס וועלן עקסיסטירן היעראַרכיעס און אומגלייכקייטן צווישן די פאַרשידענע גרופּעס, וואָס גייען אַריין אין דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט וועלכע איז געבויט אויף יסודות פון אַ סאָציאַליזירטער און פּלאַניפיצירטער עקאָנאָמיע און וועלכע וועט אירע בירגער שאַפן ניט נאָר עקאָנאָמישע באַזאָרגטקייט, נאָר אויך דעם גאַנצן וואוילשטאַנד, וואָס לאָזט זיך פאַראייניקן מיט דער געזעלשאַפטס מאַטעריעלער און מאָראַלער טעכ־ניק, צוגלייך מיט אַ פאַרזיכערונג פון אָן אמת־מענטשנווירדיקער עקסיס־טענץ, — אַזוי לאַנג וועלן נאָך מעגלעך זיין אייניקע פאָרמען פון קאַמף און ריוואַליטעט, אָבער אַ קאַמף אַ פולשטענדיק פרידלעכער און אָן שום רשעות־כאַראַקטער. דאָס וועלן נאָך זיין — אין אַזאַ אָדער אַנדערער מאָס — אַנטאַגאָניזמען, אַרויסגערופענע דורך אינטערעסן און מאָטיוון פון מער־ווייניקער מאַטעריעלן כאַראַקטער. געוויסע אַנטאַגאָניזמען, סכסוכים, קעגנ־געזעצלעכקייטן — פון מאַטעריעלער צי מאָראַלישער נאַטור — וועלן קיינמאָל ניט פאַרשווינדן פון דער מענטשישער געזעלשאַפט. אויף אַ גע־וויסער סטאַדיע פון סאָציאַלער עוואָלוציע וועלן זיי זיך איינשטעלן אינ־גאַנצן פרידלעך, פירנדיק צו יורידישע און מאָראַלישע לייזונגען אין די קאַדרען פון דער דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. אויף די הע־כערע עטאַפּן פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע עפנט זיך אַ פּערספּעקטיוו, עס זאָלן פאַרשווינדן די אַנטאַגאָניזמען פון מאַטעריעלער נאַטור און עס זאָל

בלייבן פלאַץ נאָר פאַר צוויסטיקייטן אידעאָלאָגישע און פאַר דער ריוואַ־ליטעט צוליב אויסצייכענונגען. דאָס לעבן וועט נאָר פאַרשענערט ווערן צוליב אַזעלכע צוויסטיקייטן און „קנאת סופרים", ווייל, ווייט פון דעם צו פאַרסמען די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און צו פונאַנדערפלאַקערן געפילן פון האַס און שנאה, וועלן זיי צוגעבן דעם לעבן אַ טיף עסטעטישן, אידעאַ־ליסטישן און ספּאָרטיוון, אין בעסערן זינען פון וואָרט, אינטערעס.

אַזעלכע פּערספּעקטיוון וועלן ניט זיין קיין אוטאָפּיע, וויבאַלד די געשיכטע וועט פון זיך אַראָפּטרייסלען יעטוועדע זאָאָלאָגיע און וועט אָנ־נעמען דעם כאַראַקטער פון אַ שעפעריש־באַוואוסטזיניקן פּראָצעס, וואָס וועט שטויסן די מענטשהייט פאָראויס מיט אַ ליניע, וואָס איז באַלויכטן פון העכסטן אידעאַל.

# קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

## דער אוניווערסאַלער אידעאַל און די פּריוואַטע אידעאַלן

### 1

אַחוץ די פּרט־אידעאַלן, וואָס פון זייער סכום שטעלט זיך צוזאַמען דער אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, שפּילן נאָך אין געזעלשאַפט־לעבן לעבן אַ ראָל די פּריוואַטע אידעאַלן, וועלכע פאַרנעמען אַ באַטייטיק אָרט אינעם אינווענטאַר פון די מענטשלעכע ווערטן. דער פּריוואַטער אידעאַל אונטערשיידט זיך פונעם פּרט־אידעאַל מיט דעם, וואָס ער האָט אַ שייכות ניט צום אוניווערסאַלן ווערט, וואָס איז אָדער דאַרף אָנערקענט ווערן פון אַלעמען, נאָר צו דעם ווערט, וואָס ווערט ווי אַזעלכער אָנערקענט דורך אַ ספּעציעלער קאַטעגאָריע בירגער, וועלכע שאַצן אים, אַרויסגייענדיק פון מאָטיוון מער־ווייניקער סוביעקטיווע און, פאַרהעלטנישמאָסיק, אינדיווידועלע. בשעת אין יסוד פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל און פון זיינע באַשטאַנדיקע פּרט־אידעאַלן ליגט די אָנערקענונג פון אַלגעמיינע ווערטן, — שעפּן די פּריוואַטע אידעאַלן זייער אינהאַלט פון ווערטן, וועלכע טרעטן אויף ווי אַזעלכע נאָר פאַר ספּעציעלע גרופּעס און קאָלעקטיווקייטן, און ניט פאַר דער אינטעגראַלער מענטשהייט; אין דער זעלבער צייט מוזן די דאָזיקע ווערטן ניט זיין אומפאַראייינבאַר מיט די פאָדערונגען פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. פאַר די פּריוואַטע ווערטן עקסיסטירט ניט קיין אָבליגאַטאָרישקייט, די פאַרבינדונג ווערט דאָ געשאַפן דורך אַ פּרייווילִיקן הסכם. אָט אַזעלכע זיינען די רעליגיעזע אידעאַלן, דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלער קולטור, דער משפחה־אידעאַל א״אַ. די רעאַליזאַציע פון די פּריוואַטע ווערטן, לויט אַ באַשטימטער פאָרמולע, קען זיין אָפּהענגיק פונעם כאַראַקטער פונעם אָרגאַנישן עטאַפּ אין דער עוואָלוציע פון דער געזעלשאַפט.

דאָס דינען יעדן פּריוואַטן אידעאַל איז פאַרבונדן מיט רעכט און מיט פליכטן. דאָס רעכט פון יעדער פּריוואַטן אידעאַל באַשטייט אין געבן פולע פרייהייט פון אַקציע, פון דינען, פאַרשפּרייטן, פּראָפּאַגאַנדירן, פון אָרגאַניזירן און פאַראייניקן אַלע יחידים, גרופּעס און געמיינשאַפטן, וואָס באַקענען זיך צו דעם געגעבענעם פּריוואַטן אידעאַל; אַזאַ מין רעכט פליסט אַרויס פונעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישער פרייהייט, איינער

פון די וויכטיקע ווערטן פונעם העכסטן אידעאַל. אַוודאי, דער הויפּט־תּנאַי פאַרן רעכט אויף דער עקסיסטענץ פונעם פּריוואַטן אידעאַל באַשטייט אין דעם, אַז ער זאָל ניט אַנטהאַלטן אין זיך עפּעס עלעמענטן, וואָס לאָזן זיך ניט פאַראייניקן מיט די גרונט־פאָדערונגען פונעם אוניווערסאַלן אי־דעאַל, ובפרט אַזעלכע, וואָס זיינען אין סתירה צו די פּרינציפּן פון דעמאָ־קראַטישער פרייהייט. די פליכטן פון יעדער פּריוואַטן אידעאַל באַשטייען אין דעם, ער זאָל ניט פּרעטענדירן אויף דער ראָלע פונעם אַלגעמיינעם אידעאַל, וועלכער רעאַליזירט אַלגעמיינע ווערטן, און בעיקר, ער זאָל ניט אַרויסקומען מיט דער פאָדערונג, אַז ער מוז זיין אַ חוב פאַר אַלעמען, אַפילו פאַר די, וואָס באַקענען זיך ניט צו אים. דער פּריוואַטער אידעאַל קען ניט פּרעטענדירן אויף קיין שום צוואַנג, ניט פּאָליטישן, ניט מאָראַלישן. ער לעבט נאָר מיטן פרייוויליקן הסכם.

פאַראַן פאַרשידענע רעליגיעזע גלויבונגען. פאַראַן פאַרשידענע פי־לאָזאָפישע שולן. פאַראַן פאַרשידענע פאַראייניקונגען אַרום ראַציאָנאַ־ליסטישע צי, פאַרקערט, מיסטישע דאָקטרינעס. דאָס זיינען פּריוואַטע ווערטן, וועלכע זיינען פריי אַנטעמבאַר פאַר די אָדער אַנדער קירכן, גע־זעלשאַפטן, שולן, גרופּעס. אָבער וויפל מלחמות און בלוטיקע רדיפות זיי־נען עס געווען צוליב רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ! און וויפל רעליגיעזע אָדער פילאָזאָפישע דאָקטרינעס האָבן עס באַקומען דעם שטעמפּל פון מלוכהשער אָבליגאַטאָרישקייט אָדער פרייוויליגירטקייט, ביי קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע צי „מאַטעריאַליסטישע” רעגירונגען (למשל, אין ראַטן־רוסלאַנד די היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע קאָנצעפּציע). אָט איז איינער פון דיביישפּילן, ווי נאַאיוו־באַרבאַריש עס ווערט גלייכגעשטעלט דער פּריוואַטער ווערט מיט דעם, וואָס מען האַלט פאַר אַן אַלגעמיינעם און אַלפאַרפליכטנדיקן ווערט.

אַ צווייטער ביישפּיל פון אַ פּריוואַטן ווערט, דאָס איז — די נאַציאָ־נאַלע קולטור, די פּאָזיטיווע קולטור פון נאַציאָנאַל־עטנישע אוצרות, ווי שפּראַך, ליטעראַטור, מנהגים וכד׳ פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער גרו־פּע. אַזאַ אַרט אידעאַל קען ניט פאַרלאַנגען, מען זאָל אים צוגעבן דעם באַטייט פון אַן אַלגעמיינעם אידעאַל, וואָרום אידעאַלן פון נאַציאָנאַלער קולטור איז דאָ אַזוי פיל, וויפל עס איז פאַראַן נאַציעס און קולטורן פון באַזונדערע נאַציעס. דער נאַציאָנאַלער אידעאַל קען ניט שאַפן דעם אינ־האַלט פון קיין שום נאָרמע, וואָס זאָל געהערן אים ספּעציעל און וואָס זאָל אַריינקומען אינעם אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אַזוי, אין פּרט פון שפּראַך, האָבן מיר צוויי דיאַמעטראַל־קעגנגעזעצטע פּריוואַטע אידעאַלן: איינער — דער אידעאַל פון אַן אַלוועלטלעכער שפּראַך, וועלכע זאָל פאַרבייטן אַלע היסטאָריש־עקסיסטירנדיקע שפּראַכן, און זיי וואָלטן

גערדאַרפט אונטערגיין, און אַ צווייטער — דער אידעאַל פון פּלוראַלקייט פון שפּראַכן, וואָס ווערן קולטיווירט פּאָזיטיוו און זאָרגפעלטיק, אַזוי ווי באַזונדערע ווערטפולקייטן; ביידע אידעאַלן קענען אַרויסטרעטן און שטרעבן צו זייער רעאַליזאַציע, זיי האָבן אָבער ניט קיין רעכט צו פאָדערן, מען זאָל זיי אָנערקענען ווי אַן אַלגעמיינעם און אַלעמען־פאַרפליכטנדיקן ווערט. יעטוועדער מעג יאָ אָדער ניט אָננעמען אַזאַ מין אידעאַל און צופּאַסן זיין אויפפירונג צום אָנגענומענעם פּרינציפּ. די דאָזיקע צוויי באַזונדערע אידעאַלן האָבן אַ שייכות צום אוניווערסאַלן אידעאַל נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי מעגן פאָדערן פולע פרייהייט פון באַקענונג, דינסט און פּראָפּאַגאַנדע, ביי דעם תּנאַי אָבער, אַז יעדערער פון די דאָזיקע פּריוואַטע אידעאַלן זאָל ניט האַנדלען קעגן די רעכט פון די אַנדערע אידעאַלן און פּרינציפּן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

אַ צווייטער פּריוואַטער אידעאַל באַקומט זיך, ווען מיר נעמען אַ באַשטימטע פאָרעם פון באַציאונגען צווישן געשלעכט און געשלעכט און אַ באַשטימטע פאָרעם פון דער פאַמיליע־סטרוקטור. קיין שום אַלגעמיינע נאָרמע קען ניט פאַרשרייבן ווי אַ פאַרפליכטנדיקע און אַבסאָלוט־געוואונטשטע — אַ באַשטימטע און איינציקע פאָרמולע פאַר די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי און פאַר דער דערציאונג פון די קינדער. מאָנאָגאַמיע, פּילווייבעריי, אומצערייסלעכקייט פון פאַמיליע־באַציאונגען אָדער חתונה ווי אַ צייטווייליקער אָפּמאַך, פרייע פאַרבינדונגען אָדער פרייע ליבע, קינדער־דערציאונג אין דער פאַמיליע אָדער זייער דערציאונג דורך דער געמיינשאַפט, אאַ"וו, — אַט די אַלע פאָרמולעס זיינען אָננעמבאַר און פריידערלאָזבאַר, אין הסכּם מיט די טעמפּעראַמענטן, געשמאַקן, נטיות, רגילותן און מנהגים פון די קאָלעקטיוון, גרופּעס און יחידים. דאָס זיינען אידעאַלן פּריוואַטע, און די אַלגעמיינע נאָרמען ווירקן דערביי נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער אַלע בירגער ווערט געגעבן די פרייהייט איינצואָרדענען זייער לעבן לויטן שטייגער פון זייער סענטימענטאַלער נאַטור אָדער טראַדיציע־מאַכט; זיי ווירקן אויך אין אַזאַ מאָס, אויף וויפל דער אָדער אַנדערער מאָדוס פון פאַמיליע־באַציאונגען קען זיך אָפּרופן אויף דער רעאַליזאַציע פון די אַלגעמיינע ווערטן, וואָס ווערן פּאָסטולירט דורכן אוניווערסאַלן אידעאַל. דער פאַרבאַנד צווישן מאַן און פרוי איז אַ „סינאַלאַגמאַטישער" אָפּמאַך, אין וועלכן די געמיינשאַפט און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג טאָרן זיך ניט מישן מחוץ ווילן פון די אָפּגעמאַכטע צדדים, בנוגע די גאַראַנטיעס פאַר דער ווירקונג פונעם אָפּמאַך און זיינע קאָנסעקווענצן, און בפרט בנוגע די קינדער: די זאָרג וועגן זיי מוז רעגולירט ווערן דורך די עלטערן ביי דער גאַראַנטיע פון דער מלוכה, וואָרום די אויפגעבראַכטע קינדער קענען דאָך ניט שליסן קיין אָפּמאַכן. די געשיכטע זאָגט עדות, אַז פאַר־

שידענע פאָרמען פון משפּחה און פון באַציאונגען צווישן געשלעכט און געשלעכט האָבן זיך געלאָזט ענדערן ביי פאַרשידענע געאָגראַפישע סביבות און ביי פאַרשידענע סאָציאַלע פאָרמאַציעס. די היסטאָרישע פּרעצעדענטן וואַרפן אַ ליכט אויף די לעתיד־מעגלעכקייטן. פּונקט אויף דעם זעלבן אופן קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז אין איינעם פון די קומענדיקע אָרגאַנישע עטאַפּן פון די געזעלשאַפטלעכע איבעראַנדערשונגען וועט די עלטערן געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן צווישן דער דערציאונג פון די קינדער אין דער ענגער משפּחה אָדער איבערגעבן די זאָרג וועגן זיי צו דער מלוכה. די דאָזיקע פראַגעס האָט מען זייער געשמאַק באַהאַנדלט אין די פריערדיקע סאָציאַליסטישע שולעס.

יעטוועדער פּריוואַטער אידעאַל איז פאַרבונדן מיט דער מעגלעכקייט אויסצוקלייבן אַזאַ אָדער אַנדערן מאָדוס פון קאָנטאַקט און פאַרבינדונג. די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אין ברייטן מאַסשטאַב די אָדער אַנדערע מאָדאַליטעטן הענגט אָפּ ניט נאָר פון די יורידישע באַדינגונגען און פון דער מער־ווייניקער קריטיש־באַוואוסטזיניקער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, נאָר אויך פון די דערגרייכונגען און פונעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט אין דער געגעבענער תקופה, פון דער געזעלשאַפטס אַנטוויקלונגס־מדרגה, פונעם אָרגאַנישן עטאַפּ, דורך וועלכן די געמיינשאַפט גייט דורך אין איר אַנטוויקלונג. אַזוי, אין דער פראַגע וועגן דער סטרוקטור פון דער משפּחה און וועגן דער דערציאונג פון די קינדער — קען האָבן גרויס ספּעציפיש געוויכט די באַטייטונג פון דער פּרויס אַרבעט, די מדרגה פון איר אומאָפּהענגיקייט און פון די מעגלעכקייטן פון מלוכהשער פאַרזיכערונג. די ספערע פון פּריוואַטע אידעאַלן, — אין זינען פון פרייען אויסוואַל פון די מאָדאַליטעטן, צוגעפּאַסט צו די טעמפּעראַמענטן, געשמאַקן און נטיות פון די בירגער, — וועט אַ ברייטע אַנטוויקלונג באַקומען אין דער פּלאַניפיצירטער געזעלשאַפט. אַזעלכע זיינען, למשל, די מאָדאַליטעטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פּראָפּאָרץ פון סאָציאַליזאַציע, קאָלעקטיוויזאַציע און געמיינשאַפט־פאָרמען פון איין זייט, און פון אינדיווידואַליזאַציע און איזאָלאַציע פון דער אַנדערער זייט — אין דער פּראָדוקציע, אין דער קאָנסומציע און אין פּערסאָנעלן לעבן.

## 2

די וויכטיקייט פון קלאָר אונטערשיידן די פּריוואַטע אידעאַלן, וואָס ווערן כאַראַקטעריזירט מיט דער מאָראַלישער אויסוואַל־פרייהייט, פון די פּרט־אידעאַלן, וואָס שטעלן פאָר דעם תוך פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, פונעם אַלגעמיין־אָנגענומבאַרן כלל־אידעאַל, — אָט די וויכטיקייט אַנטפּלעקט זיך ערשט ביים אַנאַליז פון די פאָלגן צוליבן איגנאָרירן דעם פאַר־

שידנאַרטיקן כאַראַקטער פון דער מאָראַלישער אָפּשאַצונג און פּאָליטיק לגבי די ערשטע און די צווייטע. פּריוואַטע אידעאַלן האָט מען צונויפגעמישט מיט די אַלגעמיינע אידעאַלן, פּריוואַטע אידעאַלן האָט מען אויפגעהויבן צום ראַנג פונעם אוניווערסאַלן, אַלגעמיינע אידעאַלן האָט מען דיסקוואַליפיצירט ווי פּריוואַטע, איינעם פון די פּרט־אידעאַלן האָט מען קוואַליפיצירט ווי אַן אוניווערסאַלן און צוליב אים האָט מען מקריב געווען די פּרט־אידעאַלן אויפן שטייגער פון פּריוואַטע.

פילאָזאָפישע און סאָציאַל־פילאָזאָפישע דאָקטרינעס האָט מען אַריינגעפירט ווי אָבליגאַטאָריש־אַנטעמבאַרע אין די אָפיציעלע פּראָגראַמען פון די באַפרייאונגס־גרופּעס און פּאַרטייען, ובפרט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. רעליגיע און רעליגיעזע דאָקטרינעס האָט מען אַמאָל אַריינגעלייגט אין חרם, און אַמאָל פּאַרקערט, זיי אַרויסגעשטעלט פּאַרן יסוד פון די באַפרייאונגס־דאָקטרינעס און שולעס.

אין איניקע סאָציאַליסטישע לערעס און שולעס האָט מען פּאָליטישע דעמאָקראַטיע געשאַצט זייער נידעריק (אַ מין פּריוואַטער אידעאַל), לגבי דער אויפגאַבע פון דער עקאָנאָמישער איבערבויאונג, ד"ה לגבי איינער פון די פאָדערונגען פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. מיר האָבן שוין פריער גערעדט וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער אידעע פון „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", וועלכע האָט געבראַכט אַזוי פיל שאָדן דעם סאָציאַליזם און וועלכע האָט (אַדאַנק די פּירושים פונעם דעגענערירטן מאַרקסיזם) פּראַקטיש זיך דערקייקלט צו דער אויסטערלישער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, מיט אַלע אירע צעשטערנדיקע רעזולטאַטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַזאַ גרויזאַמע ראָלע אין דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר לעבן איצט איבער.

דאָס עצם באַנעמען דעם סאָציאַליזם ווי די „באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" און דאָס באַנעמען דעם גרונט־קריטעריום פונעם סאָציאַליזם — ווי די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט" — דאָס איז אין תוך גענומען ניט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אונטערשטעלן אַ פּרט־אידעאַל אויפן אָרט פון אוניווערסאַלן אידעאַל.

עס איז איבעריק צו רעדן וועגן דעם, אַז ווען דער פּריוואַטער אידעאַל ווערט אָנגעוואָרפן ווי אַן אַלגעמיין־פּאַרפּליכטנדיקער און כלל־אידעאַל, רופט ער אין אַ סך פאַלן אַרויס מיט זיין יורידישן און מאָראַלישן צוואַנג — אַנטאַגאָניזמען, ליידן און אומאויפריכטיקייט. די חתונה־פאַרבינדונג — דאָס איז אַ מין קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האַלט זיך אויף אַ פרייעם אָפּמאַך; דאָס איז אַ פאַראייניקונג פון געפילן, סאָלידאַרישקייט און מאָראַלישע אינטערעסן, און זי דערלאָזט ניט קיין שום צוואַנג, וועלכער זאָל פאַרגוואַלטן די נאַטור און דיקטירן אַ געוויסע פאַרשקלאַפונג מיט אַלע רעאַקציעס, וואָס זי רופט אַרויס. היינט צו טאָג איז אַזוי: דער געזעץ, די

רוטין, די טראַדיציע, די מנהגים, דער סנאָביזם סאַנקציאָנירן די חתונה־פאָרם, וועלכע ווערט געמעסיקט דורך ליגנס, אָפּנאַרעריי און צביעות.

די געבאָטן פונעם פּריוואַטן אידעאַל קענען זיך פונאַנדערגיין מיט די געבאָטן פון העכערער מאָראַל און פונעם העכסטן אָדער אוניווערסאַלן אידעאַל. אין דער היעראַרכיע פון די געבאָטן דאָמינירט, פאַרשטייט זיך, דער העכסטער פּרינציפּ. קיין שום פּריוואַטע און אינדיווידועלע אָפּמאַכן, למשל, קענען ניט ווידערשפּרעכן די פאָרשריפטן פון מאָראַל און די געזעצן פון דער געגעבענער געמיינשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף דעמאָקראַטישע יסודות און אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון פּאָליטישער מאָראַל. דער יחיד האָט ליב זיין משפּחה; אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז דאָס וואָס ער האַלט פאַר די אינטערעסן פון דער פאַמיליע קען אָוועקגעשטעלט ווערן העכער פאַר די אינטערעסן פון דער נאַציע: אין די אינטערעסן פון דער משפּחה קען מען ניט דערלאָזן קיין פאַרלעצונג פון געזעץ קעגן דער נאַציע.

עס איז לייכט צו זען, וואָס פאַר אַן אַנאַלאָגיע עס לאָזט זיך דורכפירן צווישן דער נאַציע און דער משפּחה. די נאַציע — דאָס איז עפּעס אַזוינס ווי אַ מין גרויסע משפּחה. די אייגענע נאַציע, דאָס אייגענע פאָטערלאַנד קען מען ליב האָבן, אַזוי ווי מען האָט ליב די אייגענע משפּחה. מען קען זיין אַ „פּאַטריאָט" פון דיין נאַציע, פון דיין פאָטערלאַנד, פון דיין לאַנד, פון דיין פאָלק, פון דיין נאַציאָנאַלער קולטור. אָבער, אָפּגעזען פון די יורידיש־רעכטלעכע פאַרבינדונגען פון דער פּערזאָן מיט דער משפּחה און מיט דער נאַציע ווי אַ גרויסע משפּחה, איז די ספּעציעלע סענטימענטאַלע פאַרבינדונג פונעם בירגער מיט דער משפּחה אָדער מיט דער נאַציע — נאָר אַ פאַרבינדונג פון פּריוואַטן אידעאַל; אין פאַל פון אַ קאָנפליקט ווערט ער בטל לגבי דעם אַלגעמיינעם צי אוניווערסאַלן אידעאַל, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס קענען אַנטשטיין אַנטינאָמיעס. סאָקראַטעס איז געווען אַ שלעכטער משפּחה־מאַן (די אָרעמע באַרעדטע קסאַנטיפּאַ!), אָבער אַ גרויסער בירגער. מען קען זיין אַ לאָיאַלער בירגער פון דיין לאַנד, און דאָך מער ליב האָבן די נאַציאָנאַלע קולטור פון אַ צווייט לאַנד. מען קען זיך באַטראַכטן, אַזוי ווי אַנאַרכאַזיס, פאַר אַ „בירגער פון דער גאַנצער וועלט". די געזעצגעבונגען פון אייניקע לענדער דערלויבן אַפילו צו געהערן גלייכצייטיק צו צוויי פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, שוין אָפּגערעדט פון דער מעגלעכקייט צו טוישן די „בירגערשאַפט". עס זיינען דאָ מעגלעך יורידישע קאָנפליקטן, אָבער דאָס מאָראַלישע געזעץ איז סואווערען. אַחוץ דער „קליינער משפּחה" אָדער די פאַמיליע אין אייגנטלעכן זינען; אַחוץ דער „גרויסער משפּחה" אָדער די נאַציע, עקסיסטירט נאָך די „גאָר גרויסע משפּחה" אָדער די מענטשהייט, מיט אירע מאָראַלישע פאָ־

דערונגען (וואָס קומען אַריין אין דער קאַטעגאָריע געבאָטן פונעם אוני־ווערסאַלן אידעאַל), הגם זי איז ניט אָרגאַניזירט ווי אַ פעסטע רעכטלעכע געמיינשאַפט.

איקס איז געבוירן געוואָרן אין אַ משפחה פון גזלנים צי אין אַ פיראַטן־נאַציע. ער האָט פונדעסטוועגן ליב זיין פאַמיליע, ער האָט דאָך ליב זיין נאַציע. הייסט עס דען, אַז ער מוז טרייבן גזלנות צוזאַמען מיט זיין משפחה, אַז ער מוז זיך באַטייליקן אין דער פיראַטן־טעטיקייט פון זיין נאַציע? אָט דאָס איז אַ ביישפיל פון טעאָרעטישן קאָנפליקט צווישן דעם פריוואַטן אידעאַל און די געבאָטן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. דאָס ענגלישע שפריכוואָרט „איך בין שטענדיק פאַר מיין פאָטערלאַנד, צי עס איז גערעכט אָדער אומגערעכט" שפיגלט אָפּ אין אַ מאָדערנער פאָרמולע די פראַקטישע מעגלעכקייט פון אַזעלכע מין קאָנפליקטן.

אין די נייעסטע דיסקוסיעס וועגן דער אַנטקעגנשטעלונג פון „פאַט־ריאָטיזם" און „אינטערנאַציאָנאַליזם", איז ניט איין מאָל געקומען צו אַ פאַרמישונג פון די צוויי פאַרשידנאַרטיקע און פאַרשידנווערטיקע אידעאַלן. בפרט, ווען מען האָט איבערגעחזרט דאָס ווערטל „אַ קליינע דאָזע אינטער־נאַציאָנאַליזם איז אין סתירה צום פאַטריאָטיזם, אָבער אַ פעסטער־אויסגע־דריקטער אינטערנאַציאָנאַליזם פאַרשטאַרקט דעם ווערט פון פאַטריאָ־טיזם", — דעמאָלט פאַרגלייכט מען און מען מישט צונויף צוויי פאַרשידנ־אַרטיקע און אומפאַרגלייכלעכע צווישן זיך ווערטן: דעם אַלגעמיינעם אָדער אוניווערסאַלן אידעאַל — און דעם פריוואַטן אידעאַל.

# קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

## די היעראַרכיע פון די מאָראַלע גרופּעס

### 1

אונזער געזעלשאַפט, היינט אַזוי ווי אין די פריערדיקע תקופות, ווייסט פון פאַרשידענע פאָרמעס פון היעראַרכיע — מאַטעריעלע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע. די מאַטעריעלע היעראַרכיע באַשטייט אין באַציאונגען פון הערשאַפט און פאַרשקלאַפונג, אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט; די פאַרווירקלעכונג פון די פּרינציפּן און געבאָטן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל איז באַרופן צו ליקווידירן אָט די באַציאונגען. דער וואָרצל פון אינטעלעקטועלער היעראַרכיע שטעקט אינעם אונטערשיד צווישן די ידיעות און פעאיקייטן פון אינטעלעקטועלער נאַטור (אין ברייטן זינען פון וואָרט); די פאַרווירקלעכונג פונעם העכסטן אידעאַל דאַרף — אין די גרענעצן פון די מאַקסימאַלע מעגלעכקייטן — אויסגלייכן אָדער קאָמפּענסירן די אונטערשידן און אומגלייכקייטן פון אָט דעם מין. צום סוף, די ריין־מאָראַלישע אָדער עטישע אונטערשידן צווישן פּערזאָנען זיינען נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך במשך פון געוויסע אָרגאַנישע עפּאָכעס. אין וואָס פאַר אַ מאָס קען אַזאַ מין מאָראַלישע היעראַרכיע גערעכטפאַרטיקט ווערן אויף צו דינען דעם העכסטן אידעאַל (ביי געוויסע קוואַליפיקאַציעס)? און אין וואָס פאַר אַ מאָס קען אָדער דאַרף די דאָזיקע מאָראַלישע היעראַרכיע איינגעהיטן ווערן אין אָרגאַנישע פעריאָדן, וואָס אַנטשפּרעכן די העכערע עטאַפּן אין דער געזעלשאַפטס עוואָלוציע?

אויף געוויסע אָרגאַנישע עטאַפּן פון דער געזעלשאַפטס לעבן, טיילן זיך אויס פון די מאַסן אַזעלכע עליטעס, וואָס זיינען פעאיק צו אַנטוויקלען דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן און אָנפירן מיט זיי. דאָס זיינען עליטעס — אָדער אינטעלעקטועלע, אָדער מאָראַלישע, אָדער, און דאָס איז אַ סך אַ העכערע קאַטעגאָריע עליטעס, אַזעלכע וואָס פאַראייניקן צוזאַמען אין זיך אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע מעלות.

די מאָראַלישע עליטעס קענען אויך קוואַליפיצירט ווערן ווי אידעאַלאַגישע עליטעס, וואָרום זיי זיינען פאַרטראָטן דורך פּערזענלעכקייטן, וועלכע דינען אַ געוויסער אידעע, ובפרט אַ הויכער אידעע. די קוואַליפי־

צירטע מאָראַלישע עליטעס זײַנען גרייט, צוליבן נצחון פון זייער אידעע, צו ברענגען קרבנות. זיי פילן דעם באַרוף פון אַ באַזונדערן חוב, פון באַזונדערע הויכע התחייבותן, פון אַ באַזונדער הויכער מאָראַל.

די העלענישע „סאָפיסטן" פלעגן זאָגן, אַז די מאָראַל איז אויסגעטראַכט דורך די שוואַכע, כדי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די שטאַרקע. אין אַן אַנדער אידעען-פּלאַך, פלעגט ניצשע פרעדיקן, אַז עס איז ניטאָ קיין איין-איינציקע מאָראַל פאַר אַלע מענטשן, פון וועלכע די געזעלשאַפט באַשטייט: איין מאָראַל איז פאַר די העכערע קאַטעגאָריעס מענטשן (למשל, די „אויבערמענטשן"), און אַ צווייטע מאָראַל איז פאַר די אָרדינאַרע מענטשן. ניצשע האָט געהאַט אין זינען בעיקר די מאָראַל פון רעכט. פאַר די אידעאָלאָגישע עליטעס עקסיסטירט, פונקט פאַרקערט, אַ מאָראַל פון פליכטן, וועלכע פאָדערט פון געוויסע פערזאָנען און ביי געוויסע באַדינגונגען, זיי זאָלן ברענגען קרבנות. אין אָט דעם, און נאָר אין דעם זינען קען מען רעדן וועגן אַ היעראַרכיע פון מאָראַלן און וועגן אַ היעראַרכיע פון מאָראַלע גרופּעס.

מיר האָבן אויבן געזען, וואָס פאַר אַ באַטייטיקע ראָלע די עליטעס האָבן געשפּילט מיט זייער אָנפירן די מאַסן, ביי די עמאַנסיפּאַציע-באַוועגונגען, ביי די סאָציאַלע און פּאָליטישע ענדערונגען. אַחוץ פּערסאָנאַלע און גרופּן-אינטערעסן, האָבן די עליטעס געהאַט צו פאָלגן אויך טיף-מאָראַלישע מאָטיוון און ברענגען קרבנות אין נאָמען פון אידעאַל, טראָץ די פּערזענלעכע און שמאָלע גרופּעס — ובפרט קלאַסן-אינטערעסן. די געשיכטע זאָגט עדות, אַז אין קאַמף פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פון די אונטערדריקטע גרופּעס און קלאַסן האָבן אָפט געשפּילט אַ באַטייטיקע ראָלע די געקומענע פון די העכערע גרופּעס און קלאַסן. אויף די העכערע שטופעס פון איר מאַניפעסטאַציע, דערגרייכט די אַקטיווע אידעאָלאָגיע צו דער הייך פון העראָאיזם.

די קריטעריומס פון סאָציאַלער פּאָליטיק און פון פּערזענלעכער באַנעמונג קענען זיך ענדערן פון איין אָרגאַנישער עפּאָכע צו דער צווייטער און אַנטשפּרעכנדיק צו דער אידעאָלאָגישער קאַטעגאָריע, צו וועלכער עס באַלאַנגט די געגעבענע פּערזאָן. ניט שטענדיק פאָדערן זיך קרבנות. ניט אַלע קאַטעגאָריעס מענטשן זיינען פּעאיק אויף קרבנות, בפרט אויף גרויסע מעשים און העלדישקייט. און איינע פון די הויפּט-דערגרייכונגען פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל וועט באַשטיין אין דעם צו באַזייטיקן די סיבות און די באַדינגונגען, וועלכע פאָדערן נאָך פון באַזונדערע קאַטעגאָריעס בירגער — קרבנות און נאָך מער, העראָאיזם.

צו יעדער אָרגאַנישן עטאַפּ פון דער געזעלשאַפטס עוואָלוציע איז צוגעפּאַסט זיין באַנעמונג פון פאַרשידענע קריטעריומס און פּרינציפּן ביים

אָפשאַצן די אָדער אַנדערע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, ובפרט די אָדער אַנדערע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, פאָרמען פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט. דאָס וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר נאָרמאַל אין איין אָרגאַנישער עפּאָכע, ווערט פאַראורטיילט דורכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין אויף אַ העכערן עטאַפּ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. ביים מאָרגנשיין פון דער מענטשהייטס געשיכטע, ווערט דער קאַניבאַליזם פּראַקטיקירט דורך פאַרשידענע פּרימיטיווע שבטים ווי אַ נאָרמאַלע און נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס איז מאָראַליש סאַנקציאָנירט דורכן באַוואוסטזיין פון די מאַסן אין דער געגעבענער תקופה. אין אַ מער פאָרגעשריטענער אָרגאַנישער עפּאָכע ווערט דער קאַניבאַליזם פאַראורטיילט דורכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין פון דער געזעלשאַפט, ווי אַ מאָראַליש ניט־דערלאָזלעכע פּראַקטיק; אָבער אין דער זעלבער תקופה ווערט אויפגענומען ווי אַ נאָרמאַלע, נאַטירלעכע און דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג סאַנקציאָנירטע — אַזאַ סאָציאַלע דערשיינונג, ווי שקלאַפעריי. אויף אַ נאָך שפּעטערדיקן, מער פאָרגעשריטענעם עטאַפּ פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג ווערט, ווידער, דער שקלאַפן־אינסטיטוט פאַראורטיילט דורכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין פון די מאַסן ווי אַ דערשיינונג, וואָס מען טאָר פּרינציפּיעל ניט דערלאָזן, הגם עס ווערן נאָך אויפגענומען ווי מאָראַליש יאָ־דערלאָזלעכע, אַנדערע פאָרמען פון סאָציאַלער פאַרשקלאַפונג, וואָס זיי, פון זייער זייט, הייבן אָן צו פאַרלירן זייער אָנגעמבאַרקייט אין די שפּעטערדיקע העכערע אָרגאַנישע עפּאָכעס פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג. און אָט אַזוי גייט עס ווייטער מיט די עטאַפּן פון מאָראַלן פּראָגרעס, ווען עס בייטן זיך די אָרגאַנישע עפּאָכעס אין דער עוואָלוציע פון די געזעלשאַפטלעכע סטרוקטורן און פון געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין.

די מיסיע פון די מאָראַליש־אידעאָלאָגישע עליטעס באַשטייט אין דעם, אַז זיי זאָלן שטיין בראש פון זייער תקופה, זיי זאָלן אויפנעמען און פּריידיקן קריטעריומס און פּרינציפּן פון אַלץ העכערע אָרגאַנישע עטאַפּן אין דער געזעלשאַפטס אַנטוויקלונג, כדי אויפצוהייבן דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אויף אַ הייך פון פּראָגרעסיווערע אָרגאַנישע דעראָבערונגען, כדי צוצוגרייטן און דערגרייכן די פאַרווירקלעכונג פונעם העכערן אידעאַל און כדי אים צו פאַרקערפּערן אין לעבן אין דער גאַנצער צוגענגלעכער פולקייט. די דערגרייכונג פון אַזאַ מין ציל פאָדערט אָפט אַ קאַמף, און דער דאָזיקער קאַמף קען זיין פאַרבונדן מיט קרבנות. אויף דעם גייען טאַקע די העכערע קאַטעגאָריעס פון די מאָראַלישע עליטעס. די קרבנות קענען זיין ניט נאָר איגדי גרענעצן פון דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, נאָר אויך ביים

אַנווענדן די נייע קריטעריומס און פּרינציפּן צו די נאָרמעס פון פּערזענלעכן לעבן און פון פּערסאָנאַלער באַנעמונג. אויך דאָ קען דאָס ברענגען קרבנות צוליבן אידעאַל — דערגרייכן צו דער הייך פון העראָאיזם.

אין דער געשיכטע פון דער פלאָרענטינער רעפּובליק, אין מיטלאַל־טער, האָבן זיך ניט איין מאָל אַרויסגערוקט העלדן, וועלכע האָבן אין זייער מאָראַלישן באַוואוסטזיין פאַראויס־געטראָגן די שפּעטער־קומענדיקע גרויסע אידעאַלן. איינער פון אַזעלכע, דזשאַננאָ דעלאַ בעלאַ, האָט אין אַ מאָמענט פון אַ קאָנפליקט צווישן די אינטערעסן פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, בראָש פון וועלכער ער איז געשטאַנען (הגם ער האָט געשטאַמט פונעם קלאַס אַריסטאָקראַטיע, קעגן וועלכן ער האָט געקעמפּט) — און די אינטערעסן פון העכערער גערעכטיקייט, פאַר וועלכער ער האָט זיך איינגעשטעלט, אויסגערופן: „זאָל בעסער אונטערגיין די רעפּובליק, איידער דערלאָזן דעם טריאומף פון אומרעכטן!". מיט עטלעכע יאָרהונדער־טער פאַר קאַנטן האָט ער פאָרמולירט אַ כלל פון פּאָליטישער מאָראַל, וועל־כער האָט געפאָדערט אויסערגעוויינלעכן מוט, און וועלכער איז פּראָקלאַ־מירט געוואָרן דורכן גרויסן קעניגסבערגער פילאָזאָף ווי אַן אַפאָריזם, וואָס קוקט נאָך היינט אויס כלומרשט פּאַראַדאָקסאַל. ווי אַ פּועל־יוצא פון זיין אַרויסטריט קעגן דער פּאָליטישער דעמאַגאָגיע, האָט דזשאַננאָ דעלאַ בעלאַ געמוזט אַראָפּגיין פון דער פּאָליטישער סצענע אין פלאָרענץ און פאַרלאָזן זיין פאָטערלאַנד.

דער קאַמף מיט דעמאַגאָגיע פאָדערט אָפט זעלבסטאָפּפער און העראָאיזם, און דאָס איז דער גורל פון די הויכע מאָראַלישע עליטעס. צי וועט אַמאָל דערגרייכט ווערן אַן אָרגאַנישער עטאַפּ, ביי וועלכן דעמאַגאָ־גיע וועט פאַרבלייבן בלויז ווי אַ לעגענדע וועגן דער פּראַקטיק פון מער „פּרימיטיווע" עפּאָכעס?

אַ צווייט פעלד פאַר דער באַאיינפלוסונג און אַריינמישונג פון די מאָראַלע עליטעס עפנט זיך אין דער ספערע פון אינעווייניקסטע קאָנפליקטן אינעם אידעאַל און צווישן די אידעאַלן. מיר ווייסן וועגן דער עקסיסטענץ פון אינעווייניקסטע אַנטינאָמיעס אינעם אוניווערסאַלן אידעאַל, וועגן אומקאָאָרדינירטקייטן ביים אַבסאָלוטן אַנווענד פון די פּרט־אידעאַלן, וואָס גייען אַריין אין זיין אינהאַלט. מיר ווייסן וועגן דער מעגלעכקייט פון קאָנפליקטן צווישן העכסטן אידעאַל און די פּריוואַטע אידעאַלן. די דאָ־זיקע קאָנפליקטן קעגן אַריינטראָגן אַ צעמישעניש אויך אין די רייען פון די אידעאַלאָגישע עליטעס, און אַזאַ צעמישעניש איז געפערלעך צוליב דער מעגלעכקייט, אַז די העכסטע ווערטן זאָלן דערשטיקט ווערן דורך די נידעריקערע אָדער די פּריוואַטע ווערטן. די זאַך פון די מאָראַלע עליטעס איז מיטצוהעלפן, אין „פּאָליטישן" און אין „פּריוואַטן" לעבן, צו ליקווידירן

די אַנטינאָמיעס אויף אַ ווירדיקערן אופן און קעגנווירקן דער מעגלעכער דעגראַדאַציע פון די העכערע ווערטן.

## 2

אין פאַרשידענע אָרגאַנישע עפּאָכעס, הן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן הן אין דער פּערזענלעכער באַנעמונג, האַלטן זיך די פּערזאָנען, וועלכע באַלאַנגען צו פאַרשידנאַרטיקע מאָראַלע גרופּעס — ביי פּרינציפּן, וואָס מיט זייער פירונג העלפן זיי צו דערהייבן די געזעלשאַפט אויף דער מדרגה פון אַ העכערן אָרגאַנישן עטאַפּ. ווערלוג נאָך זייער סאָציאַלער לאַגע און מאָראַלישן טעמפּעראַמענט, ווענדן זיי אָן מעטאָדן פון פּראָפּאַגאַנדע אָדער פון פרידלעכער באַווירקונג פון דער לאַנד־געזעצגעבונג, כדי צו רעפאָרמירן די געזעלשאַפט; זיי ברענגען געוויסע קרבנות, כדי זייער פּערזענלעך לעבן און פּערזענלעכע לאַגע זאָל שטימען מיט די הויכע פּרינציפּן, וואָס זיי אָנערקענען; אָדער גאָר, ווען עס איז נייטיק און אויב זיי זיינען דערויף פעאיק, גייען זיי אויף מוטיקע האַנדלונגען און אַקטן פון הויכן העראָאיזם, כדי איינצושטעלן אין לעבן זייער אידעאַל.

אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט ווערט דאָס פּערזענלעכע לעבן אָפּגעטיילט פון דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ביי געוויינלעכע באַדינגונגען, און די נאָרמעס פאַר דעם ערשטן און פאַר דער צווייטער פאַלן ניט שטענדיק צונויף און ניט תמיד שטימען זיי. וואָס העכער עס איז די היעראַרכיע פון די מאָראַלע גרופּעס, קען זיך פאַרשטאַרקן די שייכות צווישן דיביידע קאַטעגאָריעס נאָרמען.

לאָמיר זאָגן, איקס לעבט אין אַ געזעלשאַפט פון שקלאַפן־ אָדער לייב־אייגנטום. דאָס קען זיין אַ פרייער בירגער, דאָס קען זיין אַ שקלאַף צי אַ לייבאייגענער, דאָס קען זיין אַ שקלאַפן־אייגנטימער צי אַ סעניאָר אָדער אַ גוטבאַזיצער, וואָס פאַרמאָגט לייבאייגענע. אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן ענגע פּערזענלעכע אינטערעסן, וואָס זיינען ניט באַשיינט מיטן מאָראַלן ליכט פונעם אידעאַל, האַנדלט איקס אין הסכם מיט די באַדינגונגען פון זיין פּערזענלעכער לאַגע. איז ער אַ פרייער מענטש, דעמאָלט לאָזט אים די עקסיסטענץ פון שקלאַפן־ צי לייבאייגנטום־אינסטיטוט — אינגאַנצן גלייכגילטיק; אין געוויסע פאַלן קען ער שטרעבן צו דעם, אַז ער זאָל אַליין צובאַקומען שקלאַפן אָדער לייבאייגענע. איז ער אַ שקלאַפן־ אָדער לייב־אייגנטימער, דעמאָלט טראַכט ער נאָר וועגן איינהאַלטן זיין פּריווילעגירטע לאַגע אָדער גאָר וועגן פאַרמערן זיין רייכטום אין מענטשן־אינוועטאַר. איז ער אַ שקלאַף צי אַ לייבאייגענער, דעמאָלט קען ער אָדער פשוט פּאַסיוו שלום מאַכן מיט זיין שקלאַפישער לאַגע, ווי מיט אַ

נאַטירלעכער און נאָרמאַלער, אָדער ער קען שטרעבן אויסצובעסערן דעם דאָזיקן מצב אין זיין צושטאַנד פון אַן אומפרייען מענטשן; ענדלעך, ער קען גאָר טראַכטן וועגן אַריבערגיין אויף דער לאַגע פון אַ פרייעם מענטשן. אַנדערש איז גאָר, ווען איקס האָט זיך גייסטיק אויפגעהויבן צו אַ העכערן שטאַפל פון מאָראַלישער אידעאָלאָגיע. דער אומפרייער מענטש טראַכט ניט נאָר וועגן זיין פערזענלעכער באַפרייאונג, נאָר וועגן ליקווידירן די גאַנצע סיסטעם פון שקלאַפעריי אָדער לייבאייגנשאַפט. ער אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט אין דער ריכטונג אויף צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל, און אין געוויסע פאַלן דערגייט ער צו אַקטן פון העראָאיזם אינעם קאַמף פאַרן דאָזיקן אידעאַל. דער פרייער מענטש האַלט זיך ניט נאָר אָפּ פון עקספּלואַטירן שקלאַפישע פראַצע, נאָר ער שטיצט די אידעאישע און מאַטעריעלע באַוועגונג קעגן דעם שקלאַפעריי־אינסטיטוט, דערביי קען די מאָראַלישע אַקציע פאַר איינזיקע קאַטעגאָריעס גאָר הויכע מאָראַלישע עליטעס שטייגן צו אַ הייך פון קרבנות און העראָאיזם פון פאַרשידענע אופנים. ענדלעך, די מאָראַלישע עליטעס, וואָס געהערן לויט זייער סאָציאַלער לאַגע צו די פריווילעגירטע גרופּעס, וועלכע עקספּלואַטירן שקלאַפישע און אומפרייע פראַצע, — ליקווידירן אַליין אויף וויפל עס איז זיי נוגע, די דאָזיקע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע, און ווענדלוג זייער מאָראַלישער גראַדאַציע, לאָזן זיי זיך אַליין מיט אַ ליניע, וואָס זייער געוויסן דיקטירט זיי — סיי אין זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, סיי אין זייער פערזענלעכער באַנעמונג.

אַנאַלאָגיש צו דער ערשט־וואָס אָנגעוויזענער מאָדאַליטעט שטעלן זיך איין די אויפפירונג־נאָרמעס פאַר די מאָראַלישע עליטעס פון פאַרשידענע קוואַליפיקאַציעס, אויף פאַרשידענע שטופעס און אָרגאַנישע עטאַפּן פון דער געזעלשאַפטס עוואָלוציע, אָפּהענגיק פון די אויפגאַבעס, וואָס רוקן זיך אַרויס אין דער געגעבענער עפּאָכע, אָפּהענגיק פון די נייע האָריזאָנטן און פערספּעקטיוון, וואָס עפענען זיך, ובכלל אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען פון צייט און שטח. אַזעלכע זיינען, למשל, די מאָדאַליטעטן פון קאַמף פאַרן נצחון פון דעמאָקראַטיע, אָדער פאַר דער ליקווידאַציע פון די צווי אַנדערע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע און סאָציאַלן פאַראַזיטיזם, אָדער פאַרן איינשטעלן אין לעבן העכערע פרינציפּן פון עגאַליטאַריזם, אָדער פאַר דער ליקווידאַציע פון מלחמות בכלל און פון יעדער איינצלנער מלחמה, וואָס ברעכט אויס אין אַ געוויסן מאָמענט און אין אַ געוויסן אָרגאַנישן פּעריאָד פון דער רעאַלער געשיכטע. און, ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, די הויכע מאָראַלישע עליטעס ברענגען פרייוויליק זייערע קרבנות — במשך געוויסע אָרגאַנישע פּעריאָדן — און זיי פירן אויס גרויסע מעשים פון מאָראַלישער העלדישקייט.

יעדער אַקט פון העראָאיזם, יעדע העראָאישע באַנעמונג איז פאַרבונדן מיט קרבנות, וואָס זייער מאָראַלישער ווערט איז נאָך העכער, וואָס פרייער און וואָס מער אומאייגננוציק עס איז דאָס בייטראָגן די גרויסע קרבנות. ווארום די העכסטע מאָס העראָאישקייט ווייזט זיך אַרויס אין די פאָרמען פון אויפפירונג און אין די אַקטן, וואָס ווערן אויפגענומען פריי, מיטן גוטן ווילן און אָן שום אָפּמאַך־צוואַנג, בלויז פאָלגנדיק דעם רוף פון אייגענעם געוויסן, און אויס ליבע צו דער מענטשהייט און צו אַלעם דעם, וואָס לעבט און ליידט אויף דער ערד.

אין אַן אידעאַלער וועלט איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר העראָאיזמען. אין אַן אידעאַלער געזעלשאַפט וואָלט מען געדאַרפט שטרעבן צו דעם, עס זאָל גאָר קיין נויטווענדיקייט ניט זיין אין קיין שום העראָאיזם און קרבנות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ליידן און וואָס זיינען דער גורל פון אַ קליינער מינדערהייט בלויז; עס זאָל גאַרניט זיין קיין נייטיקייט מער אין „מאָראַלישער שיינקייט”. וואָלט מען דען באַדאַרפט האָבן „העלדישקייט”, ווען אַלע וואָלטן געקענט זיין העלדן? העראָאיזם — דאָס איז אַן אויסנאַם, אָבער אַן אויסנאַם, וואָס איז זייער וויכטיק אין דער געשיכטע. די העלדישע מינדערהייט — דאָס איז אַ מין „פּריווילעגירטע” מינדערהייט, אין פּרט פון מאָראַלישער הייכקייט. די דאָזיקע „פּריווילעגיע” וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דער נייטיקייט אין העראָאיזם: אָדער ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם, אַז עס וועלן פאַרווירקלעכט ווערן די באַדינגונגען, וואָס מאַכן דעם העראָאיזם פאַר אומנוצלעך, אָדער ווייל עס וועט קומען אַן אויסגלייכונג פון אַלע מענטשן און זיי וועלן אַלע גלייך באַזיצן „העראָאישקייט”.

ביז ווי לאַנג אָבער די געזעלשאַפט גייט דורך אין איר אַנטוויקלונג אָרגאַנישע עטאַפּן, אין וועלכע עס זיינען נאָך ניט דערגרייכט אַזעלכע מעגלעכקייטן, — אַזוי לאַנג וועלן די העראָאיזמען ניט אויפהערן צו זיין נויטווענדיק און זיי וועלן אויספירן זייער מיסיע — אין פּרט פון איניציאַטיווע, עמאַנסיפּאַציע און קאָנסטרוקציע — כדי צו דערהייבן די מענטשהייט צו אַלץ העכערע סטאַדיעס פון היסטאָרישן לעבן.

ביים בירגעריש־מאָראַלישן העראָאיזם איז דאָס טראָגן שווערע קרבנות נייטיק, אָבער ניט גענוגנדיק; עס זיינען נאָך נייטיק: דאָס דינען דעם הויכן אַלטרואיסטיש־הומאַניטאַרן אידעאַל, די פרייהייט אינעם זעלבסט־אָפּפער, די אום־אייגננוציקייט פונעם אַקט אָדער פונעם באַנעמען זיך. ווי „העלדן” קענען אַרויסטרעטן עפּעס אַ גזלן, עפּעס אַ העראָסטראַט, אַ לאַנדקנעכט, אַ קריגסמאַן פון אַ פּיראַטישער אָרדע . . . העלדן זיינען געווען די מאַרטירער פון רעליגיעזן גלויבן; אָבער זיי זיינען געגאַנגען אויף מסירת־נפש און טויט, פאָלגנדיק די געבאָטן פונעם העכערן וועזן, וועלכן

זיי האָבן אָנערקענט, און זיי האָבן דערוואַרט אויף יענער וועלט אַ באַלוינונג און גליק; עס האָט זיי געפירט אַ מין אוטיליטאַרע מיסטיק. פאַרקערט, אין דער בירגעריש־מאָראַלישער העלדישקייט שיינט דער גלאַנץ פון אַ באַזונדערער, אומאָפּהענגיקער אידעאַליסטישער שעפערישקייט.

ניט אין אַלע צייטן באַווייזן זיך העלדן און העלדישקייטן. פּונקט אַזוי איז ניט אין אַלע צייטן בליט באַגלייך די שעפערישקייט פון געדאַנק, וויסנשאַפט, קונסט. ניט יעדע עפּאָכע פאַרלאַנגט מיט דער זעלבער שאַרפקייט דאָס ברענגען קרבנות. כדי עס זאָלן קומען רעליגיעזע מאַרטירער, האָט געדאַרפט אַפריער עקסיסטירן רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ און רעליגיעזע רדיפות; דאָס זעלבע איז, כדי עס זאָלן זיך באַווייזן בירגעריש־מאָראַלישע העראָאיזמען, איז נייטיק, ראשית־כל, דער תנאי־קודם, אַז דאָס סאָציאַלע לעבן זאָל זיין רייך מיט אַנטאַגאָניזמען, אַז דאָס לעבן זאָל ליידן פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונגען, פּאַראַזיטישע היעראַרכיעס, עקספּלואָטאַציעס, ווילקיר, אומגערעכטיקייטן, דערנידעריקונגען פון מענטשלעכער ווערדע, — זאַכן, וועלכע דער גייסט פון העראָאיזם פאַרטראָגט ניט. אויב אָבער דער דאָזיקער תנאי איז נייטיק, הייסט עס נאָך ניט, אַז ער איז גענוגנד. וואָרום ווען דער תנאי איז אויסגעפירט, מוז ניט נויטווענדיק קומען דער פּועל־יוצא. אַזוי למשל, אויפן פּאָליטישן געביט איז ניט שטענדיק אַזוי, אַז די אָנגריפן אויף דער פרייהייט און די פאַרשקלאַפונגס־אַקטן רופן אַרויס אַ רעאַקציע פון העראָאיזם. ניט שטענדיק ווערן געבוירן אַזעלכע איינע, ווי האַרמאָדיוס און אַריסטאָגיטאָן, ברוטוס און קאַסיוס האָבן ניט געהאַט קיין נאָכפאָלגער און נאָכמאַכער. די העראָאישע פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וועלכע האָט אַ גאַנץ לאַנגע צייט געקעמפט קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט אין רוסלאַנד, האָט קיינער ניט ממשיך געווען. די עליטעס קענען אויסגעראָטן ווערן אין סך־הכל פון בלוטיקע רעפּרעסיעס; און אַ לאַנגיאָריקע שול פון שקלאַפעריי, וועלכע דעגראַדירט און דעמאָראַליזירט דעם גייסט פון דער געזעלשאַפט, איז גאָרניט גינסטיק פאַר דער באַשאַפונג פון העראָאיזם. די נאַצישע איבערקערעניש אין דייטשלאַנד האָט ניט אָנגעטראָפן קיין שום העלדישן ווידערשטאַנד, און אַ גאַנצער דור איז אין דייטשלאַנד דערצויגן געוואָרן אין אַ שול פון מאָראַלישער באַרבאַריי. עס איז אינגאַנצן ניט ריכטיק, אַז „אידעען" שטאַרבן כלומרשט ניט, קאַפּיטולירן כלומרשט ניט פאַר געוואַלט, און געוואַלט קען זיי ניט אָפּטויטן. די געשיכטע דערווייזט פּונקט דעם היפוך.

ווי עס זאָל ניט זיין, העלדישקייט — דאָס איז דער גורל פון מאָראַלישע מינדערהייטן. אויבן איז גערעדט געוואָרן וועגן דער גאָר גרויסער ראָלע פון די מינדערהייטן אין דער געשיכטע — סיי אין גוטס, סיי

אין שלעכטס. אָבער די געשיכטע באַווייזט, אַז די מינדערהייטן־עליטעס קומען ניט אַלע מאָל צום מאָמענט, ווען זייער אַקציע וואָלט געקענט ראַדיקאַל ענדערן די עקסיסטירנדיקע לאַגע. דאָס באַציט זיך אויך צו די העלדישע מינדערהייטן.

אין די קריטישע מאָמענטן פונעם קאַמף פאַר די באַפרייאונגס־אידעאַלן דאַרפן די באַוואוסטזיניקע עליטעס זיך רעכענען מיט די פאַרשידענע מעגלעכקייטן און מיט די שייכותדיקע פערספעקטיוון, וואָס לאָזן זיך דיסקאָנטירן אויפן סמך פון אַנאַלאָגיעס מיט די סיטואַציעס אין דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט.

# קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

## די קריטעריומס

די קריטעריומס פאַרן אויפפירן־זיך סיי אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, סיי אין פּריוואַטן לעבן — דאָס זיינען די געבאָטן, וואָס זיינען דער אינהאַלט פון דער פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. די דאָזיקע פאָרמולע האָט אַן אַלגעמיינעם, אַ מין „אַלגעבראַאישן" כאַראַקטער, און ביי איר פּראַקטישער אָנווענדונג דאַרף זי באַקומען קאָנקרעטע אויסטייטשונגען. אינעם סאָציאַליזם זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן קאָנקרעטערע פאָרמולעס, וועלכע האָבן פּרעטענדירט אויף דער ראָל פון העכסטע נאָרמעס פאַר דער אויפפירונג פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידעאַל. צי קענען אָט די און ענלעכע קאָנקרעטע פאָרמולעס לייזן באַפרידיקנדיק די פראַגע וועגן קריטעריומס פאַר טעטיקייט און פאַר אויפפירונג בכלל? און צי דערלאָזט די פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל די אָנטשפּרעכנדיקע אָנווענדונג אין קאָנקרעטע פאַלן, אינעם גאַנצן פאַרנעם פון די פאַרשידנאַרטיקע מעגלעכקייטן?

### 1

אין דער מאַרקסיסטישער פאַרשטעלונג איז דער סאָציאַליזם דאָס זעלבע, וואָס די „באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט", און די „באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" שטעלט מען פאַר ווי די „באַפרייאונג פון דער מענטשהייט". מיר ווייסן שוין, ווי אַרום האָט אין דער תורה פון מאַרקסיזם די אידעאַליזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון זיין „היסטאָרישער מיסיע" געקענט ברענגען צום צונויפמישן (און נאָך גאַנץ נעפּלדיק) דעם פּריוואַטן אידעאַל פון דער „בפאַרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" מיטן אוניווערסאַלן אידעאַל אין זיינע באַפרייערישע און קאָנסטרוקטיווע אויפגאַבעס. ווי עס זאָל ניט זיין, אין דער מאַרקסיסטישער דאָגמע, וועלכע איז רעציפּירט דורכן אָפיציעלן סאָציאַליזם פון דער צווייטער העלפט אַן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, ווערט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַרשטאַנען ווי אַ פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, וואָס ווערט רעאַליזירט און אָנגעפירט דורכן „באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט"; דער סאָציאַליזם, ווי אַן

אידעאַל און דאָקטרינע, ווערט געהאַלטן פאַר דער „אָפּשפּיגלונג פון די פאַרשטאַנענע אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט", און פאַרן העכסטן קרי־טעריום פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק ווערן אָנגענומען די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט". וויבאַלד דער סאָציאַליזם ווערט קוואַליפיצירט ווי אַן אוניווערסאַלער אידעאַל, קומט אויס לאָגיש, אַז דער העכסטער אויפפירונגס־קריטעריום, וואָס די נאָרמעס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל דיקטירן, — דאָס זיינען די קאָנקרעטע געבאָטן פון דער קאָנקרעטער פאָרמולע „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט", און צו זיי דאַרף מען אַפּעלירן ביי די פאַרשידענע לעבנס־סיטואַציעס.

איז ראשית, קומט דאָ אויף די שאלה, צי איז געזעצלעך דאָס פּריי־ווילעגיע־רעכט פאַר די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט". פאַרוואָס בין איך מחויב זיך צו ריכטן מיט די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט און ניט מיט די אינטערעסן פון אַ וועלכער אַנדערער סאָציאַלער גרופּע, למשל, דאָס פּויערטום, די בורזשואַזיע, דער האַנטווערקער־קלאַס, וכד'? זאָגט מען מיר: די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט דאָמינירן דערפאַר, ווייל די „באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" באַטייט די „באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט". ווייל איך, ראשית, באַמערק: וויבאַלד די „באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" אַפּעלירט צו דער „באַפרייאונג פון דער מענטשהייט", ווי צו אַ העכערער אינסטאַנץ, איז מיט דעם אַליין שוין איז מען מודה, אַז עס עקסיסטירט אַ העכערער קריטעריום, די „אינ־טערעסן פון דער מענטשהייט", וואָס צו אים איז משועבד דער קריטעריום פון די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט". טאָ פאַרוואָס־זשע זאָל איך זיך ניט ריכטן דירעקט מיט אָט דעם העכערן קריטעריום, אָנשטאָט צו זוכן די נאָרמעס פון מיין אויפפירונג אינעם נידעריקערן און צווייט־מקורדיקן קריטעריום? והשנית, די „באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט" — דאָס איז די פאַרווירקלעכונג פון אַ פּרט־אידעאַל, און זי פאַלט גאָרניט צונויף מיטן פולן אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, זי פאַלט אויך ניט צונויף אומבאַדינגט מיט דער „באַפרייאונג פון דער מענטשהייט".

ווייטער, די קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל מוזן באַזיצן אַן אַלגעמיינעם און גענוג־שטאַנדהאַפטיקן כאַראַקטער, כדי מען זאָל זיי קענען אָנווענדן ביי די פאַרשידנאַרטיקע סיטואַציעס און געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס, וועלכע טוישן זיך אין צייט און שטח. דער קריטעריום אָבער פון די „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט" באַזיצט אַן איבערגייענדיקן כאַ־ראַקטער און ער לאָזט זיך צופּאַסן נאָר צו באַשטימטע היסטאָרישע און לאָקאַלע באַדינגונגען. אויף וויפיל ער לאָזט זיך בכלל אָנווענדן, קען מען אים נאָר דאָרט און דעמאָלט אָנווענדן, וואו עס עקסיסטירט אַ קלאַסן־פאַרטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער.

מען קען אים אָבער אינגאַנצן ניט אָנווענדן צו אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס, וואו עס איז ניט בנמצא קיין פּראָלעטאַריאַט אָדער וואו עס איז שוין מער ניטאָ ניט קיין קאַפּיטאַליזם, ניט קיין פּראָלעטאַריאַט. ווי אַזוי זאָל אויסזען דער קריטעריום פון מיין אויפפירונג אין אַ געזעלשאַפט, וואו עס איז ניטאָ קיין לוין־אַרבעט, וואו עס איז ניטאָ קיין פּראָלעטאַריער, אָבער וואו עס זיינען דאָ שקלאַפן און לייבאייגענע? וואָס דאַרף זיין דער קריטעריום פון מיין אויפפירונג אין אַ דעספּאָטיש לאַנד, וואו אַלע אונ־טערטעניקע געפינען זיך אין אַ רעכטלעכן מצב פון שקלאַפן לגבי דעם אַלמעכטיקן פּאָטענטאַט? ווי אַזוי זאָל איך זיך פירן אין אַ לאַנד פון ווילדע, וואו עס בליט קאַניבאַליזם? פון דער צווייטער זייט, ווידער, מיט אַ וועלכן קריטעריום באַדאַרף איך זיך ריכטן ביי מיין אויפפירונג אין אַ לאַנד, וואו עס איז שוין אינגאַנצן ליקווידירט דער „קאַפּיטאַליזם", וואו עס איז מער ניטאָ קיין פּראָלעטאַריאַט, ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַ־טאַציע, אָבער עס הערשט דאָרט אַ בלוטיקע דיקטאַטור, אַ גרויזאַמער וויל־קיר, און דער פּאָליטישער יאָך דריקט דאָרט די באַפעלקערונגס־מאַסע אין אַן אַטמאָספער פון טעראָר און בירגער־דעגראַדאַציע?

ווייטער, וועגן אַ וועלכן פּראָלעטאַריאַט רעדט זיך עס? וועגן דעם רעאַלן פּראָלעטאַריאַט, אַט אַזוי ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט, צי וועגן דעם אידעאַליזירטן פּראָלעטאַריאַט, אַט אַזוי ווי ער וואָלט באַדאַרפט זיין, און אין לעצטן פאַל, טאַקע אין הסכם מיט אונזער אידעאַל? און וועגן וועלכע אינטערעסן רעדט זיך עס — וועגן די מאַטעריעלע און אוטי־ליטאַרע, צי וועגן מאָראַלע און אידעאישע?

אויב אַפּעלירן צום אידעאַליזירטן פּראָלעטאַריאַט און צו די אידע־איש־מאָראַלישע אינטערעסן, — דעמאָלט אַפּעלירן מיר אייגנטלעך צו אונזער אידעאַל, און מיר דעקן די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט" מיט אַ העכערער אינסטאַנץ פון קריטעריומס, פּרינציפּן און געבאָטן פון אונזער אידעאַל, וועלכן מיר, למשל, קוואַליפיצירן ווי דעם אוניווערסאַלן אידעאַל. און דעמאָלט איז, אַ חוץ „טאַקטישע" כוונות, ניטאָ קיין שום סיבה, צו וואָס מען זאָל מאַנעווורירן מיט די „אינטערעסן פונעם פּראָלע־טאַריאַט", אַנשטאָט זיך דירעקט צו ריכטן מיט די אויבערשטע קריטעריומס, וואָס צו זיי דאַרפן זיין אונטערגעוואָרפן די „אינטערעסן פונעם פּראָלע־טאַריאַט". ווידער, זאָל מען אונטער די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַ־ריאַט" פאַרשטיין די רעאַלע אינטערעסן פונעם רעאַלן און ניט־אידעאַלי־זירטן פּראָלעטאַריאַט, קען זיך באַקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האַרמאָנירט ניט: אָדער עס קען זיך אַרויסווייזן, אַז די קריטעריומס פונעם אוניווער־סאַלן אידעאַל גייען זיך פונאַנדער מיטן קריטעריום פון די „אינטערעסן

פונעם פּראָלעטאַריאַט", אָדער דער קריטעריום „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט" קען ביי געוויסע קאָנקרעטע סיטואַציעס זיך אַרויסווייזן אָנמעכטיק און ווייט פון עפעקטיווקייט. באַקומט זיך שוין יאָ אין אַ צאָל פאַלן, אַז ביידע קאַטעגאָריעס קריטעריומס פאַלן צונויף און זיינען אין הסכם, ווערט עס ניט זעלטן דערגרייכט אַדאַנק אָנגעצויגענע און קינסטלעכע אויסטייטשונגען.

באַנוצנדיק דעם קריטעריום „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט", דאַרף מען זיך שטעלן די פראַגע: וועגן וואָס פאַר אַ פּראָלעטאַריאַט רעדט זיך עס? וואָרום ניט איין פּראָלעטאַריאַט איז פאַראַנען, נאָר עטלעכע פּראָלעטאַריאַטן זיינען פאַראַן. הגם מען רעדט אָפט וועגן „אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט" אָדער וועגן „אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט", — איז אָבער ביי די היינטיקע לעבנס־באַדינגונגען דינט דער דאָזיקער טערמין פאַר די צילן פון אידעאַליזאַציע, אויף דער ליניע פון פיקציע. די אינטערעסן פון פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פּראָלעטאַריאַט קענען ניט־צונויפפאַלן, זיי קענען זיך פונאַנדערגיין, זיי קענען זיין קעגנזעצלעך. עס עקסיסטירן אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען אינעם פּראָלעטאַריאַט. און פון דער אַנדערער זייט, קען ביי דער היינטיקער געזעלשאַפט־סטרוקטור זיך אַרויסווייזן אַ רעלאַטיווע אינטערעסן־סאָלידאַרישקייט צווישן די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן־אונטערנעמער, אַן אינטערעסן־סאָלידאַרישקייט פון דער פּראָפעסיע, וואָס פאַרבינדט זיי. פּראָלעטאַריאַט — דאָס איז אַן עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע, אַן אַרבעט־קאַטעגאָריע אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע. פּראָלעטאַרישע אַנטאַגאָניזמען קענען אויפקומען אויפן באָדן פונעם פאַרשידנאַרט פון די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, זיי קענען אַנטשטיין אויפן באָדן פון ניט־עקאָנאָמישע און ניט־קלאַסן־אינטערעסן. און דעמאָלט קענען די שטרעבונגען, אידעעס, פּאָליטיק פון די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פּראָלעטאַריאַט סותר זיין איינס דאָס אַנדערע און אויסשליסן די מעגלעכקייט אָנצואווענדן אַ וועלכן געמיינזאַמען און איינהייטלעכן קריטעריום.

אַוודאי, צוליב זיין לאַגע, ווי שוין אויבן געזאָגט, ווייזט אַרויס דער פּראָלעטאַריאַט אַ געוויסע אויפנעמס־פעאיקייט צו אַ געוויסן באַפרייערישן אידעאַל; אין דער זעלבער צייט אָבער האָט דער פּראָלעטאַריאַט, אין באַזונדערע זיינע גרופּעס און קאַטעגאָריעס, ניט איין מאָל פאַרראַטן זיין „היסטאָרישע מיסיע". אינעם אַרבעטער־קלאַס, אַזוי ווי אין אַנדערע סאָציאַלע גרופּעס, שיכטן און קלאַסן, זיינען פאַראַן אידעאָלאָגן, מאָראַלישע עליטעס, „העלדן" און פּשוטע „בשר ודם'ס".

אינעם קלאַס פון פּראָלעטאַריאַט עקסיסטירט אַ היעראַרכיע פון

שיכטן און אונטער־קלאַסן, וואָס זיינען אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע דורך קאָרפּאָראַטיווע עגאָאיזמען, אַרבעט־קוואַליפיקאַציעס, דורכן ניוואָ פון לוין־אָפּצאָל, דורך רעליגיעזע קאָנצעפּציעס, דורך אונטערשיידן פון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט, מלוכה־אָנגעהעריקייט אאַ"וו. די געשיכטע פון די אַר־בעטער־פאַראיינען איז פול מיט אַנטאַגאָניזמען און קאָנפליקטן צווישן פאַרשידענע ענלעכע גרופּעס פּראָלעטאַריער; ביים לייזן אָט די אַנטאַגאָ־ניזמען ווייזט זיך דער קריטעריום „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט" אַרויס פאַר אָנמעכטיק, סיידן מען האָט פון אָט דעם קריטעריום אַפּעלירט צו דער העכערער מאָראַלער אינסטאַנץ פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. אייניקע קאַטעגאָריעס אַרבעטער זיינען עקספּלואַטירט געוואָרן אָדער אונטערדריקט געוואָרן דורך אַנדערע קאַטעגאָריעס אַרבעטער. אָרגאַניזירטע אַרבע־טער האָבן באַשוועדט דאָס אָנקומען אין זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיי־נען, כדי איינצוהאַלטן די אַרבעט־מאָנאָפּאָליע פאַר באַשטימטע פּריווילע־גירטע קאַטעגאָריעס אַרבעטער. אַרבעטער האָבן געקעמפט קעגן פרויען־אַרבעט, צוליב דער קאָנקורענץ פון די אַרבעטאָרינס, וועלכע זיינען אָפט עקספּלואַטירט געוואָרן דורך די אונטערנעמער: זייער פּראַצע האָט זיך באַלוינט נידעריקער פונעם „נאָרמאַלן היידך". אין אייניקע פאַלן האָבן די אַרבעטער געמאַכט יד־אַחת מיט די אונטערנעמערס, כדי צו הייבן די פרייזן פון די פּראָדוקטן, אין די אינטערעסן הן פון די ערשטע, הן פון די צווייטע, און קעגן די קאָנסומענטן, בכן — קעגן די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג. די אַרבעטער פון אייניקע לענדער האָבן זיך גע־האַלטן ביי אַ פּאָליטיק פון באַגרענעצן די אימיגראַציע פון אַרבעטער אויס די וויניקער גליקלעכע לענדער, כדי צו פאַרטיידיקן זייער אייגענע מאָנאָ־פּאָלע אָדער פּריווילעגירטע לאַגע. און ווען אויף איין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס האָט איין דעלעגאַט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ עגאָאיסטישער פּאָליטיק און ער האָט אירע פאַרטיידיקער דערמאָנט אין דעם רוף „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך", — האָט אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַט שאַרפזיניק אָפּגעענטפערט: „דאָס הייסט ניט, אַז די אַרבעטער פון אַלע לענדער דאַרפן זיך פאַראייניקן, צונויפזאַמלענדיק זיך אין איין לאַנד, למשל, אין אַמעריקע".

וויפל מאָל און וויפל צייט האָבן זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון פאַרשידענע לענדער געמאַטערט איבער דער פאַרענטפערונג פון קאָנקרעטע פראַגעס פון פּאָליטיק, אַרויסגייענדיק פון דעם קריטעריום „די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט"; זיי האָבן מאַכטלאָז געקעמפט מיט די סתירות און אוממעגלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך גענומען פון דעם, וואָס עס האָט געפעלט דער הסכם צווישן אָט דעם קריטעריום און צווישן די

געבאָטן פון דער העכסטער מאָראַלער אינסטאַנץ (הינטערן שוועל פון די אָפיציעלע פאָרמולעס האָט מען זיך ביי די דאָזיקע געבאָטן געהאַלטן אין פאַרשידענע קאָמבינאַציעס און מאָדאַליטעטן, שטילערהייט, אמת, נאָר טיילווייז!). די דאָזיקע פראַגעס האָבן געהאַט אָדער געקענט האָבן אַ שייכות צו דער עקאָנאָמישער סטרוקטור; גאָר באַזונדערע שוועריקייטן זיינען אָבער געווען, ווען די פראַגעס פלעגן אַרויס אויסער דער ספערע פון ריין־עקאָנאָמישע און קלאַסן־אינטערעסן. אָן אַ סוף דיסקוסיעס זיינען געווען מכוח דער אַגראַר־פראַגע, דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איבער די פראַגעס וועגן דעמאָקראַטיע, רעפּובליק און מאָנאַרכיע, וועגן דיקטאַטור, וועגן דער וואַטירונג פון די בודזשעטן, וועגן דער מיטאַרבעט מיט די בורזשואַזע פּאָליטישע פּאַרטייען, וועגן אָנטייל אין דער רעגירונג, וועגן דער אויסערן־פּאָליטיק, וועגן דער צאָל־פּאָליטיק. אויף אַ טראַגישן אופן האָט מען באַהאַנדלט די פראַגע, ווי אַזוי זיך צו פירן אין פאַל פון אַ מלחמה, און מען האָט אָנגענומען באַשלוסן פול מיט צוויי־פּנימדיקייט און ניט־דערזאָגטקייטן. ניט ווייניק צרות און דאגות זיינען געווען צוליב דער פראַגע וועגן אָנטייל אין די רעגירונגען פון די דעמאָקראַטישע לענדער. די פּראַקטישע פּאָליטיק איז געשוואומען מיטן שטראָם פון סתירות, ספקות אָדער גאָר דעמאַגאָגיע. וויפל שלעכטס האָט געבראַכט דעם סאָציאַליזם און דער דעמאָקראַטיע — דער באַרימטער טעזיס „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", איינער פון די אָנהייבן פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר לעבן איצט איבער!...

אין די אַנטשיידענע מאָמענטן אין לעבן פון דער דעמאָקראַטיע, ווען מען האָט געדאַרפט האַנדלען מיט פעסטקייט, פאַרהיטנדיק דעם מאָראַלן פאַרמעגן פון די פעלקער און פון דער מענטשהייט, — האָט דער פאַנטאָם „די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט" געדריקט דעם באַוואוסטזיין פון די און אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּעס און האָט אַריינגעבראַכט אומאַנט־שלאָסנקייט, פאַראורטיילט אויף אומטעטיקייט, דעמאַגאָגיע און אַפילו רענעגאַטישקייט; און דאָס איז געשען מיט יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן, אָן אַ היסטאָרישן פאַרשטאַנד און אונטער דער מאַכט פון קליינלעכע אָדער הילפלאָזע קריטעריומס, געטראַכט צו „באַפרייען די מענטשהייט, באַ־פרייענדיק דעם פּראָלעטאַריאַט". האָט מען דען ניט געהאַלטן, אַז דער „פּראָלעטאַריאַט איז שטענדיק גערעכט"? נו, און אַז ער האָט געשטימט אין גרויסע מאַסן פאַר לואי־נאַפּאָלעאָנען און אַפילו פאַר היטלערן?

אין דער צייט פונעם דרייפוס־פּראָצעס, ווען אין שייכות מיטן אומ־שולדיק־פאַרמישפּטן אָפיציר, האָבן זיך פאַראייניקט פראַנקרייכס אַלע פינצטערע כוחות, די מיליטאַריסטישע קאַסטע, די אַנטיסעמיטישע באַנ־דעס, די שונאים פון דער רעפּובליק, און זיי האָבן געדראָאָט צו פאַרניכטן

אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, — האָבן זיך די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן געשפּאָלטן אין דער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע: די מאַרקסיסטישע פראַק־ציע פון געדן האָט געטענהט, אַז דער דרייפוס־ענין — דאָס איז אַן אינער־לעכער ענין פון דער בורזשואַזיע און ער דאַרף ניט אינטערעסירן דעם „פּראָלעטאַריאַט"; און דער אָרעמער זשאָרעס, וועלכער איז אַרויס אין מלחמה קעגן די אַנטי־דרייפוסאַרן, האָט געמוזט ברענגען ראיות, אַז דער „פּראָלעטאַריאַט" טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פונעם „פּאַרדינסט" אַרויסצוטרעטן פאַר אַ גערעכטער זאַך... די אַרגומענטאַציע פון איין צד און פונעם צווייטן איז דערפירט געוואָרן צו דעם, וואָס זיינען די דערוואַרטונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט. אין דער צייט פונעם ערשטן וועלט־קריג האָבן פּיל־צאָליקע סאָציאַליסטן, פונעם נוסח צימערוואַלד און קיענטאַל, אינטער־פּרעטירט די מלחמה ווי אַ קאַמף פון צוויי קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן, אין וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט פאַראינטערעסירט (הגם ער ליידט פון איר), און זיי האָבן פאַרגעלייגט אַ פּאָליטיק אין הסכם מיט אָט דער אויס־טייטשונג. פאַרן צווייטן וועלט־קריג, ווען דאָס נאַצישע דייטשלאַנד האָט זיך כסדר באַוואָפנט אויסערליש אינטענסיוו און די קאַטאַסטראָפע האָט זיך דערנעענטערט באַשיימפּערלעך טראַגיש, — האָט די רעגירונג פון פאָלקס־פראָנט, אין וועלכן די סאָציאַליסטן האָבן געשפּילט אַזאַ אַנגע־זעענע ראָלע און וועלכער איז אויך געווען געשטיצט פון די „קאָמו־ניסטן", געטריי געזאָרגט וועגן די „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט"; זי האָט געפירט אַ פּאָליטיק, וועלכע האָט אין אַ געוויסער מאָס געשטויסן דאָס לאַנד אויפן וועג פון אונטערגאַנג און האָט אין יענער אַטמאָספערע פון הפקרדיקער דעמאַגאָגיע פאַרשטאַרקט פראַנקרייכס דעמאָראַליזאַציע און אָפּשוואַכונג.

דער קריטעריום „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט" — דאָס איז אַזאַ מין „טעאָרעטישע דעמאַגאָגיע", וועלכע איז אַריינגעדרונגען אין דער פאָרמולע פונעם אידעאַל און שטרעבט צו דערגרייכן רעאַלע דערפאָלגן אינעם „דעמאָס", פאַרן פּרייז פון געפערלעכע אילוזיעס און נאָך מער גע־פערלעכע צוויי־פּנימדיקייטן.

ווען מען זאָל דעם קריטעריום „אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט" אויסברייטערן און אויף זיין אָרט אַוועקשטעלן דעם קריטעריום „האָרע־פאַשנע מאַסן" אָדער „דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק", — וועט דער קריטעריום ווערן אָפּגעשוואַכט, אָבער ער וועט אַלץ ניט אויפהערן צו ליידן פון אילו־זאָרישע פאָסטולאַטן, פון צווייידייטיקייטן, אומאַנטשפּרעכטקייטן, פון אָפּטער אומבאַהאָלפנקייט. וואָרום די פּראָבלעם פון אַרבעט איז נאָר איינע פון דער צאָל פּראָבלעמען, וועלכע דער אוניווערסאַלער אידעאַל איז באַרופן

צו פאַרענטפערן. און פון דער אַנדערער זייט, אויב מען זאָל ניט אַריינפאַלן אין דער אידעאַליזאַציע פונעם „אַרבעטנדיקן פאָלק", לויטן מוסטער פון דער אידעאַליזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, — דעמאָלט דאַרף מען זיך פאַרשטעלן די אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען פונעם „אַרבעטנדיקן פאָלק" נאָך אין אַ מער דראַמאַטישער פאַרשידנאַרטיקייט, איידער די אינעווייניק־סטע אַנטאַגאָניזמען פונעם פּראָלעטאַריאַט. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז אַרבעט אַליין פאַר זיך איז נאָך ניט קיין אַבסאָלוט פּאָזיטיווע קאַטעגאָ־ריע (עס איז דאָך מעגלעך אומנוצלעכע אַרבעט, פּאַראַזיטישע אַרבעט, שעדלעכע אַרבעט), — דער קריטעריום פון אַרבעט איז ניט בכוח צו לייזן די קאָנסטרוקטיווע און באַפרייאונגס־פּראָבלעמען, וועלכע ווערן געבוירן דורכן פאַרוויקלטן קאָמפּלעקס אַנטאַגאָניזמען פון ניט־עקאָנאָמישער, ניט־אַרבעטנדיקער, ניט־קלאַסנדיקער נאַטור.

די קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל לאָזן זיך ניט אויס־שעפּן, לאָזן זיך ניט דעקן און זיי קענען ניט צונויפפאַלן מיט וועלכע ס'איז קריטעריומס פון די אינטערעסן פון אַ באַזונדערער סאָציאַלער גרופּע (סיידן, פאַרשטייט זיך, אַן אידעאישע גרופּע, וועלכע נעמט אָן דעם אוני־ווערסאַלן אידעאַל און ריכטעט זיך מיט אירע אידעאישע אינטערעסן). יעדע אידענטיפיצירונג פון אַזאַ אַרט איז פאַרבונדן מיט אידעאַליזאַציעס, וועלכע זיינען געפערלעך אַמאָל צוליב די אילוזיעס און מעגלעכע אַנטוי־שונגען, אַמאָל צוליב די צוויי־פּנימדיקייטן און סתירות, וואָס זיי רופן אַרויס, אַמאָל צוליב די אויסטייטשונגען, וואָס פירן צו דער דעגראַדירונג פונעם אידעאַל, אַמאָל צוליב דער אומאויפריכטיקייט אין די אויספירן און פּראַקטישע אַנווענדונגען.

## 2

די פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל גיט אונז קריטעריומס פאַר דער אויפפירונג סיי אין געזעלשאַפטלעכן סיי אין פערזענלעכן לעבן (אויף וויפל דאָס לעצטע האָט אַ שייכות צום ערשטן). די דאָזיקע פאָר־מולע איז אַקטועל סיי אין אירע באַפרייערישע נאָרמעס, סיי אין אירע קאָנסטרוקטיווע פאָרגעבונגען.

ביים באַנוצן די פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל אויף פעסט־צושטעלן און אָנצואווענדן די אויפפירונגס־קריטעריומס, דאַרף מען זיך רעכענען מיט די ווייטערדיקע עובדות (מיר האָבן זיי שוין אויפגעוויקלט אין אונזערע פריערדיקע באַטראַכטונגען), וועלכע לאָזן זיך קורץ אַזוי פאַר־סך־הכלען: גרויס איז די צאָל סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און אַנטשפּרעכנ־

דיקע פּרט־אידעאַלן ביי דער עמאַנסיפּאַציע־אַרבעט; עס עקסיסטירן עט־לעכע אַנטינאָמיעס, וועלכע ווייזן זיך אַרויס אינעם דורכפירן באַזונדערע באַרמעס ביזן „אַבסאָלוטן גרענעץ״, און עס ווערט נויטיק צו זוכן אַ „רעזולטירנדיקע קראַפט״; מען דאַרף אונטערשיידן די פּרט־אידעאַלן, וואָס גייען אַריין אינעם אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל — פון, די פּריוואַטע אידעאַלן; עס עקסיסטירן היעראַרכיעס פון די מאָראַלע גרו־פּעס, אין פּרט פון די פליכטן, וואָס זיי נעמען אויף זיך; עס זיינען דאָ פאַרשידענע מאָראַלע אויפפירונג־נאָרמעס, פאַר פאַרשידענע מאָראַלע קאַ־טעגאָריעס און אין פאַרשידענע אָרגאַנישע עפּאָכעס; עס פעלט די עקווי־וואַלענטישקייט צווישן די אינטערעסן פון אַ וועלכער קאָנקרעטער סאָציאַ־לער גרופּע און די קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אינעם קאָנסטרוקטיוון אידעאַל איז דער עיקר ניט די אָדער אַנדערע ענדערונגס־פאָרמאַציע (למשל, די פּראָפּאָרץ פון דער קאָלעקטיוויזאַציע און אינדיווידואַליזם אין דער פּלאַניפיצירטער עקאָנאָמיע פון דער געזעלשאַפט), נאָר — וועלכע איז די בעסטע פאָרעם אויף צו דערגרייכן דעם ציל.

אין זיינע עמאַנסיפּאַציע־געבאָטן, רעדט דער קריטעריום פון, אוני־ווערסאַלן אידעאַל קעגן יעטוועדער פאָרעם פון אונטערדריקונג, פאַרשקלאַ־פונג, עקספּלואַטאַציע, פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט. דאָס זיי־נען, ראשית כל, אַלגעמיינע אידעאַלן, מיט וועלכע עס קען ניט קאָנקו־רירן און קעגן וועלכע עס קען זיך ניט אַנטקעגנשטעלן קיין שום פּריוואַ־טער אידעאַל. איך האָב, למשל, ליב מיין פאָטערלאַנד, מיין מדינה, מיין פאָלק, מיין נאַציאָנאַלע קולטור; איך האָב זיי ליב מער, איידער אַנדערע פעלקער און אַנדערע קולטורן. דאָס איז מיין פּריוואַטער אידעאַל, און אין דעם זינען האָב איך אַ רעכט צו זיין אַ „פּאַטריאָט״. אָבער אָט איז מיין פאָלק אַריין אין קריג, ווי אַן אַגרעסאָר, מיט אַ צווייט פאָלק, כדי אים צו אונטערריאָכן און פאַרקנעכטן. צי דערלויבט מיר דעמאָלט מיין „פּאַט־ריאָטיזם״ — דאָס דינען מיין פּריוואַטן אידעאַל — צו קאָאָפּערירן גע־ויסנהאַפטיק מיט מיין פאָלק דעם אַגרעסאָר און גיין קעגן דעם העכערן אוניווערסאַלן אידעאַל, וועלכער פאַראורטיילט יעטוועדער פאַרשקלאַפונג? איך לעב אין אַן אָרגאַנישער עפּאָכע, ווען מלחמות האָבן נאָך ניט אויפ־געהערט, און איך באַטייליק זיך אין די באַמיאונגען, אַז דער דאָזיקער באַרבאַרישער מעטאָד צו לייזן קאָנפליקטן זאָל ווערן אַ פאַרגאַנגענע לע־גענדע. אויב איך לעב אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה, באַנוץ איך אין דער פולער מאָס אַלע מיטלען, וועלכע דער פרייער רעזשים שטעלט אין מיין

רשות, כּדי צו האָבן אַ השפּעה אויף מיינע מיטבירגער און באַוועגן זיי זיך אָפּצוזאָגן פֿון דער פֿאַרברעכערישער זאַך. האָט זיך אָבער די מלחמה דאָך אָנגעהויבן, דעמאָלט טרעט איך ניט אָפּ, צוליב מיין פּריוואַטן „פּאַטריאָטיזם"־אידעאַל, פֿון די געבאָטן פֿונעם העכערן אידעאַל. בין איך נאָר ניט פֿאַרמישפּט אויף אַבסאָלוטע אומבאַהאָלפֿנקייט, יעמאָלט שטרעב איך צו דעם, אַז די מלחמה זאָל ניט נאָר ליקווידירט ווערן וואָס גיכער, נאָר אויך אַז איר אויסגאַנג זאָל ברענגען צו רעאַליזאַציעס, וואָס זיינען אין הסכם מיט די נאָרמעס פֿון העכסטן אידעאַל, ווי למשל ליקווידאַציע פֿון די אַבסאָלוטיזמען און געוואַלט־רעזשימען, פֿרידלעכע פֿעדערירונג פֿון די פֿעלקער, וכד׳. אין אַזאַ סאָרט אַקציע קענען זיך פֿון מיר פֿאָדערן קרבנות, און אַפֿילו העראָאישע אַקטן. איך קען געהערן צו אַ מאָראַליש־אידעאָלאָגישער גרופּע פֿון אַ געוויסן ראַנג, און די קרבנות, וואָס איך זאָל דאַרפֿן צוטראָגן — אויב זיי וועלן זיך פֿאָדערן — וועלן זיין אָפּהענגיק פֿונעם פֿריי־אויסגעוויילטן פּלאַץ, וואָס איך פֿאַרנעם אין דער היעראַרכיע פֿון די מאָראַלע גרופּעס.

איך לעב אין אַ לאַנד, וואו עס הערשט גרויזאַמער פּאָליטישער דעספּאָטיזם. לויט מיינע מעגלעכקייטן נאָך שטרעב איך אַראָפּצוואַרפֿן די דעספּאָטישע מאַכט און פֿאַרבייטן זי מיט אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פֿאַר קיין רעוואָלוציאָנערער געוואַלט־איבערקערעניש. ווארום איך לעב אין אַזאַ אָרגאַנישער עפּאָכע, אַז עס איז געזעצלעך און אומפֿאַרמיידלעך אָנצואווענדן געוואַלט אין קאַמף פֿאַרן באַפֿרייאונגס־אידעאַל. פֿון מיין ראַנג אין דער היעראַרכיע פֿון די מאָראַלע גרופּעס הענגט אָפּ די מאָס קרבנות, וועלכע איך בין פֿעאיק צו ברענגען אינעם דאָזיקן קאַמף, אויב איך בין בכלל גרייט צו גיין אויף קרבנות. איך בין אַ ריגאָריסט אין דער פֿראַגע וועגן פּאָליטישער פֿרייהייט, איך בין אַ ריגאָריסט און אַן אַנטשיידענער קעגנער פֿון פּאָליטישן דעספּאָטיזם; איך האַלט, אַז אַ תהום טיילט אָפּ דעם לעצטן פֿונעם פֿאָלק, און אַז קיין שום קאָמפּראָמיסן אָדער אָפּמאַכן מיטן פּאָליטישן דעספּאָטיזם זיינען ניט מעגלעך. איך געפֿין זיך לגבי אים אין אַ שטאַנד פֿון אָפֿענעם אָדער באַהאַלטענעם קריג. און דאָך ווייס איך, אַז צווישן מיין לאַנד און זיין דעספּאָטישער רעגירונג איז דאָ אַ געוויסע, אמת, באַגרענעצטע, רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט, ווארום יעדע, אַפֿילו די ערגסטע רעגירונג, פֿירט דאָך אויס געוויסע אַדמיניסטראַטיווע פֿונקציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו אָרדענונג און זיכערקייט, אָן וועלכע דאָס לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט איז אַבסאָלוט אוממעגלעך. אייניקע פּאָליטישע שרייבערס, למשל, הערבערט

ספּענסער, האָבן אַפילו געהאַלטן, אַז דער גרויזאַמסטער דעספּאָטיזם איז אַלץ גלייכער איידער הוילע אַנאַרכיע.

איצט לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז איך לעב אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה, וואו דעם פאָלקס סאוועראַניטעט איז געזעץ, וואו עס זיינען רעאַליזירט די פּאָליטישע פרייהייטן און עס זיינען גאַראַנטירט די רעכט פון מענטש און בירגער, אָבער וואו עס עקסיסטירט נאָך די קלאַסן־צעגלידערונג פון דער געזעלשאַפט און די עקספּלואַטאַציע פון איינע פאָלקס־גרופּעס דורך די צווייטע. איך לעב אין אַ העכערער אָרגאַנישער עפּאָכע — לפּחות פאַר דעם לאַנד, — וואו עס איז מער ניט דערלאָזבאַר צו באַנוצן כוח און געוואַלט אויף צו פאַרווירקלעכן פּראָגרעסיווע ענדערונגען, וואָס אַנטשפּרעכן דער היעראַרכיע נאָרמעס פון אוניווערסאַלן אידעאַל (לפּחות אויסער יענע פאַלן, ווען דאָס פאָלק אַליין פירט דורך אַ פאַרראַט לגבי די גרונט־געזעצן פון דער דעמאָקראַטיע); אָבער איך שטרעב אויפצוהויבן די געזעלשאַפט אויף דער שטופע פון נאָך אַ העכערער אָרגאַנישער עפּאָכע, וואו קיין קלאַסן־דיפערענציאַציע פון דער געזעלשאַפט וועט שוין מער ניט האָבן קיין פּלאַץ. דאָס געזעץ פון דעמאָקראַטיע פאַרלאַנגט, אַז איך, אייבער פון די בירגער, וואָס שטעלן צוזאַמען דאָס פאָלק, זאָל פאָלגן די החלטות פון פאָלק, וועלכע זיינען אויסגעדריקט דורך אים אָדער דורך זיינע פאַרשטייער אין זיין מערהייט. באַלאַנג איך צו דער מערהייט, דעמאָלט איז ניטאָ קיין שום „שער" צווישן דעם דעמאָקראַטיש־מלוכהשן צוואַנג און מיין אייגענער אויפפירונג אָדער מיט דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער איך געהער. אויב אָבער איך בין ניט מסכים מיט דער מיינונג פון דער מערהייט, אויב איך אָדער מיין פּאַרטיי זיינען אין דער מינדערהייט, — דעמאָלט נוץ איך אויס די פרייהייט און די רעכט, וואָס דער דעמאָקראַטישער רעזשים גיט מיר, און קעמף, אין דעמאָקראַטישע פאַרמען, קעגן דער מיינונג פון דער מערהייט, וואָס איז ניט מיין מיינונג. לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז דאָס פאָלק און זיין מערהייט פאַרבלייבן אין זייער פּאָליטיק געטריי די פּאָליטישע און רעכטלעכע גרונט־פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע, זיי זאָגן זיך אָבער אָפּ צו פאַרווירקלעכן יענע ראַדיקאַלע ענדערונגען, וואָס וואָלטן געקענט אויפהייבן די געזעלשאַפט אויף דער מדרגה פון אַ העכערער אָרגאַנישער עפּאָכע, למשל, איבערבויען די געזעלשאַפט אויף יסודות פון אַן אַן־קלאַסנדיקער אָדער פּלאַניפיצירטער סטרוקטור. צי מעג איך (אָדער מיין פּאַרטיי) זיך האַלטן פאַר באַרעכטיקט צו סאַבאָטירן דאָס מלוכה־לעבן, צ״ב דורך אָפּזאָגן זיך צו וואָטירן דעם מלוכה־בודזשעט, אויף דעם גרונט, וואָס „אונזער וועלט איז אָפּגעטיילט מיט אַ תהום פון יענער וועלט"? דאָס באַטייט, דאָס רעכט פון סאַבאָטירן דעם מלוכה־לעבן אָנערקענען אויך פאַר אַנדערע מינדערהייטן, אין

נאָמען פון זייער אידעאַל, וועלכער איז דער היפוך פון מיין אידעאַל, און אַפילו אין נאָמען פון זייער פּראָגראַם, וועלכע גייט קעגן דעם עצם דעמאָ־קראַטישן רעזשים. אַזאַ אַרט פּאָליטיק גראָבט אונטער די עצם יסודות פונעם דעמאָקראַטישן, ממילא אויך פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל.

מיר ווייסן, אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אין האָהענצאָלערן־דייטשלאַנד זיך געהאַלטן ביי דער דירעקטיוו „פאַר אַט דעם רעזשים — קיין גראָשן ניט, קיין זעלנער ניט", האָט אין רייכסטאַג גע־שטימט פאַר די קרעדיטן אויף דער אַגרעסיווער מלחמה פון 1914. מיר ווייסן, אַז די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון אָפּזאָגן זיך צו וואָטירן דעם בודזשעט, האָבן זיך געשטעלט אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער פּאַרטיידיקונג, נאָכדעם ווי דאָס אימפּעראַטאָרישע דייטשלאַנד האָט דערקלערט קריג פראַנקרייך, און זיי האָבן אַפילו זיך באַטייליקט אין די רעגירונגען פון דער קריגס־צייט. דאָ — האָבן מיר ווידערשפּרעכונגען הן אין די פּרינציפּן הן אין דער פּאָליטישער האַלטונג, און אין דעם שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ געוויסער מאָס, אַז עס האָט געפעלט אויפריכטיקייט־לאָגיק אין דער פּאָליטישער וועלט־אַנשויאונג פון די אָנהענגער פונעם אידעאַל. די אידעע גופא וועגן דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" האָט אַנטהאַלטן אין זיך ניט נאָר אַ ווידערשפּרוך, נאָר אויך אַ מין אָפּטריניקייט לגבי דעם דעמאָקראַטישן, און ממילא אויך דעם אוניווערסאַלן אידעאַל. דער פּראָלעטאַריאַט קען זיך דערלויבן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן ניט קיין רעכט זיך צו דערלויבן... אַזוי האָט די מוסולמענישע אָרטאָדאָקסיע, אין דער תקופה פון באַגדאַדער קאַליפאַט, ערנסט געשטעלט די פראַגע, צי קען דער אַללאַה טאָן אַן עברה. דער ענטפער איז קלאָר: גאָט מעג אַלץ!

די אַלע ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן אַזוי פיל מאָל און אַפילו כראָניש געמאַטערט די סאָציאַליסטן בעת זיי האָבן געזוכט פּראַקטישע לייזונגען פון אַ ריי פראַגעס, האָבן זיך גענומען פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך גע־האַלטן ביי קריטעריומס און פּרינציפּן, וואָס האָבן ניט געשטימט צווישן זיך. דאָס דירעקטע אָנווענדן קריטעריומס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, פריי פון אידעאַליזאַציע־פּענטעס וועגן „אויסדערוויילטן" קלאַס און וועגן היסטאָרישן פּראָצעס, — אָט דאָס האָט געגעבן אָנשפּאַר־פּונקטן פאַר שמערצלאָזע אויפפירונגס־נאָרמען און דאָס האָט אַפילו ליקווידירט דאָס עצם אַוועקשטעלן פון אייניקע פראַגעס.

עס האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געפיניקט די אַגראַר־פראַגע, אין אירע פאַרשידענע אַספּעקטן. ראשית כל האָט זיך אַרויסגערוקט דער קעגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פון די פּראָלעטאַריער, אַלס קאָנסומענטן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, און פון די פּויערים־ערדאַרבע־

טער, ווי פּראָדוצירער און פאַרקויפער פון די דאָזיקע פּראָדוקטן: די ערשטע
זייבען פאַראינטערעסירט אין נידעריקע פּרייזן אויף די פאַרברויך־פּראָ־
דוקטן, די לעצטע — אין הויכע פּרייזן. פּונקט אַזוי ווי יעטוועדער האָ־
רעפּאַשניק וואָלט ניט געוועזן גלייכצייטיק אי אַ פּראָדוצירער אי אַ פאַר־
ברויכער! אין דעם פּרט איז קיין שום אונטערשיד ניטאָ צווישן דעם
פּויער־ערדאַרבעטער און דעם פאַבריק־אַרבעטער. די טעאָריע פון „מער־
ווערט" מיט אַלע אירע אינעווייניקסטע דעפעקטן באַזייטיקט ניט דעם פאַקט,
אַז די פאַרגרעסערונג פונעם אַרבעטערס שכירות שלעפּט מיט זיך — אויב
ניט שטענדיק, איז געוויינלעך — די פּרייזן־העכערונג אויף די פאַבריקס־
פּראָדוקטן, ובתוכם אויף אַזעלכע, וואָס ווערן ברייט פאַרברויכט הן דורך
פּויערישע הן דורך פּראָלעטאַרישע מאַסן; אין געוויסע פאַלן האָבן זיך
אָרגאַניזירט קאָאַליציעס פון אַרבעטער־פאַראייניגן מיט אונטערנעמערס,
מיטן צוועק איינצושטעלן אַ מאָנאָפּאָל אין דער פּראָדוקציע, העכערן די
פּרייזן אויף די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, און גלייכצייטיק העכערן דעם
אַרבעט־לוין פון די אַרבעטער און דעם פאַרדינסט פון די אונטערנעמערס.
קלאָר, אַז דאָ ווערט געשטעלט די פראַגע וועגן דער ניט־דערלאָזבאַרקייט
פון קיין קעגנזייטיקער עקספּלואַטאַציע. סיי דער אַרבעטער, סיי דער
לאַנדווירט האָט אַ רעכט (אַלץ איינס אין דער אינדיווידואַליסטישער, פּונקט
ווי אין דער פּלאַניפיצירטער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט) אויף אַ גע־
וויסן „נאָרמאַלן" לעבנס־סטאַנדאַרד און אויף אַ „גערעכטע" אַרבעט־
באַלוינונג: דער פּויער־לאַנדווירטשאַפטלער טאָר ניט עקספּלואַטירן די
פאַבריקס־פּראָלעטאַריער, אָבער אויך דער אַרבעטער טאָר ניט עקספּלואַ־
טירן דעם פּויער. נון, קומט די טעזע וועגן דעם, אַז דער פּויער־„אייגנ־
טימער" איז „ניט־אויפנאַמספּעאיק" און אַז די „פאַטאַלע" עוואָלוציע וועט
ברענגען צו דער פּראָלעטאַריזאַציע פונעם פּויערטום און צו דער קאַפּי־
טאַליסטישער קאָנצענטראַציע פונעם ערד־אייגנטום און פון דער לאַנד־
ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע; איז אַ חוץ דעם, וואָס דער דאָזיקער פּראָ־
גנאָז איז אַ וואַקלדיקער און עס זייגען דאָך מעגלעך רעזולטאַטן פון דער־
ציען סאָציאַל־פּאָליטיש און פּראָפּאַגאַנדירן די פּויערים־מאַסע, זי זאָל
פון אַנדערע נעמען אַ ביישפּיל, — דאַרף מען נאָך געדענקען, אַז עס זיי־
נען פאַראַן סאָציאַליזמען, און ניט קיין „סאָציאַליזם". די ווירטשאַפטלעכע
פּלאַניפיצירונג פון דער געזעלשאַפט קען דורכמאַכן פאַרשידענע אָרגאַנישע
עטאַפּן, און עס קען זיך אין זיי זייער גוט צונויפפּאָרן מלוכהשע פאַרגע־
זעלשאַפטלעכונג מיט אינדיווידואַליזאַציע אין דער פּראָדוקציע, באַפרי־
דיקנדיק דערביי די גרונט־נאָרמעס פונעם העכסטן אידעאַל. דער עיקר
איז דער מהות פון די דערגרייכונגען, און ניט די מעטאָדן און פאָרמען,

ווי אַזוי דער ציל ווערט פֿאַרווירקלעכט און ווי אַזוי די גרונט־פֿאַרגעבונגען פֿונעם אוניווערסאַלן אידעאַל ווערן געלייזט.

ווי אַ געווער אויף צו ענדערן ראַדיקאַל די געזעלשאַפֿט, האָט מען פֿאַרגעלייגט די פּאַרטיי, דעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, דעם קאָאָפּעראַטיוו (פּראָדוציר־ און קאָנסום־). ביים אָפּשאַצן די פּראָגראַמען, די פּאָליטיק און אויפֿפֿירונג פֿון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס דאַרף גענומען ווערן פֿאַר אַ יסוד די קריטעריומס פֿונעם העכסטן אידעאַל, און אין דער ערשטער ריי, זיינע באַפֿרייערישע נאָרמעס: די באַזייטיקונג פֿון אַלע פֿאָרמען אונטערדריקונג, פֿאַרשקלאַפֿונג, עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט.

פֿאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען פֿאַרמאָגן פֿאַרשידענע פּראָגראַמען. אַ פּראָגראַם — דאָס איז ניט נאָר אַ פֿאָרמולירונג פֿון די צילן און וועלט־אַנשויאונג (אויב אַזעלכע עקסיסטירט און איז אויסגעדריקט ווי אַן אַלגעמיינע פּלאַטפֿאָרם) פֿון דער פּאַרטיי, נאָר דאָס איז אויך אַ מין אָפּמאַך (אַוודאי אַן אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער אָפּמאַך), וועלכער פֿאַרבינדט די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך פֿרייוויליק פֿאַראייניקט אין דער פּאַרטיי. איך דין דעם העכסטן אָדער דעם אוניווערסאַלן אידעאַל. איך קען אַריינטרעטן אין יעדער באַליביקער אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך אַזאַ אָדער אַנדערן ציל, בתנאַי אָבער אַז אָט דער ציל זאָל ניט זיין אין סתירה צו די נאָרמעס פֿון מיין אידעאַל. איך קלייב אויס יענע פּאַרטיי, וואָס איר פּראָגראַם פּאַסט זיך נענטער צו מיין קוק און צו מיין אידעאַל. עס איז ניטאָ קיין איין פּאַרטיי, וואָס אַלע אירע מיטגלידער זאָלן זיך האַלטן אַבסאָלוט ביי איינע און די זעלבע בליקן, אַפֿילו אין דער אָפֿיציעלער פֿאָרמולירונג פֿון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם, אָדער זיי זאָלן זיין אַבסאָלוט איינשטימיק מיט די קאָנקרעטע מאָמענטן פֿון דער פּאָליטיק, וואָס ווערט געפֿירט אין יעדן געגעבענעם מאָמענט. צו אַלץ איז אָבער דאָ אַ גרענעץ, און אין דעם פֿאַל איז דער גרענעץ: ניט פֿונאַנדערגיין זיך מיט די העכסטע נאָרמען פֿונעם אידעאַל. די פּאַרטיי פּראָקלאַמירט זיך, למשל, פֿאַר דער פּאַרטיי פֿונעם פּראָלעטאַריאַט צי פֿון פּויערטום, צי בכלל פֿון אַרבעט, און אין איר פּאָליטיק ריכטעט זי זיך מיט די אַנטשפּרעכנדיקע קריטעריומס, וועלכע איך באַטראַכט פֿאַר ניט־אַדעקוואַט צום קריטעריום פֿונעם העכסטן אידעאַל. אינעווייניק אין דער פּאַרטיי אַרבעט איך, אויף וויפֿל עס איז אָפּהענגיק פֿון מיינע כוחות, אויף צו פֿאַרפֿולקאָמען די קריטעריומס און פּראָגראַמען פֿון מיין פּאַרטיי, ביז ווי לאַנג זי גייט ניט אַרויף אויף אַ דרך, וואָס איז פֿולשטענדיק אין סתירה מיט די געבאָטן פֿונעם העכסטן אידעאַל. אָבער אָט ווערט די פּאַרטיי אַלץ מער און מער דעפֿאָרמירט אין אירע פּרינ־

ציפּן און קריטעריומס, און אין אַ געוויסן מאָמענט הויבט זי אָן פירן אַ דעמאַגאָגיע, וועלכע דעמאָראַליזירט די מאַסן און דעזאָרגאַניזירט די דע־מאָקראַטישע אָרדענונג, זי טרעט אַריין אין אַ פאַרבינדונג צי אין אַ סימביאָז מיט די שונאים פון דער דעמאָקראַטיע (מעג זיין אַפילו פון „לינקס"), זי העלפט אָפּשוואַכן און דעמאָראַליזירן דאָס לאַנד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בייזע שונאים, וועלכע גרייטן צו איר אונטערגאַנג און פאַרשקלאַפונג. דעמאָלט איז מיין חוב אויפצוהייבן אָן אויפרודער אין דער פּאַרטיי, און אויב דאָס גיט ניט קיין האָפענונג — אַרויסטרעטן פון איר און פאָרזעצן דעם קאַמף קעגן דער שעדלעכער פּאָליטיק, וועלכע איז אין שאַרפער סתירה צום באַפרייאונגס־אידעאַל.

דער סינדיקאַליסטישער אידעאַל און דער קאָאָפּעראַטיווער אידעאַל קענען ניט פּרעטענדירן אויף דער ראָל פון אַן אוניווערסאַלן אידעאַל, ביז ווי לאַנג זיי זיינען באַגרענעצט בלויז מיט פאַרגעבונגען, וואָס באַציען זיך צו דער ספּערע פון אַרבעט, פּראָדוקציע און פאַרברויך. דאָס פּאַרטיי־דיקן די אַרבעט־אינטערעסן פון די אַרבעטער אָדער די פאַרברויך־אינטע־רעסן לייזט ניט די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן קאָמפּלעקס אַנטאַגאָניזמען, פון וועלכע די געזעלשאַפט ליידט, און קען ניט געבן קיין ברייטע און אַלגעמיינע אויספירונגס־קריטעריומס. אָבער די אויפגאַבעס, וועלכע די דאָזיקע אידעאַלן זיינען אויסן, גייען אַריין אין דער קאַטע־גאָריע פּאָזיטיווע שטרעבונגען פונעם העכסטן אידעאַל און זיי דאַרפן אים זיין אונטערגעוואָרפן בנוגע די גרונט־קריטעריומס, ניט טראַכטנדיק צו אויזורפירן די העגעמאָניע פון די לעצטע. אָט די גרונט־קריטעריומס דאַרף מען אַנטקעגנשטעלן לגבי דער טענדענץ צו דעפאָרמירן די באַפריי־אונגס־נאַטור פונעם סינדיקאַלן, פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוון אידעאַלן, וויבאַלד אָט די לעצטע פאַרלירן זייער עמאַנ־סיפּאַציע־גייסט און נעמען אָן אַ קאָרפּאָראַטיוו־עגאָאיסטישן פּרצוף. אַזוי, די אַרבעטער־פאַראיינען, ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, קענען פירן אַ פּאָליטיק פון מאָנאָפּאָליעס און פּריווילעגיעס, להיפוך צו די אינטערעסן פון דער גע־זעלשאַפט און פון אַנדערע אַרבעטער; פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון קענען דעגענערירן צו צעכן, וואָס עקספּלואַטירן לוין־אַרבעט אויף געווינלעכע יסודות; פאַרברויכס־קאָאָפּעראַטיוון קענען דעגענערירן צו קאָמערציעלע אונטערנעמונגען, וואָס ציען ריווח פון האַנדל מיט די קויפערס, ניט־מיט־גלידער פון קאָאָפּעראַטיוו. פון דער אַנדערער זייט ווייסט די געשיכטע פון סינדיקאַליזם, אַז עס האָט זיך געהאַט באַוויזן אַ שולע, אין וועלכער איניקע טעאָרעטיקער פון דער באַוועגונג (זי האָט זיך גערופן „רעוואָלו־ציאָנערער סינדיקאַליזם") האָבן זיך געפּרוּווט אַרויסשטעלן אָט דעם אידעאַל פאַרן אוניווערסאַלן אידעאַל, אין פּרט פון עמאַנסיפּאַציע און אין

דער קאָנסטרוקטיווער פּלאַן; די דאָזיקע שולע האָט געגלאַנצט מיט פּאַראַ־דאָקסן און סתּירות און בראַווירט מיט איר אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריזם און אין אַ געוויסער מאָס אַנטידעמאָקראַטיזם; צוביסלעך איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ חלשות־צושטאַנד: דאָס איז געשען נאָכדעם, ווי אירע גרונטלייגערס זיינען — פיזיש אָדער מאָראַליש — פאַרשוואונדן, און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן איז געקומען אַ צעמישעניש, אַדאַנק דער מלחמה מיט אַלע אירע קאַטאַסטראָפישע פאָלגן.

די קריטעריומס פונעם העכסטן אידעאַל באַלויכטן ניט נאָר די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אויפפירונג, נאָר אויך די נאָרמעס פון דער פּערזענלעכער באַנעמונג פון די יחידים. צווישן אָט די נאָרמעס טאָר ניט זיין קיין „שער", זיי מוזן זיין אין הסכם מיט די באַפרייערישע קריטעריומס פונעם העכסטן אידעאַל, וועלכע פאַרלאַנגען די באַזייטיקונג פון אַלע פאָרמען אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע, פאַרשקלאַפונג און פּאַראַזיטישער סאָציאַלער אומגלייכקייט; זיי דאַרפן שטימען מיט די קאָנ־סטרוקטיווע פאַרגעבונגען פונעם דאָזיקן אידעאַל, אויף וויפל די לעבנס־באַדינגונגען פון דער געגעבענער אָרגאַנישער עפּאָכע גיבן דערצו די מעגלעכקייטן. פאַר געוויסע קאַטעגאָריעס פון די אָנפירנדיקע עליטעס גיסט זיך צונויף אין איין גאַנצקייט דאָס פּערזענלעכע און דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן. די מאָראַלע עליטעס גייען אויף קרבנות, וואָס זייער פאַרנעם און גרייס הענגען אָפּ פון דער הייך פונעם ראַנג, וועלכן די עליטעס פאַרנעמען אין דער היעראַרכיע פון די מאָראַלע גרופּעס. ביי געוויסע לאַגעס האַנדלט דער יחיד אַזוי, ווי ער וואָלט שוין געלעבט אין אַ העכערער אָרגאַנישער עפּאָכע.

כּדי זיך צו ריכטן סיסטעמאַטיש, אין געזעלשאַפטלעכן און פּערזענ־לעכן לעבן, מיט די העכערע אויפפירונג־קריטעריומס, וועלכע דער יחיד זאָל באַוואוסטזיניק איינזאַפּן, — מוז קומען דער תּנאַי קודם: מען דאַרף פאַר זיך אויסאַרבעטן פעסטע איבערצייגונגען, וואָס זאָלן נאָרמירן די טעטיקייט אונטערן שטענדיקן קאָנטראָל פון דער מאָראַלער קריטיק, עס מוז אויך זיין אויפריכטיקייט אין געדאַנק און אין אַקציע.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

# די פּעריפּעטיעס פונעם אידעאַל

די אידעאַלן פאַרמאָגן זייער געשיכטע. זיי טוישן זיך אין זייער אינהאַלט, אין זייערע אויסטייטשונגען, אינעם כאַראַקטער פון זייער באַנעמען, אין דער אויפריכטיקייט פון זייער אָנערקענונג, אין דער מדרגה פעסטקייט פון די פּרינציפּן און איבערצייגונגען, — סיי אין טעג פון גרויסקייט סיי אין טעג פון ירידה. אינעם גורל פון די אידעאַלן לאָזט זיך אָפּט קאָנסטאַטירן אַ טויש פון די פּאַזעס: ענטוזיאַזם און דעפּרעסיע, ראַדיקאַליזם און אָפּאָרטוניזם, בלינדער הסכם און קריטיק, איינשטימיקייט און חלוקי־דעות, ליידנשאַפטלעכער פאַנאַטיזם און קאַלטער אָביעקטיוויזם צי אינדיפערענטיזם, אויפריכטיקע אָנערקענונג און קאָנדיציאָנעלע טראַדיציאָנעלקייט, פּרינציפּן־געטריישאַפט און וואַקלדיקייט אין די איבערצייגונגען אָדער פּשוטע רענעגאַטישקייט צי אָפּטריניקייט. דער קוואַל פון די פּעריפּעטיעס פון די אידעאַלן שטעקט, פון איין זייט, אין זייער אינעווייניקסטן מהות, און פון דער אַנדערער זייט — אין דער באַוואוסטזיין־עוואָלוציע פון די יחידים און גרופּעס, וואָס נעמען אָן דעם אידעאַל, און אין די לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע טוישן זיך סיי מאַטעריעל סיי גייסטיק, אין צייט און אין שטח. צום שטודירן די „אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע" פונעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל פאָדערט זיך באַלויכטן דעם דאָזיקן אידעאַל, זיין גורל און מעגלעכע פּערספּעקטיוון, פונעם שטאַנדפּונקט פון די באַדינגונגען און טאַטזאַכן, וואָס באַציען זיך צו די אַלגעמיינע פּעריפּעטיעס פון די אידעאַלן.

### 1

אין דער געשיכטע פון רעליגיעס און רעליגיעזע איבערקערענישן, אין דער געשיכטע פון פּאַרטייען און פּאָליטישע איבערקערענישן, אין דער געשיכטע פון דאָקטרינעס, אין דער געשיכטע פון אידעאישע באַוועגונגען אָבסערווירן מיר אָפּט די עוואָלוציע פון די אָקאָרשט־אָנגעצייכנטע דורך אונז טיפּן. אַפילו אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפישע סיסטעמען און אין דער געשיכטע פון וויסנשאַפטלעכע שולעס, וועלכע גייען אַרויס פון באַשטימטע היפּאָטעזן, באַמערקן זיך אויך אַנאַלאָגיעס פון ענלעכע פּערי־

פעטיעס (אמת, אין א ניט צו פארגלייכן ווייניקער־אינטענסיוון גראד).

ביים זוכן דעם וויסנשאפטלעכן אמת אפעלירן מיר ווי צו א העכערער אינסטאנץ צו אקסיאמאטישע פאקטן, וועלכע זיינען פארפליכטנדיק פאר יעדן שכלדיקן באוואוסטזיין; אויך צו רעזולטאטן פון דערפארונג און אכטגעבונג, וועלכע יעדער נארמאלער אינטעלעקט איז אימשטאנד צו קאנטראלירן, ובכן הייסט עס צו פאזיטיווע קריטעריומס, וואס זייער בכורה געניסט פון אלעמענס אנערקענונג, ניט אפצולייקענען אדער צו צווייפלען; גאר אנדערש איז אבער ביי פראבלעמען און באגריפן, אין וועלכע די העכערע קריטעריומס שפייזן זיך פון די קוואלן פון גלויבן, אדער פון מאראלפארשריפטן, וואס לאזן זיך ניט אביעקטיוו דערוויזן, אדער פון פאסטולאטן, וואס דערוויזן זיי קען מען נאר אויפן יסוד פון היפאטעזעס, וועלכע אנטשפרעכן באשטימטע געפילן צי אינטערעסן פון סוביעקטיוון ווילן. דער סימן פון אביעקטיווער אבליגאטארישקייט עקסיסטירט דא ניט. זיינען דא מעגלעך מעטאמארפאזעס.

דאס אורקריסטנטום איז געווען אן אמונה פון ליידנשאפטלעכן ענטוזיאזם, פון מסירת־נפש, אלטרואיזם און פון מאראלישן און סאציאלן ראדיקאליזם. דער יסוד פון דער נייער רעליגיע איז געווען דער גלויבן אין איבערנאטירלעכן. דער אלטרואיזם און די זעלבסטאפפערישקייט זיינען ניט געווען אינגאנצן אומאייגננוציק: די באלוינונג האט געזאלט קומען אין „מלכות שמים", און דאס אנקומען פונעם דאזיקן „מלכות" האט זיך גערעכנט פאר גאר נאענט. „פארוואר זאג איך אייך" . . . מען האט געווארט אויף דעם אין די נאענטע יארן, אין די נאענטע יארצענדליקער, און ווען די דערווארטונגען האבן זיך ארויסגעוויזן פאר אומזיסטע און די פערספעקטיוון האבן זיך געענדערט, האט מען געמוזט אנקומען צו אנדערע פארשטעלונגען און אויסטייטשונגען (דער „כיליאזם", למשל). דער לכתחילהדיקער ענטוזיאזם, גלויבנס־פאנאטיזם און קידוש־השם האבן אפגעטראטן זייער פלאץ דעם גייסט פון אפארטוניזם. די קירך איז אריינגעטראטן אין פארבינדונג מיט דער דעספאטישער מלוכה. קריסטנטום איז געווארן א מלוכהשע רעליגיע. פון א הומאניטאר־אלטרואיסטישן, ראדיקאלן, עגאליטארן און טיילוויז קאמוניסטיש־באפארבטן, — איז קריסטנטום געווארן מאכטהאבנדיק־אומטאלעראנט, פארשקלאפעריש; פון קנאאותדיק — איז עס געווארן רודף־שלומדיק. פון א רעליגיע פון די שוואכע און באעוולהטע, איז עס געווארן א רעליגיע פון די שטארקע און הערשנדיקע. זי האט פארראטן אירע ערשטע עיקרים, איר בראשיתדיקן געוויסן. פון א פארפאלגטער רעליגיע איז זי געווארן א רעליגיע פון רדיפות. — אנאלאגישע מעטאמארפאזעס, הגם פון א קלענערן פארנעם, האט מען אב־

סערווירט אין דער געשיכטע פון דער רעפאָרמאַציע און פון אייניקע „אַפּיקורסישע" סעקטעס.

ווי שוין אָנגעוויזן, האָט זיך די אידעאַלן־וואַקלהאַפטיקייט אינעם גורל פון די אידעאישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען — אָפט אַרויס־געוויזן אַזוי: דריי קלאַסישע פּאָזעס האָבן אָפט פּאַרטראַטן איינס דאָס אַנדערע — ראַדיקאַליזם, אָפּאָרטוניזם, פּאַרראַט אָדער אָפּטריניקייט (צי גאָר דעמאָראַליזירטקייט).

די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעוואָלוציעס, די אַרבעטער־באַוועגונ־גען אין פאַרשידענע לענדער, די עוואָלוציע פון די פּאַרטייען (באַזונדערס פון די ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע) גיבן אונז פיל־צאָליקע ביישפּילן פון צופלוסן און אָפּפלוסן, פון שטייגנדיקע און זינקענ־דיקע כוואַליעס, פון קריזיסן אין מאָראַל און באַוואוסטזיין, אַ טויש פון מאָראַלישן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. אַט וואַקסט און אַט ווערט אָפּ־געשוואַכט די קראַפט פון די פּרינציפּן און איבערצייגונגען, פון די גע־וויסנס־קראַנקהייטן, אַט ווערט מען „לינקער" און אַט „רעכטער", אַט איז אַ רעאַקציע פון רעכטס און אַט איז אַ רעאַקציע פון לינקס, אַט זיינען ביישפּילן פון אויפריכטיקייט און אָרנטלעכקייט, אַט פון דעמאַגאָגיע און פאַלשקייט . . .

וויפל ביישפּילן פון אָפּטריניקייט ביי פּאַרטייען און יחידים! פּאַר־טייען האָבן געטוישט זייערע פּראָגראַמען, זייערע קאָנצעפּציעס, האָבן דורכגעפירט „פּאַרראַט" לגבי זייער מאָראַלישער ירושה, אַמאָל בהדרגה און אַפילו אומבאַמערקט, אַמאָל פּלוצלונג, און אַזוי ביז רענעגאַטישקייט. וואָרום עס זיינען געווען פּאַרטייען־רענעגאַטן, אַזוי ווי עס טרעפט יחידים־רענעגאַטן. ווי אָפט האָבן געטראָפן אויסטערליש־שאַרפע איבערגאַנגען פון רעכטס אויף לינקס, און פאַרקערט! מיר האָבן, צום ביישפּיל, אַזעל־כע מעטאַמאָרפאָזעס: דער גרעסטער טייל פון דער דייטשער דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי איז געוואָרן אַ „נאַציאָנאַל־ליבעראַלע" פּאַרטיי, איינער פון די אָנשפּאַרן פון ביסמאַרקס פּאָליטיק. עס האָט זיך אָפט געטוישט דער קאָליר פון דער פראַנצויזישער „ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער" אָדער „ראַ־דיקאַלער" פּאַרטיי, אַט איז זי געווען געמעסיקט און אַ פאַרבינדעטע פון דער „רעכטער רעאַקציע", אַט — זייער לינק און פאַרבונדן מיט דער „לינקער רעאַקציע" (מיט די „קאָמוניסטן" ביים פאָלקס־פראָנט). זייער באַלערנדיק, און טרויעריק באַלערנדיק, זיינען געווען די מעטאַמאָרפאָזעס אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נאָכן אויסבראָך פונעם ערשטן וועלט־קריג און אין דער גאַנצער ווייטערדיקער עפּאָכע ביזן צווייטן וועלט־קריג איינגעשלאָסן; די שפּאַלטונגען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צוליב

דעם סימביאָז אָדער צונויפגיס מיטן דריטן אינטערנאַציאָנאַל, ד"ה מיטן באָלשעוויסטישן „קאָמוניזם", וועלכער האָט אַוועקגעהרגעט די דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד נאָך דער מפּלה פונעם צאַריזם און וועלכער האָט געשטרעבט צו באָלשעוויזירן די אַנדערע לענדער, אויפן וועג פון צוגרייטן די „וועלט-רעוואָלוציע". די מאָראַלישע קאַטאַסטראָפע אין פראַנקרייך, נאָך איר מיליטערישער מפּלה, האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער פּאָליטישער ירידה פון די „לינקע" פּאַרטייען (פריער אַנגעשלאָסענע אין פאָלקס-פראָנט): אין דער פערזאָן פון דער מערהייט ראַדיקאַל-סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטן האָבן זיי פאַרראַטן די דעמאָקראַטיע און די רעפּובליק, וואָטירנדיק פאַר אָפּשאַפן די רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע און פאַר אי-בערגעבן די מאַכט דער באַנדע פעטען און לאַוואַל.

עס איז איבעריק מאריך צו זיין וועגן די מעטאַמאָרפאָזעס און רענע-גאַטישקייט פון באַזונדערע פערזענלעכקייטן, — מען ווייסט וועגן זיי גענוג. געוועזענע יאַקאָבינער, וועלכע האָבן געשטימט אין קאָנווענט פאַר קעפּן לודוויג דעם 16טן, זיינען שפּעטער געוואָרן הויף-לייט. נאַפּאָלעאָן דער 1טער האָט זיך אין דער יוגנט גערעכנט פאַר אַ יאַקאָבינער; און לואי-נאַפּאָלעאָן האָט זיך אין דער יוגנט באַטייליקט אין דער קאַרבאָנאַרי-באַוועגונג. פון דער דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע זיינען אַרויסגעקומען אייניקע מיניסטאָרן און הויכע באַאַמטע פון נאַפּאָלעאָן דעם 3טן (אָליוויע, פּרעוואָ-פּאַראַדאָל) אין דער עפּאָכע פון דער „ליבעראַלער אימפּעריע". און וויפל ליידנשאַפטלעכע קריגערייען זיינען אַרויסגעקומען אין דער מחנה פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן צוליב דער „רענעגאַטישקייט" פון די דעפּוטאַטן-סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן קעגן דעם ווילן פון דער פּאַרטיי אָנגענומען מיניסטאָרן-פּאָסטנס! געוועזענע „רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַ-ליסטן", וואָס פלעגן מיט שוים אַרויסטרעטן קעגן דער „מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע", זיינען שפּעטער אַריין אין דער רעגירונג, און אַפילו ביי שענדלעכסטע פאַרראַט-באַדינגונגען (לאַגאַרדעל). געוועזענע אָנגעזעע-נע סאָציאַליסטן, אָט אַזוי ווי דעאַ, האָבן געפירט אַ פּאָליטיק פון מיט-אַרבעט מיט היטלערן. דאַרף מען דערמאָנען וועגן די געוועזענע סאָ-ציאַליסטן מוסאָליני און לאַוואַל?

נאָר מיט אַ באַוואָרעניש קען מען רעדן וועגן דער „אָפּטריניקייט" פון די מאַסן. אומבאַוואוסטזיניקע מאַסן האָבן מיט זייער אָפּשטימונג סאַנק-ציאָנירט די מאַכט-פאַרכאַפּונג פון די צעזאַריאַנער און דיקטאַטאָרן. אָבער צווישן די מאַסן, וואָס האָבן, למשל, געשטימט אין דייטשלאַנד פאַר היט-לערן, זיינען געווען מיליאָנען אַרבעטער, וועלכע זיינען פריער מיטגע-גאַנגען מיטן סאָציאַליזם אָדער „קאָמוניזם". וואָס שייך בכלל געוויינ-לעכע בשר-ודם'ס, אָפּגעזען פון זייער געזעלשאַפטלעכער לאַגע און אינער-

לעכער קולטור, איז די אומסטאַבילקייט פון זייערע בליקן און איבערציי־
גונגען (אָפּהענגיק פון די געשעעענישן און מאָראַלן קלימאַט) אַזאַ, אַז זי
רופט אָפּט אַרויס אַן אומרו ביי די עקשנותדיקסטע אָפּטימיסטן...

## 2

וואָס־זשע זיינען די סיבות פון אַזאַ אומסטאַבילקייט פון די אידעאַלן?
דאַרף מען זי זוכן אין די גייסטיקע מעלות פון די אָדער אַנדערע קאַטע־
גאָריעס מענטשן, אָדער אין דער מענטשישער נאַטור, צי איןביידע צו־
זאַמען?

אומסטאַבילקייט באַטייט אַ פאַרשידנאַרט אין דער וועקסלונג פון די
השגות. אָבער דער פאַרשידנאַרט קען זיין ניט נאָר אין צייט, נאָר אויך
אין שטח. מענטשן נעמען אויף אַן שום פּלוגתאס די אַריפמעטישע אמתן
(לאָזנדיק אין אַ זייט די פראַגעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער גנאָסעאָ־
לאָגיע פון מאַטעמאַטיק און צו דער ריכטיקייט פון עקזאַקטער וויסנשאַפט).
דאָ זיינען ניטאָ קיין שום אונטערשידן, קיין מחלוקות, קיין שולעס. פאַר־
וואָס־זשע עקסיסטירט אַ פאַרשידנאַרט אין די קאָנצעפּציעס, אַנשויאונגען
און פּרינציפּן פון מאָראַלן כאַראַקטער? פאַרוואָס עקסיסטירט אַן אונטער־
שיד אין די אידעאַלן? פאַרוואָס איז דאָ אַ פאַרשידנאַרט פון פאַרטייען?

מיר האָבן פאַר זיך פאַרשידענע קאַטעגאָריעס וויסן, וואָס לאָזן זיך
אָננעמען אַזוי ווי אמתן: וויסנשאַפטלעכע ידיעות; אַנגעווענדטער וויסן
(טעכניק אין ברייטן זינען פון וואָרט); דאָס געביט פון מאָראַל; דאָס געביט
פון אידעאַל. אין די אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע ידיעות איז ניטאָ
קיין פּלאַץ פאַר פאַרשידנאַרט אין די מיינונגען, אַ חוץ דעם פעלד פון
היפּאָטעזעס, וועלכע ווערן קאָנטראָלירט דורך עקספּערימענט, אָבזערוואַציע
און אויסרעכענונג, וואָס זייערע רעזולטאַטן דערלויבן אונז צו פאָרמולירן
דעם אמת, אָן פרייהייט פון אויסוואַל פאַר אונז און אומאָפּהענגיק פון
יעטוועדע צילן (אַ חוץ דעם איינציקן ציל צו זוכן דעם אָביעקטיוון אמת).
אויפן געביט פון אַנגעווענדטן וויסן שטעלן מיר זיך אוטיליטאַרע צילן,
וועלכע מיר דערגרייכן אויפן יסוד פון די עובדות פון אָביעקטיוון וויסן,
— דערביי קען זיין אַן אונטערשיד אינעם אויסוואַל פון די מעטאָדן און
מיטלען אויף בעסער צו דערגרייכן די געשטעלטע צילן. אין געביט פון
גלויבן איז, להיפּוך צום וויסנשאַפטלעכן און אַנגעווענדטן קענטעניש, ניטאָ
קיין אָביעקטיוו דערוויזענע אמתן, און די דאָגמאַטן פון גלויבן נעמט מען
אַן אַזעלכע אָדער אַנדערע, אָפּהענגיק פונעם געפיל און טעמפּעראַמענט,
און אַפילו קעגן די געבאָטן פון שכל (credo quia absurdum — כ׳גלויב,
טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס איז אַבסורדאַל, עס איז מיט מיין שכל ניט משיג

צו זיין, און דערפאַר בין איך געצוואונגען דאָס צו גלויבן); די דאָגמאַטן פון גלויבן קענען זיין פאַרשידנאַרטיק און קעגנזעצלעך; דאָ איז פאַראַן פרייהייט פון אויסוואַל; זי שטאַמט פון דעם, ווייל עס פעלן יעטוועדע פאַר־פליכטנדיקע קריטעריומס, וואָס באַזיצן דעם כאַראַקטער פון אויבערהער־שאַפט. מען זאָל דעריבער דאַרפן אַפּעלירן צו זיי ווי צו העכערע אינ־סטאַנצן, — אַט אַזוי ווי עס עקסיסטירן אַזעלכע ביי די פּאָזיטיווע וויסנ־שאַפטן. אין געביט פון מאָראַל שטעלט מען אַוועק ניט קיין אָביעקטיוון אמת און ניט קיין טעכניק אויף צו דערגרייכן אַ ציל, נאָר אַ קאָמפּלעקס געבאָטן, ווי העכערע צילן און טעטיקייטס־נאָרמען; אַט די העכערע נאָר־מען קענען ניט דערוויזן ווערן, זיי טראָגן ניט דעם כאַראַקטער פון אָביעק־טיווער אימפּעראַטיווקייט פאַר אונזער אינטעלעקטועלן אַפּאַראַט, גאָר להיפוך צו די העכערע נאָרמען פון פּאָזיטיוון וויסן. עס איז דאָ און עס דאַרף זיין — דאָס זיינען צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס, וואָס קענען ניט פאַראייניקט ווערן אין איין פּרינציפּ. אינעם אידעאַל אָבער באַהעפטן זיך עלעמענטן הן פון מאָראַל, הן פון היפּאָטעטישן וויסן, הן פון סאָציאַלער טעכניק, הן אַ מין גלויבן אין זיין געזעצלעכקייט, דערגרייכלעכקייט און פאַרפליכטנדיקייט פאַר די, וואָס האָבן אים אָנגענומען אין דער פולקייט פון זיין אָביעקטיוון און סוביעקטיוון אינהאַלט.

אַט פאַרוואָס עס עקסיסטירט ביי די אידעאַלן אַ פאַרשידנאַרט און אַ פאַרענדערלעכקייט. אַט פאַרוואָס עס עקסיסטירט, אומאָפּהענגיק פון די אוטיליטאַרע אינטערעסן, אַ פאַרשידנאַרט פון פּאַרטייען און פּראָגראַמען, אַנטשפּרעכנדיק צום פאַרשידנאַרט געענדערטע און עוואָלוציאָנירנדיקע אידעאַלן. אַט פון וואַנען עס נעמט זיך די „חולאת" פון דעו' וואַקלדיקייט פון די אידעאַלן. מענטשן קלייבן אויס און אַסימילירן אַן אידעאַל, זיי טייטשן אים אויס פאַרשידן, זיי קענען זיך אַנטוישן אינעם אידעאַל און זיך אָפּזאָגן פון אים, זיי קענען לעבן אָנעם אידעאַל. די סטאַבילקייט פונעם אידעאַל פאָדערט פון די מענטשן צו פאָרמולירן פעסטע איבערצייגונגען, אין ליכט פון דער קריטיק.

דאָס רוב מענטשן לעבן אין אַ רוטין, פאָלגן די אוממיטלבאַרע רעפ־לעקסן, באַנאַלע אימפּולסן, די געירשנטע אינסטינקטן, רגילותן, וואָס האָבן זיך געשאַפן דורך ירושהדיקייט און דערציאונג, פאַרבלענדט פון דער טראַ־דיציע און משועבד צו דער מאַכט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און מאָדע. דאָס איז — דאָס קיניגרייך פון דער זאָאָלאָגיע. עס מוז אויפבליצן אַן אידעאישער פונק, וואָס זאָל באַליכטן דעם באַוואוסטזיין און אויפוועקן אין אים די נייגונג צום אידעאַל און די באַדערפעניש צו פאָרמולירן די אי־בערצייגונגען. וואָלט די געזעלשאַפט געקענט זיין פולקאָמען אָדער „אי־

דעאַל״, וואָלט איבעריק געווען צו רעדן וועגן אידעאַלן און וועגן איבערציי־גונגען, וואָס אַנטשפּרעכן צו די אידעאַלן. אָבער די נויטיקע שאַפּונג פון אידעאַלן רופט אַרויס אין פאַרשידענע אָרגאַנישע עפּאָכעס פאָרמאַציעס פון דער פּערזענלעכקייטס איבערצייגונגען. כדי דער יחיד זאָל זיין גע־טריי זיינע איבערצייגונגען, כדי די איבערצייגונגען זאָלן זיין פעסטע, איז נויטיק, אַז זיי זאָלן באַפרידיקן געוויסע תנאים פון סטאַבילקייט. עס איז נויטיק גאַנצקייט, האַרמאָניע און אויפריכטיקייט אינעם אידעאַל גופא, עס איז נויטיק אויפריכטיקייט אינעם אָנהאַלטן דעם אידעאַל.

מיר לעבן אין אַ וועלט פון אַנטאַגאָניזמען און קעגנזאַצן, פון נאַרעריי און זעלבסט־נאַרעריי. אַ חוץ אָפענעם קאַמף איז נאָך דאָ אין די באַצי־אונגען צווישן מענטשן — אַ שטילשווייגנדיקער קאַמף און אַ פאַרדעקטע מלחמה, מיט פאַרשידענע קריגס־שפּיצלעך, מיט ליגנס און חניפה, דער־ביי ווערט נאָך אָפּגעהיט „אויסערלעכע אָנשטענדיקייט״. פאַראַן קאָנווענ־ציאָנעלע פאָרמען פון ליגנס. פאַראַן פאָרמולעס און זשעסטן, וואָס עס איז אָנגענומען זיי צו פּראַקטיקירן, אָבער וואָס קיינער נעמט זיי ניט ערנסט. פאַראַן אילוזיעס און אידעאַליזאַציעס, און אַן איניקע אילוזיעס וואָלט דאָס לעבן פּשוט אוממעגלעך געווען, דאָס זיינען — אילוזיעס אויפ־ריכטיקע און אומפאַרמיידלעכע. עס קאָנען זיין אויפריכטיקע טעותן. אָבער אויפריכטיקייט פעלט דאָרט, וואו מען זאָרגט ניט וועגן דעם, אַז זי זאָל יאָ זיין. און אַפילו אָננעמען אַן אידעאַל, אָן קריטישער באַוואוסט־קייט, הייסט ניט — אויפריכטיק איבערנעמען דעם אידעאַל. מען קען אָננעמען אַן אידעאַל צוליב פּערזענלעכן אינטערעס, קאַריעריזם, דעמאַ־גאָגיע, צוליב פּאָזע, צוליב דער מאָדע און נאָכמאַכונג, צוליב גלאַנץ און כבוד־נאָכיאָגעניש. אַזאַ מין אָננעמען דעם אידעאַל איז, נאַטירלעך, ניט שטאַנדהאַפטיק, ווארום די זעלבע מאָטיוון קענען ביי אַנדערע באַדינגונ־גען אָנרעגן צום אָננעמען אַנדערע אידעאַלן.

אידעאַלן פאַרכישופן, אָבער אידעאַלן אַנטוישן אויך. די אַנטוישונג קען קומען אָדער אין פאַל פון אָפּזאָגן זיך פון די צילן, אָדער ווען מען גע־פינט אויס, אַז די צילן לאָזן זיך ניט דערגרייכן אויף דעם וועג, וואָס איז פון פאַראויס באַשטימט אין דער באַגרינדונגס־פאָרמולע פונעם אידעאַל. אין דער טעכניק זאָגט מען זיך אָפּ פון אַ מעטאָד צי אַן אַפּאַראַט, ווען מען שטעלט פעסט זייער אַבסאָלוטע אומפּולקאָמענקייט; מען זאָגט זיך אָפּ פון צו זוכן אַ געוויסן ציל, ווען מען אָנערקענט, אַז דעם ציל איז ניט צו דער־גרייכן, לכל־הפחות ביי די געגעבענע באַדינגונגען פון וויסן און מעגלעכ־קייטן (דער „פילאָזאָפישער שטיין״ פון די אַלכעמיקער); מען זאָגט זיך אָפּ פון פאַרשונגען אָדער פון דער פּראָדוצירונג, אויב דער ענין האָט פאַר־

לוירן זיין פריערדיקן אינטערעס. אויף וויפל צווישן דעם קאָמפּלעקס פון אידעאַל און קאָמפּלעקס פון דער טעכנישער פאַרגעבונג איז פאַראַן אַ פאַ־ראַלעליזם, לפּחות אַ טיילווייזער, קען מען דערוואַרטן אידענטישע פּערי־פּעטיעס אין דער עוואָלוציע פון ביידע קאַטעגאָריעס.

פּאַרטיי — דאָס איז אַ פאַרבאַנד צום פאַרטיידיקן די מאַטעריעלע אינטערעסן פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער גרופּע, אָדער אַ פאַרבאַנד, וואָס פאַראייניקט יחידים (אין אַ געוויסער מאָס לפּחות) אויף אַן אידעאָלאָגישן יסוד, אין דער אָנערקענונג פון אַ געמיינזאַמען אידעאַל. איז די פּאַרטיי אַ פאַרבאַנד פון אויסשליסלעך מאַטעריעלע אינטערעסן, דעמאָלט איז איר עוואָלוציע אונטערגעוואָרפן אויסשליסלעך אונטערן געזעץ פונעם אינטערעס, וואָס זיינע אַספּעקטן קענען זיך ענדערן אין פאַרשידענע מאָ־מענטן. טראָגט אָבער די פּאַרטיי כאָטש טיילוויז אַן אידעאָלאָגישן כאַ־ראַקטער ,דעמאָלט איז איר גורל פאַרבונדן הן מיט די מאָטיוון פונעם אינ־טערעס, הן מיט דער עוואָלוציע פון די אידעעס. עס קען דאָ האָבן אַן אָרט אַ קאָמבינירטער אַקט פון פאַרשידנאַרטיקע אינטערעסן, מאַטעריעלע און אידעאישע אימפּולסן.

אַן אָרגאַניזירטע פּאַרטיי שטעלט פאַר מיט זיך אַ קראַפט. די „אינ־טערעסן" פון דער פּאַרטיי באַשטייען אינעם וואוקס פון איר צאָל, פון איר קראַפט און איינפלוס. אין דער פּאַרטיי קומט אויף אַ קאָרפּאָראַטיווע טענ־דענץ, וועלכע דריקט זיך אויס אינעם וואוקס פונעם קאָעפיציענט „פּאַר־טייאישע אינטערעסן", און ניט שטענדיק פאַלן די לעצטע צונויף מיט אירע אידעאָלאָגישע אינטערעסן. מענטשן קענען זיך אַרויסהויבן מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי, און די פּאַרטיי נעמט אַריין אין אירע רייען מענטשן, וואָס וועלן זיך אויף איר אָנשפּאַרן, כדי צו מאַכן זייער קאַריערע. צווישן זיי וועלן זיך געפינען קאַנדידאַטן צום „אַריבערלויפן", אויב דער אידעאַל שטייט ביי זיי אויפן לעצטן פּלאַן, אָדער אויב זייערע איבערציי־גונגען זיינען וואַקלדיק. פון דער אַנדערער זייט, די זעלבסטווערטיקע אינטערעסן פון דער פּאַרטייס אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט — אינעם גע־יעג נאָך אַ ברייטער קליענטעלע — שטויסן די פּאַרטיי אויפן וועג פון צו־ציען די מאַסן פאַרן פּרייז פון אידעאישער אויפריכטיקייט און אַלץ־וואַקסנ־דיקער העגעמאָניע פון די אינטערעסן (אָפט אוממיטלבאַרע און שמאָלע גרופּן־אינטערעסן) איבער דער ריינער אידעאָלאָגיע פון דער וועלט־אָנשויאונג און פּראָגראַם. אויב די אידעאָלאָגיע ליידט, קענען אויף דעם באָדן אַנטשטיין אַנטוישונגען. דאָס איז איינער פון די מאָטיוון, פון דער אומסטאַבילקייט ביים דינען דעם אידעאַל.

עס איז לייכטער צו פאַרכאַפּן די מאַסן מיט פּערספּעקטיוון צו באַפרי־דיקן די אינטערעסן, איידער מיט רופן זיי צו דינען דעם אידעאַל. אַפילו

ביי די רעליגיעזע באַוועגונגען האָט די מאַסן, אין זייערע משיחישע טרוי־מערייען, עלעקטריזירט דער גלויבן אינעם שכר אויף דער אָדער אויף יענער וועלט. און דערפאַר איז ביים פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַלע אידעאַלן פאַראַן אַ טענדענץ זיי צו אַסאָציאירן (געווייגלעך אין אַ ניט־באַוואוסטער פאָרם) מיט אין תוך מיסטישע פאָרשטעלונגען און אידעאַליזאַציעס. דאָס איז — אַ סאָרט אידעאישע „דעמאַגאָגיע". מען אידעאַליזירט די מאַסע, מען אידעאַליזירט די היסטאָרישע באַוועגונג (ווי מיר האָבן עס געזען אין דער מאַרקסיסטישער דאָקטרינע), און דער מעסיאַניסטישער פּראָגנאָז איז מבטיח דעם פּאַטאַלן נצחון פון דער באַוועגונג, און אַז דער נצחון פונעם אידעאַל וועט זיין דער טריאומף פון די אינטערעסן פון דער געגע־בענער סאָציאַלער גרופּע. עס בילדעט זיך אויס אַן אייגנאַרטיקע סאָציאַל־פּאָליטישע רעליגיע. די באַזונדערע פּריווילעגיע פון דער „אמתער" רע־ליגיע איז אָבער, וואָס זי קען אַפּעלירן צום עולם־הבא. און ווען די סאָציאַל־פּאָליטישע רעליגיע מעסיאַניזירט די לעבנס־פּערספּעקטיוון אין אונזער מאַטעריעלער וועלט, דעמאָלט פירט די שער צווישן אירע אידעאַ־ליזאַציעס און דעם רעאַלן גאַנג פון דער געשיכטע — צו אַנטוישונגען, און גאָר באַזונדערס, ווען דאָס דינען דעם אידעאַל איז פאַרבונדן מיט טראָגן די אָדער אַנדערע קרבנות.

דער קריזיס פון דער וועלט־אָנשויאונג, וואָס אַסאָציאירט זיך מיטן אידעאַל, ווערט דעמאָלט דער קריזיס פונעם אידעאַל גופא.

### 3

אינעם גורל פון די אידעאַלן קען שפּילן אַ באַטייטיקע ראָלע, ווען עס פעלט די האַרמאָניע צווישן דעם, וואָס די אידעאַלן גיבן אויף אַן אמת, און דעם פאַר וואָס מען האָט זיי אָנגענומען. ווען מען באַקערט זיך צו אַן אידעאַל אָן אַ גענוגנדיקער קריטיק, אָן געהעריקן אַנאַליז פון זיין תוך און אינעווייניקסטער נאַטור, — איז שפּעטער, ווען מען אַנטדעקט, אַז געוויסע זאַכן שטימען ניט, קען דאָס ווערן אַן אויסגאַנג־פּונקט אויף אי־בערצושאַצן פון דאָס ניי דעם ווערט פונעם אידעאַל; דאָס קען ווערן די סיבה פונעם אידעאַלס אומסטאַבילקייט אין דער אינערלעכער באַנעמונג פון גרופּעס און יחידים.

מען מישט צונויף די פּרט־אידעאַלן מיטן אוניווערסאַלן אידעאַל, מען מישט, הייסט עס, צונויף דעם טייל מיט דאָס גאַנצע, און עס קען טרעפן, אַז אַ געוויסער באַפרייערישער פּרט־אידעאַל זאָל אָנגענומען ווערן פאַרן אידעאַל פון דער אינטעגראַלער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. די פּריוואַטע אידעאַלן ווערן צונויפגעמישט מיט די אַלגעמיינע אידעאַלן, און

עס קען פּאַסירן, אַז דער פּריוואַטער אידעאַל, וואָס איז פרעמד פון יעדער אַלגעמיינער חיובדיקייט, זאָל אונטערדריקן דעם אַלגעמיין־פאַרפליכטנדיקן באַפרייאונגס־אידעאַל (למשל, דער אינטערעס פון „פּאַטריאָטיזם" אונטער־דריקט די אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטערעסן). עס איז אויך מעגלעך, אַז עס פעלט דער גענוגנדיקער אַנאַליז ביים דיפערענצירן די אויפפירונגס־קריטעריומס אין פאַרשידענע אָרגאַנישע עפּאָכעס אָדער אין פאַרשידענע מאָראַלע גרופּעס.

איינער פון די באַטייטיקסטע מאָטיוון, פון וואַנען עס נעמט זיך די אומסטאַבילקייט פונעם אידעאַל אין די פאַרשטעלונגען, פּראָגראַמעס און איבערצייגונגען, — באַשטייט אָט אין וואָס: אינעם אוניווערסאַלן אידעאַל אַליין זיינען דאָ אינעווייניקסטע אַנטינאָמיעס, אַן אָפּאָזיציע צו זיינע גרונט־פּרינציפּן, וואָס זיינען דערפירט צום אַבסאָלוטן אויסדרוק, און עס ווערט נויטיק צו זוכן אַ פּשרה אין קאָמפּראָמיסן און אינעם פאַרשידנאַרט פון פאָרמען, וועלכע די רעאַליזאַציע פונעם אידעאַל נעמט אָן ביי אַלערליי פאַזעס פון איר אַנטוויקלונגס־וועג (ביי פאַרשידענע תנאים פון צייט, שטח און סאָציאַלע סטרוקטורן). אינעם פאַקט פון אָט דער פאַרענדער־לעכקייט און פון אָט די דיפערענצן געפינען יחידים און קאָלעקטיוון — די מאָטיוון, אַנשפּאַר־פּונקטן און אויסריידן (געוויינלעך, אמת, אָן קלאָרער באַוואוסטקייט), כדי צו באַרעכטיקן די מעטאַמאָרפאָזעס פון זייערע אי־בערצייגונגען און זייערע פּראָגראַמען, און באַרעכטיקן די פאָרמולעס פון דער אומסטאַבילקייט פון זייער אויפפירונג; ביי שאַרפערע קאָנסעקווענצן דערגייט עס אַפילו צו אַפּטרינניקייט אָדער צו נאַקעטן אינדיפערענטיזם.

די מאָטיוון פון דעם זעלבן מין באַטייליקן זיך אויך אין דעם, וואָס די אויפנעמס־פעאיקייט צו די אידעאַלן (בעיקר באַפרייערישע) ענדערן זיך ביי פערזאָנען פון פאַרשידענעם עלטער, אויך טיילווייז ביי יחידים און קאָלעקטיוון פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שטאַנדן.

פאַרוואָס נעמט די יוגנט אַזוי ליידנשאַפטלעך אויף און זי קעמפט פאַר די הויכע אידעאַלן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, איידער די דערוואַק־סענע? פאַרוואָס גייט זי לייכטער אויף קרבנות צוליב אַ גרויסן צוועק? פאַרוואָס איז זי אַזוי גרייט מקריב צו זיין איר יוגנט, איר קאַריערע, איר פרייהייט און אַפילו איר לעבן? דאָס קען זיך אויסדוכטן נאָך מער פּאַראַ־דאָקסאַל, ווייל דאָס לעבן פאַרבלייבט דאָך נאָך פאַר דער יוגנט אָפן מיט זיין גאַנצן מעגלעכן אַקטיוו פון גליק און פאַרשידנאַרטיקייט, דעמאָלט ווען די עלטערע מענטשן לעבן שוין אָפּ זייער צייט. אין די רעוואָלוציאָנערע באַפרייאונגס־באַוועגונגען, אין די אויפשטאַנדן, אין די גאַסן־קאַמפן, אינעם סאָציאַליסטישן קאַמף פון דער נייער צייט, ביי די פראַנצויזישע סען־סימאָניסטן, ביי דער סטודענטנשאַפט, אין דער פאַריזער פאָליטעכנישער

שול, ביי די איטאַליענישע אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן אינעם אָנפאַנגס־פעריאָד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין איטאַליע, און גאָר באַזונדערס אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, — אומעטום האָט בעיקר, און פריער פאַר אַלע געקעמפט און קרבנות געבראַכט די יוגנט. און ווען די יונגע פלעגן דערגרייכן רייפקייט, האָבן זיי שוין געקעמפט מיט מער איינגעהאַלטנקייט, אָדער גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט קעמפן. אין וואָס שטעקט דאָ די סיבה? אינעם צופלוס פון כוחות און ענערגיע? אין דער פרייהייט פון פאַמיליע־זאָרג און פון דער אַחריות לגבי אַנדערע? געוויס, דאָס זיינען ערנסטע סיבות, אָבער דאָס איז ניט אַלץ. וואָרום די מענטשן פונעם רייפן און באַיאָרטן עלטער האָבן ניט נאָר זיך אָפּגעזאָגט און זיך אָפּגעהאַלטן פון מער אַקטיוון קאַמף, נאָר זיי האָבן גאָר אָפט געמעסיקט זייערע מיינונגען, זיי האָבן לייכטער שלום געמאַכט מיטן סאָציאַלן בייז, זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע דאָזע אָפּאָרטוניזם. אידעעס האָבן זיך אָפט געטוישט מיטן עלטער. אין געוויסע פאַלן האָט נאָך די מעטאַמאָרפאָזע פון די מיינונגען געקענט, מער־ווייניקער אומבאַוואוסטזיניק, דינען ווי אַ באַרעכטיקונג פאַרן אָפּהאַלטן זיך פון אַקטיווער אַרבעט. געוויינלעך אָבער האָט דאָס ענדערן די אידעאָלאָגיע געקענט זיין און איז געווען אַ גאַנץ אויפריכטיקער רעזולטאַט פון אַ באַשטימטער עוואָלוציע פונעם געדאַנק. ווי זאָל מען דערקלערן אָט די פאַרענדערונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן עלטער?

איינע פון די סיבות פונעם דאָזיקן פאַקט דאַרף מען זען אין דעם: דער קאַמפּס־אידעאַליזם פונעם יונגן דור איז אַ גרויסע מעלה, זי איז אָבער טיילווייז פאַרבונדן מיט אַ חסרון, וואָס איז נאַטירלעך פאַרן יוגנט־עלטער: דאָס איז די ניט־גענוגנדיקע דערפאַרונג אין לעבן און דאָס ניט־לאַנג־דויערנדיקע פאַרטראַכטן זיך, — דאָס פאַרמאַסקירט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס שוועריקייטן, פעלערן און אַנטינאָמיעס אינעם אידעאַל. אַ מאַן, וואָס האָט לאַנג געלעבט, וואָס האָט געהאַט אַ סך צייט צו דענקען, געהאַט מער דערפאַרונג אויף אָפּצואוועגן און אַנאַליזירן די פאַקטן און פאַרהעלטעענישן, — אַזאַ איינער דערקענט די שוועריקייטן, דעקט אויף די קאָמפּליצירטקייטן און אפשר די אומקאָאָרדינירטקייטן; ער איז נוטה צו סקעפּטיציזם, צו ספקות; די זאָרג ווידער און די אַחריות־פאַרבינדונגען העלפן צו פאַרשטאַרקן די עוואָלוציע, וואָס פירט צו געמעסיקטקייט, צו אָפּקילונג און סקעפּטיציזם. צוליבן ביסל זאָגט מען זיך אָפּ פון אַ סך אָדער פון גאַנצן. נאָר די עליטע אין דער עליטע שטעלט זיך די פּראָבלעם אין איר גאַנצער פולקייט: זי באַנעמט און אָנערקענט די שוועריקייטן, די טיילווייזע ווידערשפּרוכן און אומקאָאָרדינירטקייטן אינעם אידעאַל, וועלכע שטאַמען פון דער עצם מענטשישער נאַטור, און זי אַנאַ־

ליזירט זיי מיט פולער אויפריכטיקייט און אין זייער גאַנצן מהות; זי באַלויכט קריטיש דעם תהום אומפּולקאָמענהייטן, אויף וועלכע די נאַטור פון די זאַכן האָט אונז פאַרמישפּט; און אַן מורא רוקט זי זיך פאַראויס מיטן וועג, וואָס פירט צום אמת; זי שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר די פלאַנטערנישן און פאַר די דעפעקטן פון אונזער דענקען און האַנדלען, זי גייט פאַראויס, ניט געקוקט אויף די שווערקייטן, זי האַלט אין די קולטור פונעם אידעאַל אין דעם, וואָס גיט אים צו אַ פערמאַנענטן כאַראַקטער, און זי אַרבעט אויס די פּרינציפּן און קריטעריומס פאַר דער אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער אויפפירונג. די עליטע אַרבעט אויס איבערצייגונגען און זי פאַרבלייבט זיי געטריי, זי טרעט פון זיי ניט אָפּ, און עס הערן ניט אויף די פאַרפולקאָמונגען פון די טעכנישע עלעמענטן, וועלכע גייען אַריין אינעם אינהאַלט פונעם אידעאַל.

דער אייגענער מאָטיוו קען שפּילן אַ געוויסע ראָלע ביי די כלומרשט־„פלוצלונגדיקע" מעטאַמאָרפאָזעס פון יחידים און קאָלעקטיוון (פאַרטייען, למשל), ביי די שאַרפע פערזענלעכע, פּאָליטישע און סאָציאַלע סיטואַציעס. אין די שווערע באַדינגונגען וועקן זיך בלויז אויף „פלוצלונג" די שוין פאַראַנענע (אין אַ באַהאַלטענעם צושטאַנד) מאָטיוון פון ספקות און וואַקלונגען, וועלכע זיינען נאָך ניט ליקווידירט געוואָרן דורך די העכערע קריטישע אינסטאַנצן פונעם אידעאַל.

אַוודאי, ניט שטענדיק גייט אין דער אַנגעוויזענער ריכטונג די עוואָלוציע פון די אידעאַלן, פּרינציפּן, איבערצייגונגען. אין געוויסע פאַלן ברענגט די צייט דערהויבונג און עקזאַלטאַציע פאַר דער אידעאָלאָגיע פון די יחידים און קאָלעקטיוון. פון דער אַנדערער זייט, די באַפרייאונגס־באַוועגונגען, די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעוואָלוציעס, די אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער, די עוואָלוציע פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען — גיבן אונז פּילצאָליקע ביישפּילן פון צופלוסן און אָפּפלוסן, פון שטייגנדיקע און זינקענדיקע כוואַליעס, כסדר־געענדערטע פעריאָדן פון שטייגערונגען און ירידות פון די אידעאָלאָגיעס, דערהויבונג און דע־גראַדאַציע, ענטוזיאַזם און דעפּרעסיע, קריזיסן פון מאָראַל און באַוואוסט־זיין. ניט יעדע עפּאָכע איז מסוגל אַרויסצוברענגען העלדן און ריטערס פון אידעאַל; ניט יעדע עפּאָכע פירט צו אַזעלכע גיהנומדיקע חורבנות אין געביט פון דער פּאָליטישער מאָראַל, אַזוי ווי די קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר לעבן היינט איבער. צווישן די פּילצאָליקע סיבות, מיט וועלכע מען קען דערקלערן אָט אַזעלכע כוואַליע־אַרטיקע באַוועגונגען אין דער געשיכטע (איניקע פון זיי האָבן מיר אויפגעקלערט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך), שפּילט אַ באַשטימטע ראָלע ביי די מעטאַמאָרפאָזעס, וואָס עס מאַכט דורך די אידעאָלאָגיע פון יחידים און גרופּעס — דאָס דערקענען

אייניקע אינעווייניקסטע אַנטינאָמיעס פון די הויכע אידעאַלן, מיט אַ געהעריקער מאָס פון קריטישער באַלויכטונג.

געטריישאַפט צו די איבערצייגונגען — דאָס הייסט: סטאַבילקייט פון פּרינציפּן און אידעאַלן ביי יחידים און קאָלעקטיוון. צוליב דעם איז נויטיק, אַז די איבערצייגונג גופא זאָל באַפרידיקן געוויסע באַדינגונגען פון דער סטאַבילקייט. עס איז נויטיק, אַז אינעם פּראָצעס פון פאָרמירן די איבערצייגונגען זאָל זיין אַ קלאָרער באַוואוסטזיין וועגן דער קאָמפּליצירטקייט פון לעבן; זיינע אַנטאַגאָניזמען און ווידערשפּרוכן; די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַרוויקלטקייט פונעם סאָציאַלן אידעאַל מיט זיינע אַנטינאָמיעס און זייער לייזונג אויף דער ליניע פון די „רעזולטירנדיקע קרעפטן"; די סיסטעם אינטערעסן; די סיסטעם רעכט און פליכטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אָננעמען דעם אידעאַל; די נויטיקייט פון אַ געוויסער עלאַסטישקייט אין דער סטאַבילקייט גופא פון די פּרינציפּן און אין דער געטריישאַפט צו זייער אָנווענדונג. אין יענע פאַלן, ווען דאָס האַלטן זיך ביים אידעאַל פאַרלאַנגט געוויסע קרבנות, איז נויטיק, אַז די פּערזאָן זאָל זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דער מאָס פון אירע כוחות און קרבנות־גרייטקייט, וואָס איז נויטיק פאַר דער אויפריכטיקער באַקענונג און אויפריכטיקער דינונג צום אידעאַל, אין די באַדינגונגען פון דער געגעבענער אָרגאַנישער עפּאָכע און דער געגעבענער לאַגע פון דער פּערזאָן. טיפע באַנעמונג פון די עלעמענטן פון דער אידעאַל־פאָרמולע און ערנסטע קריטיק פון די אייגענע מאָראַלע כוחות — אָט דאָס איז נויטיק, איידער מען גייט אָננעמען די פאָרמולע, וואָס דיקטירט די איבערצייגונגען, — בפרט פאַר קאַטעגאָריעס פון הויכע מאָראַלע עליטעס. אַ פּעדאַגאָגישע ראָלע פאַלט אויס אין דעם פּרט אויפן חלק פון די אָנפירערס פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין די אידעאָלאָגישע עליטעס.

די באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק אויף צו שאַפן פעסטע יסודות און אַ סטאַבילן פונדאַמענט פאַר דער אידעאָלאָגיע, פּרינציפּן, איבערצייגונגען פון די יחידים (בפרט די, וואָס געהערן צו די קאַטעגאָריעס פון די מאָראַלע עליטעס), — דאָס זיינען אין אַ געוויסער פלאַך אויך די באַדינגונגען פאַר דער מעגלעכקייט באַוואוסטזיניק צו שאַפן געשיכטע און צו פאַרהיטן דער געזעלשאַפטס עוואָלוציע פון דער געפאַר, זי זאָל ניט אַרונטערפאַלן אונטער דער מאַכט פון דער זאָאָלאָגיע, מיט אירע האָפּענונגס־לאָזע ציקלען פון צוריקקערן זיך אין די פינצטערע איבערגעלעבטע פאַזעס פון דער געשיכטע.

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

# דער מאָראַלישער יסוד פאַר דער באַשטענדיקייט פונעם אידעאַל

די פאָרמולע פונעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל אַנטהאַלט אין זיך עלעמענטן פון פאַרשידענע מדרגות באַשטענדיקייט. מען דאַרף אונטערשיידן צווישן דעם קאָמפּלעקס אַלגעמיינע נאָרמעס און דער סומע סאָציאַל־טעכנישע כּללים, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן אָט די נאָרמעס. אַזוי, די אַלגעמיינע פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל אַנטהאַלט אין זיך אַ ריי באַפרייערישע נאָרמעס, וועלכע לאָזן זיך אָנווענדן צו אַלע אָרגאַנישע עפּאָכעס, וואָס מיר קענען זיך אויסמאָלן: די פאַרניכטונג פון אַלע פאָרמען אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטישע סאָציאַלע אומגלייכקייט. פאַרקערט אָבער, די קאָנסטרוקטיוו־טעכנישע געבאָטן, וואָס זייער באַשטימונג איז אָנצוצייכענען די יסודות פון דער עקאָנאָמישער ענדערונג, מיטן ציל צו באַזייטיקן די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט און אויפהויבן די געזעלשאַפט אויף אַ העכערער מדרגה פון עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד (ווי למשל, די אינטעגראַלע פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון אייגנטום און פּראָדוקציע), — אָט די געבאָטן לאָזן זיך ניט אויסשפּרייטן אויף אַלע עפּאָכעס און אויף אַלע געזעלשאַפטן. אַפילו אין דער לעתיד־לבואדיקער פּלאַניפיצירטער געזעלשאַפט קאָן מען זיך אויסמאָלן אַזאַ פאַרבינדונג פון קאָלעקטיוויזאַציע און אינדיווידואַליזם, וואָס זאָל אין דער בעסטער פאָרם לייזן די פּראָבלעם פון העכסטער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט און אין דער זעלבער צייט צופרידנשטעלן אין דער פולער מאָס די באַפרייאונגס־נאָרמעס פונעם העכסטן אידעאַל. די באַשטענדיקייט פון די אַלגעמיינע באַפרייאונגס־נאָרמעס פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל באַזירט זיך אויף זייער מאָראַלער נאַטור.

### 1

די פאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל אַנטהאַלט אין זיך, אין אַן אָפענער צי באַהאַלטענער פאָרם, אַ מאָראַלישע אָפּשאַצונג. די באַגריפן „עקספּלואַטאַציע" אָדער „פּאַראַזיטיזם" קען מען זיך פאָרשטעלן

ניט אַנדערש ווי אין פאָרם פון אַ מאָראַלישער פאַראורטיילונג. מיר נע־מען אָן, אַז „אונטערדריקונג" און „פאַרשקלאַפונג" באַטייטן אויף אַן אָב־יעקטיוון אופן אַ געוויסן סאָציאַלן צושטאַנד, אָבער מאָראַליש ווארפן מיר אָפּ אַזעלכע פאַרהעלטענישן. — דערביי איז משמעות דאָס מאָראַלישע אָפּ־וואַרפן לאָגיש פאַרבונדן מיט דער אינעווייניקסטער נאַטור פון דער פאַר־מולע פון אונזער אידעאַל. די העכסטע מאָראַל־קריטעריומס קענען ניט אַרויסגעפירט ווערן פון קיין שום אָביעקטיווע באַהויפּטונגען: דאָס וואָס איז פאַראַן און דאָס וואָס דאַרף זיין — דאָס זיינען צוויי פאַרשידנאַרטיקע קאַטעגאָריעס. מען קען זיי ניט אידענטיפיצירן מיט קיין שום קאָנ־קרעטע, אוטיליטאַרע (אין ענגן זינען) אינטערעסן פונעם יחיד, גרופּע, קלאַס, געמיינשאַפט, ווארום די אינטערעסן גופא נויטיקן זיך אין אַ מאָראַלישער סאַנקציע. מחוץ דער נאָרמע פון מאָראַל, קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז מען נעמט אָן פאַר דער אויפפירונגס־נאָרמע אַזאַ פאָדערונג, וועלכע לע־גאַליזירט אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע, פאַראַזיטיזם — ווי סאָציאַלע פאָרמעס, וואָס זיינען „מאָראַליש" באַרעכטיקט אין די אינ־טערעסן פון דער מענטשהייטס טובה, צי גאָר פאַר עפּעס אַ טראַנסצענדענ־טאַלער טובה וועגן. מען קען אַפילו האַלטן אַזעלכע סאָציאַלע פאַרהעל־טענישן פאַר מאָראַליש, אַרויסגייענדיק פון די אינטערעסן פון די פּאַריאַ־כער איבער די אינטערעסן פון די פּאַריאַכטע, אַט אַ שטייגער ווי דער יתרון פון מענטשן איבער דער חיה, באַזונדערס איבער דער שטוב־חיה. ענדלעך, מען קען איגנאָרירן יעטוועדע מאָראַל און האַלטן אַזעלכע פאַר אַ פאַראורטייל. אַרגומענטירן לטובת דעם אָדער יענעם מאָראַל־געבאָט קען מען נאָר דעמאָלט, ווען מען גייט אַרויס פון דער אָנערקענונג פון אַ געוויסן העכערן פּרינציפּ, ווי למשל, ביי אַ געאָמעטרישן באַוויז גייט מען אַרויס פון אַלגעמיין־אָנערקענטע אַקסיאָמעס און שטח־אייגנשאַפטן. אין דער עטיק אָבער מוזן די העכערע פּרינציפּן ווערן פּאָסטולירט.

קאַנטס באַקאַנטער אויסדרוק וועגן דעם, אַז די נשמה ווערט דער־הויבן ביים באַטראַכטן דעם אויסגעשטערנטן הימל און ביים ציטערן פאַרן מאָראַלישן געזעץ, — אַט דאָס ווערטל, וואָס זיין מהות האָט נאָך מיט 1800 יאָר פריער אַרויסגעבראַכט דער רוימישער פּאָעט־רעפּובליקאַנער לוקאַן אין זיין פּאָעמע „פאַרסאַליאַ", — דריקט אויס די גרויסקייט פון די צוויי פאַרשידנאַרטיקע קאַטעגאָריעס אמתן: דער „אָביעקטיווער" אמת אין דער אָן־סופיקער מאַטעריעלער וועלט און דער „סוביעקטיווער" מאָראַלישער אמת, וועלכער דיקטירט געוויסנס־געבאָטן איינעם פון די אומענדלעך־קליינע אַטאָמען אין דער וועלט, דעם מענטשן. ווי אַרום האָט געקענט אַנטשטיין די אידעע פון עס זאָל, וועלכע שטעלט זיך כמו אַנטקעגן און מאַכט אַן אַרויספאָדערונג די אומבאַוואוסטזיניקע סטיכיעס, וואָס באַטיי־

ליקן זיך אין די אומענדלעכע ענדערונגען פֿונעם עס איז אין דער וועלט? דאָס איז אַן ענין פֿאַר אַ באַזונדער פֿאָרשונג. דאָ דאַרף מען זיך באַגרענעצן מיט דער פֿאָרמולע פֿונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, אין וועלכער עס זיינען פּאָסטולירט פֿאָדערונגען, וואָס זיי אַליין האַלטן פֿאַר אַ תּנאַי די העגעמאָניע פֿון אַ העכערער מאָראַלישער נאָרמע (אַליין פֿון איר זייט אַ פּאָסטולירטע). מען קען, למשל, פֿאָרמולירן אַזאַ נעגאַטיוון פּאָסטולאַט, וואָס דערמאָנט די דעפֿיניציע פֿון וואַרשיינלעכקייט אין דער מאַטעמאַטישער טעאָריע פֿון וואַרשיינלעכקייטן; דער דאָזיקער נעגאַטיווער פּאָסטולאַט קען, למשל, פֿאָרמולירט ווערן אויף אַזאַ אופֿן: עס איז ניטאָ קיין שום גרונט, אַז דאָס באַשעפֿעניש, וואָס איז באַשאָנקען מיט באַוואוסטזיין, זאָל אויף דער וועלט זיין מער גליקלעך צי מער אומגליקלעך, איידער אַן אַנדער ענלעך באַשעפֿעניש; עס איז ניטאָ קיין גרונט, פֿאַרוואָס זאָל אָט דאָס ווען בלייבן ווייניקער גליקלעך, ווען עס זיינען פֿאַרווירקלעכט אָדער עס קענען פֿאַרווירקלעכט ווערן — באַדינגונגען, ביי וועלכע אָט דאָס ווען זאָל קענען זיין מער גליקלעך. די דאָזיקע פֿאָרמולע דריקט אויס צוויי פּרינציפּן פֿונעם מאָראַלן מהות פֿונעם סאָציאַלן אידעאַל — איינער אַ סטאַטישער און איינער אַ דינאַמישער — אין אַן אַלגעמיינערער און גלייכצייטיק אַבסטראַקטערער פֿאָרם. די דאָזיקע פֿאָרמולע קען ניט „דערוויזן״ ווערן.

צי קען מען אָבער דער דאָזיקער פֿאָרמולע אַנטקעגנשטעלן אַ פֿאַרקערטן פּרינציפּ? ניין, דאָס זעט אויס צו שווער, וואָרום דאָס אָנווענדן פֿון אַזאַ פֿאַרקערטן פּרינציפּ וואָלט געפֿירט צו דעם, מען זאָל אָנערקענען צושטאַנדן, וואָס זיי פֿעלט סאָציאַלע גלייכגעוויכט; אַזעלכע צושטאַנדן ווידער נויטיקן זיך אין אַ מאָראַלישער באַרעכטיקונג, — און אַזאַ באַרעכטיקונג לאָזט זיך ניט געפֿינען. אומגעקערט, יענער גלייכגעוויכט־צושטאַנד אין די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן, וועלכער שטעלט זיך אַרויס פֿאַר אַ ברכה, פֿאָדערט ניט קיין באַרעכטיקונג אין אַ פּאָזיטיווער פֿאָרם, וואָרום ער איז שוין באַרעכטיקט מיט דער ליניע פֿון פֿאַרלייקענען די קעגנגעזעצלעכע סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן: מיט דעם גופֿא, וואָס מיר פֿאַרלייקענען מאָראַליש די פֿאַרהעלטענישן, וועלכע עס פֿעלט גלייכגעוויכט, — באַרעכטיקן מיר שוין מאָראַליש די גלייכגעוויכט־צושטאַנדן.

וויבאַלד מיר אָנערקענען, אַז די מאָראַלע קריטעריומס זיינען די העכסטע אינסטאַנץ אין דער סיסטעם פֿונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, און וויבאַלד די דאָזיקע קריטעריומס זיינען פֿאַרבונדן מיטן אָנערקענען דאָס גלייכע רעכט פֿון אַלעמען אויף דאָס גלייכע גליק — אין די באַדינגונגען פֿון מאַטעריעלער דערגרייכלעכקייט, — דעמאָלט נעמט אָן דער יסוד גופֿא פֿון דער מאָראַל — אַן אוטיליטאַריסטישן כאַראַקטער. דאָס איז קלאָר: אין יעדער מאָראַל־סיסטעם, וואָס לייקנט אָדער איגנאָרירט וועלכע ס׳איז

אַריינמישונג פון וועלכע ס׳איז טראַנסצענדענטאַלע וועזנס, קען די ספּרו־זשינע פון יעטוועדער אויפפירונג זיין נאָר די נוצלעכקייט. אָבער מאָראַל־נאָרמעס רעכענען זיך מיטן נוץ פאַר אַלעמען, און ניט נאָר מיטן נוץ פון יחידים צי גרופּעס, — ניט אינדיווידועלן און ניט גרופּן־עגאָאיזם. דאָס איז אוטיליטאַריזם אין עגאַליטאַרער סאָלידאַרישקייט.

יעדער הויכער אידעאַל ווערט באַלעבט און געהייליקט דורך דער הויכער מאָראַל, וועלכע באַגייסטערט די קעמפערס־אידעאָלאָגן און וועלכע סטימולירט די עליטעס צו דינען דעם אידעאַל; אָט דאָס דינען קען, אָפּהענ־גיק פון דער קאָניונקטור און פון די פּערזאָנען, פאַרלאַנגען קרבנות און זעלבסט־אָפּפערונג. דער מאָראַלער ענטוזיאַזם פאַרמירט די איבערציי־גונגען און גיט זיי צו פעסטקייט, ניט געקוקט אויף די געענדערטע סיטואַ־ציעס און דער עוואָלוציע פון די פּסיכאָלאָגיעס. די מאָראַלע פּרינציפּיעל־קייט אינעם אידעאַל מוז זיך צונויפגיסן מיטן ריכטיק־פאַרשטיין דעם גאַנג פון דער געשיכטע — לפּחות צווישן די עליטעס; דאָס גאַראַנטירט די סטאַ־בילקייט פון די דערגרייכונגען אין דער באַוועגונג אויפן וועג פון פּראָ־גרעס, דאָס איז גובר די סכנה פונעם אידעאַלס ירידה און דאָס דערלאָזט ניט, עס זאָל אין דער געשיכטע אַריינדרינגען די זאָאָלאָגיע מיט אַלע רעטראָגראַדע מעגלעכקייטן פון אַזאַ מין פּראָצעס.

אין די תקופות פון שרעקלעכע סאָציאַל־פּאָליטישע קריזיסן קען מען ניט־זעלטן באַאָבאַכטן אַ פּאַרקערטע דערשיינונג: עס פעלן פון איין זייט די היסטאָרישע האָריזאָנטן, פון דער אַנדערער זייט פעלט די פעסטגע־זעצטע מאָראַל צווישן די עליטעס. מענטשן זעען דעמאָלט ניט, פאַרשטייען ניט און פילן ניט. די עליטעס ווערן בלינד מיטגעשלעפּט דורך די גע־שעענישן און זיינען ניט פעאיק זיי צו אַנאַליזירן אין ליכט פון די גע־שיכטלעכע פּרעצעדענטן, אָן וויסן, אָן פּאַראויסצוזען, אָן געהעריקער האַנד־לונג. גלייכצייטיק דעגראַדירט די פּאָליטישע מאָראַל, עס בליִען פאַר־טייאישע, גרופּנדיקע און קלאַסן־עגאָאיזמען, פּרינציפּלאָזיקייט, דעמאַ־גאָגיע און דעמאָראַליזאַציע פון די מאַסן, פּאָליטישער קאַריעריזם, אומ־מאָראַלישע סימביאָזן. די דעמאָקראַטישע מלוכהשאַפט ווערט דעמאָלט צעטרייסלט און עס ווערט אָפּגעשוואַכט די ווידערשטאַנד־קראַפט קעגן די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע סכנות. עס ווערט רייף די קאַטאַס־טראָפע.

אָט דאָס איז טאַקע געווען דאָס בילד פון דער צעפאַלונג פון די דע־מאָקראַטיעס, פּנים אל פּנים מיט דער דערנענטערטער קאַטאַסטראָפע, וועל־כע מיר לעבן איצט איבער.

דער מאָראַלער יסוד פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל, — דאָס איז דער פונדאַמענט פון זיין היסטאָרישער פעסטקייט. די קאָנקרעטע, „טעכני־שע" פאָרמולעס, וועלכע דריקן אויס יעדער אַזאַ אָדער אַנדערן מאָדוס פון פראַקטישן פאַרווירקלעכן די גרונט־פאָדערונגען פונעם אידעאַל, קענען זיך ענדערן אין שייכות מיט די תנאים פון צייט און אָרט, און באַזונדערס אין די פאַרשידנאַרטיקע אָרגאַנישע עפּאָכעס. דער מאָראַלישער יסוד פונעם אידעאַל פאַרבלייבט אומגעענדערט, כל זמן עס בלייבט אומגעענ־דערט דער אַפּאַראַט פון אונזער גייסט.

די אמתן פון לאָגיק ווערן באַטראַכט ווי אַלגעמיין־פאַרפליכטנדיקע און „אייביקע". דאָס פאַרלייקענען זיי איז ניט־פאַראייַנבאַר מיט דער סטרוקטור פון אונזער אינטעלעקט. וויסנשאַפטלעכע אמתן ווערן קיינ־מאָל ניט אָנערקענט פאַר ענדגילטיקע; אין זייערע פאָרמולעס זוכט מען אַ מעגלעך פולקאָמענערע דערנענטערונג צום אידעאַלן אמת, און עס שטעקט אין זיי אַ געוויסער עלעמענט וואָרשיינלעכקייט. פון דער אַנדערער זייט, אויב מ'האָט אַפילו געמאַכט פּרוּוון צו בויען „נייע" לאָגיקעס, האָט מען אָבער די אַרגומענטאַציע לטובת זיי שטענדיק געפירט, אַרויסגייענדיק פון דער „אַלטער" לאָגיק. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט די מאָראַל. ווי אַזוי זאָל מען אָפּשאַצן די מאָראַל־פאַרשריפטן, וואָס גייען אַריין אינעם אוניווערסאַלן אידעאַלס אינהאַלט פון שטאַנדפונקט פון זייער פערמאַנענ־טישקייט? און צי קען דער סאָציאַלער אידעאַל, וועלכער באַזירט זיך אויף די נאָרמען פון העכסטער מאָראַל, פּרעטענדירן אויף „אייביקייט", אויף באַשטענדיקייט אין צייט?

די מענטשהייט איז ניט אייביק. דער אידעאַל — דאָס איז אַ פּראָ־דוקט פון מענטשישער שאַפערישקייט. דער אידעאַל קען נאָר מיט־עקסיסטירן מיטן מענטשן. אָבער כל־זמן די מענטשהייט וועט עקסיסטירן, וועט זי זיין געטריי צו אַ וועלכן ס'איז אידעאַל, לכל־הפחות אין די שטרע־בונגען פון דער עליטע. איין מענטשהייט קען פאַרשווינדן, אַ צווייטע מענטשהייט וואָלט זיך געקענט באַווייזן. מען קען זיך אַפילו אויסמאָלן, אַז עס אַנטשטייען אַנדערע מינים בעל־שכלדיקע באַשעפענישן — ניט קיין מענטשישע באַשעפענישן — אָדער אויף אונזער ערד, אָדער אויף אַנדערע לויכטנדיקע קערפּערס, — באַשעפענישן, וואָס לעבן אין אַ געזעלשאַפט־לעכן שטאַנד און וואָס שאַפן, אין זייער אומפולקאָמענהייט, אַן אידעאַל, וועלכער וועט זיך קוואַליפיצירן ווי אַ העכסטער אידעאַל. וואָלטן די אַלע אידעאַלן געווען אידענטיש? וואָלטן זיי צונויפגעפאַלן אינעם אינהאַלט

פון זייערע פאָרמולעס? וואָלט מען זיי געקענט אין דעם זינען האַלטן פאַר „אייביקע"?

צי איז ניט דאָס אַוועקשטעלן פון אַזאַ מין פראַגע סותר, פריער פון אַלץ, די לעקציעס פון דער געשיכטע? די מאָראַלע אידעעס, די סאָציאַלע כללים און שטרעבונגען טוישן זיך במשך פון די היסטאָרישע פעריאָדן. עס האָבן עקסיסטירט מאָראַלן פון קאַניבאַליזם, שקלאַפעריי, אינקוויזיציע, דעספאָטיזמען. צי מעג מען, וויבאַלד אַזוי, טרוימען וועגן אויסבילדן אַן ענדגילטיקע און פערמאַנענטע מאָראַל? לאָמיר אַפילו צוגעבן, אַז שטורדירנדיק די עוואָלוציע פון סאָציאַלע רעזשימען און זייערע אַנטשפּרעכנדיקע מאָראַלע אָנשויאונגען, דעקן מיר אויף אַ פּראָגרעסיווע טענדענץ, וועלכע מיר צייכענען אָן אין דער ליניע פון זייער בהדרגהדיקייט; אָבער אַפילו דעמאָלט, צי קענען מיר האָבן די זיכערקייט, אַז אַזאַ עוואָלוציע שפּיגלט אָפּ די אמתע נאַטור פונעם העכסטן אידעאַל, און אַז די ווייטערדיקע באַוועגונגס־ליניע פון דעם, וואָס מיר האַלטן פאַר סאָציאַלע און מאָראַלע ווערטן, וועט ניט אָננעמען קיין כאַראַקטער, מיט וועלכן זי וועט זיך איבגאַנצן אונטערשיידן פון איר פריערדיקער פאָרם? צי גיט אונז ניט די געשיכטע פון דער מענטשהייט קיין פילצאָליקע ביישפּילן פון באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, פון פּראָגרעס און רעגרעס, פונעם שטאַנדפונקט פון אונזער אידעאַל? פון דער אַנדערער זייט ווידער, אויב מען זאָל אַרויסגיין פון דער הנחה, אַז די מאָראַלע און סאָציאַלע אידעעס געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון כסדר גייען־פאָראויס, אָדער פון אַ פּראָגרעסיווער שטייגערונג, איז ווי אַזוי זאָל מען זיך דעמאָלט פאָרשטעלן די מעגלעכקייט פון אַ געזעץ פון אַ שטענדיקן און ענדגילטיקן אידעאַל?

כדי זיך צו אָריענטירן אין דער דאָזיקער פּראָבלעמע, מוז מען דערמאָנען צוויי פונקטן, וועלכע זיינען שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך אויפגעקלערט געוואָרן. ערשטנס, די סאָציאַלע און מאָראַלע עוואָלוציע פון דער מענטשהייט באַשטימט נאָך אַליין פאַר זיך ניט די פאָרמולע פונעם העכסטן אידעאַל. צווייטנס, מען דאַרף אונטערשיידן צווישן די טעאָרעטישע, אַלגעמיינע פּרינציפּן פונעם אידעאַל און צווישן דער פּראַקטישער טעכניק פון זיין פאַרווירקלעכונג אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפטס לעבן.

די פיזישע וועלט איז אַמאָראַליש, כאַאָטיש, ניט־בעל־שכלדיק, גרויזאַם. דער מענטש פּאַסט צו די וועלט צו זיינע צילן, צו זיינע פּרינציפּן. דער מענטש איז אפשר אַ פּראָדוקט פון צופאַל. אָבער אַ פּראָדוקט, וואָס איז באַוואָפנט מיט שכל; און דער מענטש רעאַליזירט, שאַפט קאָמבינירונגען, וואָס וואָלטן אפשר קיינמאָל ניט עקסיסטירט אינעם אַלוועלט. ווען דער מענטש האָט זיך באַוויזן אין דער וועלט (און זי איז דאָך אינ־

גאַנצן פרעמד געווען פון אַ וועלכער ראַציאָנעלער אידעע), איז צוזאַמען מיט אים געקומען די שאַפערישע איניציאַטיוו, וועלכע ברענגט אַרויס אין דער וועלט זאַכן, וואָס זיינען ביז אַהער געווען אינגאַנצן „אומבאַקאַנט". אָט די פעאיקייט צו שאַפערישקייט שפרייט זיך אויס ניט נאָר אויף דער פיזישער רעאַליטעט, נאָר אויך — און דאָס איז וואונדערבאַר, אַזוי צו זאָגן — אויף דער מאָראַלישער האַנדלונג. דער מענטש באַנוצט ניט נאָר די שפראַך פון וויסן, נאָר אויך פון באַוואוסטזיין. מעגלעך, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער וועלט, ווען עס האָט זיך דערהערט די שטים פון עס זאָל. דער מענטש בויט דעם אידעאַל.

איז שוין געשען דער מאָראַלער שפרונג — אויף דער ליניע פון שאַפערישקייט, דעמאָלט קען ווי אַ צווייטער שריט פון דער דאָזיקער שאַפערישקייט זיך אַרויסווייזן — די אַנטדעקונג פונעם מאָראַלישן געבאָטס באַשטענדיקייט — ביי אַלע קאָמבינאַציע־ענדערונגען פון די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן; און ביים גאַנצן פאַרשידנאַרט פון די מעגלעכע קאָנקרעטע סטרוקטורן, קענען און דאַרפן דאָך אָט די קאָמבינאַציעס זיך צופאַסן און זיך אונטערוואַרפן די העכסטע געבאָטן פונעם אידעאַל.

אַ פונק פון באַוואוסטזיין האָט באַלויכטן די נשמה — מיט דער אידעע פון „פערמאַנענטער גערעכטיקייט" און „אייביקער ליבע". וואָלטן פערמאַנענטע גערעכטיקייט און אייביקע ליבע געקענט פאַרקערפערט ווערן אין אונזער וועלט, — דעמאָלט וואָלט אונזער פאָרמולע געפונען אַן אַבסאָלוט פולע אָנווענדונג ביי אַלע סאָציאַלע באַדינגונגען און אין יעטוועדער עפּאָכע. אין אָט דעם זינען איז עס אַ פאָרמולע אַן אייביקע. פראַקטיש שטעלט זיך אַרויס די פאָרמולע ווי אַן אַלגעמיינע און אַבסטראַקטע, — און אָט די אַלגעמיינקייט און אַבסטראַקטישקייט גיבן צו דער פאָרמולע אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער און אין אַ געוויסן זינען — אַן „אייביקן" כאַראַקטער.

די געשיכטע איז אייביק אין איר באַוועגונג. פאַראַן אַ באַשטענדיקייט פון דער פאַרענדערלעכקייט, פאַראַן אַ באַשטענדיקייט פון דער אומפאַרענדערלעכקייט. אין דער פאַרענדערלעכקייט אַליין ווערט אָפּגעהיט אַ געוויסע באַשטענדיקייט. דאָס איז אַ רעלאַטיווע באַשטענדיקייט (אָדער „אייביקייט"). די רעלאַטיווקייט פון דער באַשטענדיקייט באַזייטיקט ניט דעם פאַקט, אַז די געשיכטע איז אַ שטענדיקער פראָצעס פון ענדערונגען; זי זאָגט נאָר: כל־זמן דאָס „עפּעס" עקסיסטירט, האַלט עס איין אַ געוויסן קאָמפלעקס פון זיין כאַראַקטער. דאָס באַציט זיך אויך צו דער פערמאַנענטישקייט אינעם אידעאַל. אויב מען זאָל אָנערקענען די גערעכטיקייט פון קאַנטס אידעעס וועגן „אַפריאָריזם", איז נאָר אין דעם, ריין־לאָגישן, זינען, אַז געוויסע פאָרשטעלונגען און אידעעס באַווייזן זיך גלייכצייטיק

מיט דער אַנטשטייאונג פונעם אינטעלעקט, מיט וועלכן זיי זיינען שטענדיק פאַרבונדן, אין אַלע פּראָצעסן פון זיין עוואָלוציע, די גאַנצע צייט ווי לאַנג דער אינטעלעקט עקסיסטירט.

אין אונזער פאַל באַשטעטיקט זיך די פּערמאַנענטישקייט אין די מאָראַלע עלעמענטן פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל — דורכן גאַנג פון דער געשיכטע, באַלויכטן פון אונזער פאַרשטעלונג וועגן פּראָגרעס. אינעם כסדרדיקן אומבייט פון די אָרגאַנישע עפּאָכעס איז מעגלעך, אַז מען זאָל ניט אָנערקענען (און אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט מען בדרך־כלל ניט אָנערקענט) דעם אינטעגראַלן אינהאַלט פון דער פאָרמולע פונעם העכסטן אידעאַל, אָבער יעדער עטאַפּ פון אַ פּראָגרעסיווער עוואָלוציע האָט יאָ געצייכנט דערגרייכונגען צוגעפּאַסט צו דער באַשטימטער פאָדערונג פונעם אידעאַל; דערביי האָבן זיך איינגעהאַלטן אַלע פריערדיקע דערגרייכונגען — סאַנקציאָנירט דורך אַנדערע באַשטימטע געבאָטן פון אידעאַל. עס איז פאַרשוואונדן דער קאַניבאַליזם, און דער העכסטער אידעאַל שטעלט זיך, אַוודאי, קעגן וועלכער ס'איז מעגלעכער אויפלעבונג פונעם קאַניבאַליזם. עס איז פאַרשוואונדן שקלאַפעריי; און קען מען דען זיך פאָרשטעלן, אַז דער געזונגנדיק־הויכער מאָראַלער באַוואוסטזיין זאָל קענען ניט שטורעמען קעגן דער סכנה פון צוריק אויפלעבן שקלאַפעריי. עס האָבן עקסיסטירט — און עס עקסיסטירן נאָך, ליידער — פּאָליטישע דעספּאָטיזמען; אָבער דער מאָראַל־פּאָליטישער באַוואוסטזיין שעפּט אַליין די און אַנדערע געבאָטן — פונעם העכסטן אידעאַלס מאָראַל־פּאָליטישן צושטאַנד, און אָט דער באַוואוסטזיין פאַראורטיילט שטרענג די דעספּאָטיזמען און סאַנקציאָנירט דעם אומברחמנותדיקן קאַמף מיט זיי. דאָס זעלבע לאָזט זיך אָנווענדן צו אַלע אַנדערע פאָרמען עמאַנסיפּאַציע פון פאַרשיידענע אַרטן אונטערדריקונג: זיי רופן אַרויס אַ גאַנצע גאַמע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און ווערן אַליין, פון זייער זייט, אַרויסגערופן דורך זיי. דער אידעאַל פון עקאָנאָמישער עמאַנסיפּאַציע איז געקומען ווי אַ שפּעטערדיקער עטאַפּ אינעם אַרויסברענגען דעם אוניווערסאַלן אידעאַל אין זיין פולקייט און גאַנצקייט; ניט נאָר טרעט דער דאָזיקער אידעאַל ניט אַרויס קעגן אַנדערע פריוואַטע באַפרייאונגס־אידעאַלן, וואָס גייען אַריין אינעם אינהאַלט פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל און וואָס זיינען אַרויסגערוקט אין אַ פריערדיקן סדר דורכן פּראָצעס פון דער היסטאָרישער עוואָלוציע; אומגעקערט, ער קומט אין אַ האַרמאָנישן סינטעז מיט זיי, קעמפנדיק מיט פאַלשע אינטערפּרעטאַציעס און מיט די אינעווייניקסטע אַנטינאָמיעס. די ביז־אַהעריקע עוואָלוציע פון דער מענטשהייט, אין אירע עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונגען, באַשטעטיקט די טעזע וועגן דער באַרעכטיקטקייט אָנצו־

ווענדן די פּאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל אויך צו דער ווייטערדיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

ביז ווי לאַנג די מענטשהייט וועט עקסיסטירן און כל־זמן עס וועלן איר אויף שטיקער צערייסן אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען, וועט די פּאָרמולע פונעם אוניווערסאַלן אידעאַל דיקטירן די באַרמעס און פּרינציפּן פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. די פראַגע וועגן אויסשפּרייטן די געבאָטן פונעם אידעאַל — אין דער העכסטער פאָרם און אין די באַדינגונגען פון אַ פיזישער לעבנס־מעגלעכקייט — אויף דער גאַנצער ספערע פונעם לעבן בכלל, דאָס פאַרבלייבט אויסער אונזער פאָרשונג. צי קען מען דען זיך פאָרשטעלן אַזאַ מצב פון דער געזעלשאַפט, ביי וועלכן עס וועלן ליקווידירט ווערן אַלע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען (אַ חוץ, נאַטירלעך, די חלוקי־דעות אין געדאַנקען, גלויבונגען און אידעאַל), און ביי וועלכן אַלע אַנטינאָמיעס גופא פונעם אידעאַל וועלן אויף אייביק פאַרלירן זייער פראַקטישן באַטייט? דעם סקעפּטיציזם איז געוויינלעך לייכטער צו שניידן די לאַווירען פון חכמה, איידער דעם אָפּטימיזם, וועלכער נעמט אָן כלומרשט דעם פרצוף פון אַן אוטאָפּיע, — און עס איז דאָ אַ יסוד פאַר דעם. לאָגיש אָבער קען דער סקעפּטיציזם, ווען עס פעלן באַווייזן, באַגלייך שאַפן אַרגומענטאַציע אויף צו אָנערקענען סיי דאָס וואָס איז מעגלעך, סיי דאָס וואָס איז ניט מעגלעך, ער קען רעדן סיי פאַר און סיי קעגן דער אוטאָפּיע. אויב די געזעלשאַפט וועט אַמאָל דערגרייכן צו אַ צושטאַנד, אין וועלכן עס וועט ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, — וועלן פאַרבלייבן פּראָבלעמען פון קאָנסטרוקטיוון טיפּ, וועלכע די פאָרמולע פון אידעאַל ווייזט אָן.

אין דער פּראָבלעם פונעם אידעאַל ווערט אַזוי אַרום דערגרייכט אַ געוויסער אויסגלייך צווישן די קעגנגעזעצלעכע טעזן פון העראַקליט און פון קהלת.

## פאַרטייטשונג פון די שווערע ווערטער

אספעקט — פאָרם, קוק־ווינקל.

אזאָט — באַשטאַנד־טייל פון לופט, ניטראָגען.

אטאָם — עלעמענטאַרע „קערפּערלעך״, פון וועלכע די „מאַטעריע״ באַשטייט.

אלטרואיזם — מאָראַל, באַזירט אויף ליבע צו מענטשן.

אלאַגענעז — די לערע, אַז אַלץ וואָס לעבט, און אַוודאי דער מענטש, שטאַמט פון איין קוואַל.

אָליגאַרכיע — הערשאַפט פון אַריסטאָקראַטישע מינדערהייטן.

אַפּראָקסימאַטיוו — לערך, אומגעפער.

אוכראָניע — פאַנטאַזיע, ווי די געשיכטע פון דער וועלט האָט געקענט פאַרלויפן, איז אָבער ניט פאַרלאָפן אַזוי.

אימאַנענט — דאָס שטענדיקע, וואָס באַלאַנגט צו דער אינעווייניקסטער נאַטור פון די זאַכן.

אנטראָפּאָמאָרפיזם — דאָס פאָרשטעלן גאָט, אָדער די גאָטהייטן אין געשטאַלט און אייגנשאַפטן פון מענטשן.

אַפּאָלאָגעטיק — דאָס אויסטייטשן מיט אַ באַרעכטיקונגס־כוונה.

אסאָציאַציאָניזם — דאָס פאַרווירקלעכן סאָציאַליזם מיט דער הילף פון פרייע אַסאָציאַציעס.

אנטינאָמיע — אַ געדאַנק, וואָס האָט אין זיך אַן אינעווייניקסטן ווידערשפּרוך.

אָרגאַנישער עטאַפּ — אַ פּראָגרעסיווע תקופה, וואָס אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל פון די פריערדיקע תקופות.

אוניווערסאַלער אידעאַל — דער העכסטער מענטשלעכער אידעאַל, דער „אידעאַל פון אידעאַלן״.

אַפּריאָריזם — אַן אידעע, וואָס איז אָנגענומען פון לכתחילה, אָן שום באַווייז.

אוזורפּאַטאָר — אַ יחיד, וואָס האָט אומרעכטלעך פאַרכאַפּט די מאַכט.

גוועלף און גיבעלין — צוויי איטאַליענישע פאַרטייען אין מיטלעלטער: די גוועלפן זיינען געווען קעגן דער הערשאַפט פון דייטשן קייזער, די גיבעלינען — פאַר.

דעטערמיניזם — די לערע, אַז אַלץ אין דער וועלט געשעט מיט אומפאַרמיידלעכער נויטווענדיקייט.

דינאַמיזם — אַן אַקציע, וואָס פאַרלויפט מיט אומאויפהערלעכער ענערגיע.

דיאַגנאָז — דאָס באַשטימען אַ צושטאַנד (קראַנקהייט, היסטאָרישע סיטואַציע וכדומה) לויט אַ ריי געוויסע סימנים.

דעפיניציע — דערקלערונג: וואָס באַטייט דאָס געגעבענע וואָרט אָדער טערמין.

דעקוריאָן — מיטגליד פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג אין דער רוימישער מלוכה, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פערזענלעך פאַרן איינקאַסירן די מלוכה־שטייערן.

דיאַלעקטיק — די לערע, אַז אַלע געשעענישן אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע וואַקסן אַרויס איינע פון די אַנדערע אויפן וועג פון קעגנזאַצן: דאָס שלעכטס, למשל, קען געבוירן דאָס גוטס.

היעראַרכיע — די אָרדענונג, ווי אַזוי העכערע גרופּעס צי יחידים באַהערשן נידעריקערע פון זיי.

היידן — געצנדינער, אָדער וואָס אָנערקענען אַ סך געטער.

הערעטיקער — אַ סעקטע, וואָס אָנערקענט ניט די גאַנצע דאָגמע פון דער הערשנדיקער רעליגיע.

הוגענאָטן — די פּראָטעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער קאַטוילישער קירך אין פראַנקרייך.

העטעראָגענעז — די לערע, אַז אַלץ וואָס לעבט, און אַוודאי דער מענטש, שטאַמט ניט פון איין קוואַל.

העליום — אַ זייער לייכטער גאַז, וואָס באַקומט זיך ביים פונאַנדערפאַל פון ראַדיום (אין העליום און ראַדאָן).

העלאָט — דער נידעריקער קלאַס לייב־אייגענע אין ספּאַרטאַ (אַנטיקע גריכנלאַנד).

העראַקליט — פילאָזאָף אין אַנטיקן גריכנלאַנד (זעקסטער י"ה פאַר קריסטוס).

הוסיטן — די אָנהענגער פון הוסן, וועלכער האָט געגרינדעט די ערשטע פּראָטעסטאַנטישע קירך אין טשעכיע.

טעאָלאָגיע — די לערע וועגן גאָטהייט.

טעלעאָלאָגיע — די לערע, אַז אַלץ אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע געשעעט צוועקמאָסיק, לויט אַ פּלאַן.

טראַנסצענדענטאַל — די דערקלערונג פון די וועלט־דערשיינונגען מיט סברות, וואָס ליגן אויסער דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

לאַטיפונדיע — גרויסע גיטער, וואָס באַלאַנגען צו איין אייגנטימער.

מאָניזם — די לערע, וואָס דערקלערט אַלץ אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע מיט איין־איינציקן פּרינציפּ.

מעטאַמאָרפאָזע — פאַרוואַנדלונג.

מאַראַזם — קרענקלעכער צושטאַנד פון אומאָרדענונג און אומסטאַבילקייט.

מאָדאַליטעט — איינע פון די פאַרשידענע מעגלעכקייטן, וואָס קענען זיך טרעפן.

מוטאַציע — פלוצלונגדיקע ענדערונג פון די אַרטן אָרגאַניזמען.

נאַטוראַלע ווירטשאַפט — געזעלשאַפטלעכע עקאָנאָמיע, אין וועלכער אַלץ ווערט פּראָדוצירט נאָר פאַרן אייגענעם געברויך (און ניט פאַרן האַנדל).

סימביאָז — אַ צוזאַמענלעבן, ביי וועלכן איין אָרגאַניזם עקספּלואַטירט דעם צווייטן, גלייכצייטיק העלפנדיק אים.

סוזערען — די העכסטע שטופע הערשער אין דער פעאָדאַלער אָרדענונג.

סעניאָר — דער אייגנטימער פון די אומפרייע פויערים (לייב־אייגענע).

סינדיקאַליזם — די פאַראייניקונג פון די אַרבעטער אין פרייע פאַראיינען (סינדיקאַטן).

סערוויליזם — קנעכטישע באַציאונג פון אַ מענטשן צו דעם, וואָס שטייט העכער פון אים.

סובסטאַנץ — דער תמצית פון דער וועלט, פון אַ סיסטעם אאַ"וו.
ערא — אַ תקופה, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט אַ באַשטימטן כאַראַקטער.
עגאַליטאַריזם — אַ געזעלשאַפטלעכע סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף דער גלייכהייט פון אַלע אירע מיטגלידער.
עליטע — די עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט, וואָס טיילן זיך אויס מאָראַליש אָדער גייסטיק.

פראַגנאַז — פאָראויסזאָגן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן אין דער צוקונפט.
פלוראַליזם — דער קעגנזאַץ פון מאָניזם.
פּאַלעאָנטאָלאָגיע — די וויסנשאַפט וועגן די לאַנג־פאַרשוואונדענע חיות אָדער פלאַנצן, וואָס ווערן אויפגעגראָבן פון דער טיפעניש פון דער ערד.
פּערפּעטואום־מאָבילע — די אידעע צו באַשאַפן אַן אייביק־באַוועגלעכן אַפּאַראַט, ניט אָנווענדנדיק קיין שום זייטיקע ענערגיע.
פעריפּעטיע — פלוצלונגדיקע ענדערונג אינעם איינגעשטעלטן סדר.
פראָזעליט — אַ גר; דער וואָס געווינט אַנדערע פאַר זיין אידעע.
פּראָווידענציאַליזם — דער געדאַנק, אַז אַלץ אין דער געשיכטע ווערט אָנגעפירט דורך דער גאָטהייט צוליב אַ באַשטימטן ציל.
פּאָטענטאַט — אַבסאָלוטער הערשער.

פינאַליזם — דער געדאַנק, אַז אַלץ אין דער וועלט איז אַ פּועל־יוצא פון באַוואוסט־זיניקער צוועקמאָסיקייט.
פיסק — מלוכה־קאַסע.
פעאָדאַליזם — געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אין וועלכער די נידעריקע קלאַסן זיינען אומפריי, און די העכערע קלאַסן (סעניאָרן) זיינען אָרגאַניזירט אין אַ גאַנצער היעראַרכיע.

צעזאַריזם — אַ דעספּאָטישע אָרדענונג, וואָס געוועלטיקט מיט דער הילף פון דער אַרמיי.

קריטעריום — הויפּט־כּלל אויף אָפּצושאַצן קריטיש, וואָס איז גוט אָדער שלעכט אין מענטשנס אויפפירונג אָדער דענקען.
קאָעפיציענט — דער גראַד, אין וועלכן אַ געוויסער פאַקטאָר ווירקט.

רעזולטאַנטע, רעזולטירנדיקע קראַפט — דער רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון עטלעכע כּוחות אָדער פאַקטאָרן.
ראַדיאָאַקטיווע עלעמענטן — עלעמענטן, וואָס פאַלן זיך פונאַנדער אַליין פון זיך אין אַנדערע עלעמענטן.